DAVID AND SYLVIA STEINER YIZKOR BOOK COLLECTION
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 14269

Slonim Memorial Book

Pinḳas Slonim

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Pinkas Slonim / [ʼorekh, Kalman Likhtenshtain].
IMPRINT	880-02 [Tel Aviv : lrgun ʼole Slonim be-Yiśraʻel, 1961]
DESCRIPT	4 v. : ill. ; 32 cm.
SUBJECT	Jews -- Belarus -- Slonim.
	Slonim (Belarus) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Belarus -- Slonim.
ADD'L NAME	Lichtenstein, Kalman, 1899-
ADD'L TITLE	Record and face of a town, ruin of the community : in memoriam

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING

PRINTED IN THE U.S.A.

פנקס סלונים

ספר ב':
השמדת הקהלה, דפי הנצחה

PINKAS SLONIM
VOLUME TWO:
Ruin of the Community,
IN MEMORIAM

פנקס סלאָנים
צווייטער באנד:
חורבן פון סלאָנים,
אָנדענק־בלעטער

עורך פנקס סלונים:
קלמן ליכטנשטיין

עורכי הכרך:
קלמן ליכטנשטיין, יחזקאל רבינוביץ

יו"ר ועדת המערכת:
חיים אוורבוך

חברי ועדת המערכת:
ד"ר שמואל חננוביץ, ברוך יקימובסקי, ד"ר נח קפלינסקי

נתנו ידם להכנת הפנקס:
ד"ר שמואל וייס, שמעון גוזובסקי, יוסף דרור, מרדכי ספיר

סייעו להוצאת הכרך:
סופיה ויעקב מישקין, קלמן לובובסקי, (ונצואלה),
סם מישקון, שלום רבינוביץ, (ארה"ב),
הרי רובין־רובינובסקי (קנדה),
יוצאי סלונים בדרום־אפריקה

אזכרת נשמות – י.ר.

קְרָא! גַּם הַיּוֹם, עִם חֲלוֹף הַשָּׁנִים, כֹּה תָּאַבְתְּ לָדַעַת
מִי וָמֶה, וְהֵיכָן, וּמָתַי, וְכֵיצַד, וְכֵיצַד!
כֹּה רָצִיתָ לִכְרוֹת אָזְנְךָ אֶל דַּפֵּי הַפִּנְקָס, אִם נִשְׁמַעַת
מִבֵּינָם אֶנְקָתוֹ שֶׁל הָאָב, זַעֲקַת אֵם נֶחֱנֶקֶת לָעַד.

כִּי דִמְעָה הִיא כָּל אוֹת שֶׁבַּסֵּפֶר, כָּל מִלָּה יְלָלָה מִתְיַפַּחַת.
כָּל שׁוּרָה בּוֹ הִיא פֶּצַע צוֹרֵב וְכָל פֶּרֶק הוּא גֵיא עֲקֵדָה.
קְרָא! תֵּדַע אֵיךְ לְאוֹר שֶׁל חַמָּה סְלוֹנִימָאִית זוֹרַחַת.
טְהוֹרֵי נְשָׁמָה נִסְחֲבוּ לַבּוֹרוֹת הֲמוֹנֵי הָעֵדָה.

קְרָא! כַּאן נִשָּׂא מַשְׁקָן שֶׁל כַּנְפֵי שַׂר־הַתֹּפֶת
וּקְרִיאָה שֶׁל אֶגְרוֹף סְלוֹנִימָאִי קָפוּץ מִן הַיַּעַר עוֹלָה.
נֵלֵךְ, כֹּה נֵלֵךְ דוֹמְמִים וּשְׁחוֹחִים לְפֶּטְרַלֶבִיץ וְצֶ׳פֶּלוֹבָה,
לַהֲלְוָיָה הַגְּדוֹלָה.

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

לייען! דו ווילסט דאך אויך איצטער, נאך יאָרן נאָך לאַנגע
וויסן גענוי ווער און וואס, ווען און ווו, וויאזוי, וויאזוי!
דו ווילסט אין די בלעטער דערהערן אן עכא א ווייטן פון קלאַנגען —
דעם טאַטנס געשריי, דער מאַמעס אַ לעצטן פארשטיקטן אוי—ווי.

ס׳איז אַ טרער יעדער אות אין דעם ספר, יעדעס וואָרט איז אַ ביטערער יאָמער
יעדע שורה — א בייסיקע וווּנד, אן עקֵידה אין יעדן קאַפיטל.
לייען! און ווייס, אז אזוי האט מען טויזנטער ריינע נשמות
געטריבן אין שיין פון דער סלאָנימער זון צו דער שחיטה.

לייען! עס פלאַטערט אין ספר אַ פליגל פון מלאך־המוֶת,
עס ביילט זיך אַ סלאָנימער פויסט פאַרטיזאַניש אין וועלדער אין פרייע.
גייען מיר, גייען אַהין, קיין פעטראַלעוויטש און טשעפעלאָווע,
שטיל, מיט געבויגענעם קאָפּ אויף דער גרויסער לוָיה...

— —
— —

... ונגעו דמי אבות ובנים ודמי רחמניות וילדיהן ונתערבו דמי אחים ואחיות ודמי חתנים וכלות ודמי חכמים וחכמות ודמי הגונים והגונות ודמי בחורים ובחורות ודמי פרנסים וחזניהם ודמי חסידים וחסידות ודמי זקנים וזקנות ודמי דיָנים וסופריהם ודמי מלמדים ותלמידיהם ודמי אנשים ונשותיהם ונהרגו כלם יחד על קדוש שמך המיוחד.

ארץ אל תכסי דמם ואל יהי מקום לזעקתם!

המוציא לאור:

ארגון עולי סלונים בישראל

השלטון הסובייטי
וגלות סיביר

סאוועטישע הערשאפט און גלות סיביר

חיים ראבינאוויטש

ערב אונטערגאַנג

פון תמיד אָן איז סלאָנים לויט איר עטנישן צוזאַמענשטעל געווען אַ שטאָט מיט אַ גרויסער אידישער מערהייט. אידן זיינען געווען אומגעפער 75 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, בעת די איבעריקע 25 פּראָצענט זיינען באַשטאַנען פון ווייסרוסן, רוסן און אַ געוויסער צאָל פּאָלאַקן. די צאָל פון די סלאַווישע תושבים פלעגט זיך ענדערן, אין לויף פון די יאָרן צווישןביידע וועלט־מלחמות, און די פּאָלאַקן זיינען עטוואָס געשטיגן אין צאָל אין די דרייסיקער יאָרן. אָן ענדערונגען איז געבליבן דער אַלט־איינגעזעסענער מאַכמעדאַנישער טייל פון דער סלאָנימער באַפעלקערונג, די קרוב צו 100 משפּחות טאַטאַרן.

אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שטאַרק געשטיגן די צאָל פּוילישע איינוווינער, און צוזאַמען מיט די רוסן, ווייסרוסן און טאַטאַרן זיינען זיי דערגאַנגען ביז 40 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

אַ שטאָט פון אידישער אַרבעט און האַנדל

טראָץ אַלע פּרוּוון פון פּאָלאָניזאַציע, איז נאָך אַ לאַנגע צייט, אויך אונטער דער פּוילישער געוועלטיקונג, געלעגן דער האַנדל, די אינדוסטריע און האַנטווערק אין אידישע הענט. די צוויי סוחרים־פאַריינען אין סלאָנים, דער „גרויסער" און דער „קליינער", האָבן געציילט צוזאַמען אַן ערך 800 מיטגלידער; אַ האַנטווערקער־פאַריין, וואָס האָט אין אַלע זיינע פאַך־סעקציעס געציילט איבער 500 בעלי־מלאכות; פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען זיינען געווען פאַרשיידענע, אונטער דער השפּעה פון בונד, קאָמוניסטן און פּועלי־ציון, און זיי האָבן אַלע צוזאַמען געציילט אַ סך הונדערטער אַרבעטער און אָנגעשטעלטע — צווישן זיי גאַנץ ווייניק קריסטן. אויך די צוויי וויכטיקע פינאַנסיעלע אינסטיטוציעס, די סוחרים־באַנק מיט אירע 400 מיטגלידער און די קאָאָפּעראַטיווע פאָלקס־באַנק מיט איבער 1000 מיטגלידער, זיינען געווען ריין־אידישע בענק. אַזוי איז אויך געווען אין אידישע הענט די וואַלד־ און האָלץ אינדוסטריע, ציגל־ און קאַכל־פאַבריקן, קלענערע און גרעסערע גאַרבערייען א. ד. גל.

אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל אין אידישןווירטשאַפטלעכן לעבן אין סלאָנים האָט געשפּילט די וואַלד און האָלץ־אינדוסטריע און האַנדל. די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַרום זיך פיל פּריצישע און מלוכה'שע וועלדער. די טייך שטשאַרע האָט געדינט אַלס גוטער און ביליקער טראַנספּאָרט־מיטל און אין משך פון יאָרן פלעגן שווימען די פּליטן אין גרויסע מענגעס פון האָלץ־מאַטעריאַל פון די וועלדער אין די טאַרטאַקן אַריין, כדי פון דעם צו פּראָדוצירן אַלערליי געהילץ. זיבן טאַרטאַקן האָט סלאָנים פאַרמאָגט אין די דרייסיקער יאָרן, געאַרבעט האָבן אין זיי דורכשניטלעך אַ טויזנט אַרבעטער, ס'רוב קריסטן, און אַרום זיי איבער הונדערט אָנגעשטעלטע, בראַקערס, בוכהאַלטאָרן, אויפזעער און זאַכקענער.

דערמיט האָט סלאָנים אויך באַשטימט איר וויכטיקן אָרט אין דער אַלגעמיין־פּוילישער ווירטשאַפט, אין וועלכער, די האָלץ־אינדוסטריע האָט פאַרנומען אַ באַדייטנדיקע פּאָזיציע. סלאָנים איז געווען אַ צענטער, וואָס האָט אַנטוויקלט דעם פּוילישן האָלץ־עקספּאָרט קיין אויסלאַנד און אַריינגעטראָגן אין דער פּוילישער מלוכה־קאַסע גרויסע סומען פון דעם אַרויסגעפירטן האָלץ און פון די שטייערן.

ביזן יאָר 1935 האָבן זיך אין סלאָנים כמעט ניט געפונען קיין קריסטלעכע קראָמען אָדער אַנדערע געשעפטן. דער גרויסער און קליינער האַנדל זיינען געווען אידישע, און טראָץ אַלע שוועריקייטן — ס'רוב פינאַנסיעלע — איז יאָרן לאַנג געפלאָסן דאָס אידישע לעבן נאָרמאַל. לייכט איז דאָס לעבן פון די סלאָנימער אידן קיינמאָל ניט געווען. דער גרעסטער טייל קרעמער, הענדלער און האַנטווערקער, שוין אָפגערעדט פון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, איז געווען ווייט פון זיין רייך. די אַלע האָבן זיך שווער געמאַטערט פאַר זייער עקזיסטענץ, אָבער ווי ס'איז געלעבט „באַלעבאַטיש".

בייזע ווינטן הויען

אַ גאַנץ אַנדער בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס אידישע לעבן אין סלאָנים די לעצטע יאָרן פון דער פּוילישער הערשאַפט, ערב דעם גרויסן חורבן פון אונזער שיינער סלאָנימער קהילה.

בייזע ווינטן פון היטלעריזם האָבן משפּיע געווען ניט נאָר אויף די פּוילישע בירגער פון פאַרשיידענע קלאַסן און שיכטן, נאָר אויך אויסגעאיבט זייער ווירקונג אויף דער פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעגירונג און אַמטן לגבי דער אידישער באַפעלקערונג און אירע פּרנסה־קוועלן.

ביסלעכווייז האָבן מיר אויך אין אידישן סלאָנים אָנגעהויבן פילן די אַנטיסעמיטישע השפּעה. דער גרעסטער טייל פון די פּוילישע הויכע באַאַמטע, סיי ענדעקעס און סיי אָזאָן־לייט, האָבן אָנגעהויבן צו רעאַליזירן אין פּוילן די שיטות פון דער

היטלעריסטישער אידן־פּאָליטיק — דאָס אַרויסשטויסן אידן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אַזוי האָט די פּוילישע רעגירונג אין משך פון אַ געוויסער צייט פשוט פאַרבאָטן דעם פאַרקויף פון מלוכה־וועלדער און האָלץ־מאַטעריאַלן צו די אידישע טאַרטאַקן אין סלאָנים, און אַ לענגערע צייט זיינען אַלע טאַרטאַקן געבליבן אָן אַרבעט. דער מאָטיוו איז געווען, אַז די מלוכה אליין דאַרף איבערנעמען די אויסאַרבעטונג און עקספּאָרט פון האָלץ אין אירע הענט. נאָר אַ דאַנק דעם פאַקט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן גאַנץ שנעל, אַז די מלוכה און אירע פּוילישע אָנגעשטעלטע זיינען ניט פעאיק געווען אויסצופירן די אַנטי־אידישע מלוכה'שע פּלענער, און אַראָפּגעלאָזענע בוימער און קלעצער האָבן אָנגעהויבן צו פוילן אין די וועלדער, — האָבן די פּאָלאַקן געמוזט רעזיגנירן פון דעם פאַרבאָט און זיך געווענדעט צו די אידישע סוחרים מיטן פאָרשלאַג אָפּצוקויפן די האָלץ.

די לעצטע 2—3 יאָר פאַר דער מלחמה האָט די רעגירונג געעפנט אין סלאָנים אַ ספּעציעלע באַנק צום פינאַנסירן ניי־געעפנטע קריסטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און פּריוואַטע קראָמען, כדי די קריסטן זאָלן ניט דאַרפן קויפן ביי אידן. אַזוי האָט זיך געעפנט אַ פּוילישער תבואה־קאָאָפּעראַטיוו, אַן אייזן־קאָאָפּעראַטיוו, פּריוואַטע קראָמען פון באַקאַליי, מאַנופאַקטור, בעקערייען. עס זיינען אפילו פאַרגעקומען עטלעכע פּויליש־קריסטלעכע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס מיט טראַנספּאַרענטן אויף וועלכע עס איז מיט גרויסע אותיות געשריבן געווען: „קויפט ניט קיין שום זאַך ביי אידן" און דער באַרימטער אַנטיסעמיטישער לאָזונג „אַן אייגענער — צו אַן אייגענעם".

אַ געוויסער מאַיאָר סלאָנאַזש, אַן אָנפירער פון דער אָרטיקער „אָזאָן"־אָרגאַניזאַציע, האָט אפילו געדונגען עטלעכע כוליגאַנעס און זיי אַוועקגעשטעלט אַלס פּיקעטן פאַר אייניקע אידישע געשעפטן און פאַר יעליאַנס קינאָ „מאָדערן", זיי זאָלן אַהין ניט אַריינלאָזן קיין פּאָלאַקן. איך געדענק, אַז דער קינאָ־אייגנטימער הער יעליאַן האָט זיך געווענדעט צו מיר אַלס צו אַ שטאָט־ראַטמאַן, איך זאָל וועגן די פּיקעטן אינטערווענירן אין דער סטאַראָסטוואָ, און ווען איך האָב די אינטערווענץ געבראַכט פאַרן דאַמאָלדיקן סטאַראָסטע, הער קאָשלאַטש, — אגב אַ קלוגער מענטש און געוועזענער פּילסודטשיק, — האָט ער מיר געענטפערט: „אָפיציעל קען איך גאָרניט טאָן, ווייל ס'איז איצטער אַזאַ ליניע אין דער רעגירונג גופא, אָבער איך קען געבן אַ ניט־אָפיציעלע עצה, אַז הער יעליאַן זאָל דיזעלבע כוליגאַנעס באַצאָלן אַ בעסערן פּרייז ווי זיי קריגן ביים מאַיאָר סלאָנאַזש, און זיי וועלן זיכער שרייען פאַרקערטע לאָזונגען..." — דאָס האָט טאָקע אַ שטיקל צייט געהאָלפן.

צוליב דיזעלבע אַנטיסעמיטישע צילן האָט אין יענער צייט דער פּוילישער גלח פון זאַמאָשטשער קלויסטער פּלוצלינג אָרגאַניזירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון אַלע קריסטלעכע אַרבעטער אין די אידישע טאַרטאַקן און ציגעלניעס. איבער טויזנט אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט מיט דער פאָדערונג, אַז די טאַרטאַק־ און ציגעלניעס־אייגנטימער זאָלן שליסן אַ נייעם אַרבעטס־אָפּמאַך מיט דעם ניי־געגרינדעטן אין ווילנע „קריסטלעכן אַרבעטער־פאַריין", אַן עכט־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציע, און זיך אונטערוואַרפן אַלע זיינע דירעקטיוון. דער הויפּט־ציל פון די שטרייק־מאַכערס איז געווען אַרויסצושטויסן פון דער אַרבעט אַ פאָר הונדערט אידישע און אַ טייל ווייסרוסישע אַרבעטער.

ס'איז דאַן געווען אין סלאָנים אַ קיבוץ־הכשרה מיט אַ פאָר הונדערט חלוצים, וועלכע האָבן געאַרבעט ס'רוב אין די אידישע טאַרטאַקן און ציגל־פאַבריקן, און מ'איז פון זייער אַרבעט געווען זייער צופרידן. דאָס האָט פאַרדראָסן די אַנטיסעמיטישע פירער אין סלאָנים.

דער שטרייק האָט געדויערט ביי 3 וואָכן, דער גלח האָט אפילו געעפנט אַן אומזיסטע קיך פאַר די שטרייקנדיקע. בעת די אונטערהאַנדלונגען זיינען אויך געוואָרפן געוואָרן סטראַשונקעס מיט מאַכן אַ פּאָגראָם. נאָר אַ דאַנק דער פעסטער האַלטונג פון די אידישע טאַרטאַק־אייגנטימער, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן בעסער לאָזן ליקווידירן זייערע אונטערנעמונגען איידער שרייבן אַן אָפּמאַך מיט אַ ריין־אַנטיסעמיטישן פאַריין, איז דער שטרייק געבראָכן געוואָרן. דער גרעסטער טייל אַרבעטער, די ווייסרוסן, זיינען אויך ניט געווען צו שטאַרק צופרידן פון זייערע נייע פּוילישע „אָפּעקונעס".

בעתן שטרייק האָט די ווילנער צייטונג „סלאָוואָ ווילענסקע" געשריבן אייניקע מאָל וועגן דעם און דערציילט מיט אַנטיסעמיטישן סאַרקאַזם, אַז די אידישע אייגנטימער האָבן זין קאָמוניסטן, און זיי דערלאָזן דעריבער ניט שאַפן קיין „סאָציאַליסטישע" אַרבעטער פאַריינען...

דער גייסט פון זעלבשוץ

די לופט איז אַלץ מער און מער פאַרסמט געוואָרן מיטן היטלעריסטישן גיפט. די מאַכט האָט געזוכט מיטלען אַרויסצורייסן דעם האַנדל און האַנטווערק פון אידישע הענט. מ'האָט אָנגעהויבן ברענגען פּוילישע האַנטווערקער פון פאַרשיידענע טיילן פון פוילן, כלומרשט מיטן תירוץ, אַז „די אידן האָבן ניט קיין ריכטיקע און ספּעציאַליזירטע פאַכמענער", ווי מוראַרעס, שלאָסערס א. ד. גל.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך פאַרשפּרייט באַזונדערס שטאַרק צווישן די פּוילישע שול־קינדער און סטודענטן, וועלכע זיינען ממש פאַרפּלייצט געוואָרן מיט בערג פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, געדרוקט אין דייטשלאַנד אין דער פּוילישער שפּראַך. עס איז שוין איינמאָל דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די סטודענטן פון דער זשירעווער אַגראָנאָם־שולע, וואָס האָט זיך געפונען אַ 10 קילאָמעטער פון סלאָנים, האָבן געפּלאַנעוועט צו קומען אין אַ געוויסער קריסטלעכער חגא אויף אַ כלומרשט־פּאַטריאָטישער דעמאָנסטראַציע, און דערביי זיך „אַ שפּיל טאָן" מיט די סלאָנימער „זשידקעס".

די זאַך איז צופעליק דערגאַנגען צו אידישע עסקנים, דורך זשירעווער אידן. מ'האָט אָנגעהויבן שטאַרק רעדן דערפון אין שטאָט, ווער מיט אומרו און ווער מיט צאָרן. ביי איינעם האָבן געציטערט די הענט, ביים צווייטן האָבן זיך געביילט די פויסטן. איך האָב אין יענע טעג, ווי איינער וואָס האָט נאָך אין זיינע יוגנט־יאָרן גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל אין די סאָציאַליסטישע זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציעס קעגן די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס, געכאַפּט אַ שמועס מיט אידישע פאָלקסמענטשן, בעיקר מיט די סלאָנימער איזוואָשטשיקעס און טרעגער. איך האָב געוווסט, אַז זיי זיינען שטענדיק די ערשטע

צום פאַרטיידיקן אידישן לעבן, פאַרמעגן און כבוד. דער ענטפער וואָס איך האָב פון זיי באַקומען איז געווען קלאָר און איינדייטיק: „זייט רואיק, ראַבינאָוויטש, איר גיט אונז נאָר צו וויסן דעם טאָג ווען די זשירעווער כוליגאַנעס דאַרפן אָנקומען, און מיר וועלן זיי שוין מאַכן אַזאַ קבלת־פּנים, אַז זיי וועלן גאַנצע צוריק אַהיים ניט טרעפן...”

אין דער סלאָנימער געהיים־פּאָליציי האָט געדינט איינער אַ סלאָנימער קריסט, קלימקעוויטש, וועמענס אויפגאַבע איז געווען „נאָכצושמעקן” וואָס עס טוט זיך אין אידישע קרייזן און דאָס ברענגען צו די מאַכט־אָרגאַנען. אַליין איז ער געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט. ער האָט עס דערשמעקט, אַז די אידן גרייטן אַ ווידערשטאַנד אויפן פאַל פון עקסצעסן און אויך אַז איך בין אַ ביסל אין דעם פאַרמישט. איינמאָל האָט ער אפילו אינמיטן פאַראַדנע־גאַס פאַרפירט מיט מיר אַ פראָוואָצירנדיקן שמועס, אין ער האָט טאַקע געהערט פון מיר אַ גאַנץ קאַטעגאָרישע מעלדונג, אַז אויב נאָר די זשירעווער סטודענטן וועלן באַפאַלן אידן, וועלן מיר זיך מיט זיי גוט אָפרעכענען און מיר וועלן געוויס ניט לאָזן מאַכן אויף אונז פּאָגראָמען. ער האָט נאָך אַ פראַגע געטאָן: „הייסט עס, אַז איר האָט אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ?”, — און איך האָב אים געענטפערט, אַז ס'איז אַזוי.

דעמזעלבן טאָג האָט דער סטאַראָסטע קאָשלאַטש געשיקט מיר רופן. ער איז מיט מיר געווען גוט באַפריינדעט און האָט מיר געפרעגט, צי איז אמת וואָס קלימקעוויטש האָט אים דערציילט, אַז אידן קלייבן זיך שלאָגן די פּוילישע זשירעווער סטודענטן ווען זיי וועלן די טעג קומען קיין סלאָנים. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט: „דו פאַרשטייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז סלאָנימער אידן וועלן ניט באַפאַלן קיין קריסטן, אָבער אויב די זשיראָוויאַקעס וועלן פּרובירן אָנרירן אונז, וועלן מיר געוויס רעאַגירן און זיי צוריקשלאָגן וויפל ס'וועט זיך לאָזן”. מיינע אָפענע דיבורים האָבן אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק און ער האָט געפרעגט מיט זאָרג: „איז דאָס דער אויסוועג?” — קיין אַנדער תשובה האָב איך פאַר אים ניט געהאַט. אָבער אונזער שטעלונג איז זיכער דערגאַנגען צו די אויערן פון די, וואָס האָבן געמאַכט פינסטערע פּלענער פון באַפאַלן אידן אין סלאָנים.

די אידישע טרעגער, איזוואָשטשיקעס, אַלערליי אַרבעטער און בעלי־מלאכות, און אַן צווייפל אַ גרויסער טייל פון דער אָרגאַניזירטער אידישער יוגנט אין שטאָט זיינען גרייט געווען אָפּצושטויסן מיט כוח יעדן אָנפאַל אויף אידן. אַ שאָד וואָס ס'איז פון צווישן די אידישע העלדישע פאָלקס־טיפּן אַוועקגעריסן געוואָרן אין יענע צייט איינער פון די דרייסטע און שטאַרקע, פאַר וועמענס נאָמען די קריסטלעכע כוליגאַנעס האָבן געציטערט. איך מיין דאָ נאָטקע דעם איזוואָשטשיק. ער איז געווען אַ לינק־געשטימטער מענטש און האָט באַזונדערס פיינט געהאַט די געהיים־אַגענטן. אין סלאָנים איז דאַן באַקאַנט געווען אַ געוויסער אידישער געהיים־אַגענט, וואָס פלעגט ניט איינמאָל אָפּמסרן לינקע עלעמענטן. געדינט האָט ער דאַן אין אַ צווייטער שטאָט, אָבער ווען ער איז איינמאָל געקומען צו גאַסט צו זיינע קרובים אין סלאָנים, האָט אים נאָטקע אָנגעטראָפן אין אָוונט אין זשירעווער געסל, און זייענדיק אַ ביסל בגילופין האָט ער אים אַ נעם געטאָן פאַרן האַלז. דער געהיים־אַגענט האָט באַוויזן אַרויסכאַפּן פון הינטער־קעשענע זיין רעוואָלווער און האָט אַריינגעשאָסן אַ קויל נאָטקען אין בויך אַריין. דער שיסער איז אַנטרונען, נאָטקען האָט זיין ברודער חייקל גענומען מיט אַ טאַקסי קיין וואַרשע, צו אַ דאָקטאָר, אָבער אויפן וועג איז ער אויסגעגאַנגען אין בלוט און חייקל האָט אים געבראַכט קיין סלאָנים מקבר צו זיין אים צווישן אייגענע.

עס האָט זיך געגרייט אַ גרויסע לוויה, און די פּאָליציי האָט געשיקט 30 ביז 40 פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָסן דעם בית־עולם און ניט דערלאָזן אים באַגראָבן אין סלאָנים. בלית־ברירה האָט אים די משפחה אַוועקגעפירט ערגיץ אין אַ שכנותדיקן בית־עולם. די פּאָליציי האָט געטענה'ט אַז נאָטקע איז געווען אַ קאָמוניסט, אָבער אין דער אמתן איז פון די סלאָנימער אידן אַוועקגעריסן געוואָרן אַ וואַרעמער איד, וואָס איז גרייט געווען שטענדיק פאַרטיידיקן אידיש האָב און גוטס און לעבן און כבוד.

„ויקם מלך חדש...”

אַ יאָר אָנדערהאַלבן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה איז אַראָפּגעזעצט געוואָרן דער סטאַראָסטע קאָשלאַטש, און אין איינקלאַנג מיט דער נייער פאַשיסטישער „אָזאָן”־ליניע איז געשיקט געוואָרן קיין סלאָנים אַלס נייער סטאַראָסטע אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיט פון פּויזנער געגנט, אַ געוויסער אָלשעווסקי. ער האָט באַלד פון די ערשטע טעג אָנגעהויבן ווייזן זיין אַנטיסעמיטישן פּרצוף.

אין מיין זכרון איז פאַרבליבן פאָלגנדער פאַקט: אין סלאָנים איז געווען אַ פּאָוויאַטאָווער סיימיק, וועלכער איז באַשטאַנען בעיקר פון קריסטן, אויסגעקליבענע דעלעגאַטן פון גאַנצן פּאָוויאַט. צו די זיצונגען פון סיימיק פלעגט דער שטאָט־ראַט אויך דעלעגירן זיינע פאָרשטייער, 2 אידן און 2 קריסטן. ס'רוב זיינען פאַרטראָטן געווען אין סיימיק מצד די אידן פון שטאָט־ראַט ד"ר ווייס און דער שרייבער פון די שורות. פאָרזיצער פון די סיימיק־זיצונגען איז געווען דער סטאַראָסטע. און אָט האָט דער דאָזיקער אָלשעווסקי איינמאָל געמאָלדן אויף אַזאַ סיימיק־זיצונג:

„איך קען אייך באַגריסן מיט דער פריילעכער בשורה, אַז אַ דאַנק מיין אינטערווענץ אין מיניסטעריום האָט זיך אונז, פּאָלאַקן, איינגעגעבן אַרויסצורייסן פון די אידישע הענט נאָך אַ גוטע אונטערנעמונג — די זאַלץ־קאָנצעסיע פאַרן סלאָנימער קרייז, וועלכע האָט ביז איצטער געהערט צום אידן איוויאַנסקין. איצטער איז די קאָנצעסיע אַריבער צו אַ פּוילישן קאָאָפּעראַטיוו”...

זיינע ווערטער האָבן אונז געשניטן ביים האַרצן, אָבער מיר האָבן געקענט אַרויסווייזן אונזער פּראָטעסט נאָר דורך פאַרלאָזן די זיצונג.

אַזעלכע און ענלעכע ביטערע עפּיזאָדן איז אונז אויסגעקומען איבערצולעבן ניט איינמאָל ביי פאַרשיידענע אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענטרעפן מיט די פּוילישע מאַכט־פאָרשטייער. אין די פריערדיקע יאָרן פלעגן זיי פאַרמאַסקירן זייערע אמתע אנטיסעמיטישע כוונות און מעשים מיט אַלערליי פאַלשע און זיסע רייד, אָבער אין די לעצטע דרייסיקער יאָרן האָבן זיי אָפן געוויזן זייער פּרצוף.

אַזוי האָט דער נייער סטאַראָסטע אָנגעהויבן שיקן אָפּט פּאָליציאַנטן איבער די קראָמען, מכלומרשט כדי צו רעווידירן די ריינקייט. דערביי פּלעגן זיינע שליחים מאַכן פּראָטאָקאָלן פאַר ניט אַרויסהענגען פּרייז־קוראַנטן און פאַר כלערליי מינים אַנדערע „חטאים". סיסטעמאַטיש האָט מען פאַרבאָטן אידן צו האַלטן טיי־האַלעס פאַר די דאָרפישע פּויערים, צו האַנדלען מיט טריפה פלייש א. ד. גל.

נאָך איין בולט־אַנטיסעמיטישע טאַט פון דעם אָלשעווסקי געדענק איך פון די לעצטע שטאָט־ראָט־וואַלן, אין 1939. אין דעם יאָר האָט געדאַרפט געוויילט ווערן אַ נייער שטאָט־ראָט, דאַכט זיך די זעקסטע קאַדענץ זינט דער אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער מדינה.

סלאָנים, וואָס איז תמיד געווען אַ שטאָט מיט אַ אידישער מערהייט, האָט ביי די ערשטע 2—3 קאַדענצן געהאַט 16, שפּעטער 14 אידישע ראַטמענער פון דער אַלגעמיינער צאָל 24 פאַרשטייער. עס זיינען געווען 2 אידישע לאַווניקעס און אַ אידישער וויצע־בירגערמייסטער. ביי די לעצטע קאַדענצן האָט זיך שוין, אונטער אַ בולטן דרוק פון אויבן, פאַרקלענערט די צאָל אידישע ראַטמענער, ביז זי איז דערגאַנגען צו 10. דער אַנטיסעמיטישער סטאַראָסטע אָלשעווסקי האָט געהאַלטן, אַז אויך די צאָל 10 איז צופיל פאַר אידן אין אַ פּוילישער שטאָט.

פאַר די וואַלן האָט ער געשיקט רופן צו זיך ד"ר ווייסן און מיר, אַלס פאַרשטייער פון אידישן בלאָק, און געפאָדערט אַז אידן זאָלן ניט אַרויסשטעלן קיין קאַנדידאַטן אין אַ פּאָר ראַיאָנען, ווו עס האָבן געוווינט אויך קריסטן. „גענוג פאַר אייך — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט — אויך 6—7 ראַט־מענער. מיר קענען דאָך ניט דערלאָזן, אַז איר, אידן, זאָלט געוועלטיקן אין אַ פּוילישער שטאָט. מיר דאַרפן דאָ זיין די בעלי־בתים, און ניט איר".

מיר האָבן אים געענטפערט, אַז מיר מוזן זיך וועגן דעם באַראַטן מיט דעם אידישן בלאָק. אויף דער באַראַטונג איז, פאַרשטייט זיך, באַשלאָסן געוואָרן ניט מוותר צו זיין אויף דער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס ס'גאַראַנטירט אונז די פּוילישע קאָנסטיטוציע, און יע אַרויסשטעלן קאַנדידאַטן אין די וואַל־קרייזן.

מיר האָבן ספּעציעל געוואַרט ביזן לעצטן טאָג מיט אַריינ־טראָגן די ליסטעס אין די געמישטע קרייזן. געווען אידן, וואָס האָבן אפילו מורא געהאַט אונטערצושרייבן די ליסטעס, אָבער צוזאַמען מיט אפרים רובינאָווסקין, וואָס איז געווען סעקרע־טאַר פון בעלי־בתים־פאַריין, האָבן מיר גענומען אויף זיך די אויפגאַבע און אין לעצטן טערמין אַריינגעטראָגן צום וואַל־קאָמיסאַר די ליסטעס. ער האָט זיי ניט צוגענומען און זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיטן סטאַראָסטע, וועלכער האָט אים געהייסן מיר איבערגעבן, אַז איך זאָל זיך תיכף ומיד מעלדן צו אים.

ווען איך בין אַריינגעקומען אין זיין קאַבינעט, האָט ער מיר באַגעגנט מיט זיין זיסלעכן אַנטיסעמיטישן גוט־באַקאַנטן שמייכל, און געזאָגט: „נו, וואָס, ראַבינאָוויטש, איר האָט מיר ניט געפאָלגט און איר טוט ווי אייך געפעלט. זיך איך דאָ טאַקע און טראַכט וועמען פריער פאַרשיקן קיין קאַרטוז־בע־רעזע (אַ באַקאַנטער פּוילישער קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר מענטשן, וואָס זיינען געווען דרייסט און ניט־געוווּנטשן דער פּוילישער רעאַקציאָנערער מאַכט), דיר אָדער ד"ר ווייסן"...

דערביי האָט ער מיר געבעטן זיצן און פאַרפירט מיט מיר אַ לאַנגע דיסקוסיע וועגן דער אידן־פראַגע אין פּוילן, וועלנדיג דערווייזן מיר, אַז אונז איז נאָך צו גוט, אַז אידן האָבן באַ־הערשט דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן, און ד. גל. אַנטיסעמי־טישע טענות. נאַטירלעך האָב איך זיך ניט געלאָזט בלייבן שולדיק און דער שמועס האָט זיך, — געצוווּנגענערהייט פאַר מיר, — פאַרצויגן גאַנץ לאַנג. דאָס אייגנטלעך איז געווען אָלשעווסקיס מיין: ער האָט מיר ספּעציעל פאַרהאַלטן, ביז דער טערמין פון דערלאַנגען די ליסטעס איז פאַרביי.

אין די צוויי וואַל־קרייזן האָבן מיר טאַקע ניט געהאַט קיין אידישע ליסטע, דאָך האָט זיך די אידן איינגעגעבן אָנציען ביז 10 ראַטמענער, טראָץ אַלע שטערונגען מצד דעם סטאַ־ראָסטע.

צום באַדויערן איז די דאָזיקע דערגרייכונג ניט אויסגע־נוצט געוואָרן, ווייל די קאַדענץ פון נייעם שטאָט־ראָט האָט זייער קורץ געדויערט. ס'האָט זיך דערנענטערט די מלחמה־געפאַר.

טעג פון שרעק

די מלחמה איז שוין ממש געהאַנגען אין דער לופטן — און, דאַכט זיך, אַז אין אַזעלכע טעג וואָלט די אידן־שנאה געדאַרפט פאַרשטומט און דערשטיקט ווערן. סוף כל סוף האָבן דאָך דאַן די פּאָלאַקן און אידן געהאַט איין געמיינזאַמען שונא — היטלערן. אָבער אונזער „ליבהאַרציקער" אנטיסעמיט, דער סטאַראָסטע, האָט אפילו אין אַזעלכע גרויזאַמע טעג ניט אָפּגעלאָזן זיין שנאה צו די אידן. ער האָט געלאָזט רופן די אידישע פאַרשטייער און פאַרלאַנגט פון זיי, אַז אין משך פון 2—3 טעג זאָלן די סלאָנימער אידן צונויפזאַמלען צווישן זיך אַ האַלבן מיליאָן זלאָטעס פאַרן פאַרטיידיקונגס־פאָנד, כדי צו העלפן ראַטעווען פּוילן פון דייטשן אָנגריף. שבת זיינען צו־נויפגערופן געוואָרן אין „דאָם לודאָווי" פאַרשטייער פון אַלע אָן אויסנאַם אידישע אָרגאַניזאַציעס, — געווען דאָרטן טוער פון הרב יגל ביז איטשע „פּאָטאַשער" (סוועטיצקי), און אויך עקסטרעם־לינקע טוער, און אַלע האָבן באַשלאָסן, אַז מען מוז די סומע שאַפן — פאַרשטייט זיך, אַז צוליב שנאת־היטלער מער ווי פון אהבת־פּוילן. ערגיץ טיף אין האַרצן האָט יעדער איינער געוואָלט גלויבן, אַז די אַלע מיטלען וועלן אפשר דאָך העלפן צוריק צו שטויסן היטלערס אַגרעסיע. דער האַלבער מיליאָן איז געשאַפן געוואָרן. געווען רייכערע סוחרים, וואָס האָבן געגעבן 10 און 15 טויזנט זלאָטעס.

כ'געדענק, אַז אין יענע ווירוואַר־טעג פון ערב־מלחמה האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַן ענגליש־פראַנצויזישן צוזאָג צו העלפן פּוילן אין פאַל פון היטלערס אָנגריף. די פּוילישע פּאַטריאָטן זיינען אַרויס מיט אַ דעמאָנסטראַציע לכבוד ענגלאַנד און פראַנקרייך און אַלע זיינען געווען זיכער, אַז איצטער וועט מען אָנלערנען היטלערן. שפּעטער האָט זיך פון דער גאַנצער הילף אויסגעלאָזט אַ בוידים.

דעם 1־טן סעפּטעמבער זיינען די דייטשן אַריבער די פּוילישע גרענעץ און צייט 8—10 טעג איז שוין כמעט האַלב פּוילן געווען אין זייערע הענט.

אַרום 10־טן זיינען שוין די דייטשן געווען אין ביאַליסטאָק און קיין סלאָנים זיינען שוין אָנגעקומען פיל אַנטלאָפענע אידן

פון די אָקופּירטע געגנטן, מיט שוידערלעכע גרויסן וועגן די ערשטע אידישע קרבנות אין אַלע שטעט.

באַלד האָט זיך פאַרשטאַרקט דער שטראָם פון טויזנטער אידן פון פאַרשיידענע פּוילישע שטעט און שטעטלעך, און די סלאָנימער אידן האָבן זיי אויפגענומען מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט. כמעט אין יעדן הויז האָבן די אַזוי־גערופענע „בעזשענצעס" געפונען זיך אַ ווינקל.

דייטשע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך גענומען ווייזן אין די הימלען ניט ווייט פון סלאָנים און די שרעק צווישן די אידן איז געוועזן אומגעהויער. יעדן טאָג האָט מען דערוואַרט די ווילדע מערדער. אַ געוויסע צאָל יונגעלייט, ס'רוב פון די לינקע קרייזן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַריינפאַלן אין דייטשע הענט, האָבן איינגעקויפט פערד מיט וועגענער און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו דער רוסישער גרעניץ. אונטערוועגס האָבן זיי שוין אָנגעטראָפן אויף דער רויטער אַרמיי און מיט איר צוריקגעקומען אין זייער היים־שטאָט.

די צוויי פּוילישע פּולקן, וועלכע זיינען געווען סטאַציאָנירט אין די סלאָנימער קאַזאַרמעס, האָבן אַרום 10־טן סעפּטעמבער גענומען פאַרלאָזן די שטאָט, און די שרעק פון די אידישע איינוווינער איז געשטיגן פון שעה צו שעה. מען האָט מורא געהאַט סיי פאַר די אָנקומענדיקע דייטשן און סיי פאַר דער אַרומיקער קריסטלעכער באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך זיכער געגרייט אויסצונוצן די מהומה און מאַכטלאָזיקייט, כדי צו ראַבירן און באַפאַלן די אידן.

אַזוי איז מען געזעסן טאָג און נאַכט אין די פאַרמאַכטע הייזער, ביי פאַרטונקלטער ליכט און נאָכגעפאָרשט יעדע ידיעה דורכן ראַדיאָ.

דעם 17־טן סעפּטעמבער 6 פרי האָבן מיר פּלוצלינג דערהערט מאָלאָטאָווס „פּריקאַז", אַז די רויטע אַרמיי דאַרף תיכף ומיד אַריבערגיין די געוועזענע רוסיש־פּוילישע גרענעץ און פאַרנעמען גאַנץ ווייסרוסלאַנד, ביז ביאַליסטאָק. איך מוז באַמערקן, אַז דעם מאָמענט איז שווער צו פאַרגעסן, פּונקט ווי צום טויט פאַרמשפּטע קריגן די ידיעה וועגן זייער באַפרייאונג. מ'איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן, אַז מענטשן זיינען אַרויסגעלאָפן אין די גאַסן וואָס שנעלער אָנזאָגן די בשורה אַלעמען און מ'איז יעדן איינעם אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז, זיך געקושט פאַר ווילדער שמחה און זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב.

פאַרבליבן איז מיר אין זכרון פאָלגנדער עפּיזאָד:

גלייך נאָך דער ידיעה וועגן מאָלאָטאָווס באַפעל האָט דער איינציק־פאַרבליבענער וויצע־סטאַראָסטע יעלינעק (דער סטאַראָסטע אָלשעווסקי איז שוין נעלם געוואָרן מיט אַ נאַכט פריער) צונויפגערופן אַ דרינגענדע זיצונג פון אידישע און פּוילישע פאָרשטייער, — צווישן וועלכע עס זיינען געווען ד"ר ווייס, ד"ר קאָוואַרסקי, ד"ר עפּשטיין, מאָניע קאַפּלאַן, איטשע סוועטיצקי, באָרע פּיאַסעצקי און איך, — און דאָרטן האָט אונז דער נאָך־פאַרבליבענער נאַטשאַלניק פון סלאָנימער מיליטערישן גאַרניזאָן, אַ פּולקאָווניק, געמעלדעט, אַז ער מיט די רעשטלעך פּוילישן מיליטער פאַרלאָזן באַלד די שטאָט און צייט 2—3 טעג וועט די סאָוועטישע אַרמיי פאַרנעמען סלאָנים. אויף אונזער פראַגע, ווי אַזוי מ'זאָל דערווייל איינהאַלטן אָרדענונג אין שטאָט, ביז די סאָוועטן וועלן אָנקומען האָט דער פּולקאָווניק געענטפערט, אַז דאָס איז שוין אונזער זאַך און ער קען דערפאַר ניט זאָרגן. ווען איינער פון די פאָרשטייער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל זיך גלייך פון סטאַראָסטווא פאַרבינדן טעלעפאָניש מיט אונזער וואָיעוואָדזטוואָ אין נאָוואָגרודעק, ווו עס האָבן שוין געזאָלט זיין די רויט־אַרמייער, און בעטן וואָס שנעלער אָנקומען קיין סלאָנים, האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט, אַז אויך דאָס איז ניט זיין זאַך — און האָט זיך מיט אונז געזעגנט.

מיר האָבן זיך פונם קאַבינעט פון סטאַראָסטע פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט נאָוואָגרודעק. פון דאָרטן האָט שוין געענטפערט אַ סאָוועטישער פאָרשטייער, אַז די רויטע אַרמיי מאַרשירט דורך באַראַנאָוויטש און מייטשעט קיין סלאָנים און וועט אָנקומען צו אונז אין 2 טעג אַרום.

דערווייל האָט באָרע פּיאַסעצקי, אַלס נאַטשאַלניק פון די פייערלעשער, זיך געווענדעט צום הויפּט פון גאַרניזאָן און פאַר יענעמס אָפּטרעטן פון סלאָנים האָט ער באַקומען אַ געוויסע צאָל ביקסן מיט קוילן, מיט וועלכע ער האָט גלייך באַוואָפנט די אידישע פרייוויליקע פייערלעשער, און די האָבן אין משך פון די 2 טעג אָפּגעהיט די אָרדענונג אין שטאָט.

ווילדע פרייד און ביטערע אַנטוישונג

דעם 19־טן סעפּטעמבער פאַרמיטאָק האָבן מיר זיך דערוווסט טעלעפאָניש, אַז די רויטע אַרמיי וועט אַריינמאַרשירן קיין סלאָנים אַרום האַלב פינף פאַרנאַכט, און אָנקומען וועט זי פון דער זייט פון זאַמאָשציע.

מאָמענטאַל איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט און צענדליקער טויזנטער מענטשן, אידן און קריסטן, אַלטע און יונגע, קינד און קייט האָבן איבערגעפולט די גאַסן פון פאַראַדנע ביז זאַמאָשציער בריק און מיט בלומען אין די הענט אָפּגעוואַרט די רעטער.

אַרום האַלב פינף האָבן זיך געוויזן די ערשטע גרויסע רוסישע טאַנקן, און נאָך זיי אַ לאַנגע ריי מיליטערישע אויטאָס, לייכטע און שווערע. עס איז שווער איבערצוגעבן מיט וואָס פאַראַ הוראַ־געשרייען, מיט וועלכע פריילעכע פּנימער מ'האָט זיי באַגעגנט. יעדער טאַנק, יעדער אויטאָ, יעדער רויט־אַרמייער זיינען פּשוט פאַרשאָטן געוואָרן מיט בלומען. אידן און קריסטן האָבן זיך געוואָרפן קושן די סאָוועטישע סאָלדאַטן און זייערע אָפיצירן, און יענע האָבן, נאַטירלעך, צו אונז ברייט געשמייכלט און געטרייסט, אַז זיי זיינען געקומען אונז באַפרייען פון פּוילישן און דייטשן פאַשיזם און וועלן אונז, חס וחלילה, ניט אָנוואַרפן דעם סאָוועטישן רעזשים. „איר וועט קענען ממשיך זיין און האַלטן אייערע קראָמען און געשעפטן און פריי פאַרקויפן אייערע סחורות, קיינער וועט אייך ניט שטערן" — אַזוי האָבן זיי כסדר צוגעזאָגט. די שמחה איז געווען אין לשער.

עס זיינען פאַרביי איניקע טעג — די אַרמיי האָט כסדר אין די צענדליקער טויזנטער דורכמאַרשירט מיט אירע שווערע טאַנקן און האַרמאַטן דורך סלאָנים, אויף איר ווייטערדיקן וועג ביז ביאַליסטאָק.

די הוראַ־געשרייען האָבן זיך ביסלעכווייז איינגעשטילט. די רויט־אַרמייער, און אויך די אַרומיקע קריסטלעכע פּויערים, האָבן זיך געוואָרפן אויף די קראָמען און צייט איניקע טעג אויסגעקויפט אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. אין פאַרגלייך מיט

די פרייזן אין רוסלאַנד איז אַלץ ביי אונז געווען ביליק און די סאָוועטישע סאָלדאַטן האָבן געקויפט אַלץ וואָס זיי האָבן געזען אין די קראָמען. פאַר זיי איז דאָס, אין פאַרגלייך מיט זייערע היימען, געווען ממש אַ גן־עדן.

אַזוי זיינען אין איין וואָך צייט אויסגעליידיקט געוואָרן די געשעפטן פון אַלע מינים סחורות און די קרעמער האָבן איינגעלייזט גאַנצע בערג מיט פוילישע זלאָטעס און סאָוועטישע רובלען.

אין אַ גאַנץ קורצער צייט אַרום זיינען לויט אַ באַפעל די זלאָטעס אַנולירט געוואָרן און די רובלס האָבן באַלד פון אָנהויב קיין גרויסן ווערט ניט געהאַט.

דער ענטוזיאַזם איז ביסלעכווייז אָפגעלאָשן געוואָרן. מענטשן האָבן גענומען אַרומבלאָנדזשען מיט פאַרחלומטע פנימער און פרעגן איינער דעם צווייטן וואָס ס׳וועט ווייטער זיין. אָפטימיסטן האָבן זיך געטרייסט, אַז ס׳וועט אַלץ בלייבן ביים אַלטן, פעסימיסטן האָבן געטענה׳ט: „אהאָ, איר קענט זיי ניט, איר וועט נאָך גוט דערפילן וואָס פאַראַ טאַבאַק זיי וועלן אייך געבן שמעקן...״

אַזוי זיינען אַריבער די ערשטע 8 טעג, און דאַן האָט זיך אין שטאָט באַוויזן אַ ציווילער פאָרשטייער, וועלכער איז אַריינגעשיקט געוואָרן פון דער ווייסרוסישער הויפט־שטאָט, פון מינסק. ער האָט זיך גערופן מאַטוויי קאָלאָטאָוו — זיין אמתער נאָמען איז געווען מאָטל קאָלאָטניצקי, אַ איד פון מינסקער געגנט, אַ געוועזענער שמייסער ביי אַן איזוואָזשטשיק, ווי ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אויפן ערשטן מיטינג אין יעליאַנס קינאָ.

באַלד איז די געביידע פון דער געוועזענער פוילישער סטאַראָסטוואָ פאַרנומען געוואָרן דורך דער ציווילער מאַכט. די געביידע פון דער פוילישער „קאַסאַ סקאַרבאָוואָ״ איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ „גאָס־באַנק״ און אָנשטאָט די פרייערדיקע פוילישע באַאַמטע איז זי אָנגעפילט געוואָרן מיט אידישע בחורים און מיידלעך, צוזאַמען מיט איינצלנע רוסישע באַאַמטע. ביידע אידישע בענק זיינען געשלאָסן געוואָרן און זייערע געוועזענע דירעקטאָרן, — וואָלף בערמאַן פון סוחרים־באַנק און שיצגאַל פון פאָלקס־באַנק, — זיינען מיט אַלע זייערע בוכהאַלטאָרן, ביכער און דאָקומענטן אַריבערגענומען געוואָרן אין דער „גאָס־באַנק״ אַריין. די סאָוועטישע מאַכט האָט זיי געהייסן דערווייל אויספירן זייערע פונקציעס, איינקאַסירן צאָלונגען פאַר די וועקסלען אין זייערע טערמינען און דאָס געלט איבערגעבן דער „גאָס־באַנק״.

עס איז אפילו אַרויס אַ באַפעל, אַז די פאַרלעגענע חובות פון די פוילישע שטייערן זאָלן איינגעצאָלט ווערן אין זייער קאַסע — אַזוי ווי עס ווייזן אַרויס די ביכער פון שטייעראַמט, וועלכע זיינען פאַרכאַפט געוואָרן דורך די סאָוועטן.

די אידיש־פוילישע גימנאַזיע, וועלכע האָט עקזיסטירט 20 יאָר און געציילט ביז 400 תלמידים, איז פון אָנהויב אָן איבערגענומען געוואָרן דורך דער נייער ציוויל־מאַכט. דער דירעקטאָר טעלנער מיט זיין סעקרעטאַר יואל לעווין, צוזאַמען מיטן גאַנצן שטאַב לערער, האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן דעם נייעם דירעקטאָר וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט.

„פרייוויליקע״ פראָלעטאַריזאַציע

ביסלעכווייז זיינען אַזוי אַלע אַנשטאַלטן סאָוועטיזירט געוואָרן. די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן זיינען איינגעשלונגען געוואָרן אין די קאָאָפּעראַטיוון — דער „קראַסני סטאָלאַר״ האָט געציילט איבער הונדערט מאַן און פאַר זיינע וואַרשטאַטן איז קאָנפיסקירט געוואָרן מרדכי גאָלדינבערגס הויף מיט אַלע געביידעס; עס זיינען אויך אַנטשטאַנען ציגל־, קאַכל־ און גאַרבעריי־קאָאָפּעראַטיוון. און די קראָמען זיינען געשטאַנען מיט ליידיקע פאָליצעס.

אַן ענלעכע אומוואַנדלונג ווי די וואַרשטאַטן זיינען דורכגעגאַנגען די 7 טאַרטאַקן. מיטן אַריינקום פון דער רויטער אַרמיי האָבן די אייגנטימער אָפּגעשטעלט די אַרבעט און איבער טויזנט מאַן זיינען געוואָרן אַרבעטלאָז. מאַטוויי קאָלאָטאָוו — דער נייער ציוויל־הערשער פון סלאָנים — האָט צונויפגערופן צו זיך די אייגנטימער פון אַלע פאַבריקן און זיי געזאָגט בזה הלשון: „איר האָט אויפגעהערט די אַרבעט און איר לאָזט טויזנט אַרבעטער אַרומגיין ליידיק דווקא דאַן ווען מיר, אייערע באַפרייער, זיינען געקומען און אייך אַלעמען גערעטעוועט? איך גיב אייך צוויי אויסוועגן — אָדער באַנייען די אַרבעט ווי פריער, און די פּראָדוקציע וועלן מיר ביי אייך אָפּקויפן, אָדער גיט איבער אייערע פאַבריקן די אַרבעטער. צייט 24 שעה דערוואַרט איך אייער ענטפער!״

אויף אונזער פראַגע: „וואָס וועט זיין מיט אונז, געוועזענע בעלי־בתים פון די אונטערנעמונגען?״ — האָט ער געענטפערט: „איר וועט אַרבעטן אַלס ספּעצן און באַקומען געצאָלט לויט אַ געוויסער נאָרמע״, און דערביי האָט ער צוגעגעבן: „אויך לענין האָט געהייסן אויסנוצן די פייאיקייטן פון דער בורזשואַזיע, ביז די אַרבעטער וועלן קענען אַליין איבערנעמען די אָנפירערשאַפט...״

מיר האָבן זיך באַלד אָריענטירט ווו מיר האַלטן אין דער וועלט און זיינען גלייך פון קאָלאָטאָוון אַוועק אויף אַ באַראַטונג צו יעזערסקין, דעם אייגנטימער פון גרעסטן טאַרטאַק. די גאַנצע חברה פאַבריקאַנטן האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף מיר מיט דער פראַגע: „נו, וואָס זאָגט איר עפּעס איצטער, ראַבינאָוויטש, איר זייט דאָך עפּעס אַמאָל געווען אַ גאַנצער מקורב מיטן סאָציאַליזם״.

און איך האָב זיך מיטאַמאָל דערמאָנט דעם אַמאָליקן נוסח, מיט וועלכן איך פלעג אין די יונגע יאָרן אַרויסטרעטן אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען, און איך האָב פאַר די סלאָנימער פאַבריקאַנטן געהאַלטן אַ גאַנצע רעדע, דערווייזנדיק זיי, אַז „אונזער קאַפּיטאַליסטישע ראָל איז שוין מיט דעם מאָמענט געענדיקט, און אויב מיר וועלן ניט אָפּגעבן אינזער פאַרמעגן מיט גוטן, וועט מען עס בקרוב צונעמען ביי אונז מיט גרויס פאַראַד און אפילו אונז משלח זיין אַהין ווו מ׳האָט פאַרשיקט אונזערס גלייכן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע״.

עס האָט גענומען בלויז אייניקע מינוטן ביז ס׳איז איינשטימיק באַשלאָסן געוואָרן זיך אָפּצוזעגענען מיט די טאַרטאַקן, נאָר בעטן מען זאָל אונז לאָזן לעבן און געבן אַרבעט. אויף צומאָרגנס פרי האָבן מיר זיך געמעלדעט צו קאָלאָטאָוון און אים איבערגעגעבן אונזער באַשלוס. ער האָט זיך זייער דערפרייט, געהייסן אונטערשרייבן אַ פּראָטאָקאָל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך זיין סעקרעטאַר, אונזער בן־עיר מאיר

סוועטיצקי, און ער האָט אונז געהייסן גיין צוזאַמען מיט די אַרבעטער אויף די טאַרטאַקן און אויסוויילן אַרבעטער־קאָמיטעטן.

די אַרבעטער זיינען אַזוי געווען מלא שמחה, וואָס מיר האָבן פרייוויליק אָפּגעגעבן די זאַוואָדן, אַז זיי האָבן כמעט אין אַלע טאַרטאַקן אויסגעקליבן געוועזענע בעלי־בתים אין די אַרבעטער־קאָמיטעטן. אַזוי זיינען מיר פון „עקספּלואַטאַטאָרן" געוואָרן אמתע פּראָלעטאַריער. יעדער איינער פון די געוועזענע אייגנטימער איז באַשטימט געוואָרן אויסצופירן אַ געוויסע פונקציע אין דער אָנפירערשאַפט און צייט צוויי טעג זיינען אַלע טאַרטאַקן אַוועק מיטן פולן טעמפּאָ. פאַרשטייט זיך, אַז די פאַרטיקע מאַטעריאַלן, אין ווערט פון הונדערטער טויזנטער זלאָטעס, זיינען אַוועקגעגעבן געוואָרן דעם אַרבעטער־קאָמיטעט.

מען האָט אָפּגעאַרבעט 2—3 וואָכן, און צו דער ערשטער צאָלונג איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז מען זאָל די אַרבעטער צאָלן דיזעלבע נאָרמע וואָס זיי פלעגן פריער באַקומען פון די בעלי־בתים, — ניט מער. געהייסן האָט עס, אַז אָנשטאָט די פריערדיקע 4—5 זלאָטעס אַ טאָג וועט מען איצטער צאָלן די זעלבע סומע, — אָבער אין סאָוועטישע רובלס.

עס איז שווער צו שילדערן די פלוצלינגע איבערראַשונג פון די אַרבעטער. זיי האָבן דערוואַרט, אַז זיי וועלן קריגן לכל־הפחות אַ דאָפּלטן אָדער דרייפאַכן לוין. דער יקרות איז געשטיגן, און פאַר די פאַרדינטע רובלס האָט יעדער איינער געקענט קויפן פון 15 ביז 20 פּראָצענט פּראָדוקטן פון דעם וואָס ער האָט געהאַט פון אַמאָליקע פאַרדינטע זלאָטעס. אויך מיר, די אָנפירער און ספּעצן, האָבן באַקומען פון 50 ביז 60 רובל אַ וואָך.

פּראָטעסטירן אָדער שטרייקן האָט מען ניט געטאָרט, און די אַרבעטער פלעגן מיט פאַרשעמטע אויגן זיך איינקוקן אויף די געוועזענע בעלי־בתים און ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ס'קומט אַזוי פאַר אונטער אַן אַרבעטער־רעגירונג... אַמאָל פלעגט יעדער אַרבעטער מעגן מיטנעמען מיט זיך פון דער אַרבעט אַ ביסל ברענהאָלץ צום הייצן, פון דעם אָפּפאַל. מ'האָט יעדן געלאָזט נעמען וויפל ער האָט געקענט פאַרטראָגן, און טייל־מאָל אפילו דערלויבן אַוועקפירן מיט אַ פערד אַ פורל פון דעם האָלץ. איצטער איז אָבער אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז קיינער האָט קיין רעכט ניט מיטצונעמען אפילו אַ שפּענדל. דאַן זיינען געווען נאָך אַזעלכע באַגרענצונגען און פאַלן פון שווערער באַהאַנדלונג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען ביי דער פריערדיקער, קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג געמוזט לויטן געזעץ אויסצאָלן די אַרבעטער יעדע צוויי וואָכן, אין קעגנפאַל האָט געדראָט דעם אייגנטימער אַ שטראָף ביז 6 מאָנאַטן אַרעסט. אָבער איצטער איז קיינמאָל דער געצאָלט ניט געווען צו דער צייט. איך בין גראַדע באַשטימט געוואָרן אַלס קאַסירער אויף אונזער זאַוואָד, און יעדן מאָל ווען איך פלעג זיך ווענדן צו די געהעריקע אינסטאַנצן וועגן געלט, פלעגט עס נעמען וואָכן ביז די סומען זיינען געגעבן געוואָרן.

מען מוז דערביי אונטערשטרייכן, אַז די אַרבעט איז אויסגעפירט געוואָרן מיט דער גרעסטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די פונקציעס זיינען איינגעטיילט געווען נאָך גענויער ווי פריער. די אידן זיינען געווען צופרידן און דאַנקבאַר, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון היטלערן, און איך צווייפל, צי וועלכער ס'איז סאָוועטישער באַאַמטער האָט אַזוי אָרנטלעך און איבערגעבן אויסגעפילט זיין אויפגאַבע ווי מיר, „געוועזענע בורזשויען".

אַזוי איז די אַרבעט געגאַנגען אַ דריי חדשים צייט. מיר, די געוועזענע בעלי־בתים, פלעגן אָנטיילנעמען מיט אַלע אַרבעטער צוזאַמען אין די פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אויף די דעמאָנסטראַציעס פלעגט זייער אָפט טרעפן, אַז דווקא דעם געוועזענעם בעל־הבית פלעגט מען מכבד זיין מיט טראָגן די רויטע פאָן אין שפּיץ פון די מאַרשירנדיקע...

ס'ווייזן זיך די גרינע היטעלעך

די לאַגע האָט זיך אָבער פלוצלינג געביטן און עס האָבן אָנגעהויבן בלאָזן נייע ווינטן. אין סלאָנים האָבן זיך באַוויזן די נ. ק. וו. ד.־לייט מיט זייערע גרינע היטעלעך.

מען האָט אָנגעהויבן נאָכפאָרשן יעדנס ביאָגראַפיע. מען האָט אַרויסגעזעצט אייגנטימער פון זייערע הייזער און פאַרנומען די דירות פאַר סאָוועטישע באַאַמטע. אויף די טאַרטאַקן זיינען אָנגעקומען פון מינסק דירעקטאָרן — מענטשן מיט די לעדערנע קורטקעס, וואָס האָבן קיין אַנונג ניט געהאַט אין דער פּראָדוקציע. דער ערשטער דירעקטאָר, וואָס איז אָנגעקומען אויף אונזער טאַרטאַק, האָט גלייך געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז גלייכער מיר זאָלן זיך אַליין אָפּטראָגן פון דאַנען, — „עס פּאַסט ניט — האָט ער געזאָגט — פאַר די אַרבעטער, אַז זייערע געוועזענע בעלי־בתים זאָלן זיין די אָנפירער ביי דער אַרבעט". איך געדענק, ווי אויף איינעם אַ מיטינג פון די טאַרטאַק־אַרבעטער האָט איינער, אַן אונטערלעקער אָדער אַן אונטערגעשטעלטער, אַ פרעג געטאָן דעם פאַרשטייער פון מאָסקווע, פאַרוואָס דערלויבט די קאָמוניסטישע מאַכט אַז געוועזענע בעלי־בתים זאָלן אָנפירן מיט דער אַרבעט. דער מאָסקווער רעדנער האָט געענטפערט: „מיר האָבן ניט וואָס מורא צו האָבן פאַר זיי. וועלן זיי זיין גוט און פרום, וועלן מיר זיי נאָך דולדן אַ געוויסע צייט, און אויב ניט — וועלן זיי האָבן דעמזעלבן סוף וואָס ס'האָבן געהאַט זייערע חברים, די פאַרשיקטע וואָלף גורוויטש און זרח יעזערסקי". דערביי האָט ער אונטערגעשטראָכן, אַז „זיי וועלן שוין זייער היים מער ניט זען". און זיין הבטחה איז, ווי באַוווּסט מקוים געוואָרן. די צוויי זיינען אומגעקומען ערגיץ אין אַ תפיסה.

דער „זיסער" ענטפער פון סאָוועטישן פאַרשטייער האָט דורכגעשטאָכן אונזערע הערצער ווי אַ שפּיז, און יעדערער האָט געפילט, אַז זיינע טעג זיינען געציילטע.

עטלעכע טעג נאָכדעם האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן אונזערע פּאָסטנס און גענומען זוכן אַנדערע אַרבעט.

איך צייכן זיך אויס — און ווער אַרעסטירט

איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. מיינע דריי קינדער האָבן געאַרבעט אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן: דער זון משה, וואָס האָט געענדיקט מעדיצין אין איטאַליע, האָט פאַרוואַלטעט מיט אַ ניי־געגרינדעטן שפּיטאָל אין סינקעוויטש, ביי סלאָנים; דער צווייטער זון, אליוש, איז געווען סעקרעטאַר פון שול־אינספּעקטאָראַט; און די טאָכטער, אסתר, האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַרין פון דער געוועזענער אידישער גימנאַזיע.

איך האָב זיך געטרייסט, וואָס מיין משפחה איז כשר, און נאָך אַ פּאָר וואָכן לײדיק־גיין באַקומען אַ פּאָסטן.

קיין סלאָנים איז דאַן געקומען פון מינסק אַ קאָמיסאַר מיטן נאָמען אַוורולין, כדי צו אָרגאַניזירן קינדער־היימען פאַר די קינדער פון קאָאָפּעראַטיוו־אַרבעטער. מ׳האָט אים איבערגעגעבן, אַז איך בין געווען אַקטיוו ביים אָרגאַניזירן די קינדער־קאָלאָניעס פון „טאָז״ און ביי אנדערע קולטורעל־דערציערישע אונטערנעמונגען, און ער האָט מיר צוגענומען אויפן פּאָסטן, אים צו העלפן אָרגאַניזירן די קינדער־היימען. מיין ערשטע אויפגאַבע איז געווען דאָס פאַרענדיקן בויען אַ רעקווירירטע צוויי־שטאָקיקע געביידע, וועלכע ס׳האָט אָנגעהויבן בויען אַלס מעכאַנישע בעקעריי אַ געוויסער פּינטשוק.

לויטן פּלאַן האָב איך געדאַרפט זען, אַז דאָס הויז זאָל פאַרטיק ווערן אין משך פון אַ יאָר צייט — אַזוי איז עס דער סאָוועטישער מאָדוס אין בויען. מיר האָט זיך איינגעגעבן פאַרענדיקן די גאַנצע אַרבעט אין דריי מאָנאַטן. מיט דער גאַנצער ענערגיע האָב איך אויסגעפאַרטיקט די געביידע, געמאַכט שיינע צימערן און זיי אויסמעבלירט פאַר 60 קינדער. מיין איבערגעבנקייט האָט אַזוי אויסגענומען ביי דער מאַכט, אַז אַ ספּעציעלער קאָמיסאַר פון מאָסקווע האָט מיר עפנטלעך געלויבט, און טראָץ דעם וואָס מיין דירעקטאָר האָט אים דערציילט ווער און וואָס איך בין געווען, האָט ער געזאָגט, אַז ס׳מאַכט ניט אויס און מ׳קען מיר פאַרטרויען נאָך גרעסערע אַרבעטן, מיט מער פולמאַכטן. מ׳האָט מיר געגעבן פולע רעכט איינצואָרדנען דעם אַנשטאַלט לויט מיין איינזען.

אין אַ געוויסן טאָג האָט געזאָלט פאָרקומען די פייערלעכע דערעפענונג פון קינדער־היים, אויף וועלכער איך האָב געדאַרפט אויפטרעטן מיט אַ פייערלעכע רעדע.

ערב דער דערעפענונג באַקום איך פלוצלינג אין ביוראָ אַ שריפטלעכע איינלאַדונג פון נ. ק. וו. ד. זיך צו מעלדן ביי זיי 1 אַ זייגער בייטאָג. איך האָב פאַרשלאָסן דאָס ביוראָ און בין אַוועק אַהין, אין נ.ק.וו.ד., וואָס האָט זיך געפונען אין ראַבמילס הויז. איך בין זיכער געווען, אַז דאָס איז אַ געוויסע ספּראַווקע אָדער עפּעס וואָס פאַרבונדן מיט דער מאָרגנדיקער פייערלעכער דערעפענונג.

אַזוי האָב איך זיך, אָן פאַרדאַכט און פחד, געמאָלדן אין נ. ק. וו. ד. צו דער באַשטימטער צייט. איינער אַ וואַסיליעוו האָט מיר אַריינגענומען אין אַ באַזונדער צימער, געהייסן זיך זעצן אַנטקעגן אים און אָנגעהויבן פאָרשן מיין לעבנס־געשיכטע פון מיינע יונגסטע יאָרן אָן ביזן לעצטן טאָג, מיינע אַנשויאונגען, צו וועלכע פאַרטייען איך האָב געהערט, אין וועלכע אינסטיטוציעס איך בין טעטיק געווען, מיין באַשעפטיקונג אַלס שותף אין טאַרטאַק א. אַ. וו.

דאָס האָט געדויערט אַרום 4 שעה, דאַן האָט ער פלוצלינג, אויף אַ באַקומענעם טעלעפאָנישן באַפעל, איבערגעריסן, געהייסן מיר אַרויסגיין וואַרטן אין קאָרידאָר. דאָ האָב איך דערזען אַן נ.ק.וו.ד.־יסט מיט אַ ביקס שטייט ביי דער טיר, און ערשט איצטער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך בין אין פּעקל.

נאָך אַ פּאָר שעה וואַרטן בין איך אַריינגערופן געוואָרן אין אַ צווייטן צימער, דאָרטן איז געזעסן אַ נייער סלעדאָוואַטעל, אַ מער אינטעליגענטער. ער האָט צוריסן דעם ערשטן פּראָטאָקאָל און אָנגעהויבן ווידער אַלץ פון דאָס ניי, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין פּרט פון מיין ביאָגראַפיע ביזן לעצטן טאָג. נאָך יעדער אָנגעשריבענעם זייטל פלעגט ער מיר איבערלייענען און פרעגן צי דאָס שטימט מיט מיינע דערקלערונגען. יעדע זייטל האָב איך אונטערגעשריבן באַזונדער. צום סוף האָט ער מיר ווידער געפרעגט, צי בין איך איינשטימיק מיט אַלץ וואָס ער האָט נאָטירט און מיר איבערגעלייענט, און ווען איך האָב איינגעשטימט אויף אַלץ, האָט ער זיך פייערלעך אויפגעשטעלט — ס׳איז שוין געווען דאַן 11 אַ זייגער ביינאַכט — און האָט דערקלערט:

— „קעגן דיר איז ניטאָ קיין איין פאַרברעכן. אפילו דאָס וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן וועגן דיינע גוטע באַציאונגען אין משך פון 20 יאָר מיט די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע דיינע, שטימט אויך מיטן אמת, מיר האָבן אויך פון זיי אַזעלכע אינפאָרמאַציעס. און דאָך — לויטן באַפעל פון פּראָקוראָר — ווערסטו אַרעסטירט״.

איך האָב געפרעגט: „פאַרוואָס״ — האָט ער מיר געענטפערט: „דאָס וועט זיך שפּעטער אַרויסווייזן״. איך האָב געפרעגט, צי ס׳וועט זיין אַ משפּט, און צי איך וועל קענען זיך פאַרטיידיקן אָדער שטעלן אַן אַדוואָקאַט, האָט ער געענטפערט: „געוויס. וועסט אַלץ קענען״. און מיט די ווערטער האָט ער אַריינגערופן צוויי מיליציאָנערן, מיט די רעוואָלווערן אין די הענט, און זיי איבערגעגעבן דעם „מענטשן אָן פאַרברעכן״, — לויט זיינע ווערטער, — אַריבערפירן אין תפיסה אַריין.

8 חדשים אין סלאָנימער טורמע

מען האָט מיר אַוועקגעפירט אין זאַמאָשציער טורמע און אַריינגעזעצט אין אַ קליינער קאַמערע, ווו כ׳האָב געפונען שלאָפן מיינעם אַ שכן פון רוזשנויער גאַס, שוכאַטאָוויטשן, אָדער ווי מ׳פלעגט אים רופן „באַראַבאַן״, אַן אייגנטימער פון אַ ציגעלניע.

ער איז שוין דאָרטן געזעסן אַ פּאָר וואָכן און האָט זיך זייער דערפרייט מיטן פרישן חבר, כאָטש באַגעגנט האָט ער מיר מיט פאַרוווּנדערונג: „וואָס, חיים, אייך האָט מען אויך אַרעסטירט?!״.

די ערשטע פּאָר טעג זיינען מיר געווען אין דער קליינער קאַמערע, פון אַן ערך 12 קוואַדראַט־מעטער, נאָר דריי פערזאָנען. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען צו אונז אַריינגעזעצט אפרים גאָלדינבערגן, פון דער גאַרבערײַ, און נאָך 5 דאָרפישע פויערים, וועלכע האָבן צוליב אַלטע פּערזענלעכע חשבונות פאַרמסרט איינער דעם צווייטן פאַר דער נ. ק. וו. ד., אַז זיי האָבן אויסגעלאַכט די סאָוועטישע אָרדענונג.

אַרעסטירט האָט מען מיר דעם 5־טן יוני 1940. די ערשטע 4 מאָנאַטן זיינען מיר געווען אין דער קליינער צעלע 9 מענטשן, ביז אומגעפער אין מיטן אָקטאָבער האָט מען אונז אַריבערגעפירט אין אַ גרעסערער קאַמערע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען אַרום 40 מאַן, צווישן זיי אויך ד״ר ווייס און פיאַסעצקי.

אונזער באַגעגעניש איז געווען זייער רירנדיק. ד״ר ווייס האָט אויסגעזען שוואַך און קראַנקלעך און דער שטענדיק־עלעגאַנטער באָרע פיאַסעצקי איז געווען באַוואָקסן מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד, וואָס האָט אויף אונז אָרויפגעוואָרפן

אַ פחד. די איבעריקע אַרעסטירטע זיינען ס׳רוב געווען העכערע פוילישע באַאַמטע, קריסטלעכע אַרבעטער און ווייסרוסישע פויערים פון דער סביבה. די ענגשאַפט אין דער קאַמערע איז געווען אַ שרעקלעכע, אַ טייל האָט געמוזט שלאָפן אויפן פייכטן באָדן, אונטער די נאַרעס, און ווער ס׳האָט שוין געהאַט די זכיה צו שלאָפן אויף אַ נאַרע, פלעגט יעדן אָוונט מעסטן מיט אַ פאָדים זיין פלאַץ, אַז דער שכן זאָל, חס וחלילה, ניט פאַר־נעמען מיט אַ פּאָר סענטימעטער מער ווי ס׳קומט אים.

אַ לענגערע צייט האָט מען אונז ניט געוואָלט געבן קיין ביכער צום לייענען — וועגן צייטונגען האָט מען אפילו ניט געטאָרט חלומען און דערמאָנען. נאָך לאַנגע אינטערווענצן האָט מען ד״ר ווייסן און מיר דערלויבט נעמען רוסישע ביכער, אָבער אויף אונזער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַז ס׳וועלן פון זיי ניט אַרויסגעריסן ווערן קיין זייטלעך צום רויכערן מאַכאָרקע. איך בין, אַלס רוסיש־קענער, געוואָרן אַ בעל־קריאה פאַר דער גאַנצער קאַמערע.

יעדן טאָג פלעגט מען אונז אַרויספירן אויף אַ שפּאַציר פון 20 מינוט. מיר פלעגן גיין פאָרוויין, די אויגן אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד, ניט געטאָרט קוקן אָן אַ זייט און ניט אויבן, כדי ניט צו זען וועמען ס׳איז פון די אַרעסטירטע אין די אַנדערע קאַמערן. איך בין שטענדיק געגאַנגען צום שפּאַציר מיט ד״ר ווייסן, גאָלדינבערג — מיט שוכאַטאָוויטשן, באָרע פּיאַסעצקי האָט, צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד, כמעט שטענדיק רעזיגנירט פון טעגלעכן שפּאַציר.

איינמאָל אינמיטן שפּאַציר האָט מען פלוצלינג פון מיר אַוועקגערופן ד״ר ווייסן, און ווען איך האָב זיך אומגעקערט אין אונזער קאַמערע, האָב איך אים שוין דאָרטן ניט געפונען. ער האָט שוין באַקומען זיין אורטייל און איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין צימער ווו מען סעגרעגירט די פאַרשיקטע.

קיינער האָט קיינמאָל ניט געוווּסט ווען ער וועט פאַר־שיקט ווערן, און דערוויסן פלעגן מיר זיך אָפט וועגן דעם פון די „אינפאָרמאַציע־אויפשריפטן" אויף די ווענט פון אובּי־קאַציע. אַזוי האָבן מיר זיך איינמאָל דערוווּסט, אַז קאַופמאַן — אייגנטימער פון אַ טאַרטאַק — איז פאַרשיקט געוואָרן אויף 8 יאָר. אונז האָט אַ שרעק אַרומגעכאַפּט פון דער ידיעה. איך געדענק, אַז דערוויסנדיק זיך וועגן אורטייל פון 8 יאָר פאַר־שיקונג האָט אפרים גאָלדינבערג זיך אויסגעדריקט: „אויב איך באַקום אַזאַ פּסק־דין, וועל איך זיך בעסער דאָס לעבן נעמען". ער האָט טאַקע באַקומען 8 יאָר, און זייענדיק אויף פאַרשיקונג, שוין נאָך דער אַמנעסטיע, צוליב אַ מסירה ווידער אַרעסטירט געוואָרן און טראַגיש אומגעקומען אין טורמע.

ד״ר ווייס און איך האָבן זיך באַמיט צו האַלטן מונטער און מוטיק. באַזונדערס שיין איז געווען די האַלטונג פון אונזער ליבן ד״ר ווייס. ער פלעגט זיך תמיד וויצלען און זאָגן: „שרעקט זיך ניט, חיים, מיר וועלן דאָס אויך איבערלעבן, מיר וועלן דאָרטן קיין 8 יאָר ניט אויסזיצן — עפּעס וועט פּאַסירן און מיר וועלן באַפרייט ווערן". זיין נבואה איז מקוים גע־וואָרן, און מיר זיינען נאָך 7—8 מאָנאַטן פאַרשיקונג באַפרייט געוואָרן אויפן סמך פון שיקאָרסקיס אָפּמאַך מיט סטאַלינען און געבליבן „אויף דער פריי" אין ראַטנפאַרבאַנד ביז 1946, ביז דער רעפּאַטריאַציע קיין פוילן.

אָבער דאָרטן, אין סלאָנימער טורמע, איז נאָך אַלץ פאַר אונז געווען פאַרנעפּלט, און מיר האָבן ניט געוווּסט וואָס ס׳דערוואַרט אונז.

זייער אָפט פלעגט מען עמיצן אויפוועקן פון שלאָף און פירן אין שטאָט אַריין, צו דער נ. ק. וו. ד. אויף אַן אויספאָר־שונג. דאָרטן פלעגט מען אונז האַלטן אַ פּאָר שעה און ברענגען צוריק אין „שלאָף־צימער". ביי יעדער פאָרשונג פלעגט מען שטעלן פאַרשיידענע פראַגן, און זייער אָפט מאָדנע קלאָץ־קשיות. אַזוי האָט מען זיך איינמאָל אין דער נאַכט צו מיר צוגעטשעפּעט ביים פאָרשן, איך זאָל זיי דערקלערן, הלמאי האָב איך, אַלס רעוואָלוציאָנער און מאַרקסיסט אין מיינע יונגע יאָרן, ניט אַוועקגעשענקט שפּעטער מיין פאַבריק די אַרבעטער. איך האָב זיי געענטפערט, אַז ווען איך טו עס אין דער קאַפּי־טאַליסטישער אָרדענונג, וואָלט מען מיר זיכער פאַרשיקט אין אַ משוגעים־הויז. אָבער איצטער, — האָב איך געטענה׳ט, — ווי נאָר איר זייט צו אונז געקומען, האָבן מיר גלייך אויפן דריטן טאָג פרייוויליק אַוועקגעגעבן אונזערע פאַבריקן, גע־וואָרן באַאַמטע און געטריי געאַרבעט. ס׳האָבן ניט געהאָלפן מיינע טענות, אַז איצטער איז מיין משפחה אַ פּראָלעטאַרישע, די קינדער און איך אַרבעטן. מ׳האָט מיר כסדר געענטפערט, אַז ס׳וועט זיין אַ משפט און מ׳וועט אַלץ „ראַזביראַיען".

אַזוי בין איך אָפּגעזעסן 8 חדשים אין סלאָנימער טורמע און געהאַלטן אין איין שרייבן ביטעס צו די העכערע אינ־סטאַנצן, ביז ס׳איז אַ געוויסן טאָג געקומען אין תפיסה דער סלעדאָוואַטעל וואָס האָט מיר אַרעסטירט, און ער האָט מיר געמאָלדן, אַז לויטן באַפעל פון מינסק דאַרף איך פאַרשיקט ווערן אויף 8 יאָר אין אַ „דערציאונגס־לאַגער", ד. ה. איך דאַרף דאָרטן באַקומען אַ בעסערע דערציאונג און לערנען „די ווירק־לעכקייט פון רוסישן קאָמוניזם".

די ווירקלעכע ווירקלעכקייט

די ווירקלעכקייט האָב איך דערקענט באַלד אָנקומענדיק מיטן ערשטן עטאַפּ פון דער פאַרשיקונג אין דער מאָסקווער „רויטער איבערשיקונג־טורמע".

פאַר מיין אָפּטראַנספּאָרטירן פון דער סלאָנימער טורמע האָט מען דערלויבט מיין פרוי און טאָכטער קומען זיך מיט מיר געזעגענען. די זין מיינע האָבן, ווייזט אויס, קיין דער־לויבעניש דערצו ניט באַקומען. 20 מינוטן האָבן מיר זיך געזען און גערעדט דורך דער דראָטענער סעטקע, אונטער דער אויפ־זיכט פון טורמע־נאַטשאַלניק. דאָס איז געווען די לעצטע באַ־געגעניש אין אונזער ליבן און הייליקן פאַמיליען־לעבן. צום גרויסן באַדויערן האָט מען מיין משפחה ניט פאַרשיקט און אַלע מיינע טייערע זיינען אומגעקומען מיט אַלע סלאָנימער קדושים.

נאָר מיר, דעם אומשולדיק־פאַרשיקטן אויף 8 יאָר, איז באַשערט געווען צו בלייבן לעבן און זיך באַקענען מיט דער אמתער ווירקלעכקייט פון סאָוועטישן סאָציאַליזם, וואָס איז פאַרקריפּלט געוואָרן דורך סטאַליניסטישע מעטאָדן.

ערשט דאָרטן, אין ראַטנפאַרבאַנד גופא, האָב איך געזען דעם חורבן פון אונזערע יונגע סאָציאַליסטישע חלומות, געזען ווי דער מענטש און זיין פערזענלעכע פרייהייט ווערן גע־טראָטן דורך די גלאַנציקע שטיוועלעך פון נ. ק. וו. ד.־לייט,

דורך די סעקרעטאַרן פֿון רייקאָמען. כ׳האָב געזען אַן „עליטע" פֿון אויסדערוויילטע פּאַרטיי־פֿירער און פֿאַרשיידענע דירעקטאָרן און לייטער, וואָס לעבן רייך, ווי די גרעסטע מאַגנאַטן און עקספּלואַטאַטאָרן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, און קוקן זיך צו מיט געמיינער פֿרעכקייט ווי צענדליקער מיליאָנען האָרעפּאַשניקעס האָרעווען, הונגערן, גייען אַרום נאַקעט, באָרוועס און שמוציק און לעבן אין שווידערלעכער ענגשאַפֿט. כ׳האָב געזען, ווי אַזוי אַ גרויסער טעראָריסטישער אַפּאַראַט שאַפֿט קינסטלעך אַ מיליאָנען־אַרמיי פֿון „אומגעווינטשענע" עלעמענטן און פֿאַרשיקט זיי אויף צענדליקער יאָרן הינטער די הרי־חושך פֿון גרויסן רוסלאַנד אַלס אַרבעטס־קנעכט. אַזוי האָב איך געזען אַ 200־מיליאָניקן פֿאָלק אָן פֿרייהייט צו ריידן, צו דענקען, צו קריטיקירן און פּראָטעסטירן קעגן דער אַרומיקער קאָרופּציע און פֿאַרדאָרבנקייט. אַ פֿאָלק, אויף וועלכן ס׳הערשט איין כוח: פּחד

די ערשטע לעקציע אין מיין איבערדערציאונג האָב איך באַקומען גלייך נאָכן ארויספאָרן מיטן שטראָף־צוג פֿון סלאָנים. מען האָט מיר, מיט מיין שותּף אַראָנסאָן און מיט באָרע פּיאַסעצקין אַריינגעזעצט אין לאַנגן צוג, וואָס האָט געפֿירט אַרום 1000 אַרעסטירטע אויף פֿאַרשיקונג. אַרום 10 מינוט נאָכן רירן פֿון צוג האָבן זיך אַריינגעריסן אין אונזער וואַגאָן אייניקע קאָנוואָי־באַגלייטער און מיט זידלערייען און געשרייען גענומען אַרויסשלעפּן פֿון אונזערע פּעקלעך אַלץ וואָס מיר האָבן מיט זיך געהאַט — קליידונג און עסנוואַרג. מיר זיינען געבליבן נאָר ביי דעם וואָס מיר האָבן אויף זיך געטראָגן. כדי אונדז באַלד צו צעטומלען און פֿאַרמאַכן די מיילער, האָט מען אונדז איבערגעזעצט אין אַ צווייטן וואַגאָן, אָנגעפֿילט מיט פֿאַרשיידענע קרימינעלע פֿאַרברעכער, וועלכע זיינען אונדז באַפֿאַלן מיט קלעפּ פֿון אַלע זייטן און אַראָפּגעכאַפּט אונדז די היטלען פֿון קאָפּ.

מיר האָבן זיך גלייך פֿאַרלאָרן און אפֿילו ניט געהאַט די העזה צו פֿרעגן, וווּהין ס׳זיינען אַהינגעקומען אונזערע זאַכן.

אין באַראַנאָוויטש האָט מען אונדז אַריבערגעפֿירט אין אַ צווייטן צוג, אונטער שטרענגער וואַך, וואָס איז געגאַנגען קיין מאָסקווע. מיר האָבן זיך געווענדעט צום קאָנוואָי־פֿירער און געפֿרעגט וועגן די אָוועקגערויבטע זאַכן און עסנוואַרג, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער האָט וועגן דעם קיין אַנונג ניט. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען הונגעריקע און דורשטיקע קיין מאָסקווע, אין דער גרויסער אכסניה וואָס הייסט „רויטע איבערשיקונג־טורמע". דאָרטן ווערן צונויפגעבראַכט צענדליקער טויזנטער „אומגעווינטשענע עלעמענטן" פֿון פֿאַרשיידענע רעפּובליקעס און נאַציאָנאַליטעטן, און דאָרטן האָבן מיר צום ערשטן מאָל דערזען די גרעסטע אין דער וועלט אונטערנעמונג פֿון סעגרעגירן פֿאַראורטיילטע צו אייביקער פֿאַרשקלאַפֿונג. פֿון דאָרטן גייען טעגלעך אַרויס צוגן מיט די פֿאַרשיקטע אין די ווייטע סטעפּעס און דזשונגלס פֿון גרויסן רוסלאַנד.

צופֿעליק האָט מען אונדז, די דריי סלאָנימער, אַריינגעפֿירט אין אַ גרעסערן צימער, וווּ מיר האָבן געטראָפֿן אונזער בן־עיר, דעם חסיד משה זעלוויאַנסקי, וועלכער איז אַהין אָנגעקומען מיט אַ פּאָר טעג פֿריער. ווען ער האָט פֿון אונדז געהערט וועגן אומגליק פֿון גערויבטע פּעקלעך, האָט ער גלייך געעפֿנט זיין פּעקל און יעדן איינעם פֿון אונדז געגעבן ווערמען אַ העמד, ווערמען אַ האַנטוך א. ד. גל., און נאָכדעם האָט ער אונדז איינגעאָרדנט אויף זיין נאַרע.

ערשט קומענדיק אַביסל צו זיך האָב איך גענומען זיך באַקענען מיט די פֿאַרשיידענע אורחים אַרום אונדז. געווען צווישן זיי אַ סך פֿון דער הויכער רוסישער אינטעליגענץ, פּראָפֿעסאָרן און געלערנטע. געווען דאָרטן אויך מיליטערישע פּאָליטרוקן. די אַלע האָבן באַקומען פֿון 10 ביז 15 יאָר, און זעלטן ווער ס׳האָט געקענט געניי דערקלערן, פֿאַר וועלכע זינד ער איז פֿאַראורטיילט געוואָרן. זיי זיינען געווען איבערראַשט הערנדיק פֿון אונדז ווי אַזוי מ׳לעבט אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וועגן דער פֿרייהייט זיך צו אָרגאַניזירן, צו שטרייקן, פּראָטעסטירן א. ד. גל. איך האָב פֿאַר זיך געזען מענטשן, וואָס האָבן טיף געגלויבט אין דער סאָוועטישער אָרדענונג און גערעכטיקייט, און זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף לאַנגע יאָרן שקלאַפֿעריי.

דאָרטן, אין דעם ערשטן עטאַפּ פֿון מיין פֿאַרשיקונג, אין דער „רויטער עטאַפּן־טורמע", האָב איך אָנגעהויבן זען מיט אָפֿענע אויגן די סאָוועטישע ווירקלעכקייט.

איך האָב געזען די טויזנטער מענטשן, אָרנטלעכע און רואיקע בירגער, גוטע קאָמוניסטן, וועלכע מ׳האָט אויפֿגעוועקט אין מיטן דער נאַכט, אַוועקגעריסן פֿון זייערע היימען און משפּחות, און אָן קיין שום שולד, אָן אַ פֿאַרוואָס און אָן אַ פֿאַרווען אַרעסטירט, כדי נאָך לאַנגע חדשים סתּם־אַרעסט פֿאַרשיקן זיי אויף לאַנגע יאָרן — אָן אַ משפּט און אָן אַ וועלכער ס׳איז גערעכטלעכער פּראָצעדור.

און שפּעטער בין איך געווען אַן עדות און אַ קרבן פֿון דער „איבערדערציאונג", איינער פֿון הונדערטער טויזנטער געטריבענע און געפּלאָגטע אין די לאַגערן, וווּ מען אַרבעט פֿון פֿינסטער ביז פֿינסטער און מען לעבט אין די שרעקלעכסטע אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען. דאָרטן באַקומט מען אַזאַ „דערציאונג", אַז מען פֿאַרגעסט אַמאָל, צי מ׳איז אַ מענטש, אָדער גאָר אַ חיה.

זעלטן ווען ס׳קען אויסהאַלטן ביזן סוף פֿון פֿאַרשיקונגטערמין אַן איידעלער און אינטעליגענטערער מענטש. ס׳הערשן איבער אים — מיט שנאה, זידלערייען און קלעפּ — געוועזענע קרימינעלע פֿאַרברעכער.

אויך פֿון אונזערע סלאָנימער פֿאַרשיקטע איז דער גרעסטער טייל אומגעקומען ערגיץ אין די ווייטע שקלאַפֿן־לאַגערן און טורמעס פֿון סטאַלינישן רעזשים.

און מיר, די ווייניקע לעבן־געבליבענע סלאָנימער, וואָלטן ניט אויסגעהאַלטן ביזן סוף פֿון אונזער „איבערדערציאונג", ווען ניט דער שיקאָרסקי־סטאַלין אָפּמאַך, וואָס האָט אַמנעסטירט אַלע פֿאַרשיקטע פּוילישע בירגער.

מ׳קען קיינמאָל, ביז צום לעצטן טאָג ניט פֿאַרגעסן אַזעלכע איבערלעבענישן, פּונקט ווי מ׳קען פֿון האַרצן ניט אַרויסרייסן דעם אָנדענק פֿון די נאָענטע, מאַרטירער און קדושים.

א. ר. בת־רחל

מוורשה לסלונים, מסלונים לסיביר

לקדושי, אשר לא אשכחם

לא קבר לכם, מצבה לא הוצבה שם מאבן,
ולא נחרתו אותיות בה, זהוב על שחור,
אשר תספרנה את זכר השוד והשבר,
אבות לבנים ימסרוהו מדור אלי דור.

נזרו עצמותיכם לארבע רוחות השמים.
מכל יקרי אף אחד, אף אחד לא שרד.
אָרור הרוצח, לשמו המקולל שבעתיים,
אבות לבנים יורישו שנאה עדי עד.

לכם, יקירי, מצבה בלבי הקימותי
ואותיותיה רקמתי בדמע ודם.
מצבת יגון, וזוהרת באור־נגוהות היא,
אבות לבנים ינחילוה לזכר עולם.

השעה היתה דחוקה, הקרקע בערה מתחת לרגלינו. באותם ימי חורף כבר שכך גל הבורחים לתחום הכיבוש הסובייטי. הגבול הגרמני־רוסי נשמר בקפדנות ורק מעטים העיזו לעבור אותו בדרכי מחתרת.

אחרי שיקולים רבים החלטנו שתינו, אחותי ואני, להסתכן ובלי שהיות נוספות לעבור את הגבול ולהגיע לסלונים כנשים אריות. המכתבים שאחותי היתה מקבלת מבעלה, אחד מראשוני הבורחים מוורשה לסלונים, היו מלאי התלהבות מהמשטר החדש שהביאו אתם הרוסים. לנו, לנרדפים כחיות בכיבוש הגרמני, היו אגרות אלו מקור של עידוד. גיסי, שהאמין בכל נימי נפשו התמימה באידיאה הקומוניסטית, הרגיש עצמו מאושר בסלונים של ימי־הכיבוש הרא־שונים. מכתביו שיקפו בתוכנם ובסגנונם את האושר הרב שאפף את כותבם ונדבק גם בנו, בקוראות הנאמנות שלהם. הם היו כתובים באותיות זערוריות, ככתב־סתר, אך מכל מלה זרם כמו ממבוע עידוד מנחם ומשכנע, שחדר אף ללבם של אנשים בעלי השקפות הפוכות מאלו של כותב־האגרות. העיר סלונים, תושביה וסדריה החדשים תוארו בעטו ככלת־חן כלילת יופי. לתיאוריו היה הגיס מוסיף שידולים לבוא אליו מיד, ואף עשה מצדו מאמצים להבאת אשתו וילדתו אליו.

לדאבון לבנו ידענו, אחותי ואני, מה רב יהיה שברו כאשר לא יוכל עוד לחבק את ילדתו הקטנה ולשיר לה אחד הלחנים האהובים עליה. קארוסיה הקטנה לא היתה כבר בחיים. וזו גם היתה הסיבה העיקרית, שאחותי התמהמהה ולא נחפזה לבוא אל בעלה — בלי הבת.

— „לא אסע בלעדיך" — היתה אומרת לי — „לא יהיה לי הכוח הנפשי להסתכל בעיניו ולאשר את הידיעה האיומה. אַת היחידה שתוכלי לעזור לי. בואי, בואי, תסעי אתי יחד".

אחרי מות ילדתה נקשרה אלי יותר מקודם, ראתה בי אחות וחברה, הכואבת את כאבה. הלכתי ברגל מוורשה המופצצת עד לאוטבוצק עיר־הקיט, שם מתה הילדה. כשנתקבלה הידיעה על האסון לא יכולתי להישאר מרחוק, מיהרתי לחבק ולנחם את אחותי האומללה. הבאתיה אתי לוורשה, שעמדה בלהבות המלחמה. מאז לא נפרדנו אשה מרעותה. והיא, הגדולה והחזקה ממני, טיפלה בי כאם בבתה. גרתי בדירתה עד ליום צאתנו את וורשה.

ברכבת אל הגבול

סוף־סוף החלטנו לצאת לדרך ולחתור לסלונים. היה זה בראשית ינואר 1940. אחרי פרידה דרמטית מכל הידידים ובני המשפחה, הורדנו מעלינו את „סימני־ההיכר" היהודיים, אות מגן־דוד שכבר הונהג בוורשה בפקודת הנאצים, ובלוויית גיסתה של אחותי, בעלת מראה ארי מובהק שצריך היה לחפות עלינו, יצאנו בכרכרה לתחנת־הרכבת.

גם אחותי יכלה להופיע כגויה ממש. בלונדית היתה, על צווארה ענדה שרשרת עם צלב ומידיה לא הוציאה את ספר־התפילות הקתולי. לעומתה הייתי אני „היהודיה שבחבורה", גם לפי מראה פני וגם לפי בורותי המושלמת בהצלבת זרועות ובאמירת תפילות בעל־פה. אחותי ניסתה להסוות איכשהו את יהדותי הבולטת לעין, אך לא הצליחה. אמרתי לה: „לא יעלה בידך לעשות ממני גויה. לא נשאר לי אלא לסמוך על אלוקיו של ישראל־סבא". נוסף לבטחוני בצור ישראל בטחתי גם בתעודת־הזהות שלי, שבו רשומים היו שם בעלי ושמי — שניהם בעלי צליל לא־יהודי. בעמודת ההשתייכות הלאומית לא נכתב שם, לאשרי, דבר.

פעמים אחדות עצרו גרמנים את כרכרתנו. „היר זינד קיינה יודינס" — ענינו בקול רם לשאלתם הטרדנית, אם אין יהודיות נוסעות בכרכרה על פני רחובות העיר. בקריאותינו אלו ניסינו לחפות על פחדנו מול משמרות המשטרה הגרמנית. אני נתקפתי בגלי חום וקור לסירוגין באותה נסיעת־אימים על פני וורשה ההרוסה והרמוסה, ואחותי לא יכלה להתגבר על רטט שפתותיה. היתה זו גיסת אחותי, הארית לפי מראיה, שישבה בשקט מופלא, ורק הודות לקור־רוחה הצלחנו סוף־סוף להגיע לתחנה.

לפני הכניסה לקרון לחשתי לאחותי: „זכרי היטב, ברכבת אנו זרות אחת לשניה. שלטי ברוחך, גם אם יורידו אותי כחשודה מן הקרון. לי לא תוכלי לעזור, ולך מחכה בעלך, נחום, בסלונים". ראיתי את פניה המפוחדים וניחמתיה: „יהיה טוב, אל פחד. רק אל תשימי לב אלי". זוכרת אני משפט אחד שלה: „לא אחזיק מעמד, אם הם יקחו אותך ממני".

בקרון התישבה אחותי ליד גיסתה, ואני תפסתי מקום ממולן, בשכנותם של שני פולנים שהתווכחו בערנות.

הרכבת זזה. הנוסעים הצטלבו, ואתם גם אחותי וגיסתה. ידי היו רתוקות לברכי כמשותקות. תפסתי את מבטה המוכיח של אחותי, השבתי לה ברמיזה קלה בעיניים והשקעתי עצמי בפינה ובהרהורים. האסון הגדול שפקד את פולין פגע בראש וראשונה בנו, ביהודים. משטר של עלבונות ורדיפות הושלט בוורשה, וקרבנותיו הראשונים היינו אנו. ובכל־זאת לא רציתי כל הזמן לנטוש את בני־משפחתי, עד אשר הגיעני הפתק הצהוב הקטן מאדזיה ר., קרובתי מסלונים, ובו שני משפטים: „השתדלי להגיע אלינו. בעלך נמצא בצד שלנו". פתק זה הוא שהכריע את הכף וגמר עם ההיסוסים הממושכים. ועכשיו מוצנעת כאן בפינת הקרון, טוויתי חלומות־פז על עתידנו הקרוב בסלונים. בעל אחותי מהנדס היה, בעלי — רופא, שניהם בוודאי יסתדרו בלי קושי בסלונים הסובייטית. נוסף לזה סמכתי גם על כוחותי ויכולתי אני.

הרכבת המשיכה בנסיעתה, ואני — בהרהורי. זוכרת אני, כיצד רקמתי לפני הורי וקרובי את חלום העתיד המזהיר בסלונים. הייתי בטוחה והבטחתי, שאם רק נסתדר, נדאג להביאם אלינו, כדי שנחיה יחד, רחוק מצפרני הגרמנים. הורי חייכו למשמע דברי, וקשה היה לדעת, אם אנשים בעלי־נסיון אלה מחייכים מתוך הסכמה, או מתוך מנוד־ראש על חלומותיה של בתם.

נזכרתי שוב ושוב בפרידתנו הממושכת והדרמאטית. ושוב תקף אותי רגש של אשמה, מחדש נתעורר קול בקרבי: „אַת בורחת אל האושר שלך, של אחותך, ומשאירה בצבת היגון הורים, קרובים, יקירי־נפשך. אַת השארת אותם, חסרי אונים ועצה, לגורלם הבלתי־נודע"...

הרכבת האיטה מהלכה. חנקתי דמעותי בגרוני, שיני ננעצו בשפתותי עד דם. הנצליח להביא אלינו, לסלונים, את ההורים הזקנים? שקעתי במחשבות מרות אלו ולא הרגשתי בעצור הרכבת, עד שהגיעוני דברי שכני: „הגרמנים נכנסו לקרון, בוודאי תהיה בדיקה..." הסתכלתי לעבר אחותי, היא היתה חיוורת כסיד. לפתע אפפני גודל הסכנה, הלב נצבט בחזקה. נשמעת כבר שעטת מגפיהם וקולם הצרוד מגיע לתאנו. בזה הרגע נקרעה האפלה בסילוני פנסים.

קשה לזכור פרטי בדיקה זו, הכל היה כחלום בלהות. מהדהדות בזכרוני הצעקות: „היכן כאן היהודים הנוסעים בלי רשיון". זוג עיניים רצחניות ננעצו בפני: „אַת יהודיה? אַת מכחישה זאת, ובכן, תראי תעודותיך". מניין היה לי האומץ לחייך, אפילו לצחוק. הדבקתי בצחוק זה את הגרמני שבדק ניירותי, השיבם לי והרעים קולו: „חה־חה־חה, גברת נכבדה, חשבתיך ליהודיה"...

נגמרה הקומדיה, סילון האור כבה והגרמני הכרסתן יצא מן התא. באפלה הבחנתי בפני השכנים מעין אכזבה מסיום „ההצגה". ממבטיהם ראיתי, שהם יודעים היטב מי היא „השחקנית" הזאת שלידם. שוב הפניתי עיני לאחותי — פניה עדיין היו חיוורים וכולה רעדה.

לאחר שיצאנו מהקרון והיינו שוב יחד חיבקה אותי, נישקה והפטירה בהתרגשות: „אני מאושרת, שאנו שוב יחד".

את הדרך ממלקיניה לזארומב עשינו ברגל. שכרנו לנו פולני כמורה־דרך, שהתחייב תמורת סכום הגון להביא אותנו לביאליסטוק.

בנדודים ובכלא

שמענו לפני כן על הסכנות האורבות לפליטים בגבול הגרמני־סובייטי. בגילוי מבריחי־הגבול הצטיינה במיוחד המשטרה הרוסית, שהיתה תופסת את הפליטים ומחזירה אותם לתוך שטח הכיבוש הנאצי.

הלכנו עטופות בגד על גבי בגד ועל שכמנו ילקוטים גדושים וכבדים. צעדנו וצעדנו שעות, עייפות, רעבות ומפוחדות. הבהילונו כל צליל זר, כל גזע עץ וכל שיח. חצינו שדות וחורשות, בחפשנו את הדרך. מורה־הדרך שלנו היה עצמו במבוכה, הוא תעה ולא מצא את השביל הנכון. מדי פעם נותקנו אחת מהשניה בחשכת הלילה, התרכזנו מחדש בשריקה קצרה. שרכנו דרכנו בשארית הכוחות.

באפלה שאפפה אותנו נעלם מורה־הדרך, עם חפצינו יחד. לאן נלך עתה? באיזה כיוון? עמדנו בלב שדות לבדנו. מרחוק הבהב אור חלש ופיתה אותנו ללכת אליו. הודעתי לשתי חברותי שאני מתכוננת להגיע למקום המואר. שתיהן כאחת התנגדו, טענו שאני מטורפת, מחפשת את האסון והולכת מרצון לידי שומרי־הגבול הרוסיים. אמרתי להן: „אינני רואה מוצא אחר. בין כך ובין כך ניפול בידי הרוסים. בקור כזה, בלי אוכל לפינו, לא נחזיק מעמד בשדה הפתוח. יהי אשר יהיה". ממרחק־מה צעקתי עוד לחברותי: „אם לא אחזור תוך שעתיים, סימן שנפלתי בידי השוטרים. ואז אל תחכו, הימלטו לנפשכן"...

הדרך היתה ארוכה בהרבה משהיה נדמה לי מרחוק. מעייפות הייתי כושלת ונופלת, מתרוממת בקושי וצועדת הלאה. סוף־סוף הגעתי לבית הקטן, דפקתי בדלת. „מה הגורל המצפה לי מאחורי דלת זו?" — הרהרתי בלבי, כששמעתי צעדים מתקרבים מבפנים.

הדלת נפתחה לרווחה, לפני עמד בן־אדם צעיר, לבוש מדי משטרת־הגבולות. ביקור־הלילה שלי הפתיע אותו מאד, הוא הביט בי בעיניים פקוחות ותמוהות: „איזו צפור־לילה משוטטת כאן? נו, היכנסי, התקרבי וספרי־נא מי אַת ומניין הגעת"...

הוא הגיש לי שרפרף וביקשני לשבת. צנחתי עליו בכל כובד עייפותי, לשוני נדבקה לחכי. ראשי הסתחרר, פחדתי שמא אתעלף וביקשתי קצת מים. גמעתי גמיעות גסות וכל הזמן ראיתי את מבטו הנעוץ בפני. לא מצאתי מלים בפי, כל הנאום הנמלץ, שהכינותי בהשתרכי בחשכה אל הבית המואר הזה, התנדף כלא היה. וכאן עמד עלי האיש וחיכה להסברותי. בקושי פתחתי פי וסיפרתי לו, שתעיתי בדרך. הייתי אצל קרובים, אמרתי לו, ורציתי לחזור הביתה. לא, לא, אינני פליטה מפולין — הכחשתי בתוקף, אבל קולי הרועד ושפע דברי לא שיכנעו אותו. ערבובית המלים הפולניות והרוסיות גילתה לו את האמת. נשתתקתי ולא ידעתי מה להגיד עוד.

חוקרי הסתכל בי בחיוך ערמומי ובסוף פרץ בצחוק רם. דיבורו היה חם וחברי, וזה הניעני לספר לו את כל האמת. סיפרתי לו את קורות החדשים האחרונים ומה שהביא אותי לגבול. הוא שמעני ברצינות־יתר ורק הפטיר מדי פעם: „כן, כן, ככה, זהו זה..."

קולו עודדני, התרתי כמה מבגדי והוצאתי את האוצר היקר שלי, את תעודת־הרופא של בעלי. הראיתי לו גם חוברת על נושא פרמקותרפי, שבעלי הוציא בדפוס בשנת 1939. העמדתי לפניו שני בקבוקונים עם התרופה שהומצאה ע"י בעלי, סיפרתי לו, שאמצאה זו חשובה מאד ונועדה להבטיח לבעלי תהילה והכנסות. דיברתי ודיברתי ברוסית הנלעגת שלי, כדי לשכנע שבעלי ואני הננו אנשי האינטליגנציה העובדת, ואני רוצה עכשיו להגיע אליו, אל בעלי, כדי יחד אתו להתחיל בחיים חדשים במשטר הסוציאליסטי החפשי, שאין בו שנאת יהודים וכו' וכו'.

הוא שמע אותי בעיון. פניו היו נעימים. תגובתו היתה כל כך חמה, שלרגע חשבתי כי גם הוא יהודי. סוף־סוף אמר:

„כמובן, כמובן שככה זה. ועתה תגידי לי, יקירתי, כמה ברחו יחד אתך מוורשה?"

לא ידעתי כיצד לנהוג, האם לגלות לו את האמת ולסכן גם את הנפשות הקרובות לי, למסור אותן בידי איש זה, שכבר כיניתיו בלבי „מציל נפשי", בלי לדעת אל נכון, אם ינהג בהן ברחמים או ימסרן לגירוש אל מעבר לגבול. החלטתי להודיע לו, שאני לבדי ואין איש אתי, אך בזה הרגע נכנס, ללא דפיקה בדלת, חוקר שני, ניגש אל הצעיר ושניהם פתחו בשיחת־לחש מהירה. רציתי לתפוס כמה מלים משיחתם, הבינותי רק, שהמדובר הוא בפליטים שנתפסו. על השולחן הונחה רשימה של שמות. אולי בתוכם גם שמות חברותי לנדודים?

עמדתי כנדהמת, כשהצעיר פתח פיו, עם צאת החוקר השני, ואמר לי בטון חגיגי: „ובכן, אזרחית, ניאלץ להחזירך לידי הגרמנים. חבל, חבל, אבל אין ברירה. איחרת קצת, עכשיו הגבול סגור ומסוגר. ועל נסיונך לעבור אותו בלי רשות נושיב אותך בכלא".

אמר מלים אלו בלי להסתכל בפני. עילעל ניירות בידיו ולפתע קם, פתח את הדלת וקרא אליו שוטר. הסתכלתי בפניו של זה — איזה פרצוף מתועב! כשבאתי אל הבית הזה לא נתקלתי בנפש חיה, מניין באים עכשיו כל האנשים הללו? נאנחתי מרה, התיפחתי, רציתי לבקש עלי רחמים, אבל „מציל נפשי" כבר נעלם מהחדר והשוטר ניחמני בקולו הצורמני: „אל תבכי, אזרחית. בכלא שלנו לגמרי לא רע. עוד תיפגשי שם עם מכירים שלך, תראי".

הוא הרגיזני ועורר בי בחילה בדיבוריו. הייתי כולי פקעת של עצבים. הגעתי סוף־סוף לבית הכלא, שלא עשה כלל רושם של בית־אסורים, אלא דומה היה לפונדק־דרכים. לא הספקתי לעבור את מפתן הבית, ומצאתי עצמי בחיבוקיה של אחותי. „גם אַת נתפסת ?" שאלתיה, ומולנו עמדה גם גיסתה.

המצחיק בכל הרפקת־גבול זו היה מאסרו של מורה־הדרך שלנו, שנחשד כגנב. חפצינו שנמצאו אצלו הוחזרו לנו.

מחושך — לאור

לא אספר בפרוטרוט, כיצד הצלחנו בכל זאת להגיע לביאליסטוק. הימים שבילינו בעיר זו נראים לי עד היום כימי־חג. אינני יכולה לשכוח את השמחה הרבה שמילאה את כל ישותי, הרגשתי כאדם היוצא מחושך לאור גדול.

בביאליסטוק נפגשו מאות פליטים, ביניהם מכירים רבים שלנו. דיברתי על לבם שיסעו אתנו לסלונים ושם יסתדרו. אחותי לא פעם הצטערה בשמעה את דברי, ואמרה לי: „אינך יודעת עדיין בעצמך, מה מצפה לך בסלונים, ואֵת מפתה אחרים שילכו בעקבותייך"... בכל זאת עמדתי על כך, שאקח אתי את גיסי הצעיר, מנהל־חשבונות שפחד מקשיי הלשון החדשה ולא היה בטוח בסידורו בעבודה. לא פעם הביע חרטתו על שעזב את וורשה ויצא אל הבלתי־נודע. גיסי השני, אחי בעלי, עורך־דין מלודז, היה מלא תקוות והחליט לנסוע לברנוביץ, אל קרובי משפחת אשתו, ולקבל כל עבודה שהיא, מתוך בטחון בעתיד.

עברו עלי ימי־חופש בביאליסטוק. יצאתי מהכלא אל הדרור. הרחובות המו מרוב אדם. אנשים עסקו במסחר, עשו עסקים גדולים, נראו כצפרי־דרור לעומת המוני היהודים בוורשה הכבושה, שהיו צובאים מדי פעם על מודעות הגיסטאפו עם גזירותיה החדשות לבקרים. שם הילכו אימי־מוות ברחובות, וכאן היה חופש מלא.

ורק אחותי היתה מעירה מפעם לפעם: אני בטוחה, שגן־עדן זה לא יימשך הרבה. הבולשביקים התירו את הרצועה, כדי ביום מן הימים לתפוס את כל הסוחרים ב„ווייכע און האַרטע" (בדולרים ובמטבעות־זהב). ואילו אני סונוורתי מהחופש הגדול ולא שעיתי לאזהרותיה של אחותי בעלת־הנסיון המפוכחת.

אחותי האומללה! ככל שקרבה שעת נסיעתנו לסלונים, גברה סערת־רוחה, היא היתה שוקעת ביגון ועצביה היו מרוטים לקראת הפגישה עם בעלה, לקראת בשורת האסון שעליה להביא לו על מות בתם היקרה.

גם אני חששתי מרגע הפגישה, ובכל זאת, כשירדנו מהרכבת וצעדנו עם חבילותינו ברחובות המושלגים של סלונים, הייתי מלאה אומץ ותקוות לעתיד יפה. תכניות שונות תיכננתי בכל שעות הנסיעה ובזמן לכתנו אל בית ר., קרובי משפחתנו.

לא ראיתי ברחובות סלונים את ההמולה העליזה ששררה בביאליסטוק. העיר היתה שקטה, שותקת, רצינית ושקולה. גיסי הצעיר, איש הכרך שבא לראשונה לעיר־ספר קטנה כסלונים, לא הפסיק בשאלותיו על דא ועל הא, אך לא בכל יכולנו להרוות את סקרנותו. ניסינו לשוחח עם כמה מאנשי העיר שנפגשו לנו בדרכנו, אבל תשובותיהם היו קצרות ומתחמקות. במבטים שונים נתקלנו, מי שהסתכל בנו בידידות וברחמים, מי שהיה אדיש למראנו ומי שעיניו הביעו רוגז על הפליטים הנוספים המגיעים לעיר.

אכזבה ראשונה חיכתה לנו בשער ביתו של קרובנו ר. נמסר לנו, שהמשפחה הועברה לדירה קטנה יותר, ברובע צדדי. בת־אחותנו רבקה ש. קיבלה אותנו בחמימות יתר, אבל לא יכולנו להישאר אצלה, מאחר שבדירתה שוכנה גם פקידה סובייטית. מתשובותיה למדנו, שלא הכל כשורה וש„נבין פשר הדברים אחרי זמן־מה".

לפנות ערב הלכנו למשפחת ח. ר. קרובינו. חשתי עצמי אשמה על הביאי אתי את גיסי הצעיר. ראיתי, כי לא קל הדבר למצוא קורת־גג לכולנו בסלונים הגדושה פליטים מפולין ופקידים מרוסיה. התנחמתי, שמעמסתנו תוקל במקצת, לכשתצא לדרכה גיסת אחותי, המתכוננת לחזור לוורשה, כדי לסדר את ענייניה ואחר־כך לבוא אלינו. אשה אמיצה זו יצאה אתנו מוורשה רק כדי ללוותנו עד התחנה, אבל בראותה את פחדי אחותי הצטרפה אלינו במסענו הקשה והגיעה אתנו עד למחוז חפצנו.

בזהירות הקשנו בדלת דירתם של קרובינו. המשפחה היתה כולה בבית, נעדר רק גיסי, בעל אחותי. הוא נסע לימים מספר כאילו לסדר עניינים, אבל הנכון היה, שרצה לחזק את לבו לקראת פגישתו עם אשתו, לאחר שהגיעה אליו הידיעה על מות בתם הקטנה.

משפחת ר. גדלה עם שובו של בנם מלימודיו באיטליה. משפרצה המלחמה נחפז להגיע אל משפחתו ולהיות אתה יחד בימים גורליים.

עד שעה מאוחרת בלילה עבר עלינו ביקורנו הראשון בבית ר. בשיחה ערה על המשפחה משני עברי הגבול. בערב הראשון לא שמענו מאומה מפי ראש המשפחה על קשיים עם בוא המשטר החדש. הבן הצעיר לא סבל טענות, ולו גם קלות ביותר, נגד המשטר הקומוניסטי, שבו האמין בכל נפשו. רק לאחר ימים שמענו פרטים על הסדרים בעיר, על היחס לאַנשי המסחר הזעיר, לעסקנים שונים, על התנהגותם של פקידים, של קומוניסטים ותיקים. למרות הביקורת שמתח על סדרים אלה, הוסיף ח. ר. לעשות במסירות את שהוטל עליו בעבודתו, פיקח על הבנייה והיה מלא תכניות.

המציאות החדשה

עברו ימים ושבועות, חיינו הסתדרו איכשהו ולבשו צורה סדירה ומציאותית.

באו זמנים שבהם הפסיקו תושבי העיר להעלות בזכרונם את ההתלהבות בה נתקבלו הטנקים הסובייטיים. הקומוניסטים עצמם, מצילי סלונים, נלאו מדיקלום נאומיהם המבטיחים לאוכלוסיה התמימה של העיר. הקצינים והפקידים שהגיעו מרוסיה עסקו בקדחתנות בקניות מכל הבא לידיהם.

גם התושבים למדו לקח ואגרו מיצרכים שונים. אחותי עסקה בזה בלהיטות, ניסיתי לשכנעה שלא יחסר לנו דבר, אבל היא עסקה בשלה, לא האמינה שכמות המצרכים תחודש — וחיש מהר נוכחתי, שהיא צודקת.

לא מצאתי עבודה והרגשת אוכלת־חינם הכבידה עלי. אחותי היקרה הסבירה לאנשי המשפחה, שעלי להסתגל לשפה החדשה, לסביבה, לאנשים.

אחד מעסקניה המסורים של סלונים, ד"ר קוברסקי, השתדל למעני ברצותו לסדרני בבית־חולים כאחות דיאטטית. לא רציתי שבגללי יחריפו יחסיו עם רופאים אחרים ולא קיבלתי עבודה זו. בסופו של דבר סודרתי כמזכירה ראשית בקואופרטיב חדש, שמנהלו עשה עלי רושם של טבח זולל וסובא. ביום הראשון לעבודתי הזמינני לבית־קפה, משסירבתי לו נתמלא תמהון. סירוב שני עורר בו רוגז. עד שביום מסויים בא למשרד, הפסיק את עבודתי ופתח בשיחה ערה וחשודה על נושאים פרטיים. סיפר תחילה על חייו בברית־המועצות ותבע ממני שאספר על חיי.

לא ידעתי מהי מגמת שיחתו הגלויה והפתאומית, אך בשטף הדיבור סיפרתי לו על בעלי, שהיה בעל דרגה בצבא הפולני. הבחנתי מיד בשגיאתי, ניסיתי להסביר למנהל, שמעמדו כרופא מקנה לו דרגה בצבא וכו' וכו'. בסופו של דבר הפטיר: „אל תצטערי, נשתדל למצוא את בעלך".

לאחר שיחה זו לא מצאתי לי מקום מנוחה. הייתי מדוכאת ומעוצבנת. לא סיפרתי לאיש את סיבת דכאוני ורוגזי. בדיתי מלבי תירוצים וסיבות להסברת מצבי הנפשי.

הרביתי להיפגש עם הפליטים הרבים שמילאו את סלונים, התגוררו באשר סודרו, בבתים פרטיים, בבתי־כנסיות, בבניינים ציבוריים ואף בחנויות. רק מעטים מהם, הקומוניסטים שמצאו במשטר את מימוש חלומותיהם, הסתגלו למצב החדש וראו עצמם סלונימאים לכל דבר. הרוב הגדול, בעיקר האינטליגנציה, שהגיעה לסלונים בלי המשפחות, היו שרויים בדכאון. כל מכתב שהגיע בדרכים שונות מבני המשפחה בפולין הוסיף מכאוב על מכאובם, וידם קצרה מהושיע ליקיריהם מעבר לגבול החסום. זמן־מה השלו עצמם בתקוות, שהנה ייענה הסובייט העליון לבקשתם לאיחוד המשפחות, ואפילו הגיעו ידיעות על נכונות השלטונות הנאציים לשחרר מבין צפרניהם את נשי הפליטים וילדיהם. מיום ליום פחתו הסיכויים להצלת המשפחות מהתופת הנאצית.

חוויות אלו עברו גם עלי, ניסיתי לעשות משהו להצלת הורי, אבל העליתי חרס בידי.

כל זה היה כאין וכאפס לעומת הגיהינום שפער את דלתותיו לפני אלפי הפליטים עם הכרזת מיפקד האוכלוסיה לשם קבלת אזרחות סובייטית. מי שלא הסכים לקבל נתינות רוסית יוחזר לידי הגרמנים — היה לשון ההודעה.

גם בביתנו החלו ההיסוסים לכרסם בלבנו. אני וגיסי מוכנים היינו ליהפך לאזרחי בריה״מ, אבל אחותי לא פסקה לעצרנו, בטענה שצעד זה מנתק את חוט־התקווה הקושר את ההורים אלינו. נסעתי להתיעץ עם גיסי העורך־דין בברנוביץ, ואף הוא אמר, כי אין ברירה ומוכרחים להישאר במקום, לא לחזור לכיבוש הנאצי. בנסיעתנו חזרה למשפחותינו לא נושיע להן במאומה.

ובכל זאת אינני יכולה לשכוח את מבטה המוקיע של אחותי, בו פגשה אותי בשובי מלשכת־הרישום, לאחר שהצהרתי על רצוני לקבל נתינות סובייטית. בכלל היו אלה ימים מורטי־עצבים לכל האוכלוסיה היהודית בעיר.

זיק אור בקע דווקא באותו זמן והגיע אלי, בהאירו באור־נגוהות את חשכת המצב נטול־הסיכויים: קיבלתי מכתב קצר מבעלי. משנודע לו מקום מגורי כתב לי מלים ספורות, הזכורות לי עד היום: „יקירתי, קשה לתאר את אושרי מאז נודע לי מקום מגוריך. חכי לי, אחזור בקרוב ונהיה המאושרים באדם. שמרי על בריאותך״.

הבשורה — והגירוש

גילוי מקום הימצאו של בעלי היה אחד המיבצעים הקשים והרציניים בחיי. כמה מחשבה ומרץ, כוח־אמצאה ועקשנות השקעתי, עד שנודע לי היכן הוא נמצא. במקרה הגיעתני ידיעה, שבעלי שרוי במקום מסויים יחד עם ד״ר רודזקי, ידיד יהודי סלונים. אשתו, שנשארה בעיר, לא הצטיינה באהבה יתרה לבני דת משה, ובכל זאת נקשרו בינינו יחסים הדדיים וכל אחד מבעלינו היה במכתביו מוסר ד״ש מחברו.

אחרי זמן־מה נפסקה כחתף חליפת המכתבים ביני לבין בעלי. גורל דומה פגע בזוג הרודזקים. ביום א׳ בשבת, בשעות אחרי הצהריים, נכנסתי לבית הגברת רודזקי, לשאול אולי נתקבלה ידיעה כלשהי מבעלה. מצאתי אי־סדר בדירתה, הכל היה הפוך, על השולחן עמדו ארוזות חבילות אוכל, צנצנות של מרקחת, ילקוטים עם בגדים. למבטי התמוה ענתה האשה בחיוך ערמומי וקירבה אצבעה אל פיה: ש־ש־ש־ש.

כעבור דקות מספר אמרה לי: „אני מתכוננת לברוח עם בני מכאן לוורשה ולוקחת אתי קצת אוכל לזמן הראשון״...

בשטף הסברת צעדה זה הוסיפה, כי היא חוששת אם תספיק להתחמק מכאן לפני שאנשי נ. ק. וו. ד. יבואו להגלותה לסיביר. עדיין לא ידעתי למה היא מתכוונת, כל כך שקועה הייתי בימים האחרונים בענייני הנתינות ובדאגה להפסקת הקשר עם בעלי, ששמץ משמועות אלו לא הגיע לאזני. היא סיפרה לי, כי השלטונות הרוסיים מסיימים גירושם של ה„אוסדניקים״ (המתישבים הפולניים בשטחי הספר) לסיביר ומיד אחרי זה יגרשו שמה את נשיהם של הקצינים הפולניים. „מכל מקום — ייעצה לי — היי מוכנה לגירוש לסיביר״...

השם עצמו עורר צמרמורת בגופי. שמעתי אמנם לאחרונה על גירושים אכזריים של פולנים, ציונים ועסקנים אחרים, אבל לא חששתי אף פעם לעצמי. „מה אַת חושבת? — הוסיפה האשה הדברנית — לנ. ק. וו. ד. אין אינפורמציה מלאה עליך? אל תקוו מהם לרחמים או לטובה״.

מבוהלת ומפוחדת חזרתי הביתה וסיפרתי לקרובי כל מה ששמעתי. הם לעגו לפחדי בטענה, שגב׳ רודזקי האנטישמית רוצה סתם־ככה להפחידני ושאין לי כל יסוד להתעצבן ולחשוש.

התחלתי ביתר עיון להסתכל בנעשה סביבי. קלטתי כל ידיעה וכל שמועה. שמעתי על משלוחי־הגירוש הגדולים, שנ. ק. וו. ד. הצליחה לארגנם בשעות־לילה ספורות. ידעתי על הגלייתם של פולנים ויהודים מחוגים שונים ומנוגדים והתחלתי אפילו להאמין לשמועה, כי הפליטים שנרשמו להחזירם לשטחים הגרמניים יוגלו לסיביר „לחינוך מחדש״ במחנות־עבודה ענקיים.

ואז הגיע ה־12 באפריל 1940. בלילה ההוא גורשו כאלף איש בקרונות נעולים מסלונים לערבות רוסיה. היה זה אחד המיבצעים „המזהירים״ של הנ. ק. וו. ד., שהצליח להוציא ממיטותיהם מתוך שנתם הערבה, אלף איש, לרכזם בתחנות־מספר ומשם להובילם לקרונות־המשא, למסע הארוך אל עומקי רוסיה.

בערב ישבו בביתנו אורחים עד שעה מאוחרת, ובשביעות־רצון שכבתי לישון כדי לנוח ממריטת־העצבים של הימים, המאורעות והשיחות. לנתי אותו לילה בבית אחותי. חלום מבעית חלמתי, והנה תוקף אותי כלב מטורף באמצעיתו של שדה נרחב. ראיתי בבירור את שיניו החדות ועיניו הבוערות. הוא מתנפל עלי, ואין לי כוח להתנגד ולהילחם בו. צעקתי צעקה מרה — והתעוררתי. בו ברגע נשמע צלצול חד וממושך בדלת הכניסה. מיד הבינותי, שככה מצלצלת רק המשטרה. נשמע טרטור שני, חזק מהראשון — מישהו פתח את הדלת. „אירקה! נחום!״ — זעקתי לעבר אחותי וגיסי — „באו לקחת אותי. הנה הם כבר באים!״. שניהם התעוררו ואחותי הספיקה להגיד לי: „יש לך מה להסתיר? מהרי!״ ישבתי במיטה רועדת כקודחת. נזכרתי בתעודות בעלי, הספקתי עוד להחביאן מתחת לכר — כשמישהו דפק בדלת שלנו וציווה לפתוח אותה.

שני אנשי נ. ק. וו. ד. נכנסו לחדר. שאלו לשמי ואחד מהם פתח בקריאה פתטית של כתב־אישום, הקובע, כי בעלי הוא קצין בצבא זר, ועל כן אני נאסרת... תוך שעה קצרה עלי להיות מוכנה לדרך.

— „לאיזו דרך? לאן תובילו אותי״ — שאלתי.

— „אל בעלך״ — ענה באדיבות הנשאל.

ידעתי שהוא משקר, אבל לא היה טעם לבקש הסברים נוספים, להתחנן, להתעקש. הרגשתי עצמי נרמסת כתולעת, לא הוד־אדם ולא כבוד־אדם לי בעיני „שומרי־חוק״ אלה. ובכל זאת ניסיתי להגיד לו, שבאתי מרצוני הטוב לביילורוסיה הסובייטית, שנרשמתי לקבלת אזרחות סובייטית, שהנני אשה עובדת ונאמנה למשטר ועוד מיני משפטים כאלה, שלא עשו עליהם רושם כלשהו. אחד מהם הפטיר בשפה רפה:

— „אין לך יסוד לדאגה. הכל יתברר בקרוב״.

לשאלתי, אם אוכל לראות את התובע ולהביא את טענותי בפניו, ענה בביטחה: — „כמובן!״.

כל הבית התעורר, כולם עזרו לי לארוז חפצי. בחיפושי דברים ובאריזה אטית ניסו להאריך את שעת הפרידה. ואני הייתי לאחר יאוש. ידעתי שזהו הסוף. בקרוב אעזוב את כל יקירי, כדי לצאת לדרך ארוכה אל הבלתי־ידוע, — לבדי, שבורה ורצוצה בגוף ובנפש.

על־מה ולמה? מה חטאי ומה פשעי?

ושאלה זו רדפתני כל הזמן, — כשעמדתי ליד האשנבים המסורגים של הקרון וראיתי בהם את פניהם ספוגי־הדאגה של אחותי וגיסי; כשנדדתי אחרי זה כחיה נרדפת על פני מרחבי צפון קזכסטאן; שאלתי אותה שוב ושוב, גם כשלאחר שנתיים של גירוש פגשוני בתחנת־רכבת נידחת שני אחיוני, חיים ואליהו; השאלה תקועה היתה במוחות שלושתינו, כשצעדנו בלילה אפל בין יערות וקניונים אל מקום המגורים החדש.

הלכנו והלכנו — שלושה ענפים כרותים מעץ מסועף ויפה, שלושה שרידים בודדים באישון הלילה הסובייטי.

ד״ר שמואל ווייס ז״ל

סלאָנימער אידן אין סיביר

אַ בינטל ניט־פאַרענדיקטע זכרונות פון יענע טעג און יאָרן

איינלייטונג: סיביר — אַ לעגענדע

אַמאָל וואָלט מען גוואַלדיק נתפעל געוואָרן. וואָס הייסט עפּעס: „סלאָנימער אידן אין סיביר? טאַקע ממש אין סיביר!

פאַר אונזערן אַ מענטשן, און בפרט פאַר איינעם, וואָס האָט ניט געלעבט אין די גרעניצן פון רוסלאַנד, איז סיביר געווען אַ מין לעגענדע, אַ מין פאַרנעפּלטער באַגריף, ווי דאָס לאַנד פון די ציקלאָפּן — מענטשן מיט איין אויג אין מיטן שטערן, — אַ מין לאַנד פון יענער זייט סמבטיון.

עס געדענקט זיך דאָס לאַנד פון עפּעס אַ שונד־ראָמאַן מיטן נאָמען „די מתים־פעלדער פון סיביר", אַ ראָמאַן וואָס האָט זיך געצויגן אויף הונדערט העפטן און איז געלייענט געוואָרן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם דורך אַלע דינסט־מיידלעך און איזוואָזטשיקעס.

עפּעס האָט מען געהערט אַמאָל, ווי אייניקלעך, פּוילישע קינדער, פלעגן דערציילן, אַז זייערע זיידעס זיינען געשלעפּט געוואָרן קיין סיביר מיט עטאַפּ, געשמידטע אין קייטן, אַרומגערינגלט דורך קאָזאַקן אויף זייערע פערדלעך מיט נאַהייקעס אין די הענט, און האָבן דאָרטן געאַרבעט עבודת־פּרך, געפירט שטיינער זייענדיק צוגעקאָוועט יעדער איינער צו זיין טאַטשקע, טאָג און נאַכט...

און מ'האָט דערציילט מעשיות, ווי אַזוי עס האָט זיך אַמאָל אין אַ יובל אימיצן איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון דאָרטן אויף שליטנס מיט איינגעשפּאַנטע רעניפערן, יאָגנדיק זיך אין די לאַנגע, פינסטערע סיביר־נעכט טויזנטער ווי־אָרסטן איבער די גרעניצלאָזע שניי־פעלדער...

איך ווייס? מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט.

סיביר! דאָס איז דאָך דער בית־הקברות, ווו עס ליגן באַגראָבן די העלדן פון די פּוילישע אויפשטאַנדן און סתם מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַ ציל אַראָפּצורייסן די קרוין פון באַטיושקאַ־צאַר אינאיינעם מיט זיין קאָפּ, און וואָס האָבן געוואָרפן באָמבעס אויף רוסישע מיניסטאָרן, גובערנאַטאָרן און פּאָליצמייסטערס!

סלאָנימער אידן אין סיביר? אידן פון אַ גאַנץ יאָר? יונג און אַלט, מענער, פרויען און קינדער?

יאָ, סלאָנימער אידן אין סיביר!

וגם אני בתוכם.

ומעשה שהיה כך היה.

ערב דעם 17־טן סעפּטעמבער 1939

דער 17־טער סעפּטעמבער 1939 האָט אַריינגעבראַכט אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין אונזער סלאָנימער לעבן.

אין אָט דעם טאָג, 17 טעג נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה צווישן פּוילן און נאַצי־דייטשלאַנד, איז די רויטע אַרמיי, מיט דער הסכמה פון דייטשלאַנד (דער אָפּמאַך מאָלאָטאָוו—ריבענטראָפּ!) אַריבער די פּוילישע גרעניץ ביי ניעסוויעזש און האָט אין משך פון 2 טעג, ניט אָנטרעפנדעק אויף קיין שום ווידערשטאַנד מצד די פּאָלאַקן, באַזעצט גאַנץ מערב־ווייסרוסלאַנד, און ממילא אויך אונזער שטאָט סלאָנים.

פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי איז די לאַגע פון דער סלאָנימער אידישער באַפעלקערונג געווען אַ פאַרצווייפלטע.

עס האָבן זיך שוין געהאַט באַוויזן פאַר דעם אויפן מאַרק אין פּרוזשאַנע (80 קילאָמעטער פון סלאָנים) דייטשע טאַנקען־פּאַטרולן און מיר האָבן מיט טויט־שרעק געוואַרט אויף אונזער אומפאַרמיידלעכן גורל אַריינצופאַלן אין די לאַפּעס פון די דייטשע מערדער.

די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען זיינען אין פּאַניק אַנטלאָפן פון סלאָנים און זיך אַוועקגעצויגן צו דער ליטווישער גרעניץ.

אין שטאָט האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די דאָרפישע באַפעלקערונג אָרגאַניזירט זיך, כדי צו מאַכן פּאָגראָמען אויף די אידן אין די שטעט, וואָס זיינען געבליבן אָן שוץ, — מיטן מיין נושא־חן צו זיין ביי די דייטשן און גלייכצייטיק זיך באַרייכערן מיט אונזער האָב און גוטס.

אין געוויסע קריסטלעכע פענסטער, — צווישן זיי אויך אין די פענסטער פון אַדוואָקאַט גלעמבסקי, אַ געשמדטער איד! — האָבן זיך באַוויזן הייליקע בילדער.

אַ שטראָם פון אידישע פּליטים פון לאָדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט פון קרוין־פּוילן האָט ממש פאַרפּלייצט די שטאָט. די אידישע באַפעלקערונג אין סלאָנים האָט זיך כמעט פאַרדאָפּלט.

מיר האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַ זעלבשוץ, פאַרטיילנדיק צווישן דער אידישער יוגנט די ביקסן, וואָס די פּוילישע פּאָליציי האָט איבערגעלאָזן אויף הפקר אין אירע קאַזאַרמעס — ביקסן אָן קוילן...

אין דערזעלבער צייט האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע צרה: די טויערן פון דער סלאָנימער תפיסה האָבן זיך ברייט געעפנט און עס האָבן זיך אויף די גאַסן פון שטאָט באַוויזן אַלערליי מינים פאַרברעכערס.

פון וואַנען וועט קומען די הילף? ס׳איז פינסטער און ביטער!

א נס מן השמים

און פלוצלינג האָט עפּעס ווי אויפגעשיינט די זון, און די גאַנצע שרעק, מיט אַלע אונזערע מורא׳דיקע דאגות, זיינען ווי מיט דער האַנט אַוועקגענומען געוואָרן.

אָנשטאָט די צעווילדעוועטע בעסטיעס האָט אַריינמאַרשירט קיין סלאָנים די רויטע אַרמיי, — זעלנער מיט אַזאַ גוטמוטיקן, ממש קינדערשן שמייכל אויף זייערע פּנימער, פון זייערע אויגן קוקט אַרויס לייטזעליקייט, האַרציקייט און פריינטשאַפט. צווישן זיי — אויך אַ גרויסע צאָל אידישע בחורים, זאָלן לעבן, אין אָפיצערישע אוניפאָרמען, אַ מחיה צו קוקן! —

הייסט עס, דער קריג האָט זיך פאַר אונז פאַרענדיקט איין מאָל פאַר אַלעמאָל. מיר ווערן — סאָוועטיש.

איז מילא! זאָל זיין סאָוועטיש! ווער וועט עס זיך נעמען קלערן וועגן פאַרפּלאָנטערטע פאַרפאַסונג־פּראָבלעמען, ווען מיר האָבן שוין אָט־אָט געזען דעם מלאך־המוות פאַר אונזערע אויגן?

יאָ סאָוועטיש, ניט סאָוועטיש — וועמען אַרט עס?

אָדער זאָלן מיר באַוויינען דאָס פוילן פון „אָזאָן”, אין וועמענס נאָמען עס איז געקומען די טרויעריק־באַרימטע דעקלאַראַציע פון דעפּ. קאָץ, דעם אידעאָלאָג פון דער סאַנאַציע, לויט וועלכער מיר זיינען שוין אין יאָר 1936 געשטעמפּלט געוואָרן אַלס בירגער פון דער צווייטער מדרגה?

דער עיקר — עס וועלן שוין מער ניט רוישן איבער אונזערע קעפּ די נאַצישע באָמבערס און עס איז פאַרשוווּנדן די געפאַר אַריינצופאַלן אין די הענט פון היטלערס רוצחים. עס איז אַ סוף צום פּחד פאַר פּאָגראָמען מצד די ווייסרוסן. —

עס איז פאַראַן אַ געזעצלעכע מאַכט, אונטער וועלכער ס׳לעבן, סוף כל סוף, צענדליקער פעלקער.

יאָ קאָמוניזם, ניט קאָמוניזם? ווער פאַרנעמט זיך מיט אַזעלכע טעאָרעטישע פּראָבלעמען פון נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע אין אַזעלכע גורלדיקע מאָמענטן, ווען דאָס לעבן הענגט אויף אַ האָר?

אַ גוטער רעזשים, אַ שלעכטער רעזשים? וועמען קריכן אין קאָפּ אַזעלכע הויכע — און נישטיקע ענינים?

יעדנפאַלס, גלייב איך ניט צו מאַכן קיין טעות, ווען איך וועל פעסטשטעלן, אַז די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג פון סלאָנים, אָרעם און רייך, פאַבריקאַנטן און אַרבעטער, האָט נאָכן קאָשמאַר פון די מורא׳דיקע טעג פון דער מלחמה פריי אָפּגעאָטעמט ביים אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי.

והעיר סלונים צהלה ושמחה

יאָ, מיר האָבן פריי אָפּגעאָטעמט.

אויף די גאַסן פון סלאָנים איז געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. אַ יום־טוב־שטימונג האָט אַראָפּגעשיינט פון אַלע פּנימער.

עפּעס אַ קלייניקייט? אין דער לעצטער מינוט ממש אַרויסגעריסן פון די נעגל פון נאַצישע חיות!

אַ שטאָט מיט אידן גייט גומל בענטשן!

און די רויט־אַרמייער זיינען אַזוי האַרציק און צוגעלאָזן, ממש מלאכים פון הימל זיינען צו אונז אַראָפּגעפלויגן!

זעט, ווי אונזערע משה׳לעך און שלמה׳לעך כאַפּן זיך אַרויף אויף די סאָוועטישע טאַנקען, ווי אויף העלצערנע פערדלעך, און האָבן פאַר קיינעם קיין מורא ניט. און די טאַנקיסטן קושן זיי און האַלזן זיי און פירן זיי אַרום איבער די גאַסן פון שטאָט, ווי איינער זאָגט: זאָלן אידישע קינדערלעך הנאה האָבן.

אמת, מיר, די „בורזשואַזיע”, מ׳שטיינס געזאָגט, זיינען טאַקע ניט די הויפּט־מחותנים, אַזוי צו זאָגן, די מחותנים פון חתנ׳ס צד, נאָר עפּעס ווי אָרעמע קרובים, וואָס שטייען ביי דער טיר. דאָס לאָזן אונז פילן אונזער „לינקע”, ניט חלילה מיט גראָבע ווערטער, נאָר דאָס לייענט זיך אַראָפּ פון זייערע אויגן, וואָס קוקן אויף אונז האַלב מיט טריומף און האַלב מיט רחמנות־געפילן.

טאַקע געווען פּאָליטישע געגנער, אָבער פּאָרט גוטע פריינט. אַ סך פון זיי האָב איך פאַרטיידיקט פאַר די פּוילישע געריכטן. מען דערלאַנגט מיר די האַנט, מ׳זאָגט מיר „מזל טוב”, מ׳ווינקט מיר צו. נישקשה, מען וועט געפינען אַ הכשר אויף אונזער „שפּלדיקן” עבר! אַוודאי מוזן מיר פאַרשטיין, אַז מיר האָבן אויפגעהערט צו שפּילן די ערשטע פידל, אָבער מיר קענען זיין זיכער, אַז מ׳וועט אונז ניט אָנרירן קיין האָר אויפן קאָפּ צוליב אונזער נעבעכדיקער ציוניסטישע פאַרגאַנגענהייט, רחמנא ליצלן.

און עס האָבן זיך באַוויזן נייע אידישע כלל־טוער, וואָס האָבן געהאַלטן פייערדיקע רעדעס פונעם באַלקאָן פון האָטעל „וויקטאָריאַ”, און דווקא אין אַ ווייסרוסיש, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין.

און ס׳איז געוואָרן אַ מאַנגל אין שטאָט אויף רויטע שטאָף.

און אַלע, וואָס איך האָב אַמאָל פאַרטיידיקט פאַר די פּוילישע געריכטן, צוליב אַ שמץ פון פאַרדאַכט אין קאָמוניזם, זיינען געקומען צולויפן פאַרסאַפּעטע אין מיין קאַנצעלאַריע, אַז איך זאָל זיי אויסזוכן אין מיין אַרכיוו זייערע אָנקלאַגע־אַקטן, מיט וועלכע זיי ווילן זיך לעגיטימירן פאַר די סאָוועטן אַלס העלדן פון דער קאָמוניסטישער אונטערגרונט־באַוועגונג.

אָבער געבעטן האָבן זיי נאָר די אָנקלאַגע־אַקטן, און נישט חלילה דעם אורטייל, לויט וועלכן די פּוילישע געריכטן האָבן זיי באַפרייט פון יעדער שולד. דאָס איז געבליבן אַ סוד צווישן מיר און מיינע קליענטן.

די גרויסע פאַרזאַמלונג פון דער אינטעליגענץ

גרויסע פּלאַקאַטן רופן די אינטעליגענץ פון סלאָנים אויף אַ פאַרזאַמלונג אין „דאָם לודאָווי”.

לאַדן לאַדט איין צו דער פאַרזאַמלונג קאָלאָטאָוו (אַ איד!), וואָס איז אַראָפּגעקומען פון מינסק, אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם, און איז באַשטימט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער אַרמיי־קאָמאַנדע אַלס צייטווייליקער מושל איבער דער שטאָט סלאָנים, ביז עס וועלן דורכגעפירט ווערן דעמאָקראַטישע וואַלן... יאָ, דעמאָקראַטישע וואַלן...

מיר האבן זיך אלע ווי איין מאן געשטעלט צו דער פארזאמלונג און פארנומען אונזערע פלעצער.

ווען אויף דער טריבונע האט זיך באוויזן דער מושל מיט זיין פמליה איז אויסגעבראכן א הוראגאן פון אפלאדיסמענטן, אזש די ווענט האבן געציטערט. —

און דער אינהאלט פון זיין רעדע האט פולשטענדיק באַרעכטיקט די אפלאדיסמענטן. ממש פערל האבן זיך געשאטן פון זיין מויל:

אלץ וואס אימיצער האט געטראכט אדער געטאן אונטער דעם איינפלוס פון דער ליגנערישער פוילישער פרעסע און אנדערע פראפאגאנדע־מיטלען פון די פוילישע פאמיעשטשיקעס, וועט קיינעם ניט פאררעכנט ווערן פאר קיין זינד. איר הויבט אז א נייע לעבן, א לעבן פון פרייהייט. פאר אונז זייט איר נייע־געבוירענע קינדער, ממש אומבאשריבענע בלעטער, — אויב איר וועט זיך צופאסן צו אונזערע באדינגונגען. יעדער איז ביי אונז פאראנטווארטלעך נאר פערזענלעך, פאר זיינע מעשים, ווען זיי זיינען געריכטעט קעגן דער סאוועטישער מאכט. יעדער וועט באקומען באשעפטיקונג לויט זיין ספעציאליטעט און וועט באלוינט ווערן לויט זיינע פארדינסטן. ביי אונז קען יעדער איינער אויפשטייגן ביזן העכסטן שטאפל פון געזעלשאפטלעכן לייטער, אומאפהענגיק פון דעם, וואס זיין פאטער איז אדער איז געווען. „אט, נעמט למשל מיר אליין, — האט געזאגט דער מושל, — וואס איך בין היינט דער הערשער פון סלאנים. וואס, מיינט איר, איז געווען מיין פאטער? א פשוטער איזוואשטשיק! און וואס וואלט איך געקענט ווערן אין פוילן?"

כאפט זיך ארויס ביי אונזער טייערן הרצל איצקאוויטש ז"ל: „א שמייסער!"

איך זיץ אין איין פרעזידיום מיטן חבר סטאלין

ווי אזוי איך בין געקומען צום כבוד צו זיצן אין איין פרעזידיום מיט די חברים סטאלין, זשדאנאוו, וואראשילאוו און מיט די איבעריקע מיטגלידער פון צ. ק. פון דער קאמוניסטישער פארטיי — וועל איך אייך דערציילן.

דאס איז טאקע געווען, אזוי צו זאגן, דער לעצטער „אויפבליץ" פון מיין אמאליקער „גרויסקייט", מ'שטיינס געזאגט, אין סלאנים. איך האב דאס געהאט צו פארדאנקען טאקע דעם חבר קאלאטאוו און דער גרויסער נאיוויטעט פון מיינע טייערע סלאנימער אידן.

איידער קאלאטאוו איז צוגעטרעטן צו זיין גרויסער פראגראם־רעדע, האט ער פארלאנגט, אז דער עולם זאל אויסקלייבן א פרעזידיום פון 3 בירגער.

אונזערע סלאנימער בירגער האבן געדיינקט די פרעזידיומס בעת דער פייערונג פון דער באלפור־דעקלאראציע, פון דער דערעפענונג פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים און פון קרן־היסוד־אקציעס און אנדערע פייערונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין סלאנים צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און ניט וועלנדיק אנשטרענגען זייערע מוחות, האבן זיי לויטן געזעץ פון אינערציע אנגערופן מיין נאמען.

אויף אזא אופן בין איך אריינגעפאלן אין פרעזידיום ווי א יוון אין דער סוכה.

מיט מיר צוזאמען זיינען אויסגעוויילט געווארן דער נאטאריוס פיאטראווסקי (די פאלאקן האבן געוואלט דערהאלטן דאס גלייכגעוויכט צווישן זיי און די אידן, לויט דער אלטער געוווינהייט), און די לערערין מערע אייזיקאוויטש, די קאנדידאטין פון די „לינקע", וועלכע האט באמת געהאט א רעכט אויף א פלאץ אין פרעזידיום.

פלוצלינג האט זיך געמאלדן צום ווארט א סאוועטישער באאמטער און האט געשטעלט דעם פארשלאג, צו וויילן אן ערן־פרעזידיום אין די פערזאנען פון חבר סטאלין („הורא! הורא! הוראא!!!") חבר זשדאנאוו („הורא!"), חבר וואראשילאוו („הורא!") און נאך, דאכט זיך, דרייצן מיטגלידער פון צ. ק., וועלכע איך האב ניט געקענט פערזענלעך און געדענק ניט זייערע נעמען. איך ווייס נאר, אז דאס זיינען אלץ געווען מענטשן מיט איין מאל „הורא".

אזוי ווי דער פארשלאג איז אנגענומען געווארן, האב איך געהאט דעם כבוד, ווי איר זעט, צו זיצן אין איין פרעזידיום מיט דער גאנצער פמליה של מעלה.

לויט אן אנדער מנהג ביי די סאוועטן, מוזן די קאנדידאטן, וואס ווערן געוויילט פון פאלק, זיך פארשטעלן עפנטלעך פארן פובליקום מיט זייערע אויטאביאגראפיעס. איז טאקע, נעבעך, געווען אויף אונז גאטס רחמנות. וואס, מ'שטיינס געזאגט, קען א איד ווי איך זאגן עפנטלעך, בפני כל עם ועדה, וועגן זיין עבר אין סלאנים און ניט רויט ווערן פאר בושה? אדער — וואס האט געזאלט זאגן דער פוילישער פאטריאט, פיאטראווסקי?

האבן מיר טאקע „אפגעבאלאבעטשעט" אונזער בידנע אויטאביאגראפיע, מיט א צעבראכענעם קול פון א יתום ביים קדיש־זאגן אויפן אפענעם קבר פון זיין מאמען, און מיר האבן מקנא געווען מערען, וועלכע האט געקענט דערציילן מיט שטאלץ, אז די פוילישע מאכט האט ניט געוואלט זי באַשטעטיקן אלס לערערין אין דער אידישער פאלקשול צוליב אירע קאמוניסטישע נייגונגען. און דאס איז טאקע געווען אמת.

בין איך אבער געזעסן און האב געציטערט, זי זאל חלילה אויס דאנקבארקייט צו מיר ניט דערציילן ווייטער, אז אויפן סמך פון מיין אינטערווענציע און מיין פערזענלעכער גאראנטיע ביים סטאראסטע, האט ער זי דאך באשטעטיקט און זי איז דאך געווארן לערערין אין דער אידישער פאלקשול. נאר דאס האט מיר געפעלט אלס צוגאב צו מיין „חולה־נופלדיקער" אויטאביאגראפיע.

איך בין געווען שטארק דאנקבאר מערען, וואס זי האט פארשטאנען וועגן דעם פונקט צו שווייגן — צוליב אונזער ביידנס טובה וועגן.

אבער אזוי ווי קיינער האט זיך ניט געקליבן אנטקעגנשטעלן זיך דער נייער ארדענונג, האבן מיר געהאט א גרונט צו גלויבן, אז מיר זיינען, נאך די ביטערע טעג צווישן 1־טן און 17־טן סעפטעמבער, ענדלעך אריינגעשווומען אין א רואיקן פארט און מיר וועלן קענען פירן א רואיק, באשיידן און ערלעך לעבן, אן פחד. —

פארשטייט זיך, אז יעדער איינער האט זיך געהאט זיין קוק אויף דער נייערווירקלעכקייט.

אזוי ווי עס האבן ניט געפעלט קיין ענטוזיאסטן, וואס האבן געהאלטן, אז דער מזל האט אונז בכלל צוגעשפילט און

אז פאר אונז האבן זיך געעפנט די טויערן פון גן־עדן אויף דער ערד, זיינען אויך געווען אזעלכע, וואס נאר בדיעבד האבן זיי זיך צופרידנגעשטעלט מיט דער געשאפענער לאגע.

א באקאנטער תלמיד־חכם פון סלאנים האט דאס אויסגעדריקט אין קורצע ווערטער: „מיר זיינען געווען פאראורטיילט צום טויט, נאר גאט האט זיך דערבארעמט איבער אונז און די טויט־שטראף איז אונז פארביטן געווארן אויף אייביקער תפיסה".

הגם עס זיינען אין אונזער לעבנשטייגער איינגעטרעטן גרויסע שינויים, מיט „עולים" און „יורדים", איז די בארואיקונג אפילו ביי די „יורדים" געווען א בארעכטיקטע.

מיר האבן אנגעהויבן זיך אויסווישן די אויגן און קלערן וועגן תכלית, פשוט — וועגן חיונה.

מען קנעלט מיט אונז קאנסטיטוציע

און די נייע מאכט האט אנגעהויבן צו לייגן דעם פונדאמענט פאר אונזער גייסטיקער אנטוויקלונג.

די ערשטע גייסטיקע שפייז איז געווען די סטאלינישע קאנסטיטוציע. צו דעם צוועק איז סלאנים איינגעטיילט געווארן אין ראיאנען, אזוי־גערופענע „קאנסטיטוציע־ראיאנען". איבער יעדן ראיאן איז באשטימט געווארן א מענטש, וועמענס אויפגאבע ס'איז געווען צו קנעלן מיטן עולם די קאנסטיטוציע.

מיין „בית־ספר לקאנסטיטוציע" איז געווען אין דער וווינונג פון וואלאדיע שערעשעווסקי. דער „משגיח", געוויינלעך א סאוועטישער מענטש, האט א שעה טעגלעך געזאגט פאר אונז דעם שיעור. דער עולם איז געווען א געמישטער. עס זיינען געזעסן אלס תלמידים — דאקטוירים, אינזשיניערן, אדוואקאטן, קרעמער, שוסטער, איזוואזטשיקעס, זיידעס און באבעס מיט זייערע אייניקלעך. אלע הייזער אין דעם ראיאן זיינען געווען אויסגעליידיקט פון מענטשן, ווי, להבדיל, צו כל נדרי, און יעדערער איז געלאפן, כדי ניט צו פארשפעטיקן, חלילה, אין חדר אריין...

— „וווהין לויפט איר דאס אזוי, עטל?"

— „וואס הייסט, וווהין איך לויף? עס איז דאך היינט קאנסטיטוציע!"

— „אוי ווי! א בראך צו מיינע שונאים! עס איז שוין 7 א זייגער? איך לויף נאר אריין אראפכאפן דאס מילך פון קיך, און קום באלד!"

די קאנסטיטואנטע אין ביאליסטאק

דער סאוועטישער פארבאנד איז זיך ניט נוהג צו פארכאפן פרעמדע לענדער קעגן דעם ווילן פון דער באפעלקערונג. אזוויי אבער די פאלאקן האבן אונז איבערגעלאזן אויף הפקר און עס איז געווארן ביי אונז א כאאס, א צושטאנד פון ex lex, פון לית דין ולית דיין, האט סאוועטרוסלאנד, צוליב הומאניטארע סיבות געמוזט זיך באמיען און איינפירן ביי אונז עפעס א שטיקל סדר.

און איצטער ווילן מיר זיך נעמען צו דער אמת'ער דעמאקראטיע. מיר ווילן אויפרופן קיין ביאליסטאק א קאנסטיטואנטע, אויפן גרונט פון אלגעמיינעם, גלייכן און געהיימען וואלרעכט, און וואס די קאנסטיטואנטע וועט באשליסן, אזוי וועט זיין. און אויב די קאנסטיטואנטע וועט באשליסן צו שאפן פון מערב־ווייסרוסלאנד א זעלבשטענדיקע רעפובליק, וועט זיין א זעלבשטענדיקע רעפובליק. קענט איר צו זיי עפעס האבן?

און טאמער וועט די קאנסטיטואנטע זיך ווילן אנשליסן צו סאוועטרוסלאנד אלס 17־טע רעפובליק, וועט דער אויבערשטער ראט פון די סאוועטן באטראכטן די ביטע, און עס קען זיין, אז ער וועט באשליסן (געוויס קען מען דאס ניט וויסן!) אריינצונעמען מערב־ווייסרוסלאנד אין פארבאנד פון די סאוועטן, אדער ער וועט די ביטע אפווארפן, ווי איינער זאגט: „ביסט א זעלבשטענדיקע רעפובליק, לעב זיך דיין אייגן לעבן! וואס ווילסטו פון אונז?!"

און אזוי ווי מיר האבן שוין געהאט אויפגענומען די גרונט־יסודות פון סטאלינישער דעמאקראטיע, האבן „מיר" אנגעהויבן די וואל־קאמפאניע. די שטאט איז פארפלייצט געווארן מיט בילדער פון סטאלינען, מיט פענער און פלאקאטן, וועלכע האבן גערופן אפצוגעבן אונזערע שטימען פאר דער דעמאקראטישער ליסטע, — וועלכע איז, אגב, געווען די איין־און־איינציקע ליסטע.

האבן זיך געפונען מענטשן, וואס האבן געפרעגט קלאץ־קשיות אן א טעם און אן א ריח, סתם געזוכט קל וחומר'ס און גזירה־שווה'ס מיטן גראבן פינגער. למשל, פרעגט אזא חכם פון דער מה־נשתנה: „צו וואס טויג די גאנצע אגיטאציע, אז ס'איז סיי ווי פאראן נאר איין־איינציקע ליסטע?", און נאך אזעלכע נארישע פראגן, וואס באווייזן בפירוש, אז די פרעגער הויבן ניט אן צו פארשטיין דעם זין פון דעמאקראטיע און אז דאס גאנצע קנעלן מיט זיי די קאנסטיטוציע איז געווען אן ארויסגעווארפענע מי.

ענדלעך איז געקומען דער טאג פון די וואלן. די נאכט פאר די וואלן איז געווען א ליל־שימורים. קוים האט איר זיך געלייגט שלאפן, האט יעדע האלבע שעה אנגעקלאפט אן אנדערער אין טיר און אייך דערמאנט, אז מארגן איז דער גרויסער טאג.

אדוואקאט ווילענטשיק, א פאראנטווארטלעכער פאר מיין ראיאן, וועלכער האט דעם 17־טן סעפטעמבער 1939 ארויפגעצויגן אויף זיך א פאר שטיוול און געקוקט אויף מענטשן מיט טופל ווי אויף די גרעסטע רעאקציאנערן, — האט מיר אויפגעוועקט 4 אזייגער פארטאג צו דער עבודה.

קומענדיק אין וואל־לאקאל און וויסנדיק, אז ס'איז פאראן סך־הכל איין און איינציקע ליסטע, האב איך, ניט קלערנדיק קיין סך, אריינגעפאקט דעם נומער אין קאנווערט און שוין געוואלט אריינווארפן דאס אין דער אורנע, ווי איינער זאגט: „איך בין בלינדערהייט מסכים!" — אבער דער פארזיצער פון דער וואל־קאמיסיע, א געניטער סאוועטישער באאמטער, האט מיר אויפמערקזאם געמאכט זייער העפלעך, אז אונזערע וואלן זיינען געהיים און איך מוז פריער ארונטערגיין הינטערן פארהאנג, דארטן גוט זיך נאכטראכטן („פאדומייטיע כאראשענקא!") און ערשט דאן איבערגעבן מיין קאנווערט.

איך בין, במחילה מכבודכם, ארונטער הינטערן פארהאנג און, ארויסקומענדיק פון דארטן מיט געלייטערטע געדאנקן, ווי להבדיל דער כהן גדול פון קדשי־קדשים, האב איך אריינגעווארפן מיין וואל־צעטל אין דער אורנע.

ווי ס'ווייזט אויס, האב איך דאסמאל צוגעטראפן מיט מיין

שטימצעטל, ווייל די איינציקע ליסטע (פון מיין נומער!) איז אַרויס מיט אַ גרויסן ניצחון.

פון אַלע שטימבאַרעכטיקטע האָבן אָפּגעגעבן זייערע שטימען 98 פּראָצענט (איך ווייס נאָך ביז היינט ניט, ווו זיינען אַהינגעקומען די רעשט 2 פּראָצענטער). פאַר „אונזער" ליסטע האָבן געשטימט 97.2 פּראָצענט.

אָבער אַזוי ווי די וואַלן זיינען, ווי געזאָגט, געווען גע־היימע, האָט מען בשום אופן ניט געקענט פעסטשטעלן, ווער זיינען דאָס געווען די 0.8%, וואָס האָבן געשטימט קעגן דער דעמאָקראַטישער ליסטע, אויף אַ נומער, וואָס האָט בכלל ניט עקזיסטירט. דאָס איז געבליבן אַ רעטעניש עד היום.

דער פּאַרלאַמענט אין ביאַליסטאָק האָט אָנגענומען דעם געהעריקן באַשלוס — מיר שיקן אַ ביטע צום אויבערשטן סאָוועט און עס זיינען דאָ גוטע אויסזיכטן, אַז אונזער ביטע, אויפצונעמען אונז אין די אָרעמס פון דער גרויסער סאָוועטי־שער מדינה, זאָל אָנגענומען ווערן פה אחד. —

איז דאָך גוט, ניין?

מיט אַ דוּבינע אין קאָפּ אַריין

מיטאַמאָל האָט אונזער זיכערקייט געכאַפּט אַ געוואַלטיקן טרייסל.

אין די נעכט זיינען אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע וואַרעמע געלעגערס סלאָנימער אידן, אַזוי איינער נאָכן אַנ־דערן, און זיינען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין קעלער פון נ. ק. וו. ד., כדי שפּעטער אַריבערגעפירט צו ווערן אין סלאָ־נימער תפיסה.

עפּעס ווי אָן אַ זין און אָן אַ סדר, ווי ס'האָט זיך אונז דאַן אויסגעדאַכט. און אפשר איז דאָס יאָ פאַרטראַכט געוואָרן לויט אַ געוויסער סיסטעם, אָבער מיר האָבן דאַן ניט געקענט געפינען דעם שליסל צו אָט דער סיסטעם. מיר אַלע, די וואָס אויף דער פריי נאָך, האָבן זיך געסטאַרעט צו דערגיין דעם שכל פון דער זאַך; צו עפּעס־וואָס צילן זיי דאָך מיט דער אַק־ציע. מיר האָבן געהאַלטן, אַז זיי קלאַפּן זיך אין אָפענע טירן.

פאַרוואָס עפּעס ניסן יעזערסקי מיט זיין זון זרח? טאַקע אַ רייכער קרעמער, אָבער פאָרט אַ איד פון אַ גאַנץ יאָר, וועל־כער האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט כלל־ענינים, אַ איד שוין אין די יאָרן, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן שווער געאַרבעט, מיט זיין פרוי אינאיינעם, און האָט געפירט אַ באַשיידן לעבן, זיך קיינמאָל קיינעם אין די אויגן ניט געוואָרפן.

האָבן אויפגעהערט צו שלאָפן די קרעמער.

וואָס? איטשע סוועטיצקי שוין אויך אין תפיסה? און אויך משה גאַלינאַ און דער יונגער שעלובסקי? הייתכן? סאָ־ציאַליסטן מבטן ומלידה, וואָס האָבן אין טאָג פון אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, טאַקע אין הויז פון גאַלינען, צוזאַ־מען מיט די היימישע קאָמוניסטן געגרינדעט דעם פייערלעכן אויפנאַמס־קאָמיטעט, אויפלעזנדיק פייערלעך דעם סלאָנימער „בונד", אַלס איבעריקן אין אַ לאַנד פון סאָציאַליזם.

איז געוואָרן אַ בהלה צווישן די „לינקע", אפילו ביי די קאָמוניסטן, אויף וועמעס כשרות מ'קען חלילה אויך געפינען אַ סרחה'לע. ווער קען עס וויסן? עפּעס שטימט עס ניט מיט דער רעדע פון קאָלאָטאָוון אויף דער פאַרזאַמלונג פון דער אינטעליגענץ!

עפּעס דערמאָנט עס גיכער אָן די ליגנס, וואָס די בורזשו־אַזיע פלעגט פאַרשפּרייטן וועגן סאָוועטרוסלאַנד, כדי צו דיסקרעדיטירן די רעוואָלוציע.

און מיטאַמאָל — ניסן יעזערסקי איז באַפרייט! אַהאַ, ס'איז דאָך פאַראַן גערעכטיקייט, סאָציאַליסטישער צדק, ווי מ'איז זיך נוהג עד היום צו זאָגן אין געוויסע קרייזן. מן הסתם געווען עפּעס אַ פאַלשע מסירה, אַ בילבול. דאָס קען פּאַסירן אין די בעסטע פאַמיליעס. מן הסתם וועט מען ביסלעכווייז אַלעמען באַפרייען.

יאָ, אָבער וואָס עפּעס סאָלע וואָלקאָוויסקי? אַ מעכאַני־קער, אָן יעדער פּאָליטישער פאַרב.

ווער ציט עס אַזוי נאַריש די פעדים?

און ווי קומט צו דער חברה בערע פּיאַסעצקי? אַ געווייל־טער וויצע־בירגערמייסטער, און דערצו אַ געשוואָרענער גו־טער ברודער פון דעם מושל קאָלאָטאָוו, וועלכער עסט און טרינקט ביי אים און האָט אים נאָרוואָס איבערגעגעבן כמעט די גאַנצע אָנפירונג מיט דער שטאָט? און וואָס עפּעס איני־מיטן דערינען אַ ליובאַוויטשער חסיד, משה זעלעוויאַנסקי?

מילאַ, וואָלפקע גורוויטש — אַ פאַבריקאַנט! אויף דעם איז כאָטש דאָ אַ בפירושער פסוק אין דער סטאַלינישער קאָנ־סטיטוציע! ווי הייסט עס דאָרטן? „פאַבריקאַנטן און פּאָ־מיעשטשיקעס"...

און פּלוצלינג — אַ האַרצרייסנדיקער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער קאָלעקטיווער ברוסט פון אידישן סלאָ־נים: אונזער ד"ר אפרת! דער ליבלינג פון יונג און אַלט, פון קריסטן און אידן! דער אמתער פאָלקסמענטש און פאָלקס־דאָקטאָר.

וואָס טוט זיך דאָ מיט אונז, רבונו של עולם???

אפשר קומט איצטער די סדרה „ציוניסטן"? מ'דאַרף לויפן אָנזאָגן ווייסן און קאַפּלאַנען!

זעט איר, ד"ר עפּשטיין האָט זיך גערעכט דערויף, אַז קיין גוטס וועט דערפון ניט אַרויסקומען. ער האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן אַז „זיי האָבן זיך אויף אַ האָר ניט געענדערט און זיינען געבליבן דיזעלבע ווי אין 1919, ווען זיי האָבן צייט־ווייליק באַזעצט סלאָנים". מיר האָבן אים פאַרשריען, ווי דעם גרעסטן רעאַקציאָנער, וואָס האָט אפילו פאַר מאַרקסן ניט געהאַט קיין דרך־ארץ און פלעגט אים אָנרופן: „דער איד מיט דער קודלאַטער באָרד".

און ער, ד"ר עפּשטיין, האָט טאַקע געהאַט קאָנקרעטע „זינד" אויף זיין געוויסן אויך; זייענדיק אין די פּוילישע צייטן דער דאָקטאָר פון סלאָנימער תפיסה, האָט ער בעת אַ הונגער־שטרייק פון קאָמוניסטישע אַרעסטירטע דורכגע־פירט די קינסטלעכע דערנערונג פון די שטרייקערס.

אָבער ווי קומט עפּעס צו דער חברה אַדוואָקאַט פוקס, וואָס איז ערשט אַ פּאָר טעג צוריק באַשטימט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט אַלס אָנפירער פון אַדוואָקאַטן־קאָלעגיום?

און וואָס וועט שוין זיין מיט אַדוואָקאַט ווייס, וועמען די מאַכט האָט אַפּריאָרי ניט צוגעלאָזן צו דער אַדוואָקאַטור און בכלל צו קיין שום אַרבעט?

מיר האָבן זיך באַמיט צו געפינען דעם קריטעריום פון פאַרברעכן, עפּעס אַ ליניע, לויט וועלכער די נ. ק. וו. ד. פירט

דורך אַלע אַרעסטן, אָבער מיר האָבן גאָרניט געקענט אויסגעפינען.

איז טאַקע געווען ביטער, וואָס ביטער הייסט.

האָט די שטאָט אויפגעהערט צו שלאָפן גאַנצענע נעכט און מ׳איז געוואָרן אויפגעציטערט ביי יעדן קלונג אין דער טיר, מ׳האָט אָנגעהויבן אויסמיידן די גאַס, כדי זיך ניט צו וואַרפן אין די אויגן.

אַזוי האָבן איבערגעוואַנדערט אין תפיסה אַריין, ווער פריער ווער שפּעטער, אַרקין, אפרים גאָלדנבערג, משה ליכטנשטיין, נחמיה שוחטאָוויטש, אברהם אַרנזאָן, חיים ראַבינאָוויטש, עליאַש ראַבינאָוויטש, חזן, חיים יאָסילעוויטש, געניאַ אייזנשטאַדט, סידעלניצקי, קויפמאַן, באָרעצקי, חיים ריף און נאָך און נאָך. יעקב מיליקאָווסקי איז אין ביאַליסטאָק אַריינגעפאַלן אין טורמע. די ברידער אביגדור און יוסף ראַבינאָוויטש, וועלכע האָבן געוווינט ביי מיר און ביי ד״ר מאַלינאָווסקין, האָבן זיך אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפן קיין ווילנע אַ פּאָר שעה איידער מ׳איז געקומען זיי אַרעסטירן.

דער אנהויב פון מיין סוף אין סלאנים

ווען איך פלעג זיך באַווייזן אין גאַס, פאַר מיין אַרעסט, פלעגט מיר יעדערער באַגריסן מיט אַ נחמה־קרעכץ: „אוי, גאָט צו דאַנקען, הער דאָקטאָר, מען זעט אייך נאָך צווישן אונז״. און ווען מ׳האָט מיר שוין געהאַט אַריבערגעפירט אויף זאַמאָסטיע, איז געקומען, ווי מ׳האָט מיר שפּעטער דערציילט, דער קליינער איצקאָוויטש צו זיין פאָטער, מיט טענות, אַז ס׳טייטש, אַלע אָנשטענדיקע מענטשן זיצן שוין אין תפיסה, און נאָר ער, זיין פאָטער, איז נאָך אין דערהיים.

איך קען ניט וויסן, וויאַזוי דער אַרעסט איז צוגעגאַנגען ביי אַנדערע. איך מיין אָבער, אַז ער איז פאָרגעקומען לויטן זעלבן סדר, מער ווייניקער, ווי ביי מיר.

אָבער ביי מיר האָט זיך דאָס אָנגעהויבן מיט אַן אידיליע.

גייענדיק אַמאָל אויף מאַגיסטראַצקע־גאַס צו זיך אַהיים אויף זאַמקאָווע, קומט מיר אַנטקעגן דער נאַטשאַלניק פון נ. ק. וו. ד., קראַווטשענקאָ, און טוט מיר אַ פרעג, צי ווייס איך ניט וווּ עס איז דער שטאָטישער שפּיטאָל. אַזויווי מיר האָבן זיך גראָד געפונען נעבן שפּיטאָל, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף דער געביידע און געוואָלט גיין ווייטער מיין וועג. ער האָט מיר שיין געדאַנקט און זיך אָנגערופן צו מיר: „ווער זייט איר, בירגער?״ און גלייכצייטיק זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר: „מיין נאָמען איז קראַווטשענקאָ״. זייער אָנגענעם, — ענטפער איך אים, — מיין נאָמען איז ווייס, אַ היגער אַדוואָקאַט״, — און מיר דערלאַנגען זיך די הענט. צוויי דזשענטעלמענער האָבן געמאַכט באַקאַנטשאַפט. — „וווּ וווינט איר, גראַזשדאַנין ווייס?״ — „אָט דאָ ניט ווייט!״. — „אינטערעסאַנט — זאָגט ער — צו זען, וויאַזוי עס וווינט אַ פּוילישער אַדוואָקאַט. איר האָט ניט דאַגעגן צו ווייזן מיר אייער וווינונג?״ — „פּאָזשאַלויסטאַ״.

גייענדיק אַזוי מיט מיר, גיט ער מיר אַ פרעג: „איר זייט שוין געווען אַמאָל ביי מיר?״ — „ניין — זאָג איך, — איך האָב נאָך ניט געהאַט דעם פאַרגעניגן״.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען צו מיר אין הויז, האָב איך אים פאָרגעשטעלט מיין פרוי און מיר האָבן פאַרפירט אַ געמיטלעכן שמועס על דא ועל הא, אַ פּשוטן, געזעלשאַפטלעכן שמועס, כאָטש נעם און דערלאַנג אים כיבוד. אַ פיינער שמועסער געווען דער נאַטשאַלניק, אויף זיין ביטע האָב איך אים אַרומגעפירט איבער אַלע צימערן, וועלכע זיינען אים זייער געפעלן געוואָרן. אונזער באַדעצימער האָט אים ממש אַריינגעטריבן אין התפעלות. זיצנדיק ווייטער אין מיין קאַבינעט, רופט ער זיך אָן צו מיר מיט אַ שמייכל: „איר ווייסט, בירגער אַדוואָקאַט? פאַר אייך וועט עס זיין אַביסל שווערלעך זיך צוצופּאַסן צו אונזער לעבנשטייגער! אייך וועט אויסקומען זיך איבערצואַרבעטן („נאַדאַ וואַם בודיעט פּערעראַבאַטיוואַטסיאַ!״). איך האָב געפרווט אים דערקלערן, אַז ער האָט אַ טעות. מיר, אידן, האָבן אין די לעצטע יאָרן אין פּוילן קיין האָניק ניט געלעקט און מיר זיינען זייער דאַנקבאַר דער רויטער אַרמיי פאַר באַפרייען אונז.

ביים אַוועקגיין, שוין נאָכן געזעגענען זיך מיט אונז, שטייענדיק — ווי מ׳זאָגט — מיט דער קלאַמקע אין האַנט, טוט ער זיך אַזוי אַ זאָג: „לאַדנאָ, אייער וווינונג וועל איך איבערנעמען אין 10 טעג אַרום. איר וועט האָבן צייט צו זוכן אַן אַנדער קוואַרטירל״.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך די זאַך שטאַרק צום האַרצן ניט גענומען. סיידוי האָב איך זיך שוין געהאַט געזעגנט מיט מיין ביזאיצטיקן לעבנשטייגער.

אַ סדרה אויטאָביאָגראַפיעס

נאָך אַ קורצער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע איינלאַדונגען צום נ. ק. וו. ד., יעדער מאָל צו אַן אַנדער נאַטשאַלניק (אַלע זיינען דאָרטן געווען נאַטשאַלניקעס!) און יעדערער פון זיי האָט פאַרלאַנגט אויטאָביאָגראַפיעס. און יעדער מאָל ווען מ׳רופט אייך, געזעגנט איר זיך מיט אייער הויזגעזינט אויף אייביק. און קיין געזונט קומט אייך דערפון ניט צו.

איך בין געוואָרן מיט דער צייט אַזאַ מומחה אין שרייבן אויטאָביאָגראַפיעס, אַז איך וואָלט געקענט זיי שרייבן אין דער פינסטער. טאָמער האָב איך אַמאָל עפּעס דורכגעלאָזן, האָט עס מיר דער נאַטשאַלניק דערמאָנט און העפלעך געבעטן צושרייבן, דערגענצן, ווי דאָס אַלץ וואָלט געווען פון גרעסטער היסטאָרישער וויכטיקייט.

געוויסע סלאָנימער האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן אַריינגעלייגט אין זייער שרייבעכץ אַ וועלט מיט חכמה. למשל, אויב זייער פאָטער איז געווען אַ מאַנופאַקטור־סוחר, האָבן זיי פון אים געמאַכט אַ לאַטוטניק אָדער אַ משרת. וואָס נידעריקער, אַלץ בעסער. טאָמער איז דער זיידע געווען אַ רב, האָבן זיי פון אים געמאַכט אַ מלמד אָדער אַ שמש („סלוזשאַשטשי״ בלע״ז). פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זיינען געווען אומפּאַרטייאישע לעמעלעך, וואָס קענען קיין צוויי ניט ציילן, פּשוט שאינו יודע לשאול׳ס.

איך האָב באַשלאָסן שרייבן דעם אמת, וויסנדיק, אַז זיי האָבן אין סלאָנים גענוג מאַטעריאַל, כדי צו שאַפן זיך אַ בילד פון מיין געזעלשאַפטלעכן פּרצוף.

אַזוי האָב איך געשריבן און געוואַרט מיט אַ געפּאַקטן רוקזאַק אויף מיין גורל, פון וועלכן איך וועל זיך ניט קענען אַרויסדרייען.

מיין אַרעסט

און עס איז געקומען די נאַכט פון 27־סטן אויפן 28־סטן מערץ 1940. איך בין שוין געווען אין בעט. אַ שאַרפער קלונג! „זיי זיינען שוין דאָ!" — מעלדעט מיר מיין פרוי, אַריינקו־מענדיק אין שלאָפצימער, דעם באַזוך.

איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן און בין זיי אנטקעגנגעקו־מען. קיין רעוויזיע האָבן זיי ביי מיר ניט געמאַכט. איך האָב זיי איבערגעגעבן מיינע פערזענלעכע דאָקומענטן, מיט די ווערטער: „מיר קענען שוין גיין!"

— „וווהין?" — פרעגט איינער פון זיי, — „מיר האָבן דאָך דיר גאָרניט געזאָגט!"

— „איר זייט דאָך ניט געקומען צו מיר אויף אַ פּריוואַטן באַזוך מיט אייערע רעוואָלווערן?!"

ערשט דאַן האָט ער מיר פאָרגעלייענט דעם אַרעסט־באַפעל (אָרדענונג מוז זיין!) און מיר זיינען, נאָך מיין געזע־גענען זיך מיט מיין פאַמיליע, אַרויס אין גאַס, — צוויי נ. ק. וו.דיסטן פון ביידע זייטן און איינער פון הינטן, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, געצילט צו מיר פון אַלע זייטן, און איך, מיט אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס, אינמיטן.

די שטאָט איז פאַרזונקען אין אַ טיפן שלאָף.

אונזערע טריט הילכן אָפּ אין די גאַסן פון סלאָנים.

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אונז באַגעגנט, איז געווען געניאַ עפּשטיין פון מאַגיסטראַצקע־גאַס. זי איז ווי אַ פאַרגליווערטע שטיין געבליבן און מיר, מן הסתם, נאָכגע־קוקט אַזוי לאַנג ווי דאָס אויג האָט גערייכט.

אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און איך האָב מיט מיינע אויגן איבערגעגעבן דורך איר מיין לעצטן געזעגנונגס־גרוס פאַר דער עדה אידן אין סלאָנים, מיט וועלכער איך בין געווען געניאַ עפּשטיין פון מאַגיסטראַצקע־גאַס. זי איז ווי אַ שענסטע יאָרן פון מיין לעבן.

איך האָב אין דעם אויגנבליק געגלויבט, אַז איך בין דאָס דער, וואָס גייט צו דער עקדה. איך האָב ניט געקענט פאָרויס־זען, אַז ניט איך דאַרף רחמים, נאָר די סלאָנימער עדה אידן איז פאַראורטיילט צו אונטערגאַנג און איך וועל געהערן צו די, וואָס וועלן קלאָגן אויף איר אומבאַקאַנטן קבר.

אין הויז פון נ. ק. וו. ד.

מ'האָט מיר אַריינגעפירט אין דעם הויז, וווּ אַלץ איז מיר געווען היימיש און באַקאַנט: די נ. ק. וו. ד. האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון סלאָנימער געריכט, וווּ איך האָב פאַר־בראַכט מיינע טעג און יאָרן. אין דעמזעלבן הויף איז אויך געווען מיין פריערדיקע וווינונג, וואָס איז אַזוי געפעלן גע־וואָרן קראַוטשענקאָ'ן. איך האָב זיך אויך געפילט ווי אַ שטיקל מחותן מיט דעם, וואָס האָט געבויט דאָס הויז אין די ערשטע וועלט־מלחמה האָט אים איבערגעריסן די בוי־אַרבעט אין דער מיטן. ער איז געווען מיינער אַ „קאָלעגע פון פאַך", דער באַ־רימטער אַדוואָקאַט יאַקאָבזאָן ז"ל, מיט וועמען סלאָנים איז אַזוי שטאָלץ געווען. דאָס איז דער דעפּוטאַט פון דער רוסי־שער דומע, וואָס איז אַזוי באַרימט געוואָרן אין דער אידישער וועלט נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם, ווען ער האָט פון דער דומע־טריבונע באַשולדיקט די רוסישע מיליטער־אָרגאַנען אין אָרגאַניזירן און אויספירן דעם פּאָגראָם. ער האָט אויך געהערט צו די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם וויבאָר־גער מאַניפעסט און איז געזעסן 3 חדשים אין סלאָנימער תפיסה.

וואָס וועט זיין מיט מיר אין דעם הויז? וועל איך גע־שטעלט ווערן פאַר אַ געריכט און וועל קענען אויסניצן פאַר זיך אַליין מיין לאַנגיעריקע דערפאַרונג אַלס פאַרטיידיקער? וועלכע חטאים וועט מען מיר פאָרוואַרפן? וואָס וועלן זיין די כלומרשטע באַווייזן? ווי וועט זיין די באַציאונג פון די אויספאָרשער? וועט מען מיר צווינגען זיך מודה צו זיין אין חטאים, וועלכע איך בין ניט באַגאַנגען?

אַריינקומענדיק צום „סלעדאָוואַטעל", נאָכדעם ווי איך האָב געוואַרט עטלעכע שעה אין קאָרידאָר, איז מיר געשטעלט געוואָרן די ערשטע פראַגע: צי בין איך מודה, אַז איך האָב אין סלאָנים „געפירט אַ קאַמף מיטן פּראָלעטאַריאַט"? איך האָב דערויף געענטפערט, אַז איך קען ניט ענטפערן אויף אַ פראַגע, וואָס אַז מ'וויל, זאָגט זי אַלץ, און אַז מ'וויל — זאָגט זי גאָרניט. איך וויל, אַז ער זאָל מיר אָנרופן עפּעס אַ קאָנ־קרעטן פאַרברעכן, וואָס איז פאַרבאָטן לויטן קאָדעקס. דער־ווייל איז אַריינגעקומען אַן אַנדער נאַטשאַלניק, וואָס האָט, קוקנדיק מיר אין פּנים אַריין, אַ זאָג געטאָן: „האַ, ווער ס'איז דאָ! דאָס איז אַ „קרופּנער" ציוניסט. אָן אים איז אין סלאָנים קיין שום זאַך ניט געשען!"

ענדלעך רוקט מיין „סלעדאָוואַטעל" אַרויס אַ קאָנקרעטע זאַך:

— „זייט איר זיך מודה, אַז אין יאָר 1920 האָט איר געדינט אין פּוילישן מיליטער אַלס אָפיציר?"

— „יאָ, צו דעם בין איך זיך מודה. אויף דער פאַראָרד־נונג פון דער סאָוועטישער מאַכט האָב איך זיך נאָך אין סעפּטעמבער 1939 אַלס אַזעלכער רעגיסטרירט, — עס איז אַלזאָ ניט שווער געווען „אויפצודעקן מיין פאַרברעכן". איך בין זיך אָבער ניט מודה, אַז כ'טראָג דערפאַר אַ וועלכע ס'איז שולד. איך בין געווען אַ פּוילישער אָפיציר אַלס פּוילישער בירגער, אַזוי ווי איר זייט מן הסתם אַ סאָוועטישער אָפיציר אַלס בירגער פון סאָוועט־רוסלאַנד. איך ווייס אויך, אַז נאָך מיט 20 יאָר צוריק איז געשלאָסן געוואָרן דער ריגער טראַק־טאַט און אַז אפילו די געפאַנגענע אָפיצירן זיינען קעגנזייטיק געוואָרן אויסגעטוישט".

— „אַלזאָ, — רופט ער זיך אָן צו מיר, — איצטער וועל איך אייך ברענגען אַ קאָנקרעטע באַשולדיקונג: אין יאָר 1922 איז פאָרגעקומען אין „דאָם לודאָווי" אַ פאַרזאַמלונג פון פּאָ־לאַקן, און איר האָט געזאָגט אין אייער רעדע, אַז פּוילן מוז קאָנצענטרירן אַלע אירע כוחות קעגן סאָוועט־רוסלאַנד".

— „ניין, איך בין זיך ניט מודה!"

— „אָבער מיר האָבן עדות דערויף! מיר וועלן זיך נאָך זען ביי דער ווייטערדיקער אויספאָרשונג".

די ווייטערדיקע אויספאָרשונג האָט זיך פאָרגעשטעלט, מער־ווייניקער, אַזוי: מ'וועקט מיר אויף אינמיטן דער נאַכט און מ'הייסט מיר זיך אָנטאָן. ווייס איך שוין, וואָס דאָס באַ־דייט. מ'פאָרט אין נ. ק. וו. ד. און ס'טרעפט זייער אָפט, אַז מ'מוז דאָרטן וואַרטן אין קאָרידאָר ביז פאַרטאָג און דאַן, אונטער אַ וואַך, צוריק פאָרן מיט דעם וואָס מ'איז געקומען. קיינער פרעגט דיר ניט און קיינער רופט דיר ניט. סתם אַזוי

זיך דורכגעפאָרן און אויסגעלופּטערט, נאָכן „פּאָדימייסיא, יעדיעם!"

אָבער איינמאָל בין איך דאָך נאָכאַמאָל געשטאַנען פאַר דעם „סלעדאָוואַטעל", און געוואַרט אויף מיר האָט אַן „עדות" דאָס איז געווען אַ באַדינער פון מאַגיסטראַט, וועלכער איז אָנגעקומען קיין סלאָנים אין 1924 און פלעגט, אגב, יעדן יאָר, דעם ערשטן יאַנואַר, אַריינקומען צו מיר, ווינטשן מיר אַ גוט יאָר און באַקומען עטלעכע זלאָטעס אויף וואָדקע.

דערזעענדיק מיר, האָט ער אַראָפּגעלאָזן די אויגן און זיי שוין די גאַנצע צייט ניט אויפגעהויבן.

דער „סלעדאָוואַטעל" פרעגט אים, צי איז אַלץ אמת, וואָס ער האָט אַ טאָג פריער איבערגעגעבן אַלס עדות צום פּראָטאָקאָל, אויף וועלכן ער האָט אונטערגעשריבן. און דער עדות ענטפערט: „יאָ", — אָבער אַזוי שטיל און אונזיכער, אַז קוים וואָס מ'הערט אים.

איך בעט דעם אויספאָרש־ריכטער ער זאָל מיר דערלויבן שטעלן דעם עדות איין און איינציקע פראַגע: זאָל דער עדות זאָגן, אין וועלכן יאָר ער איז געקומען קיין סלאָנים — און די גאַנצע זאַך וועט זיך אַליין אויפקלערן. דערויף ענטפערט דער „ריכטער": „מיר ווייסן, אַז איר זייט אַן אויסשאָנער יוריסט, אָבער דאָ איז דאָס ניט נויטיק. איך האָב דעם עדות שוין אַלץ געפרעגט".

— „נו, גוט — זאָג איך, — דאַן בעט איך נאָכקוקן אין מאַגיסטראַט, ווען דער עדות האָט זיך איינגעמאָלדן אין סלאָנים און צולייגן צו מיינע אַקטן אַן אויסצוג פון די מעלד־ביכער".

— „דאָס איז ניט נויטיק!" — זאָגט דער אויספאָרש־ריכטער, — „די זאַך איז אינגאַנצן אויפגעקלערט".

איך האָב דאַן געהערט פון אַנדערע אין מיין צעלע, אַז דערזעלבער עדות האָט געשפּילט זיין ראָל אויך ביי אנדערע אויספאָרשונגען.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט מיין אויספאָרשונג.

איך וויל זיין אָביעקטיוו און פעסטשטעלן, אַז במשך דער גאַנצער אויספאָרשונג האָט ער מיר מיט קיין איין וואָרט ניט באַליידיקט, אויב מיר ווילן ניט באַטראַכטן אַלס באַליידיקונג די ווערטער, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער מוטער („פּאָ מאַטערי" — בלע"ז), וועלכע פלעגט זיך דורך ביי אַ סך רוסישע מענטשן אָן שום באַציאונג צום מיטשמועסער און געהערן, אייגנטלעך, צום „פּאָסאָן דע פּאַרליי" פון דער רוסישער שפּראַך (איך מיין דערביי ניט טאָלסטאָי'ען און טשעכאָוון, חלילה!).

אין תפיסה

און ווידעראַמאָל צוויי נ.ק.וו.דיסטן, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, פון ביידע זייטן, און איך אין דער מיטן, — דאָס־מאָל אין אַן אויטאָ, אויפן וועג קיין זאַמאָסטיע, אין סלאָנימער תפיסה אַריין.

אין דער קאַנצעלאַריע, ווו די אַרעסטירטע ווערן פאַר־רעגיסטרירט, איז דער ערשטער באַפעל: „ראזדיעטסיאַ, פּאָ־ביסטריי!", און נאָכאַמאָל „פּאָביסטריי!", און ווידעראַמאָל „פּאָביסטריי!". אין דעם מאָמענט האָסטו, גאָלובטשיק, אויפגעהערט צו זיין אַ מענטש מיט אַן אייגענעם ווילן און האָסט פאַרלאָרן די פרייע באַשטימונג איבער דיין „איך". דיין גוף איז געוואָרן הפקר און דיין נשמה באַהאַלט זיך פאַר בושה. יעדער שייגעץ קען אַרומטאַפּן דיין גוף מיט זיינע טמא'דיקע פינגער, אַריינקוקן דיר אין די ציין און נאָך ערגיץ, כדי צו קאָנטראָלירן, צי האָסטו ניט באַהאַלטן אין אַ געהיימען אָרט קיין דינאַמיט, וואָס קען אויפרייסן די סאָוועטישע מאַכט.

באַשרייבן דאָס לעבן אין תפיסה האַלט איך היינט צו טאָג פאַר אַן איבעריקער זאַך. וועלכער אָנשטענדיקער מענטש האָט עס ניט געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן באַקאַנטשאַפט מיטן תפיסה־רעזשים זייט דעם אומגליקלעכן יאָר 1939.

דער אורטייל

אין סאָוועט־רוסלאַנד זיצט זעלטן ווער אָפּ זיין שטראָף אין געפענגעניש, — אַ חוץ קליינע, און אפשר גאָר גרויסע שטראָפן, ווען דער אַרעסטאַנט זיצט ערגיץ ביחידות און קיינער ווייס פון אים ניט.

איך גלויב ניט, אַז ס'איז פאַראַן אַ בפירוש'ער געזעץ, וואָס זאָל פעסטשטעלן די גרעניץ. איך שרייב, איבעריקנס, ניט קיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וועגן דער יוסטיץ אין סאָוועט־רוסלאַנד אויפן גרונט פון געדרוקטע קוועלן. איך קען נאָר שרייבן וועגן מיינע אייגענע איינדרוקן אויף דעם געביט.

אויב די טורמעס זיינען דאָך איבערפולט, זיינען דאָס מענטשן, קעגן וועלכע עס ווערט געפירט אַן „אויספאָרשונג".

קוים האָט זיך פאַרענדיקט דידאָזיקע אויספאָרשונג, ווערט ערגיץ־ווו (ווי זאָגט מען דאָ אין לאַנד — אי שם!) אַרויס־געגעבן אַן אורטייל, לויט וועלכן איר ווערט איבערגעשיקט אין אַן „אויסבעסערונגס־לאַגער" אויף אַ היפּשע צאָל יאָרן. אַזעלכע לאַגערן זיינען פאַראַן אין די טויזנטער, און אפשר אין די צענדליקער טויזנטער, צעוואָרפן איבער גרויסן ברייטן רוסלאַנד, דאָס רוב אָבער אין די ווייטע געגנטן.

עס זיינען, פאַרשטייט זיך, אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַן אויך געריכטן, מיט פּראָקוראָרן און פאַרטיידיקער, אָבער איך גלויב ניט, צי וועט זיך געפינען אין גאַנץ רוסלאַנד אַ יוריסט, וואָס זאָל אייך קענען אינפאָרמירן, אויב איר וועט פאַר אייער „פאַרברעכן" שטיין פאַרן געריכט און וועט זיך קענען פאַר־טיידיקן, אָדער עפּעס אַ קאָלעגיע פון „דריי" („טרויקאַ") וועט ערגיץ־ווו, אין אייער אָפּוועזנהייט, אַרויסטראָגן אויף אייך אַן אורטייל פון לאַנגע יאָרן צוואַנגס־אַרבעט.

יעדנפאַלס האָט קיינער פון די טויזנטער פּוילישע בירגער, וואָס זיינען געזעסן אין תפיסה, ניט אָנגעזען פאַר די אויגן קיין ריכטער.

אין אַ שיינעם טאָג האָט מען מיר אַריינגערופן אין קאַנצע־לאַריע פון תפיסה, ווו ס'איז געזעסן אַ נ.ק.וו.דיסט. — „איר זיינט דאָס ווייס?" — „יאָ!" — „איך וועל אייך פאָרלייענען אייער אורטייל". — „וואָס הייסט עפּעס מיין אורטייל איך בין נאָך ניט געשטאַנען פאַר קיין שום געריכט!"

דערויף ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן:
— „אייך האָבן געסודיעט די דריי, די טרויקאַ".

— „וואָס הייסט עפּעס די טרויקאַ? ווער זיינען זיי? ווו ווויִנען זיי? וואָס ווייסן זיי פון מיר?"

און ער האָט זיך נאָר רואיק צעשמייכלט, ווי איינער זאָגט: „באַאיוועך יוריסט!" —

נאָכדעם ווי ער האָט פאָרגעלייענט, אַז איך בין פאַר־

אורטיילט געוואָרן אויף 5 יאָר אויסבעסערונגס־לאַגער אין די „ווייטע געגנטן" פון רוסלאַנד, האָב איך אים געפרעגט, צי כ'האָב אַ רעכט צו אַפּעלירן קעגן דעם אורטייל. דערויף האָט ער ווידער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געענטפערט: „אַוודאי האָט איר דאָס רעכט, אָבער דאָס וועט אייך גאָרניט העלפן!"

איך בין שוין אין מיין צעלע ניט צוריק געקומען, ווייל אַלע פאַראורטיילטע ווערן געזאַמלט אין באַזונדערע צעלן. אין מיין נייער צעלע האָב איך געטראָפן משה ליכטנשטיינען, און דאָס איז פאַר אונז ביידן געווען אַ שטיקל טרייסט.

אין מיין פריערדיקער צעלע האָב איך איבערגעלאָזן באָרע פּיאַסעצקין, נחמיה שוחאטאָוויטשן, אפרים גאָלדנבערגן און — יבדל לחיים ארוכים — חיים ראַבינאָוויטשן; מיט די אַלע האָב איך זיך ניט געזעגנט.

איך פאַרלאָז סלאָנים, — ווו איז מיין פאַמיליע?

נאָך 7 חדשים אָפּגעשלאָסנקייט פון דער אויסערלעכער וועלט, איז געקומען דער טאָג פון טראַנספּאָרט.

פון איין זייט האָט זיך אונז שוין געוואָלט אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער וועלט, האָבן פּשוט אַ ביסל מער לופט צום אָטעמען און אויך זען אַנדערע פּנימער. אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן מיר מורא געהאַט פאַרן אומבאַקאַנטן גורל. לאַנגע יאָרן צוואַנגס־אַרבעט! וויאַזוי זעט זי אויס, די צוואַנגס־אַרבעט? האַקן שטיינער? גראָבן קוילן אין די שאַכטן? געטריבן ווערן אפשר מיט נאַהייקעס? און פאַר וועלכע זינד? אין די „ווייטע לענדער"? ווו ליגן זיי ערגיץ? איך דאַרף „איבערגעאַרבעט ווערן"? וויאַזוי אַרבעט מען דאָס איבער אַ מענטש פון עטלעכע און פופציק יאָר?

די גאַנצע צייט האָבן מיר געפירט ויכוחים אין דער צעלע, וואָס איז פאַר אונז בעסער און געוווּנשענער, — בלייבן איינגעשלאָסן אין די פיר ווענט פון תפיסה, ווו מיר האָבן שוין געהאַט אונזער אייגן וועלטל, מיט אונזער „קאַשע און פּאַראַשע", אָדער אפשר איז טאַקע בעסער אָנהויבן פירן אַ לעבן פון אַרבעט. מער ווי די כוחות, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אונזערע קערפּערס, קענען מיר דאָך ניט פאַרלירן, — נאָר אַ סוף זאָל דאָס שוין אַמאָל נעמען!

יעדער איינער האָט זיך געהאַט זיין אייגענע מיינונג. אפרים גאָלדנבערג ז"ל האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן, אַז ער האָט ניט מורא פאַר קיין שום צוואַנגס־אַרבעט. ער פילט זיך גענוג שטאַרק אַלץ אויסצוהאַלטן. האָב איך געקענט דאָס־זעלבע אויך זאָגן וועגן זיך? האָט דאָס געקענט זאָגן באָרע פּיאַסעצקי? חיים ראַבינאָוויטש?

אָבער סוף כל סוף איז די ברירה ניט געלעגן אין אונזערע הענט. אויף אַ זייטיקער ליניע פון דער באַן־סטאַנציע וואַרט שוין אויף אונז אַ לאַנגער צוג מיט ליידיקע וואַגאָנעס און מיט פאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך.

איידער איך קלייב זיך אַריינצופּאַקן אין אַזאַ וואַגאָן, איז, דאַכט זיך, שוין צייט זיך אַרומצוקוקן, וואָס טוט זיך עפּעס מיט מיין פאַמיליע. איך האָב דאָך איבערגעלאָזן אין מיין היים, אין יענער נאַכט פון 27־טן אויפן 28־טן מערץ 1940, מיט 7 חדשים צוריק, מיין געליבטע פרוי ז"ל, האַלבפאַרחלשט, מיט פאַרגלאָצטע אויגן; מיין איין־איינציקן זון, וועלכער האָט ניט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון געזעגענונג, — און זיין פרוי, אַ פאַרשטאַרטע, און מיין אומבאַהאָלפענע אַלטע שוועגערן. זאָל איך זיך אָן זיי ניט דערמאָנען, ווען איך גיי פאַרלאָזן סלאָנים, אפשר אויף אייביק?

איך האָב שוין געוווּסט, אַז מיין פאַמיליע געפינט זיך שוין ניט מער אין סלאָנים, אַז זיי זיינען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין סיביר. און געשען איז דאָס אַזוי:

צוויי וואָכן נאָך מיין אַרעסט איז אינמיטן דער נאַכט פאַרפאָרן צו מיין וווינונג אַ לאַסט־אויטאָ מיט אַ גרופּע מענטשן, געשיקטע פון נ.ק.וו.ד., וואָס האָבן מודיע געווען מיין פרוי, אַז נאָך מיין אַרעסט איז „די שטאָט" ערשט געוואָר געוואָרן וועגן מיין אמתן פּרצוף און זי איז אָנגעלאָדן מיט כעס קעגן מיר. ס'איז אַלזאָ פאַראַן אַ גרויסע געפאַר, אַז דער אויפגערעגטער סלאָנימער עולם זאָל חלילה ניט באַפאַלן מיין משפחה, כדי צו נעמען אָן זיי נקמה פאַר מיינע זינד. ובכן, האָט די סאָוועטישע מאַכט באַשלאָסן אַריבערפירן שטילערהייט מיין פאַמיליע אויף אַ זיכערן אָרט, כדי צו „שיצן זיי פאַרן צאָרן פון דער באַפעלקערונג"...

אַזויווי מיין זון האָט גראַדע געהאַט נאַכט־דיזשור אין דער קליניקע, האָט מיין פרוי דערקלערט, אַז זי וועט זיך ניט רירן פון הויז ביז דער זון וועט ניט צוריקקומען. לאַנג האָט זי ניט געדאַרפט וואַרטן — מ'האָט באַלד געבראַכט מיין זון פון דער קליניקע. ווען די נ.ק.וו.דיסטן האָבן אים געפרעגט, צי האָט ער ביי זיך געווער, האָט ער אַרויסגענומען דעם סטאַטאַסקאָפּ מיט די ווערטער: „אָט איז מיין געווער".

און אַזוי האָט די חברה בעלי־רחמים געראַטעוועט מיין פאַמיליע פאַרן צאָרן פון מיינע האַרציקע סלאָנימער אידן און זי איבערגעפירט צו דער באַנסטאַנציע.

צענדליקער לאַסט־אויטאָס זיינען געקומען פון אַלע זייטן שטאָט, אָנגעפּאַקט מיט מענער, ווייבער און קינדער. די וואַגאָנען זיינען פול געוואָרן מיט אידן, פּאָלאַקן און ווייסרוסן, — אַן אמתע פעלקער־וואַנדערונג. די פרוי פון ד"ר אפרת מיט צוויי קינדער; פרוי גורוויטש מיט צוויי קינדער און מיט איר שוויגער; די פאַמיליע פון איטשע סוועטיצקי, צווישן זיי מאיר סוועטיצקי, וואָס איז געווען, אגב, אַ מיטגליד פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און האָט שוין געהאַט אין סלאָנים פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן ביי דער נייער מאַכט; זינגע לאָץ מיט דער שוויגער; דער אַלטער שעלובסקי מיט זיין פרוי און שנור; חיים וואָלקאָוויסקי מיט זיין פרוי; בנימין וואָלקאָוויסקי און מירע, די פרוי פון סאָליע וואָלקאָוויסקי; אברהם־משה סוועטיצקי מיט זיין פרוי און צוויי זין; דער אַלטער ניסן יעזערסקי, זיין זון בעניע, זיין שנור גיטע און נאָך און נאָך.

דער טראַנספּאָרט קיין סיביר האָט געדויערט 3 וואָכן. אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן אָן אַ שיעור עשאַלאָנען, וואָס זיינען אַרויסגעפירט געוואָרן פון פאַרשיידענע שטעט, — פון לעמבערג, ראָוונע, ביאַליסטאָק, וואָלקאָוויסק, לידע און נאָך. ווען זיי זיינען אָנגעקומען קיין קאַזאַכסטאַן, האָט מען זיי אַלעמען אויסגעלאָדן אויף דער סטאַנציע פּעטוכאָוואָ און פון דאָרטן האָט מען זיי צעפירט אין די פאַרשיידענע קאָלכאָזן און סאָווכאָזן.

האָבן מיר שוין, הייסט עס, פאַרזאָרגט אונזערע פאַמיליעס אויפן בעסטן אופן און מיר מעגן שוין „מיט אַ רואיקן געמיט"

זיך אַרייַנזעצן אין די וואַגאָנעס מיט די פּאַרקראַטעוועטע פענסטערלעך און זיך לאָזן „פרייַלעך” אין וועג אַרייַן.

אונזערע וואַגאָנעס האָבן געהאַט ערשטן, צווייטן און דריטן שטאָק, לויט די פּריטשעס, וואָס זייַנען אויסגעלייגט געוואָרן איינע איבער דער צווייטער. ליגן האָט מען נאָך ווי עס איז געקענט, אָבער אויפזעצן זיך, איבערהויפּט אויפן דריטן שטאָק, איז געווען כמעט אוממעגלעך. און טאָמער האָט איינער זיך געוואָלט איבערדרייען אויפן צווייטן זייַט, האָבן דאָס אַלע געמוזט טאָן אויף קאָמאַנדאָ. מער ווי 80 מענטשן זייַנען אַזוי געלעגן אין אונזער וואַגאָן, וואָס איז, ווי באַקאַנט, באַשטימט פאַר 6 פערד אָדער 40 מענטשן. אין אַ ווינקל פון וואַגאָן איז געווען אַן עפענונג פאַר אַלע מעגלעכע נויטן.

פאַרן אייַנוואַגאָנירן האָבן מיר באַקומען ברויט אויף 8 טעג פאָרויס, אָבער יעדערער האָט זיך געקענט צוקויפן עטלעכע לאַבן ברויט אין דער תפיסה־קראָם. אַזויווי ניט יעדער האָט געהאַט אויף זייַן קאָנטאָ געלט, האָט מען זיך ווי ס׳איז געטיילט. אייַנמאָל אין עטלעכע טעג האָבן מיר באַקומען אַ פיש־זופּ. מ׳האָט אונז אויך געגעבן זעק מיט סוכאַרעס.

די מענטשן אין וואַגאָנעס זייַנען ניט געווען אייַנגעטיילט לויט די לאַגערן, צו וועלכע מ׳האָט זיי געפירט. די טיילונג איז ערשט געמאַכט געוואָרן אויפן וועג דורכן טראַנספּאָרט־קאָמענדאַנט, וועלכער האָט געפירט מיט זיך אַלעמענס אַקטן. בייַ געוויסע קנופּ־סטאַנציעס איז דורכגעפירט געוואָרן די סעגרעגירונג, גרופּנווייַז, לויט די אָנווייַזונגען אין די אַקטן.

עפּעס מער ווי 4 וואָכן האָט געדויערט אונזער רייַזע פון סלאָנים — ביז מאַרינסק, נאָוואָסיבירסקאַיאַ אָבלאַסט. אָנגעקומען אַהין זייַנען מיר אינמיטן דער נאַכט.

אין לאַגער מאַרינסק

מיר זייַנען אָנגעקומען אויפן אָרט פון אונזער באַשטימונג און זייַנען אַרייַנגעפירט געוואָרן אין אַ העל־באַלויכטענע האַלע, ווו מיר האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער און וועש, צונויפגעבונדן זיי אין אַ בינטל און איבערגעגעבן אין דער דעזינפעקציע־קאַמער.

צוליב דער ענגשאַפט אין די וואַגאָנען האָט זיך אויף אונז אַראָפּגעלאָזן די דריטע פון די עשר מכות, וואָס האָט ממש געפרעסן אונזער לעבעדיקן לייַב.

נאַקעטע זייַנען מיר אַרייַן אין אַ צווייטער האַלע, ווו ס׳האָבן געוואַרט אויף אונז אַ מענגע סאַניטאַרן מיט ראַזירמעסערס אין די הענט. זיי האָבן אונז אויסגעשטעלט אין אַ ריי און באַפרייַט פון די האָר.

אינמיטן דער האַלע איז געשטאַנען אַ לאַנגער טיש מיט גרויסע גלעזערנע בוטלעס, אין וועלכע ס׳איז געווען אַ מין פליסיקייט צו באַשמירן אונזערע צעביסענע קערפּערס.

פון דאָרטן זייַנען מיר אַוועקגעפירט געוואָרן אין באָד אַרייַן. עס איז געווען בייַנאַכט, און קיין עסן האָבן מיר ניט באַקומען, אָבער עד היום געדענק איך נאָך דעם טעם פון באָד.

דאַן האָט מען אונז אַרייַנגעפירט אין אַ גרויסן באַראַק, ווו מיר האָבן געטראָפן הונדערטער מענטשן פון פריערדיקע טראַנספּאָרטן, ליגנדיקע אָדער זיצנדיקע אויף דער פּאָדלאָגע, וואָס איז פול געווען מיט אָנגעטראָגענעם שניי. עס איז פשוט ניט געווען קיין פּלאַץ ווו זיך אַוועקצוזעצן. איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסן גליק, ווען מיר איז געלונגען צו געפינען אַ ווינקל ווו זיך אָנצושפּאַרן אָן דער וואַנט און קענען באַטראַכטן מייַן גורל אין זייַן גאַנצער טראַגיק.

פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ באַפעל.

פאַר אונז איז געשטאַנען דער קאָמענדאַנט פון דער לאַגער־פּאָליציי, וועלכער האָט אָנגעהויבן זייַן רעדע בזו הלשון:

— „הערט זיך צו, איר מענטשן פון נייַעם טראַנספּאָרט. איך בין געקומען אייַך באַקענען מיט די פאַרהעלטענישן אין לאַגער און אייַך וואָרענען. דאָס איז אַן איבערגאַנגס־לאַגער, אַ „פּערעסילני פּונקט”. בייַ אונז האָט זיך פאַרשפּרייט אַ פּרעכער באַנדיטיזם, וועלכן מיר קענען ניט בייַקומען. די אָנפאַלן ווערן געמאַכט בייַנאַכט אויף מענטשן, וואָס טראָגן אויף זיך גוטע קליידער. מען פאַרנאַרט זיי אין אַ ווינקל, טוט זיי אויס נאַקעט, און ווער עס שטעלט זיך אַ קעגן, באַקומט אַרייַנגעשטאָכן אַ מעסער. מיר האָבן הייַנטיקע וואָך אויפגעהאַנגען דרייַ אַזעלכע באַנדיטן, אָבער דאָס האָט די אַנדערע ניט אָפּגעשראָקן. ובכן, זאָלט איר וויסן, אַז איינער און אפילו צוויי זאָלן אַליין ניט אַרויסגיין פון באַראַק, נאָר אין גרופּעס צו פינף מענטשן אינאיינעם. מיר קענען ניט גאַראַנטירן פאַר אייַער לעבן. און אויב עמיצער מוז גיין אין קלאָזעט אַרייַן, זאָלן זיך צונויפנעמען פינף מענטשן און גיין צוזאַמען”.

נאָר דאָס האָט אונז געפעלט! שיינע פּערספּעקטיוון! און דער הונגער פּלאָגט, און די פיס קענען פון מידקייט ניט טראָגן דעם קערפּער, און שלאָפן ווילט זיך!

און וואָס וועט זייַן, אויב איך וועל ניט קענען צוזאַמענקלייבן קיין 5 מענטשן? און דער מאָגן איז אָפּגעשוואַכט ביז גאָר, און מען מוז לויפן און ווידער לויפן.

גאָט, אין וואָס פאַר אַ גיהינום בין איך אַרייַנגעפאַלן, אַז אפילו די סאָוועטישע פּאָליציי קען זיך דאָ קיין עצה ניט געבן.

נאָך דיזעלבע נאַכט איז דער נייַער טראַנספּאָרט געשטעלט געוואָרן פאַר אַ קאָמיסיע פון דאָקטוירים, וואָס האָט געדאַרפט באַשטימען, צו וועלכער אַרבעט יעדערער איז געאייגנט, כדי צו וויסן, וווהין מ׳זאָל אים שיקן. מיר האָט מען געפונען גענוג שוואַך און קוואַליפיצירט צו אַ לייכטער אַרבעט.

אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען, אַז דער נייַער טראַנספּאָרט האָט אין דער פרי באַקומען אַ באַראַק פאַר זיך און מ׳האָט אונז אַרייַנגעבראַכט קעסלען מיט זופּ, וועגן וועלכער די מיינונגען זייַנען געווען געטיילט, צי איז דאָס אַ קאַרטאָפל אָדער אַ קרויט־זופּ. יעדערער פון אונז האָט באַקומען אַ האַלבן ליטער, און אויב ס׳איז געבליבן אין די קעסלען זופּ, האָבן מיר געבילדעט „אַכטלעך”, ד. ה. יעדן טאָג האָט אַן אַנדער אַכטל באַקומען דעם עודף.

דאָרטן האָב איך געטראָפן ראָזענבערגן פון סלאָנים. מיר האָבן דעם ערשטן טאָג בשותפות אייַנגעקויפט ברויט און מיר דאַכט זיך, אַז איך בין אים שולדיק געבליבן אַ חוב.

אַזויווי אונזער לאַגער איז געווען אַ „פּערעסילני פּונקט”, האָט מען אונז ניט געצוווּנגען צואַרבעטן, אַ חוץ אָרדנונג מאַכן אַרום דעם באַראַק.

שלמה המלך האָט געזאָגט: שלח לחמך על פני המים, כי ברוב הימים תמצאנו”. איך זאָג אייַך, גאָלדענע ווערטער!

אין מייַן וואַגאָן איז מיטגעפאָרן ד״ר בעבטשוק פון וואָל־

קאוויסק, אַ שוואָגער פֿון מאַשע ראַבינאָוויטש, די פֿרוי פֿון חיים ראַבינאָוויטש (ניט דער חיים פֿון „אַראַביאַס"). די גאַנצע צייט האָב איך אים אויסגעהאַלטן מיט טאַבאַק. קומענדיק אין לאַגער איז ער עולה לגדולה געוואָרן און איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער סאַניטאַרער אויפֿזעער איבער די קיכן. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ רעכט צו פֿאַרזוכן פֿון יעדן קעסל, און אַזוי ווי קעסלען זיינען געווען אַ סך, האָט ער געקענט פֿאַרציכטן אויף זיין פּאַרציע. געדענקענדיק מיין ברייט האַרץ אין וואַגאָן, פֿלעגט ער מיר מיטברענגען אין אַ שיסל פֿון דעם „שענסטן און בעסטן". ווילט איר קאַרטאָפֿל, ווילט איר סאָיע — מיט איין וואָרט: אַלץ נאָך וואָס דאָס האַרץ האָט געגלוסט.

לײַדער האָט אָבער מיין גליק ניט לאַנג געדויערט, ווייל מיין פֿריינט בעבטשוק איז תיכף אין די ערשטע טעג איבערגעפֿירט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער.

אין לאַגער זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן באַקומען פּעקלעך מיט פּראָדוקטן פֿון דרויסן. איז מיט אונדז געווען אַ איד פֿון לעם בריסק, וואָס האָט געהאַט קאַנטשאַפֿט אין יענע קרייזן. איינמאָל קומט ער און רוימט מיר אַריין אַ סוד, אַז מ'קען קויפֿן פֿאַר גאַנץ ביליק אַ קילאָ פּוטער. האָבן מיר אַריינגעצויגן אין געשעפֿט נאָך עטלעכע „געלטקרעפֿטיקע" אידן און מ'האָט באַשלאָסן אָפּצוקויפֿן בשותפֿות דעם גאַנצן קילאָ פּוטער.

9 אַזייגער ביינאַכט איז דער בריסקער איד אַרויס פֿון באַראַק מיט 20 רובל אין דער האַנט. ווען דער פּוטער־איד האָט אים באַוויזן די סחורה, איז אונטערגעשפּרונגען אַן אַנדער איד, דערלאַנגט דעם בריסקער אַ פּאַטש אין פּנים און אַרויסגעריסן פֿון די הענט די פּוטער מיט די 20 רובל. מיר אין באַראַק האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן פּוטער, אָבער פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט אַ געוואַלד, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין. ס'איז געווען אויס געלט און אויס פּוטער. ס'איז געווען אַ סברה, אַז דאָס האָט טאַקע דער פּוטער־איד אַליין אונטערגעשיקט דעם גזלן.

איך שטיי פֿאַר אַ פּראָבלעם: ווו נעמט מען פּאַפּיר אויף אַ בריוו צו מיין פֿאַמיליע? רוקט זיך פֿונקט אונטער אַ איד אַ פֿריזירער און פֿרעגט, וואָס קען איך געבן פֿאַר אַ בריוו־פּאַפּיר מיט אַ קאָנווערט. איך האָב אים געגעבן אַ טאַשטיכל און באַקומען דערפֿאַר 4 בויגעלעך פּאַפּיר.

וויסנדיק אַז מיין פֿאַמיליע איז אין פּרעסנאָווקער ראַיאָן און ניט האָבנדיק דעם גענויעם אַדרעס, פֿרעג איך זיך נאָך אומעטום, ווו ליגט ערגיץ פּרעסנאָווקע. דערווייל באַקום איך אַן ענטפֿער, אַז אין רוסלאַנד זיינען דאָ ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַכט פּרעסנאָווקעס. כדי אָפּצוזוכן די ריכטיקע, דאַרף איך זאָגן אין וועלכער רעפּובליק זי געפֿינט זיך, לכל הפּחות. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב דאָס ניט געוווּסט, ווייל זייענדיק אין איין צעלע מיט חיים ראַבינאָוויטשן, האָב איך פֿון אים געהערט נאָר דעם נאָמען „פּרעסנאָווקע", און אפֿילו דאָס האָט ער ניט געזאָגט מיט דער פֿולער זיכערקייט. שמועסנדיק אָבער ווייטער מיטן זעלבן מענטשן, ביי וועמען איך האָב זיך באַמיט צו באַקומען אַ גענויערע אינפֿאָרמאַציע וועגן פֿאַרשיקונגס־אָרט פֿון מיינע שטוביקע, דערציילט איך אים די גאַנצע געשיכטע פֿון דער פֿאַרשיקונג. — „אויב אַזוי — זאָגט ער — ווייס איך שוין, ווו דאָס ליגט, ווייל איך אַליין בין אַמאָל פֿאַרשיקט געוואָרן קיין פּרעסנאָווקע און געלעבט דאָרטן 2 יאָר".

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מיין זון איז אַ דאָקטאָר, האָט ער מיר געראָטן צו שרייבן אויפֿן אַדרעס פֿון „ראַי־זדראַוו", ווייל אַלס דאָקטוירים מוזן זיי דאָרטן זיין רעגיסטרירט. איך האָב אים געפֿאָלגט און מיין בריוו איז טאַקע אָנגעקומען צו מיין פֿאַמיליע. אַזוי זיינען זיי געוואָר געוואָרן, אַז איך לעב און ווו איך געפֿין זיך.

דערווייל בין איך איבערגעשיקט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַגער, טאַקע פֿון דער לאַגערן־נעץ מאַרינסק, אָבער דער אַדרעס איז געווען אַן אַנדערער. הייסט עס, אַז כ'דאַרף נאָכאַמאָל שרייבן און ווייטער וואַרטן אויף הילף פֿון מיין פֿאַמיליע, ווער ווייס ווי לאַנג. מיר איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. עס האָבן זיך געוויזן סימנים פֿון געשוואָלנקייט און דער לאַגער־דאָקטאָר האָט געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ טאָגטעגלעכע זאַך. — „איך וואָלט אייך געקענט העלפֿן, — זאָגט ער צו מיר, — ווען איך קען אייך פֿאַרשרייבן דאָס, וואָס אייער קערפּער פֿאַרלאַנגט, ווי צ. ב. פֿעטס, צוקער און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס וואָלטן אייך געזונט געמאַכט אין משך פֿון 2 טעג. אָבער לײַדער האָב איך ניט קיין רעכט דערצו".

צו מיין מזל האָט מען מיר פֿון מיין פֿריערדיקן לאַגער איבערגעשיקט דעם פּאַקעט, וואָס מיין פֿאַמיליע האָט מיר געשיקט. גייענדיק פֿון לאַגער־פּאָסט צו מיין באַראַק האָב איך אויפֿן וועג אַריינגעפּאַקט אין מויל אַריין אַ שטיק פּוטער און דריי שטיקלעך צוקער. דאָס איבעריקע האָב איך באַהאַלטן אונטערן קישן, אַז קיינער זאָל דאָס ניט זען און „ניט געבן מיר קיין עין־הרע".

אין לאַגער האָב איך זיך באַפֿריינדעט מיט 3 אחים לצרה: מיטן געוו. ווייסרוסישן סענאַטאָר נאַדאַראָווסקי, מיטן געוועזענעם פּאָליציי־אינספּעקטאָר פֿון נאָוואָגרודעק און מיט איינעם ראַדמאַנסקי, וואָס איז שפּעטער געווען דער גענ.־סעקרעטאַר פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו. אָט די דריי האָב איך איינגעלאַדן צום ערשטן פֿרישטיק מיט די פּראָדוקטן פֿון מיין פּעקל. ווען איך בין צוגעקומען צו מיין פּעקל, כדי אַרויסצונעמען די גוטע זאַכן, האָב איך געפֿונען — אַ ליידיקן זאַק. ביינאַכט האָבן גנבים אַלץ אַרויסגענומען פֿון אונטערן קאָפּ.

איך זאָל אייך זאָגן, אַז ס'איז מיר געווען פֿריילעך אויפֿן האַרצן, — וועט איר מיר דאָך סיידווי ניט גלויבן. ווער ווייס ווי לאַנג מיין פֿאַמיליע האָט אויפֿן חשבון פֿון אַזאַ פּעקל ניט דערעסן, כדי מיר צו דערהאַלטן ביים חיות.

נאַר פֿאַרפֿאַלן! איוב האָט געהאַט גרעסערע צרות. מ'מוז ווייטער לעבן.

צום גליק האָב איך אַ קורצע צייט נאָכדעם באַקומען פּאַקעטן פֿון סלאָנים (איך האָב דאָך געהאַט, ווי איר געדענקט, פֿיר בריוו־בויגעלעך!), פֿון מיין געוועזענער סעקרעטאַרין הינדאַ קוניצע ז"ל, פֿון ד"ר יאַקימאָווסקאַ ז"ל און פֿון ראַזאַ זאַקהיים ז"ל (מיין האַרץ ווערט צעריסן דערמאָנענדיק אייך, מיינע טייערע פֿריינט). איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך.

אַזוי ווי מיין ערשטן פּאַקעט האָט מען ביי מיר צוגעגנבעט אין אַ באַראַק, ווו ס'זיינען געזעסן אַלגעמיינע פֿאַרברעכער

(צווישן זיי גנבים, מערדער אד״ג), האָב איך געפֿועלט, מ׳זאָל מיר אַריבערפֿירן אין אַ באַראַק פֿון די פּאָליטישע.

„כטאָ ניע ראַבאָטאַיעט, טאָט ניע קושאַיעט״

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳האָט מיר ניט געבראַכט פֿון אַזוי ווייט, כדי איך זאָל זיצן און הנאה האָבן פֿון די גוטע זאַכן, וואָס מיינע פֿריינט שיקן מיר. איך האָב אויך געקענט בעל־פּה די סטאַליניש קאָנסטיטוציע נאָך פֿון די לעקציעס אין סלאָנים, און האָב געוווסט, אַז איר תמצית איז: „ווער ס׳אַרבעט ניט, דער עסט ניט״.

ובכן, האָב איך אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן וועגן אַ פּאַסיקער אַרבעט.

וועט איך זיך אוודאי וווּנדערן: וואָס הייסט עפּעס, איך זוך אַרבעט? אויב צוואַנגס־אַרבעט, וואָס האָב איך עפּעס צו זוכן? מן הסתם וועט מען מיר שוין פֿאַרזאָרגן מיט אַרבעט.

איז דאָס אָבער ניט אינגאַנצן אַזוי.

יעדער איינער סטאַרעט זיך צוצושלאָגן צו אַ געוויסער רעגלמעסיקער אַרבעט, — מער שוואַכע, כדי ניט געשלעפּט צו ווערן יעדן טאָג צו אַן אַנדער אַרבעט.

מיר איז געלונגען צו באַקומען אַרבעט אין אַ וואַרשטאַט, וואָס האָט אויסגעאַרבעט שול־קרייד פֿון אַזאַ מין ליים, וואָס האָט זיך געפֿונען טאַקע ניט ווייט פֿון מאַרינסק. דאָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ לייכטער אַרבעט, ניט אונטערן פֿרייען הימל, אין דער קעלט, נאָר אין אַ געהייצטן באַראַק.

דער לייטער פֿון מיין וואַרשטאַט איז געווען אַ גרוזינישער קעראַמיק־אינזשיניער, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ שטראָף פֿון 15 יאָר.

מיר זיינען געווען אַ 30—40 מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער און פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס. עס זיינען צווישן אונז געווען פּראָפֿעסאָרן, סענאַטאָרן, פּראָסטיטוטקעס, אינזשיניערן, גנבים, אַדוואָקאַטן, פּויערים, לערערינס — מיט איין וואָרט, כלבו.

מיר האָבן געאַרבעט לויט אַ נאָרמע, וועלכע האָט צוערשט באַטראָפֿן 300 שטיק אַ טאָג און איז געשטיגן ביז 630 שטיק טעגלעך. געאַרבעט האָבן מיר 10 שעה אַ טאָג. נאָכן אויסברוך פֿון דער מלחמה צווישן סאָוועט־רוסלאַנד און דייטשלאַנד איז די אַרבעטס־צייט פֿאַרלענגערט געוואָרן ביז 12 שעה טעגלעך.

אין משך פֿון אַ קורצער צייט האָבן מיר אויסגעאַרבעט מיליאָנען שטיקער קרייד, און קיין אָפּנעמער האָבן זיך ניט געוויזן, דאָס האָט אונז פֿאַרשאַפֿן גרויס עגמת־נפֿש, ווייל עס האָט געדראָט, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן און אונז זאָל מען אָנהויבן שלעפּן צו פֿאַרשיידענע אַרבעטן. אָבער אין אַ שיינעם טאָג קומט אַריין אונזער לייטער מיט אַ גדולה: „חברה, ס׳איז געקומען אַ באַשטעלונג פֿון דער אוזבעקישער רעפּובליק אויף 3 מיליאָן שטיקלעך קרייד!״

אַלזאָ, מיר פּאַקן די קרייד אין קאַסטנס און אַרבעטן אויס ווייטערדיקע מיליאָנען.

עטלעכע וואָכן שפּעטער קומט אַריין אונזער מנהל, אַ בלאַסער, מיט טויט־שרעק אויפֿן פּנים. מיר האָבן תיכף דערקענט, אַז ס׳איז אים געשען אַ שרעקלעכער אומגליק. ער רופֿט צו זיך דעם סענאַטאָר נאַדאַרעווסקין און מיר און דערציילט אונז אַזאַ מעשה: ס׳איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פֿון דער אוזבעקישער רעפּובליק צום לאַגער־נאַטשאַלניק, אַז פֿון דעם גאַנצן טראַנספּאָרט קרייד, וואָס מיר האָבן אַרויסגעשיקט, זיינען אָנגעקומען קאַסטנס מיט — שטויב, קיין איין גאַנצע שטיקל קרייד, און די סחורה שטייט צוריק צו דער פֿאַרפֿיגונג פֿון לאַגער. — „איר ווייסט — זאָגט ער, — מיט וואָס דאָס שמעקט פֿאַר מיר אַלס פֿאַראַנטוואָרטלעכן לייטער פֿון וואַרשטאַט? דאָס וועט קוואַליפֿיצירט ווערן אַלס בפֿירושער סאַבאָטאַזש און — איך בין פֿאַרלוירן. אויף היינט 2 אַ זייגער רופֿט מיר דער נאַטשאַלניק צו זיך״.

מיר האָבן פֿון טיפֿן האַרצן מיטגעפֿילט מיט אונזער לייטער און האָבן מיט אומגעדולד אים אָפּגעוואַרט פֿון נאַטשאַלניק.

שוין פֿון דערווייטנס האָבן מיר געזען זיין פֿריילעך פּנים און האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער עניין האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ „העפּי ענד״. די זאַך איז, ווייזט אויס, פֿאַרריבן געוואָרן, און מיר האָבן אויך פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס.

פּונקט ווי דער לייטער פֿון וואַרשטאַט איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן נאַטשאַלניק פֿון לאַגער, איז אויך דער נאַטשאַלניק אַליין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אַ העכערן נאַטשאַלניק, און אַזוי קען דאָס דערגיין ביז צו דער העכסטער אינסטאַנץ. עס וואָלט זיך געצויגן אַ לאַנגע קייט פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן, ביז צו בעריאַ׳ן. אַזוי אַרום האָט מען געזוכט און טאַקע געפֿונען אַן אויסוועג פֿון דער לאַגע, און דער גאַנצער עניין איז, ווייזט אויס פֿאַרטושט געוואָרן. ניט דער לייטער פֿון וואַרשטאַט האָט מיט אַ וואָרט דערמאָנט די גאַנצע געשיכטע, און ניט מיר האָבן אים געפֿרעגט. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט געזונט צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן.

ליידער האָט אין אַ קורצער צייט אויסגעפֿעלט מאַטעריאַל און איך בין אַריבער צו אַן אַנדערער, אינטערעסאַנטערער אַרבעט.

אין לאַגער איז געווען אַ פֿעלץ־פֿאַבריק („שובני זאַוואָד״). במשך יאָרן האָבן זיך דאָרטן אָנגעזאַמלט אָפּפֿאַל־שטיקלעך, אין גרויסע מענגעס. האָט מען, אַלזאָ, אַוועקגעזעצט פּראָפֿעסאָרן, אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן, פּראָסטיטוטקעס, סענאַטאָרן און גנבים, מיט גרויסע שערן אין די הענט, זיי זאָלן אָפּשערן פֿון די שטיקלעך (לאָסקוטעס בלע״ז) די וואָל. די נאָרמע איז געווען 3 קילאָ מיט 30 דעקאַ אַ טאָג. איך האָב בשום אופֿן ניט געקענט דערגרייכן די נאָרמע, אָבער לעם מיר איז געזעסן אַ קראַקאָווער סוחר, און ער האָט טעגלעך אָפּגעליפֿערט 4 קילאָ, — ממש אַ סטאַכאַנאָוויעץ.

אויף מיין פֿראַגע, ווי אַזוי קען ער אַרויסכישופֿן פֿון די מאָגערע „לאָסקוטלעך״ אַזוי פֿיל וואָל, האָט ער מיר אויסגעזאָגט דעם סוד פֿון זיין דערפֿאָלג:

ער האָט אַ באַקאַנטע „אובאָרשטשיצע״ (באַדינערין) אין „שובני זאַוואָד״, וועלכע קערט אויס יעדן טאָג אין דער פֿאַבריק אַ מענגע מיט וואָל. באַקומט ער טאַקע פֿון איר פֿאַרטיקע וואָל, וואָס ער ליפֿערט אָפּ אונזער בריגאַדיר. אויב איך וויל, קען ער מיר אויך באַזאָרגן פֿאַרטיקע סחורה...

איך האָב איינגעקנייטשט אַ קאָפּעטשקע מיין געוויסן און

האָב „געמאַכט" די נאָרמע, אָבער ניט רעפלעקטירט אויפֿן טיטל „סטאַכאַנאָוויעץ".

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיטאַמאָל אַוועקגעלייגט, די אַלע נאַרישע אַרבעטן און מ'האָט ענדלעך געפֿונען פֿאַר אונדז די אמת'ע אַרבעט, טאַקע, ווי מ'זאָגט, עפּעס „פֿאַרן גייסט" אויך. ווייל דעם אמת געזאָגט, זייַנען מיר פֿון קרייד און פֿון שערן וואָל פֿון די קליינע לאָסקוטעס אַ ביסל פֿאַרטעמפּט געוואָרן.

וואָס איז די מעשה? מיט וואָס זייַנען מיר דאָס אַזוי מיטאַמאָל אויפֿגעריכט געוואָרן? איז די זאַך אַזוי. ווי איר ווייסט, טראָגן זעלנער ווינטערצייט הענטשקעס. האָט אונדזער לאַגער באַקומען אַ באַשטעלונג אויף אָנדערהאַלבן מיליאָן (וויניקער ווי אַ מיליאָן גייט עס ניט) וואַרימע הענטשקעס. אָבער הענטשקעס מאַכט מען פֿון וואָל, מוזן מיר צוערשט אויסאַרבעטן גענוג פֿעדים פֿון וואַטע. ד. ה. פּשוט געזאָגט — מיר מוזן זיך לערנען שפּינען. האָט מען געמאַכט אַ וואַרשטאַט פֿון 100 שפּינדלעך און אַוועקגעזעצט בייַ זיי פּראָפֿעסאָרן, סענאַטאָרן, גנבים, ריכטער, פּראָסטיטוטקעס, לערער און אַדוואָקאַטן, — יעדן איינעם לעם אַ שפּינדל. איבער יעדע צען שפּינדלעך האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן אַלטע פּויערטע אַלס אינסטרוקטאָרין, און זי האָט עס אונדז געלערנט די מלאכה פֿון שפּינען. אונדזערע הענט זייַנען ניט אַזוי פֿלינק געגאַנגען בייַ דער אַרבעט און מיר האָבן בשום אופֿן ניט געקענט שפּינען. דאָס הייסט — שפּינען האָבן מיר אייגנטלעך געשפּונען. פֿאַרוואָס עפּעס ניט? מיר האָבן שוין באַוויזן גרעסערע זאַכן! מ'דריקט מיטן פֿוס אויפֿן שפּינדל און מ'ציט פֿעדים! נאָר וואָס דען? די פֿעדים האָבן זיך יעדעסמאָל איבערגעריסן. אויף דעם האָבן מיר אויך געהאַט אַן עצה — פֿאָרט קאָמפּעטנטשן. מיר האָבן די פֿעדים ווידער צונויפֿגעשפּינען. זייַנען אָבער אַרויסגעקומען בייַ אונדז, זאָלט איר מיר מוחל זייַן, האָרבאַטע פֿעדים, און דאָס, זאָגן די אינספּעקטאָרקעס, טויג ניט אויף הענטשקעס. לויט אונדזער שכל איז אויסגעקומען פֿאַרקערט: וואָס מער האָרבעס אויפֿן פֿאָדים, אַלץ וואַרעמער וועט זייַן די הענטשקע. נאָר גיי טענה זיך אויס מיט פּויערטעס!

אָבער ווי עס איז זייַנען פֿון דער וואַטע געוואָרן פֿעדים און מיר האָבן געקענט צוטרעטן צו דער אמת'ער מלאכה, — צום שטריקן די הענטשקעס.

האָט יעדערער פֿון אונדז באַקומען צוויי שפּיזלעך (ביינערנע) און קנוילן פֿאָדים און מיר זייַנען געזעסן אַרום לאַנגע טישן, — פּראָפֿעסאָרן, סענאַטאָרן, גנבים, לערער, פּראָסטיטוטקעס און סתם מענטשן, — און האָבן געשטריקט הענטשקעס. דערבייַ האָט אונדז קיינער ניט געשטערט צו באַריידן די שכנים, צו דערגרונטעווען איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע און נאָך אַזעלכע זאַכן.

איז דאָך גוט, — פֿאַרלאַנגט מען אָבער פֿון אונדז, אַז מיר זאָלן מאַכן די נאָרמע, ד. ה. אָנדערהאַלבן הענטשקעס אַ טאָג יעדער איינער. האָב איך מיר געטראַכט: גוואַלד, ווו נעמט מען מייַן עלטער־באָבע ע"ה, וואָס איז געווען אַן אמתע מייסטערין צום שטריקן?!

איך ווייס ביז הייַנט ניט, צי אונדזער לאַגער האָט אָפּגעליפֿערט די $1\frac{1}{2}$ מיליאָן פּאָר הענטשקעס. יעדנפֿאַלס, מייַן הענטשקע איז זיכער ניט געגאַנגען צום מיליטער, ווייל איך האָב פֿאַרגעסן צוצושטריקן דעם גראָבן פֿינגער...

„וראַג בודיעט ראַזביט, פּאָבעדאַ בודיעט זאַ נאַמי"

און עס איז געקומען דער 22 יוני 1941. עס איז געווען אַ זונטאָג. מיר זייַנען אַלע פֿרייַ געווען פֿון דער אַרבעט. מיטאַמאָל: „גאָוואָריט מאָסקוואַ!" — עפּעס גאָר מיט אַן אַנדער קול. עפּעס גייט דורך אַ ציטער דורכן קערפּער. עס רעדט מאָלאָטאָוו. יעדעס וואָרט פֿון אַ שטיין אויסגעהאַקט. דייטשלאַנד האָט, ניט דערקלערנדיק קריג, באָמבאַרדירט ווילנע, מינסק, באַראַנאָוויטש און אַנדערע רוסישע שטעט. „עס וועט זייַן אַ קריג אויף לעבן און טויט — דער זיג וועט זייַן אונדזערער!"

וואָס וועט איצטער זייַן? יעדער איינער האָט זייַנע פּערזענלעכע אויסרעכענונגען, זייַנע פּערזענלעכע האָפֿנונגען און דאגות. מיר, פּוילישע בירגער אין די לאַגערן, האָבן תיכף פֿאַרשטאַנען, אַז פֿאַר אונדז הויבט זיך אָן אַ נייַע עפּאָכע. ס'איז אַ פּשוטער מאַטעמאַטישער חשבון: עס מוז איצטער קומען צו אַ בונד מיט ענגלאַנד און אַמעריקע, און ממילא — אויך מיט פּוילן. און אַלס פֿאַרבינדעטע, וועלן מיר דאָך צוריק ווערן פֿרייַע מענטשן, זיך צוזאַמענקומען מיט אונדזערע משפּחות, צוריקפֿאָרן אין אונדזערע היימען און ווידער ווערן מענטשן מיט מענטשן גלייך.

אויך די סאָוועטישע בירגער אין לאַגער האָבן געמאַכט זייער פּערזענלעכן חשבון. אויך פֿאַר זיי וועט אפֿשר קומען דער טאָג פֿון באַפֿרייַאונג. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָפֿט אויף אַ דאָפּלטער באַפֿרייַאונג — פֿונעם לאַגער און אויך אפֿשר פֿון רעזשים, וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט. עס זייַנען דאָך געווען דאָרטן מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אָפּצוזיצן 15 אָדער 20 יאָר. זיי האָבן געטראַכט, אַז ס'לייגט זיך ניט אויפֿן שכל, רוסלאַנד זאָל בלייבן אָן אַן ענדערונג אין איר רעזשים נאָכדעם ווי זי וועט באַזיגן דעם שונא בשותּפֿות מיטן פֿרייַען ענגלאַנד און דעמאָקראַטישער אַמעריקע. עס וועט זיך מוזן וואָס ענדערן אין דעם סאָוועט־רוסלאַנד, „גדיע טאַק סוואָבאָדנע דישעט טשעלאָוויעק". אַ טייל האָט אפֿילו געצויגן ווייטער דעם חשבון און געטראַכט, אַז אויב רוסלאַנד וועט באַזיגט ווערן אין דער מלחמה, וועט דאָך אוודאי קומען צו אַן אַנדער רעזשים...

יעדערער האָט געמאַכט דעם חשבון לויט זייַנע אייגענע ווונטשן, יעדער איינער אַרויסגייענדיק פֿון אַן אַנדער גלויבן און אַן אַנדערער האָפֿנונג.

בייַ די קרימינעלע פֿאַרברעכער, ווידער, איז אויסגעבראָכן אַ באַגייסטערונג — צו גיין פֿרייַוויליק אויפֿן פֿראָנט. און צו זיי האָט זיך טאַקע די לאַגער־פֿאַרוואַלטונג אָנגעהויבן באַציִען ווי צו די צוקונפֿטיקע העלדן, וואָס וועלן ראַטעווען דאָס פֿאָטערלאַנד. דאַקעגן האָט מען אויף די פּאָליטישע „פֿאַרברעכער" כּסדר געקוקט מיט חשד.

איז טאַקע תיכף פֿאָרגעקומען כמעט אַ פֿולשטענדיקע אָפּזונדערונג צווישן די צוויי קאַטעגאָריעס לאַגער־איינזיצער, און די „ביטאָוויקי" (אַזוי הייסן די קרימינעלע פֿאַרברעכער) זייַנען דאַן געוואָרן די גרעסטע מיוחסים אין לאַגער און האָבן באַקומען גרויסע פּריווילעגיעס. אַזוי ווי די „פּאָליטישע" זייַנען

דאָך געווען די „פיינט פון פאָלק" („וראַגי נאַראָדאַ"), האָבן מיר געקרוינט די „ביטאָוויקי" מיטן נאָמען „דרוזיא נאַראָדאַ". — די „פריינט פון פאָלק"...

די נאַטשאַלניקעס האָבן מיט זיי אָפּגעהאַלטן פאַרזאַמלונגען, געפירט זיי אין קינאָ — צו וואָס מיר זיינען ניט צוגעלאָזן געוואָרן.

אינצווישן האָבן די דייטשן אַריינגעדרונגען טיף אין רוסלאַנד. אין לאַגער רעדט מען, אַז מאַסן פּליטים קומען אָן קיין סיביר פון מאָסקווע און לענינגראַד. מ'האָט אפילו אָנגעהויבן קלערן דערפון, וואָס וועט זיין, ווען די רויטע אַרמיי וועט צעפאַלן ווערן, די נ.ק.וו.ד. וועט זיך צעלויפן — און מיר וועלן בלייבן אין די לאַגערן. ווער וועט זאָרגן פאַר אונזער דערנערונג און ווי וועלן מיר זיך צוזאַמענקומען מיט אונזערע פאַמיליעס? מיר האָבן זיך געפילט פאַרלאָרענע ביי אָט אַזעלכע געדאַנקען. הייסט עס, אַז איך וועל שוין קיינמאָל ניט זען מיין געליבטע פרוי און מיין איינציקן זון? וועט טאַקע יעדערער אומקומען פאַר זיך, אין נויט און עלנט, אין אַן אַנדער ווינקל פון סיביר?

און איך האָב געטראַכט, ווי וואָלט געווען, ווען דער גורל גיט מיר אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך, צו לעבן כאָטש נאָך אַ חודש צייט מיט מיין פאַמיליע צוזאַמען און דערמיט ענדיקן מיין לעבן. איך וואָלט ניט איבערגעטראַכט קיין איין רגע און וואָלט אונטערגעשריבן מיט ביידע הענט.

אַמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער

גען. סיקאָרסקי, דער פּרעמיער פון דער פּוילישער עמיגראַציע־רעגירונג אין לאָנדאָן, קומט צופליען קיין מאָסקווע און שליסט אַ פריינטשאַפט־בונד מיט סאָוועט־רוסלאַנד. אַלץ ווערט געמוחל'ט און אַלץ ווערט פאַרגעסן. נאַצי־דייטשלאַנד איז אונזער געמיינזאַמער שונא און דער פיינט פון מיין פיינט איז מיין פריינט.

אמנעסטיע פאַר פּוילישע בירגער, וואָס געפינען זיך אין די תפיסות און צוואַנגס־לאַגערן, און סתם פאַרשיקטע אין די טייגעס און סטעפּן פון סיביר. מיר זיינען שוין ניט מער יענע פאַרברעכער, וואָס דאַרפן אָפּזיצן 5, 8 און 10 יאָר, כדי צו ווערן „אויסגעבעסערט", „איבערגעאַרבעט", פאַראורטיילט צו אַ לאַנגזאַמען טויט. מיר האָבן מיטאַמאָל באַקומען אַן איידעלן, הומאַניטאַרן נאָמען, וואָס האָט אַזאַ גוטן קלאַנג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט: מיר זיינען — „עוואַקואירטע", ד. ה. סאָוועט־רוסלאַנד האָט אויף זיך גענומען אין יאָר 1939 די אויפגאַבע פון אַ מין „רויטן קרייץ". מיר זיינען געוואָרן „עוואַקואירטע" מיט „צוריקווירקנדיקער קראַפט", ווי יוריסטן וואָלטן זיך אויסגעדריקט. פאַרברעכער לכתחילה, עוואַקואירטע בדיעבד.

ווי נאָר כ'פלעג זיך דאַן באַגעגענען מיטן וואָרט „עוואַקואירטע", איז מיר אין זינען געקומען די מעשה מיטן פאַרלאָרענעם נדן: עס קומט אַריין עטלעכע יאָר נאָך דער חתונה איינער אַ געוויסער משה צו זיין פריינט בערל און זאָגט: „דו ווייסט, בערל, איך האָב חתונה געהאַט פון ליבע!". פרעגט אים בערל: „וואָס הייסט עפּעס פלוצלינג — פון ליבע? ווער ווייס נאָך בעסער ווי איך, ווי לאַנג דו האָסט זיך געדונגען וועגן נדן. דו האָסט דאָך דיין ווייב אפילו ניט געקענט פאַר דער חתונה!" — „יע, — ענטפערט אים משה, — אָבער איך האָב שוין פאַרלאָרן מיין גאַנצן נדן!"

אַזוי האָבן מיר אויך „געגאָסן" פון דער „ליבע מיט צוריקווירקנדיקער קראַפט".

איז מילא, זאָל זיין „עוואַקואירטע", אַבי צום לעבן. הייסט עס, איך וועל דאָך ווידער צוזאַמענקומען מיט מיין פאַמיליע און מיר וועלן נאָך קענען, אפשר, נאָכן קריג צוריק אויפבויען אונזער היים, און זיך ווידער צוזאַמענטרעפן מיט אונזערע פריינט, און יעדערער וועט האָבן צו דערציילן פון זיין אָדיסייע אַ גאַנצן לעבן.

עס האָט זיך געגלויבט — און ניט געגלויבט.

בסך הכל נשארו בגיטו אחרי ה„אקציה" כ־3000 איש. היו כאלה שהצליחו להישאר בבונקרים ולא קיבלו כרטיסים, והם נאלצים היו להמשיך לחיות בבונקרים, כי בכל יום, בשעה חמש בבוקר, חייבים היו היהודים להופיע בקסרקטין ולחכות למפקד שהיה נערך ע"י שטללה. שטללה היה מאחר לבוא, מופיע לפעמים רק בשעה 12 ולפעמים לא הופיע לגמרי. היהודים היו עומדים כל הזמן על רגליהם. בשעת המפקד היו נעשים חיפושים בגיטו, — המשטרה חיפשה עדיין את היהודים המתחבאים. עם גמר ה„אקציה" ירדה המתיחות. היו 4 ריכוזים בגיטו: 1) רחוב הגשר; 2) בלונה; 3) מחנה סוללי הכבישים; 4) בויטה־לאגר. לא היה שום קשר בין הריכוזים האלה.

בראשית אוגוסט 1942 פשטו שוב שמועות על מיבצע־חיסול, שאחריו נועדו להישאר בחיים רק 350 איש. כך באמת קרה. ביום אחד הוקפו כל 4 הריכוזים בגיטו ע"י אוקראינים, ליטאים ובייל־רוסים. חוסלו לגמרי מחנה סוללי הכבישים, בלונה, וה„בויטה־לאגר". במחנה האחרון היו רק כ־90 איש, היתר הספיקו כבר לברוח לפרטיזנים. את עובדי ה„בויטה־לאגר" הובילו רגלי, במשמר מוגבר, אחרי שבדקו אותם קודם אם אין להם נשק, למרות זה הצליחו לפרק מהשוטרים את נשקם ולברוח. כמה מהבורחים נעצרו ונורו ע"י חיילים גרמנים. התחילו לחסל גם חלק מהריכוז ברחוב הגשר. נשארו רק 350 יהודים, שהיו מתיצבים לפי רשימה.

האקציה האחרונה נמשכה עד שעה 12 בצהרים. את כל היהודים הוציאו מחוץ לעיר ורצחו אותם. כעבור איזה זמן בא החיסול הסופי. זו היתה ה„אקציה" הרביעית והסופית. פרטים עליה אינני יכול למסור, כי באותו זמן הייתי כבר בין הפרטיזנים.

(ארכיון הועדה ההיסטורית המרכזית, פרטי־כל מס' 147)

צילה סקשיפצ'אק

רצח כפול ומכופל

עדותה של צילה סקשיפצ'אק נמסרה לפי הדברים ששמעה מפי הרש קוניצה־אַלברטינסקי ובעלה של דוסקה צינקין.

ביום ה־13 בנובמבר 1941 היה הרובע היהודי בסלונים אחוז בהלה ופחד: פשטו שמועות שהגרמנים מתכננים ליום המחרת „אַקציה". עדיין לא היה מובן פירושו של מונח נאצי זה, איש לא ידע, מי עלול להיפגע, מה עלול לקרות. אפילו רואי־השחורות המושבעים לא היו מסוגלים לתאר לעצמם, מה עלול היה להתרחש בעוד 24 שעות.

האַקציה החלה עם דמדומי השחר של ה־14 בנובמבר. כל היהודים שנמצאו בבתיהם הוצאו למקום ריכוז, הועלו על משאיות והובלו אל מחוץ לעיר.

לביתנו שבפינת רח' סנקביצ'ה ופוניאטובסקה (פּנסבה) התפרצה בשעה 7 בבוקר כנופיה של ליטאים מזויינים, בצווחות ובדחיפות הוציאו מן הבית את בני־המשפחה שנמצאו במקום: את סבתא רחל קוניצה־אַלברטינסקי (אלמנתו של מקים מפעל־המים בסלונים), את בתה פלטה ואת כלתה, את לובה לבית גובאר, עם ילדתה בת השנתיים ואמה. בעלה הרש קוניצה הסתתר יחד עם אביה בעליית הגג, כי לדעת כולם עמדו הגרמנים לתפוס באקציה זו רק את הגברים.

לובה הצליחה בדרך למקום הריכוז להתחמק מידי הרוצחים ולברוח ככלב נרדף הביתה. היא התחבאה יחד עם ילדתה במרתף. בשעה 2 אחה"צ יצאה ממחבואה, כדי למצוא משהו להאכלת הפעוטה, שבכתה מרעב, לאחר שלא בא אל פיה מאומה משעות הבוקר המוקדמות. משנכנסה לדירתה נתפסה שנית ונשלחה בטרנספורט האחרון למקום ההשמדה. כשהובאה לשם, היו כבר הבורות כמעט מלאים גוויות.

עדי ראיה מסרו, כי האנשים, ואף הילדים, הלכו לקראת מותם הבטוח והאכזרי שקטים ודוממים. רק בודדים פרצו בצעקות והתנגדו להעמדתם על פי הקבר הארוך, ביניהם לובה לבית כצנלבוגן, שקפצה לאחד הגרמנים ותקעה צפרניה בפרצופו.

שם, בגיא ההריגה, הפרידו בין הגברים והנשים, כי הבורות המוכנים היו מיועדים לכל מין לחוד.

בצריחות, מכות ויריות אילצו הליטאים את קרבנותיהם להתפשט במהירות ולהניח בגדיהם המקופלים בערימה גדולה. אחרי זה דחפו אותם לבקעה, אל הקברות. אין בכוח אנוש לתאר מה שעבר על היהודים, שאפילו אל מול פני המוות אולצו לעבור את נתיב היסורים של תעלולי הרוצחים בקרבנותיהם. לאחר ששבעו ממעשי ההתעללות פתחו הרוצחים במטחי־יריות לעבר היהודים שהצטופפו ליד הבורות.

לובה קוניצה נפלה לתוך הבור בלי פגיעת יריה, וילדתה בזרועותיה. מפחד שמא יקברוה חיים התחננה לפני המרצחים שיהרגוה. הם שילחו בה צרור יריות, שהמיתו את הפעוטה ופצעו את לובה בחזה ובלחי. החשיך היום, הלילה ירד, ומתוך הקבר הארוך התרוממו עם חשכה שש נשים שנשארו בחיים וזחלו בכיוון לביקתתו של איכר. הוא הלין אותן בחצרו, נתן להן כסות לגופן הערום והדווי, והנשים הגיעו לאחר שעות רבות לגיטו.

בקרבת בית־החולים הממשלתי פגשה לובה את אֶדזיה גנדלר, שעבדה שם כחובשת. אדזיה הכניסה אותה למרפאת ביה"ח וחבשה את פצעיה. שם היא הצטרפה ליתר החוזרים מגיא ההריגה. בינתיים הרגישו בביה"ח העירוני, כי הפולנים והבילורוסים מהפרסונל מתלחשים ומביטים בעין רעה על הטיפול בפצועים האלה. ובאחד הימים הצליחו הרופאים היהודיים מביה"ח העירוני להעביר את הפצועים לבית החולים היהודי בתחום הגיטו. אולם גם שם השיגה אותם יד המרצחים. כעבור 2—3 ימים לשהותם שם הופיעה פלוגה מהז'נדרמריה והוציאו את כל הפצועים להורג באותו קבר־האחים, שבו היו כבר פעם מוטלים, וביניהם גם את לובה קוניצה, שמעיניה הגדולות שהציצו מתוך הפנים החבושים, זלגו דמעות ללא הפוגה...

דריי קדושים האבן דערציילט פון דער שחיטה־שטאט

יאשקע מיליקאווסקי, ד"ר ישראל שפערלינג און מיכאל עסטרין זיינען געלאפן פון ברענענדיקן סלאנים קיין ביאליסטאק. דארטן האבן זיי דערציילט זייער עדות־זאגן פאר דער חלוצישער אונטערערדישער באוועגונג. אלע דריי זיינען נאכדעם אומגעקומען אין ביאליסטאק. זייער עדות־זאגן איז אויסגעפונען געווארן נאך דער באפרייאונג און אונז צוגעשטעלט געווארן דורך דעם „בית לוחמי הגיטאות למורשת השואה והמרד ע"ש יצחק קצנלסון".

א. די לעצטע שחיטה אין סלאנים

(לויט דער דערציילונג פון יאשקע מיליקאווסקי, 16 יאר אלט, און ד"ר ישראל שפערלינג, ארום 30 יאר)

די לעצטע צייט פאר דער שחיטה איז קיין ספעציעלע פאגראם־אטמאספער אין סלאנים ניט געווען. טראץ דעם האבן זיך די אידן געגרייט צו יעדער עווענטואליטעט. דער געטא איז פארוואנדלט געווארן אין א „פעסטונג": כמעט אומעטום זיינען געווען אונטערערדישע סכראנעס, אמבעסטן האט זיך באוואפנט מיט אזוינע איינריכטונגען דער בעל־מלאכישער קווארטאל, וואס האט זיך אבער, צו זיין טראגישן מזל, געפונען דוקא אין צענטער פון געטא, אן וועלכע עס איז אויסגאנגמעגלעכקייטן צום אויסערן געטא.

דער שבת פאר דער אקציע, 27־סטן יוני, האט די מאכט ארויסגעפירט 400 פאלאקן, וועלכע די היגע מאכט האט באשולדיקט אין קאנטאקט מיט די פארטיזאנער.

און ווען עס זיינען אויף צומארגנס זונטיק אנגעקומען אין שטאט ביי א 2000 באראנאוויטשער ס. ס. לייט און 40 משאויטאס, איז ווייניק וועמען איינגעפאלן, אז דאס ווערט געגרייט א אידן־אקציע. די נעכטיקע געשעענישן האבן איבערצייגט, אז דאס האט מען צו טאן ווייטער מיט דער אקציע קעגן פאלאקן און פארטיזאנער. קווינט, דער אידישער פירער פון געטא, האט אויסגעלאכט אלע די בא וועמען ס'האבן זיך דערוועקט געוויסע ספקות אדער חשדים.

די נאכט אויף מאנטיק, דעם 29־סטן יוני, ארום האלב פינף פארטאג איז דאס געטא פלוצלינג ארומגערינגלט געווארן פון ס. ס.־לייט און פאליציאנטן. יעדע 5 מעטער ארום געטא־פלויט איז געשטאנען א וואך מיט מאשין־געווער.

דער 16 יאריקער יאשקע מיליקאווסקי דערציילט:

„מיר האבן זיך באלד געכאפט וואס עס געשעט. אונזער שטוב האט זיך געפונען לעם שטאטישן מארק, ווו עס איז דורכגעגאנגען דער פארצוימונגס־פלויט. צייט 15 מינוט נאכן ארומרינגלען דעם געטא בין איך שוין מיטן פאטער, מוטער און 2 שוועסטער געזעסן פארבאהאלטן אין „סכראן".

וועגן דער זעלבער צייט דערציילט דער ד"ר שפערלינג:

דער אידישער פירער פון געטא, קווינט (מיין שוואגער), איז צוגעגאנגען צום טויער פון געטא. ס'איז נאך געווען ביים סאמע אנהויב ארומרינגלען. און ער האט נאך אליין געגנוי ניט געוווסט, וואס עס ווארט אונז אפ, אבער אז ס'איז א צרה, האט ער אינסטינקטיוו ארויסגעפילט, און וועלנדיק זי פארהיטן, איז ער אלס פארשטייער פון אידישן ציבור ארויס צום טויער. מען האט אים אינפארמירט, אז עס איז געקומען דער שטאבס־לייטער פון בארנאוויטשער ס. ס., דער איינציקער דייטש פאר וועלכן מיין שוואגער האט, טראץ זיינע גוטע באציאונגען מיט דער ארטיקער מאכט, זיך דערשראקן. ווען ער איז ארויס פון טויער און זיך געוואלט פארשטעלן פארן שטאבס־לייטער, איז יענער פלוצלינג האסטיק ארויס פון טאקסע און מיט גיכע טריט צוגעגאנגען צו אים. און ווען קווינט האט זיך העפלעך פארנויגט און אים געפרעגט:
“Was machen sie Herr Stabsleiter?” האט זיך פלוצלינג דערהערט א רעוואלווער־שאס, און קווינט איז באלד געפאלן אין א קאלוזשע בלוט. ווען קווינטס קערפער האט זיך נאך געצאפלט אין די לעצטע קאנוולסיעס, האט זיך דער מערדער מיטן גוסס א רייץ געטאן: „וואס מאכן זי, מיין שטאבס־לייטער?"

דאס איז געווען 6 אזייגער אינדערפרי.

דער שאס איז געווען דער סיגנאל אנצוהויבן די אקציע. באלד נאכדעם האבן זיך פיל ס. ס., אוקראינער, ליטווינער און פוילישע פאליציי א לאז געטאן אין געטא.

זיי האבן געזוכט און גענישטערט. אויף זשאבינקע, די ערשטע גאס פון ארבעטער־קווארטאל, האבן זיי נאך 5 שעה שווערער מי קוים געפונען 22 מענטשן. זיי האבן פארשטאנען, אז מען באהאלט זיך, און דאן האבן זיי גענומען ווארפן גראנאטן... די גאסן זשאבינקע, מיכאלאווסקע און באלאנע זיינען אוועק מיטן פייער, אונטן אבער זיינען די מענטשן ניט פארברענט געווארן, אבער דער רויך האט זיי אלץ מער און מער

געשטיקט. אַרויסגיין איז שוין געווען אוממעגלעך, ווייל פון אַלע זייטן האָט געלויערט פייער אָדער קוילן. משפחות־ווייז האָבן זיך די אומגליקלעכע צוזאַמענגעדריקט איינער צום אַנדערן, און אַזוי צוזאַמענגעפּרעסטע זיך אָפּגעגעבן דעם טויט.

נאָכן פאַרברענען דעם בעל־מלאכישן קוואַרטאַל האָבן זיך די מערדער גענומען צו די אַנדערע גאַסן. בלויז אַ קליינע צאָל האָבן זיי געפונען. די מערהייט איז געווען פאַרבאַהאַלטן אין די גוטפאַרמאַסקירטע סכראָנעס. פון די סכראָנעס, וועלכע זיי האָבן אַנטדעקט, האָט מען די מענטשן אַוועקגעפירט אין תפיסה, פון תפיסה אין אויטאָס, מיטן שאָסיי עטלעכע ק״מ הינטערן שטאָט, צום גרוב. אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אָנהויב איז אַריינגעטראָטן אַ געוויסע „סטאַבילקייט”. די ווערמאַכט, די זשאַנדאַרמעריע און דער געביטס־קאָמיסאַר האָבן גענומען ראַטעווען געוויסע מענטשן, איבערהויפּט זייערע באַקאַנטע פאַכלייט פון צווישן זייערע אַרבעטער.

די געראַטעוועטע האָט מען אַרויסגעגעבן ספּעציעלע געלע לעבנס־שיינען... אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם, איז די אַלגעמיינע שחיטה אינטענסיוו ווייטער דורכגעפירט געוואָרן. די וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אין די סכראָנעס, אָדער אין אַנדערע באַהעלטענישן, האָבן נאָך דורכגעמאַכט אַ גרויזאַמען יסורים־וועג אין טורמע: הונגער, קלעפּ, און שטומער וואַרטן אויפן טויט.

דער לייטער פון טורמע, אַ פּאָלאַק, פלעגט זיי וואָרענען ציניש, פאַרן אָפּפירן צום שיסן: „געדענקט אידן, גייט רואיק און געלאַסן. שטעלט ניט קיין ווידערשטאַנד און פּרוווט ניט אַנטלויפן, אויב איר וועט פאָלגן, וועט איר האָבן אַ בכבודיקן טויט. איר וועט באַגראָבן ווערן לייטיש; אָבער אויב ניט, וועלן אייערע קערפּערס געוואָרפן ווערן פאַר די הינט”...

עטלעכע טויזנט אידן האָט מען שוין אויסגעשאָסן, אָבער נאָך פיל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און ס׳איז שווער געווען זיי צו געפינען. דאַן האָבן די מערדערס געמאָלדן די פויערים, אַז פאַר צושטעלן אַן אַנטלאָפענעם אידן באַקומט מען 300 מאַרק. אויך אין די סכראָנעס האָבן די מערדער אָנגעטאַפּט זייערע „פאַרבינדעטע”: צאַרטע שטימעלעך פון קינדער, וועלכע פלעגן וויינען פון דורשט און הונגער...

דער ד״ר שפּערלינג דערציילט:

„כ׳בין אַליין אַן עדות פון אַזאַ פאַל. איך, מיין פרוי און נאָך 30 מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ סכראָן, אונטער אַ סטאָדאָלע, — אַ זייער גוט פאַרמאַסקירטער סכראָן. אויפן צווייטן טאָג שחיטה, ווען מען האָט אויבן געזוכט, האָט זיך אַ צוויי־יעריק קינד צעוויינט.

אַלע זיינען געווען פאַרצווייפלט: „מיר זיינען פאַרפאַלן”, איז אַדורך אַ געמורמל. מען האָט אונז באַלד אַנטדעקט און אַלע 30 זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה.

אַ דאַנק מיין אַרבעט אין שפּיטאָל אויסערן געטאָ, האָבן די אָרטיקע דייטשן געמאַכט באַמיאונגען און מיר מיט מיין פרוי אַרויסגעלאָזט פון טורמע. די איבעריקע פון אונזער סכראָן האָט מען אַוועקגעפירט שיסן.

די פּאָליציאַנטן זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן ראַפינירטער, און וויסנדיק, אַז נאָך פיל אידן באַהאַלטן זיך אויס, זיינען זיי איינגעפאַלן אויף אַ נייעם שפּיצל. מען האָט אַרויסגענומען פון תפיסה ביי אַ הונדערט געזונטע, פעסטע מענער, זיי געגעבן געלע לעבנס־שיינען און זיי אַוועקגעשיקט אין געטאָ, אויסרופן צו זייערע פריינט און באַקאַנטע זיי זאָלן אַרויס פון די סכראָנעס, וועלן זיי אויך באַקומען געלע לעבנס־שיינען. די 100 צום־לעבן־צוריק־געקומענע זיינען אַוועק אין געטאָ. זיי האָבן געגלויבט אין צוזאָג און אָנגעזאָגט די פאַרבאַהאַלטענע אידן. זייערע פיס האָבן געטראָטן אויפן דיל און באָדן, אונטער וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען אויסגעהונגערטע, געפּייניקטע פון דורשט און שרעק, פאַרבאַהאַלטענע אידן.

ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז אַדורך איבער די סכראָנעס די בשורה: „מען האָט מענער געלאָזט לעבן! קומט, מיר׳ן אַרויסגיין!” עטלעכע הונדערט מענער זיינען דאַן אַרויס פון די באַהעלטענישן.

„צוליב אָט דעם שפּיצל זיינען מיר אויך אַרויס פון סכראָן — דערציילט יאַשקע מיליקאָווסקי. מיר האָבן זיך דאָרטן אויסבאַהאַלטן 9 טעג, און אויפן צענטן טאָג זיינען מיר אַזוי דורכגעפאַלן.

מען האָט אונז פון אָנהויב געגעבן שיינען, אָבער אָנשטאָט צו דער אַרבעט האָט מען אונז אָפּגעפירט אין תפיסה.

דאָס איז געווען פרייטיק, די צווייטע וואָך פון דער שחיטה. מיר זיינען געזעסן אין טורמע און געוואַרט אויפן טויט. עסן האָט מען אינגאַנצן ניט געגעבן, בלויז אַ ביסל וואַסער איין מאָל אין טאָג. אויסגעהונגערטע פון פריער זיינען אונז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען די כוחות. וואָס מיר האָבן ביז איצט דורכגעמאַכט, האָט אונז גלייכגילטיק געמאַכט צום לעבן ווי צום טויט...

פלוצלינג האָט זיך פאַר אַ געוויסער צאָל אַרעסטאַנטן באַוויזן אַן אומדערוואַרטע ישועה, און צווישן די גליקלעכע האָט זיך אויך געפונען מיין פאָטער.

דער רעטער איז געווען אַ געוויסער דייטש, מיטן נאָמען וויטטמאַן, אַן אָפיציר פון סלאָנימער געזונט־אָפּטייל. ער איז פון שטענדיק געווען אַ גוטער מענטש אין זיין באַציאונג צו די אידישע אַרבעטער. און ער טאַקע האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אונז, הגם זיין פּאָסטן איז ניט געווען אַזאַ דעצידירנדער. ער האָט ענערגיש אָנגעהויבן אַרויסצוציען איינעם נאָכן אַנדערן דאָקטוירים און דעם גאַנצן מעדיצינישן פּערסאָנאַל. מיין פאָטער, וואָס איז געווען אַן אַפּטייקער, האָט זיך אַריינגערעכנט צום געזונטהייט־פּערסאָנאַל און איז אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן.

די געראַטעוועטע האָבן צו זיך געקאָנט נאָך אַרויסנעמען פון תפיסה זייערע פרויען. אַזוי האָט דער פאָטער געקענט אַרויסנעמען מיין מוטער, וועלכע איז אין צווישנצייט אויך אַריינגעפאַלן אין תפיסה, נאָכדעם ווי מען האָט אונזער סכראָן אַנטדעקט (פון סכראָן זיינען אַרויס פרייוויליק נאָר איך און מיין פאָטער). מיר האָט דער פאָטער אָפיציעל ניט געקענט אַרויסנעמען. אָבער פלוצלינג, אין מיין גאַנצער אַפּאַטיע, האָט מיר באַהערשט אַ געוואַלטיקער ווילן צום לעבן, און כ׳האָב גיך באַשלאָסן זיך אַדורכצורייסן צוזאַמען מיטן פאָטער.

מען האָט אַרויסגעפירט אַ גאַנצע גרופּע „אויף לעבן”, צווישן זיי מיין פאָטער, כ׳האָב זיך פלוצלינג ווילד אַ שפּאַר געטאָן פאָרויס, ניט זעענדיק וואָס אַרום מיר טוט זיך, און אין אַ מינוט אַרום בין איך שוין געווען אויף דער אַנדערער זייט. כ׳בין געווען געראַטעוועט.

דערווייל האָט די „אַקציע" אין געטאָ ווייטער געדויערט. און אין איר האָבן די מערדער געפּרוווט אויך איינצושפּאַנען אונז, די לעבן־געבליבענע. אמת, מען האָט אונז איינגעטיילט לעבנשיינען, באַזעצט טיילווייז אין בויטעלאַגער און אין דעם אַ. ג. נייעם געטאָ, וואָס איז באַשטאַנען פון 18—19 חרובע הייזלעך.

געוועזן פאַלן, ווען מען האָט אַ מאַן פון בויטעלאַגער געגעבן אַ לעבנס־שיין, אָבער זיין פרוי ניט, האָט דער מאַן אַ לאַנגע צייט געדאַרפט בעטן דעם דייטש אויף פאַר זיך דעם טויט. ביז דער דייטש האָט רחמנות געקראָגן און מיט גרויס מוט דערשאָסן דעם מאַן מיט דער פרוי.

די שחיטה־כוואַליע האָט זיך ביסלעכווייז גענומען באַרויִקן. עס זיינען לעבן געבליבן אָפיציעל אַריבער 1000 אידן. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע לעבנס־פּויזע אין דער טויט־געשיכטע פון סלאָנימער אידן.

(פאַרצייכנט דורך א.)

באַמערקונג פון ביאַליסטאָקער אַרכיוו:

ווי באַוווסט, האָט מען די לעצטע עטלעכע הונדערט אידן פון סלאָנים אויך דערשאָסן. אַ קליינער טייל פון זיי האָט זיך געראַטעוועט דורך אַנטלויפן.

ב. די געשיכטע פון די לעצטע שחיטות אין סלאָנים

(דערציילט פון 21 יאָריקן מיכאל עסטרין)

שבת און זונטיק האָבן מיר שוין געפילט, אַז דאָ וועט עפּעס זיין. די שטאָט איז געווען פול מיט מינסקער ס. ס., וועלכע זיינען כלומרשט געקומען אין שייכות מיט דער אַקציע קעגן פאַרטיזאַנער און פּאָלאַקן. אויסער די ליטווינער, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געווען אין סלאָנים, זיינען נאָך צוגעקומען לאַטישן און אוקראַינער.

אין דער נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק איז דער געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט מיט אַ דרייפאַכיקער וואַך: דייטשן, ווייסרוסן און ליטווינער. דאָס איז געמאַכט געוואָרן ספּעציעל, כדי איין גרופּע זאָל אָפּהיטן די צווייטע. אַלע צוזאַמען זיינען זיי געווען ביי אַ 700 מאַן: 300 סלאָנימער ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן, 50 היגע ליטווינער און די רעשט לאַטישן, אוקראַינער און דייטשע ס. ס. מיטן שאָס אויף קווינטן, 6.30 אינדערפרי, האָט זיך די אַקציע אָנגעהויבן.

דער עולם איז זיך באַלד צעלאָפן אין די סכראָנעס. דעם ערשטן טאָג האָבן די כאַפּער געפונען זייער ווייניק מענטשן. פון די וועלכע זיינען געכאַפּט און געפירט געוואָרן האָט דער געביטס־קאָמיסאַר אָפּגעשיקט צוריק איינצלנע, גאָר וויכטיקע פאַכלייט. 12 אַזייגער ביינאַכט, ווען זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז מען באַהאַלט זיך אויס, האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם בעל־מלאכה'שן קוואַרטאַל. דער דאָזיקער קוואַרטאַל האָט ניט נאָר קיין שום אַרויסגאַנג צום אויסערן געטאָ ניט פאַרמאָגט, נאָר ער איז נאָך געווען אָפּגעטיילט פון אַנדערע גאַסן מיט אַ נאַטירלעכער גרענעץ: וואַסער. די מערדער האָבן אים אַרומגערינגלט מיט צ. ק. מ. און ר. ק. מ. אין אַ זייער געדיכטער נעץ, געגאָסן בענזין און געוואָרפן גראַנאַטן. אַנטלויפן איז געווען אוממעגלעך. אַזוי אַרום זיינען ביז אַ טויזנט אידן, וואָס האָבן געוווינט אין די גאַסן זשאַבינקע, טייל מיכאַלאָווסקע, האַלב באַלאָנע און דרעווניאַני געסל, געוואָרן פאַרברענט און דערשטיקט פון רויך.

במשך פון דער מאָנטיקדיקער אַקציע זיינען די היגע דייטשע זשאַנדאַרמעריע־לייט ניט געווען, מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף פאַרטיזאַנער. מ אָ נ ט י ק ביינאַכט איז אָנגעקומען צוריק די סלאָנימער זשאַנדאַרמעריע. דאַן זיינען אַלע פרעמדע אָפּגעפאָרן. אויף צו פירן ווייטער די אַקציע איז געבליבן די היגע זשאַנדאַרמעריע און ווייסרוסישע פּאָליציי. ד י נ ס ט י ק האָבן זיי זיך גענומען אויפזוכן די מעלינעס און סכראָנעס. זיי זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז און אויף יעדן מעטער געקלאַפּט די פּאָדלאָגעס און געזוכט. ווען מען זיי האָבן געפונען האָבן זיי צו ערשט מערדערלעך געשלאָגן און נאָכדעם דורכגעפירט אַ סעגרעגירונג. די בעסערע פאַכלייט האָבן זיי אָפּגעשטעלט און די איבעריקע אָפּגעפירט, אַ טייל צום שיסן און די אַנדערע אין טורמע. די פאַכלייט האָבן זיי דערמעגלעכט צו ראַטעווען די פרוי און איין קינד. די טראַגישסטע סצענעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט, ווען עלטערן האָבן אין משך פון עטלעכע מינוט געמוזט אויסקלייבן פון צווישן די אייגענע ליבע קינדער וועמען לחיים און וועמען למות.

אַלע געראַטעוועטע האָט מען אָפּגעשיקט אויף אַרבעט אין בויטעלאַגער. דאָרטן האָט גלייכצייטיק געדאַרפט זיין זייער דירה.

מיטוואָך האָט מען פון צווישן די, וועלכע זיינען נאָך געזעסן אין טורמע, אָפּגעקליבן פעסטע, געזונטע מענער און זיי געשיקט אין געטאָ: גייט ברענגט אייערע ברידער און פריינט די מענער, מיר וועלן זיי שענקען דאָס לעבן.

פיל אידישע מענער האָבן אין משך פון מיטוואָך און דאָנערשטיק באַשלאָסן אַרויסגיין. זיי זיינען אַרויס און באַקומען געלע לעבנס־שיינען, אַזוינע ווי די וואָס עס האָבן באַקומען די פריער געראַטעוועטע. אַלע זיינען קאָנצענטרירט געוואָרן אין בויטעלאַגער. פיל פון די פאַרבאַהאַלטענע מענער, וועלכע האָבן פון אָנהויב ניט געטרויט דעם צוזאָג פון די דייטשן, זעענדיק, אַז ס'זיינען שוין פאַרביי צוויי טעג ווי עס זיינען די ערשטע אַרויס און מען לאָזט זיי לעבן און אַרבעטן, האָבן אין משך פון פ ר י י ט י ק, ש ב ת און ז ו נ ט י ק ד י ק ן ט אָ ג זיך אַרויסגעשאָטן פון אַ סך באַהעלטענישן, אָבער זייער וועג איז געווען ניט אין בויטעלאַגער, נאָר אין תפיסה אַריין. אויף אַזאַ אופן איז געלונגען די מערדער אָפּנאַרן די גרעסטע צאָל פאַרבאַהאַלטענע אידישע מענער. אין די טעג איז אויך אונזער סכראָן געוואָרן אַנטדעקט. מיר האָבן געהערט פון אויבן די

שטימען, וואָס האָבן גערופן אונז, מענער, צום לעבן. מיר האָבן געהערט, אַז דאָס זיינען געווען אידן. אָבער אינסטינקטיוו האָט אונז עפּעס צוגעשמידט צום אָרט. מיר זיינען ניט אַרויס.

אָבער אַן אַנדער האַנט האָט אונז אַרויסגעפירט. מיר זיינען געווען צוזאַמען 18 מענטשן. צווישן אונז האָט זיך געפונען איינער אַ בן־ציון, אַן אידיאָט. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס ווערט עפּעס שטילער און עס ענדיקט זיך די אַקציע, איז בן־ציון אַרויסגעקראָכן פון סכראָן. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן, געזען, אַז קיינער איז שוין אַרום ניטאָ, האָט ער געמיינט, אַז עס איז געענדיקט און באַשלאָסן אויפן „נייעם לעבנס עטאַפּ" ווערן אַ גביר... ער האָט גענומען שפּרייזן איבער די דירות און ראַבירן אַלץ וואָס עס איז אים אונטערגעקומען אונטערן האַנט. דאָס אַלץ האָט ער געשלעפּט צו זיך אין שטוב אַריין. אונזער מעלינע האָט זיך געפונען אויבן. ווען ער איז אַרויס, האָט ער געלאָזן אָפן דעם אַרויסגאַנג און פון גאַס האָט מען אונז אַרויסגעזען. ער האָט זיך אַזוי לאַנג געפּאָרעט אַרום די זאַכן, ביז עס זיינען אָנגעקומען ווייסרוסישע. מיינענדיק, אַז דאָס גייען שוין די אידן אהיים צוריק, איז ער זיי אַרויס אַנטקעגן... ווען ער האָט זיי אָבער דערזען, האָט ער זיך גענומען צוריקציען אין דער ריכטונג פון דער מעלינע. אַזוי ווי דער אַריינגאַנג איז געווען אָפן, זיינען מיר אַנטדעקט געוואָרן. אַלע 18 זיינען מיר אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה. דאָס איז געווען מאָנטיק. אויף צומאָרגנס, 10 אַזייגער אינדערפרי, איז געקומען אין טורמע דער געביטס־קאָמיסאַר און אונז אַלעמען, ד. ה. די געכאַפּטע פון סכראָנעס אויפן „נאַטירלעכן" וועג און די אָפּגענאַרטע מענער, אויסגעשטעלט אויפן טורמע־פּלאַץ און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָרטירונג. איך מוז זאָגן, אַז מיר פּערזענלעך האָבן די מאָמענטן מער דערשיטערט, ווי ווען מען האָט פּאַגראָמירט. עס איז ניטאָ קיין שרעקלעכערע זאַך, ווי זיך צוקוקן צו די, וועלכע פרייען זיך מיט די ברעקלעך לעבן וואָס מען שענקט זיי, און צו די איבעריקע, וואָס קוקן אויף זיי מיט אַ מין קנאה און שנאה גלייכצייטיק. די אויגן קריכן פון די לעכער און זוכן ווו ס'איז אַ רעטונג: אפשר וועט פּלוצלינג געשען אַ נס און אויך מיר וועט מען ראַטעווען... אָבער, הגם דאָס מאָל איז אָפּגעקליבן געוואָרן אַ גאַנץ גרויסע צאָל מענשן צום לעבן, איז עס געווען ווייניק לגבי דער פיל גרעסערער צאָל איבערגעבליבענע צום שיסן. אָפּגעקליבן צום לעבן האָט מען דאָקטוירים, אינזשינערן, סאַניטאַרן און ספּעציאַליסטן פאַכלייט. די איבעריקע, צווישן זיי אויך איך, זיינען געבליבן. מען האָט אונז אַלעמען פאַרשפּאַרט הינטער אַן אייזערנעם טויער פון דער טורמע.

יענע האָט מען אָפּגעפירט, אונטער דער לייטונג פון אַ געוויסן אינזשינער, אין א. ג. נייעם געטאָ. באַשטאַנען איז ער פון 19 הייזער. ווען אונזערע אויערן האָבן נאָך אויפגעכאַפּט די לעצטע טריט פון די וועלכע גייען צום לעבן, האָבן מיר דערהערט אַן אומהיימלעכן מאָטאָרן־רויש. דאָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונז אויטאָס.

די גאַנצע מאַסע האָט אַרומגעכאַפּט אַן אויסערגעוויינלעכע שרעק. מיר האָבן זיך געטוליעט ווי קליינע קינדער איינער צום אַנדערן און זיך אָפּגערוקט פון טויער אויף הינטן צו דער וואַנט, מיר האָבן זיך אָן איר געקלאַמערט, ווי מיר וואָלטן אין איר געזען די איינציקע רעטונג. יעדער איינער פון אונז האָט געוואָלט זיין ווייטער פון טויט... נאָך אַ רגע לעבן, נאָך אַ סעקונדע, און אַ מאָדנער שטרוי פון גלויבן איז עס געווען, אַן וועלכן יעדער פון אונז האָט זיך אָנגעכאַפּט: אפשר וועט עס ביז אים ניט דערגיין...

אָבער די אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעם דעם אייזערנעם טויער, זיי זיינען געווען באַשטימט פאַר אונז... אין דער לעצטער רגע זיינען אָנגעקומען דער זשאַנדאַרמעריע־שעף און דער ווירטשאַפט־לייטער און אָנגעהויבן אויסרופן פון אַ ליסטע געציילטע מענטשן. ניט אַלע פון די אַרויסגערופענע זיינען געווען, און עס האָבן זיך גענומען אָפּרופן אַנדערע אויף פאַלשע פאַמיליעס... אויף אַזאַ אופן האָבן זיך נאָך אַביסל מענטשן געראַטעוועט.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי אָנגעהויבן פירן צו די אויטאָס. אויף אַן אויטאָ פלעגן זיי אַריינשפּאַרן 20 מענטשן. דער גאַנצער טורמע־הויף איז געוואָרן איין גרויסער יאָמער־געשריי. אויפן וועג צום אויטאָ האָבן די מערדער שרעקלעך געשלאָגן. אין דער לופט האָט זיך אויסגעמישט דער עכאָ פון די קלעפּ פון די ווייסרוסישע פויסטן און דער אַלטער געשריי „שמע ישראל", וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון הונדערטער העלזער.

די ערשטע אויטאָס זיינען געווען פאַרמאַכטע. דער דריטער, צו וועלכן מען האָט אויך מיר צוגעפירט, איז געווען אַן אָפּענער. מען האָט מיר געפירט צוזאַמען מיט 3 באַקאַנטע חברים, צווישן זיי צוויי ברידער. ווען מיר האָבן דערזען דעם אָפּענעם אויטאָ, האָט דער געדאַנק פון זיך ראַטעווען, וואָס איז נאָך פריער אונז אַלע פיר איינגעפאַלן, באַקומען הויט און ביינער.

מיר האָבן באַקומען וואַסער, וועלכע מען האָט אונז „מיט גרויסמוט און בריטהאַרציקייט" געטיילט פאַרן טויט. מיר האָבן אַראָפּגענומען די בורקעס, ס'זאָל אונז זיין לייכטער, און געגאַנגען צום אויטאָ. מען האָט אונז, אַ 20 מאַן, צווישן זיי אַ העלפט יונגע, נאָך ניט אויסגעשעפּטע מענטשן, אַריינגעשליידערט אין אויטאָ. אינעווייניק, פון אַלע 4 עקן, האָבן געוואַכט 4 פּאָליציאַנטן; אַ פינפטער איז געזעסן אין שאָפער־קע. זיי האָבן אונז ניט געלאָזט שטיין און געצוווּנגען זיצן איינער ביים אַנדערן אויפן פוס, און ווען מיר האָבן געפּרוּווט זיך שטעלן, האָט מען אונז געשלאָגן מיט די קאָלבעס. מיר האָבן געמוזט פאָלגן, אָבער איך מיט מיינע 3 חברים האָבן אויסגעקאָמבינירט אַזוי, אַז אויף איין קני זיינען מיר געזעסן און אויף דער אַנדערער געשטאַנען.

דער אויטאָ איז אַרויסגעפאָרן הינטערן שטאָט און זיך גיך געגליטשט איבערן שאָסיי. פון ביידע זייטן זיינען געווען פעלדער. רעכטס, אין אַ בייט פון קאַרטאָפל, האָב איך געזען אַ דערשאָסענעם אידן. די פעלדער אַרום, שפּעדיקע, גרינע און געלע, האָבן געטראָגן דעם אַלטן צווילינג: ברויט און טויט.

מיר זיינען געפאָרן ווייטער. פון ביידע זייטן שאָסיי האָט זיך צעשטעלט אַ געדיכטער וואַלד. איך מיט מיינע חברים האָבן זיך גענומען קנייפּן איינער דעם אַנדערן; מיר האָבן דערפילט, ס'וועט באַלד ווערן שפּעט און מיר מוזן עפּעס טאָן. אָט זיינען מיר שוין געווען אַ האַלבן ק"מ פון די גריבער. פון איין זייט דער דאָרף טשעפּעלאָווקא און פון דער אַנדערער

צוויי פאַרשאָטענע שוין גריבער און איינע, אַ דריטע, 50 מעטער די לענג, 10 די ברייט און 3 טיף. די דריטע האָבן מיר עס געזאָלט אָנהויבן...

און פלוצלינג, אַזוי ווי אַ בשותפותדיקער כוח וואָלט אונז אַ ריס געטאָן, האָט איינער פון אונז און אין דער זעלבער רגע נאָך צוויי זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן — און אין זעלבן אויגנבליק אַ כאַפּ געטאָן אַ פּאָליציאַנט און אים אַראָפּגעשליידערט פון גיך־פאָרנדיקן אויטאָ איבערן באָרט. באַלד האָבן די צוויי ברידער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ צווייטן פּאָליציאַנט און כהרף־עין איז שוין אויך דער געלעגן אויפן שאָסיי. די איבעריקע צוויי פּאָליציאַנטן האָבן נאָך ניט באַוויזן זיך אָפּטרייסלען פון דער געוואַלדיקער איבעראַשונג, ווי מיר האָבן פון זייערע פאַרגליווערטע, פאַרגולמטע הענט אַרויסגעריסן דאָס געווער און איינער פון אונז, אַ מולער, האָט געכאַפּט אַ מאַשין־ביקס... אָבער ניט קענענדיק שיסן, איז ער געבליבן אימבאַהאָלפן שטיין, ניט וויסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן. דאַן האָבן מיר צעשלאָגן די צוויי פּאָליציאַנטן מיט קאָלבעס אַזוי, אַז זיי זיינען געבליבן ליגן אין אָנמאַכט. דער אויטאָ איז נאָך דערווייל אַלץ געפאָרן. אָבער דער פינפטער פּאָליציאַנט האָט אינסטינקטיוו דערשפּירט אַ צרה, און דער אויטאָ האָט זיך גענומען אָפּשטעלן. דער פּאָליציאַנט האָט פון שאָפערקע אַרויסגערוקט דעם קאָפּ, אָבער ער האָט קיין סך ניט באַוויזן צו זען, ווייל באַלד איז מיין האַנט מיט דער קאָלבע געווען איבער אים. דער שאָפער, דעזאָריענטירט און איבערגעשראָקן פון דעם פּלוצלינגדיקן איבערפאַל, האָט ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

דערהערנדיק פון דערווייטן אַ צווייטן אויטאָ, האָבן מיר גענומען רופן די אידן אויף אונזער אויטאָ, וועלכע זיינען אַלץ געזעסן אומבאַהאָלפן, זיי זאָלן גיכער אַנטלויפן, ווייל עס קאָן ווערן שפּעט. מיר זיינען געווען זיכער, אַז אָדער די מערהייט פון אונז וועט זיך ראַטעווען און אַנטלויפן, אָדער אונזערע הענט וועלן אָנהויבן די פאַרצווייפלטע גרויסע אידישע נקמה אויך פון די ווייטערדיקע אויטאָס.

אָבער אונזער האָפענונג איז געווען אַן אומזיסטע. אונזערע ברידער, די געפירטע צו דער שחיטה, זיינען געווען ניט ווייניקער איבעראַשט ווי די שוחטים וואָס האָבן אונז געפירט. די שרעק און אַפּאַטיע האָט זיי צוגעשמידט צום אָרט, כאָטש כוח האָבן זיי געהאַט ניט ווייניקער פון אונז. מען האָט זיך געדאַרפט גיך דעצידירן, דער צווייטער אויטאָ דערנענטערט זיך אַלץ מער און די אידן זיצן פאַרגליווערטע אין אונזער אויטאָ און רירן זיך ניט פון אָרט. דאַן זיינען מיר אַראָפּגעשפּרונגען און גענומען לויפן. מיר זיינען געלאָפן ניט אָרגאַניזירטערהייט, צוויי פון אונז אויף רעכטס און צוויי אויף לינקס. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער, אָבער פאַלנדיק האָב איך זיך שטאַרק צעקלאַפּט און פאַרוווּנדעט אַ פוס. כ׳בין אַ סעקונדע געלעגן און נאָך געהערט פון אויטאָ אַן ענטפער אויף אונזער רוף צו אַנטלויפן: „כ׳בין צו שוואַך”. דאָס איז געווען דער געוו. דירעקטאָר פון אַ שולע און לעצטנס סעקרעטאַר פון דער אידישער פּאָליציי. ער איז געווען אַ קאַליקע... איך האָב געהערט דעם דאָזיקן ענטפער און פילנדיק אַז אָט־אָט בין איך אויך שוין אַ האַלבער קאַליקע, האָב איך מיט איבערמענטשלעכע כוחות גענומען זיך אויפהייבן. פון ווייטאָק האָב איך געקריצט מיט די ציין און אַ פאַרבאַהאַלטענע שטים האָט אין מיר געשריען „כ׳בין שטאַרק!”, און אַזוי קריכנדיק אויף אַלע פיר בין איך אַריינגעלאָפן אין וואַלד, נאָענט פון אויטאָ. לויפנדיק אין וואַלד זיינען מיר די כוחות ביסלעכווייז צוריקגעקומען. אין אַ פאָר מינוט אַרום האָב איך געהערט דעם צווייטן אויטאָ. ער האָט אַרויפגענומען די פאַרחלשטע פּאָליציאַנטן. און די אידן, נאָכדעם ווי מען האָט זיי שרעקלעך צעשלאָגן, האָט מען אָפּגעפירט צו די גריבער.

לויפנדיק אין וואַלד האָב איך דערווייל געטראָפן איינעם פון די צוויי ברידער, און צוזאַמען האָבן מיר זיך פאַמעלעך דערשלייכט ביז אַ בית־עלמין פון אַ דאָרף. אָבער ווען מיר זיינען צו אים צוגעקומען, האָבן מיר דאָרט געטראָפן פיל מענטשן. ניט איבערקלערנדיק קיין מינוט, האָבן מיר זיך געלאָזט מיט די פעלדער ווייטער. מיר האָבן אָנגעטראָפן אַ געדיכטן וועלדל, ניט ווייט פון דער באַן־ליניע באַראַנאָוויטש־סלאָנים. דאָ זיינען מיר געבליבן ליגן אַ גאַנצן טאָג. ביז מיטאָק האָבן מיר נאָך אַלץ געהערט פון דער ווייטנס די שיסערייען און געשרייען. נאָך מיטאָק האָט זיך פלוצלינג אַלץ באַרויִקט. מיר האָבן געמיינט, אַז עס איז שוין אַלץ געענדיקט, אָבער ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז נאָך רויִק ניט געווען. בלויז ביי די גריבער איז געוואָרן שטיל, ווייל זיי זיינען שוין געווען פול. די איבעריקע אידן האָט מען געפירט אין אַן אַנדער ריכטונג, צו פּעטראַלעוויטש אויפן ווילנער טראַקט, אין אַנדערע גריבער.

מיר זיינען אַזוי געלעגן ביז פאַרנאַכט. ביינאַכט האָבן מיר געקלערט גיין צוריק קיין סלאָנים. מיר האָבן גענומען גיין מיטן טראַקט. מיין חבר איז געגאַנגען דער ערשטער, איך בין נאָך אים געבליבן אַ סך הינטערשטעליק צוליב מיין פאַרוווּנדעטער פוס, וועלכע האָט מיר אָנגעהויבן פאַרשאַפן פרישע ווייטאָקן.

אָפּגייענדיק אַ 10 מינוט האָב איך פלוצלינג פון וואַלד דערהערט אַ שאָס און אַ פייערל האָט אין דער נאָענט געטאָן אַ בליץ. כ׳האָב זיך אָריענטירט, אַז מען יאָגט אונז נאָך און פאַרלירנדיק פון אויג מיין חבר, האָב איך זיך אַריינגעקייקלט אין גראָבן ביים טראַקט. כ׳האָב אַרויסגעשטעקט מיין קאָפּ אַ קוק טאָן ווו מיין חבר איז פאַרשוווּנדן, אָבער אָט האָט ווידער אַ פייף געטאָן איבערן קאָפּ אַ קויל. כ׳האָב זיך אויף גיך אַריינגערוקט צוריק אין גראָבן און געבליבן ליגן דאָרטן אַ האַלבע שעה, צוגעטוליעט צו דער ערד. עטלעכע מאָל האָב איך געפּרוּווט רופן אין דער נאַכט מיין חבר, אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. שטיל אַרום. כ׳האָב גענומען קריכן אויף אַלע פיר, ביז כ׳האָב זיך צוגעשאַרט צו אַ וועלדל. דאָ בין איך אָפּגעלעגן אַ גאַנצע נאַכט און אידערפרי האָב איך ווייטער געפּרוּווט זוכן מיין חבר, אָבער כ׳האָב אים ניט געפונען. כ׳בין אַוועק אַלץ טיפער מיטן וואַלד, ביז איך האָב אָנגעטראָפן אַ פאַשע און וואַסער. איך האָב זיך געוואַשן און געווייקט מיין פוס אין קאַלטן וואַסער, נאָכדעם בין איך אַוועק אַליין קיין סלאָנים. כדי ניט אַריינצופאַלן בין איך צוערשט אַריין צו אַ באַקאַנטן פּאָלאַק. ער האָט מיר געגעבן עסן און כ׳האָב זיך אַביסל אָפּגערוט. דערוויסנדיק זיך, אַז ס׳איז דערווייל שטיל, בין איך מיט אַ הינטערוועג דערגאַנגען צו אַ געוועזענער אידישער גאַרבעריי, ווו ס׳האָבן געאַרבעט אידן. איך האָב געקלערט

מיט דער גרופּע אַריינצוגיין אין געטאָ. אָבער אַ צופעליק־פאַרבייגייענדיקער איד, אַ באַקאַנטער פון מיין פריערדיקן אַרבעטס־פּלאַץ, האָט מיר אַן אַ „לעבנס־שיין" אַריינגעפירט אין נייעם געטאָ (דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט באַוואַכט דעם געטאָ, האָט געזוכט עפּעס צוצונעמען און ניט געהאַט אין זינען די שיינען).

אין נייעם געטאָ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דערווייל בין איך דער איינציקער פון די 4 אַנטלאָפענע. ערשט אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָב איך געטראָפן איינעם פון די ברידער, וואָס איז אַנטלאָפן פון אויטאָ אין אַן אַנדער ריכטונג. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַנטלויפנדיק האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ ר.ק.מ. און מיט דעם אין האַנט איז ער אָפּגעלעגן אַ טייל נאַכט. שפּעט ביינאַכט איז ער מיטן ר. ק. מ. געקומען ביז סלאָנים, הינטערן שטאָט אים באַהאַלטן און נאָכדעם אַריין אין נייעם געטאָ.

דער נייער געטאָ

אין נייעם געטאָ האָבן געוווינט די, וועלכע האָבן באַקומען געלע שיינען. זיי זיינען אָפיציעל געווען פאַרזיכערט, אָבער די גאַנצע צייט געלעבט אין שרעק. ספּעציעל האָבן מורא געהאַט די וועלכע האָבן, ווי מיר, קיין שיינען ניט געהאַט, און ניט לעגאַל זיך אַריינבאַקומען אין געטאָ. די דייטשן האָבן דערפון געוווּסט און אין איינעם אַ טאָג האָט אַ דייטש גערופן צו דער אַרבעט 9 מענער אָן שיינען, צוזאָגנדיק זיי צו געבן שיינען. נאָך דער אַרבעט האָבן זיי אָנשטאָט שיינען באַקומען קוילן...

דעמזעלבן טאָג זיינען פיל פון די, וואָס האָבן ביז איצט זיך אויסבאַהאַלטן אין סכראָנעס, אַריין אין נייעם געטאָ. מענער פלעגן עס מאַכן דורך אויסבאָרגן שיינען און פרויען דורך אָנטאָן זיך אין מענערשע קליידער און דאַן מיט פרעמדע שיינען אַריינגיין. די שיינען פלעגן זיי די אידן איבערגעבן אויף פאַרשיידענע אופנים.

אויפן דריטן טאָג פון מיין זיין אין נייעם געטאָ האָב איך געטראָפן דעם דריטן חבר. ער האָט דערציילט:

אַראָפּשפּרינגענדיק פון אויטאָ האָט ער מיטגענומען מיט זיך אַ ביקס. אין וואַלד האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ באַוואָפנטן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים גענומען נאָכיאָגן. ווען ער האָט דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ כאַפּ געטאָן דעם ביקס און גענומען גראַבלען. דער פּאָליציאַנט, מיינענדיק אַז ער וועט שיסן, איז אַנטלאָפן. דאַן האָט ער צעבראָכן די ביקס און די טיילן באַגראָבן אויפן זעלבן אָרט. ער האָט אויסגעטאָן די היטל און העמד, וועלכע זיינען געווען פאַרבלוטיקט, און אין אַ שעה אַרום איז ער שוין געווען אין אַרישן טייל פון סלאָנים. ער האָט באַשלאָסן צו ראַטעווען זיין מוטער, שוועסטער און נאָך באַקאַנטע, וועלכע זיינען נאָך איבערגעבליבן אין סכראָן. און ער איז אַוועק צום נייעם געטאָ דורך די גאַסן לעם אַלטן געטאָ. אין איינעם פון די חרובע הייזער פון אַרישן טייל האָט ער איבערגעוואַרט ביז ס'איז געוואָרן פינסטער און דאַן זיך געפרווט דורכרייסן צום אַלטן געטאָ, אָבער אַ דייטש האָט אים נאָכגעשאָסן און ער האָט קוים מיטן לעבן זיך באַוויזן אַליין צו פאַרבאַהאַלטן. דערווייל האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די מוטער און שוועסטער זיינען שוין פון סכראָן אַריין אין נייעם געטאָ, איז ער אויך אַהער געקומען און מיר האָבן זיך געטראָפן.

דער המשך פון דער שחיטה

אין נייעם געטאָ בין איך באַלד אַוועק צום דאָקטאָר מיט מיין פוס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז גאַנץ. ביים זעלבן דאָקטאָר האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז פון די 5 פּאָליציאַנטן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געשלאָגן אויפן אויטאָ, איז איינער געשטאָרבן און אַ צווייטער איז שווער פאַרוווּנדעט. אַלע איבעריקע זיינען געבליבן גאַנץ. נאָך דעם פאַל פון אונזער ווידערשטאַנד זיינען די מערדער געוואָרן פאָרזיכטיקער. זיי פלעגן שוין אָפּפירן קלענערע גרופּעס אונטער אַ גרעסערן עסקאָרט.

און כאָטש אויבערפלעכלעך האָט זיך אין נייעם געטאָ דאָס לעבן אָנגעהויבן צו נאָרמאַליזירן, האָט מען געפילט, אַז עס גייט אַ צווייטע כוואַליע.

די דערווייל איבערגעבליבענע אידישע באַפעלקערונג איז געווען איינגעטיילט אין צוויי טיילן. איין טייל האָט געלעבט און געאַרבעט אין בויטעלאַגער, דער צווייטער — אין נייעם געטאָ. אין די טעג האָבן גענומען אַריינפליסן זייער אַ סך מענטשן סיי אין נייעם געטאָ און סיי אין בויטעלאַגער. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס וועט לאַנג ניט דויערן. און באַלד טאַקע האָט די דייטשע מאַכט אונטערגענומען שריט צו אַ נייער שחיטה.

די מאַכט האָט אָנגעהויבן אַלעמען פאַרטיילן שיינען און פירן אויף אַרבעט. יעדער שיין האָט באַקומען אַ לויף־נומער, אַזוי אַז די אַרויסגעבער האָבן געקענט גענוי פעסטשטעלן די צאָל אידן. עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז פיל אידן האָבן זיך שפּעטער גענומען שיינען אויף זאַפּאַס, אַזוי אַז ס'האָט זיך באַקומען אַ צאָל אידן גרעסער ווי אין דער ווירקלעכקייט.

ווען אַלע זיינען שוין געוואָרן אויסגעטיילט, האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַ נייע סאָרטירונג. מען האָט צונויפגעשטעלט ליסטעס אויף גרינע און אויף רויטע שיינען.

ר ו י ט ע ש י י נ ע ן, אין אַ צאָל פון 850, זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פאַר קוואַליפיצירטע פאַכלייט און דאָקטוירים אויף אָפּצושטעלן זיך אין דעם קוואַרטאַל. נאָכדעם ווי ס'זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן די רויטע שיינען, האָט מען פאַראָרדנט די איבעריקע אידן, וועלכע האָבן ביז דאַן געוווינט אין נייעם געטאָ, צו גיין אין בויטעלאַגער, כדי צו באַקומען דאָרטן גרינע שיינען. אָבער נאָך איידער וואָס ווען איז דער געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָבן אַרויסגעפירט פאַרן געטאָ אַלע אידן אָן רויטע שיינען.

די קינדער און פרויען פון די אינהאַבער פון רויטע שיינען איז געלונגען אַרויסצונעמען דורך די עלטערן און מענער. פון די איבעריקע האָט מען די מענער אָפּגעשיקט אין בויטעלאַגער און די פרויען אין טורמע.

אויפצומאָרגנס, דאָס איז געווען אויפן 8־טן טאָג זינט דעם אָנהויב פון דער שחיטה, האָבן די איבערגעבליבענע פרויען, מענער און קינדער פון בויטעלאַגער באַקומען 250

גרינע שיינען, — גאַנצע, וואָס האָט געהייסן, אַז זיי קענען בלייבן אין בויטעלאַגער. 150 האָבן באַקומען גרינע שיינען מיט אָפּגעהאַקטע שפּיצן. זיי זיינען געווען באַשטימט צו ווינען אין לאַגער פון דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע אין קאָזלאָוושטשיזנע. אַ געוויסער טייל, מערסטנטייל פרויען, האָט באַקומען אויך גרינע אָפּגעהאַקטע שיינען מיט אַ באַפעל זיך צוזאַמלען אין אַן אַרומגעצוימטן מיט דראָט שטח פון פאַרבליבענעם טייל פון דער גאַס באַלאָנע. ס'האָבן זיך דאָרטן, פון דער קאַטעגאָריע, באַזעצט 3000 פּערזאָנען. די איבעריקע אידן מיט אָפּגעהאַקטע גרינע שיינען האָט מען אָפּגעפירט אין טורמע און דעמזעלבן טאָג צעשאָסן.

אַזוי אַרום איז מיט די לעצטע קרבנות פאַרענדיקט געוואָרן אויפן 8־טן און 9־טן טאָג די צווייטע שחיטה. געבליבן ביים לעבן זיינען אַרום 1500 אידן פון 8000, צווישן זיי אויך איך מיט אַ רויטן שיין.

דערווייל איז עס שוין פאַר מיר געווען דער פינפטער טאָג אין נייעם געטאָ. די לאַגע איז אַלץ געווען זייער אָנגעשטרענגט. מען האָט גערעדט, אַז עס דאַרף זיין נאָך אַ שחיטה און עס וועלן פאַרבלייבן בלויז 250 מענטשן. צוליב דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע פון אַנטלויפן. זייער פיל מענטשן פלעגן אַוועקגיין צו דער אַרבעט און פון דאָרטן פאַרשווינדן. אויך מיר, אַ גרופּע פון 8 פּערזאָן (6 מענער, 2 פרויען), האָבן באַשלאָסן אַוועקגיין אין „גליקלעכן" דריטן רייך.

מיר האָבן פאַרקויפט צוויי רויטע שיינען פאַר 8000 רובל און אַזוי האָבן מיר שוין געהאַט אויף הוצאות. אָבער דערווייל האָבן מיר נאָך פאַקטיש קיין געלט ניט געדאַרפט.

11 אַזייגער ביינאַכט האָט אונז אַ פּאָלאַק, אַ געוועזענער קאָמוניסט, אַרויסגעפירט פון סלאָנים, אָנווייזנדיק וועלכע הייזער מיר זאָלן אויסמיידן. לויט אַ צעטל פון דערפער, וועלכן ער האָט אונז געגעבן, זיינען מיר געגאַנגען ווייטער אַליין, אָן קיין שום פירער, ביז צוויי ביינאַכט. נאָך צוויי, ווי ס'האָט נאָר געקומען טאָגן, האָבן מיר זיך פאַרבאַהאַלטן און געוואַרט אויף דער קומענדיקער נאַכט. אַזוי זיינען מיר אויף דער פערטער נאַכט פון וואַנדערן אָנגעקומען קיין רוזשנוי. אַריינגייענדיק ביינאַכט אין שטאָט האָבן מיר אָנגעטראָפן אין דער פינסטער אויף אַ וואַך. מיר האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי גרופּעס און עס איז אונז געלונגען צו אַנטלויפן. עס איז אונז נאָכגעלאָפן אַ הונט, און ס'וואָלט שלעכט געווען מיט אונז, ווען מיר דערטאַפן ניט אין דער פינסטער אַ בית־מדרש. ביז אינדערפרי זיינען מיר אָפּגעלעגן אין שרעק צווישן זיינע חרובע ווענט. אינדערפרי האָט זיך פאַרביי די פענסטער אַדורכגערוקט עפּעס געלס. לויט דער לאַטע האָבן מיר דערקענט אַ אידן. ער האָט אונז אַריינגעפירט אין אידישן קוואַרטאַל. דאָ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די אַנדערע 4 זיינען נאָך ניטאָ. ערשט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן מיר זיי געטראָפן. זיי האָבן אונז דערציילט, אַז זיי האָבן געטראָפן אַ אידישן שמיד, ער האָט זיי אַריבערגעשיקט אויפן אידישן בית־עלמין און געמאָלדן וועגן זיי דעם אידנראַט. מאַסקירנדיק זיי אַלס חברא־קדישא מיט אַן ארון, איז געלונגען זיי אַריינצופירן אין אידישן קוואַרטאַל.

אין רוזשנוי זיינען מיר געווען 4 טעג. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ שלעכטער באַציאונג אין שטאָט. אַזוי האָט אונז אַ בעל־הבית געדראָט מיט איבערגעבן דער פּאָליציי. די לאַגע איז דאָ אַלץ שווערער געוואָרן פאַר פּליטים פון סלאָנים, ביז דער אידנראַט האָט גענומען פון אונז 200 מאַרק (פון 8 פּערזאָן), כדי איינצושטילן די פּאָליציי. זעענדיק אַז עס איז שלעכט, האָבן מיר אַליין זיך געשאַפן אַן אויטאָ, וועלכער האָט אונז געקאָסט 600 מאַרק פאַרן אַוועקפירן ביז וואָלקאָוויסק. דאָ האָט אונז דער אידנראַט זייער וואַרעם אויפגענומען, געגעבן אונז עסן און געלעגער און אויף זיין חשבון אונז אָפּגעשיקט קיין ביאַליסטאָק. אין ביאַליסטאָק בין איך געקומען צו מיינע פריינט.

די לעצטע שחיטה

נאָך פאַר דער גרויסער שחיטה האָבן זיך געוויסע קרייזן אין סלאָנים גענומען גרייטן צו אַ זעלבשוץ. דער גרעסטער טייל פון דער יוגנט איז געווען דורכגעדרונגען מיטן ווילן צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, אָדער אַוועקגיין אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. מען האָט אָנגעקניפּט פאַרבינדונגען מיטן אויסערן געטאָ. ביידע צילן זיינען כמעט ווי ניט דערגרייכט געוואָרן.

בעת דער שחיטה איז אין געטאָ געווען פאַרבאַהאַלטן אַמוניציע מיט אַ 10—15 ביקסן, וועלכע זיינען געשמוגלט געוואָרן פון בויטעלאַגער, אָבער צוליב פאַרשיידענע (מיר ניט אינגאַנצן קלאָרע) סיבות זיינען זיי בעת מעשה גלייך ניט אויסגענוצט געוואָרן. ווען די ערשטע גרויסע שחיטה איז געווען פאַרענדיקט און נאָכן אַרויסגעבן די רויטע שיינען, האָבן געוויסע פּערזאָנען וועלכע האָבן געוווּסט ווו עס ליגט דאָס געווער, געפּרוווּט דאָס מיטנעמען מיט זיך אין וואַלד אַריין. צו דעם צוועק זיינען זיי געקומען אַהין מיט פורן, כלומרשט נאָך שלאָסער־געצייג, און צווישן די געצייג האָבן זיי אַריינגעפּאַקט אַ קעסטל אַמוניציע. ווייזט אויס, אַז צווישן זיי איז געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, אָדער זיי זיינען סתם געווען אַביסל אומפאָרזיכטיק, אָבער די מעשה איז דערגאַנגען צום ווייסרוסישן קאָמיטעט, וואָס האָט עס גלייך געגעבן צו וויסן דער ס. ד., און ווען די פורן זיינען שוין געווען אין וועג, האָט זיי פּלוצלינג פאַרהאַלטן דער שעף פון ס. ד. מיט זיינעם אַ משרת, און נאָך אַ גרינטלעכע רעוויזיע געפונען דאָס קעסטל אַמוניציע.

אין שייכות דערמיט זיינען גלייך אַרעסטירט געוואָרן 12 אידן, וועלכע האָבן דעם טאָג געאַרבעט אין אַלטן געטאָ. אָבער דער פירער פון דער גאַנצער אַקציע מיט דער אַמוניציע איז טראָץ דער פּינקטלעכער מסירה פאַרשוווּנדן זיי פון אונטער די הענט און איז עד היום ניטאָ אין סלאָנים. לויט וואַרשיינלעכע קלאַנגען האָט ער זיך אָפּגעטראָגן אין וואַלד.

דער שעף פון ס. ד., וועלכער איז גלייך נאָך דער געשעעניש געקומען אין געטאָ, האָט געדראָט דערשיסן 500 אידן, אויב מען וועט אים ניט אַרויסגעבן די פּערזאָן.

הערנדיק די דראָאונג איז אינזש. וואָלפשטיין, דער פאַראַנטוואָרטלעכער אידישער פאָרשטייער, אויך נעלם געוואָרן. ווען מען איז אים געקומען זוכן און ניט געפונען, האָט מען אָנשטאָט אים אַרעסטירט זיין פרוי און פאַרזיכערט איר, אַז אויב איר מאַן וועט זיך מעלדן, וועט אים גאָרניט געשען. אָבער אינזש. וואָלפשטיין איז ניט צוריקגעקומען. די אַטמאָספער איז אַלץ געשפאַנטער געוואָרן. יעדן טאָג פלעגן אַנדערע

אַנטלויפן אין „דריטן רייך". פון דער יוגנט איז אַ געוויסע צאָל אַנטלאָפן אין די וועלדער.

פון די אַנטלויפנדיקע פלעגט מען אָפט פיל כאַפן און דערשיסן. אַזוי למשל איז געכאַפּט געוואָרן אויפן וועג אַ גרופּע פון 10 אידן מיטן לעצטן פּרעזעס פון אידנראַט בראש (איינעם פון זיי איז פונדעסטוועגן געלונגען צו אַנטלויפן).

לאַנג איז אין סלאָנים רואיק ניט געווען. מער ווייניקער אַ מאָנאַט צייט נאָך דער לעצטער שחיטה האָט מען גענומען מאַכן אַ ליסטע אויף פרישע שיינען. אין דער ליסטע זיינען אַריין בלויז געקליבענע אומפאַרבייטלעכע פאַכלייט, אין דער צאָל פון 250. דערין אויך דאָקטוירים און עטלעכע פרויען ספּעציאַליסטינס. די אַלע האָבן באַקומען נייע גרינע שיינען. קיין רעכט צוצושרייבן צו די שיינען פרויען אָדער קינדער האָבן זיי ניט געהאַט.

דעם 9־טן אויגוסט 1942, 11 אַזייגער אינאָוונט, איז דער נייער געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט. אויסער דער וואַך אַרום און אַרום, וועלכע איז דאָסמאָל באַשטאַנען פון בלויז אוקראַי־נער, איז דער נייער געטאָ געווען געדיכט אַרומגעצוימט מיט אַ דאָפּלטן דראָטענעם פּלויט. טייל מענטשן האָט זיך ביינאַכט געפּרוווט דורכרייסן, אָבער אָן דערפאָלג. דער פּלויט איז געווען געדיכט און די וואַך האָט געעפנט אַ שיסעריי.

אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די אָבלאַווע. איבערלאָזנ־דיק בלויז די 250 מיט די גרינע שיינען, האָט מען די איבע־ריקע אַוועקגעפירט שיסן. אַ געוויסער טייל פון די אַרומגע־רינגלטע האָט זיך געפּרוווט אויסבאַהאַלטן אין די אַלטע סכראָ־נעס פון דער גאָס מאָסטאָווע (די גאַס איז פריער געווען אַ טייל פון אַלטן געטאָ. וואָס איז שפּעטער צוגעטיילט געוואָרן צום נייעם געטאָ). דעם זעלבן גורל האָבן געהאַט די אידן וועלכע האָבן געוווינט אין בויטעלאַגער און אין לאַגר פון אָרג. טאָדט. פון די 300 אידן, וואָס האָבן געוווינט אין דעם אויך אַרומגעצוימטן טייל פון גאַס באַלאָנע, איז דער גרעסטער טייל זיך צעלאָפן. די איבעריקע זיינען אַריינגעפאַלן.

2 פרויען, קיין איין קינד!

דעם 24־טן פעברואַר 1943 זיינען נאָך אַלץ געווען אין סלאָנים 400 אידן, דערין צוויי פרויען. קיין איין קינד. ביז דער פערטער אַקציע זיינען נאָך געווען 6 קינדער.

הגרמנים הטובים משנת 1916

בעלון „הנוער", שיצא בסלונים ב־1916 בעריכת משה אוורבוך וקלמן ליכטנשטין מצאנו כמה דברים על הגרמנים בסלונים:

„... בשבוע הזה התעוררה בינינו שאלה: הדי לכנות את הגרמנים בשם „אינקויזיטורים מודרנים", או גם זה עוד קטן ודל הערך לעומת אכזריותם?

כידוע, מחויבים כל אנשי העיר עד 50 שנה ללכת לעבודה, מבלי הבדל בין חג וחול. יהודי אחד, אחרי עבדו שבוע ימים רצופים, סרב לעבוד ביום השבת, ראשית מפני שחסיד הוא, ושנית עיף מאד היה אחרי שבוע של עבודה. אז בא אליו השוטר הגרמני למען הובילהו ללשכת השוטרים. אך בבית לא מצאוהו וילך לבית מדרש החסידים ששם מצאהו. בדרך, כמובן, לא חס השוטר ולא קמץ במכות אגרוף, עד אשר הביאהו אל הלשכה. בבואו התאספו כל השוטרים החיילים, וכל אחד חשב לו למצוה להכותו, למרטהו ולהתעלל בו. והאחד הפילהו ארצה. וכטוב לב ה„אינקויזיטורים" בהול־לות וברשעות, לקח אחד דלי מלא ושפך עליו. החסיד נתעלף, אך החיילים ה„רחמניים" השיבו את רוחו כדי שיוכלו להכותו הלאה. ממש אינקויזיציה. הוא החריש וסבל בדומיה. והאם יתקומם נגדם, מה? הלא הוא אחד והם רבים. וכה התעללו בו עד אשר בא ה„אונטער אופיציר" גריזנבאך י. ש. ו., ניגש אל היהודי השובת את השבת, החזיק ביד האחת בזקנו ותלש חצי זקן וישלך ארצה. זהו משחק עשה לו. החסיד הרים את חצי הזקן, ובדחיפה מאחור גורש מהלשכה. וילך לו מוכה ומעונה ומלא מכאובים.

עכשיו אנו שואלים את הקוראים הנכבדים שיבארו לנו וישיבו על השאלה: הדי לכנות את האכזרים הגרמנים האלו בשם „אינקויזיטורים" או גם שם זה אינו ראוי להם? הם עוד יותר עריצים, אבירי לב ואכזרים מהאינקויזיטורים בימי הבינים. וכל אלו קרו ויאתיו בשנות המאה העשרים ובידי בני העם הגרמני המקולטר והמנומס".

יעקב זליבאנסקי

אבותיהם של רוצחי ישראל

החיה הנאצית בצורת אדם נתגלתה בפני כל העולם בימי מלחמת־העולם השניה. באכזריות סדיסטית ובשיטתיות גרמנית־מדעית הביאו הנאצים לכליונם של ששת מיליוני יהודים באירופה.

לעומת זוועה זו מה חוורים היו מעשי הגרמנים בימי האוקופציה הגרמנית בסלונים במלחמת־העולם הראשונה. אולם באותה מידה ניתן לומר: מה אופיניים היו לאותה רוח גרמנית, שמצאה ביטויה המושלם בתנועה הנאצית.

בדעתי להעלות כאן פרקים קטנים, בלתי־חשובים לכאורה, מהימים ההם, בהם ניתן לנו, בני הדור הקודם, להציץ פנימה אל מהותם הנפשית של בני האומה הגרמנית. כבר אז, בימי מלחמת־העולם הראשונה, היתה מאיימת עלינו שחצנותם ויהירותם של הגרמנים, שחונכו ברוח „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אַלס", וכבר אז הרגשנו את משמעות האדנות הגרמנית.

עוד זכורים עמדי ימי פרוץ מלחמת־העולם הראשונה. בתחנת הרכבת של סלונים עברו גדודי צבא רוסיה על תזמורותיהם. ובגדודים בני כל עמי רוסיה הגדולה מתרוננים ועליזים, ובלבם אמונה ובטחון בנצחונם על האויב. קוזקים ובני קאווקאז היו יוצאים בריקודים סוערים ושירה אדירה היתה ממלאה חללו של המרחב הגדול שליד התחנה.

אנו, יהודי סלונים, רצינו להוכיח לשלטונות את נאמנותנו למולדת השרויה בסכנה. הקהילה היהודית ארגנה הפגנות פאטריוטיות ובראשן צעדו נכבדי העיר כשספרי־תורה בידיהם. קריאות הידד לחיי הצאַר ולחיי המולדת הרוסית נישאו ברמה.

אך פינו ולבנו לא היו שווים. בלבנו נשאנו הכאב על ההשפלה שהיתה מנת חלקנו ברוסיה הצארית, בה היינו בנים חורגים. זכרנו את „תחום המושב", את „הנומרוס קלאוזוס" בבתי־הספר הגבוהים, את הפוגרומים בקישינוב וביאליסטוק ואת ההסתה הגלויה מצד העתונות הרוסית. מה הפלא שכירסם בלבנו הספק, אם זו מלחמתנו ואם זו מולדתנו. אף־על־פי־כן התנדבו צעירים רבים לצבא, הצטיינו בקרבות ונפלו מות גבורים. גם בעורף גילו יהודים פעילות רבה, בהתנדבם לצלב האדום ובהגישם עזרה לפצועים שהגיעו מן החזית.

עם כשלונותיהם הראשונים של הרוסים, — במידה רבה בגלל בגידת הגנרלים הגרמנים ששירתו בצבא הרוסי, — נמצא מיד השעיר לעזאזל, היהודי. בעם נפוצה שמועה, כי היהודים עוסקים בריגול לטובת גרמניה ואוספים זהב בשבילה. התוצאות המרות לא איחרו לבוא: יהודים רבים הוצאו להורג. לפקודת ניקולאי ניקולאייביץ, מפקדו העליון של צבא רוסיה, הוצאו כל התושבים היהודים ממאות ערים ועיירות שבקירבת החזית והועברו לפנים רוסיה הרחבה. וכך הפכו יהודים שישבו מאות שנים בבתיהם לפליטים חסרי כל ורכושם נעשה הפקר.

מן הראוי לציין בהזדמנות זו את העזרה שהגשנו אנו, בני סלונים ובני יתר הערים שהיו במצבנו, לפליטים אלו. לכל רכבת עם פליטים יהודים היינו מגישים במסירות נפש ואהבה רבה תה וחלב, לחם ובגדים, ולא היה קץ לדאגת אחים.

כתוצאה מהאכזבה שהשתררה ברחבי הציבור היהודי נוצר הרקע הפסיכולוגי לקראת צפיה לכובש הגרמני כאל גואל ומציל שיבטיחנו מפורענויות.

העיר ביאליסטוק נכבשה על־ידי הגרמנים בסוף הקיץ של שנת 1915. הייתי שם בזמן כיבושה. בעיר גופה לא הורגשה התקרבות החזית. לפנות ערב פרצו בעיר דליקות גדולות ואז נודע, כי אלה הם מעשי הרוסים המתכוננים לעזוב את העיר. את המחסנים הגדולים ואת הקסרקטינים שרפו למען לא יפלו בידי הצבא הגרמני.

מאוחר בערב נשמע הד מטחי תותחים ואח"כ תיקתוק מכונות־היריה. ובהשכמת הבוקר נראו כבר חיילים גרמנים בודדים, סיירים ראשונים, בחוצות העיר. הקרבות התנהלו מסביב לעיר, ואל העיר גופה נכנס הצבא הגרמני רק בשעות הצהרים.

זוכרני את אוירת החג שאפפה את העיר בהיכנס הגדודים הגרמנים על ציודם המלא, מצוחצחים ומקושטים, ובראש כל גדוד תזמורת, כאילו לא מלחמה היא זאת, אלא הצגת חג. בראש החיל הכבד הזה שהצטרף למסע ארוך, רכב על סוס לבן קצין גרמני. בדמיוננו הצטייר המחזה הזה כאילו בא המשיח הגואל, והרגשה כי אמנם נגאלנו מעבדות ודיכוי היתה רווחת בכל הציבור היהודי.

את הדרך מביאליסטוק לסלונים עשינו ברגל. התקדמנו, קבוצה קטנה של תושבי סלונים, עם החזית. את תלאות הדרך קיבלנו כהכרח המציאות של ימי המלחמה והשאיפה העזה להגיע הביתה, אל חיק המשפחה, הפיחה בנו כוחות להתגבר על כל הקשיים שהיו כרוכים בהליכה ביערות בלילות ובימים ובחיפוש מקומות מחבוא. לאחר יגיעה רבה הגענו לסלונים שניים־שלושה ימים לאחר כיבושה. ורק כאן נודעו לנו הפרטים על הקרבות המרים שניטשו על כיבושה של העיר. סלונים לא נכבשה בקלות, לא בתופים ותזמורות. כל רובע העיר שמעבר לנהר שצ'ארה נשרף כליל, בתים רבים נהרסו מפגיעות פגזי התותחים ורבים היו ההרוגים והפצועים. סלונים

העיר נותקה מכפרי הסביבה ללא אפשרות של קיום הספקה סדירה, מפאת העוצר הממושך שהוכרז בעיר. חלק מתושבי העיר, העשירים והמבוססים שבהם, עזבוה ועברו לרוסיה הגדולה והנשארים ממעמד החנוונים ובעלי־המלאכה ויתר דלת־העם נשארו בלי אמצעי מחיה. אנשים רבים היו מתחמקים מעיני הגרמנים על מנת להגיע לשדות ושם ללקט תפוחי־אדמה שהאכרים לא הספיקו להוציאם מן האדמה. היו נושאים את השקים עם תפוחי־אדמה ממרחקים גדולים כדי לשבור רעבונם של גדולים וקטנים.

הצרה הקשה שהתרגשה על ראשינו היתה החטיפה לעבודה. אנשים פחדו לצאת לרחוב, גם בבית לא היה בטחון בפני החטיפה. היו חוטפים כל גבר, צעיר ומבוגר, לעבודה בקסרטינים, לחטיבת עצים, ניקוי חצרות, עבודה במטבחים, ואם לא מצאו לחטופים התעסקות בקסרטינים היו שולחים אותם לניקוי הרחובות.

חטיפת אנשים הפכה אצל הגרמנים למעין ספורט. כשלא היה להם צורך באנשים לעבודה ממש, היו מובילים אותם למקומות רחוקים לאיסוף אבנים ולאחר יום עבודה כזה היו משלחים אותם בחזרה הביתה.

במרוצת הימים התארגנה מיליציה אזרחית, שבראשה התיצב שמואל פולונסקי. גם אני הצטרפתי למיליציה, קיבלתי סרט שענדתי אותו על שרוולי — והריני מיליציונר. התחלנו קודם כל בהכנסת סדר בשליחת אנשים לעבודה. הנהגנו תור והשתדלנו למלא את דרישת הגרמנים לכוח־אדם לעבודה. כוונתנו היתה להוות גוף מקשר בין התושבים היהודים לבין השלטון העירוני הצבאי.

האמת ניתנה להאמר: לא תמיד עלה בידינו לשמור על השקט הנפשי ועל בטחונה של האוכלוסיה, שכן ההתעללות בתושבים היהודים היתה חלק בלתי־נפרד מהתנהגות הגרמנים. המיליציונרים הגרמניים — חיילים שענדו סרט ועליו אותיות בולטות M. P. — היו נוהגים להתפרץ בשבתות לבתי־המדרש ולבתי־הכנסת, ודווקא באמצע התפילה, ולקחת לקסרקטינים יהודים זקנים, עטופים בטליתותיהם. שם היו מכריחים אותם לשטוף רצפות, לאסוף זנבות סיגריות בחצרות או סתם ללקט אבנים ללא כל תכלית מעשית. וכל זה על מנת לבזות את היהודי ולהטיל עליו פחד.

בתחילה טיפל ברשימה משרד־העבודה. לבסוף נואש (מחוסר רצון להגלות יהודים במו ידיו) והעביר את הטיפול לידי הגרמנים עצמם, שיקחו להם עצמם את מספר הפועלים הדרוש. ואמנם, ביצעו זאת הגרמנים בכל להט הרציחה שבאופיים. ביום ה־26 במאי הוקף הגיטו יחידות קומנדו, מור־כבות מאוקראינים ושאר חלאת עמי אירופה שבשירות הנאצים. היחידות שנכנסו לגיטו החלו בחטיפת האנשים. הפעולה, כרגיל, לוותה מכות נמרצות, שוד וביזה וגם כמה מקרי רצח של חפים מפשע, שהואשמו בנסיון לברוח מידי החוטפים. ה„צייד" הסתכם ב־408 איש שנשלחו למוגילוב. מפי אחד החטופים שפגשתיו אחרי המלחמה באיטליה, והוא הסנדלר לייזרוביץ מרחוב רוז'נסקה, עמדתי על הסבל הרב של כלואי מחנה מוגילוב, שרבים מהם מתו מרעב, קור, מחלות ותלאות אחרות. שרידי אותו מחנה הובאו בתקופה יותר מאוחרת למחנה־ההשמדה מיידאנק שליד לובלין בפולין.

בתחילת האביב 1942 הופיע בסלונים רוצח נוסף לכנופיית הרוצחים המקומית, והוא ריטמייר, סאדיסט ורוצח מועד. מעשי־רצח היו מנת־יומו הרגילה.

ב„תעלוליו" הטיל ריטמייר פחד ואימה על יהודי סלונים, ובראותם אותו מרחוק היו חומקים לפינות אפלות, כדי לא להיתקל בו.

למרות כל המקרים האלה נחשבת התקופה בין הגירוש למוגילוב עד לפעולת סוף יוני 1942 כאחת „התקופות השק־טות ביותר" בתולדות גיטו סלונים. האביב ותחילת הקיץ היו בכל הדרם. אנשים נשמו לרווחה אחרי סבלות החורף, ואכן המו רחובות הגיטו בשעות בין־הערביים מרוב עם שיצא מצפי־פות החדרים לנשום אוויר צח אחרי יום־עמל קשה בעבודות הכפייה, ועד שעה מאוחרת בערב דמה הגיטו לכוורת. רק משנמסרה הידיעה על היק או ריטמייר, המתקרבים לאיזור הגיטו, התרוקנו הרחובות מאנשים. כסימן מובהק להתקרבות היק למקום שימשו, בדרך כלל, שני כלביו הענקים, שרצו תמיד לפניו.

השמש זרחה, והשוחט שחט

רוגע ושלוו היה נראה בעינינו גם יום א', ה־28 בחודש יוני 1942. היה זה בערוב יום קיץ נהדר. אופרובה, רחובה המרכזי של הגיטו, היה דחוס אנשים. מפה לאוזן נמסרה הידיעה, שליום המחרת גויסו כ־40 ומעלה מכוניות־משא „למטרת ציד פרטיזנים בסביבה", שפעילותם גברה מאד בתקופה האחרונה. אמנם, התגנב ללב גם החשד והחשש, שמא מכוונות המכוניות המרובות האלה להובלת יהודי הגיטו לדרכם האחרונה, אולם

מתוך אי־רצון להעיב על מצב השאננות, שהשתרר לאחרונה בגיטו, לא קיבלו האנשים את הגירסה הזאת והשתדלו להרחיקה מעצמם. כך עבר וחלף הערב ובא הלילה. הרחובות התרוקנו. שקט ודממה השתררו בגיטו.

ועם שחר, עוד לפני צאת החשיכה, נשמעו רעש והמולה מסביב לגיטו. קולות המגפיים המסומרים של הרוצחים הידהדו מסביב. אנשים הציצו בהולים מפתחי הבתים ועולמם חשך עליהם. הגיטו הוקף משמרות כבדים של רוצחים. מטרת המיבצע היתה ברורה. עם האיר היום יצאו מאות סקרנים לשער המרכזי, כדי לברר מה מתרחש. הגרמנים תירצו את הפעולה בצורך בדיקת כרטיסי־העבודה של כל תושבי הגיטו. ליד השער הראשי עמדו גרשון קווינט ויוסקה גורוויטש, ואתם עוד אחדים מראשי ה„ארבייטס־אַמט" ומשטרת הגיטו, וציפו לבאות. קרוב לשעה 7 התקרבה מכונית לשער הגיטו וממנה יצאה כל הכבודה הנאצית, עם ריטמייר בראש. גרשון קווינט ניגש אליהם, הוריד את כובעו והחווה קידה עמוקה באומרו: „גוט מוֹרגן, הר שטאבסלייטר". כהרף־עין שלף הרוצח את אקדחו ורוקן את כל המחסנית לבטנו של קווינט, שנפל מתבוסס בדמו ללא רוח חיים. הרוצח הוסיף עוד: „האָסטו דיין גוט מוֹרגן". גרשון קווינט נחשב כאיש המחוסן ביותר בגיטו מבחינת בטחונו האישי. מותו שימש איפוא אות ומופת ליהודי הגיטו, שהפעם ממשמשת ובאה כלייה חרוצה על כל יהודי סלונים. האנשים שצבאו על גדרות הגיטו התחמקו משם ובין רגע התרוקנו הרחובות לחלוטין. קלגסי הרוצחים נכנסו לתוך הגיטו והחלו בחיפושי היהודים. כל האנשים התחבאו בבונקרים ובמחבואים שונים, שהכינו לעצמם בעוד מועד.

לא קלה היתה עבודת הרוצחים, לעומת מיבצעם ב־14 בנובמבר. רוב דיירי הגיטו התחבאו והרוצחים השתמשו בגר־זינים ובמכושים, כדי להרוס קירות כפולים, שמאחוריהם הסתתרו אנשים, לעקור רצפות וכד'. אבל עד מהרה זנחו את העבודה המייגעת ונקטו ב„שיטה" חדשה: התחילו להצית את הבתים, כדי להבריח את האנשים מהבונקרים.

ההתפוצצויות ומטחי־היריות לא פסקו במשך כל היום, ונדמה היה שקרב עז נטוש מעל העיר. האש הכריחה את האנשים לצאת ממחבואיהם. מעטים העדיפו להישרף חיים מליפול לידי המרצחים, אבל אלה שנמלטו מהבתים הבוערים מצאו את מותם בפתחי בתיהם. הטכניקה של הרצח היתה מושלמת. כל בית שהוצת הוקף ע"י מרצחים, והאנשים שנמלטו מתוכו נורו. היו ששיחק להם מזלם והכדור שפגע בהם המיתם במקום. אחרים, שבגדיהם הוצתו עליהם, נפצעו מהיריות וגוועו לאט־לאט ביסורים איומים.

מפחד שמא תיפגענה מהאש השכונות הסמוכות לגיטו העמידו המרצחים את מכבי־האש במצב הכן לאורך גבול הגיטו...

וכך נמשך הדבר ביום הראשון לפעולה ולמחרתו. נשרפו כליל רח' ז'אביה, בלונה והסביבה. הרחובות היו מכוסים גוויות חרוכות.

האנשים שהוצאו חיים מהבתים רוכזו על ה„דאמבה", לפני המנסרה של יוזרסקי, ומשם הובלו לבורות פטראלוביץ, להרג ולקבורה.

תוך הוצאת האנשים מהבתים למקום הריכוז חטפו הנאצים תינוקות מידי אמהותיהם, הוקיעום על כידוני הרובים, ביתרו אותם לשניים, השליכום לאש או מהגשר לתוך הנהר. באחזם ברגלי התינוקות היו המרצחים מוחצים את ראשיהם בקירות הבתים. צעקות קורעות לב פילחו כל הזמן את האוויר עד לב השמים.

ביום הראשון לטבח היה בדעתם של הגרמנים לחסל את הגיטו חיסול טוטאלי, בלי יוצא מהכלל ורק למחרת היום הוחלט להשאיר עובדים חיוניים ולחסלם בתקופה יותר מאוחרת, ולכן התחילו המרצחים לברר את הנשלחים למוות. היו מקרים רבים, שבני המשפחה סירבו להיפרד מיקיריהם והעדיפו מוות משותף על ניתוק. היו גם כאלה שהופרדו בכוח ולא הועילו כל הבקשות והתחנונים למות ביחד. בימים הבאים הובלו האנשים שנתפסו לבית־הסוהר לבירור (סלקציה).

האנשים שנידונו לחיים הועסקו לראשונה באיסוף חפצי־מתכת מתחת לחורבות הבתים השרופים בראשותו של המהנדס וולפשטיין, ורק אחר כך חזר כל אחד לעבודתו שמלפני הפעולה. במשך הימים הבאים (והפעולה נמשכה שבועות, עד שהגרמנים החליטו שאין עוד מסתתרים בגיטו) הוצאו מאות אנשים, מזי רעב וצמא, ממחבואיהם והובלו לבית־הסוהר לסלקציה, מי לחיים ומי למוות.

הסלקציה בוצעה בדרך כלל ע"י מפקד הז'נדרמריה בסלונים, לויטנאנט בונקה, שהופיע מדי יום ביומו בבית־הסוהר מצויד במגלב, ובתנועת מגלבו זה היה מציין: „אתה הנה, ואתה — שמה", ימינה ושמאלה, ופירוש הדבר לחיים או למוות. הנידונים למוות הובלו לגיא ההריגה במכוניות־משא במצב של כריעת ברכים או ישיבה, פן יקפצו מהמכונית תוך נסיעה. בכל פינה של המשאית עמד שוטר מזויין.

הגוויות שרוכזו במגרשים ריקים בגיטו (הכוונה לאלה שנספו בתוך הגיטו) הועברו יותר מאוחר ע"י עובדי העיריה לקברי־אחים, שנכרו בקרבת מקום בכל פינה מצויה. אחד מקברי־האחים הגדולים נמצא במגרש ריק בשפת ה„דאמבה", מאחורי בניין הסטארוסטבו לשעבר.

וכך נמשך הדבר ימים ושבועות, עד שהגיטו רוקן כמעט כולו מתושביו שהסתתרו בבונקרים. מהם שהוצאו ע"י הגרמ־נים, או שגירשם משם הרעב והצמא, ובראש וראשונה הייאוש וחוסר התכלית בהמשך המאבק על חיים כאלה.

קשה לתאר במלים האכזריות ביותר את צורת האנשים, שיצאו ממחבואיהם לאחר זמן ממושך. מזי רעב, פניהם שחורים ועיניהם מסונוורות בצאתם אל האור מהחושך ששרר בבונ־קרים, כפופי גב ומבע עיניהם מלא יאוש, והמוות נשקף מהן. „המאושרים", שלפי שעה נידונו לחיים, ומניינם מאות אחדות, רוכזו בכמה מקומות בעיר. היו אלה בתים ספורים ליד המנסרה של יוזרסקי ברח' מוסטובה, ב„בויטה־לאגר", שהפעם שוכנו שם לא רק עובדי המקום, וברחוב סקרובובה (רח' ה־3 במאי), בבנין בית החרושת למסמרים ולגפרורים, שנהרס במלחמת־העולם הראשונה ושוקם אחר כך, ששם רוכזו עובדי הכבישים של חברת „טוד", על שם המהנדס הגרמני טוד, שחברתו עסקה בסלילת ותיקון כבישים, בניית גשרים וכו'.

מקום נוסף קם במשך הזמן, היה זה מחנה פּוּביץ, שאליו הועברו עובדי הכבישים. שרידי יהודי סלונים חיו בפחד מתמיד. היו שהעיזו והצליחו להצטרף לפרטיזנים, במידה שניתן להם להצטרף. חלק אחר, מבעלי האמצעים, חלם על יציאה לערים הסמוכות, כגון פרוז'אני, וולקוביסק, ביאליסטוק, ששם

עדיין לא הכביד הצורר את ידו על היהודים, כי מבחינה אדמיניסטרטיבית השתייכו ערים אלו לרייך השלישי, ושם לא ביצעו הגרמנים את מעשי ההשמדה במקום, אלא העבירו את היהודים למחנות ההשמדה, שהוקמו באותה תקופה ונכנסו לפעולה בהיקף מלא רק בשנת 1942. סלונים השתייכה מבחינה אדמיניסטרטיבית ל„שטח המזרחי", שכלל בתוכו את אזורי הכיבוש הרוסיים והארצות הבלטיות.

עם ריבוי מקרי הבריחה מסלונים נקטו הגרמנים בכל האמצעים לסיכול הנסיונות הללו. פרסים גבוהים הובטחו לכל תושב, שימסור לידי השלטון יהודי בורח המנסה לחצות את הגבול לרייך השלישי, שעבר בין סלונים לרוז'נוי ובין סלונים לוולקוביסק. אבל חרף הסכנות המרובות ניסו עשרות יהודי סלונים את מזלם בבריחה וגם הצליחו במשימתם, ובזה יצרו לעצמם את האשליה, שהיתה מנת־חלקם של יהודי העיירות השייכות לרייך השלישי, כי שם כאילו לא יבצעו הגרמנים את מזימתם הנפשעת. באה לאחר־כך המציאות וטפחה על פניהם.

לאחר מכן נודעו כמה מקרים, שאירעו ליהודי סלונים בפרוז'אני, בסתיו 1942. כמה מניצולי סלונים, המורה כהן מהגימנסיה ושני תלמידיה לשעבר, גרישה יבורסקי, בנו החורג של החייל ליכטין, ויוסף וולופיאנסקי מפאנסבה, נתפסו במבראות פרוז'אני בברחם מסלונים. הם נמקו שבועות רבים בכלא של פרוז'אני ולבסוף הוצאו להורג, למרות כל ההשתדלויות של ה„יודנראט" בפרוז'אני.

החשמלאי מירסקי עם בני־ביתו הצליחו לחדור לגיטו פרוז'אני. הדבר נודע לשלטון הגרמני המקומי, שהודיע ל„יודנראט" בצורה אולטימטיבית: הסגרת הבורחים או — חיסול טוטאלי של גיטו פרוז'אני. אינני יודע, אם משפחת מירסקי נמסרה ע"י ה„יודנראט" לידי הנאצים או שמסרה את עצמה, משלא היה ברצונה לגרום לחיסול של גיטו שלם. ידוע רק, כי משפחת מירסקי הוצאה להורג.

בשני לאוגוסט 1942 עזבתי את גיטו סלונים ובזה תמה פרשת זכרונותי מאותה תקופת־הדמים, בה נספתה עירי היהודית סלונים.

ראָטשטיין יצחק

איבערגעלעבט - און נקמה גענומען

9 מאָנאַטן האָב איך געאַרבעט אין געביטס־קאָמיסאַריאַט אַלס אינסטאַלאַטאָר. מיט אַ באַזונדערער געלער לאַטע בין איך פריי אַרומגעגאַנגען איבער גאַנץ סלאָנים אויך נאָך דער שחיטה, ווען מען האָט ליקווידירט דעם געטאָ אויף זשאַבינקע. ביי דער שחיטה האָט מען אַלעמען אַרויסגעשיקט צו דער דאַמבע, פון דאָרטן ביזן קאָסטשיאָל אויף זאַמאָשטשע געטריבן צו פוס. פון די 500 מאַן אין מיין גרופּע האָט מען אַרויסגענומען 120 מענטשן און אונז אַוועקגעפירט צו גאָלדינבערגן אין גאַרבאַרניע.

אויף מאָרגן איז געקומען דער דייטש מעצנער און אונז גענומען צונויפקלייבן די טויטע פון געטאָ און פירן אויפן בית הקברות. איך האָב געאַרבעט ביי גאַזשאַנסקין אין מויער. מיר האָבן געפונען דאָרט אַרום 500 געהרגעטע מענער, פרויען, קינדער און האָבן זיי אַוועקגעפירט צום בית־הקברות. נאָך דעם טאָג אַרבעט האָט מען מיר געבראַכט אין טורמע (זשאַבינקע האָט נאָך געברענט). 6 אַזייגער אין אָוונט האָט מען מיך גענומען אויף נאַכט־אַרבעט. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפירט טויטע. צומאָרגנס האָט מען מיך געבראַכט אין מיליטעראַמט, געגעבן אַ באַזונדער גרינעם צעטל און געשיקט צוריק צום געביטס־קאָמיסאַריאַט. דאָרט האָב איך געאַרבעט אַ חודש צייט.

עס איז געווען אוממעגלעך בלייבן לענגער אין שטאָט. איך בין אַוועק צו אַ קריסטין אויף פאָנעסווער גאַס, און נאָך 6 מאָנאַטן זיך אויסבאַהאַלטן, נאָכדעם ווי די קריסטין האָט כסדר געפאָדערט מען זאָל איר גוט באַצאָלן און מיר האָבן גאָרניט געהאַט, זיינען מיר אַוועק אין וואַלד. דאָס איז געווען מערץ 1943. מיר זיינען אַוועק אין די וועלדער ביי אזשערניצע.

די ערשטע צייט האָבן מיר, איך מיט מיין פרוי, זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד. שפּעטער, נאָך 6—7 מאָנאַטן, אָנהויב ווינטער, זיינען מיר אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער אין וואָלטשע־נאָרע. איך האָב דורכגעמאַכט פיר שלאַכטן. אונזער קאָמיסאַר איז געווען אַניזשטשיק, — אַ סלאָנימער קריסט, וואָס האָט פאַרנומען ביי די סאָוויעטן אַ הויכן פּאָסטן. ער האָט געהאַט אַ אידישע פרוי, אַ סלאָנימער מיידל פון ריבאַצקער גאַס, און צוויי קינדער. ער האָט מיר אָנגענומען אין דער פּאַרטיזאַנקע, כאָטש ער האָט געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן אַנטיסעמיט. ווען ער האָט איינמאָל געפּאַקט 3 פּאַרטיזאַנער וואָס זיינען איינגעשלאָפן אויף שמירה — 1 איד און 2 קריסטן, האָט ער דעם אידן געהייסן דערשיסן, — די קריסטן ניט. ער איז געבליבן קאָמיסאַר פון דער פּאַרטיזאַנקע ביז צו דער באַפרייאונג דורך די סאָוויעטן.

נאָך דער באַפרייאונג פון סלאָנים בין איך געקומען פון דער פּאַרטיזאַנקע צוריק אין שטאָט און געטראָפן דאָרטן 10 אידן. געוווינט אין אַווערבוכ'ס הויז, אין דער הויף. איך בין געווען אַ סך מאָל ביי די גריבער, — די מאַסן־קברים. דאָס זיינען 8—10 גריבער, 5 מעטער די ברייט און 50 מעטער די לענג.

אין סלאָנים בין איך געווען אַ האַלב יאָר, און אַנטלאָפן פונדאָרטן אומלעגאַל, ווייל איך האָב אָנגעוויזן דער מאַכט אויף עטלעכע גויים אידן־רוצחים, און זיי האָבן מיר דערפאַר געוואָלט הרגענען. איך האָב געמוזט אַנטלויפן, בין איך אַוועק קיין ביאַליסטאָק, און פון דאָרטן קיין לאָדזש.

אין לאָדזש האָב איך געלעזן אין אַ פּוילישער צייטונג, אַז מען האָט געכאַפּט מעצנערן און זיגעלן און מען זוכט עדות. חרלף האָט זיי דערקענט אין דייטשלאַנד, נאָכגעיאָגט און געלאָזט אַרעסטירן. איך האָב זיך געמאָלדן אין לאָדזשער געריכט און נאָך 6 מאָנאַטן האָט מען מיך אַרויסגערופן קיין וואַרשע, אויף לעשנע, אין קרייזגעריכט. אַ 30 מענטשן זיינען געקומען אַלס עדות — אידן און אויך קריסטן. אויך ד"ר וואָלקאָוויסקי פון סלאָנים איז געקומען. מיר האָבן אַלע געזאָגט, אַז מיר האָבן געזען, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט אַקציעס און אַליין געשאָסן אידן. איך האָב אַליין געזען ווי ער האָט געשאָסן אידן. זיי זיינען ביידע פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. מען האָט זיי געשאָסן.

רבֿקה מאַשקאָווסקי

אַ לאַנגער, בלוטיקער וועג

מײַן פֿאָטער פֿלעגט תּמיד זאָגן: „אוי, קינדערלעך, נאָך אַ קריג וואָלט איך ניט וועלן דורכמאַכן". ער פֿלעגט אונדז שטענדיק דערציילן וועגן די גרוילן פֿון ערשטן וועלט־קריג און אַ שוידער פֿלעגט אונדז אַרומנעמען.

און אָט האָבן מיר דערלעבט דאָס יאָר 1939. די לאַגע איז געווען געשפּאַנט. 4 מאָנאַטן פֿאַרן אויסברוך פֿון פּויליש־דײַטשן קריג בין איך געפֿאָרן אין קיבוץ גראָכאָוו, בײַ וואַרשע. מיטן אָנהייב פֿון קריג האָבן מיר בײַנאַכט, אין אייניצלנע גרופּן פֿאַרלאָזן אונדזער קיבוץ און אויך וואַרשע. איך וויל דאָ ניט באַשרײַבן מײַן גיין פֿון וואַרשע קיין סלאָנים. כ'וויל נאָר בלויז איבערגעבן דעם פֿאַקט, אַז 2 וואָכן זײַנען מיר געגאַנגען אונטער כּסדרדיקער באָמבאַרדירונג. און אָט בין איך און מײַנע אַ חבֿרה, וועלכע איז מיט מיר צוזאַמען געווען אין קיבוץ, אָנגעקומען נאָענט פֿון סלאָנים. זי האָט געהייסן שׂרה מיליקאָווסקי. ניט ווײַט פֿון שאָסיי־בריק האָבן מיר געזען אַ גרויסן טויער. אויפֿן טויער זענען געווען אָנגעשריבן באַגריסונגען פֿאַר דער רויטער אַרמיי. די בריק האָט מען ניט געקענט אַדורכגיין, ווײַל זי איז געווען פֿאַרברענט, זײַנען מיר געגאַנגען דורך אַלבערטין. שוין נאָענט בײַם וואָקזאַל האָבן מיר דערהערט אַ געריוש פֿון אַעראָפּלאַנען און זייענדיק געווינט, אַז ווען עס פֿליט אַן אַעראָפּלאַן דאַרף מען זיך פֿאַרבאַהאַלטן, האָבן מיר זיך ביידע, איך מיט שׂרהן, געגלייגט אויף דער ערד. דאָ זעען מיר מענטשן גייען און זאָגן: „טאָ נאַשע" — „דאָס זײַנען אונדזערע", האָבן מיר זיך אויפֿגעשטעלט און ווײַטער געגאַנגען. אָנקומענדיק צום ראָג פֿון גאָס בּרעג און אולאַנסקע האָבן מיר געזען ווי אַ סך מענטשן שטייען און וואַרטן אָפּ די רויטע אַרמיי. מענטשן זײַנען געווען צופֿרידן, ווײַל מען האָט געטראַכט, אַז דער דײַטש דאַרף פֿאַרנעמען סלאָנים, און דאָ קומט גאָר די רויטע אַרמיי! און אַזוי האָט מען זיך דערוואַרט. ס'האָט זיך דערהערט דאָס רוישן און קלאַפּן פֿון טאַנקען, מיט דער באַגלייטונג פֿון אַעראָפּלאַנען. איך בין שוין דאַן געווען אינדערהיים או זיך אָפּגערוט נאָך מײַן שווערן וועג און כ'האָב ניט געזען די גאַנצע צערעמאָניע פֿון אַרײַנמאַרש אין סלאָנים. כ'בין געווען מיד. ווי גוט עס איז ווען מען קערט זיך אום פֿון לאַנגן וועג, ווען מען טרעפֿט אַהיים! דאָס איז געווען דעם 19־טן סעפּטעמבער 1939 יאָר.

גאָר גיך האָט מען זיך אײַנגעאָרדנט, פֿון קליינע שניידער, שוסטער און סטאָליער־וואַרשטאַטן זײַנען געוואָרן אַרטעלן און דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטעלט. ס'זײַנען געווען קינאָ, טעאַטער, ס'פֿלעגן קומען אַרטיסטישע קרײַזן פֿון רוסלאַנד און אַרויסטרעטן פֿאַר דער באַפֿעלקערונג. אין די שולן האָט מען געלערנט. ס'פֿלעגן פֿאָרקומען פֿאַרווײַלונגען אויף דאַמבע, אין „פּוסטן־סאָד", אין שטאָט־טעאַטער וווּ ס'פֿלעגט זיך צוזאַמענקומען די יוגנט טאַנצן. מען פֿלעגט אויך געבן פֿאָרשטעלונגען און געזאַנג־אָוונטן. אַזוי איז געווען ביז דעם 22־טן יוני 1941 יאָר.

די דײַטשן קומען

דינסטיק אינדערפֿרי. מען זעט אַ גרויסע באַוועגונג פֿון מענטשן. מען ווייס ניט וואָס צו טאָן. אָט קערן זיך מענטשן צוריק פֿון שאָסיי, מען זעט דײַטשן. אין שטאָט איז אַ צעמישונג. מענטשן לויפֿן אַוועק, מענטשן קומען צוריק. מען שלעפּט ברויט פֿון בעקערײַען, זאַכן פֿון מאַגאַזינען, מיט איין וואָרט — עס הייבט זיך אָן. אַרום 12 בײַטאָג איז אַ דײַטשער טאַנק צוגעפֿאָרן צו אונדזער שטוב. מענטשן האָבן זיך פֿאַרמאַכט אין די הײַזער. איך זע עס גייען אַרום דײַטשן פֿאַרשמוצטע פֿון וועג. זיי בעטן בײַ מיר וואַסער זיך אַרומצוואַשן. איינער פֿון זיי האָט מיר געוויזן אַ בילד פֿון זײַן כּלה. ער האָט דערציילט, אַז זײַן פֿאָטער, ברודער און שוואָגער זײַנען אין קריג. ס'איז אים שוין אַלץ נמאס, ער וואָלט שוין וועלן ס'זאָל נעמען אַן עק. דאָס זײַנען געווען אײנפֿאַכע פֿראָנט־זעלנער. נאָכן אַרומוואַשן זיך זײַנען זיי אַוועקגעפֿאָרן. אויף מאָרגן האָב איך געזען אין הויף פֿון „פּאַנסטוואָווע" גימנאַזיע, אויף אולאַנסקע גאַס, אַ סך מענטשן, וועלכע מען האָט געהאַלטן אונטער אַ וואַך. דאָס זײַנען מערסטנטייל געווען מענטשן, וועלכע זײַנען געקומען אַרבעטן אין סלאָנים פֿון די מזרח־געביטן. אויף אולאַנסקע איז געשטאַנען אַ דײַטש מיט אַ בערדל (דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט אַז ער הייסט מעצנער) און האָט גערעדט אין רוסיש פֿאַר די מענטשן אין גאַס. צווישן אַנדערע האָט ער געזאָגט: „מיר דאַרפֿן שלאָגן ייִדן און קאָמוניסטן. מיר דאַרפֿן באַפֿרײַען די וועלט פֿון ייִדיש־קאָמוניסטישן יאָך".

די צײַט גייט, מענטשן דאַרפֿן עסן. און יעדער איינער האָט זיך אײַנגעאָרדנט בײַ וואָס ער האָט געקענט. איך האָב זיך אויסגעלערנט באַקן ברויט. בײַ אונדז אין הויז איז געווען אַ גרויסער באַק־אויוון און אַזוי האָבן מיר אַביסל פֿאַרדינט אויף זיך אַדורכצולעבן. אגבֿ דערנאָך האָט אונדז דאָס ברויט אַ סך געהאָלפֿן.

די מאַסן־מאָרדן

די ערשטע אַקציע אין וועלכער די דייטשן האָבן צוזאַמענגענומען צום מאָרדן 1200 מאַן האָב איך צוגעזען ביי אונז נעבן טיר. כ׳האָב געזען ווי מען האָט די מענטשן צוזאַמענגעטריבן, צווישן זיי האָב איך געזען וועלוול ראָמאַנאָווסקי און משה יאַכוועדאָוויטש. די דייטשן זיינען דאַן אויך צוגעגאַנגען צו אונזער טיר. מיין פאָטער איז געווען אין שטוב, געלעגן אין בעט. כ׳בין געווען נאַאיוו און כ׳האָב געגלויבט, אַז אויב כ׳וועל זיי זאָגן מיין פאָטער איז קראַנק, וועלן זיי אים לאָזן ליגן. זיי וואָלטן דאָס ניט געטאָן. ווען זיי האָבן מיר דערזען אין טיר האָבן זיי געטראַכט, אַז כ׳בין ניט קיין אידישע, ווייל כ׳בין בלאָנד און ענלעך צו אַ קריסטין. האָבן זיי מיר בלויז געפרעגט, צי עס זיינען פאַראַן אין הויז מענטשן מיט בערד. כ׳האָב געזאָגט ניין, זיינען זיי אַוועק.

אַ גרויסער טרויער האָט באַהערשט די אידן, כאָטש מען האָט נאָך דאַן ניט געוווסט, אַז די מענטשן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן. מען האָט געטראַכט, אַז מען האָט זיי גענומען אויף אַרבעט. ס׳זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע קלאַנגען, אָבער דעם אמת האָט קיינער ניט געוווסט. דערווייל האָבן די דייטשן געטאָן זייערס, אַרויפגעלייגט גרויסע קאָנטריבוציעס. מען האָט געקליבן גאָלד, מען האָט געטראַכט, אַז מיט דעם וועט מען זיך אויסקויפן. מען פלעגט דאַרפן גיין אַרבעטן פאַר זיי פאַר אַ שטיקל ברויט. אַרבעטן האָט מען געמוזט גיין, ווייל די דייטשן האָבן געפאָדערט ביים „יודנ־ראַט״ די אַרבעטער. דערווייל האָבן זיי אָנגעהויבן מאַכן „אָרדנונג״, מען האָט פאַרבאָטן אידן צו וווינען אין געוויסע גאַסן. מען האָט צוזאַמענגעפרעסט די אידן אין אַן ענגערן קרייז. מיר זיינען געווען פון די גליקלעכע, וואָס זיינען דערווייל געבליבן וווינען אין אונזער אייגענעם הויז. מיין שוועסטער מאַשע איז אַוועקגעפאָרן צו מיין ברודער בן־ציון אין נאָוואָגרודעק, ווייל זיינס אַ קינד איז געווען קראַנק (זיין פרוי חנה־מלכה איז געשטאָרבן פאַרן אָנהויב פון קריג). כ׳בין געבליבן אין דערהיים מיט מיין פאָטער און מיין שוועסטער יוכבד. ס׳האָט זיך דאַן איינקוואַרטירט ביי אונז אַ משפחה פון מאַלקין, וועלכע איז אין 1939 יאָר אַנטלאָפן פון דייטש. די משפחה איז באַשטאַנען פון אַ פאָטער, מוטער, זייער טאָכטער מיטן מאַן און אַן אייניקל. ביי אונז האָט אויך געוווינט יעקב ראָזענבערג מיט זיין פרוי פון מאָסטאָווע גאַס (פון דעם טייל מאָסטאָווע, ווו אידן האָבן שוין ניט געטאָרט וווינען).

ס׳איז געווען פרייטאָג אינדערפרי, דעם 14־טן נאָוועמבער 1941 יאָר. כ׳קוק דורכן טיר אַרויס אין גאַס און כ׳זע ווי פון אפעראָווע געסל, ווו ס׳איז געווען די אידישע פאָלקס־שול, גייען צעשטעלט אין רייען קינדער, פרויען, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, מיט פעקלעך, אָנגעטאָן אין וואַרעמע זאַכן. זיי זיינען געגאַנגען פון אפעראָווע צו אולאַנסקי גאַס, צו דער זייט פון בריק. דאַן האָט מיר דערזען דער פאָליציאַנט, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט פון אולאַנסקע גאַס, און מיר געהייסן מיט אַ האַנט־באַוועגונג פאַרמאַכן די טיר. כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז ס׳איז ניט גוט. אונזערע שכנים פון מאַלקין זיינען אַרויס זיך פאַרבאַהאַלטן ביי אונז אין הויף. ס׳זיינען דאָרטן געווען גרויסע שפייכלערס מיט ברעטער. מיין פאָטער איז פונקט אַוועק דאַוונען צו חיים פאָרעצקין, ניט ווייט פון אונז. מיין שוועסטער יוכבד האָט געהאַט פיבער. כ׳האָב ניט געוווסט וואָס צו טאָן.

אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען מיין פאָטער. ער האָט געמוזט דערקריכן אַהיים איבער פאַרקאַנעס און הויפן; ווייל אין גאַס האָט מען ניט געלאָזן גיין. מיין טאַטע איז אַריין אין שפייכלער, ווו ס׳איז געווען אָנגעשטעלט מעבל. כ׳האָב אים פאַרשלאָסן פון דרויסן און בין אַוועק. דאַן בין איך אַרויס מיט מיין שוועסטער, כדי זיך פאַרבאַהאַלטן צווישן ברעטער צוזאַמען מיט די שכנים. ס׳איז געווען קאַלט. דאָס קליינע קינד פון די שכנים האָט געוויינט, איז די באָבע אַוועק דעם קינד אָנוואַרעמען אַ ביסל עסן. דאָס קינד איז דאַן אַלט געווען 2 יאָר. ווען די באָבע מיטן קינד זיינען אַריין אין הויז, זיינען אָנגעקומען דייטשן און זיי אַוועקגענומען. דאַן איז אויך אַרויסגעלאָפן נאָך זיי די מוטער פון קינד.

ביי טאָג זיינען געקומען דייטשן און האָבן געטראָטן אויף די ברעטער איבער אונזערע קעפ. זיי האָבן אונז ניט געפונען.

מיר זיינען געזעסן פאַרבאַהאַלטן ביז שבת אינדערפרי. דורכגעפרוירן פון קעלט זיינען מיר שבת אַרויס פון באַהעלטעניש. אין שטוב זיינען טיר און פענסטער געשטאַנען אָפן. וועש, בעטגעוואַנט און קליידונג האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. כ׳בין אַרויס אין גאַס, — די גאַס איז געווען פוסט און וויסט. ווו ניט ווו פלעגט מען זען אַרויסלויפן אַ מענטשן, וועלכער איז געלאָפן צו מאָסטאָווע גאַס (מאָסטאָווע, זשאַבינקע און באַליאָנע האָבן געהייסן דער „אינדזל״, און דאָרט האָבן געוווינט מענטשן מיט שיינען. בעת דער פאַרניכטונג האָט מען ניט גערירט די מענטשן פון „אינדזל״). אין דרויסן איז געווען פראָסטיק. די זון האָט געקוקט מיט טרויער אויפן חורבן. כ׳בין געשטאַנען אין גאַס ווי פאַרשטיינערט, כ׳האָב ניט געוווסט וואָס צו טאָן. דאָ לויפן פאַרביי מענטשן און זאָגן, אַז דערווייל איז געענדיקט. מען הייסט אַרויסגיין אַלע די וואָס מען האָט ניט געכאַפּט, מען וועט מער ניט טשעפען. זיי האָבן געכאַפט זייער „נאָרמע״, צען טויזנט מענטשן, און איצטער האָבן די דייטשן געזאָגט מען זאָל גיין אַרבעטן, זיי וועלן שוין זיין גוט און פרום און קיינעם ניט אָנרירן.

איך מיט מיין פאָטער און מיין שוועסטער יוכבד זיינען אַוועק אויף מאָסטאָווע גאַס, צו פישל קאָקאָשיצקי. מיר זיינען ביי זיי געווען עטלעכע טעג, מורא האָבנדיק זיך אומצוקערן צוריק צו אונז אין הויז אויף ברעג.

דערווייל האָבן די לעבן־געבליבענע זיך אויסגעניכטערט און דערזען דאָס גרויסע אומגליק. וועמען ס׳האָבן געפעלט די קינדער און וועמען די עלטערן, וועמען ס׳האָט געפעלט זיין פרוי און וועמען איר מאַן. אָבער דאָס לעבן האָט געפאָדערט זיינס. מען האָט געמוזט גיין אַרבעטן. מיר זיינען צוריק אַוועק צו אונז אין הויז, אויף ברעג.

דאַן האָבן די דייטשן געמאַכט אַ געטאָ. זיי האָבן די גאַסן, ווו מען האָט די אידן צוזאַמענגעטריבן, אַרומגעצוימט מיט דראָט. אויף אולאַנסקע גאַס, דאָרט ווו עס שניידט דורך אָפעראָווע, האָבן זיי געמאַכט אַ טויער. אין אַ הויז ביים טויער, ראָג אָפעראָווע און אולאַנסקע, איז געווען די געטאָ־מיליץ.

ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אַקציעס פון פאַרניכטן אידן אין אַ סך שטעט און שטעטלעך אַרום סלאָנים. אין יענער צייט איז אויך געווען די אויסראָטונגס־אַקציע אין נאָוואָגרודעק.

דאָס איז געווען אין חודש דעצעמבער 1941 יאָר. מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיין ברודער בן־ציון, מיין שוועסטער מאַשע און מיין ברודערסביידע קינדער מרים און משה׳לע זיינען לעבן געבליבן (זיין עלטערע טאָכטער שאָשקע איז אין צווישנצייט געשטאָרבן נאָך אַ לענגערער קרענק). דאַן האָבן מיר געשיקט אַ פּויער מיט אַ פערד און וואָגן זיי צו ברענגען קיין סלאָנים. מיר האָבן געוואָלט זיין אַלע צוזאַמען. אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען זיי געקומען.

אונטערערדישע אַרבעט

אין געטאָ האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק רעדן וועגן פּאַרטיזאַנער, וועלכע געפינען זיך אַרום סלאָנים. דאַן האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, — דאָס איז געווען אַנצל דעליאַטיצקי. ער האָט מיר געגעבן אָנווייזונגען וואָס צו טאַן. מען פלעגט דאַרפן שאַפן געלט, וועש און מעדיקאַמענטן פאַרן וואַלד. איך האָב געהאַט אַ „פּינפטל״, אין וועלכער ס׳זיינען אַריין איך, איצל קליבאַנסקי — אומגעקומען אין געטאָ, חייקל קאָקאָשיצקי — אומגעקומען מיט די פאַרשיקטע אויף אַרבעט אין מאָגיליאָוו, יאָסל שעליובסקי — אומגעקומען אין געטאָ, און ישראל ראַבינאָוויטש — אומגעקומען אין וואַלד. אין געטאָ זייענדיק האָבן מיר פיל מיטגעהאָלפן דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

נאָך פּסח האָט מען צעשיקט מעלדונגען פון געביט־קאָמיסאַריאַט צו גרעסטן טייל יונגע מענטשן, אַז זיי מוזן זיך צושטעלן אויף אַרבעט. די מערהייט האָט זיך צוגעשטעלט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן לעבן פון זייערע פאַמיליעס. מען האָט אויך געכאַפּט אין גאַס יונגע מענער אויף אַרבעט. מען האָט אַלעמען אַוועקגעשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער ביי מאָגיליאָוו, פון וואַנען ס׳האָט זיך כמעט קיינער ניט צוריקגעקערט. נאָכן קריג, ווען כ׳בין געקומען קיין סלאָנים, האָב איך געטראָפן בלויז איינעם פון די פאַרשיקטע אין מאָגיליאָוו, דאָס איז געווען לייבע מוזשיוויעצקי. ווען איך בין פון סלאָנים אַוועקגעפאָרן, איז ער נאָך דאָרטן געבליבן.

אין די פאַרנאַכטן פלעגן די גאַסן אין געטאָ פול ווערן פון יוגנט. מען האָט ניט געקאָנט זיצן אין די הייזער. נאָך דער אַרבעט פלעגט מען אַרויסגיין זיך אויספרעגן וואָס ס׳הערט זיך, קיינער האָט ניט געוווּסט, וואָס ס׳דערוואַרט אים. מען האָט ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז מ׳קאָן אַלעמען אויסראָטן.

צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ פלעגט מען מוזן גיין צעשטעלט אויפן ברוק. אויפן טראָטואַר האָבן אידן ניט געטאָרט גיין. ביי יעדן האָט געמוזט זיין די געלע לאַטע. ס׳פלעגן זייער אָפט טרעפן פאַלן, אַז פון דער אַרבעט פלעגט מען זיך שוין ניט צוריקקערן. שוואַכערע, וועלכע האָבן קיין כוח ניט געהאַט צו אַרבעטן און אָניאָגן אַלעמען — פלעגט מען שיסן. אין שרעק פלעגן אַדורכגיין די טעג.

און ווידער ציען זיך וואָלקנס אויפן געטאָ. מען שמועסט אַז מען גראָבט ווידער גריבער אויסערן שטאָט. ווידער ווערן אַרויפגעלייגט קאָנטריבוציעס. מענטשן גרייטן צו פאַרבאַהעלטענישן אין די ווענט, אין דער ערד. מען מאַכט שותפותדיקע באַהעלטענישן. די דייטשן באַרויקן, זיי זאָגן אַז ס׳וועט גאָרניט זיין.

צוויי וואָכן אין באַהעלטעניש

דאָס איז געווען דעם 29־טן יוני 1942 יאָר. מאָנטיק גאַנץ פרי קוק איך אַרויס פון טיר און איך זע אין ראָג ברעג־אולאַנסקע, ווו ס׳איז געווען דאָס הויז פון דער מיליץ, אַ געזאַמל פון אַ סך נייגעריקע. און אָט זע איך קומען עטלעכע ס. ס. אָפיצירן אין געטאָ.ביים טויער איז זיי אַנטקעגן געקומען דער ראש פון „אַרבייטס־איינזאַץ״, גרשון קווינט, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט צום באַגריסן זיי. דאַן האָט איינער פון די ס. ס. מענער אויסגעשאָסן און גרשון קווינט איז געפאַלן ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים. אין דער מאָנטיקדיקער אויסראָטונג איז ער געפאַלן דער ערשטער. מענטשן זיינען זיך באַלד צעלאָפן, יעדער איז געלאָפן זיך פאַרבאַהאַלטן. מיר זיינען זיך אויך אַוועק פאַרשטעקן אין אונזער באַהעלטעניש. מיר זיינען דאָרט געווען צוזאַמען 23 מאַן. מיין פאָטער, מיין ברודער מיט זיינע צוויי קינדער, מיינע שוועסטער מאַשע און יוכבד, אַ משפחה פרידמאַן פון אָסטראָלענקאָ, דער פאָטער מיטן איידעם פון מאַלקין. מיר האָבן געזען ווי אַרום אונז ברענט. דייטשן האָבן אונטערגעצונדן די הייזער, כדי מענטשן זאָלן אַרויסלויפן. אַרום אונז האָט אַלץ געברענט. דורך שפּאַרעס פון וואַנט האָבן מיר געזען, ווי מענטשן לויפן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט האַרצרייסנדע געשרייען פון מאַמעס, ביי וועלכע מען האָט אַרויסגעריסן זייערע קלייניקע קינדערלעך. מען פלעגט אַלע אַרויסגעלאָפענע אוישטעלן און אַוועקפירן. ביי אונז איז די שטימונג געווען זייער אַ דערדריקטע. מיר האָבן געטראַכט, אַז אָט־אָט וועלן מיר אויך שטיין אין פלאַמען. אַלע זיינען אַרויס אין אַ שמאָלן דורכגאַנג ביי דער באַהעלטעניש, וועלכע איז געווען ניט באַמערקזאַם פאַר די דייטשן. איך, מאַשע און יוכבד זיינען געבליבן זיצן. מיר האָבן געטראַכט, אַז ס׳איז בעסער פאַרברענט צו ווערן, איידער אַריינצופאַלן צו די דייטשן לעבעדיקערהייט. יוכבד פלעגט זאָגן: ס׳ווילט זיך מיר אַזוי לעבן, כ׳וויל נאָך זען דעם סוף פון היטלערן. זי איז דאַן אַלט געווען 16 יאָר.

מיר זיינען געזעסן ביז פאַרנאַכט. ס׳האָט ביי אונז ניט געברענט. אַלע זיינען צוריק אַריין אין באַהעלטעניש. ס׳איז אָנגעקומען די נאַכט און אַרום אונז איז געווען רואיק.

מיר זיינען אַזוי געלעגן פאַרשטעקט 2 וואָכן, זיך געשפּייזט מיט סוכאַרעס פונם שפּייכלער, אין וועלכן מיר זיינען געזעסן, מיט ראָשטשינע פון ברויט און מיט וואַסער פון אַ וועשבאַליע, וואָס איז צופעליק געבליבן שטיין אויפן הויף. די סוכאַרעס זיינען ביי אונז געווען פונם איבעריקן, ניט פאַרקויפטן ברויט, וואָס מיר פלעגן באַקן. מיין פאָטער פלעגט זאָגן: „מאַך דערפון סוכאַרעס, ס׳וועט צוניץ קומען״, און אַזוי איז טאַקע געווען. מיר זיינען געזעסן אָן האָפענונג ווען עס איז צו זען די ליכט און זיין פריי.

מיין שוועסטער יוכבד האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, ער איז אין 1939 יאָר אַנטלאָפן פון וואַרשע און געוווינט אין סלאָנים, ער האָט געהייסן טאַדעק. ער האָט געאַרבעט אַלס מעכאַניקער. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז מיר זיצן פאַרבאַהאַלטן, האָט ער געבראַכט מענער־קליידונג פאַר יוכבדן און איר אַוועקגעפירט פון אונז. מענער האָבן שוין דאַן געמעגט גיין אין גאַס, זיי האָבן שוין באַקומען שיינען.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי אין באַהעלטעניש, האָבן מיר דערהערט ווי מען רייסט דעם שלאָס פון שפייכלער. מיר האָבן געהערט ווי דייטשן רייסן זיך אַריין אינעווייניק. זיי האָבן אָנגעהויבן וואַרפן ברעטער און מעבל, כדי צו צוקומען צו דער וואַנט, הינטער וועלכער מיר זיינען געזעסן. מיר האָבן געטראַכט אַז ס'איז שוין אַלץ פאַרלוירן, אַז נאָך געציילטע מינוטן וועלן זיי צוקומען צו דער וואַנט און אונז געפינען. מיר זיינען געבליבן זיצן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. צו אונזער גליק האָבן זיי געפונען אַ שאַכטל מיט 2 פאַר הענטשקעס פון לעדער, אינעווייניק אויסגעבעט מיט פוטער. די דייטשן האָבן זיך דערפרייט מיט דער מציאה און זיינען אַוועק.

יעדן טאָג פלעגן מיר הערן ווי מענטשן קומען און נעמען אַרויס דעם טאַטנס געצייג. מיר פלעגן איינהאַלטן דעם אָטעם מען זאָל אונז ניט אַנטדעקן. נאָך צוויי וואָכן האָבן מיר דערהערט, ווי מען שרייט ערגעץ פון נאָענט: „רבקה, קום אַרויס!" כ'בין אַרויס און געטראָפן יעקב גיבור און חנן שולקאָוויטש. ווען כ'בין אַרויס, האָבן זיי זיך ביידע צעוויינט. פון זייערע משפחות האָט מען שוין דאַן אַלעמען אומגעבראַכט. זיי האָבן געהייסן אַלעמען אַרויסגיין און האָבן אונז אַוועקגעפירט אין געטאָ אויף מאָסטאָווע גאַס, כדי צו קריגן שיינען. אַלץ איז געווען צעשטערט. צוריק צו אונז אויף בריג־גאַס האָט מען שוין ניט געטאָרט גיין. דער געטאָ איז געווען אויף מאָסטאָווע, צווישן ביידע בריקן, בלויז אין איין זייט, אונטן. אויבן אויפן ברוק האָבן אידן ניט געטאָרט גיין. דער געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט. מיר האָבן דאַן געוווינט אויף אַ בוידעם. אין יענע טעג איז אויך געקומען צוריק אין געטאָ מיין שוועסטער יוכבד, אָן אַ שיין. דאַן איז שוין אַביסל שווערער געווען צו באַקומען אַ שיין. אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט יעקב גיבור גערופן יוכבדן, און ווען דער פירער פון געביט־קאָמיסאַריאַט היק איז געקומען באַזוכן דעם געטאָ, האָט גיבור פאַר איר געבעטן אַ שיין און זי האָט דעם שיין באַקומען.

געווער פאַר פאַרטיזאַנער

דערווייל האָב איך פון מיינע באַקאַנטע, וועלכע זיינען געווען טעטיק אונטערערדיש, קיינעם ניט געטראָפן. כ'האָב ניט געוווסט צו וועמען זיך צו ווענדן. בלייבן אין שטאָט איז געווען שרעקלעך. כ'האָב זיך דערוווסט, אַז דער וואָס פירט אָן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג הייסט וואַצעק ווילטשעווסקי. כ'בין צו אים אַוועק. ניט קענענדיק מיר האָט ער מיט מיר ניט געוואָלט ריידן. דאַן האָט זיין פרוי, שרה רובינאָווסקי, אים געזאָגט, אַז ער קען זיך אויף מיר פאַרלאָזן און האָבן צוטרוי, און ער האָט מיר געשיקט צו פסח אַלפערטן.

פסח אלפערט האָט מיר געשיקט אין „בויטע־לאַגער" (טראָפייען־לאַגער פון געווער) אויף באַן־גאַס, און דאָרט וועט מען מיר שוין זאָגן וואָס צו טאָן. יעדן טאָג 12 אַזייגער פלעג איך קומען אין „בויטע־לאַגער", דאָרטן פלעג איך שוין טרעפן אַ סך פון געטאָ, וועלכע פלעגן אַזוי ווי איך באַקומען טיילן פון געווער און אַמוניציע און מיר פלעגן דאָס דאַרפן איבערטראָגן צו מאַטוס סנאָווסקי, אויף אַנדזשעיעווסקי גאַס. איבערטראָגן דאָס געווער איז געווען זייער ריזיקאַליש, ווייל יעדער פאַליציאַנט האָט געקענט צוגיין צו אונז און באַטראַכטן וואָס מיר טראָגן. מאַטוס סנאָווסקי פלעגט דאָס געווער איבערטראָגן צו זעליק מיליקאָווסקין אויפן באַרג. דאָס איז געווען אויסערן געטאָ. זעליק האָט דאָרט געאַרבעט סטאָלעריי. אין דער ערד איז געווען אויסגעגראָבן אַ גרויסע באַהעלטעניש, ווו מען פלעגט דאָס געווער פאַרשטעקן און דערנאָך איבערשיקן אין וואַלד. אַזוי האָבן זיך געצויגן וואָכן, און כ'געדענק, אַז מאַטוס פלעגט זאָגן: „ווער ווייס פון דעם אַלעמען וויסן? ווער וועט וויסן, אַז מיר האָבן דאָס געטאָן?" מאַטוס סנאָווסקי איז אומגעקומען בשעת אַ קאַמף אין וואַלד.

דערווייל האָט מען געלעבט פון דער צוטיילונג, וואָס מען פלעגט קריגן. ביז מיר האָבן נאָך געוווינט ביי אונז אין הויז און האָבן נאָך געהאַט די זאַכן, פלעג איך אַראָפּנעמען די לאַטע און אַוועקגיין אין דאָרף אויסטוישן זאַכן אויף פּראָדוקטן. אָבער ווען מיר האָבן שוין געוווינט אין געטאָ אויף מאָסטאָווע, פלעגן מיר פאַרמישן מעל מיט וואַסער, דאָס אויפקאָכן און דאָס פלעגט מען עסן. איינמאָל שבת האָבן מיר אויפן גאַס געמאַכט אַ פייער (ווייל אויפן בוידעם איז קיין אויוון ניט געווען), צו קאָכן עסן. מיר האָבן געגעסן. מיין פאָטער איז געווען פרום און ער האָט ניט געוואָלט עסן געקאָכטס פון שבת. ער האָט דעם שבת געפאַסט ביז פאַרנאַכט. ווען יעקב גיבור האָט זיך דערוווסט, האָט ער פאַרן פאָטער געבראַכט ברויט. יעקב גיבור איז געווען פון די וואָס פלעגן אַרויסהעלפן ווו ס'פלעגט נאָר זיין אַ צרה. אַלס גוטער שניידער האָט מען אים געהאַלטן ביז מען האָט פאַרניכטעט אַלע אידן פון געטאָ. ער איז אומגעקומען פון די לעצטע.

אָנהויב אויגוסט 1942 האָט מען גענומען מענטשן אויף אַרבעט אין פוזעוויטש, אין אַ לאַגער ניט ווייט פון קאָזלאָשטשינע. מען האָט דאַן גענומען מיין פאָטער, מיין ברודער און נאָך זיי איז נאָכגעלאָפן מיין ברודערס אינגעלע, משה'לע, וועלכער איז אַלט געווען 10 יאָר. מיר, מאַשען און יוכבדן און מיין ברודערס מיידעלע מרים האָט מען איבערגעשיקט אין געטאָ, אין „בויטע־לאַגער". מרים איז אַלט געווען 13 יאָר, פלעגט זי ניט גיין אַרבעטן. איך מיט מיינע שוועסטער פלעגן גיין צו דער אַרבעט. איינמאָל ווען מיר זיינען געווען ביי דער אַרבעט, איז געקומען אינזש. וואָלפשטיין און גענומען זיך פאַרשרייבן אויף אַרבעט די, וועלכע האָבן נאָך ניט געאַרבעט. דאַן האָט זיך אויך פאַרשריבן מרים. מען האָט איר געזאָגט, אַז זיי אַלע וועלן וווינען אין אַ הויז אויף סקראַבאָווע, ניט ווייט פון שאָסיי. מרים האָט פאַר זיך צוגעגרייט אַ וואַליזקעלע מיט אַ ביסל וועש צום טוישן, אַ האַנטוך, זייף, אַביסעלע זאַלץ און גרויפּן. ווען מיר זיינען דעמזעלבן טאָג געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען זיך געגרייט צו אַן אַפּעל, אויף צו באַקומען נייע שיינען. פאַרנאַכט, ווען ס'איז שוין געווען כמעט פינסטער, האָט מען אַלעמען אויסגעשטעלט און געטיילט די שיינען. דער „בויטע־לאַגער" איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך פּאָליציי. איך, מאַשע און יוכבד האָבן באַקומען גרינע שיינען, גאַנצע. מרים האָט באַקומען אַ גרינעם שיין, פון וועלכן איין שפּיץ איז געווען אָפּגעשניטן. די אַלע וואָס האָבן באַקומען די אָפּגעשניטענע שיינען האָט מען אויסגעשטעלט און אַוועקגעפירט. אויך מרים איז געווען צווישן זיי. זי האָט געהאַלטן אין האַנט איר וואַליזקעלע און זיך מיט אונז געזעגנט. אונז האָט מען געהייסן זיך פאַנאַנדערגיין. פלאַץ האָבן מיר געהאַט אויף אַ בוידעם, אין „בויטע־לאַגער". ביינאַכט האָבן

מיר געהערט אַ שאָס. מען האָט דאַן געשאָסן אַ פּרוי, וועלכע האָט מן־הסתם געוואָלט אַריבערגיין פון איין בנין צום צווייטן. אינדערפרי האָבן מיר איר געזען ליגנדיק אויפן הויף, מיט צעשפּרייטע שוואַרצע האָר. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז די וואָס האָבן געהאַט די אָפּגעהאַקטע שיינען האָט מען ביינאַכט אַוועקגעפירט אין תפיסה און באַלד אינדערפרי זיי אַוועקגעפירט אויסער דער שטאָט און זיי אומגעבראַכט. צווישן זיי איז אויך געווען מרימל.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען ווידער אָנגעהויבן ריידן, אַז די דייטשן גרייטן עפּעס. די וואָס האָבן געאַרבעט אין פּוזעוויטש האָט מען צוריקגעקערט אין שטאָט. דאַן איז אויך צוריקגעקומען מיין פאָטער, מיין ברודער און משה׳לע. מיין פאָטער האָבן דאַן באַקאַנטע איינגעאָרדנט ביי סטאָלעריי, אין גימנאַזיע אויפן הויף, כדי ער זאָל האָבן אַ שיין.

מיר גייען אין וואַלד אַריין

איך האָב אָנגעהויבן ריידן וועגן אַוועקגיין אין וואַלד. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מיר וועט מען נעמען, אָבער מיינע שוועסטער ניט. כ׳האָב געטראַכט, אַז איך מיט די שוועסטער וועלן אַוועקגיין און דערנאָך וועלן מיר קענען איינאָרדענען מיין פאָטער, בן־ציונען און משה׳לען. כ׳האָב זיך איינגעשפּאַרט און אַליין ניט געוואָלט גיין, און אַ דאַנק די באַמיאונגען פון זעליק מיליקאָווסקי האָט מען אונז אַלע דריי באַשטעטיקט אַוועק צוגיין אין וואַלד. מיט אונז האָט אויך געדאַרפט גיין טאַדעק. ס׳איז געווען דער 16־טער אָדער 17־טער אויגוסט 1942, ווען מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט. ביי־טאָג האָב איך אַראָפּגענומען די לאַטעס און אַוועק אין גימנאַזיע אויפן הויף זיך געזעגענען מיט מיין פאָטער (די גימנאַזיע איז געווען אויסערן געטאָ). מיין פאָטער האָט דאַן געוויינט. כ׳האָב זיך מיט אים געזעגנט, זיך צעשיידט — אויף אייביק.

פאַרנאַכט, ניט קענענדיק זיך דערוואַרטן אויף טאַדעקן, וועלכער האָט מיט אונז צוזאַמען געדאַרפט גיין, זיינען מיר אַלע דריי, איך, מאַשע און יוכבד, אַוועק צו זעליק מיליקאָווסקין אויפן באַרג, פון וואַנען מיר האָבן געדאַרפט גיין אין וואַלד. זייענדיק דאָרטן האָב איך באַשלאָסן נאָך איין מאָל אַוועקגיין אין געטאָ אין „בויטע־לאַגער״, זעען אפשר איז ער געקומען. כ׳האָב אַראָפּגענומען די לאַטעס און בין אַוועק מיטן טראָטואַר. נעבן טורמע איז מיר אַנטקעגן געלאָפן משה׳לע און געזאָגט אין אידיש, אַז ער גייט אין געטאָ נאָך ברויט. הינטער מיר איז געגאַנגען אַ פּאָליציאַנט. הערנדיק אַז מען רעדט צו מיר אידיש, האָט ער מיר פאַרהאַלטן און געפרעגט ווו כ׳האָב די לאַטעס און גלייך אַריינגעפירט אין טורמע. כ׳האָב געמוזט געפינען אַ תירוץ, פאַרוואָס כ׳בין געגאַנגען אָן לאַטעס און אויפן טראָטואַר. כ׳האָב דאַן געזאָגט, אַז כ׳האָב זיך ביי דער אַרבעט געפילט ניט גוט און כ׳בין אַוועק אַהיים. ניט האָבנדיק קיין גרופּע מיט וועמען צו גיין האָב איך אַראָפּגענומען די לאַטעס און אַזוי געטראַכט אָנצוקומען אויפן פּלאַץ. דער קאָמענדאַנט פון טורמע האָט ביי מיר צוגענומען דאָס געלט, וואָס כ׳האָב ביי זיך געהאַט, און געהייסן אַריינפירן מיר אין צווייטן צימער. דאָרטן זיינען געווען עטלעכע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן מיר געשלאָגן און געלאַכט. דערנאָך האָבן זיי מיר געהייסן גיין. אין „בויטע־לאַגער״ האָט

מען שוין געוווּסט וואָס מיט מיר איז געשען. אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס מען האָט מיך גלייך אַרויסגעלאָזן, ווייל פון טורמע פלעגט מען שוין ניט אַרויסלאָזן. כ׳האָב געטראָפן דעם ברודער מיט משה׳לען, זיך מיט זיי געזעגנט. משה׳לע האָט צעשראָקן געקוקט אויף מיר. אים האָט פאַרדראָסן, אַז צוליב אים איז מיר אַזוי געשען. ער איז דאַן אַלט געווען 10 יאָר. מער האָב איך זיי שוין ניט געזען.

טאַדעק האָט געוואַרט, ווייל ער האָט אַליין ניט געוווּסט וווּהין צו גיין. מיר זיינען שנעל אַוועק צו זעליק מיליקאָווסקין. דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן נאָך מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט גיין אין וואַלד. ביינאַכט זיינען אָנגעקומען אידישע באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען משה יאַנקעלעוויטש און יאַשע קרעמיען. דאַן האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט. די נאַכט איז געווען אַ פינסטערע. דורך די בערג פאַרביי דעם בית־עולם זיינען מיר געגאַנגען. אינדערפרי זיינען מיר אָנגעקומען אין דאָרף אקינינעווע. דאָס איז געווען אַ דאָרף, אָקופּירט פון פּאַרטיזאַנער. דאָרטן האָבן מיר געגעסן און דערנאָך זיך געלאָזט ווייטער אין וועג. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן נאָך פּאַרטיזאַנער און אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען אין וואָלטשע־נאָרע, ווו ס׳האָבן זיך גרופּירט אַ סך פּאַרטיזאַנער. אויף מאָרגן נאָך אונזער קומען אין וואַלד איז זרח קרעמיען געווען אין סלאָנים. ער איז געקומען מיט דער בשורה, אַז מען האָט ווידער אומגעבראַכט אידן אין געטאָ, צווישן זיי אויך מיין פאָטער, מיין ברודער בן־ציון און משה׳לען.

מיין שוועסטער יוכבד איז אומגעקומען 2 חדשים שפּעטער אין וואַלד, בעת אַן אָבלאַווע פון דייטשן. דאָס איז געווען סוף סעפּטעמבער 1942, ס׳זיינען דאַן אומגעקומען זייער אַ סך אידן אין וואַלד.

אין שטשאָרס אָטריאַד

איך בין געווען אין דער אידישער 51־טער גרופּע ביי שטשאָרס אָטריאַד. זי איז געווען גוט באַוואָפנט, ווייל די אידן האָבן געבראַכט אַ סך געווער פון שטאָט. דער קאָמאַנדיר פון דער גרופּע איז געווען אַן אָפיציר פון דער רויטער אַרמיי, אַ איד מיטן נאָמען פיאָדאָראָוויטש. ער איז שפּעטער אומגעקומען אין דער שלאַכט ביים 10־טן שלוז אויפן אגינסקי־קאַנאַל.

אין דער פּאַרטיזאַנקע זיינען געווען פאַרשיידענע צייטן, און ס׳זיינען אויך געווען פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער. די אידישע גרופּע האָט עקזיסטירט ביז דעצעמבער 1942, ווען מען האָט געשאָסן דעם ראַזוועדטשיק בערקאָוויטש, אַ איד פון באַראַנאָוויטש, איז די 51 גרופּע אַוועק צום שטאַב פון אָטריאַד פרעגן פאַרוואָס מ׳האָט אים אומגעבראַכט. אַלס ענטפער אויף דעם האָט מען אויף מאָרגן אינדערפרי געמאַכט אַן אַפּעל און די קאָמאַנדירן פון אָטריאַד האָבן געזאָגט, אַז די אידישע גרופּע האָט געמאַכט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד (דאָס האָט דאַן געהייסן „דער בונט פון דער אידישער גרופּע״), דעריבער דאַרף מען די פּאַרטיזאַנער פון דער 51־טער גרופּע צעטיילן צווישן אַנדערע גרופּן, ס׳זאָלן ניט עקזיסטירן קיין באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּן. דאַן האָט מען אונז צעטיילט אַזוי, אַז אין יעדער גרופּע זיינען אויסגעקומען עטלעכע אידן.

די אידישע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין שלאַכט, געגאַנגען אויפרייסן באַנען, אויף יעדן פלאַץ געוועןפון די ערשטע. דער שטאַב האָט זיך מיט דעם אויך גערעכנט. ס׳זיינען אָבער געווען איינצלנע פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטיזם. אַזוי האָט מען ריוווטשע קוניצע, דעם לערער משה בערלס טאָכטער, דערשטאָכן, ווייל מען האָט ביי איר געפונען גאָלד. גאָלד האָט מען דאַן געזאַמלט אויף איבערשיקן קיין רוסלאַנד.

אין אָטריאַד איז דאַן געווען אַ קאָמיסאַר, ער האָט געהייסן יעגאָראָוו. מיר האָבן אים גערופן די „ווייסע היטל״, ווייל ער האָט געטראָגן אַ ווייסע פּאַפּאַכע. קיין גרויסער אידן־פריינט איז ער ניט געווען. ער האָט פאַרגעלייגט אין שטאַב, אַז מען דאַרף אַרויסשיקן פון אָטריאַד די פרויען און אויך די מענער וואָס זיינען ווייניקער פּעאיקע צום שלאַכט. דאָס איז געווען סוף מערץ 1943. די לייטונג האָט באַשלאָסן אַרויסצושיקן די פרויען פון אָטריאַד. די רוסישע פרויען האָט מען ניט אַרויסגעשיקט. דער קאָמאַנדיר פון אונזער אָפּטיילונג, אַלעקסיי ניקאַנאָראָוויטש, האָט געבעטן מען זאָל מיר ניט אַרויסשיקן. ער האָט געזאָגט, אַז איך פיל אויס אַלע פליכטן אַלס פּאַרטיזאַנערין, ניט ערגער פון מאַרוסיען; אָבער ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. באַשלאָסן איז באַשלאָסן. מען האָט אונז צעטיילט אויף צוויי גרופּן. איין גרופּע האָט מען געשיקט קיין וואָלטשע נאָרע, צוריק ניט ווייט פון סלאָנים. די גרופּע ווו איך בין געווען האָט מען געשיקט קיין האצק, אין די פּינסקער בלאָטעס. דער אָטריאַד פון וואַנען מען האָט אונז אַרויסגעשיקט האָט זיך געפונען אין די וועלדער צווישן די דערפער סוויעטיצע און נאָוואָסיאלקי.

צווישן די פּינסקער בלאָטעס

אָנהויב אַפּריל זיינען מיר אָנגעקומען קיין האצק. דאָרטן האָבן זיך דאַן געפונען אָטריאַדן פון קאָמאָראָווס פּאַראייניקונג. מיט אונז איז אויך געווען די משפחה אַלפּערט און ד״ר אָרלינסקאַ. מען האָט אונז פון אַן אָרטיקן אָטריאַד געשיקט אַ קאָמאַנדיר. עס זיינען דאַן אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מ׳וויל אונז אַנטוואָפענען.

איינמאָל האָט דער קאָמאַנדיר מיר געבעטן כ׳זאָל באָרגן מיין ביקס אַ צווייטן פּאַרטיזאַן, וועלכער דאַרף גיין אויף אַ געוויסע טעטיקייט. צוליב די קלאַנגען האָב איך מיין ביקס ניט געוואָלט געבן. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז מיין ביקס באָרג איך ניט, און אויב מען דאַרף גיין ערגעץ, קען איך אַליין אויך גיין. דאַן פרעגט ער: „צי ווייסטו, וואָס עס קומט פאַר ניט אויספירן אַ באַפעל פון אַ קאָמאַנדיר?״ כ׳האָב געזאָגט: „כ׳ווייס — שיסן, אָבער מיין ביקס באָרג איך ניט!״ און ער האָט מיר צורו געלאָזט.

סוף אַפּריל זיינען צו אונז געקומען שליחים פון שטשאַרס אָטריאַד, וויקטאָר פיאָדאָראָוויטש און ליקער. זיי האָבן אונז געזאָגט, אַז סערגיי איוואַנאָוויטש האָט זיי געשיקט אונז צוריקברענגען אין אָטריאַד.

סערגיי איוואַנאָוויטש איז אין חודש אַפּריל 1943 יאָר אָנגעקומען פון מאָסקווע אין בריסקער געגנט, אַלס באַפעלמעכטיקטער אָנצופירן מיט די אָטריאַדן. ווען ער האָט דערהערט, אַז מען האָט מענטשן פאַרטריבן פון אָטריאַד, האָט ער באַלד געשיקט שליחים אומצוקערן די מענטשן צוריק. ניט אַלע האָבן געוואָלט צוריקגיין. אַ טייל איז געבליבן אין האצק.

דעם 1־טן מאי 1943 יאָר זיינען מיר אָנגעקומען צוריק אין אָטריאַד. דער קאָמיסאַר וועלכער האָט אונז אַרויסגעשיקט איז געוואָרן גאָר העפלעך. איינמאָל, ווען כ׳בין געשטאַנען אויף פּאָסט ביים אַריינגאַנג אין לאַגער, איז ער צו מיר צוגעקומען, זיך געפרעגט וואָס הערט זיך, ווי גייט עס מיר. נאָכן קריג האָב איך געהערט, אַז ער איז אומגעקומען אין אַן אַעראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע.

זייענדיק אין אָטריאַד האָב איך אָנטיילגענומען אין פיל אויפגאַבעס. כ׳בין אויך געווען אין דאָרף סוואַרין, וועלכער איז געלעגן אויף דניעפּראָבוגסקי קאַנאַל. דאָרטן בין איך געווען אַ שטיקל צייט ביי דער באַדינונג פון אַעראָדראָם, וועלכן מען האָט אויסגעבויט כדי ס׳זאָלן קענען לאַנדן אַעראָפּלאַנען פון רוסלאַנד. זיי פלעגן אונז ברענגען געווער און אַמוניציע און פלעגן צונעמען פון אונז די פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער. דאָרטן האָב איך דורכגעלעבט זייער אינטערעסאַנטע מאָמענטן, וועלכע לאָזן זיך ניט פאַרגעסן. זיין אין דער דייטשער אָקופּאַציע און קענען ריידן מיט מענטשן נאָר וואָס געקומענע פון רוסלאַנד, איז פאַר מיר אַן צווייפל געווען אַן איבערלעבעניש. ביים קומען פון די אַעראָפּלאַנען פלעגט די שטימונג ביי אַלעמען זיין זייער אַ געהויבענע, ס׳איז אַלץ געווען ווי אין אַ חלום.

מיין באַפרייונג אין פרילינג 1944

אין חודש אַפּריל 1944 יאָר האָבן זיך אונזערע אָטריאַדן פאַראייניקט מיט טיילן פון דער רויטער אַרמיי. פון דאָרף קאַראַסין, ניט ווייט פון שטעטל האַניעוויטש, האָט מען צעלאָזן אונזערע אָטריאַדן. די מענער האָט מען געשיקט אין אַרמיי. פרויען האָט מען געשיקט אין די געביטן, וועלכע זיינען שוין געווען באַפרייט. סלאָנים איז נאָך דאַן געווען אָקופּירט. מיר האָט מען געשיקט אין נאָוואָ־ביעליצע, ביי האָמעל. דאָרטן האָט מען מיר געשיקט לערנען אויף קורסן.

אין נאָוואָ־ביעליצע בין איך אָנגעקומען דעם 1־טן מאי 1944. אין שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער, ווו מען האָט אונז באַדאַרפט באַזאָרגן מיט עסן און שלאָפן, האָב איך געטראָפן אַ מיידל פון בריסק. זי האָט געהייסן ווערא. מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען דינגען אַ צימער. איך האָב נאָך דאַן געטראָגן גאַליפע־הויזן, מיט גרויסע שטיוול, אַ פעלץ און אַ וואַרעם היטל. ווערא איז געווען אין אַ גרויסן שאַל, אויך אין שטיוול, אָבער אין אַ קלייד. אין מאי איז שוין אין נאָוואָ־ביעליצע געווען גאַנץ וואַרעם, און מענטשן האָבן אונז נאָכגעקוקט אין די גאַסן. מיר האָבן זיך געפרעגט אויף אַ דירה, אָבער קיינער האָט, קוקנדיק אויף אונזער אָנטאָן, אונז ניט געוואָלט צו זיך אַריינלאָזן. ביז איין משפחה האָט פון רחמנות וועגן איינגעשטימט אונז אָפּלאָזן אַ בעט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן מיר אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב באַקומען אַנדערע זאַכן און געוואָרן מיט מענטשן גלייך.

אין חודש יולי, ווען כ׳האָב געהערט, אַז סלאָנים איז באַפרייט געוואָרן, האָב איך באַשלאָסן פאָרן „אַהיים״. אָנקומענדיק אין סלאָנים האָב איך די שטאָט ניט דערקענט. די בריקן אויף אולאַנסקע גאַס זיינען געווען צעבראָכן. מען איז

געגאנגען איבערן טייך איבער קליינע בריקלעך. כ'האב געטראכט, — אפשר וועל איך נאך וועמען טרעפן. דער גרעסטער טייל שטאט איז געווען פארברענט. אנקומענדיק אויף ברעג בין איך צוגעגאנגען צום פלאץ ווו ס'איז געשטאנען אונזער הויז. ס'האבן זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון די סלאנעטשניקעס (רויזן), וועלכע זיינען ארויסגעוואקסן פון דעם פלאץ ווו דער אויוון איז געשטאנען. זיי זיינען אזוי געוואקסן גרויסע און קלענערע. קוקנדיק אויף זיי האט זיך מיר געדאכט, ווי זיי וואלטן אויסגעוואקסן אויפן ארט פון די מענטשן, וועלכע האבן דא געוווינט. ס'האט געקלעמט ביים הארצן, כ'האב זיך פאנאנדערגעוויינט. א קריסטין, וועלכע האט געוווינט אין א דערבייאיקן הויז, האט מיר צו זיך אריינגענומען, געגעבן עסן און אן ארט צום שלאפן.

איך האב זיך איינגעאָרדנט אויף ארבעט אין א ביורא, אויף א שרייב־מאשין. כ'האב באקומען א צימער. אין סלאנים האט זיך דאן געפונען גאר א קליין הייפעלע אידן. די משפחה אלפערט האט געוווינט אויף דלוגע גאס. ווען ביי זיי אין הויז איז פריי געווארן א צימער, בין איך אריבער ווינען צו זיי. דאס ביסל אידן וואס זיינען געבליבן האבן געוואלט זיין צוזאמען. מיין שוועסטער מאשע האט דאן געארבעט אין קאסעווע אלס קראנקן־שוועסטער, דערנאך איז זי אויך אריבער צו מיר קיין סלאנים און געארבעט אין שפיטאל, וואס מ'האט איינגעאָרדנט אין קלויסטער.

דאס רעשטל לעבנגעבליבענע אידן האט געוויינט אויפן גרויסן חורבן. מיר זיינען געווען אין פעטראלעוויטש, אויפן גרויסן ברודער־קבר — אויפגעקליבן די ביינער, וועלכע האבן זיך ארומגעוואלגערט, זיי באערדיקט. מיר האבן ארומגעצוימט דעם שטח מיט דראט און מיט קליינע סלופעס. די ערד איז דארט געווען געזעצט נידעריקער ווי ארום. מיר זיינען אויך געווען אויפן ברודער־קבר אין טשעפעליאווע, ניט ווייט פון שאסיי סלאנים—באראנאוויטש. דארטן זיינען געלעגן די 10 טויזנט אידן, אומגעבראכט דעם 14־טן נאוועמבער 1941.

אויף ברידער־קברים אין טאג פון נצחון

דעם 9־טן מאי 1945 יאר, ווען ס'איז געווען דער זיג איבער דייטשלאנד, האט זיך די שטאט געפרייט, די ארטעלן און פאבריקן האבן איינגעאָרדנט פייערונגען, מען האט געהאלטן רעדעס אין פוסטן סאד אויף פאנעסווע. פארשטייט זיך, אז מיר זיינען געווען צופרידן פון היטלערס מפלה, אבער גלייכצייטיק האט געשניטן דאס הארץ.

מיר זיינען אוועק צו אונזערע גרויסע ברידער־קברים, זיך אנידער געזעצט און לאנג געוויינט, געוויינט פארוואס זיי האבן דאס ניט דערלעבט.

ס'איז שווער געווען צו זיין אין דער שטאט, ווו מען האט אזויפיל פארלוירן. די גאסן מיט די אפגעברענטע הייזער האבן געשראקן. יעדער שטיינדעלע האט אונז אן עפעס דערמאנט. ווען ניט ווען פלעגט א סלאנימער בחור, וועלכער האט געקריגן אורלויב פון ארמיי, קומען קיין סלאנים זען צי ווער פון זיין משפחה איז געבליבן, — און דאס רוב קיינעם ניט געפינען.

ווען מיין מאן איז געקומען אהיים פון שפיטאל, ווו ער איז געווען נאכן פארוווּנדעט ווערן אויפן פראנט, און ווען מיין שוואגער איז געקומען פון מיליטער, האבן מיר אלע באשלאסן צו פארלאזן די שטאט. מען האט דאן אנגעהויבן רעדן וועגן דער רעפאטריאציע קיין פוילן. מיר האבן זיך פארשריבן אוועקצופארן. אין מאי 1946 האבן מיר פארלאזן סלאנים: איך, מיין מאן שבתאי, מיין שוואגער אשר און שוועסטער מאשע. דעם 20־טן פעברואר 1948 זיינען מיר געקומען אין לאנד נאך לאנגע וואנדערונגען דורך פוילן, דייטשלאנד און פראנקרייך.

גאָלדע דאָקטאָרטשיק

אין געטאָ און אין וואַלד

לאַנגע חדשים זיינען מיר געזעסן פאַרשפאַרט אונטער דראָטן אין געטאָ, צוזאַמענגעקוועטשט אַ סך מענטשן אין איין צימער, באַצירט מיט דער געלער לאַטע. דאָס ברויט וואָס די דייטשן פלעגן געבן האָט מען ניט געקענט עסן. יונגע לייט, וועלכע די דייטשן פלעגן אַרויסנעמען אין די פרימאָרגנס פון געטאָ אַלס נוצלעכע אַרבעטער, האָבן געהאַט די מעגלעכקייטן צו קריגן ביי די גויים פאַר קליידער, זאַכן, גאָלד און צירונג אַ ביסל ברויט און אַנדערע לעבנס־מיטל. און דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די שחיטות.

מיין פאָטער איז געווען דער לעצטער איד, וואָס מיט זיין קערפער האָט מען צוגעדעקט די גריבער אין דעצעמבער 1942. פאַר זיין טויט האָט מען אים געמאַטערט, אויסגעטאָן נאַקעט, געשלאָגן מערדערלעך, אַרומגעטריבן אַרום די גריבער פון די געהרגעטע ברידער און דאַן דערשאָסן — דאָס האָבן מיר דערציילט נאָך דער באַפרייאונג די אַרומיקע גויים, געוויזן מיר אַ קליין בערגעלע, ביי די קלענערע גריבער, און געזאָגט, אַז דאָ ליגט מיין פאָטער. איך האָב זיך פאַרעקשנט צו עפענען דעם קבר, איך מיט חברים וואָס זיינען געווען מיט מיר האָבן אָנגעהויבן גראָבן. מיט דעם ערשטן רידל האָבן מיר געפונען מענטשלעכע קערפערס, — אַ שוואַרצע מאַרינאַרקע מיט ווייסע פאַסן, — מיר האָבן צוגעדעקט די קברים.

נאָכן אָפזיין אַ שטיקל צייט אין סלאָנים בין איך געקומען מיט אַ גרופע סלאָנימער און ניט־סלאָנימער, וואָס האָבן געהאַט אַ חלק אין די גריבער, כדי איינצואָרדנען אַ צוים אַרום די ברידער־קברים. מיר האָבן געפונען קינדערשע פיסעלעך, ביינער פון מענטשן, קעפ — הונגעריקע וועלף האָבן דאָס אַלעס אַרויסגעשלעפט פון דער ערד. מיר האָבן דאָס אַלץ פאַרשאָטן, פאַרגלייכט, אָפגערייניקט, און אַלס דענקמאָל האָבן מיר אַוועקגעשטעלט אַ הויכן סלופ מיט אַן אויפשריפט אויף אַ ברעטל. ווען מיר זיינען געקומען אַ וואָך שפעטער איז דאָס ברעטל געווען צעבראָכן אויף דער העלפט, איין העלפט אַראָפגעשאָסן (אויף דער פאָטאָגראַפיע וואָס איך האָב מיטגעבראַכט זעט מען דעם סלופ מיט אַ האַלבע ברעטל אין דערהויך).

אין טאָג פון דער דריטער שחיטה

דעם פרימאָרגן פון 29־טן יוני 1942, ווען מען האָט דערשאָסן קווינטן, נאָכדעם ווי ער האָט געפאָדערט ביי די דייטשן אַז מען זאָל דערלויבן די אידישע אַרבעטער אַרויסגיין פון געטאָ צו דער אַרבעט ווי יעדן טאָג, — האָבן מיר באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז געקומען אַ סוף צו אַלעמען אין געטאָ.

איך מיט נאָך אנדערע יונגע מענטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט אין די דראָטן, ווו מען זאָל זיך קענען אַרויסרוקן פון געטאָ, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך — יעדע פאָר מעטער זיינען געשטאַנען דייטשע פאַטרולן, וואָס האָבן געטויט אויפן אָרט. איך האָב זיך איינגעעקשנט צו בלייבן לעבן.

מיט צוויי וואַנזיניקע אין אַ בונקער

איך האָב זיך פאַרבאַהאַלטן צוזאַמען מיט נאָך 36 אידן אין אַ קליינעם צימערל, פאַרשטעלט מיט אַ שאַנק (אויף ברעגער גאַס). נאָך דעם ווי מען האָט פאַרמאַכט די טיר, האָט אַ פרוי אָנגעהויבן היסטעריש לאַכן, — דאַן האָט מיר עפעס אַוועקגעריסן פון דאָרטן און איך בין אַרויסגעלאָפן פון דעם פלאַץ. אַ קליין אינגעלע, פון אַ יאָר 8, איז מיר געקומען אַנטקעגן און געפרעגט, אויב איך וויל זיך באַהאַלטן מיט אים אין דעם בונקער, וואָס זיין פאָטער האָט צוגעגרייט איידער ער איז אַוועק אין שפיטאָל. דאָס איז געווען אַן אויסגעהוילט לאָך, פאַרשאָטן מיט שטיקלעך האָלץ. מיר זיינען אַריין אין גרוב, עס זיינען געקומען צו אונז נאָך אַ פרוי מיט צוויי זין. גלייך זיינען אָנגעקומען די דייטשע מערדער. זיי זיינען באַפאַלן די שטוב מיט מיין פריערדיקער באַהעלטעניש, געפונען אַלעמען, אַרויסגעשלעפט קליין און גרויס — די געוויינען, די יללות זיינען געווען שרעקלעך, אומבאַשרייבלעך. אויפן בוידעם האָבן זיי געפונען אַ מוטער מיט אַ קליין קינד, זיי האָבן געפאָדערט פון דער מוטער אַז זי זאָל אַראָפוואַרפן אַליין איר קינד, אָבער די מוטער איז אַראָפגעשפרונגען צוזאַמען מיטן קינד. מיר האָבן פון אונזער באַהעלטעניש געהערט, ווי די מוטער בעט רחמים ביי די מערדער פאַר איר קינד, — זיי האָבן זיך אַביסל דערווייטערט און מיר האָבן דערהערט 2 שאָסן. עס איז געוואָרן שטיל אַרום אונז.

נאָך 3 טעג איז צוגעקומען צו אונז נאָך אַ פרוי מיט אַ מאַן. אויף דעם פערטן טאָג זיינען געקומען אידישע בחורים, וואָס זיינען לויטן באַפעל געגאַנגען פון הויז צו הויז אויפצוקלייבן דאָס אידישע איבערגעלאָזענע גוטס. מיר האָבן זיי געלאָזן וויסן אַז מיר זיינען דאָ באַהאַלטן. זיי האָבן געזאָגט, אַז מענער קענען אַרויסגיין צוזאַמען מיט זיי פון געטאָ, אָבער פרויען שיסט מען גלייך אויפן אָרט. די צוויי יונגע ברידער זיינען אַוועק מיט זיי, זייער מוטער האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן ניט צו דער זאַך — איר מוטערס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז מען וועט זיי גלייך טויטן. די צווייטע איז אויך געווען געווען גערירט פון זינען, — אַזוי בין איך געזעסן 8 טעג מיט די צוויי וואַנזיניקע פרויען, וואָס פלעגן ריידן און וויינען אין דער צייט ווען די דייטשע וואַך האָט מאַרשירט אַן אויפ־

הער אַרום אונז. די אַלע טעג האָבן מיר ניט געגעסן, ניט געטרונקען. אַן אַרבעטער פֿון מיין פֿאָטער האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין געבליבן לעבן. מיין פֿאָטער האָט צוגעשיקט אַ דייטש, וואָס ער האָט אַ צייט געאַרבעט פֿאַר אים, און ער, צוזאַמען מיט אַ אידישן פּאָליציאַנט, האָבן מיר אַרויסגענומען און געבראַכט אין פֿאָטערס הויז, וואָס איז געווען מחוץ פֿון געטאָ. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום בין איך שוין געווען אין וואַלד — אין „וואָלטשע נאָרע”. אַוועק בין איך דורך רוזשנויער גאַס. אין סלאָנים איז שוין פֿון לאַנג געווען אַן אָרגאַניזירטע יוגנט, וואָס פֿלעגט קריגן און צונויפֿשטעלן געווער פֿון טיילן; אין שעליובסקעס הויז פֿלעגט דאָס געמאַכט ווערן און פֿונדאָרטן אַוועקגעשיקט ווערן אין וואַלד. אייניקע פֿון זיי פֿלעגן קומען איבערצונעמען מענטשן אין וואַלד אַריין. צווישן זיי איז אויך געווען דאָקטאָרטשיק.

די סאָלידאַריטעט פֿון אַלע אידן אין סלאָנימער געטאָ איז געווען אַ מוסטערהאַפֿטע. מען איז געווען טריי און איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן. שטענדיק האָט מען זיך קעגנזייטיק געשיצט. דער „יודענראַט” איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך — טריי, ערלעך ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. איינמאָל ביי אַן אַקציע האָט מען געכאַפּט אין געטאָ דאָקטאָרטשיקן און מען האָט אים געפֿירט. עס איז אָנגעפֿאָרן אים אַנטקעגן ד״ר עפּשטיינס פֿרוי מיט אַ דייטש — זי האָט געקענט דאָקטאָרטשיקן, האָט זי געבעטן דעם דייטש און יענער האָט באַפֿרייט דאָקטאָרטשיקן.

מען פֿלעגט אויך איבערגעבן איינער דעם צווייטן וועגן יעדער שמועה, און חשד אויף דעם קומענדיקן שלעכטן טאָג.

מיט דער פּאַרטיזאַנקע אין וואַלד

ווען איך בין געקומען אין וואַלד אַריין, האָב איך געטראָפֿן די פּאַרטיזאַנער גרייט אָפּצומאַרשירן קיין קאָסאָווע. מיר האָבן געהערט, אַז די דייטשן פֿירן אַרויס די אידן פֿון קאָסאָווע צו די גריבער, וואָס מען האָט צוגעגרייט פֿאַר זיי. מיר האָבן דעם טראַנספּאָרט געטראָפֿן אין וועג, איבערגעפֿאַלן די דייטשן און באַפֿרייט 100 אידן — צווישן זיי קינדער און פֿרויען. פֿון די פּאַרטיזאַנער איז אין דער שלאַכט געפֿאַלן איינער. זיי האָבן מיטגעבראַכט פֿון דער אָפּעראַציע אַ סך געווער און טראָפֿייען. אַלע, צוזאַמען מיט די באַפֿרייטע אידן, זיינען געקומען צוריק אין וואַלד. דאָס איז געווען איינע פֿון די געלונגעסטע אָפּעראַציעס פֿון דער פּאַרטיזאַנקע. נאָך אַ מאָנאַט צייט אין וואַלד האָט דער גרעסטער טייל אַוועקמאַרשירט ווייטער אין אַ צווייטן פּלאַץ. געבליבן אויף דעם פּלאַץ זיינען ווייניקע, צווישן זיי איז געווען דעם סלאָנימער ד״ר קאַוואַרסקעס טאָכטער — אויך אַ דאָקטאָרין. זי האָט זיך שפּעטער גענומען דאָס לעבן.

די איבערגעבליבענע זיינען געווען שוואַך, ניט פֿעיק צום קאַמף (צווישן זיי אַ סך קאָסאָווער אידן). זיי זיינען שפּעטער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן און אויסגעשאָכטן געוואָרן. אַ סך פֿון זיי זיינען געפֿאַלן אַ קרבן פֿון די ווייס־רוסישע פּאַרטיזאַנער.

די גרעסערע, שטאַרקערע גרופּע האָט אַוועקגעמאַרשירט ווייטער, צו דער פּינסקער געגנט, נאָכגעיאָגט דורך די דייטשן. אין צוזאַמענשטויסן מיט זיי האָבן מיר זיך דורכגעשלאָגן און אָנגעקומען ביז צו די 10 שלוזן ביי ביטען. די דייטשן האָבן אונז פֿאַרפֿאָלגט, — מיר האָבן געמוזט אַריין אין קאַמף. דער קאַמף איז געווען אַ שווערער, פֿאַרשטייט זיך, אַז געווער האָבן זיי געהאַט מער פֿאַר אונז. דאָקטאָרטשיק האָט געאַרבעט מיט דעם פּולעמיאָט — ער איז פֿאַרווונדעט געוואָרן אין בויך און עס איז אים אָראָפּגעשאָסן געוואָרן אַ פֿינגער. איך האָב געוואָלט איבערנעמען פֿון אים דעם פּולעמיאָט, בין איך גלייך פֿאַרווונדעט געוואָרן אין ביידע פֿיס. געענדיקט האָט זיך די שלאַכט מיט דעם, וואָס די דייטשן זיינען געפֿאַלן אַלע (90 מענטשן), נאָר איינער אַ פֿאַרווונדעטער איז אַנטלאָפֿן.

נאָכן מקבר זיין די טויטע האָט מען די פֿאַרווונדעטע איבערטראַנספּאָרטירט איבער דער שטשאַרע און די שלוזן אַרום ביטען. מיר האָט מען געטראָגן אויף אַ זאַק. מען האָט די פֿאַרווונדעטע געבראַכט אין וואַלד, ווו זיי האָבן באַקומען די ערשטע הילף און שפּעטער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין דאָרף טוראָוויטש, אין פֿעלד־שפּיטאָל, ווו עס האָט זיי באַהאַנדלט פֿרוי ד״ר אָרלינסקי און ד״ר בלומאָוויטש. ד״ר בלומאָוויטש האָט אויפֿן אָרט, אָן אַ נאַרקאָזע אָפּערירט דאָקטאָרטשיקן, וועלכער איז שנעל געזונט געוואָרן.

געראַטעוועט פֿון טויט

נאָך צוויי וואָכן זיינען מיר אַוועק אין אַ צווייטן טייל פֿון וואַלד, ווייט פֿון סלאָנים און נענטער צו פּינסק. די דייטשן האָבן אונז אָן אויפֿהער פֿאַרפֿאָלגט און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיינען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן דורך זיי. דער צוזאַמענשטויס איז דאָסמאָל געווען ערנסט און שווער, מיר האָבן געמוזט אַנטלויפֿן. מיר מיט אַ פֿאַרווונדעטן רוסישן קאָמיסאַר האָט מען אַריינגעטראָגן אין אַ יונג וועלדל, מיט דער כוונה שפּעטער קומען און אונז אַוועקנעמען. מען האָט מיר געלאָזן אַ רעוואָלווער, אויפֿן פֿאַל אויב די דייטשן וועלן זיך דערנענטערן, זאָל איך קענען זיך אַליין שיסן. מיט די לעצטע כוחות האָב איך אונז ביידן פֿאַרמאַסקירט מיט בלעטער און מיר זיינען שטיל געלעגן דאָרטן. די דייטשן זיינען געקומען אין לאַגער, אַוועקגענומען וואָס זיי האָבן געדאַרפֿט — אונז האָבן זיי ניט באַמערקט. צוויי וואָכן זיינען מיר געלעגן אין וועלדל. אַ קוואַל פֿון ריינע וואַסער איז געווען ניט ווייט, האָב איך געהיילט מיטן וואַסער די ווונדן פֿון קאָמיסאַר.

אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר דערזען אַ ראַזוועדקע — עס איז שווער געווען צו דערקענען, ווער זיי זיינען, ווייל אונזערע פֿלעגן טראָגן פֿאַרשיידענע קליידונג, וועלכע מען האָט נאָר געפֿונען. דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיר שיסן אויב איך וועל נאָר ווייזן אַ סימן פֿון לעבן, איך האָב אָבער שטאַרק געגלויבט אַז דאָס זיינען אונזערע. איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פֿון אים, געשטעלט זיך ווייט אונטער אַ בוים, און דערשינען פֿאַר דער ראַזוועדקע ווען איך האָב געהערט זיי רעדן. דאָס זיינען טאַקע געווען אונזערע, מיט אַ דאָקטאָר. אייגנטלעך זיינען זיי געקומען אונז באַערדיקן.

מען האָט אונז געבראַכט אין לאַגער און דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז אייגנטלעך, ווען איך וואָלט געווען „אַן אַנדערע” — דאָס הייסט ניט קיין אידישע טאָכטער, — וואָלט איך באַדאַרפֿט באַקומען אַן אויסצייכנונג פֿון דער סאָוויעטישער מאַכט פֿאַר גבורה.

יעקב האַצקעלעוויטש

זכרונות פֿון אַ סלאָנימער פּאַרטיזאַן

געווידמעט דעם אָנדענק פֿון מײַנע ליבע עלטערן, ברודער און משפּחה

מײַנע קורצע זכרונות — זײַנען נאָר ווי אַ טראָפּן אין דעם ים פֿון די העלדישע מעשׂים און גרויסע אויפֿטוען, וואָס זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן דורך סלאָנימער פּאַרטיזאַנער, חברים און חברות. איך דערצייל דאָ נאָר וועגן אַקציעס, אין וועלכע איך האָב אַליין אָנטייל גענומען. איך בין זיכער, אַז מײַנע חברים פֿון פּאַרטיזאַנקע וועלן צוגעבן פֿיל און דערציילן וועגן אַלץ ברייטער.

איך בעט מיר אַנטשולדיקן דעם מאַנגל פֿון גענויע דאַטעס, איך געדענק זיי פּשוט ניט. איך וויל נאָר, אַז מײַנע זכרונות זאָלן דינען ווי אַ שטאָלצע אָנדענקונג פֿאַרן בינטל סלאָנימער, וואָס זײַנען לעבן פֿאַרבליבן.

דער וועג צו די פּאַרטיזאַנער

ווען די ידיעות וועגן דער ערשטער טעטיקייט פֿון איינצלנע קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער זײַנען דערגאַנגען צו אונז, האָבן מיר, אַ גרופּע חברים פֿון סלאָנימער געטאָ, זיך געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט אַנעם טאָן צו דער אַרבעט, כּדי אַ ביסל נקמה נעמען פֿאַר אונזער בלוט?” אַזוי האָט זיך געשאַפֿן אין סלאָנים אַ גרופּע פֿון יונגע חברה, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פּלאַנעווען אַ אידישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג (צווישן זיי: קרעמיען, דעלאַטיצקי, אַבראַמאָווסקי, בובלאַצקי, פּינקעל און אַ סאַך אַנדערע).

נאָך וואָכן פֿון קלערעניש, זוכנדיק אַלערליי וועגן איז אונז געלונגען זיך פֿאַרבינדן דורך קריסטן מיט צוויי פּאַרטיזאַנער, געוועזענע רוסישע אָפֿיצירן, אַנטלאָפֿענע פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט. מיר האָבן זיי פֿאַרגעלייגט ברענגען געווער, מיט דער הילף פֿון חברים וועלכע האָבן געאַרבעט אין דײַטשן „בויטע־לאַגער”, מיטן תּנאַי, אַז מיט דער צייט זאָלן גרופּעס פֿון אונזערע חברים קענען פֿאַרלאָזן די שטאָט און שאַפֿן אין וואַלד אַ אידישן פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. אונזער תּנאַי האָבן זיי אָנגענומען, נאָר זייער פֿאָרשלאַג איז פֿאַר אונז געווען אַ ביסל אומפֿאַרשטענדלעך: „געווער האָבן מיר פֿאַר אַ גאַנצער דיוויזיע, גיט אונז וואָלעקעס, זייף, פּאַפּיראָסן, קאָסטיומען א. ד. גל.”. — האָבן זיי אונז געזאָגט, — „מיט דער צייט וועלן מיר אײַך איבערנעמען אין וואַלד”. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָנגענומען זייערע פֿאָדערונגען און זיך גענומען באַלד צו „אָרגאַניזירן” די זאַכן. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן ווי אַזוי אַרויסצושלעפּן וואָלעקעס און זייף פֿון „בויטע־לאַגער”, אין וועלכן ס׳איז געווען זייער פֿיל פֿון דעם מין. די ערשטע צייט פֿלעגט יעדער איינער ברענגען אונטער דער פּאָלע איין וואָלעק, אַמאָל צוויי. יעדער פֿלעגט אויך ברענגען פֿון שטוב וואָס עס האָט נאָר געטויגט. מען פֿלעגט אויך שאַפֿן געלט און קויפֿן די געפֿאָדערטע זאַכן. אַביסל שפּעטער האָט מען אויסגעאַרבעט אַ „הורטאָוון” פּלאַן: אין „בויטע־לאַגער” האָבן זיך געפֿונען פֿיל שעפֿסן, וואָס די דײַטשן האָבן געהאָדעוועט. אַלס פּאַסטוך האָט געאַרבעט אונזערער אַ יונגער חבר, שבתאַי. טאָג־טעגלעך פֿלעגט ער אַרויספֿירן היי פֿאַר די שעפֿסן, און די מאַגאַזינען פֿון די וואָלעקעס, זייף און שטיוול האָבן זיך געפֿונען אין איין הויף מיטן היי, אַזוי אַז מיט יעדער פֿור היי פֿלעגט אונזער 15־יאָריקער פּאַסטוך אַרויספֿירן צענדליקער פֿאָר וואָלעקעס, שטיוול, פֿיל זייף.

אַזוי האָט זיך געפֿירט די אַרבעט, ביז ס׳איז צו אונז דערגאַנגען אַ ביטערע בשׂורה: דורך אונזערע באַקאַנטע קריסטן האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די צוויי כּלומרשטע פּאַרטיזאַנער, וועלכע מיר פֿלעגן איבערשיקן די זאַכן, פֿאַרקויפֿן אַלץ אין די דערפֿער און פֿאַרן געלט שיכּורן זיי. די ידיעה האָט אונז געטראָפֿן ווי מיט אַ שטיין אין קאָפּ.

נישט פֿאַרלירנדיק קיין צייט האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן פֿרישע פֿאַרבינדונגען, גלײַכצײַטיק האָבן מיר פֿאַרלייגט אַן אונטערערדישן לאַגער פֿון געווער. אין אויסערן אידישן קוואַרטאַל האָבן געאַרבעט אין אַ וואַרשטאַט אונזערע חברים שעווטשיק, אַבראַמאָווסקי — דאָס געווער איז געבראַכט געוואָרן דורך חברים און חברות, וועלכע האָבן געאַרבעט אין „בויטע־לאַגער” און פֿאַרנומען דאָרטן ספּעציאַליסטן־פּאָסטנס ביים רוסישן פֿאַרכאַפּטן געווער. איך מוז דאָ דערמאָנען די חברים דעליאַטיצקי, קרעמען, גראַטשוק, מלאך, פּינקעל און די חברטע האַלינקאַ, וועלכע האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין איבערטראָגן געווער. די חברים האָבן געאַרבעט מיטן גאַנצן גוף און נשמה. פֿון קליינע טיילן געווער האָט מען צונויפֿגעשטעלט צענדליקער מאַשינען־געווער, ביקסן, אַמוניציע, האַנטגראַנאַטן. נאָך איין מאַגאַזין האָט זיך געפֿונען אין אַ שמיד־וואַרשטאַט, ווו איך האָב געאַרבעט מיט פּינקעלן.

מיט דער צייט האָט זיך אונז ווידער אײַנגעגעבן פֿאַרבינדן מיט אַ קאָמיסאַר פֿון אַ פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד. פֿון זײַנע רייד האָבן מיר געפֿילט, אַז דאָס איז אַן אמת׳ער פּאַרטיזאַן, וואָס וועט אונז העלפֿן פֿאַרווירקלעכן אונזער שטרעבונג:

„וואָס מער געווער, און וואָס גיכער קומט אין אונזערע רייען!“ — האָט ער געזאָגט. עס איז מיט אים אָפגערעדט געוואָרן, אַז מיטן ערשטן טראַנספּאָרט געווער וועלן גלייך פאַרלאָזן די שטאָט עטלעכע חברים, וועלכע וועלן אויך דינען אַלס פאַר־בינדער און וועגווייזער.

דער אָנהויב אין וואַלד און דער סוף אין שטאָט

אין אַ פּאָר טעג נאָך דער באַגעגעניש האָבן אונזערע ערשטע חברים: דעליאַטיצקי, ד״ר בלומאָוויטש (עצמון), מלאך, קרעמען, מיט געווער אין האַנט פאַרלאָזן די שטאָט און אַריין אין די רייען פון די פּאַרטיזאַנער. די אונטערערדישע באַוועגונג אין שטאָט איז געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די רייען האָבן זיך פאַרגרעסערט, אָבער גלייכצייטיק איז די אַרבעט געוואָרן שטאַרק שווער. די חברים האָבן זיך ממש איינגע־שטעלט דאָס לעבן, כדי אַרויסצוקריגן נאָך אַ ביקס, נאָך אַ האַנטגראַנאַט. אַ גרויסן טייל אין איבערטראָגן דאָס געווער האָבן גענומען די מיידלעך, וועלכע פלעגן זיך אַרומלייגן דעם קערפּער מיט געווער־טיילן און ברענגען דאָס אויף די באַ־שטימטע ערטער. עס איז אויך אַלץ אָרגאַניזירט געוואָרן, אַז איז פאַל פון אַן אַקציע זאָל מען שטעלן אַ ווידערשטאַנד און גלייך פאַרלאָזן די שטאָט. צו דעם צוועק איז צעטיילט געוואָרן געווער איבער די הייזער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן, 29־טן יוני 1942, איז דער געטאָ אַרומגערינגעלט געוואָרן מיט הונדערטער דייטשע זשאַנדאַר־מען־פּאָליציי. פאַרשטייענדיק אַז עס גרייט זיך אַן אַקציע, האָב איך זיך געוואָלט פאַרבינדן מיט די חברים, אָבער די גאַסן זיינען געווען באַזעצט דורך פּאָליציי. נאָך אַ פּאָר שעה זיצן מיט דער משפחה אין „מלינה“ (אַ פאַרבאַהאַלטענער אָרט) האָבן אונז דייטשן אַנטדעקט. נאָך הייסע בקשות פון דער משפחה האָב איך זיך אָפּגעזאָגט צו וואַרפן דעם האַנט־גראַנאַט, וועלכער האָט זיך געפונען ביי מיר, און זייענדיק נאָענט פון דראָטן־צוים פון געטאָ, איז מיר געלונגען צו פאַר־לאָזן דעם געטאָ און אָנקומען בשלום צום שמידער־וואַרשטאַט. ביזן היינטיקן טאָג פאַרשטיי איך ניט, וויאַזוי איך בין דער־גאַנגען לעבעדיקערהייט צום וואַרשטאַט.

ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט, האָבן די איבערגע־בליבענע חברים — דאָס רוב פון זיי איז אומגעקומען ניט באַנוצנדיק זיך מיטן געווער — באַשלאָסן, אַז מער קען מען אין געטאָ קיין אַרבעט ניט פירן און מען מוז וואָס גיכער פאַרלאָזן די שטאָט. דערווייל איז די פאַרבינדונג מיטן וואַלד פאָרגעזעצט געוואָרן. איינמאָל האָבן זרח קרעמען און ניאָניע צירינסקי, גייענדיק פון וואַלד אויף אַ פאַרבינדונג, געטראָפן אויף איינער פון די גאַסן אַ דייטשן פעלדפעבל. ווען יענער האָט אַ געשריי געטאָן: „ווער גייט?!“, האָבן זיי אים אנשטאָט אַן ענטפער דערלאַנגט מיט אַ קויל פון אַ פּיסטאָלעט. אויף מאָרגן האָט די שטאָט געשטורעמט מיט דער ידיעה וועגן אַ טויטן פעלדפעבל, וועלכן מען האָט געפונען אין מיטן דער שטאָט, און מענטשן האָבן ניט געוווסט, אַז דאָס איז די ערשטע אַרבעט פון די סלאָנימער אידישע פּאַרטיזאַנער. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אונטערגעצונדן געוואָרן דורך אונזערע חברים אַ תבואה־שפּייכלער ניט ווייט פון סלאָנים. טויזנטער טאָנען תבואה, וועלכע זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר דער דייטשער אַרמיי, זיינען אַוועק מיטן רויך. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט פון אונזערע פּאַרטיזאַנער.

איך ווער אַ פּאַרטיזאַן

דעם 29־טן יולי האָט מען, לויט אַ באַפעל פון וואַלד, געדאַרפט צושטעלן 4 פּולעמיאָט־דיסקן, וועלכע מען האָט גע־מוזט באַלד האָבן. צום אַוועקטראָגן די דיסקן זיינען באַשטימט געוואָרן איזיע באָרעצקי, פינקעל און איך. דעם באַפעל האָבן מיר געקראָגן 12 שעה פאַרן אַרויסגיין. אין דער קורצער צייט האָבן מיר געמוזט צוגרייטן אונזער געווער און דעם אַרויס־גאַנג. גאַנצע 10 שעה האָט איזיע מיט פינקעלן געגרייט דאָס געווער אין אונטערערדישן קעלער פון שמידער־וואַרשטאַט, פון וואַנען עס איז באַשטימט געוואָרן דער אַרויסגאַנג־פּלאַץ. איך האָב דערווייל „פּלייסיק“ געאַרבעט אַלס שמיד. אין אָוונט זיינען אָנגעקומען 3 שטאַרק־איינגעריכטע שלאָסערס, מיט פיל כלים אין די הענט. דאָס זיינען געווען: אליהו אַבראַמאָווסקי, וועלכער איז געווען אין יענער צייט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונזער אַרבעט, אבא, וועלכער האָט געפּרוּווט דאָס געווער, און דער וועג־ווייזער. צווישן די פיל כלים זיינען אויך געווען די באַשטימטע דיסקן. מיר האָבן זיך גענומען פלייסיק אַר־בעטן און קלאַפּן שטאַרק מיט די שמידער־כלים, און אין דער־זעלבער צייט האָט אבא געפּרוּווט דאָס געווער. שפּעט אין אָוונט זיינען אבא מיט אליהו׳ן, פאַרשליסנדיק הינטער זיך דעם וואַרשטאַט, אַוועק אין געטאָ (זיי האָבן געהאַט שיינען אַלס נוצלעכע אידן, וועלכע האָבן געמעגט גיין אין אָוונט). פּונקט 12 אַ זייגער זיינען מיר געווען גרייט.

מיט שטאַרקער האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר לאַנגזאַם אויפגעמאַכט דעם געהיימען אַרויסגאַנג, און מיט געווער אין די הענט און פיל משא אויף די פּלייצעס, גענומען זיך פאַר־לאָזן די שטאָט. נאָך 4 שעה גיין דורך פעלדער און וועלדער זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף, ווו עס האָבן שוין אויף אונז געוואַרט פּאַרטיזאַנער מיט געשפּאַנטע פערד. צווישן די פּאַרטיזאַנער האָט זיך געפונען דעלאַטיצקי, וועלכער האָט אונז באַגעגנט אין נאָמען פון אונזער גרופּע. געפאָרן זיינען מיר אַ גאַנצן טאָג. נאָך מיטאָג־צייט זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ גרויסן הויז, אויפן ראַנד פון גרויסע וועלדער. „מיר זיינען אין דער היים“ — האָבן די פּאַרטיזאַנער געזאָגט. דאָס איז געווען דער אויפנאַם־פּלאַץ פון אָטריאַד.

אונזערע באַגלייטער האָבן אונז פאַרלאָזן, זאָגנדיק אַז באַלד וועלן קומען אונזערע חברים. נאָך אַ קנאַפּער שעה זיינען פון וואַלד אָנגעקומען אונזערע אַלע חברים, מיט זייער קאָמאַנדיר, אַ איד, אַ רוסישער אָפיציר וועלכער איז אַנטלאָפן פון געפאַנגען־לאַגער. די פרייד איז געווען זייער גרויס. מיר האָבן אַרומגערעדט אַלערליי פראַגן, די הויפּטזאַך ווי אַזוי אַרויסצונעמען וואָס מער חברה פון שטאָט. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געגעסן, געטרונקען, ביז כמעט אַלע זיינען געפאַלן פון מידקייט.

גלייך מיטן פרימאָרגן זיינען מיר אַוועק צום אָרט, ווו עס האָט זיך געפונען דער אָטריאַד. פאַרבייגייענדיק עטלעכע פּאַטרולן, זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ געדיכטן וואַלד, ווו מיר האָבן געזען פיל ביידלעך, געמאַכט פון צווייגן: „דאָס איז אונזער שטאָט“ — האָבן געשמייכלט די חברה.

באַלד נאָכן אָנקומען בין איך מיט די אַנדערע צוויי חברים צוגעטיילט געוואָרן צו אַן אָפּטיילונג, און אַזוי בין איך געוואָרן אַ פּאַרטיזאַנער.

אונזער אָטריאַד

אונזער אָטריאַד האָט געטראָגן דעם נאָמען פון שטשאָרסן. עס זיינען געווען אין אים 5 גרופּעס, איינע פון וועלכע האָט געהייסן „די 51", אַדער ווי אַנדערע האָבן זי גערופן: די סלאָנימער גרופּע. אונזער גרופּע האָט געציילט אין יענער צייט אַרום 100 מענטשן. געווער איז ביי אונז געווען בעסערע ווי אין אַלע איבעריקע גרופּעס: 25 מאַשין־געווער, אַ סך אויטאָמאַטן, האַלב־אויטאָמאַטן און ביקסן. די גרופּע איז געווען געטיילט אויף 4 ווזוואָדן (מחלקות) און יעדער ווזוואָד — אויף 2 „כיתות".

אַלע קאָמאַנדירן זיינען געווען אונזערע חברים. די באַפעלן זיינען געגעבן געוואָרן אין דער רוסישער שפּראַך, צווישן זיך האָט מען גערעדט אידיש. אין אונזער גרופּע האָבן מיר געהאַט דאָקטאָר אָרלינסקא, ד"ר בלומאָוויטש האָט זיך גע־פונען אין שטאַב פון אָטריאַד. מיר האָבן אויך געהאַט אַ געווער־וואַרשטאַט, וועלכער האָט געבראַכט פיל נוצן. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונזער פּאַרטיזאַניש לעבן.

די באַפרייאונג פון קאָסעווער געטאָ

דעם 4־טן אויגוסט 1942, גאַנץ פרי, איז אויסגעשטעלט געוואָרן אונזער אָטריאַד און ס'איז געלייענט געוואָרן אַ באַפעל, לויט וועלכן עס איז געווען באַשלאָסן אויף פאַרטאָג צו צעקלאַפּן דעם קאָסעווער גאַרניזאָן און באַפרייען דעם געטאָ. דאָס געווער דאַרף ביז פאַרנאַכט גרייט זיין צום קאַמף.

אין דער גרופּע האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעריי און קלאַפּעריי. יעדערער האָט גערייניקט און געפּרוווט זיין געווער. מען איז געווען גליקלעך, ווויסנדיק אויף וואָס פאַר אַן אַר־בעט מען גייט, און מ'האָט ניט געקלערט אפילו וועגן טויט, כאָטש מ'האָט גוט געוווסט, אַז קאָסעווע איז שטאַרק באַוואַכט דורך אַ סאַך דייטשן און פּאָליציי.

פונקט 6 אָוונט האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע גרופּעס צוזאַמען. דער נאַטשאַלניק פון שטאַב האָט גענוי דערקלערט די גאַנצע אַרבעט און די אויפגאַבע פון יעדער גרופּע באַזונ־דער. אונזער גרופּע איז באַשטימט געוואָרן צו שטורמען דעם געטאָ. מען האָט אונז אויך איבערגעגעבן, אַז צו הילף קומט די „טשאַפּאַיעווער" בריגאַדע, וועלכע וועט אָנגרייפן פון לינקן פליגל באַוואָפנט מיט אירע 2 האַרמאַטן.

נאָך די לעצטע צוגרייטונגען, האָבן מיר זיך גערירט אין וועג אַריין. נאָך אַ גאַנצע נאַכט גיין דורך בלאָטעס, פעלדער און וועלדער, האָבן מיר דערגרייכט דעם באַשטימטן פּלאַץ. אַלע גרופּעס האָבן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס און געוואַרט אויף דער רויטער ראַקעטע וועלכע האָט געדאַרפט אָנזאָגן דעם אָנהויב פון קאַמף.

נאָך אַ שיין שטיקל צייט זיינען מיר געלעגן מיטן געווער אין די הענט, ביז עס האָט זיך אין דער לופט אַ ריס געטאָן אַ רויטע ראַקעטע. הונדערטער מאַשין־געווער און ביקסן האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן, באַגלייט מיט האַרמאַטן־שאָסן פון לינקן פליגל. די פּאָליציי האָט גלייך געענטפערט מיט אַ שטאַרקער שיסעריי. עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטאַרקער קאַמף.

לויט אַ באַפעל פון אונזער גרופּע־קאָמאַנדיר האָבן מיר מיט שטאַרקע אויסגעשרייען „הוראַ!" זיך אַריינגעריסן אין די ערשטע הייזער פון שטעטל און לאַנגזאַם זיך גערוקט צום געטאָ. דער קאַמף אין לינקן און רעכטן פליגל האָט זיך גע־צויגן און דער „הוראַ!" האָט זיך געפילט אין שטעטל. ניט געקוקט אויף די לעצטע כוחות און אויף אונזערע פאַרווונ־דעטע חברים, האָבן מיר זיך אַריינגעריסן אין געטאָ. מיט גרויס פרייד און וויינעריי האָבן אונז די קאָסעווער אידן באַ־געגנט. ניט פאַרלירנדיק קיין איין סעקונדע האָבן מיר זיי געהייסן גיין מיט אונז. אונזערע איבעריקע גרופּעס האָבן דערווייל צעטריבן די פּאָליציי און פולשטענדיק פאַרנומען דאָס שטעטל.

נאָך אַ פּאָר שעה האָבן מיר פאַרלאָזן קאָסעווע. דאָס איז געווען אונזער ערשטער אָפענער קאַמף קעגן די פאַשיסטישע מענטשן־פרעסער.

דער סוף פון דער אונטערערדישער אַרבעט אין שטאָט

אין דער זעלבער צייט ווען אין די וועלדער האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע קאַמפן מיט די דייטשע כוחות און אונזע־רע חברים און חברטעס האָבן מיט נקמה־געפיל אַוועקגעלייגט טאָג־טעגלעך נאָך און נאָך דייטשן, — האָט זיך אין שטאָט פאָרגעזעצט די אונטערערדישע אַרבעט. לויט די באַפעלן פון וואַלד איז די הויפּט־אַרבעט אין שטאָט באַשטאַנען אין צושטעלן געווער. די דייטשן האָבן שוין דאַן דערשפּירט, אַז די שטאָט שמעקט מיט פּאַרטיזאַנער־אַרבעט און זיי האָבן זיך געהיט גאָר שטאַרק. צענדליקער דייטשן האָבן געהיט די וועגן וואָס פירן אין שטאָט. דער „בויטע־לאַגער" איז באַ־וואַכט געוואָרן דורך זשאַנדאַרמען. פונדעסטוועגן זיינען טאָג־טעגלעך אַרויסגעטראָגן געוואָרן פיל טיילן פון ביקסן, מאַשין־געווער, גראַנאַטן און אַמוניציע דורך העלדישע בחורים און מיידלעך. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז געכאַפּט געוואָרן אונ־זערע אַן אַקטיווע חברטע, לאה שטיינדאם, ביי איינעם פון די טויערן פון „בויטע־לאַגער", מיט אַ 300 קוילן, וועלכע זיינען געווען אַרומגעלייגט אַרום איר קערפּער. געשמידט די הענט אין קייטן האָט מען זי אָפּגעפירט אין טורמע. לאה איז שטאַרק געפייניקט געוואָרן, געפּאָרשט געוואָרן אויך מיט גוטן, כדי זי זאָל אויסגעבן דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, אָבער זי איז אויסגעשטאַנען אַלע איינריידענישן און פייניקונגען און איז געשטאָרבן ווי אַ העלד.

אין יענע טעג איז ביים זעלבן טויער פאַרהאַלטן געוואָרן אונזער חבר גראַטשוק, ביי וועלכן דער נאַצישער וואַך־זעל־נער האָט גערעכנט געפינען אַביסל קאַרטאָפל. ביים זוכן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף 12 האַנט־גראַנאַטן. ניט קלערנדיק קיין סאַך האָט גראַטשוק זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט און פאַרביטן דעם רוק־זאַק, גלייכצייטיק האָט ער אַריינגערוקט דעם דייטש אין האַנט אַ גאָלדענעם זייגער, און אַזוי, איבערלאָזנדיק דעם דייטש מיטן זייגער, איז אים געלונגען זיך אַרויסצודרייען. די זעלבע נאַכט האָט גראַטשוק פאַרלאָזן די שטאָט.

אין יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסצופירן פון „בויטע־לאַגער" די שמוץ און מיסט מיט פורן אויפן אידישן

בית־עולם. צווישן די צענדליקער פֿורמאַנעס האָט זיך אויך געפֿונען אונזערער אַ חבר, בובלאַצקי, וועלכער האָט אָנגעהויבן אויסנוצן דעם עסק און אַרויסגעפֿירט פֿיל אַמוניציע. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז בובלאַצקי פֿאַרהאַלטן געוואָרן אויפֿן מאַרק דורך אַ זשאַנדאַרם, וועלכער האָט געזוכט פֿאַרבאָהאַלטענע פּראָדוקטן. אָנשטאָט עסנוואַרג האָט ער געפֿונען אַ קעסטל מיט 5000 קוילן. מאַכנדיק זיך תמעוואַטע האָט בובלאַצקי אַרויפֿגעוואָרפֿן די שולד אויפֿן אינזשיניער מאַריאַנפּאָל, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט דער מיסט־קאָמפּאַניע. ער איז געשיקט געוואָרן ברענגען מאַריאַנפּאָלן, אָבער זיין וועג איז געווען באַלד אין וואַלד אַריין. ווי איצטער געדענק איך, ווי בובלאַצקי איז מיט זיינע לעצטע כוחות דערגאַנגען צו דער קאָמענדאַנטור פֿון אונזער אָטריאַד.

אַ פּאָר טעג נאָך בובלאַצקיס אָנקום זיינען אומגעריכט אָנגעקומען אין וואַלד אליהו אַבראַמאָווסקי און זעליג מיליקאָווסקי, וועלכע האָבן לויטן באַפֿעל געדאַרפֿט וואַרטן ביז די לעצטע חברים וועלן פֿאַרלאָזן די שטאָט. זיי זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן דורכן גאַנצן לאַגער, ווייל אַלע האָבן גוט געוווּסט, אַז זיי זיינען געווען די פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿאַרן אונטערערדישן הויפּט־מאַגאַזין און טרעף־פּונקט... זיי האָבן דערציילט, אַז מיט אַן אָוונט פֿריער, זיצנדיק פֿאַרמאַכט אין געווער־מאַגאַזין, האָבן זיי פּלוצלינג דערהערט אַ קלאַפּעריי און געשרייען אויף רוסיש: „עפּן שנעל". צום אָנפֿאַנג זיינען זיי אויפֿגעשפּרונגען ווילנדיק עפֿענען, אָבער אַ פּאַרדעכטיקע שושקעריי איז צו זייערע אויערן דערגאַנגען פֿון דרויסן. נאָך אַ שנעלער באַראַטונג האָבן זיי באַשלאָסן זיך דורכצורייסן דורכן הינטערשטן אַרויסגאַנג. נעמענדיק זייער פּערזענלעך געווער, האָבן זיי פֿלינק אַרויסגעשפּרונגען פֿון הינטן. די שיסעריי פֿון דער פּאָליציי האָט זיי שוין געפֿונען ווייט פֿונעם הויז.

ווי אַזוי די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט דעם אַדרעס פֿון געהיימען געווער־לאַגער, איז פֿאַר אונדז אַ רעטעניש ביז היינט. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז זיי האָבן אַרויסגענומען די איבערגעבליבענע געווער פֿון דאָרטן און דאָס הויז פֿאַרברענט. די ווייסרוסישע צייטונג האָט געבראַכט אַ ידיעה וועגן אַ „גרויסן נצחון פֿון דער פּאָליציי, וועלכע האָט פֿאַרניכטעט דעם פּאַרטיזאַנישן שטאַב", צוגעבנדיק בלאָפֿן וועגן פֿיל געהרגעטע און געפֿאַנגענע. נאָך דעם פֿאַל האָבן זיך אָנגעהויבן פֿיל אַרעסטן צווישן די וואַרשטאַטן און „בויטע־לאַגער" אַרבעטער, איינער פֿון די אַרעסטירטע, וועלכע איז ברוטאַל געמוטשעט געוואָרן, איז געווען מאיר חאַראַשטשאַנסקי, אָבער עס האָט זיך זיי גאָרניט איינגעגעבן אַרויסצובאַקומען פֿון אים. ער איז דערשאָסן געוואָרן אויפֿן אידישן בית־עולם שרייענדיק: „ברידער, נקמה". אויף דעם זעלבן אָרט און אויפֿן זעלבן אופֿן איז אויך אומגעקומען אונזער חברטע שיינדל וואָלפֿין און נאָך צענדליקער חברים.

די שטראָף פֿון אַ פֿאַרעטער

אַ גרויסע שולד אין די אַרעסטן און אין אַנטי־פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט האָט געטראָגן אויף זיך דער אינזשיניער מאַריאַנפּאָל, וועלכער האָט אָנגעפֿירט מיט אַלע אַרבעטן פֿון געביטסקאָמיסאַריאַט. ער פֿלעגט שטאַרק שלאָגן די אַרבעטער און אַלע פּאַרדעכטיקע אָדער שוואַכערע איבערגעבן אין די הענט פֿון די נאַצישע מערדער.

אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון שטאַב איז באַשלאָסן געוואָרן אים ברענגען אין וואַלד און שטעלן צו אַ פּאַרטיזאַנישן געריכט. עטלעכע חברים זיינען אַרויס אין שטאָט און זיי האָט זיך איינגעגעבן, אים צוזאָגנדיק פֿיל גליקן, פֿאַרנאַרן אין וואַלד. ער איז גלייך געשטעלט געוואָרן פֿאַר אַן עפֿנטלעכן געריכט פֿון דער גאַנצער גרופּע. נאָך לאַנגע באַשולדיקונגען און אַרויסטרעטונגען פֿון חברים איז מאַריאַנפּאָל פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך שיסן, און דער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן.

מיט דעם האָט זיך כמעט געענדיקט די פֿאַרבינדונג מיט אונזער שטאָט. אין יענער צייט איז אויך געגרייט געוואָרן אַ גרויסער פּלאַן אויפֿצורייסן די גאַנצע געווער־מאַגאַזינען פֿון די דייטשן אין סלאָנים, אָבער די גרויסע שחיטה האָט אונזער פּלאַן צונישטגעמאַכט.

דאָס לעבן אין וואַלד

דערווייל איז דאָס לעבן אין דער „51 גרופּע" געגאַנגען פֿאָרויס. עס זיינען שוין געווען אויסגעבויט שיינע וווינונגען פֿון ברעזענטן און צווייגן. אין מיטן לאַגער איז געשטאַנען אַ גרויסע בויד, וועלכע האָט געדינט אַלס שפּיטאָל. אינווייניק האָט אַלץ געבלאַנקט פֿון ווייסקייט, און עס איז ניט געווען צו דערקענען, אַז מען געפֿינט זיך אין וואַלד. מיטן שפּיטאָל האָט אָנגעפֿירט ד"ר אָרלינסקאַ. אין איין זייט פֿון לאַגער האָט זיך געפֿונען די קיך, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַמאָליקן זייגערמייסטער און אין וואַלד אונזער ליבן קיכער אימבער. אין צווייטן עק האָט זיך געפֿונען דער געווער־וואַרשטאַט, וווּ עס זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן 2 האַרמאַטן פֿון 45 מ"מ, פֿון אַלטע טיילן וועלכע זיינען אויפֿגעקליבן געוואָרן אויף די וועגן נאָך אַלטע, איבערגעלאָזענע האַרמאַטן. דער וואַרשטאַט איז אָנגעפֿירט געוואָרן דורך די ספּעציאַליסטן שטיין און אימבער (דער זון פֿון קיכער).

אין לאַגער איז שטענדיק געווען פֿריילעך, פּאַטעפֿאָנען פֿלעגן שפּילן אידישע און רוסישע לידער. עס איז אויך געווען אַ ראַדיאָ אויף אַ באַטעריע, וווּ מען פֿלעגט הערן די נייעס און איבערגעבן אין אַלע אָטריאַדן. גרופּעס חברים פֿלעגן זיך שטענדיק געפֿינען אין די אַרומיקע געגנטן נאָך פּראָדוקטן.

זייער אָפֿט פֿלעגט אויסקומען אַריינגיין אין שווערע קאַמפֿן מיט פּאָליציי און דייטשן, כדי צו קענען דערפֿירן די פּראָדוקטן. געוויסע גרופּעס פֿלעגן אויספֿירן דיווערסיעס און עס איז אויך טעטיק געווען אַ גרופּע אויסשפּירער, וועלכע האָט געהאַט פֿאַרבינדונגען מיט פֿיל אונזערע אַקטיוויסטן, וואָס פֿלעגן אונדז איבערגעבן וועגן אַלע באַוועגונגען פֿון די דייטשן.

דער געפּאַנצערטער אויטאָ מיט די 15 באַגראָבער

די אויסשפּיר־גרופּע האָט איינמאָל איבערגעגעבן, אַז אַ גרופּע פֿון 15 דייטשן מיט אַ געפּאַנצערטער מאַשין קלייבן אויף די טויטע קערפּערס פֿון געפֿאַלענע דייטשן, וועלכע זיינען פֿאַרבליבן פֿון די פֿראָנט־קאַמפֿן, און זיי באַזוכן אין גאָר נאָענטע דערפֿער פֿון אונזער געגנט. נאָך אַ קליינער באַראַטונג פֿון שטאַב איז באַשלאָסן געוואָרן מאַכן אַן אַמבוש אויף דער מאַשין.

דער באַפעל איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף דער צווייטער אָפּטיילונג פון אָטריאַד. נעמענדיק אין חשבון ווו די דייטשן דאַרפן אָנקומען אַרויסנעמען קערפּערס, האָט די אָפּטיילונג פאַרנומען קאַמפּס־פּאָזיציעס. די צייט האָט זיך געצויגן זייער לאַנג און מען האָט שוין כמעט געהאַלטן ביי פאַרלאָזן דעם אָרט, חושד זייענדיק, אַז פּויערים האָבן אונז באַמערקט און איבערגעגעבן די דייטשן. אין דער מינוט האָבן מיר דערזען דעם שטויב פון דער מאַשין, וועלכע האָט זיך מיט אַ שנעלקייט דערנענטערט צו אונז, ניט חלומ׳דיק אפילו וועגן פּאַרטיזאַנער. אויפן אָפּגערעדטן אָרט איז די מאַשין באַגעגנט געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן. די מאַשין איז גלייך שטיין געבליבן און געענטפערט מיט אַ פייער. די דייטשן, זעענדיק אַז אונזערע קוילן טרעפן גענוי און די גומענע רעדער פון פּאַנצער־אויטאָ זיינען שוין געווען צעשמעטערטע, האָבן אָנגעהויבן איינציקווייז אַרויסשפּרינגען פון דער מאַשין און לויפן אין נאָענטן דאָרף, אָבער אונזערע קוילן האָבן שנעל פאַרענדיקט דעם קאַמף, טרעפנדיק יעדן דייטש באַזונדער. 2 דייטשן האָבן אויפגעהויבן זייערע הענט און זיינען גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט.

דער קורצער קאַמף האָט זיך געענדיקט מיט אונזער פולשטענדיקן נצחון, אָן קיינע פאַרלוסטן. די מאַשין איז פאַרברענט געוואָרן. פון די טויטע דייטשן זיינען אַראָפּגעצויגן געוואָרן די זאַכן און מיר האָבן שנעל פאַרלאָזן דעם אָרט. לויט אַ באַפעל פון שטאַב, איז איינער פון די געפאַנגענע געפירט געוואָרן אין אַלע אָטריאַדן, כדי אים צו ווייזן אונזער כוח, דערביי האָט מען אים געזאָגט, אַז דאָס איז נאָר איין פּראָצענט פון די פּאַרטיזאַנער־כוחות. מען האָט אים אויסגעטאָן כמעט נאַקעט און געלאָזט גיין אין שטאָט, כדי ער זאָל איבערגעבן די דייטשן אַ גרוס פון די פּאַרטיזאַנער, און ספּעציעל פון די אידישע.

די קאָסעווער גרופּע

נאָכן באַפרייען דעם קאָסעווער געטאָ, זיינען אין וואַלד צוגעקומען פיל אידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין געווער. פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבן זיי געוואָלט אַריינעמען אין אונזער גרופּע, אָבער עס האָט זיך אַריינגעמישט דער הויפּט־שטאַב, וועלכער האָט פאַרבאָטן אַריינצונעמען מענטשן אָן געווער, טענה׳נדיק אַז מיר זיינען מיליטער. דאָס וואָלט שוין אויך ניט געווען קיין צרה, ווען ניט די משפּחות, פרויען און פיל קינדער.

מיר האָבן געמוזט שאַפן אַ נייע גרופּע אונטערן נאָמען „די קאָסעווער גרופּע”, וועלכע האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ בעל־מלאכה־צענטר אין וואַלד. דאָרט האָבן זיך געשאַפן פיל וואַרשטאַטן פאַר שניידעריי, שוסטעריי, היטל־מאַכעריי, שערעריי. זיי פלעגן אויספירן פיל אַרבעט פאַר די פּאַרטיזאַנער, קריגנדיק באַצאָלט מיט עסן. מיר האָבן זיי געגעבן מאַקסימום הילף, געשאַפן אַ ביסל ביקסן און גראַנאַטן, מיט וועלכע זיי האָבן געקאָנט שאַפן זיך פּראָדוקטן אין די דערפער. פילמאָל האָבן מיר געפאָדערט פון הויפּט־שטאַב, מען זאָל זיי אַריינלאָזן צו אונז אין גרופּע, נאָר דער ענטפער איז שטענדיק געווען דער זעלבער. דער שטאַב האָט צגעזאָגט זיי העלפן און היטן, אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ צוזאָג.

דער גרויסער זיג אין האַווינאָוויטש

ניט ווייט פון סלאָנים האָט זיך געפונען אַ שטעטל האַווינאָוויטש, וווּ עס האָט זיך געפונען אַ שולע פון ווייסרוסישע פּאָליציאַנטן, וועלכע מען האָט געלערנט זיך באַנוצן מיט מאַשין־געווער און די הויפּט־זאַך — געהעצט זיי קעגן אידן. די אידן האָבן זיי געהאַט גוט אין זינען און דעם 13־טן אויגוסט 1942 איז דער פּלאַן פאַרטיק געוואָרן, אויסגעלייענט געוואָרן פאַרן אָטריאַד און מען האָט זיך גענומען גרייטן.

די גרעסטע באַליידיקונג האָט געטראָפן די אָפּטיילונג, וועלכע איז באַשטימט געוואָרן צו בלייבן היטן דעם לאַגער.

אין לאַגער איז געווען אַ הייסע שטימונג, יעדערער איז געווען צעטראָגן און גליקלעך, וויסנדיק אַז ער גייט פאַרניכטן די, וועלכע האָבן ערשט נעכטן געמאָרדעט זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער. איך געדענק די רייד פון גראַטשוקן, וועלכער איז געווען אַ „פּולעמיאָטשיק”: „איך מוז היינט אַוועקלייגן אַלע חזירים, וועלכע רעכענען מאָרגן גיין שעכטן אונזערע ברידער”. — ער האָט שטאַרק געריי‌ניקט זיין מאַשין־געווער, עס זאָל אים חס־ושלום ניט אָפּזאָגן אין מיטן קאַמף.

די לעצטע באַפעלן זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן די קאָמאַנדירן, און דער אָטריאַד איז געווען גרייט צום אַרויסגיין. נאָך אַ קורצער ברכה פון אָטריאַד־קאָמאַנדיר, האָט מען גערירט אין וועג. דער וועג איז געווען זייער אַ שווערער און לאַנגער, מען האָט געמוזט אויסמיידן אַלע דערפער, עס זאָל ניט דערגיין צו די דייטשן, אַז עס גייט אַ כוח פּאַרטיזאַנער אין יענער ריכטונג. נאָך האַלבער נאַכט האָבן מיר דערגרייכט דעם ציל. אַ געבילעריי פון הינט האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר געפינען זיך ניט ווייט פון שטעטל.

לויט אַ סיגנאַל פון אַ רויטע ראַקעטע האָט איין גרופּע געדאַרפט עפענען אָן אָפּנאַר־פייער פון איין זייט, אין דער זעלבער צייט וועט אַ צווייטע גרופּע אַטאַקירן די שולע, וועלכע האָט זיך געפונען אין סוף פון שטעטל. ווען דער מזרח האָט אָנגעהויבן ליכטיק ווערן, האָט אַ רויטע ראַקעטע דורכגעריסן די לופט, און גלייך האָבן צענדליקער מאַשין־געווער און ביקסן געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי. די ערשטע מינוטן איז מצד די באַלאַגערטע געווען שטיל, אָבער גלייך האָבן זיך דערטראָגן איינציקע שאָסן פון שטעטל. באַלד נאָכדעם האָבן שטאַרקע אָפּטיילונגען זיך אַריינגעריסן אין שטעטל און גענומען שטאַרק באַשיסן די פּאָליציי־שולע. דער ווידערשטאַנד איז געווען אַ שוואַכער.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן זיך די מערדער ניט גערעכט אויף אַזאַ „חוצפּה” פון פּאַרטיזאַנער. די מערהייט פּאָליציאַנטן זיינען טאַקע געלעגן אין די בעטן, זייענדיק זיכער, אַז דאָס מאַכן די דייטשן מאַנעוורעס. מיט די הענט אין דער הויך זיינען די פאַרשאָלטענע פּאָליציסטן אַרויס פון זייערע נאָרעס. דער פירער פון שולע איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט, 40 ווייסרוסן זיינען געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט. 21 מאַשין־געווער, פיל ביקסן און אַמוניציע זיינען גענומען געוואָרן. אָן אָפּטיילונג האָט גלייך געשפּאַנט פערד, אָנגעלאָדן אַלע טראָפייען און בינדנדיק די געפאַנגענע, האָבן מיר נאָך אַזאַ גרויסן נצחון זיך אומגעקערט דורך צענדליקער דערפער אין לאַגער.

מיר פֿאַרלאָזן סלאָנימער געגנט

נאָך דער שלאַכט אין האַווינאָוויטש, איז צום שטאַב דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין אונזערע געגנטן קומען אָן פֿיל דייטשן און זייער צאָל שטייגט איבער אַ דעוויזיע. די דייטשן האָבן באַשלאָסן איינמאָל און אויף שטענדיק פֿאַרענדיקן מיט די פּאַרטיזאַנער.

אונזער שטאַב האָט ניט געזען קיין מעגלעכקייט זיך קעגנצושטעלן עטלעכע דייטשע דיוויזיעס און האָט באַשלאָסן פֿאַרלאָזן דעם ראַיאָן און איבערגיין מער אויף מזרח.

פֿאַרויסזעענדיק דעם גורל פֿון דער קאָסעווער גרופּע, האָבן מיר זיך גלייך געווענדעט צום שטאַב, און דער ענטפֿער איז געווען, אַז זיי קענען אויך פֿאַרלאָזן דעם ראַיאָן אויף אייגענער האַנט.

אין לאַגער איז געוואָרן אַ חורבן. יעדערער האָט נאָר גענומען די נויטיקסטע זאַכן מיט זיין געווער. דאָס איבעריקע איז איבערגעלאָזן געוואָרן און לויט אַ ספּעציעלער מיליטערישער אָרדנונג האָט דער אָטריאַד געריכט. עטלעכע קילאָמעטער פֿאָרויס איז געגאַנגען אַן אויסשפּיר־גרופּע, דערנאָך די גרופּעס. אין די דערפֿער האָט מען אויף אונדז געוואָרפֿן בלומען, מיינענדיק אַז די רויטע אַרמיי איז געקומען.

דער „אָבאָז" האָט זיך געצויגן אויף אַ שיינע פּאָר קילאָמעטער. נאָך אַ פּאָר טעג זיינען מיר צוגעקומען נאָענט צום דאָרף טשעמעלי, וווּ עס האָט זיך געפֿונען אַ פּאָליציי־אָפּטיילונג און אויך אַ בריק איבער דער שטשאַרע. אין איינעם פֿון די וועלדער איז באַשטימט געוואָרן אַ צייטווייליקער אָפּרולאַגער. פֿיל גרופּעס זיינען גלייך אַרויסגעפֿאָרן נאָך פּראָדוקטן. זיי האָבן באַהערשט אָן קאַמף אַ מיל, צוגעגרייט מעל און זיך גענומען פֿילן ווי אין דערהיים. דערווייל האָט דער אָטריאַד זיך אָפּגערוט. אַלע טאָג פֿלעגט מען זיך באָדן אין דער שטשאַרע, פֿאָרן איבער די דערפֿער, מאַכן הוליאַנקעס און זאַבאַוועס. אָבער אונזער קאַמפּס־שטאַב איז אויך ניט געשלאָפֿן.

טשעמעלי

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז בעתן אויסשטעלן דעם גאַנצן אָטריאַד דערקלערט געוואָרן קאַמף־צושטאַנד, און אויסגעלייענט געוואָרן דער פּלאַן צו דער אָפּעראַציע, לויט וועלכן איין גרופּע האָט געדאַרפֿט אויפֿרייסן די בריק וואָס פֿירט צו דער קאָמענדאַנטור פֿון טשעמעלי, די צווייטע גרופּע — אָפּשניידן די טעלעפֿאָן־פֿאַרבינדונג מיט די איבעריקע דייטשע קאָמענדאַנטורן. אויף אונזער גרופּע איז, ווי שטענדיק, אַרויפֿגעלייגט געוואָרן די שטורעם־ און פֿאַרניכטונגס־אויפֿגאַבע. אונזער גרופּע־קאָמאַנדיר האָט באַשלאָסן, אַז מיר וועלן דעם מאָל ניט איינגעמען די פּאָליציי מיט שטורם, נאָר שטילערהייט וועט איין אָפּטיילונג דערגיין צום בנין, אַראָפּנעמען די וואַך, פֿאַרוואַרפֿן די פֿענסטער מיט גראַנאַטן און אונטערצינדן דעם בנין. איך האָב זיך געפֿונען אין דער אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויסצופֿירן די אַרבעט, אַלס נומער צוויי פֿון אַ מאַשין־געווער־מאַנשאַפֿט.

פֿאַרנאַכט זיינען אַלע גרופּעס אַרויס לויט די אָנווייזונגען. מיט אונזער אָפּטיילונג האָט אָנגעפֿירט דער פֿאַרטרעטער פֿון גרופּע־קאָמאַנדיר. ווען דער פֿרימאָרגן האָט אויפֿגעשיינט אין מזרח, האָט זיך אונזער אָפּטיילונג אויף די שפּיץ פֿינגער דערנענטערט צום בנין. דער פּאַטרול איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ „בעזשומקע" (אַ ביקס וואָס מען הערט ניט איר שאָס). נאָר דאָ איז געשען דער דורכפֿאַל. ווען מיר זיינען שוין געווען די לעצטע פּאָר מעטער פֿון בנין, זיינען פּלוצלינג אויף אונדז געוואָרפֿן געוואָרן פֿיל גראַנאַטן. מיין נומער איינס פֿון מאַשין־געווער (זיין נאָמען געדענק איך ניט) איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, און פֿיל פֿון אונדז זיינען גלייך פֿאַרווונדעט געוואָרן. נאָר אַ דאַנק דעם קאַלט־בלוטיקייט פֿון קאָמאַנדיר, וואָס האָט גלייך געגעבן אָנווייזונגען אָפּצוטרעטן הינטער די נאָענטע הייזער, זיינען מיר אַרויס מיט חסד. ניט קלערנדיק קיין סאַך האָבן מיר זיך פֿאַרפֿעסטיקט אַ 300 מעטער פֿון בנין, אויף אַ בערגל צווישן סטאָגעס היי. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איין מאַשין־געווער איז איבערגעלאָזן געוואָרן נעבן הויז, ווייל איר נומער איינס, שעפּעטינסקי, איז פֿאַרווונדעט געוואָרן. דאָס מאַשין־געווער וואָס איך האָב געבראַכט האָט ניט געאַרבעט. דער קאַמף האָט זיך שטאַרק צעפֿלאַקערט, אַ סך סטאָגעס היי האָבן שוין געברענט, און אויך הייזער. אין מיטן קאַמף זיינען געקומען צום קאָמאַנדיר אונזערע 2 מיידלעך, וועלכע האָבן געגעבן הילף די פֿאַרווונדעטע, העלפֿנדיק דער ד"ר אָרלינסקאַ וואָס האָט אַליין אָנטייל גענומען אין קאַמף, און זיי האָבן פֿאָרגעלייגט ברענגען דאָס מאַשין־געווער, וועלכע איז געבליבן ביים בנין און גלייכצייטיק אונטערצינדן דעם היי פֿון צווייטן זייט בנין, כדי דאָס פֿייער זאָל דערגיין ביז צום בנין. דער קאָמאַנדיר האָט אָפּגעוואָרפֿן זייער בקשה און געשיקט 2 אַנדערע חברים. דערווייל האָט דאָס פֿייער פֿון ברענענדיקן היי זיך צעשפּרייט אויך אויף די הייזער. דער רויך איז געווען געדיכט, די שיסעריי שטאַרק און די 2 חברים האָבן זיך דערנענטערט כמעט צום בנין און אונטערגעצונדן דעם היי, אַזוי אַז די געביידע איז געבליבן אַרומגערינגלט אין פֿלאַמען. די פּאָליציי־לייט, זעענדיק אַז זייער סוף דערנענטערט זיך, האָבן גענומען פֿאַרלאָזן דעם בנין. נאָכן יאָגן זיי אַ שיינע פּאָר קילאָמעטער, האָבן מיר זיך אומגעקערט צום לאַגער.

די קאַמפֿן אויפֿן וועג

נאָך אַ פּאָר טעג אין טשעמעליער געגנט האָט אונזער אויסשפּיר־גרופּע איבערגעגעבן, אַז פֿון אַלע וועגן דערנענטערן זיך צו אונדז גרויסע כוחות פֿון דייטשן. דער איינציקער וועג, וואָס איז נאָך געווען אָפֿן, פֿירט איבער דער שטשאַרע. ניט פֿאַרלירנדיק קיין צייט האָט מען זיך געלאָזן אין וועג. עס זיינען פֿאַרלאָזן געוואָרן פֿיל זאַכן, צווישן זיי איז פֿאַרגראָבן געוואָרן אַן האַרמאַט און אויך דער טאַנק פֿון אויטאָ. אַ טייל פֿערד מיטן אויטאָ זיינען מיטגענומען געוואָרן. נאָך אַ פּאָר שעה האָט די אויסשפּיר־גרופּע איבערגעגעבן, אַז דייטשן געפֿינען זיך אויף אונזערע טריט און אויך פֿון דער צווייטער זייט קומען אָן דייטשן. ניט קוקנדיק אויף דער שווערער מידקייט, האָבן מיר פֿאַרנומען קאַמף־פּאָזיציעס און די ערשטע דייטשע גרופּן זיינען באַגעגנט געוואָרן מיט אַ שטאַרקן פֿייער. די דייטשן זיינען אָפּגעטראָטן, אָבער גלייך באַנייט דעם אָנגריף.

די לאַגע איז געווען אַ שווערע, פֿיל פֿערד זיינען זיך צעלאָפֿן, די מענטשן האָבן צעוואָרפֿן די לעצטע זאַכן. דער־

ווייל זיינען דערגאַנגען די דייטשן אויך פון דער צווייטער זייט, איינער פון אונזער פּאַטרול איז דערהארגעט געוואָרן און דער צווייטער האָט מצליח געווען אונז אָנזאָגן. מיר האָבן געהאַט נאָר איין ברירה: זיך לאָזן אין די טיפע בלאָטעס, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט די געגנט ניט ווייט פון דער שטשאַרע. אַ גאַנצע נאַכט האָט געררויכערט דער וואַלד, וועלכן די דייטשן האָבן פאַרנומען נאָך אונזער אָפּטריט.

דער שווערער קאַמף ביי די שלוזן

אונזער לאַגע איז דערווייל געוואָרן ערגער און שווערער. וואַסער, בלאָטעס און הימל — מער האָט מען ניט געזען. די איינציקע האָפענונג איז געווען איבערצוגיין די שטשארע, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך, ווייל זי איז געווען ברייט און טיף. די מוט אין שטאַב איז ניט געפאַלן, און מיר האָבן פאָרגעזעצט גיין לענגאויס דער שטשארע. נאָך עטלעכע טעג שווערן גיין האָט זיך איינמאָל ביינאַכט באַוויזן אַ שטאַרקער פלעק אויפן טייך און פיל וועלדער אויפן האָריזאָנט. עס איז באַשלאָסן געוואָרן צוגיין נענטער צום טייך אין זען וואָס ס'טוט זיך דאָרטן. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

אויפן פאַרטאָג האָבן זיך פאַר אונזערע אויגן אַנטפּלעקט צוויי הייזער. דער טייך האָט זיך אין יענעם אָרט צעטיילט אויף 3 טיילן און איבער יעדן טייל איז געווען אַן אייזערנע געדרייטע בריק, באַהעפט מיט אייזערנע פּלאַטעס. דאָס זיינען געווען די שלוזן, וועלכע פאַרהאַלטן דאָס וואַסער. עס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן 3 מענטשן אויסצושפּירן וואָס דאָס איז און צו קען מען איבערגיין דעם שלוז.

מיר האָבן זיך דערווייל דערנעענטערט. די 3 האָבן זיך שנעל אומגעקערט, איבערגעבנדיק אַז זיי האָבן געטראָפן אין איין הויז אַ 20 שלאָפנדיקע דייטשן. אַרויסגייענדיק פונם הויז האָבן זיי געטראָפן אַן אַלטן גוי, וועלכער האָט זיי געזאָגט, אַז דאָס זיינען ס.ס.־לייט, וואָס זיינען אַהער געקומען אויף רו. וועגן זייער צאָל האָבן זיי ניט געפרעגט.

דער גרעסטער טעות פון די אויסשפּירער איז געווען, וואָס זיי האָבן דעם אַלטן גוי ניט מיטגענומען מיט זיך. ווען די ערשטע גרופּע האָט זיך דערנעענטערט צום בנין, האָט זיך פאַר זייערע אויגן אַנטדעקט אַ גרופּע פון אַ 150 ס.ס. דייטשן, מיט די קאַסקעס אויף די קעפּ און געווער אין האַנט. מען האָט געהערט די באַפעלן און געזען די דייטשן פאַרנעמען פּאָזיציעס אין די בעטאָנענע ווענט פון די שלוזן. מאָמענטאַל איז אויף אונז געעפנט געוואָרן אַ שרעקלעכער פייער פון כמעט אַלע מינים אויטאָמאַטישן געווער.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. פון איין זייט איבער 150 ס.ס., מיט די בעסטע דייטשע מאַשין־געווער און אויטאָמאַטן, אויסגערוטע, פאַרפּעסטיקטע צווישן צוויי טייכן, הינטער בעטאָנענע ווענט. פון דער צווייטער זייט אַן אויסגעהונגערטער אָטריאַד, דורכגענעצט, מיט אַ סך פאַרוווּנדעטע, כמעט אָן כוח צו האַלטן זיך אויף די פיס. עס האָבן זיך געהערט די באַפעלן פון אונזער שטאַב־פירער: די „51 גרופּע" גייט איבער אויפן רעכטן פליגל, צום ברעג פון טייך, און מיטן ברעג אַטאַקירט זי דעם שלוז; די צווייטע גרופּע גרייפט אָן פון לינקן פליגל און די איבעריקע — אויף אַ פראָנט־אַטאַקע. שנעל האָבן די גרופּעס פאַרנומען די נייע פּאָזיציעס. איך בין געווען מיטן מאַשין־געווער. מיט די הויכע ברעגעס פון טייך האָבן מיר זיך דערנעענטערט צום שלוז, און דאָ האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף. פון אַלע זייטן האָבן זיך געהערט געשרייען: „דאָקטאָר", — באַלד פון די ערשטע מינוטן זיינען געווען צענדליקער פאַרוווּנדעטע. אויך אונזער קאָמיסאַר, וואָס האָט זיך אויפהויבנדיק געוואָלט איבערגיין אויף אַן אָנגריף, איז שווער געטראָפן געוואָרן. אויך דער העלדישער גרופּע־פירער, שרייענדיק: „חברים, פאָרויס צו דער בריק, צוריק איז ניטאָ קיין וועג!", האָט געקריגן אַ דומדום־קויל אין בויך. ד"ר בלומאָוויטש האָט אים אַריינגעלייגט צוריק די קישקעס און געגעבן פיל הילף. ד"ר בלומאָוויטש האָט שווער געאַרבעט, לויפנדיק איבערן גאַנצן פראָנט.

דערווייל זיינען אונזערע גרופּעס דערגאַנגען נאָנט צו דער בריק. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גראַנאַטן־קאַמף, פיל דייטשע גראַנאַטן זיינען נאָכן פאַלן נעבן אונז צוריק געוואָרפן געוואָרן. אונזער העלדישער חבר מלאך האָט געפּרוּווט דורכרייסן דאָס ערשטע בריקל און איז געפאַלן טויט. איין גרופּע איז דערווייל איבערגעגאַנגען איין טייכל אין וואַסער, און נאָך אַ שווערן גראַנאַטן־קאַמף איז דאָס ערשטע בריקל אַריינגעפאַלן אין אונזערע הענט. גלייך נאָך דעם איז אויך דער בנין געפאַלן. מען האָט אים אונטערגעצונדן. צענדליקער דייטשע קערפּערס האָבן זיך געוואַלגערט צוזאַמען מיט מאַשין־געווער און ביקסן.

די דייטשע פאַרביסנקייט איז געווען ניט צו באַשרייבן. איבערלאָזנדיק דאָס ערשטע בריקל, האָבן זיי פאָרטגעזעצט דעם קאַמף אויפן צווייטן און דריטן.

איבערלאָזנדיק אונזערע בעסטע געפאַלענע חברים און 150 פאַשיסטישע הינט, האָבן מיר שנעל, שווער אָנגעלאָדן, זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון וואַלד.

די אַרבעט פון ד"ר בלומאָוויטש און ד"ר אָרלינסקא איז געווען ניט אָפּצושאַצן. אָן רו האָבן זיי געגעבן הילף אונזערע פיל שווער געטראָפענע חברים. דערווייל איז דער צושטאַנד פון אונזער גרופּע־קאָמאַנדיר געוואָרן געפערלעך. די גאַנצע וועג האָט ער געשריען, ווו איז דער וואַלד. איבערגייענדיק פיל בלאָטעס זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסן וואַלד. אַזוי זיינען מיר אַרויס פון דער גרויסער אָבלאַווע. אַן אויסשפּיר־גרופּע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן פאָרויס, כדי זיך צו באַקענען מיטן נייעם ראַיאָן, און דער אָטריאַד האָט לאַנגזאַם פאָרטגעזעצט זיין וועג. דער מצב פון קאָמאַנדיר איז ערגער געוואָרן פון מינוט צו מינוט, די דאָקטוירים האָבן באַשלאָסן, אַז זיין טויט איז אומפאַרמיידלעך, עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרגרינגערן זיינע געפערלעכע ליידן און ענדיקן זיין לעבן אויפן אָרט. אַזוי איז פאַרבאַהאַלטן געוואָרן אין וויסטן וואַלד אונזער באַליבטער קאָמאַנדיר, וועלכער האָט ניט דערלעבט צו פאַרווירקלעכן זיין חלום און אויפשטעלן אַ אידישע פּאַרטיזאַנישע בריגאַדע.

די נייע געגנט

צווישן בלאָטעס, אויף אַן אינזל ניט ווייט פון צוויי גרויסע דערפער, נאָוואָסיאָלקי און שוויעטיצע, איז אויפגעשטעלט געוואָרן אונזער לאַגער. מען האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם פאַר־

טיזאַנער אָטריאַד „זשאַרקינצי” וועלכער האָט זיך געפֿונען אין יענער געגנט.

דערווייל האָט זיך דער אָטריאַד אָנגעהויבן גרייטן צום ווינטער, עס זײַנען געגראָבן געוואָרן גרויסע גריבער אין געהיימע ערטער, ווו מען האָט אַראָפּגעלאָזן פּעסער מיט תבואה און פֿלייש. די גריבער זײַנען פֿאַרמאַסקירט געוואָרן און ס'זײַנען געמאַכט געוואָרן ספּעציעלע סימנים צו געפֿינען זיי. אין דער נייער געגנט האָבן מיר דורכגעפֿירט אייניקע נקמה־אַקציעס קעגן די אָרטיקע ווייסרוסישע דערפֿער, וואָס האָבן מיטגעהאָלפֿן די דייטשן.

דער פּלוצלינגער אָנפֿאַל

דאָס לעבן אין לאַגער האָט זיך געפֿירט גאַנץ נאָרמאַל. אַלע טאָג פֿלעגט זיך בײַטן אַן אַנדער אָפּטיילונג אויף דינסט, היטן און קיך־אַרבעט. דער לאַגער איז באַוואַכט געווען פֿון בײדע זײַטן וועג צווישן די דערפֿער טוכאַוויטשי און נאָוואָסיאַלקי, אויסער דער אויסשפּיר־גרופּע, וואָס האָט זיך שטענדיק געפֿונען אין געגנט. די קיך־אַרבעטער פֿלעגן אויפֿשטיין זייער פֿרי, אָנצוגרייטן דעם פֿרישטיק צו דער צײַט. אַלע טאָג פֿלעגט געלייענט ווערן אַ טאָג־פֿאַראָרדענונג פֿאַר דער גאַנצער גרופּע. אַלע פֿאַרנאַכט פֿלעגט מען זיך אויפֿקלײַבן אַרום גרויסע פֿײַערן און זינגען פֿאַרשיידענע רוסישע לידער, בראָטנדיק קאַרטאָפֿל אין די קוילן, און בײַ האַלבע נאַכט פֿלעגט מען זיך צעגיין איבער די בײדלעך. אַ ספּעציעלע אַרבעט האָט זיך געפֿירט מיט די שווער־פֿאַרווּנדעטע, וועלכע האָבן נאָך ניט געקענט גיין. צײַטנווײַז פֿלעגן מיר אויך הערן לעקציעס אויף פֿאַרשיידענע מיליטערישע טעמעס, און אַזוי האָט מען געשטופּט די טעג איינעם נאָכן צווייטן.

אין יענער צײַט זײַנען געכאַפּט געוואָרן צוויי פֿאַרדעכטיקטע פּויערים אין דער געגנט פֿון אונדזער לאַגער. נאָך פֿילע פֿאַרשונגען און קלעפּ האָבן זיי זיך מודה געווען, אַז זיי זײַנען געשיקט געוואָרן דורך די דײַטשן כדי זיך צו דערוויסן וועגן אונדזער לאַגער. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי זײַנען דערשאָסן געוואָרן דעם זעלבן טאָג. אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם פֿאָרפֿאַל, ווען דער גאַנצער לאַגער איז נאָך געשלאָפֿן און נאָר די קיכער האָבן געגרייט דעם פֿרישטיק, איז דער לאַגער אָן קיין שום טרעוואָגע פּלוצלונג באַשאָסן געוואָרן מיט אַ פֿײַער פֿון ביקסן און מאַשין־געווער. אין איינציקע מינוטן איז דער גאַנצער לאַגער געווען גרייט צום קאַמף. דאָס פֿײַער איז געוואָרן שטאַרקער און נענטער, און איז געקומען פֿון אַלע זײַטן. דער קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד האָט געהייסן גלייך זיך אָפּטראָגן. די צוויי פֿאַרווּנדעטע וועלכע האָבן ניט געקענט גיין, דעם קאָמיסאַר פֿון אָטריאַד און גאָלדע גערצאַווסקי, האָבן מיר אַוועקגעטראָגן אַ הונדערט מעטער ווײַט, אין דעם הויכן מויער, וועלכער האָט אַרומגערינגלט דעם האַלב־אינזל פֿון אונדזער לאַגער. דער קאָמאַנדיר האָט דאַן גענומען דעם קאָמפּאַס אין האַנט און אַ געשריי געטאָן: „נאָך מיר!”, די פּאַניק אין לאַגער איז געווען ניט צו באַשרײַבן. די שיסערײַ אויף אונדז האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. יעדערער רײַסט זיך וואָס גיכער אַרײַנצוגיין אין בלאָטע. קיינער ווייס ניט וואָס צוטאָן מיט די פֿאַרווּנדעטע. דערווייל הערט מען זיך דערנענטערן מאַשינען, און בײַ אַלעמען אין קאָפּ עגבערט

די פֿראַגע, ווי אַזוי איז עס געשען, ווו זײַנען געווען די היט־פּאָסטנס. נאָך עטלעכע מינוטן שטופּעניש איז דער גאַנצער אָטריאַד איינער נאָכן צווייטן, אַרײַן אין טיפֿער בלאָטע ביז צו די קני, ניט ווויסנדיק וווהין מען גייט.

די שיסערײַ פֿון לאַגער איז שוואַכער געוואָרן. שטיקער רויך ווײַזן זיך פֿון דער לאַגער־ריכטונג. אַ שווערע מידקייט פֿאַלט אַרויף אויפֿן אָטריאַד, ספּעציעל שלעכט פֿילן זיך די פֿאַרווּנדעטע, וועלכע גייען נאָך זייער שוואַך. אָבער דער אימפּעט יאָגט אַלעמען פֿאָרויס.

דער קאָמאַנדיר האָט געפֿרעגט, ווער איז גרייט גיין אויסשפּירן די געגנט פֿון געוועזענעם לאַגער און זיך דערוויסן וועגן גורל פֿון די צוויי איבערגעלאָזענע. ער האָט אויך געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז מ'האָט געמוזט זיי איבערלאָזן, כדי ניט איינצושטעלן דעם גאַנצן אָטריאַד. 3 חברים האָבן זיך געלאָזן אין וועג צוריק צום אָרט. זיי זײַנען צוריקגעקומען און איבערגעגעבן, אַז אין לאַגער געפֿינען זיך דײַטשן און זיי האָבן געהערט 2 פּיסטאָל־שאָסן פֿון זײַט ווו עס האָבן זיך געפֿונען די צוויי פֿאַרווּנדעטע, לויט זייער מיינונג הייסט עס, אַז דער קאָמיסאַר האָט געשאָסן פֿריער גאָלדען און דערנאָך זיך מיט זײַן אייגענעם פּיסטאָלעט. אַראָפּגעלאָזן די קעפּ האָט דער אָטריאַד געצירט אין די טיפֿע בלאָטעס אויף מזרח־דרום ריכטונג.

נאָך אַ גאַנצן טאָג גיין אין די בלאָטעס, זײַנען מיר דערגאַנגען צו אַ גרויסן טרוקענעם וואַלד. טיפֿער אין וואַלד איז דערקלערט געוואָרן נאַכט־רו. אויסשטעלנדיק שטאַרקע פּאָסטנס זײַנען אַלע שווער פֿאַרמאַטערטע געפֿאַלן ווי פֿליגן, פֿאַרגעסנדיק וועגן אַלץ. גאַנץ פֿרי האָט דער אָטריאַד געצירט אויף דרום־מערב מיטן ציל אַרויסצוגיין וואָס שנעלער פֿון דער געגנט. נאָך אַ גאַנצן טאָג גיין זײַנען מיר אָוונט־צײַט צוגעקומען צום טײַך לאַן, ווו עס איז באַשטימט געוואָרן אונדזער לאַגער. אין יענער צײַט איז דערגאַנגען צו אונדז אַ ידיעה, אַז דער קאָמיסאַר און גאָלדע גערצאַווסקי זײַנען געפֿונען און גערעטעוועט געוואָרן אין דעם אָרט, ווו מיר האָבן זיי געלאָזן.

עס איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן אויף אונדזער אָפּטיילונג, וועלכע האָט געציילט 12 מענטשן, שנעל זיך אומקערן אין נאָוואָסיאַלקער געגנט און פֿאַר יעדן פּרײַז זיי ברענגען אין לאַגער. אין דער גרופּע האָבן זיך געפֿונען איזיע באַרעצקי, משה סופר, ניאַניע צירינסקי און איך. די זעלבע נאַכט האָבן מיר געצירט אין וועג. דער וועג פֿון 150 קילאָמעטער איז געווען גאַנץ שווער. מיר האָבן געמוזט בײַטן דעם גאַנצן מאַרשרוט, ווײַל אויף אונדזערע פֿריערדיקע וועגן זײַנען געווען דײַטשע „זאַסאַדעס”. נאָך 2 טעג און 2 נעכט גיין אין בלאָטעס זײַנען מיר אָנגעקומען אין דער אַלטער געגנט. דער קאָמיסאַר מיט גאָלדען האָבן זיך געפֿונען בײַ אַ צווייטער פּאַרטיזאַנער־גרופּע („זשאַרקינצי”), וועלכע האָט זיך געפֿונען אין יענער געגנט. גאָלדע האָט דערציילט, אַז ווען עס איז שטיל געוואָרן אין לאַגער, האָט זי קריכנדיק אויפֿן בויך געבראַכט צושלעפּן שטיקלעך קאַרטאָפֿל, אָפּפֿאַל פֿון עסן, און אַזוי האָבן זיי געלעבט 8 טעג, ביז וואַנען די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געפֿונען.

מיר זײַנען געווען אין זייער אַ שלעכטן מצב: 12 מענטשן מיט 2 שווער פֿאַרווּנדעטע דאַרפֿן דורכמאַכן 150 קילאָמעטער דורך טיפֿע בלאָטעס, טײַכלעך און אויך שנײַדן אַ באַן־ליניע.

גאָלדע האָט שוין דערווייל געקענט זיך שלעפּן אַ ביסל אויף די פיס. פאַרן קאָמיסאַר האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ נאָסילקע און זיך געלאָזן אין וועג. איך האָב קיין ווערטער ניט צו באַשרייבן דעם וועג. דער קאָמיסאַר, האַלטנדיק דעם פּיסטאָלעט אין האַנט, איז כּסדר געווען געפּערלעך אויפגערעגט און מיר האָבן, כּמעט ניט רוענדיק געשפּאַנט פאָרויס. איך מוז אונטערשטרייכן גאָלדעס שטאַרקייט, זי האָט אָנגעהאַלטענדיק זיך אַ ביסל אין אונז דורך דעם גאַנצן וועג מיט אָפענע ווונדן, נישט וועלנדיק אונז פאַרשווערן דעם וועג.

אַ ווינטער מיט וואַנדערונגען

נאָך 3 טעג און 3 נעכט זיינען מיר אָנגעקומען אין אונזער נייעם לאַגער. נאָך אַ צוזאַמענשטויס מיט לאַטישן, וועלכע זיינען אויף אונז געשיקט געוואָרן, האָט דער אָטריאַד זיך ווידער געלאָזן אין וועג, מיטן ציל בכלל צו פאַרלאָזן די געגנט און זיך גרייטן צום ווינטער. אונזער נייע געגנט איז געווען אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל, צווישן בלאָטעס, נעבן אַ גרויסן דאָרף האַצק, ווו דייטשן זיינען כּמעט קיינמאָל נישט דערגאַנגען. די באַפעלקערונג איז געווען זייער אַן אָרעמע. אַ 6 קילאָמעטער פון דאָרף האָבן מיר אָנגעהויבן בויען אונזער לאַגער. אונזער גרופּע האָט געקריגן איר צוגעטיילטן פּלאַץ. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, ווייל מיר האָבן געבויט טיפע „זעמלאַנקעס". מיט מיר צוזאַמען אין איין זעמלאַנקע האָט זיך געפונען איזיע באַרעצקי, משה סופר און אַ קריסט פון טשעמערוי, ניט ווייט פון סלאָנים. מיר האָבן געגראָבן אַ אַנדערהאַלבן מעטער די טיף, געהאַקט גרויסע קלעצער, געבויט פון זיי ווענט און פאַרשאָטן מיט אַ מעטער ערד אין דער הויך. אונזער „סטאַרשינאַ" איז געווען אַלפּערט. ער האָט באַלד געדאגה'ט וועגן אַ קיך און פּראָדוקטן. גלייכצייטיק איז אויך ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן די קאַמפּס־אַרבעט. עטלעכע גרופּן זיינען אַרויס אויף אויפרייס־אויפגאַבן, וועגן וועלכע עס קען פיל דערציילן אונזער זרח קרעמען, וואָס איז געווען דער אָנפירער פון דער גרופּע ביים אויספירן די אויפגאַבן.

דער ווינטער איז געווען אַ גאַנץ שווערער, גרויסע שנייען האָבן פאַרדעקט די וועלדער און די דערפער. מען האָט אָנגעהויבן פאָרן מיט שליטנס. דאָס לעבן האָט זיך ביי אונז אַ ביסל געביטן. די חברה האָבן זיך באַזאָרגט מיט גרויסע פּעלצן און שטיוול, מען פלעגט זיצן מער ביי די פייערן.

אין אָנפאַנג פעברואַר איז אין אונזער דאָרף דורכגעגאַנגען די פּאַרטיזאַנער־פאַראייניקונג „קאָווּפּאַק". מיר האָבן זיך געטראָפן מיט געציילטע אידן (אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסע זאַך זיך טרעפן מיט אידן פון צווייטע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען). קאָווּפּאַקס באַזוך האָט אונז קיין נחת ניט געבראַכט. צו אונז זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז גרויסע דייטשע אָפּטיילונגען גייען אין קאָווּפּאַקס טריט. טאָג־טעגלעך פלעגן מיר אַרויסגיין אויף אַמבושן. אין אַ שיינעם מיטן טאָג זיינען די דייטשן דערגאַנגען ניט ווייט פון האַצק. עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן פון אַלע גרופּן צו 3 מאַשין־געווער. פון אונזער גרופּע בין איך אַרויס מיט אַ טאַנקאָווון מאַשין־געווער, און 24 מענטשן מיט 12 מאַשין־געווער האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס ביים אַריינגאַנג פון דאָרף. צולאָזנדיק די דייטשן נאָענט, האָבן מיר אויף זיי געעפנט אַ שטאַרקן פייער. די דייטשן האָבן געענטפערט מיט אַ שרעקלעכן פייער, מינענוואַרפער האָבן פאַרשאָטן דעם דאָרף מיט הונדערטער מינען, קנוילן פון שוואַרצן רויך האָבן פאַרדעקט אַלץ אַרום. זעענדיק אַז מיר וועלן ניט קענען אויסהאַלטן דעם דרוק פון די דייטשן, האָבן מיר זיך געלאָזן צום לאַגער. דער אָטריאַד איז שוין געווען גרייט זיך צום רירן. די צייט איז געווען קורץ, ווייל די גאַנצע געגנט איז געווען פאַרלייגט מיט דייטשן. מיט עטלעכע שליטנס און פערד האָט זיך דער אָטריאַד געלאָזן אין וועג אַריין. דאָס איז געווען די שווערסטע צייט פאַרן אָטריאַד, קיין פּראָדוקטן, אַ חוץ מעל, האָבן מיר ניט פאַרמאָגט. און דאַן האָבן מיר געמוזט עסן פערדן־פלייש, צעלאָזענעם שניי מיט מעל. נאָך עטלעכע טעג גייען זיינען מיר אַריין אין אַ נייער געגנט. אונזער גרופּע האָט פאַרנומען אַ נאַכט־געלעגער און אַ ראַזוועדקע איז אַרויס אויסצוקוקן די דערפער וועלכע זיינען געלעגן אויף אונזער ווייטערדיקן וועג. איינע פון אונזערע פּאַטרולן איז אַרויף אויף אַ „זאַסאַדע" אין מיטן אַ קליינעם דערפל, און קומענדיק צוריק האָט געפעלט איינער פון אונזערע חברה, שמעון מיליקאָווסקי. ביינאַכט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף מיר און נאָך 4 מענטשן צו זוכן שמעונען. אין דערפל האָבן מיר אים געפונען, ער איז געלעגן טויט אויפן ביקס געגנוי אויפן פּלאַץ ווו מען האָט געעפנט אויף זיי אַ פייער. 6 קילאָמעטער האָבן מיר אים געטראָגן אויף די פּלייצעס און נאָך אין דער זעלבער נאַכט האָבן מיר אים פאַרבאַהאַלטן ביי איינעם פון די כוטאָרן פון יענעם געגנט. אַזוי האָבן מיר פאַרלוירן נאָך אַ גוטן חבר פון אונזער גרופּע.

די סלאָנימער צעשיידן זיך

פרילינג 1943 האָט געטראָפן די אידישע גרופּע אין אַ מצב פון פאַרמאַטערטקייט, נאָך דער גרויסער ווינטער־אָבלאַווע און די פאַרלוסטן פון גוטע חברים, און אין אַ גרויסן טייל אויך צוליב אַנטיסעמיטישע האַנדלונגען פון דעם שטאַב.

אין יענער צייט זיינען צו אונז דערגאַנגען די ערשטע דעסאַנטן פון רוסלאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע צייט. אַ פרייד וואָס איז שווער צו באַשרייבן האָט אונז באַהערשט, ווען דער ערשטער אַעראָפּלאַן האָט אונז אַראָפּגעוואָרפן געווער, מעדיקאַמענטן, זאַלץ און אַ סאַך אַנדערע נוצלעכע זאַכן. דאַן איז געקומען דער גרויסער באַשלוס פון דער נייער שטאַבלייטונג מיט די דעסאַנטן וועגן צעטיילן אונזער אָטריאַד אין 3 אָטריאַדן און צעוואַרפן די סלאָנימער גרופּע צווישן זיי. שטעלט זיך פאָר ווי שווער ס'איז אונז געווען, נאָכן דורכמאַכן אַזוי פיל אין סלאָנים און דערנאָך אין וואַלד, זיך ווידער צעשיידן, און ווער ווייס אויף ווי לאַנג. נאָר באַפעל איז באַפעל, און דאַן פאַל איך, ניאַניע צירינסקי, אָרלינסקי מיט זיין פרוי, שעווטשיק אין נאָך עטלעכע אַריין אין אָטריאַד אויפן נאָמען פון בודיאָני.

נישט געקוקט וואָס די סלאָנימער זיינען שוין אַ קליינע מינדערהייט, פונדעסטוועגן זיינען נאָך אונזערע עטלעכע חברים איינער פון די הויפּט־כּוחות אין אָטריאַד און פירן אויס וויכטיקע אויפגאַבן אין קאַמף קעגן די נאַציס. אין אַ דיווערסיע־גרופּע, וואָס ווערט געשאַפן אין אָטריאַד און ציילט 8 מענטשן, גיי איך אַריין צוזאַמען מיט ניאַניע צירינסקין.

אונזער אָטריאַד פאַרלאָזט די סוויעטיצער געגנט און באַ־

זעצט זיך אין בריסקער געגנט נעבן אַ גרויסן דאָרף ספּאַראווו. עס ווערט אויפגעשטעלט אַ גרויסער לאַגער און דאָס פּאַרטיזאַנישע לעבן ווערט פאַרגעזעצט. אונזער דיווערסיע־גרופּע קריגט דאַן ספּעציעלע אויפגאַבן צו צעשטערן די באַן־ און שאָסיי־פאַרבינדונג אויף די הויפּט־ליניעס בריסק־מינסק. אונזער הויפּט־פּונקט באַשטימען מיר אין דאָרף ניאמערזע, ניט ווייט פון די אַמאָליקע אידישע שטעטלעך דראָהיטשין און אַנטאָפּאָל.

מיר ראַטעווען אידן

איך און ניאַניע צירניסקי האָבן קיינמאָל ניט געלייקנט אונזער אידישקייט. פאַרקערט, מיר זיינען געווען שטאָלץ מיט דעם און דערפאַר האָבן מיר אויך געראַטעוועט עטלעכע אידן. אָנקומענדיק איינמאָל אויף איינע פון די כוטאָרן ניט ווייט פון דראָהיטשין, האָט זיך ביים זיצן און עסן מיטן פויער פאַרוואַנדלט אַ שמועס וועגן אידן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב גלייך געזאָגט אַז מיר זיינען דאָ 2 אידן. דער גוי איז געבליבן ווי אָן לופט, ניט גלויבנדיק אונז, און ער האָט צוגעגעבן אַז ער קען אידיש. הערנדיק אונזער אידיש איז ער שוין זיכער געווען אין אונזער אידישקייט און דאַן האָט ער אונז אַרויסגערופן און פאַרטרויט אַ גרויסן סוד, וועגן אַ אידישער משפחה וועלכע געפינט זיך מיט אַ קליינעם קינד אין וואַלד שוין כמעט 2 יאָר און האָט מורא סיי פאַר דייטשן און סיי פאַר פאַרטיזאַנער. נישט קלערנדיק קיין סאַך האָב איך מיט ניאַניען גענומען 2 פערד און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די באַגעגעניש מיט די אידן אין וואַלד איז געווען פרייד געמישט מיט טרערן. עס זיינען פאַר אונז דערשינען נאָר שאָטנס פון אַ משפחה: אַ מאַן, פרוי, שוועסטער און קינד פון אַ יאָר 2—3 (אויף זיין בר־מצוה בין איך געווען ניט לאַנג איינגעלאַדן אין חיפה). די משפחה האָט געלעבט פון רויע קאַרטאָפל מיט וואַסער פון שניי. אַ צווייטע משפחה איז דאָרטן געשטאָרבן פון הונגער. מיר האָבן זיי גלייך איינגעאָרדנט אין דאָרף ניאמערזע, זיי געגעבן אַ קו. דער מאַן האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שניידער פאַר אונז, די פרויען האָבן געשטריקט. מיט דער צייט זיינען זיי אַריבער אין אַ ציווילן לאַגער, און היינט געפינען זיי זיך אין ישראל.

דערווייל זעצן מיר פאָר מיט דיווערסיע־אַרבעטן. אין משך פון 4 נעכט, איינע נאָך דער צווייטער, האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט 4 צוגן צווישן קאַרטוז־בערעזע און בריסק. די הויפּט־אַרבעט פון צוגרייטן די מינען און זיי אַרויפלייגן אויף די רעלסן פירן אויס ניאַניע, איך און אַ ווייסרוסישער קריסט. די ראַזוועדקע האָט אונז איבערגעגעבן נאָך די אויפרייסן, אַז די פאַרלוסטן פון די 4 עשאַלאָנען זיינען געווען זייער גרויסע סיי אין מענטשן סיי אין געווער און אַמוניציע, און טאַקע אין דער „סוואָדקע" פון פאַרטיזאַנישן שטאַב ווערן מיר באַדאַנקט און צוגעשטעלט צו אויסצייכנונג.

אין יענער צייט (זומער 1943) האָבן די דייטשן אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די וועלדער, וווּ ס'האָבן זיך לויט זייער פאַרשטאַנד געדאַרפט געפינען פאַרטיזאַנער. אין דער שטיקל צייט, ווען אונזער דיווערסיע־גרופּע האָט זיך געפונען אין לאַגער, זיינען באָמבאַרדירט געוואָרן די וועלדער פון אונזער געגנט און אין איינע פון די באָמבאַרדירונגען האָבן די דייטשן געטראָפן גענוי אין אונזער לאַגער. אַ ברען באָמבע איז געבליבן הענגען אויף אַ בוים איבער דער מעדיצין־אָפּטיילונג, וועלכע איז געפירט געוואָרן דורך ד"ר אָרלינסקאַ, אברהם אָרלינסקיס פרוי. מאָמענטאַל איז דער גאַנצער געצעלט אַרומגענומען געוואָרן מיט פלאַמען. ד"ר אָרלינסקאַ האָט ממש פון די פלאַמען אַרויסגענומען די מעדיקאַמענטן און די מעדיצינישע אינסטרומענטן, נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין דער זעלבער צייט איז זייער געצעלט מיט זייערע פריוואַטע זאַכן אַוועק אין פלאַמען. איך געדענק נאָך, אַז געננוי אין יענעם טאָג האָבן זיי אויסגעוואַשן זייערע זאַכן, און אַזוי ווי יעצט שטייט פאַר מיינע אויגן די ברענענדיקע שטריק מיט די וועש. געבליבן זיינען זיי כמעט אָן קליידונג, אָבער די מעדיקאַמענטן זיינען געראַטעוועט געוואָרן.

מיר האָבן באַקומען אַ באַפעל איבערצוגיין דעם „קרולעווסקן קאַנאַל" און זיך דערוויסן וועגן די גרופּירונגען פון די דייטשן, ווייל דער פראָנט איז שוין געווען אין די געגנטן פון קאָוועל. איבערגייענדיק דעם קאַנאַל זיינען מיר אַריין אין דאָרף נאָוואָסיאָלקי. און דאָרטן האָט זיך איבערגעחזרט דער פאַל פון ניאמערזע. די לערערקע פון דאָרף, זיך דערוויסנדיק אַז מיר זיינען אידן, האָט אונז פאַרטרויט אַ סוד, אַז צווישן די בלאָטעס געפינט זיך אַ כוטאָר וווּ עס לעבט אַ אידיש מיידל. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער מצב איז געווען אָנגעשטרענגט און דער וועג פול מיט סכנות האָבן מיר זיך, איך און ניאַניע, געלאָזט אין וועג. נאָכן זינקען אין טיפע בלאָטעס זיינען מיר דערגאַנגען צו אַן אינזל. אַ פויער האָט אונז אויפגענומען און האָט געלייקנט די געשיכטע מיטן מיידל, מורא האָבנדיק אַז מיר זיינען ניט קיין אידן. נאָך לאַנגע וויכוחים און אויפווייזונגען האָט ער זיך איבערצייגט און אונז דערציילט, אַז ווינטער האָט ער געפונען אין אַ סטאָג היי אויף דער בלאָטע אַ כמעט פאַרפרוירענע מיידל, וועלכע האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן ווי לידא פון אנטאפאל (היינט אין אַרגענטינע). ער האָט אונז געבראַכט אויפן פעלד און אונז געוויזן, אַז צווישן זיינע טעכטער, כמעט נישט צו דערקענען דעם אונטערשייד, האָט אויך געאַרבעט די לידא. די באַגעגעניש איז געווען אָן צוטרוי פון איר זייט, אָבער שנעל איז זי צו זיך געקומען און מסכים געווען גיין מיט אונז. ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם קאַנאַל, איז צופעליק אונז אַנטקעגן אָנגעקומען זרח קרעמען, וועלכער האָט זיך געפונען אין אַ צווייטן אָטריאַד. מיר זיינען ניט געווען זיכער, צי וועט מען לידען צונעמען צו אונז אין אָטריאַד, האָט זרח מסכים געווען זי נעמען צו זיך און אַזוי קען מען צושרייבן אויף אונזער חשבון לידען אויכעט.

דער יאָר 1943 האָט זיך דערנענטערט צום סוף און די שנייען האָבן פאַרדעקט אונזערע לאַגערן. דער פראָנט האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן קאָוועל און די געגנטן זיינען געווען פאַרלייגט מיט דייטשן, וועלכע האָבן געפרווּט פאַרהאַלטן די רוסישע אַרמיי. אונזער טעטיקייט איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג, נאָר די דיווערסיע־אַרבעט איז פאָרגעזעצט געוואָרן, און אין די ערשטע 3 מאָנאַטן פון 1944 האָבן מיר אַראָפּגעלאָזן 11 עשאַלאָנען פון די רעלסן, אויפגעריסן די טאָרף־מאַשינען וועלכע האָבן געגראָבן טאָרף 8 קילאָמעטער פון בריסק און געשיקט קיין דייטשלאַנד. ענדע מערץ האָבן

מיר זיך אומגעקערט פון אַ באַך־אויפרייס און זיך געלייגט אָפּרוען. איידער מיר זיינען איינגעשלאָפן האָט מען אונז איבערגעגעבן אַז מאַדיאַרן, וועלכע האָבן געקעמפט צוזאַמען מיט די דייטשן, זיינען אַריין אין דאָרף וועלכער געפינט זיך 100 מעטער פון אונז, איבער אַ טייכל. שנעל האָבן מיר פאַרנומען פּאָזיציעס פון צווייטן זייט טייכל. אַ ראַזוועדקע איז געפאָרן אָנזאָגן גרעסערע כוחות פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן זיך געפונען אַ 15 קילאָמעטער פון אונז. איינציקע שאָסן האָבן נאָר געשטערט די רו פון פרימאָרגן. די מאַדיאַרן האָבן דערפילט, אַז מיר געפינען זיך ביים טייך הינטער די לעצטע הייזער פון דאָרף, און זיי האָבן באַשלאָסן, ווי עס ווייזט אויס, אונז אָנגרייפן. אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען איך האָב זיך אַרויסגערוקט פון הינטער אַ הויז, האָט אַן איינצלנער גוט געצילטער שאָס מיר געטראָפן אין פוס. איך בין געפאַלן אָן באַוווסטזיין, אין די זעלבע מינוטן זיינען די מאַדיאַרן איבערגעגאַנגען צום אָנגריף און די חברה האָבן, מיר שלעפנדיק דורכן שניי, פאַרלאָזן דעם דאָרף.

אַזוי האָב איך פאַרענדיקט מיין קאַריערע אויף 4 מאָנאַטן, זיך געוואַלגערט אין שווערע אָבלאַוועס פאַרווונדעטערהייט. די מאַדיאַרן האָבן גאַנץ טייער באַצאָלט פאַר מיין וווּנד, זיך אומקערנדיק צוריק האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אונזער אַ „זאַסאַדע” און איבערגעלאָזן אַ 30 פגרים אויפן שאָסיי. איך מוז דערמאַנען די איבערגעגעבנקייט פון ד״ר בלומאָוויטש און ד״ר אָרלינסקא, וועלכע האָבן מיר געהיילט די גאַנצע צייט.

די באַפרייאונג

נאָך 3 מאָנאַטן היילן זיך אויף אַן אינזל צווישן די ספּאַראָווער בלאָטעס, בין איך אומגעקערט געוואָרן צו דער דיוויזיע־גרופּע אין חודש יולי 1944. די וועגן זיינען געווען פאַרלייגט מיט דייטשן, מאַדיאַרן, און נישט נאָר די הויפּטוועגן. די רויטע אַרמיי איז איבערגעגאַנגען צו אַן אָפענסיווע. אונזערע אויפגאַבן זיינען געווען שטערן די וועגן, נאָר דעם אמת זאָגנדיק, איז דאָס געווען כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. דעם גרעסטן טייל פון אונזער צייט האָבן מיר פאַרבראַכט אין בלאָטעס, כמעט אין וואַסער, מיר זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פון אונזער שטאַב, בלייבנדיק אַרומגערינגלט אויף אַ גרויסער בלאָטע ניט ווייט פון קאָברין.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן זיינען צו אונז דערגאַנגען האַרמאַטן־שאָסן. די פרייד איז געווען ניט צו באַשרייבן, אונזער באַפרייאונג דערנענטערט זיך! די האַרמאַטן־קוילן האָבן זיך לאַנגזאַם דערנענטערט צו אונז און אויך אונז איבערגעגאַנגען. אויף די לאַנגע קוילן־פייפן, וועלכע האָבן דורכגעריסן די לופט און געפאַלן ווייט הינטער אונז, האָבן מיר געוואַרט כמעט 3 יאָר. די נאַכט איז אונז דורך ווי אַ גאַנץ יאָר און אויפן פאַרטאָג האָבן מיר געשיקט אַ ראַזוועדקע, אין וועלכער איך בין אויך געווען. אַ לאַנגער אָבאָז מיט גרויסע רעדער, באַגלייט מיט זעלנער פון ביידע זייטן וועג, האָט זיך אַנטדעקט פאַר אונזערע אויגן. — „אונזערע!” — האָבן מיר אויסגעשריען. די גרויסע מינוט איז אָנגעקומען.

קורץ און שנעל זיך אַרומגענומען, — שטאַרק געקושט זיך, ניט אָפּהאַלטנדיק די אַרמיי, וואָס איז געגאַנגען פאָרויס. אונז האָט מען געהייסן גיין צוריק אין קאָברין, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן אַ טאָג פריער. מיט דער גאַנצער חברה האָבן מיר זיך געלאָזן קיין קאָברין. אַזוי האָט זיך געענדיקט איינע פון די גרעסטע און שוידערלעכסטע תקופות פון אונזער לעבן.

מיט אַ גרויסן טייל פון סלאָנימער חברים האָב איך זיך געטראָפן אין מינסק, ביים צוזאַמענפאָר פון די ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנער. דער גרעסטער טייל פון אונזערע זיינען געשיקט געוואָרן אויפן פראָנט און צום גרויסן צער אומגעקומען. שווער איז פאַרווונדעט געוואָרן ניאַניע צירינסקי, וועלכער איז געבליבן ביז היינט אין רוסלאַנד אָן אַ פוס. אַ קליינער טייל האָט זיך איינגעאָרדנט אין הינטער־פראָנט. אָרלינסקא אין דער בריסקער עלעקטראָסטאַנציע, קרעמען אַלס לערער אין בריסק. איך בין אַוועק זיך לערנען אין בריסקער טעכניקום.

אויף די חורבות פון סלאָנים האָב איך באַזוכט 2 מאָל צו עטלעכע שעה. דעם 14־טן אויגוסט בין איך אַריבערגעגאַנגען די רוסיש־פּוילישע גרענעץ אויפן וועג קיין ישראל.

שמעיה ברקוביץ

נדודי־אימים בין הגיטו ליער

ביום 17 ביולי 1941 הוציאו אותי ואת אחי מהבית בשעה 9 בבוקר, באמתלה של עבודת־כפייה. ציוו עלינו אז לעמוד בידיים מורמות ופנינו אל הקיר. עמדנו ככה עד שנאספו 20 איש, ואז ציוו עלינו לרוץ דרך רחוב אופרובה עד ברנרדינסקה, בכיוון ל„דום לודובי”. ירד גשם קל. בפנים היה מחנק, — הביאו לשם כ־1500 איש. אח״כ העמידו אותנו בשורות לפני השער ודרשו מכל אחד שיוציא מהכיס את כל מה שהיה לו, — תעודות, כסף וחפצים אחרים, ולשים אותם על האדמה.

ראיתי בין יתר החטופים את הרב פיין, את החזן, את שמואל אוורבוך, את גבוריק השען, ועוד אנשים שאינני זוכר את שמותיהם. כל אחד זרק על הארץ את כל מה שהיה לו. את הפספורטים הרוסיים קרעו הגרמנים מיד לפיסות קטנות. בשעה 1 בערך התחילו להטעין 40—50 איש על מכונית־משא והובילו אותם למקום בלתי־ידוע לנו. בערך בשעה 4 אחה״צ אמרתי לאחי: „בוא ונעלה על המכונית”, — כי היינו כבר רעבים וחשבנו שבמקום העבודה יתנו לנו אוכל, אולם אחי אמר לי שכדאי להיות מהאחרונים.

לאחר ששלחו כבר 1200 איש באה פקודה שיתר 300 איש ילכו הביתה. שמחנו מאד והתחלנו לצאת מהבניין. משני צדי הפתח עמדו גרמנים והכו את כל אלה שיצאו. שבועיים לא היה ידוע לאן נשלחו החטופים, אולם לאחר שכמה נשים יצאו לחפשם, נודע שכולם נהרגו.

עבדתי אצל תפר בביתי, מוסטובה 30. לעתים קרובות היה מופיע אצלנו גרמני „מקומי” אחד, משאיר הזמנות ומקבל אותן כעבור זמן־מה. — יום לפני ה־14 בנובמבר 1941 בא הגרמני הזה וביקש להחזיר לו את העור, שהביא אותו בוקר. הוא רמז, שכדאי לנו להתחבא.

למחרת היום, ב־4 לפנות בוקר כבר ראינו ז׳נדרמים ניצבים ברחובות. מצאנו מחבוא בבית שימוש שבנינו בו קיר כפול וישבנו בו כל היום; גרמנים היו נכנסים לתוכו לצרכיהם, בנו הם לא הרגישו. באותו יום נהרגו בסלונים 10.000 יהודים. בערב הבחנו שיהודים מהלכים ברחובות, עזבנו את המחבוא ויצאנו החוצה.

משנודע לנו על האקציה, שנועדה להיות השחיטה הגדולה לחיסול יהודי סלונים, ביוני 1942, מצאה לה המשפחה שלנו מחבוא אצל בטלן, ברחוב ברנרדינר, במרתף. ישבנו במחבוא 6 ימים. כשראינו יהודים ברחובות החלטנו שהאקציה כבר נגמרה. במיוחד רצתה אמא לעלות הביתה עם הילד. היא יצאה ואנחנו באנו אחריה, — כעבור זמן־מה נכנסו שוטרים ולקחו את כולנו אתם. הם הובילו אותנו לחצר בית־הספר. חילקו אותנו לשתי קבוצות, — באחת היו הגברים, בשניה — הנשים והילדים. נשארנו שם יומיים, ביום השלישי בא המהנדס וולפשטיין עם אנשי ס. ס. והוציא את הגברים. שאלו כל אחד על מקצועו. אותי לקחו יחד עם 150 איש הצידה, הביאו אותנו לגיטו. את השאר הרגו. באותו יום נהרגו כל בני משפחתי. נשארנו בחיים רק אני ואחי עם אשתו. הגיטו היה כבר מצומק — מוסטובה בין שני הגשרים. המשכתי לעבוד במכבסה שלנו, במוסטובה 30.

חשבתי על היער, אך ידעתי שבלי נשק אין תקוה להגיע לפרטיזנים. היה לי חבר טוב, איצל מולצ׳אדסקי, שהיה גר ליד טחנת־הקמח של צלקה קוניצה, לא רחוק מתחנת החשמל. יחד עם איצל חיפשנו דרכים לרכישת נשק והנה החליט איצל לפנות בענין זה לסנדלר דנילוק, שהיה בעבר קומוניסט. הלה הסכים למכור לו 4 רובים, בסכום הכולל של 600 מרק. כשבועיים ימים היה דנילוק דוחה את הענין, עד שיום אחד בא איצל וקרא לי ללכת אתו מחר בבוקר לדנילוק כדי לקבל ממנו את הרובים. הוא קרא גם לדודו, שעבד אצל הגרמנים כאחראי על עבודת ה„ניצליכה יודן”. התקרבנו לבית דנילוק, שעמד מאחורי הגיטו. אני נשארתי עומד בפינה מוסתרת, נכנסו אליו איצל עם הדוד. כעבור רבע שעה יצאו מהבית אנשי ס. ס., דנילוק, איצל ודודו. כעבור יומיים הוצאו איצל ודודו להורג, אך דנילוק שוחרר (כאשר חזרתי לסלונים בשנת 1946 סיפרתי לשלטון הקומוניסטי על המקרה עם דנילוק, אולם נראה, שלא אונה לו כל רע והוא נשאר במקומו).

המשכתי לעבוד, וגם אחי עבד אצל הגרמנים. לא שמנו לב לכך, שכדאי להצטייד בתעודות־העבודה הצבעוניות, שיכולנו אז להשיגן בקלות. והנה ביום אחד, כשלושה חדשים אחרי השחיטה הגדולה, באו ז׳נדרמים והתחילו להוציא את כל היהודים מבתיהם. הוציאו גם אותי ואת אחי. בא מצנר, העמידו שולחן אחרי הגשר הראשון ליד ביתו של וולף מרמינסקי, והגברים צריכים היו לעבור על ידו. לרובם היו „שיינים”, היתה בידו רשימה והוא היה מכריז על השמות ושולח לכיוון הדמבה. הבחנו שבין השמות אחדים לא הופיעו, — החלטתי שעם הכרזת שמו של נעדר ארוץ לכיוון הדמבה. כך עשיתי, וגם אחי רץ אחר־כך אלינו. מצנר גמר להקריא את הרשימה, נגש אלינו והתחיל בבדיקה נוספת. מצא יהודי שלא היה לו „שיין” — הוציא אותו מהשורה, אמר לו ללכת למים ובדרך ירה בו. בשחיטה הזאת נהרגו כ־800 איש.

נשארו בסלונים כ־800—1000 יהודים, פועלים „ניצליכה יודן”. חזרנו למכבסה, קיבלנו כרטיסים והמשכנו לעבוד.

התחלתי לחשוב על היער, לחפש דרך אליו. הקשר שלי עם הפרטיזנים נחלש בינתיים. המכבסה עמדה מחוץ לגיטו. מצאתי נוצרי אחד, שהייתי מוכר לו בגדים, והוא הבטיח להביא אותי לפרטיזנים. אחי לא רצה ללכת ואני החלטתי ללכת לבדי. לשם זה צריך הייתי קודם־כל לצאת את הגיטו; הוסכם שהנוצרי הזה יבוא בעגלה למוסטובה, שלא היתה בתחום הגיטו, ואני אלך אחריו. הוא בא ב־4 אחה״צ, פחד להכניס אותי תיכף לעגלה מתחת לתבן, נסע קדימה ואני הלכתי בעקבותיו. עברתי את פרדנה, אפטצ׳ני זאולק. הגעתי עד פינת רח׳ ה־3 במאי (סקרובובה). שם עמד קליבנסקי ושאל אותי לאן אני הולך; נכנסתי אתו לחצר, סיפרתי לו, הורדתי את הטלאי הצהוב מעל בגדי ונכנסתי לרח׳ זירוביצקי, בו המשכתי עד האיצטדיון שמאחורי הקסרקטין. עברתי עוד כחצי קילומטר, עד שמצאתי את העגלה. האכר הכניס אותי לתוכה, כיסה אותי בתבן והביא אותי הביתה אליו — לדוויאטקוביצ׳י; כעבור יומיים שלחתי על־ידו מכתב לאחי, שיתן לו פיצוי הגון. האיכר יעץ לי ללכת לאוקונינובה, כי שם אפשר למצוא את הפרטיזנים. הלכתי ואמנם מצאתי שם פרטיזנים, אך הם שלחו אותי הלאה לועד המלחמתי שלהם, שנמצא ב„וולצ׳ה נורה”, בבית בלתי־גמור. פגשתי שם את התפר שרמן, אשר היה אז בשמירה. הוא נתן לי להיכנס, ונתקבלתי לפרטיזנקה. הייתי אז בן 18.

נכנסתי לקבוצה יהודית, שבה היתה גם מאשה מושקובסקי. ביום השני לבואי הטילו עלי להיות הקשר עם המטה שהיה באוקונינובה. הקומנדיר הראשי היה ניקולאי ניקולייביץ׳, אנטישמי מובהק (סיפרו לי אחר כך, שהפרטיזנים עצמם ירו בו). נתנו לי סוס רזה וחלש וצריך הייתי ברכיבה עליו להעביר את הידיעות למטה וחזרה. לרכב

לא ידעתי, הייתי מוביל את הסוס ברסן. הייתי לכן קם עם חשכה, כדי להספיק להעביר ברגל (עם הסוס) את הידיעות.

כעבור זמן־מה הותקפנו ע״י הגרמנים, נלחמנו, נפלו בקרב הרבה מהפרטיזנים והרוסים התחילו להאשים בכשלון את היהודים. הייתי שם יחד עם זיאמה אוסטרובסקי — לא ידענו מה לעשות. הרוסים לקחו מאתנו את הנשק. היתה בינינו אשה אחת עם ילד, — והם הכריחו את האם לחנוק את ילדה. נשארנו חבורה בת 7 אנשים, כשפרשנו מהיחידה. התחבאנו זמן־מה ביער, אך לא יכולנו להמשיך ואני החלטתי לחזור לסלונים. היה אתי משה׳לה קרוליצקי.

התחלנו ללכת חזרה לסלונים, אולם לא מצאנו את הדרך. פתאום הופיע לפנינו שוטר בילורוסי, שכיוון את הרובה שלו אלינו, — ברחנו כל אחד לצד אחר; אני הגעתי לחורשה קרובה והייתי שם יומיים. משה׳לה ניצל גם הוא הפעם. נפגשתי אתו עוד פעם אחת, אחר כך הוא נעלם ממני וכנראה נהרג. סוף סוף הגעתי לסלונים, מצאתי שם בית הרוס בז׳בינקה, עשיתי לי מחבוא והודעתי לאחי על בואי. הוא היה מביא לי אוכל ובגדים להחלפה. סבלתי מכינים ולא עזרה לי החלפת הבגדים והלבנים. התגעגעתי לאמבטיה. מרחוק ראיתי שמסיקים את בית־המרחץ של שעיה אפשטין, והחלטתי להיכנס. המרחץ היה מיועד רק לגרמנים ולנוצרים. עבד שם בתור מפקח ד״ר יעקב רביצקי. נגשתי אליו, קיבלתי כרטיס והלכתי להתרחץ. התרחצתי היטב, החלפתי את בגדי וחזרתי לחורי בבית ההרוס. אחי דאג לי מאד, היתה סכנה להישאר זמן רב באותו מקום. הוא מצא בבית יזרסקי איזו גויה זקנה, עשירה וטובת־לב, שהסכימה בעד תשלום מסויים להחזיק אותי אצלה. ישבתי שם כשבועיים. ושוב היתה אקציה, האקציה האחרונה; נהרג גם אחי, נהרגו כל היהודים, — אני נשארתי יחידי. ביקשתי את המארחת שלי שתלך לחפש את אחי. היא חזרה וסיפרה שמצאה אותו מוטל מת ברחוב, בלי נעליים. ועוד סיפרה שהודבקו מודעות ברחובות, כי כל נוצרי שיחביא אצלו יהודי אחת דינו למות, וביקשה ממני להסתלק מביתה. לא היתה לי ברירה, החלטתי לחזור ליער. בדרך פגשתי יהודי אחד, פרטיזן בודד כמוני, והמשכנו שנינו ללכת אל הפרטיזנים. יום אחד נתגלתה לפנינו דרך, שבה הלכו הרבה אנשים — השלג גילה את עקבותיהם. אמרתי לחברי שפה בוודאי נמצאים פרטיזנים ושעלינו ללכת בעקבותיהם. באנו בסוף לרחבה, העקבות נעלמו ואי־אפשר היה לגלות משהו. התחלנו לצעוק ברוסית, לשיר שירים רוסיים. לאט לאט יצאו אלינו אנשים מהפרטיזנים ובסוף הם קיבלו אותנו אליהם. כשנשלחתי לחפש נשק, נזכרתי כי הסנדלר סיפר לנו איך קבר אצל הגרמנים 4 חיילים רוסיים עם רוביהם. יצאתי עם עוד פרטיזנים למצוא את הקברים וכעבור כמה ימים מצאנו את הבורות והוצאנו את הרובים. היה זה על־יד הלינקה. בשובנו נפגשנו עם פרטיזנים אחרים, ה„אנדרייבצים״, פלוגה שהיתה חלק מגדוד שצ׳ורס. אלה קיבלו אותנו יפה, חילקו אותנו בין 2 מחלקות שלהם ולחמנו אתם יחד. עברתי אתם דרך ארוכה עד שהגענו עד הויסלה. כבר כחייל בצבא האדום נפצעתי קשה, טיפלו בי היטב והבראתי. חזרתי לצבא ועם החיל של גנרל רוקוסובסקי נכנסתי בשנת 1945 לברלין. חצי שנה נשארתי בגרמניה, עבדתי בקומנדנטורה בווימאר. לסלונים הגעתי בשנת 1946. הייתי שם כ־5 חדשים, אחד מבין כ־30 יהודים. גרתי אצל יוסף אברמובסקי, ברחוב דלוגה.

לא יכולתי ולא רציתי להישאר שם יותר. יצאתי את עיר מולדתי בדרך הנדודים לארץ מכורתנו.

צבי לחױזבינסקי

וואַגלעניש איבער וועלדער

אין דער ערשטער צייט פֿון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָב איך זיך געפֿונען מיט מיין פֿאַמיליע אויף צוואַנגס־אַרבעט אין מיין געוועזענער טערפּענטין־פֿאַבריק (סמאָלאַרניע) אין פֿאָלאַנקע — אַ שטעטל און אַ באַן־סטאַנציע צווישן סלאָנים און באַראַנאָוויטש. ווען עס איז אין פֿאָלאַנקע פֿאָרגעקומען די שחיטה, דעם 12־טן אויגוסט 1942, זיינען מיר אַנטלאָפֿן פֿון סמאָלאַרניע אין דערבייאיקן וואַלד אַריין. די וועלדער זיינען מיר געווען גוט באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט ביז סלאָנים. די ערשטע צייט אין וואַלד איז אונז געווען שווער און ביטער, אָן געווער זיך צו באַזאָרגן מיט שפּייז, אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך געטראָפֿן אין וואַלד מיט נאָך עטלעכע אידן פֿון פֿאָלאָנקע, אויך מיט אייניקע קריסטן פּאַרטיזאַנער, „וואָסטאָטשני־קעס״ (פֿון מזרח געקומענע), וועלכע האָבן אונז אָרגאַניזירט און באַזאָרגט מיט אַביסל געווער.

מיר זיינען געווען אַ שטיק צייט אין די וועלדער נעבן איוונאיע און הוטקע, אין מאַגיסטראַצקן און קאַזיאָנעם וואַלד. שפּעטער זיינען מיר איבערגעגאַנגען אין אַ צווייטן אָרט, אין יעזיאַנער וואַלד, נעבן דאָרף באָסין, ווו מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפֿן מיט אַ גרופּע געראַטעוועטע אידן פֿון לעסנאָיע.

פֿרילינג 1943 איז אַרויס אַ באַפֿעל פֿון הויפּט־פּאַרטיזאַנער־שטאַב, אַז אַלע קליינע גרופּעס מוזן צושטיין צו די גרעסערע פּאַרטיזאַנער אָטריאַדן, זיי טאָרן זיך אַליין ניט אַרומשלעפּן אין די וועלדער — אַניט וועלן זיי צעשאָסן ווערן. עס איז צו אונזער גרופּע דאַן צוגעשטאַנען דער סלאָנימער איסר טשערניכאָווסקי. מען האָט אונז אַלעמען אַריבערגעפֿירט אין דאָרף איוואַנאָוויטש און פֿון דאָרטן, דורכן דאָרף דאָברי־באָר, זיינען מיר אַריבער די שטשאַרע און מיט גרויסער געפֿאַר דורכגעשניטן דאָס דאָרף מוראַמין. מיר זיינען געבליבן רוען אייניקע טעג אין אַ וואַלד ניט ווייט פֿון דאָרף.

אין דעם זעלבן וואַלד, אומגעפֿער 2 קילאָמעטער פֿון דאָרף מוראָמין, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער גוט־איינגע־אָרדנטער זעמליאַנקע. מען האָט אונז איבערגעגעבן, אַז אין איר זיינען געווען 18 מאַן פֿון סלאָנים, וועלכע פּאָליציי און דייטשע מערדער האָבן ערשט ניט לאַנג אַרומגערינגלט און אַלעמען אומ־געבראַכט. איך בין אַריין אין דער זעמליאַנקע און געזען מיט טרויער, אַז עס איז נאָך אַלעס פֿריש, עס האָבן זיך נאָך געוואַלגערט צעריסענע זאַכן, געצייג, און אפילו אַ טאָרבע זאַלץ האָבן מיר דאָרטן געפֿונען. די נעמען פֿון די אומגעקומענע 18 יונגע לעבנס פֿון סלאָנים איז מיר ניט געלונגען זיך צו דערוויסן.

אין אייניקע טעג אַרום האָט מען אונז איבערגעפֿירט אין גרויסן וואַלד „וואָלטשאַ־נאָראַ״ און אונז אָנגעשלאָסן צו אַ אידישער פֿאַ־מיליען־גרופּע. די „סעמיינע״ גרופּע איז באַשטאַנען מערסטנטייל פֿון ביטענער אידן און אַ קליינעם טייל קאָסאָווער. מיר זיינען געווען ניט ווייט פֿון איוואַצעוויטש און פֿלעגן אַרויספֿאָרן אויף פֿאַרשיידענע אָפּעראַציעס אין דערפֿער ניט ווייט פֿון סלאָנים, זשיראָווע, אין דאָרף דערעוויאַנטשיץ און אַנדערע. אין דאָרף אָקונינאָווע האָבן מיר פּויערים דערציילט, אַז אַ געוויסע צייט האָט זיך אַרומגעשלעפּט איבער דער געגנט מיין קוזין נחום לאָחאָזוויאַנסקי, פֿון סטודענטסקע גאָס 4. דאָס איז שוין, ווייזט אויס, געווען נאָך דעם ווי עס איז אין סלאָנים אומגעקומען זיין פֿרוי מיטן זון. מעגלעך אַז ער האָט נאָך דאַן ניט געטראָפֿן אין געגנט קיין אידישע פּאַרטיזאַנער און אַ פֿאַר־ביטערטער און דערשלאָגענער האָט ער זיך אוממוטיק אומגעקערט צוריק קיין סלאָנים, אין געטאָ.

דעם 18־טן יולי 1944, נאָך פֿילע איבערלעבונגען און געפֿאָרן, זיינען מיר ענדלעך באַפֿרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. נאָך דעם באַפֿרייאונג בין איך געווען אין סלאָנים נאָר אייניקע שעה. דעם חורבן איז שווער צו באַשרייבן. איך בין שנעל געלאָפֿן איבער די גאַסן, מיר האָט געצויגן צו דער גרויסער שול, וועלכע איז געבליבן גאַנץ. נאָר אין דער הויך איז געווען אַ לאָך פֿון אַ האַרמאַטן קויל. די שול איז געשטאַנען פֿאַרשלאָסן, — אין איר האָט זיך געפֿונען אַ תבואה־שפּייכלער.

חביבה פאַקטער

מיט סלאָנימער אין די וועלדער

געבוירן בין איך אין מעלניק נאָד בוגיעם. קיין סלאָנים בין איך געקומען אין 1935. איך האָב געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן אַלס קעלנערשע. אין 1939, ביי די באָלשעוויקעס, האָב איך געאַרבעט אַלס דערציערין פון די שילער אין דער פאָלקס־שולע אויף רוזשנויער גאַס. אַמאָל איז דאָרטן געווען די תלמוד־תורה, האָבן די באָלשעוויקעס געהייסן זי פאַרמאַכן און האָבן דאָרטן געגרינדעט אַ פאָלקס־שולע אין דער אידישער שפּראַך. אין דער פאָלקס־שולע האָב איך געאַרבעט ביז 1941, ביז די דייטשן זיינען אַריין. דאַן האָב איך זיך אַרומגעוואַלגערט אין געטאָ, געקראָגן אַ האַלבן פונט ברויט אַ טאָג מיט אַביסל זופּ פון פערדן־פלייש. אין געטאָ האָבן זיך געפונען מיין מוטער, צוויי ברידער מיט זייערע פרויען און קינדער. נאָך דער ערשטער שחיטה, דעם 14 נאָוועמבער 1941, בין איך אַריבער אַרבעטן אין „בויטע־לאַגער". פון דער ערשטער שחיטה איז מיין גאַנצע משפחה אַרויס גאַנץ, ווייל די דייטשן האָבן באַשטימט, אַז מען נעמט אַרויס פון די הייזער די אידן וואָס געפינען זיך פון איין זייט גאַס, די אַנדערע רירט מען דערווייל ניט אָן. עס איז געווען אַ פאַל, אַז די מערדער זיינען אריין אין איין הויז פון דער צווייטער זייט און פון דאָרט אַרויסגענומען קוניצען (דעם לערער פון דער אידישער פאָלקס־שולע) מיט זיין פאַמיליע, אין דעם מאָמענט איז גראַדע פאַרבייגעגאַנגען היק, האָט ער געהייסן מען זאָל זיי אַלעמען צוריקקערן אַהיים. שפּעטער איז אויך די פאַמיליע אומגעקומען. אויך מיין מוטער, מיינע ביידע ברידער מיט זייערע פאַמיליעס זיינען נאָכדעם אומגעקומען אין געטאָ.

זיך צו שפּעט געכאַפּט

ווי האָבן די אידן געלעבט ביי די באָלשעוויקעס? — שווער, זייער שווער, אָבער צום לעבן האָט מען ווי ס'איז געהאַט. די רייכערע און פאַרשיידענע כלל־טוער האָבן זיי אַרויסגעשיקט קיין רוסלאַנד, פאַרשיקט ווייט אין סיביר, אויך אַנגעזעענע ציוניסטן האָט מען אַרויסגעשיקט ווייט אין אַזיאַטישן רוסלאַנד. די געשעפטן האָבן זיי צוגענומען, פאַרמאַכט, געטיילט ברויט לויט קאַרטן — אָבער דאָך געגעבן אַלעמען אַרבעט, געמאַכט אַלעמען פאַר באַאַמטע. עס איז געווען שווער צו לעבן, אָבער דאָך האָט מען עקזיסטירט.

ביי די דייטשן איז ניט געווען קיין שום האָפענונג לעבן צו בלייבן. צו דעם געדאַנק זיינען אידן געקומען צו שפּעט. גלייך נאָך דער ערשטער שחיטה האָבן אידן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַוועקלויפן אין וואַלד, — דאָרטן אין די וועלדער זיינען שוין געווען פאַרטיזאַנער, דאָס זיינען געווען די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען גענומען געוואָרן דורך די דייטשן אין געפאַנגענשאַפט און האָבן געווּסט, אַז ביים שונא דערוואַרטעט זיי דער טויט. זיינען זיי אַנטלאָפן אין וועלדער. אין דער ערשטער שחיטה אין סלאָנים זיינען ס'רוב געהרגעט געוואָרן ווייבער און קינדער, די מענער האָבן זיך באַהאַלטן, גלויבנדיק, אַז זייערע ווייבער און קינדער וועט מען ניט אָנרירן.

ערשט נאָך דער צווייטער שחיטה האָבן סלאָנימער אָנגעהויבן גיין אין וואַלד אַריין. ווי מען שאַצט אָפּ, זיינען פון סלאָנים אַוועק צו די פאַרטיזאַנער פון 200 ביז 300 מענטשן, — סלאָנימער און גוט־סלאָנימער. צוריקגעקומען און געבליבן ביים לעבן זיינען זייער ווייניקע.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בין איך נאָך דער ערשטער שחיטה אָנגענומען געוואָרן אויף אַרבעט אין „בויטע־לאַגער". — דאָרטן האָב איך געאַרבעט ביזן 10 יולי 1942. פון „בויטע־לאַגער" האָבן מיר געשלעפּט ברויט, מאַכאָרקע, געווער — לייכטע און שווערע, קוילן — דאָס אַלץ איז אַוועק צו די פאַרטיזאַנער. מיר האָבן געמאַכט אין לאַגער אַ פאַר „סליקן", דאָרט פלעגן מיר אַלץ אָפּלייגן און שפּעטער פלעגן קומען יונגעלייט, מערסטן־טייל פרויען, און דאָס אַריבער טראַנספּאָרטירן צו די פאַרטיזאַנער, אָדער הינטערן שטאָט, אין זיכערע פלעצער. אַזוי אַרום האָבן מיר באַזאָרגט געווער אויך פאַר זיך אַליין, ווען מיר וועלן מוזן אַנטלויפן.

איך בין אַנטלאָפן פון בויטע־לאַגער אין אַ גרופּע פון 10 מענטשן, — 9 מענער און איין מיידל, איך. אין מיין גרופּע זיינען געווען: שבתי מאַשקאָווסקי (יעצט אין ישראל); יאַשע קרעמען (ער מיט זיין פרוי זיינען אומגעקומען שפּעטער בעת אַן אָבלאַווע אין וואַלד); וואַקסמאַן, (געקומען קיין סלאָנים אין 1939); מלך מאַיאָרעק, אויך ניט קיין סלאָנימער (איז אומגעקומען אין וואַלד); סערוויאַנסקי (אַ געקומענער קיין סלאָנים, — געבליבן אין רוסלאַנד); פינקל (געקומען פון סוואַלק, איצטער אין ישראל); יצחק קוניצע פון סלאָנים (אומגעקומען אין וואַלד); בורשטיין פון סלאָנים, (געווען אַ פאָליציאַנט ביי די דייטשן, — די פאַרטיזאַנער האָבן אים איינגערעדט צו קומען אין וואַלד און דאָרטן האָבן זיי אים געשאָסן); און איך, געוועזענע לובאַ זאַגעל, איצטער חביבה פאַקטער, אין קרית־חיים.

ווען איך דערצייל וועגן „בויטע־לאַגער", מוז איך דערמאָנען דעם דייטשן אָפּיציר מוץ, וואָס איז געווען אַן איינציקער מענטש צווישן אַלע טויזנטער מערדער. זיין באַציאונג צו אונז איז געווען אַ מענטשלעכע, מעגלעך אַז ער האָט אפילו געווּסט, אַז מיר באַהאַלטן געווער, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. 3 מאָנאַטן האָבן מיר געגעכטיקט אין „בויטע־לאַגער". ער האָט מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט אונז אַרויסשיקן פון לאַגער וועט מען אונז כאַפּן און הרגענען. אין לאַגער פלעגט מען ניט קענען אַריינגיין אָן אַן ערלויבעניש, און ער איז געווען זיכער אַז דאָ וועט מען ניט זוכן. ווען עס איז געוואָרן שווער אונז צו האַלטן דאָרטן אויך ביי נאַכט און מען האָט זיך געריכט אויף נייע שחיטות, האָט ער אונז געהייסן זיך באַהאַלטן אין די בונקערס און אין די אַרומיקע פעלדער, זיצן דאָרטן גאַנץ שטיל, ניט אַריבערגיין אפילו פון איין בונקער אין צווייטן. איין מיידל איז אַרויס ביינאַכט פון בונקער מיט אַ סיגאַר אין מויל, די דייטשע וואַך האָט דאָס גלייך באַמערקט און צו וויסן געגעבן מוץ'ן. ער איז געקומען און אונז פאַנאַדערגעטריבן פון דאָרטן. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין שטאָט, אין געטאָ. שפּעטער האָט ער אונז געגעבן אַ באַזונדער בלאָק אויף בערנאַרדינער גאַס. מען דערציילט, אַז ביי דער פאָלשטענדיקער ליקווידאַציע פון די אידן, אויך פון בעלי־מלאכות, אין דעצעמבער 1942, זיינען די מערדערס געקומען אויך אין „בויטע־לאַגער" און האָבן פון דאָרטן אַרויסגענומען די אידן צו דער שחיטה. די אַרבעטער וואָס האָבן געקענט גוט מוצן האָבן זיך צו אים געווענדעט נאָך הילף, האָט ער דאַן אויסגעשריען: „איך קען נאָר גיין צוזאַמען מיט אייך, מער קען איך פאַר אייך גאָר ניט טאָן".

פון איין אָטריאַד אין צווייטן

אין וואַלד בין איך געווען זייער טעטיק, אַנטיילגענומען אין אַקציעס און געווען פאַררעכנט פאַר אַ „מיליטערישע קראַפט".

אין וואַלד בין איך געווען צוזאַמען מיט דער משפחה פון פסח אַלפערט, מיט זיאַמע אָסטראָווסקי, אַרטשיק באַנדט, הלל מאַשקאָווסקי, זעליג מיליקאָווסקי (פון רוזשנויער גאַס, אומגעקומען אין קריג אין רוסלאַנד). גאָלדע גערצאָווסקי און איר מאַן דאָקטאָרטשיק, ריטע

מוקאָסיי, ד״ר פּירע קאַוואַרסקי, די טאָכטער פון באַקאַנטן סלאָנימער ד״ר קאַוואַרסקי (זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין וואַלד), חאַצ־קעלעוויטש, ניאַניע צירינסקי — (אין רוסלאַנד). אויך איז געווען צווישן אונז ד״ר פאַרעצקי (פון מעבל־געשעפט אין סלאָנים, גע־שטאָרבן אין וואַלד פון אַ שווערער קראַנקהייט).

מיר האָבן זיך אָרגאַניזירט אין וואַלטשע נאָרע און שפּעטער אויך אין די פּינסקער בלאָטעס. נאָך אַ לאַנגער טעטיקייט איז אונזער גרופּע אַריינגעפאַלן צום ק[illegible]יסאַר יעגאָראָוו. ער האָט עס אונזער גרופּע „אַוועקגעשיקט אין שאָלמאַן״, אַן אָנגענומענער טערמין ביי די פּאַרטיזאַנער, ווען מען האָט געוואָלט פּטור ווערן פון מענטשן, אידן, פון אומגויטיקע עלעמענטן, האָט מען זיי „געשיקט קיין שאָל־מאַן״. דאָס איז געווען מערץ 1943. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט קיין וואָלטשע נאָרע, שפּעטער אין די האַווינאַוויטשער וועלדער, ביז מען האָט אונז אָנגענומען אין „סאָוויעטסקי בעלאָרוסקי אָטריאַד״ פון די פּאַרטיזאַנער. אין וואַלד זיינען מיט אונז געווען אויך: אברהמ׳ל בובלאצקי (די רוסן האָבן אים דערשאָסן), מיכעלע קאָסאָווסקי, סנאָווסקי (אומגעקומען אין וואַלד), יצחק מישעלאָוויטש, ניאַניע צירינסקי און משה סופר, וואָס זיינען געווען צוזאַמען מיט אונז ביי די פּאַרטיזאַנער. אַ טייל פון זיי איז שפּעטער אויך אַוועק אין דער רוסישער אַרמיי. אויפן פראָנט איז משה סופר געפאַלן, צירינסקי איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן און געבליבן מיט אַ האַלבן פוס. משה סופר האָט מיר פון פראָנט געשריבן אַ קאַרטל, אָבער ער האָט ניט באַוויזן דאָס אַוועקשיקן, און איז געפאַלן. צירינסקי האָט גענומען דאָס פאַרבלוטיקטע קאַרטל און מיר אַוועקגעשיקט, מיט אַ צושריפט: „פון משה׳ס טויט זאָג איך דיר אָן, ווער וועט דיר אָנזאָגן פון מיין טויט?״ — לאַנג, לאַנג האָב איך מיטגעטראָגן דאָס פאַרבלוטיקטע קאַרטל, ביז איך בין געקומען צום גרענעץ, ווו מען האָט אונז גע־הייסן אַלץ איבערלאָזן.

אַ סך שפּעטער, אין 1945, בין איך מיט מיין מאַן פאַקטער געווען 2 טעג אין סלאָנים. מיר זיינען געווען ביי פסח אַלפּערטן אין הויז, — אין סלאָנים איז דאָס צו יענער צייט געווען אַן אָפענע הויז פאַר יעדן אידן. איך בין געווען ביי די גריבער אין פּעטראָלעוויטש; די גריבער זיינען ניט געווען אַרומגעצאַמט, נאָר פאַרדעקט מיט ערד. איך בין אַוועק אויף ריבאַצקער גאַס, ווו עס איז געשטאַנען מיין ברודערס הויז — אַלץ איז געווען צעשטערט, קיין סימן ניט געבליבן פון שיינעם הויז; איך בין אין יענעם מאָמענט געווען צופרידן, וואָס דאָס הויז איז, צוזאַמען מיט די טייערע נפשות, אַוועק מיטן פייער — אַבי מערדער זיצן ניט אין הויז.

שבתאי מושקובסקי

דרך מדורי הגיהינום - ליער

לסלונים הגעתי בסוף יולי 1941, בדיוק ביום בו אסרו על היהו־דים ללכת על המדרכות. גרנו בשוק, על־יד בית בטלן. ב־14 בנובמבר 1941, יום השחיטה הראשונה, התחבאנו בבית. תפסו את אמא, את אחותי עם הילד שלה, וכשהילד פרץ בבכי יצא גם אבא מהמחבוא. תפסו את כולם והרגו אותם.

התחלתי לחפש מקצוע מועיל והלכתי לנפח בתור עוזר. עבדתי זמן־מה עד אשר התחילו לחטוף ולשלוח מחוץ לסלונים, — בין השאר גם לעבודה למוגילוב. כנראה שבמוגילוב היה מחנה־עבודה ואחדים שנשלחו לשם נשארו בחיים וחזרו אחרי זמן־מה לסלונים, — כך חזר לייבה מדז׳בצקי, חזר ויינשטין, בנו של צייר השלטים (פגשתיו בלנדסברג, כעת הוא באמריקה). בהיותי בגיטו התקשרתי עם המח־תרת, שבאנדט עמד בראשה. השגנו אז והחבאנו לא מעט נשק. בימי השחיטה של יולי 1942 הייתי במחבוא אחד עם אחי. האח השני שלנו היה במחבוא אחר. את המחבוא של אחינו מצאו תיכף, כאשר גילו את המחבוא שלנו, תפסו אותנו והובילונו לאורך הדמבה, בין הגשר ומסילת־הברזל של הרכבת. עמדו שם גרמנים שהיו מסדרים קבוצות בנות 100 איש ושולחים חלק מהן אל הגשר, לאוטו שעמד שם. רובם אולצו להמשיך ברגל בכיוון צ׳פלובה. הגיטו בער, אך היהודים שהסתתרו במחבואיהם חיכו עד הרגע האחרון, עד אשר הלהבה הגיעה אליהם, ואז רק אז פרצו החוצה. ראיתי אנשים בוערים רצים ברחוב, ראיתי ילד אחד שהתפרץ מבית בוער ומגבו עלה עשן, — בחוץ הוא התלקח, ואז ירה בו גרמני. השתדלתי להיות בין האחרונים למשלוח לצ׳פלובה, — ידענו ברורות לאן ולשם מה שולחים אותנו. השתדלתי שישלחוני עם הקבוצה שהלכה ברגל, כי התכוונתי לברוח ליער. בא תורי ללכת, הגענו עד הכנסיה בזמוסטיה. עמדו שם גרמנים מקומיים שבחרו להם יהודים יעילים לעבודה. עברתי על ידם ושמעתי אחד מהם קורא: „מי כאן מבית־ההרושת לרהיטים?״ פרצתי את התור ורצתי אליהם, ניגשתי לגרמני ואמרתי לו שאני נפח. הוא דחף אותי לתוך החצר. ככה אספו במשך היום כ־200 יהודים בחצר הזאת.

לפנות ערב באו הגרמנים שניצחו על האקציה לבדוק את הנשא־רים בחיים. כ־10 איש הוציאו מהחצר, בודאי להורג. כאשר הגיעה הבדיקה אלי ולא היה איש מהגרמנים שיגן עלי, אמרתי שאני נפח והראיתי את ה„שיין״. הגרמני שדחף אותי לחצר צעק: „זהו נפח יחידי שנשאר לנו״. השאירו אותי במקום (נשארה בינינו אף אשה אחת). כאשר החשיך היום הובילו אותנו לבית־החרושת לרהיטים במקום שהיתה פעם המנסרה של פיין. למחרת היום הובילו אותנו לרחוב ברנרדינר ופקדו עלינו להיכנס לבתים, להוציא את הרהיטים ולהביא אותם לבית־הכנסת הציוני. נתנו לנו גם „שיינען״. לפנות ערב הביאו אותנו למחנה השלל. לנתי שם לילה אחד. בבוקר התחילו הגרמנים לארגן מהנשארים ארטלים — קבוצות־עבודה — וחילקו אותנו לפי המקצועות. חששתי מאד שלא אוכל לעבוד בתור נפח. היה בינינו אחד רצען. הוא הבטיח ללמד אותי את המקצוע ויעץ לי ללכת אליו לעבוד. לכל קבוצה נתנו בית ברח׳ מוסטובה, — וככה נוצר שוב גיטו חדש, — הפעם ברחוב מוסטובה. לפי הסדר היו כולם יוצאים לעבודה ובבית היו משאירים אחד.

החלטתי להצטרף לפרטיזנים. הכרתי קודם היטב את זרח קרמיין, שהיה פעיל במחתרת. כעת נשאר בינינו בן־דודו ישה קרמיין. הבי־נותי שגם לו יש שייכות למחתרת, ולא טעיתי. באמצעותו התקשרתי שוב עם המחתרת. קיבלנו פקודה לרכז נשק בבונקר על „ההר״ (אויפן בארג). החלטנו לרכז קבוצה בת 10 איש ולצאת יחד את הגיטו. בבוקר השכם, ב־6, התאספה הקבוצה שלנו ואחרי שכבר חילקנו בינינו את החלקים השונים של הנשק, התעכבנו כ־10 רגעים בגיטו, כדי לתת קודם לכל הקבוצות לצאת לעבודה, ועשינו את דרכנו לגשר. והנה אנחנו רואים שעל הגשר עומד שולץ, ה„שטאַבס־לייטר״. שינינו תיכף את הכיוון והתחלנו ללכת לאורך הדמבה ליורזיקה. מהגשר הגיעה לאזנינו הצעקה: „האלט״, (עמוד), ולקראתנו באה המשטרה שהראתה לנו, כי השטאבסלייטר קורא לנו. לא היתה לנו ברירה, חזרנו ועלינו על הגשר. נגשנו שנים־שנים אליו והוא שאל: מי אתם? — ענינו לו שאנחנו קבוצת פועלים מיוחדת, ההולכת לאסוף דברי חשמל בעיר. בידי אחדים מאתנו היו פטיש, צבת ועוד כלים. הוא היה כחצי מטר מאתנו והתבונן בנו. הופיע פתאום המהנדס וולפשטין, שולץ קרא לו וצעק שיצאנו במאוחר לעבודה — ובעד דבר כזה צריך היה להרוג את כולנו. וולפשטין התחנן לפניו שיסלח לנו והבטיח שהוא עצמו יעניש את „הפושעים״ הללו. שולץ הסכים לבסוף ואמר, שרק הפעם הוא משחרר אותנו, אך אם יקרה עוד פעם דבר כזה, הוא יהרוג את כולנו. — הלכנו ממנו, המשכנו בדרכנו. הגענו עד הבונקר. שמנו את הנשק בתוכו. התחבאנו כל היום ובלילה המשכנו את דרכנו ליער, לפרטיזנים.

זעלדה סאבאל

פון געטא אין וואלד אריין

אין אנהויב פון דער נאצישער אקופאציע בין איך געווען אין א הויף ניט ווייט פון סלאנים, ביז מען האט פארנומען דעם הויף. דאן איז געקומען א באפעל פון דער דייטשער מאכט, אז מען זאל ריין מאכן דעם פאלווארק פון אידן. אין א פאר שעה האבן מיר געמוזט אריבערגיין אין געטא. די מענער זיינען אוועק אין וואלד און די פרויען מיט די קינדער זיינען אוועק אין געטא. דאס איז געווען צום 2־טן סדר פסח, 1941 יאר. אין א באשטימטער שעה פלעגט מען פארמאכן דעם געטא, ווער עס האט פארשפעטיקט אריינצוגיין אין געטא איז געווארן דערשאסן. מיט אונזערע פעקלעך און קינדער זיינען מיר אנגעקומען צו שפעט אויף די פורן וואס מען האט אונז געגעבן, די סכנה איז געווען גרויס, יעדע מינוט האט מען אונז געקענט אויסהרגענען. איך האב זיך דאן אריינגעגנבעט אין געטא דורך די אייזערנע דראטן, בין געלאפן צום קאמענדאנט לאץ. ער האט זיך גענומען סטארען צו באקומען פאר אונז א באזונדער דערלויבעניש ביי דער דייטשער מאכט, ווייל מיר האבן פארשפעטיקט ניט צוליב אונזער שולד, מען האט אונז ארויסגעשיקט שפעט. סוף־סוף האט מען אונז דערלויבט און לאץ האט געשיקט א אידישן פאליציאנט, וואס האט אונז אריינגעפירט אויף זיין וואגן אין געטא.

דריי משפחות זיינען מיר אריין אין געטא, ווי געזאגט, נאר די פרויען און קינדער, ווייל די מענער זיינען אוועק אין וואלד: מיר, די משפחה פון משה נאוויצקי און פון משה קרופעניע. די מענער זיינען אוועק צו די פארטיזאנער.

אין געטא איז דאן ארויס א קלאנג, אז אין גיכן וועט זיין אן אקציע און מען וועט אומברענגען אלע עלטערע און אויך אלע קינדער. איך האב זיך איבערגעטאן אלס קריסטין, גענומען דאס קינד און זיך ארויסגעגנבעט פון געטא צו דער קריסטלעכער זייט. דארט האב איך איבערגעלאזן דאס קינד ביי א באקאנטער קריסטין. זי האט באהאנדלט דאס קינד זייער גוט, אזוי ווי איר אייגנס. גע־הייסן האט זי סטאסיא פאוולאוויטש, פון דארף פלאווסקי. די אידן האבן זי גערופן „דרוגי נומער געטא״ — זי האט געראטעוועט א סך אידן, ממש זיך געאפפערט פאר אונז. דאס האבן געוווסט די דייטשן און האבן געהרגעט איר מאן קורץ פאר דער באפרייאונג.

פאר דער לעצטער שחיטה, אין זומער 1942, בין איך אוועק אין וואלד. אונזערע דריי משפחות האט מען אנגענומען אין דער פארטי־זאנקע, אויסער אונז איז קיין איד דאן ניט אנגענומען געווארן. אונזער קאמיסאר האט געהייסן מאקסים, ער איז טאקע געווען אן אנטיסעמיט, אבער צו אונז, צו די מענער ווי צו די פרויען, האט ער געהאט א באזונדער באציאונג. די סיבה דערצו איז געווען אזא: אין אונזער פאלווארק האבן די דייטשן געכאפט א סך רוסישע סאלדאטן און זייער א סך געווער. די סאלדאטן האבן זיי א טייל געהרגעט, א טייל אוועקגעפירט אין לאגער, ווו זיי זיינען אויסגע־שטארבן, אויסגעשאסן געווארן אדער אנטלאפן אין די וועלדער, — און דאס זיינען געווען די ערשטע פארטיזאנער אין די ארומיקע וועלדער. דאס געווער, וואס איז געבליבן — ביקסן, גראנאטן, קוילן — האבן די דייטשן אונז געהייסן אריבערפירן צו זיי, אין געביידע פון גמינע. מיר פלעגן פירן דאס געווער, אבער א גרויסן טייל פארבאהאלטן און פארגראבן. ווען די פארטיזאנער זיינען גע־קומען צו אונז נאך הילף, האבן זיי באקומען געווער. צווישן זיי איז געווען אויך דער קאמיסאר מאקסים. שפעטער, ווען אונזערע מענער זיינען אנטלאפן אין וואלד, האט ער זיי גלייך אנגענומען צו זיך. אויך די פאמיליעס זייערע האט ער צוגענומען.

פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך אריינגנבענען ביינאכט אין אונזער פאלווארק, אויסגראבן גראנאטן, קוילן און ברענגען אין וואלד. די מענער זיינען געווען זייער דרייסט, דאס האט דער קאמי־סאר געוווסט און ניט איינמאל האט ער זיי געגעבן מעדאלן. מיר האט מען פארשריבן אלס אויסצייכנונג אין בוך פון די פארטיזאנער. אויפן וועג פון פוילן קיין דייטשלאנד האבן די גרענעץ־באאמטע ביי אונז צוגענומען צוזאמען מיט נאך פיל זאכן, ווי פאטאגראפיעס, דאקומענטן, אויך די מעדאלן. זיי האבן צוגעזאגט אומקערן דאס אלץ, אבער זיי האבן קיין זאך ניט צוריקגעגעבן. דארט זיינען אויך געווען אויפנאמעס פון געטא, אויך פון די גריבער און פון סלאנים נאך דער באפרייאונג.

סוף זומער 1944 האבן מיר זיך צוריקגעקערט פון וואלד קיין סלאנים. מיר האבן דארטן געפונען עטלעכע אידן, מערסטן טייל ניט סלאנימער — דערעטשינער, האלינקער, זעלווער, און אויך רו־סישע אידן וואס זיינען געווען באאמטע ביי דער סאוויעטישער מאכט. מיר זיינען געווען אויף גאליאנע (פאדגורנע) גאס, אין דער שוועס־טערס הויז. דארטן זיינען נאך געשטאנען אירע מעבל, די פאטא־גראפיעס אויף די ווענט, אין קיך די זעלבע געפעס, טעפלעך, געשיר — אלץ ווי זי האט איבערגעלאזן. דארט האט געוווינט מיט זיין פאמיליע א קריסט, וואס האט געהאלפן די דייטשן שעכטן אידן — אונז איז זייער שווער געווען צו פארנעמען די דירה פון מיין שוועס־טער, דער קריסט האט אונז ניט אריינגעלאזן און זיין פרוי האט מיר געיאגט, געזידלט. מיט געוואלד האבן מיר זיך אריינגעריסן אין שטוב, נאכדעם ווי איך האב זיי געזאגט, אז מיר וועלן זיי ארויסגעבן דער סאוויעטישער מאכט אלס מיטהעלפער פון די דייטשע מערדער, וואס האבן געהרגעט דער שוועסטערס משפחה. דארפישע גויים האבן אפילו געוואלט עדות זאגן, אז דער זעלבער קריסט האט ארויסגעגעבן די דייטשן א גרופע פארטיזאנער, און א סך פון זיי זיינען אומגעקומען בעת דער אבלאווע. דאס הויז האט געהערט צו מיין שוואגער, לייבע לובאווסקי. אין סלאנים האט מיין מאן גע־ארבעט ביי די סאוויעטן אין „זאגאטזערנא״. איך האב געבאקן ברויט און געטראגן אויפן מארק פארקויפן. אפן האט מען ניט געטארט פארקויפן אויפן מארק. מיר זיינען געווען א יאר אין סלאנים. ווען מיר זיינען אוועק, זיינען דארטן געבליבן איינצלנע אידן.

זייענדיק אין סלאנים נאך דער באפרייאונג זיינען מיר געגאנגען צו די פעטראלעווישער בערג — צו די גריבער. מיר האבן צונויפ־געקליבן די ביינער וואס האבן זיך געוואלגערט ארום זיי, פאר־גלייכט, אויסגעריסן די תבואה, וואס די ארומיקע גויים האבן שוין פארזייט אויף די גריבער, פארצוימט, געשטעלט א ברעטל. — אין א וואך ארום, אז מיר זיינען ווידער געקומען, איז אלץ געווען צעשטערט. מיר האבן עס ווידער געבראכט אין ארדנונג. דאס לעצטע מאל איז מיט אונז געווען א גרופע פון 15 מענטשן.

משה קרופעני

אומעטום האט געלויערט דער טויט

דעם 22־טן יוני 1941, ווען די דייטשן האבן געעפנט זייער אפענסיווע קעגן רוסלאנד, בין איך געווען אין די קאזארמעס אין סלאנים מאביליזירט אלס רוסישער סאלדאט. די דייטשן האבן באמ־בארדירט די קאזארמעס, א סך אויפגעריסן און צעשטערט. ווען די רוסן זיינען אפגעטרעטן, בין איך געבליבן אין סלאנים. די דייטשן האבן געברענט די שטאט, און מיר זיינען אלע געזעסן פארבאהאלטן אין די קעלערן.

געראטעוועט דורך א נס

דעם 25־טן האבן די דייטשן פארנומען די שטאט.

דעם 26־טן האט מען געמעלדעט, אז מענער ביז 50 יאר אלט דארפן זיך צונויפזאמלען אין גימנאזיע. מען האט אונז געהאלטן 2 טעג פארשפארט אן עסן. עס איז געקומען א פולקאווניק, צעשטעלט אונז אין רייען און געמאכט א ציילונג: 9 פריי, דעם 10־טן — שיסן. אונז האט מען צוערשט באפרייט, שפעטער האט מען געהייסן אלעמען, ביי 500 מענער, גיין צום באראנאוויטשער שאסיי, עק שטאט — צו די גריבער ווו מען האט געמאכט צעמענט. מיט די ערשטע 10 האט מען מיר אוועקגעשטעלט צום שיסן — מען האט צעשטעלט די מאשינען־געווער. פלוצלינג איז אנגעפארן א דייטשער גענעראל. פון זייערע תשובות איז קלאר געווען, אז זיי באשולדיקן אונז אין מאכן אן אויפשטאנד. דער גענעראל האט געהייסן מאכן א נייע ציילונג: 9 באפרייען, דעם 10־טן שיסן. זיי האבן אונז אפ־געציילט, יעדן צענטן דערשאסן פאר אונז אין די אויגן, און אונז, א פאר הונדערט מענטשן, געהייסן גיין אהיים. אויפן וועג אהיים האבן אונז די דייטשן ווידער פארהאלטן און געהייסן צונויפטראגן אין איין פלאץ אלע רוסישע פארוואונדעטע, וואס זיינען געבליבן נאך דער שלאכט אין סלאנים. א פאר טעג האבן מיר געארבעט און דאן האט מען אונז געלאזן גיין אהיים. איך האב זיך ניט צוריק־געקערט קיין סלאנים, נאר אוועק צו אונז אין פאלווארק. דארט זיינען נאך געווען רוסישע סאלדאטן, אפילו א קיך פאר מיליטער האט נאך געארבעט. די דייטשן זיינען אנגעקומען, גענומען אין געפאנגענשאפט זייער א סך סאלדאטן און געפונען א סך געווער. איך בין געבליבן אין הויף ביז סוף 1941.

געווער פאר פארטיזאנער

פון וואנען זיינען געקומען און ווער זיינען די ערשטע פארטי־זאנער, וואס האבן געקעמפט קעגן די דייטשן? דאס זיינען געווען רוסישע סאלדאטן, וועלכע זיינען אין די טויזנטער אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט צו די דייטשן. די דייטשן פלעגן זיי פארשפארן אין די לאגערן, אויסהונגערן און ביסלעכווייז אויסהרגענען. זעענדיק דאס, זיינען א סך פון זיי אנטלאפן אין די וועלדער. אין סלאנים און אומגעגנט זיינען ארום 50.000 רוסישע סאלדאטן אריינגעפאלן אין געפאנגענשאפט. די דייטשן האבן זיי אינטערנירט אין א גרויסן לאגער, געלאזט זיי הונגערן, אזוי אז ארום טויזנט געפאנגענע פלעגן שטארבן יעדן טאג. דאן האבן זיי געהייסן אלע געוועזענע אפיצירן זיך מעלדן (ארויסגעבן פלעגן זיי רוסישע איבערגעקויפטע סאלדאטן), זיי האבן צונויפגעקליבן א גרויסע גרופע און ארויסגענומען זיי פון לאגער, זאגנדיק אז מ׳שיקט זיי קיין דייטשלאנד, אויף א באקוועמערן פלאץ. זיי אלעמען האט מען דערשאסן. דאס איז באוווסט געווארן צווישן די רוסישע אפיצירן און סאלדאטן און זיי האבן אנגעהויבן צו אנטלויפן אין די וועלדער און זוכן געווער.

איך און די אנדערע אידישע פאמיליעס זיינען געבליבן אין פאל־ווארק און געארבעט ביי די דייטשן. אין הויף איז געבליבן א סך פארשיידענע געווער. די דייטשן האבן געהייסן די אידן איבערפירן דאס געווער צו זיי אין גמינע, האבן מיר דאס געפירט, אבער דערביי א סך פארגראבן און פארבאהאלטן, דער עיקר ביקסן, גראנאטן און קוילן. דערווייל זיינען צו מיר געקומען אנטלאפענע רוסישע סאל־דאטן, וואס זיינען שוין געווען פארטיזאנער, און געבעטן געווער. איך האב זיי געגעבן. צווישן זיי איז אויך געווען דער, וואס איז שפעטער געווארן דער הויפט־קאמיסאר פון די פארטיזאנער.

איך מיט נוסעוויצקין און סאבאלן האבן געארבעט ביי א לעש־ניטשי (א וואלד אויפזעער) פאר די דייטשן. עס איז אריבער א האלב יאר, און דער לעשניטשי האט געוואלט פון אונז פטור ווערן, האט ער געמסרט, אז מיר שטייען אין פארבינדונג מיט פארטיזאנער, און מיר האבן געמוזט אנטלויפן.

געיאגט און געטריבן

מיר האבן זיך דאן דערוווסט, אז אין 2 טעג ארום ליקווידירט מען דעם געטא אין סלאנים. מיר האבן ארויסגעגנבעט אונזערע פרויען און קינדער פון געטא און צוזאמען מיט זיי אנטלאפן אין סינקע־וויטשער וואלד, נאענט פון הויף. מיר זיינען געווען נאר 3 משפחות און האבן זיך פארבונדן מיט די פארטיזאנער. אין שפיץ פון אטריאד איז געשטאנען בולאק פון האלינקע. ער האט מיר געקענט, ווייל ער האט ניט איינמאל געקריגן געווער דורך מיר. די פרויען און די קינדער האבן מיר דערווייל געלאזן אויפן פלאץ, און מיר, די מענער, זיינען אוועק מיט די פארטיזאנער אויף פארשיידענע אקציעס. איך פלעג זיך נאך אפט צוגנבענען צום הויף, ארויסנעמען געווער און ברענגען דער פארטיזאנקע. כ׳געדענק נאך, ווי איך האב געגעבן א זעקעלע קוילן א אידישן אפיצער, א פארטיזאן, וואס איז געגאנגען אויפרייסן א באן. א קליינער פאסטעכל האט אונז געמסרט, דער אפיצער איז געהרגעט געווארן און מיר האט מען אנגעהויבן זוכן. מיר האבן געמוזט אנטלויפן ווייטער אין וואלד. מיר זיינען געגאנגען נעמען אונזערע משפחות, האט מען אונז באפאלן, געווארפן אויף אונז גראנאטן און געשאסן, אבער מיר האבן זיך געראטעוועט און זיינען אוועק אין אסטראווער וואלד, נעבן דערעטשין. איך האב אנגעפירט 6 מאנאטן מיט די „סעמייניקעס״, ביז די דייטשן האבן געמאכט אן אבלאווע אויף אונז און מיר האבן געמוזט אוועקגיין. מיר האבן זיך צוריק פארזאמלט אין דובראווישטשינער פושטשעס, נאך דער שטשארע. דא איז פארגעקומען א שווערער קאמף מיט די דייטשן, וואס האבן אנטקעגן אונז געשטעלט 15.000 סאלדאטן, זיי צעטיילט אין 3 גרופן און נאכגעיאגט די פארטיזאנער. ביי זיי אליין איז אבער געווען א מהומה און זיי האבן געשאסן איינער אויפן צווייטן. אין דער שלאכט זיינען געפאלן ארום 500 דייטשן, פון די „סעמייניקעס״ זיינען דערהרגעט געווארן ארום 100 מענטשן. די דייטשן זיינען אוועק, זיינען מיר דארטן געבליבן נאך א האלב יאר.

איך פלעג פֿאָרן אין מיל מאַכן אַ באַשטעלונג פֿון אַ טאָן מעל, און געבן דאָס די פּויערים באַקן. זיי פֿלעגן באַקומען דעם „פּריפּיאַק" און אויך מתנות — ווער אַ בהמה, ווער אַ חזיר, און דערפֿאַר פֿלעגן זיי אונדז באַקן ברויט.

פּלוצלונג האָט זיך אויף אונדז געעפֿנט אַן אַבלאַווע פֿון אַ 50.000 דייטשן. זיי זיינען געקומען ריין מאַכן דעם וואַלד פֿון פּאַרטיזאַנער. די שלאַכט האָט געדויערט 3 טעג. מיר זיינען אַוועק איבער די זומפּן אין גראַבסקעס וועלדער. דאָרטן זיינען מיר ווידער געווען אַרומגערינגלט און זיינען געלעגן 5 טעג אין וואַסער, מיט די פֿרויען און קינדער. מיר האָבן זיך גערירט ווייטער און אָנגעטראָפֿן אויף אַ „זאַסאַדע". אַ פּאָר צענדליק מאַן פֿון מיין אָטריאַד זיינען געפֿאַלן, די איבעריקע זיינען זיך צעלאָפֿן. מיר האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן אונטער די גרויסע אַלטע בוימער, וואָס זיינען געלעגן אַראָפּגעזעגן אויף דער ערד. דאָס איז געווען אָנהויב 1943.

אין דער געגנט איז געווען אוממעגלעך צו בלייבן, די דייטשן האָבן פֿאַרברענט די אַרומיקע דערפֿער, דערהרגעט פֿיל פּויערים, — זיי האָבן געמיינט אַז די דאָרפֿישע העלפֿן די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דובראָווישטשינע, אויסגעמאַטערטע און אויסגעהונגערטע אָנגעקלאַפּט אין אַ גוייִשע שטוב. די פֿויערטע איז אַליין געווען אָרעם, און ווען מיר האָבן דערזען אַן עמער צוגעגרייט פֿאַר חזירים, זיינען די קינדער אָנגעפֿאַלן אויף דעם און עס אויפֿגעגעסן. די פּויערטע, זעענדיק אונדזער שרעקלעכן הונגער, האָט אַרויסגענומען אַ פּעקעלע אַרבעס, — איר לעצטע ביסל צוגעגרייטע שפּייז, — און האָט צעטיילט צווישן אונדז. מיר זיינען אַוועק דורך די זומפּן, דורכגעגאַנגען די קרופּאַטשער בריק, וווּ די דייטשן זיינען געשטאַנען, און אַריין אין וואַלד. אין די דערפֿער אַרום און אַרום האָבן זיך געפֿונען דייטשן. אין וואַלד האָבן מיר געפֿונען אַלע אונדזערע פּאָזיציעס צעשטערט, פֿאַרברענט. אַרום זיינען געלעגן פֿיל פּאַרטיזאַנער געשטאָכענע און געהרגעטע.

מען האָט געמוזט גיין זוכן עסן, דערצו דאַרף מען אָבער פֿריער קריגן אַ פֿערד און וואָגן. אַ פֿערד האָב איך גלייך געפֿונען, שווערער איז געווען מיט אַ וואָגן. ביז איך האָב געזען פֿון ווייטן אַן איבערגעקערטן וואָגן אין וואַסער, האַלב פֿאַרזונקען און איינגעפֿרוירן. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן, זיך אויסגעטאָן נאַקעט אין גרויסן פֿראָסט, אַריין אין וואַסער, צעקלאַפּט דעם אייז מיט דער ביקס און נאָך אַ פּאָר שעה שווערער אַרבעט אַרויסגעקריגן דעם וואָגן. איך בין טאַקע געקומען אין וואַלד מיט אַ פֿערד און וואָגן, אָבער אַ שטאַרק פֿאַרקילטער, ניט געקענט ריידן, ממש געשוואָלן געוואָרן. מען האָט געבראַכט צו מיר דעם פּיעסקער דאָקטאָר, וועלכן איך האָב אַמאָל געראַטעוועט און געבראַכט אין מיין אָטריאַד. ער האָט געזאָגט, אַז נאָר אַ וואַרעמע שטוב קען מיך ראַטעווען. מען האָט מיך געבראַכט אין אַ דאָרף, וווּ דייטשן זיינען געווען, אָנגעטאָן אַלס אַ פּויערטע און אַריינגעפֿירט צו אַ קריסט אין שטוב, זאָגנדיק דעם הויזווירט, אַז ער מוז מיר אויסהיילן. צוויי וואָכן בין איך געווען ביים פּויער אין כאַטע, ער האָט מיר געהיילט מיט וואַרעמע פּריפּאַרקעס. אַז איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך אים געבראַכט אַלס מתנה אַ חזיר און בין אַוועק צוריק אין וואַלד.

געקעמפֿט און איבערגעלעבט

אונדזער קאָמיסאַר, קאָמענדאַנט בולאַק, האָט באַשלאָסן פּטור צו ווערן פֿון די אידן און די „סעמייניקעס". ער האָט געהייסן אַוועקפֿירן אַלע סעמייניקעס צו די פּינסקער בלאָטעס, איבער בריקן, אַריבער 180 ק"מ ווייט. מיר האָט ער געגעבן דעם באַפֿעל און האָט געזאָגט, אַז אויב ניט ווער איך דערשאָסן. דערפֿילן אַזאַ באַפֿעל איז געווען אוממעגלעך, בין איך אַנטלאָפֿן. מיר זיינען אָנגעקומען אין האַלער וואַלד, פֿאַרביי דזערזשינסקי־אָטריאַד מיט דער אָפּטיילונג פֿון מאַקסימאָווצעס — די ווילדסטע פּאַרטיזאַנער. מיר זיינען געגאַנגען ווייטער, אַריבער די שטשאַרע, וואָס איז געווען האַלב פֿאַרפֿרוירן. שטיקער אייז זיינען געשווּמען איבערן טייך, און מיר זיינען ביזן האַלז אַריין אין וואַסער, מיט די קינדער אויף די קעפּ. דאַן זיינען מיר אַריין אין וואַלד, געמאַכט אַ פֿייער, זיך דערוואַרעמט אַ ביסל און געלייגט זיך שלאָפֿן אויפֿן אַש. עס איז אַראָפּ אַ שניי און אונדז אַלעמען צוגעדעקט. ווי לאַנג מיר זיינען אַזוי געשלאָפֿן ווייסן מיר ניט, — ביז עס זיינען אָנגעקומען פּאַרטיזאַנער, דערזען בערגלעך שניי, אונדז אויפֿגעהויבן, אויפֿגעוועקט, געריבן יעדן מיט שניי, געגעבן טרינקען וואָדקע.

געווען זיינען דאָס פּונקט יענע פּאַרטיזאַנער, וועלכע איך האָב געזוכט, — איך האָב זיי געגעבן געווער אין 1941.

אין דעם אָטריאַד זיינען מיר געבליבן ביז צום סוף פֿון דער מלחמה. מיר האָבן אָנטייל גענומען אין דרייסטע אַקציעס. איינמאָל זיינען מיר 10 מאַן געשיקט געוואָרן אויפֿצורייסן אַ באַן. מען האָט אונדז געמסרט און די דייטשן האָבן אונדז באַגעגנט מיט אַ שיסעריי און מיט גראַנאַטן. מיין פֿרוי (חיה קרופּעני־סאָבאָל), וואָס איז געווען אין אויסשפּיר, איז געגאַנגען פֿאָרויס. זי איז געפֿאַלן די ערשטע. איך בין שווער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין האַנט, צעבראָכן 3 פֿינגער. מיר זיינען אַנטלאָפֿן. דאָס איז געווען סוף 1943.

קורץ פֿאַר דער באַפֿרייאונג בין איך ווידעראַמאָל מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער געגאַנגען אויפֿרייסן אַ באַן מיט דייטשן. מיר זיינען אַריין צום לעסניק, וואָס האָט אַ צייט ביי מיר געאַרבעט, כדי זיך צו באַראַטן מיט וועלכן וועג איז בעסער צו גיין. איך האָב ניט געוווּסט, אַז זיין טאָכטער איז געווען פֿאַרבונדן מיטן דייטשישן קאָמענדאַנט. דער לעסניק האָט אונדז געוויזן אַ וועג. דערווייל איז געלאָפֿן זיין זון און דערציילט די דייטשן וועגן אונדז. זיי האָבן אונדז שוין אָפּגעוואַרט מיט אַ שיסעריי, געהרגעט פֿון אונדז 2 און מיר זיינען אַנטלאָפֿן. אויפֿן וועג צוריק זיינען מיר אַריין צום לעסניק, אים געשאָסן, דעם זון זיינעם האָט אַן אוקראַינער פּאַרטיזאַן אויסגעשטאָכן די אויגן, געהרגעט די פֿרוי און פֿאַרברענט די כאַטע.

אַזוי בין איך געבליבן אין דער פּאַרטיזאַנקע, געקעמפֿט ביז יולי 1944. איינמאָל האָבן די דייטשן אַראָפּגעשאָסן אַ רוסישן אַעראָפּלאַן, די פּליערס האָבן זיך פֿאַרבאַהאַלטן אין וואַלד, שפּעטער זיינען זיי געקומען צו אונדז און דערציילט, אַז די רוסן שטייען ביי באַראַנאָוויטש און מאָרגן באַפֿרייען זיי סלאָנים.

מיר זיינען געקומען קיין סלאָנים. איך בין דאָרט געבליבן ביז סוף 1945, געווען אַן אויפֿזעער ביי דער באַן.

יעקב סאבאל

אַ פּאַרטיזאַן צו בר־מצוה

איך בין געבוירן אין יאָר 1930, געוווינט אין סלאָנים אויף פּאָדגורנע גאַס. אין יאָר 1941, אַז די דייטשן זיינען אַריין, האָט מען מיין פאָטער צוגענומען אויף אַרבעט אין באַדראָוויטש, 15 ק״מ פון סלאָנים, און איך מיט מיין מוטער און צוויי שוועסטער זיינען געבליבן אין סלאָנים, ווייל די דייטשן האָבן אונז ניט געלאָזן צוזאַמען מיטן פאָטער זיין אין הויף. אַ פּאָר טעג פאַר דער שחיטה האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון דער מוטער און, קענענדיק דעם וועג צום הויף ווו מיין פאָטער אַרבעט, בין איך אַנטלאָפן צו אים. דער פאָטער האָט שוין מיר מער ניט געלאָזן גיין צוריק אין שטאָט, און 2 טעג אַרום איז פאָרגעקומען אין סלאָנים די שחיטה. דאַן איז אומגעקומען מיין מוטער מיט די 2 שוועסטער.

אַ אידיש קינד צווישן גויים

איך בין געווען אין הויף מיטן פאָטער. איך האָב שוין אויך געאַרבעט. שפּעטער האָט מען דעם פאָטער ניט געלאָזן זיין מער אין הויף און געהייסן אים אַרויסשיקן אין סלאָנים, אין געטאָ אַריין. פון מיר האָבן די דייטשן ניט געוווּסט. דעם 10 מערץ איז מיין פאָטער אַוועק אין די וועלדער. מיר האָט די פּריצטע פון הויף ניט געלאָזן גיין אין וואַלד. זי האָט געזאָגט: „זיי ביי מיר, אַז די דייטשן וועלן פרעגן וועד דו ביזט, וועל איך זאָגן אַז דו ביסט מיין זון״. און איך בין געבליבן ביי דער פּריצטע. איך בין געווען ביי איר ביזן 10 יוני 1941.

עס איז געשען אַזוי, אַז עס האָט זיך צעקריגט אַ פאַראָבעק מיט דער פּריצטע. מיר האָבן געהאַט ביי דער פּריצטע אונזערע זאַכן און בעטגעוואַנט, און ווען דער פאָטער איז שוין ניט געווען אין הויף, האָט דער פאַראָבעק, אַ פּאָליאַק, צוגענומען אונזערע בעטגעוואַנט און אַנדערע קליידער. די פּריצטע האָט אים גערופן און געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט צו די זאַכן, האָט ער איר געענטפערט, אַז אויב זי וועט ניט שווייגן וועט ער פאַרמסרן, אַז זי האַלט ביי זיך אַ אידיש קינד. די פּריצטע האָט שוין מער ניט געוואָלט האָבן קיין עסק מיט אים און אין 2 וואָכן אַרום, ווען ס׳איז געקומען מיין פאָטער אין הויף אַריין, האָט ער מיר צוגענומען פון דאָרטן און אָפּגעגעבן צו אַ קריסט אין כוטאָר קאָזלאָוויטש פּאַשען בהמות, און איך בין געווען ביי דעם קריסט, יעפים אוטליך האָט ער געהייסן, 6 מאָנאַטן צייט. קיינער פון די קריסטן האָט ניט געוווּסט, אַז איך בין אַ איד, נאָר אַזוי ווי מיין זיידע אייזיק האָט זיך געראַטעוועט פון סלאָנימער געטאָ, פון דער שחיטה אין 1942, און דער זעלבער קריסט האָט געקענט גוט דעם זיידן, איז ער אויך געקומען צו לויפן צום זעלבן יעפימען ער זאָל אים באַהאַלטן. קומענדיק צום קריסט האָט ער מיר דערזען און האָט אָנגעהויבן שרייען: „יאַנקעלע, קום צו מיר!״ איך האָב מיט אים ניט געוואָלט ריידן און בין אַנטלאָפן פון אים, ווייל איך האָב געוואָלט אַז די קריסטן זאָלן ניט וויסן אַז איך בין אַ איד. דער קריסט אַליין האָט זיך צעוויינט און האָט געזאָגט צום זיידן: „אייזיטשעק, דו האָסט אָפּגעמסרט דיין אייניקל! קיינער פון די שכנים האָט ניט געוווּסט, אַז ער איז אַ איד, פון איצטער אָן וויסן שוין דאָס אַלע שכנים אַרום מיר און איך האָב שוין מורא צו האַלטן אים״. ער האָט געגעבן דעם זיידן אַ לעבל ברויט און געשיקט אים אין די וועלדער. דאַן בין איך אָנגעקומען פון פעלד מיט די בהמות, יעפים האָט מיר געגעבן עסן און מיר געהייסן אַז איך זאָל אַוועק גיין פון אים. איך בין אַוועק. איך האָב ניט געוווּסט ווו מיין פאָטער איז.

איך אַנטלויף אין די אָרעמס פון טויט

איך בין אַוועק צוריק אין סלאָנים, אין געטאָ. עס זיינען נאָך געווען אַביסל מענטשן אין געטאָ. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען אויף מיר: „אינגעלע, וואָס ביסטו געקומען אַהער? זאָלסט גיין אין די וועלדער אָדער דערפער, וועסטו אפשר בלייבן לעבן, און דאָ אין געטאָ וועסטו היינט אָדער מאָרגן גיין מיט אונז צוזאַמען אין די גריבער!״ איך האָב געטראָפן נאָך אַ אינגל, וואָס האָט שוין ניט געהאַט זיינע עלטערן. ער איז געווען אין מיינע יאָרן. איך האָב אים געקענט און מיר זיינען ביידע ביינאַכט אַרויס פון געטאָ. מען האָט אונז געזאָגט, אַז זעלווע געהערט צום רייך און דאָרטן האָט מען נאָך קיין אידן ניט געהרגעט. מיר זיינען ביידע אַוועק אויפן וועג קיין זעלווע. אויפן וועג האָבן מיר געטראָפן אַ באַקאַנטן קריסט וואָס האָט אונז אַוועקגעגעבן זיין טאָרבע מיט אַ שטיקל ברויט און פּעטס.

אָפּגייענדיק אַ 10 ק״מ פון סלאָנים, ביי סינקעוויץ, זיינען מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן. פריער האָבן זיי מיר געפרעגט פון וואַנען איך בין. האָב איך געזאָגט אַז איך בין פון דאָרף לאַמאשי, מיין פאָטער האָט געפירט אָפּגעבן קאָרן פּאַסטאָווקע פאַר דער רעגירונג, נאָר אַזוי ווי די ריי איז זייער גרויס, איז ער געבליבן נעכטיקן און מיר האָט ער אַהיים געשיקט איך זאָל געבן עסן די בהמות און חזירים. דאַן האָבן זיי צוגערופן דעם צווייטן און געפרעגט אים ווער ער איז, אָבער ער האָט ניט געקענט ריידן רוסיש און זיי האָבן באַלד געזען אַז ער איז אַ איד. מען האָט אים אַוועקגעשטעלט צו אַ בוים, מיר געגעבן אַ ביקס, אַז איך זאָל אים שיסן. האָב איך גענומען דעם ביקס און האָב עס געדרייט און געזאָגט דעם דייטש, אַז איך קען ניט שיסן. דער דייטש איז אַוועק צום עלטערן דייטש און ער האָט אים געזאָגט: אַזוי ווי ער האָט פאַרהאַלטן איין פויער מיט איין יודע, וואָס זאָל ער מאַכן מיט זיי? האָט דער עלטערער דייטש געזאָגט אים, אַז ער דאַרף גלייך דעם פויער לאָזן גיין אַהיים און דעם יודע מיטנעמען נאָך סלאָנים. דער דייטש האָט צום סוף באַקומען אַ באַפעל מיר פריי צו לאָזן און פאַרהאַלטן דעם צווייטן אינגל. איך בין אָפּגעלאָפן אַ 200 מעטער פון זיי און אַריין טיף אין וואַלד. שפּעטער האָט מיר אַ באַקאַנטער קריסט דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אַרויסבאַקומען פון מיין חבר, אַז איך בין אויך אַ איד, און אַלע דייטשן וואָס זיינען געווען ביי דער אַרבעט האָבן זיך געלאָזן לויפן און יאָגן מיך, נאָר זיי האָבן מיר שוין ניט געפונען.

איך זוך מיין פאָטער אין די וועלדער

אַז עס איז געוואָרן גוט פינסטער, בין איך אַרויס פון וואַלד און צוגעקומען צו אַ כוטאָר פון אַ קריסט. איך האָב שוין מורא געהאַט צו גיין אַליין קיין זעלווע, בין איך אַריין צום קריסט און אים געבעטן ער זאָל מיר צונעמען אויף אַרבעט. איך האָב אים געזאָגט,

אז איך בין פון דארף פאוולאוויטש, די דייטשן האבן אלעמען פון אונזער דארף אויסגעהרגעט, אויך מיין פאטער און מיין מוטער, איך אליין בין געבליבן. דער קריסט האט מיך צוגענומען צו דער ארבעט. מיין פאטער האט זיך דערוווסט ווו איך בין און, ניט קענענדיק אליין קומען, האט ער געשיקט א קריסט ער זאל מיר ברענגען אין וואלד צום פאטער. ער האט מיר געזאגט, איך זאל זיך ארויסגנבענען פון מיין ארבעטס־פלאץ און קומען אין דארף ניז, צו יאנושן, און ער וועט מיר אוועקפירן אין וואלד אריין צום פאטער. איך האב געבראכט די בהמות פון פאשע, האב זיך אפגעטראגן און אוועק אין דארף ניז. א גאנצע נאכט בין איך געגאנגען ביז איך בין געקומען אויפן פרימארגן ניט ווייט פון דארף. פלוצלונג זע איך אז דער גאנצער דארף ניז איז ארומגערינגלט פון דייטשן מיט פולע־מיאטן און טאנקען. די וועלכע זיינען געגאנגען אין דארף אריין האט מען אריינגעלאזט, אבער פון דארף האט מען ניט געלאזט ארויסגיין. איך האב דאס ניט געוווסט און בין אריין אין דארף. ערשט דאן האב איך זיך ארומגעזען, אז איך האב שלעכט געטאן. די דייטשן האבן אינדערפרי געלאזט די פאסטוכער ארויסטרייבן פון דארף די בהמות, פערד, שאף און חזירים, האב איך גענומען א שטעקן און האב גענומען טרייבן בהמות פון דארף. אזוי בין איך ארויס פון דארטן.

נאכדעם האבן די דייטשן גענומען אויסמארדן אלע פויערים און פארברענען אלע הייזער, אלס נקמה פאר זייערע פארבינדונגען מיט די פארטיזאנער. איך בין גלייך אוועק אין וואלד, וועלכער איז געווען א 2 ק״מ פון דארף. איך האב ניט געוווסט וואס צו טאן און וווהין צו גיין. איך בין געזעסן 2 טעג און 2 נעכט אין וואלד, אן עסן און טרינקען, ביז איך האב דערזען איינעם רייטנדיק אויף א פערד, בין איך ארויס צו אים. דאס איז געווען א פארטיזאן, וועלכן איך האב געקענט נאך פון די צייטן פון מיין זיין ביים ערשטן פויער, — געהייסן האט ער יעפים, א „וואסטאטשניק" (געקומען פון מזרח). ער האט מיר געזאגט, אז מיין פאטער איז אין די וועלדער, א פארטיזאן, און אז ער זוכט מיר ארום. ער אליין איז געווען פון דזערזשינסקי אטריאד און ער האט מיך צוגענומען צו אים. מיין פאטער האב איך ניט געפונען און ער האט ניט געוווסט פון מיר, נאר ארום 5 חדשים שפעטער, ווען מען האט מיר מיט נאך פארטי־זאנער אוועקגעשיקט אין דארף סינקעוויטש ברענגען עסן פארן אטריאד, האב איך זיך געטראפן ביינאכט מיט מיין פאטער, וואס איז אויך געקומען נעמען עסנווארג. ער האט אנגעהויבן בעטן מיין קאמאנדיר, ער זאל מיר דערלויבן אריינגיין אין לענינסקין אטריאד, צו וועלכן ער האט געהערט. דער קאמאנדיר האט ניט ערלויבט; מיין פאטער האט דאן געבעטן דעם עלטסטן פון אטריאד מען זאל מיר דערלויבן זיין מיט אים צוזאמען, אבער עס האט גארניט געהאלפן, ביז עס זיינען ביי אונז אין אטריאד 20 פארטיזאנער קראנק געווארן אויף קרעץ, און איך אויך צווישן זיי. מען האט אונז געשיקט אויף א גרויסער בלאטע זיך היילן, מיין פאטער האט זיך דערוווסט פון דעם, האט ער געבעטן נאך אמאל דעם קאמאנדיר און סוף־סוף בין איך אוועק צום פאטער, אין אטריאד לענינסקי.

איך פלעג גיין צומערסטן אויף ראזוועדקעס אין די דערפער, ווו עס פלעגן אנקומען א סך דייטשן. דער קאמאנדיר פלעגט מיר שיקן אויסשפירן, וויפל דייטשן זיינען דא אין דארף און וועלכע געווער האבן זיי. איך פלעג אויסטאן די שיך, נעמען מיט זיך א בייטש און א שטיקל ברויט, ווי די פאסטעכער, און נאכן דערוויסן זיך וועגן אלע פרטים, פלעג איך קומען צוריק אין וואלד און אלץ איבערגעבן דעם קאמאנדיר.

פון פארטיזאנקע — אין מלחמת השחרור

פלוצלונג האבן די דייטשן געמאכט אויף אונז אן אבלאווע, מען האט אונז צעטריבן און איך בין אוועק מיטן פאטער אין די וועלדער, צו די „סעמיינע". מיר זיינען געווען אין דער משפחות־גרופע אין פארשיידענע וועלדער, ביז די רוסן האבן אונז באפרייט. דאן בין איך מיטן פאטער געקומען קיין סלאנים, און אין יאר 1946, אין חודש מאי, ארויסגעפארן קיין לאדז. דארטן האב איך איבערגעלאזן דעם פאטער און בין אוועק אין קיבוץ „דרור" ווו איך בין געווען א קורצע צייט און נאכדעם געפארן קיין דייטשלאנד. אין חודש מערץ 1948 בין איך ארויסגעפארן קיין ארץ־ישראל און בין אנגעקומען דעם ערשטן מאי 1948. אראפגייענדיק פון שיף בין איך גלייך אוועק מיטן ביקס אין מלחמת השחרור.

גרשון זאבעלסקי

מיטן ביקס קעגן די רוצחים

אין 39־טן יאר בין איך אוועק קיין בריסק און נאך 2 מאנאטן בין איך געקומען נאך מיין פרוי און קינדער. אין 1940 האט מען אונז איבערגעזידלט פון בריסק קיין דזיאטלאווע (אידיש: זשעטל) אין ווייסרוסלאנד, ווו מיר זיינען פארבליבן אונטער די רוסן. נאך 6 מאנאטן זיינען מיר אוועק קיין סלאנים.

אין 1941 זיינען די דייטשן אריין קיין סלאנים. אין 6 מאנאטן נאך זייער אריינקומען זיינען געעפנט געווארן די געטאס, פאר אר־בעטער און ניט־ארבעטער. איך האב געארבעט אין פארפלעגונגס־אמט אויסערן געטא, ביים ארויסגעבן פראדוקטן פאר די דייטשן.

ארום 3 מאנאטן נאכן שאפן דעם געטא איז פארגעקומען די ערשטע שחיטה פון סלאנימער אידן, געכאפט אין די גאסן און ארויסגעפירט צו די גרייטע גריבער אריינצונעמען די קרבנות.

די צווייטע שחיטה איז פארגעקומען עטלעכע מאנאטן שפעטער. מ׳האט די קרבנות אומגעבראכט דורך שיסן און 10.000 אידן זיינען באגראבן געווארן ביים באראנאוויטשער שאסיי.

די 3־טע שחיטה האט געדויערט פון מאנטיק ביז מיטוואך, אין דער צייט זיינען אומגעבראכט געווארן 15.000 מאן. פון די לעבנ־געבליבענע מענטשן זיינען פיל צוזאמענגערופן און אפגעפירט געווארן אין טורמע אריין, פון וועלכער מ׳האט נאכדעם ארויסגעפירט די קרבנות אויף אויטאס.

מיר האט מען ארויסגעלאזט פריי און איך בין געזעסן מיט אנדערע ארבעטער אין מאגאזין פון פארפלעגונגס־אמט און צוגעזען דורכן פענסטער דעם פארלויף פון דער 3־טער שחיטה: די גרייטע גריבער זיינען געווען אדורכגעלייגט אין דערמיט מיט א ברעט און דערנעבן זיינען געווען מאשין־געווער. די אידן, אין גרופעס פון 4—5 הונדערט מאן, האבן געווארט, דאן זיינען זיי צוגעפירט גע־ווארן צום גרוב און נאך זיי זיינען נאכגעפארן 2 אויטאס. די שיסערס אליין האבן זיך באהאלטן, כדי די אידן זאלן זיי ניט זען פון דער־ווייטנס. ווען זיי זיינען נענטער צוגעקומען, האבן זיך די מערדער אויפגעהויבן און איינער פון זיי האט געהאלטן א „רעדע": „דא

האָט איר אַמעריקע, איר ווערט פטור פון אַלע צרות...״ מ׳האָט געגעבן אַ באַפעל אויסצוטאָן די קליידונג און אַרויפלייגן אויף די אויטאָס (פאַרשידענע פאָטאָגראַפיעס זיינען נאָכדעם געפונען געוואָרן דערנעבן). אַ 20 מאַן זיינען אַרויף לויט אַ באַפעל אויפן ברעט, אַריינ־געפרעסט איינער אין צווייטנס קני. אַזוי האָט מען זיי גרופנווייז אויסגעשאָסן מיט מאַשין־געווער און זייערע וואַרעמע קערפערס זיינען גלייך אַריינגעפאַלן אין גרוב אַריין.

אַ קילאָמעטער פון דערווייטנס האָב איך געהערט די שרעקלעכע קולות פון מיינע געמאָרדעטע ברידער. דער אינספעקטאָר האָט דורך אַ לאָרנעטע אַרויסגעקוקט אויף דעם שרעקלעכן בילד.

אַ פרוי איז צו אונז פון דער שחיטה צוריקגעקומען. עס איז שוין געווען טונקל ווען זי איז געווען אין דער רייע צום שיסן, און זי איז ניט ווערנדיק געטראָפן אַריינגעפאַלן אין גרוב. ביינאַכט איז זי געקומען צו אונז אין פאַרפלעגונגס־אַמט אַריין, ווו מיר האָבן זי אַ פאָר טעג אויסבאַהאַלטן (זי האָט אונז אַלץ דערציילט).

דער שעף־אינספעקטאָר פון פאַרפלעגונגס־אַמט האָט אונז איבער־געגעבן וואָס עס דאַרף פאָרקומען, און פאַלן פון סכנה געהייסן אונז זיך באַהאַלטן. ער האָט אויך אַרויסגענומען מענטשן פון דער אַרמיי און זיי באַהאַלטן ביי זיך אויפן בוידעם.

זומער 1942 איז פאָרגעקומען די לעצטע אַקציע. אַ זעלנער האָט אונז, 11 מאַן גערופן אין פאַרפלעגונגס־אַמט אַריין אַרויסצוגעבן פאַרשיידענע זאַכן פאַר 156 לאַטישן. כ׳האָב אָפּגעבראָכן אַ שטיקל ברויט און דערמיט אַרויס פון שטוב צו דער אַרבעט, זאָגנדיק צו מיין פרוי, אַז אויב ס׳וועט עפּעס געשען, זאָל זי זיך באַהאַלטן אין בונקער.

אויפן וועג האָב איך שוין דערהערט אַ שיסעריי פון אַלע זייטן, דער געטאָ האָט געברענט מיט די אין בונקערס באַהאַלטענע מענטשן. די מיטגלידער פון אַרבעטסאַמט און אידישער פאָליציי זיינען דער־שאָסן געוואָרן, צווישן זיי דער „יודנעלטעסטער״ קווינט. פאַרוווּנדעטע האָט מען געוואָרפן אין פייער אַריין. די דייטשן האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן דעם געטאָ, ווייל אידן האָבן אויף זיי אַרויס־געשאָסן.

מיין פרוי מיט די קינדער זיינען אומגעקומען אין אַ בונקער.

נקמה פון אַ פאָטער

2 דייטשן זיינען אַריין אין אַ שטוב און געטראָפן אַ שמייכלענדיק קינד אין אַ וועגעלע. איינער פון זיי האָט דאָס קינד דערשאָסן. דער פאָטער פון קינד, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם, איז אויפן הילך פון שאָס אַרויס דורך אַ באַהאַלטענער טיר און מיט אַ האַק געהרגעט דעם מערדערישן דייטש. אים איז געלונגען צו אַנטלויפן, ער איז אַוועק אין קאָסאָווער פאַרטיזאַנען־אָטריאַד. דערציילט האָט עס מיר שפּעטער אין וואַלד אוטקין, אַ סלאָנימער איד.

נאָך דער לעצטער אַקציע זיינען מיר, די 11 מאַן, פאַרבליבן אין פאַרפלעגונגס־אַמט, עס האָבן נאָך געאַרבעט אין געביטס־קאָמיסאַר־יאַט אַ 15 מאַן, ביי ספּעציעלער טישלעריי אַ 10 מאַן. אַלע האָבן מיר געוווינט אין דער געביידע פון בויטע־לאַגער.

אין 3 וואָכן אַרום איז געקומען צו אונז דער סעקרעטאַר פון שטאַבס־לייטער מיט 2 רעוואָלווערן און באַפוילן זיין גרייט. מיר האָבן געהאַט צווישן אונז אַ באַהאַלטענעם איד, וועלכער איז צו־ריקגעקומען פון דער 3־טער שחיטה. דער אינספעקטאָר האָט גע־וווּסט וועגן אים און געהייסן אים שפּייזן. אַ פאָר וואָכן האָבן מיר אים אויסבאַהאַלטן צווישן די זעק. יעצט זיינען מיר אַרויס 12 מאַן. מען האָט אונז געזאָגט, אַז מ׳פירט אונז אין טורמע אַריין, קאָנטראָ־לירן די שיינען. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, זעענדיק די אוק־ראַינער־וואַך, וואָס ס׳וועט מיט אונז זיין. איך האָב באַשלאָסן ניט צו גיין מיט זיי, נאָר אַנטלויפן, און האָב דאָס געזאָגט די חברים. שטעלנדיק דעם ערשטן טראָט זיינען מיר לויטן באַפעל „רעכטס״ געלאָפן אויף לינקס. 7 מאַן זיינען געלאָפן אין דער ריכטונג צו די אוקראַינער, האָט מען זיי געכאַפּט און 4 אַנדערע זיינען געוואָרן דערשאָסן. איך בין אַריבער די רעלסן און געבליבן ליגן 15 מינוט מיטן קאָפּ אין זאַמד. פון אַן אַדורכפאָרנדיקן באַן זיינען מענטשן

אַראָפּ און מיר געטרייסלט, אָבער זיי האָבן געגלויבט אַז איך בין טויט. מיין היטל איז געווען דורכגעשאָסן.

ליגנדיק האָב איך געהערט, ווי צוויי מאַן גייען נעבן די שינעס און ריידן אידיש (די צוויי ברידער קורץ, טרעגער וואָס האָבן געאַרבעט אין טאַרטאַק). איך האָב זיי געפרעגט, צי מ׳קען זיך אויפהויבן, און בין אַריין אין קעלער פון מאַגאַזין, ווו כ׳בין געשטאַנען צווישן צוויי ווענט 3 שעה און געטראַכט וואָס צו טאָן. איך האָב באַשלאָסן פאַרברענען דעם מאַגאַזין און אַרויס צו די פאַרטיזאַנער אין וואַלד, אויפווייזנדיק זיי וואָס כ׳האָב געטאָן.

דער וועג אין וואַלד אַריין

צום גליק זיינען די 7 אידן געכאַפּטע דורך די אוקראַינער אומ־געריכט צוריקגעקומען פון טורמע און דערציילט, אַז דער שטאַבס־סעקרעטאַר האָט דאָס אויסגעפירט אויף זיין אייגענער האַנט, און דעריבער זיינען זיי באַפרייט געוואָרן. נאָך 3 טעג האָבן מיר 3 מאַן (די רעשט האָט נאָך געוואַרט) באַשלאָסן, אַז שבת גייען מיר אַוועק אין וואַלד אַריין, דער אינספעקטאָר האָט אונז צוגעשטעלט אַ פאָר קריסטלעכע פרויען, וועלכע האָבן געגייט זעק אין פאַרפלעגונגס־אַמט, אונז דורכצופירן אין וואַלד.

זייט 1941 האָבן 2 ברידער, שלאָסערס, געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט די פאַרטיזאַנער. זיי האָבן צוגעאַרבעט אין בויטע־לאַגער צום געווער פאַרשידענע טיילן און פלעגן זיך פריי באַוועגן אין שטאָט. אינזשיניער קאַדישעוויטש, אַן עלעקטראָמאָנטער, האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער פאַרטיזאַנער־אַרבעט, שיקנדיק מענטשן מיט געווער צום קאָ־סאָווער אָטריאַד. דאָס געווער האָט מען געשאַפן אין בויטע־לאַגער. אין פּעסער פלעגט מען פון בויטע־לאַגער אַרויספירן דאָס מיסט, האָט מען דאָס צוגעגרייטע געווער אַריינגעוואָרפן אין די פּעסער אַריין, הינטער דער שטאָט האָבן שוין געוואַרט פאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן איבערגענומען ס׳געווער.

שבת 12 אַ זייגער, נאָך דער אַרבעט, האָט דער אינספעקטאָר אָנגעזאָגט די קריסטינס, אַז מיר גייען אין וואַלד אַריין. מיר זיינען אַדורכגעגאַנגען דעם טאַרטאַק און אַ טייכל, און עס האָט געהייסן, אַז מ׳גייט זיך באָדן. יעדער באַזונדער האָט געהאַט געווער. איך האָב געטראָגן אַ דיסק מיט צוויי און זיבעציק קוילן, דער צווייטער אַ ביקס, איינער אַ גראַנאַט.

די דייטשן ביי דער וואַך אויפן באַן האָבן אונז געפרעגט וווּהין מ׳גייט, מיר האָבן געזאָגט, אַז מ׳גייט זיך באָדן, זיי האָבן אָבער ניט געגלויבט: „איר גייט אין וואַלד״.

און ווען די דייטשן האָבן געזען, אַז מיר זיינען אַריבער די טייך, האָבן זיי אָנגעהויבן אונז באַשיסן. מיר זיינען אַריין אין די הויכע גראָזן און געקראָכן אַ 500 מעטער אויפן בויך. קוילן זיינען געפלויגן איבער אונזערע קעפּ פון אַלע זייטן, ביז מיר זיינען אַריין אין קוסטעס און צוגעצויגן ביז צום דאָרף פּעטראָלעוויטש, ווו איך האָב געהאַט באַקאַנטע פויערן, מיט וועלכע כ׳האָב ביי די סאָוויעטן געאַרבעט אין טאַרטאַק (די צוויי אַנדערע אידן וואָס זיינען געווען מיט מיר האָבן געהייסן באַגדוש און קאַרפּאָווסקי). דער פויער איגנאַץ בעגעט האָט אונז געגעבן אַ ברויט מיט האָניג און מיר זיינען אַוועק, באַגלייט פון די שיקסעס וועלכע ער האָט מיטגעשיקט, קיין פוזעוויטש, ווו עס איז פריער געווען אַ אידישער לאַגער, פונוואַנען די פאַרטי־זאַנער פלעגן אַרויסנעמען מענטשן אין וואַלד אַריין. דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן, ווייל די דייטשן האָבן מורא באַקומען פאַר דער נאָענטקייט פון די פאַרטיזאַנער.

אויפן וועג האָבן מיר דערזען פונדערווייטנס אַ מחנה אוקראַינער, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך באַהאַלטן. זיי האָבן אונז באַמערקט און געעפנט אַ שיסעריי. ווען זיי זיינען אַוועק, האָבן מיר זיך ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין. אַזוי זיינען מיר געגאַנגען צוויי וואָכן צייט. געווען איז דאָס אין אָקטאָבער 1942.

מיר האָבן באַגעגנט אויפן וועג קריסטן, וועלכע זיינען פאַר אונז אַנטלאָפן. גייענדיק אַזוי האָבן מיר אויפן וועג צוגעקויפט געווער, ביקסן, רעוואָלווערן און מיר זיינען געווען גוט באַוואָפנט.

איין מאָל האָבן מיר באַגעגנט אַ שיקסל, וועלכע איז פון אונז ניט אַנטלאָפן. מיר פרעגן זי ווו עס זיינען פאַרטיזאַנער. זי איז אַריין

אין כאַטע און געבראַכט מיט זיך איר 68־יאָריקן פאָטער, צו וועלכן די פּאַרטיזאַנער, די „מאַקסימאָווצעס" פלעגן קומען. ער האָט אונז גוט אויפגענומען און געהייסן וואַרטן אין וואַלד, ביז די פּאַרטיזאַנער וועלן קומען. ברענגנדיק אונז עסן, האָט ער אונז געזאָגט, אַז די פּאַרטיזאַנער שיסן קומענדיק אין דאָרף אַריין. נאָך 11 טאָג וואַרטן האָבן מיר געהערט פון דאָרף אַ שיסעריי, איך האָב געענטפערט מיט אַ שאָס. צומאָרגנס אינדערפרי זיינען 2 פּאַרטיזאַנער רוסן, מיטן פויער, געקומען צו אונז אין וואַלד אַריין.

מיט אַ פייפעריי, אַ נאַגאַן אין דער האַנט, אַן אויטאָמאַט אויף די פּלייצעס און מיט בינאָקלעס, זיינען זיי פונדערווייטנס געבליבן שטיין און געפרעגט ווער מיר זיינען. זאָגנדיק זיי, אַז מיר זיינען אידן און ווילן קעמפן, האָבן זיי אונז געהייסן צוגיין, געגעבן די הענט און געוואָרנט ניט אַרומצוקריכן אין די וועלדער, ווייל די דייטשן זיינען נאָענט און זיי קענען אונז כאַפּן לעבעדיקערהייט.

אין אָטריאַד פון ד״ר אַטלאַס

זיי האָבן אונז געגעבן אַן אָנווייז צום אידישן אָטריאַד פון קאָמאַנדיר ד״ר אַטלאַס, עטלעכע און פופציק ק״מ פון דאָרטן. נאָכן געזעגענען זיך, האָט אונז דער אַלטער קריסט אַריבערגעפירט 10 ק״מ איבער אַ טייך מיט זיין לאָדקע, בעטנדיק אונז, אַז אויב מיר וועלן געכאַפּט ווערן לעבעדיקע, זאָלן מיר פון אים ניט דערציילן.

אויפן וועג צום אָטריאַד פון ד״ר אַטלאַס האָבן מיר באַגעגנט פיר מאַשינען מיט דייטשן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין וואַלד און איבערגעוואַרט ביז די מאַשינען זיינען אַדורך. די מערדער זיינען געפאָרן פון אַן אַקציע, אין וועלכער זיי האָבן אויסגעהרגעט 150 אידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ וועלדל. ווען מיר זיינען צוגעקומען נאָענט צום אָרט, האָבן מיר געטראָפן 2 פרויען מיט אַ מאַן, אַלע פון מאלטשאדז (אידיש: מייטשעט), וועלכע האָבן אונז מיט געוויין דערציילט וועגן דער שחיטה אין וואַלד.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען און סכנות, בעת באַגעגענישן מיט פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנער, האָבן מיר געהערט ווי אידישע פּאַרטיזאַנער, פרויען און מענער מיט געווער, פירן אַדורך אויף אַ פּאַראָם דורכן וואַסער פּראָוויאַנט מיט בהמות און ריידן צווישן זיך אידיש. דאָס דאָרף האָבן די דייטשן גערופן „מאָסקווע". מיר האָבן דאָ באַגעגנט דערעטשינער אידן, וועלכע מיר האָבן געפרעגט, ווי מ׳קען אַריין אין זייער אָטריאַד. זיי האָבן אונז געראָטן גיין צום קאָמאַנדיר אַטלאַס, וועלכער וועט אונז זיכער צונעמען.

ווען ד״ר אַטלאַס איז אָנגעקומען, זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אים מיט טרערן אין די אויגן. ער האָט אונז געהייסן קומען אין וואַלד אַריין. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ קאָמאַנדיר באָריס, אַ רוס אָן אַ האַנט, וועלכער האָט אונז געענטפערט: „קיין אידן נעמען מיר מער ניט צו, מיר האָבן שוין גענוג, איר ווילט ניט קעמפן — גייט אין אַ סעמיינעם לאַגער". מיר זיינען געבליבן שטיין פאַרצווייפלטע ביי דעם פּאָסטן.

אַ אידיש מיידל האָט אונז געגעבן עסן און אַרויסגעשיקט דעם גלאַוונעם קאָמאַנדיר, קאָליע, אַ פיינער מענטש. ער פרעגט אונז צי מיר וועלן גיין אויפרייסן באַנען, מיר האָבן צוגעזאָגט, אַז ווו מ׳וועט אונז שיקן וועלן מיר גיין. קוקנדיק אויף אונז מיט רחמנות האָט ער אונז צוגענומען אין וואַלד אַריין צו די פּאַרטיזאַנער.

מיר זיינען געווען גליקלעך צו זיין צווישן אַלע חברים. געווען זיינען דאָרטן 41 אידן. מען האָט צונויפגערופן אַלע פּאַרטיזאַנער, אונז געהייסן איבערגעגעבן די ביאָגראַפיע אויף רוסיש, געשטעלט צום אָפּשטימונג און מיר זיינען אַדורך. די פרייד איז געווען גרויס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען דער קאָמאַנדיר באָריס און געפרעגט וואָס מיר טוען דאָ. קאָליע ענטפערט אים, אַז מיר זיינען פעאיקע אידן און וועלן אויספירן וואָס מ׳וועט אונז באַפעלן. דעם 4־טן טאָג פון אונזער זיין אין וואַלד האָט מען אונז געשיקט פאַרברענען די ביעליצער בריק איבערן ניעמען, וואָס איז געווען 200 מעטער לאַנג. נאָכן גיין אַרום 40 ק״מ, זיינען מיר אָנגעקומען צו דער בריק, פון וועלכער מיר האָבן דעם זאַמד אַראָפּגעקראַצט, באַגאָסן מיט טערפּענטין און די בריק האָט אָנגעהויבן ברענען. צוריקקומענדיק האָבן מיר באַקומען אַ „פּאַכוואַלע" און 8 טעג אָפּרו.

נאָכדעם האָט מען געשיקט אַ פּאָר הונדערט מאַן אויף קאָזלאָווטשטשיזנע, אויפצורייסן דייטשישע פּאָסטנס. מיר זיינען אַהין אַוועק מיט האַרמאַטן און זיך דערנענטערט צו די דייטשישע בעטאָנענע בונקערס. 7 אינדערפרי האָבן מיר געעפנט אַ הורא־אַטאַק אויפן מויער, ווו די דייטשן זיינען געזעסן. מיר האָבן אָפּגעהאַקט אַ האַלבע מויער. זיי האָבן געשטעלט אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אַ 19־יעריק אידיש אינגל, אַ „ראַזוועדטשיק", האָט אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט אין אַ בונקער און דערהרגעט 6 דייטשן. ער אַליין איז אויך אומגעקומען.

דער אָנפירער פון דער שלאַכט, וואָס האָט געדויערט 2½ שעה, איז געווען ד״ר אַטלאַס.

אין יוני 1943 האָבן מיר אַטאַקירט דערעטשין און עס איז פאָרגעקומען אַ פאַרביסענער קאַמף. געגאַנגען אַהין זיינען עטלעכע אָטריאַדן, צווישן זיי דערעטשינער אידן, וואָס האָבן געברענט ממש פון הייסן באַגער צו נעמען נקמה פאַר זייערע דערהרגעטע ברידער און שוועסטער.

מיר זיינען אַוועק 4 פאַרטאָג און די שלאַכט האָט געדויערט 3 שעה. מ׳האָט אויפגעריסן בריקן, צעשניטן די טעלעפאָנען־ליניעס סלאָנים—דערעטשין. אַריינקומענדיק אין שטעטל האָבן מיר אויפגעריסן דעם שטאַב מיט אַ מינע (די מינע האָט אונטערגעלייגט גדליה באָסאַק, אַ דערעטשינער). מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרברענען די שטאָט. די פּאָליציייאישע פאַמיליעס האָבן מיר אויסגעהרגעט. די דייטשן זיינען זיך צעלאָפן, אַ פּאָר מאַן פון זיי האָט מען דערשאָסן. די פויערים האָבן געמוזט געבן שטרוי און ברען־האָלץ צום אונטערצינדן זייערע אייגענע הייזער.

קיין הילף פון דער דייטשער זייט איז ניט געקומען, אונז איז אָבער צו הילף געקומען בולאַקס אָטריאַד מיט אויטאָמאָבילן, אויף וועלכע מ׳האָט אָנגעלאָדן קאַסטנס אייער, פוטער, מעל און פאַרשיידענע אַנדערע פּראָדוקטן און קליידונג. נאָך אַ פּאָר שעה האָבן מיר זיך צוריקגעצויגן אין וואַלד אַריין.

מיר האָבן נאָך אויסגעפירט אַנדערע גרויסע אַטאַקעס אויף דייטשע, אוקראַינישע און ווייסרוסישע פּאָסטנס, ביז די דייטשן האָבן געבראַכט 40.000 מיליטער־לייט, מיט טאַנקן און געפּאַנצערטע מאַשינען, כדי צו גרייטן אויף אונז אַ בלאָקאַדע.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם פון אַ פויער, האָבן מיר אָנגעהויבן טאָג־טעגלעך זיי צו אַטאַקירן, ניט וועלנדיק צולאָזן אַז דער שונא זאָל זיך דערנענטערן צו אונז.

אין אַ קאַמף ביים דאָרף גרויס וואָלע איז געפאַלן דער קאָמאַנדיר ד״ר אַטלאַס. דער טרויער נאָכן באַליבטן קאָמאַנדיר איז געווען גרויס. ביינאַכט האָט מען אים איינגעוויקלט אין אַ מאַפּע און באַגראָבן אין אַ גרוב פון אַ מינענוואַרפער.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָבלאַוועס פון די דייטשן, זיינען מיר, אַפּאָר טויזנט מענטשן „קאָננע" און „פיעכאָטע", געגאַנגען טיפער אין די וועלדער.

אין פעברואַר 1944 האָבן אַ סך אידן פאַרלאָזן דעם אָטריאַד, ווייל ער איז נאָכן טויט פון ד״ר אַטלאַס געוואָרן אַן אַנטיסעמיטישער נעסט. איך בין אַוועק צו די „מאָסקוויטשן" ווו עס זיינען געווען ווייניק אידן און מער רוסן פון מאָסקווע און דעסאַנטן.

אין נייעם אָטריאַד האָבן מיר אָן אויפהער אויפגעריסן די באַן־שינעס און אַראָפּגעלאָזן גאַנצע באַנען מיט פּראָוויאַנטן און געווער, אָפט מיט פיל קרבנות צווישן די נאַצישע מערדער.

דאַן האָבן די דייטשן באַשלאָסן אונז צו פאַרניכטן פאַר יעדן פּרייז, אָבער צו הילף זיינען אונז געקומען דעסאַנטן מיט עראָפּלאַנען און געווער. די דייטשן האָבן אין אַלע דערפער נעבן די וועלדער באַזעצט שטאַרקע פּאָסטערונקעס, אַריינגעשאָסן מיט האַרמאַטן אין די וועלדער און באָמבאַרדירט די דערפער. דער פראָנט האָט זיך דערווייל דערנענטערט און 12.000 מאַן פון קאַפּוסטעס אָטריאַד איז געגאַנגען אונז צו הילף. 2 וואָכן זיינען מיר געזעסן באַלאַגערט דורך די דייטשן, כמעט אָן אַ ביסן עסן. ביז די רוסן האָבן אין יולי 1944 פאַרנומען דעם שטח, פאַרטריבן די דייטשן און אונז באַפרייט.

(גביית־עדות אויפגענומען אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאַנדסבערג, דייטשלאַנד)

ד״ר שלמה וואָלקאָוויסקי

וואַלד־איין, וואַלד אויס

(צווישן טויט־געפאַר אין געטאָ און אידן־האַס אין וואַלד)

דעם טאָג ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די סאָוועטיש־היטלערישע מלחמה בין איך געווען אין גוט „ליטוואַ״, ניט ווייט פון זשירעוועס, ווו איך האָב אַלס דאָקטאָר געלייטעט די אַמבולאַטאָריע און שפּיטאָל. אויפן פערטן טאָג פון דער מלחמה בין איך אַוועק פון מיין אַרבעט קיין סלאָנים, צו מיין פרוי און אירע עלטערן. די שטאָט איז שוין צוויי טעג געווען אין די הענט פון די דייטשן.

אייניקע וואָכן שפּעטער, דעם טאָג ווען ס׳איז אויסגעפירט געוואָרן די ערשטע מאַסן־שחיטה פון קרוב צו 1200 אידן, צווישן זיי אויך הרב פיין, בין איך אויך געווען אויפן זאַמלפּונקט אין „דאָם לודאָווי״, אָבער אַלס דאָקטאָר בין איך באַפרייט געוואָרן.

ביז אויגוסט 1942 בין איך פאַרבליבן אין סלאָנים. אין משך פון דעם שווערן, טרויעריקן יאָר האָב איך דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט אַלע שיקאַנעס, גזירות, רדיפות און פּיין צוזאַמען מיט אַלע אידן אין שטאָט, און אויב כ׳האָב זיך געראַטעוועט פון טויט, איז דאָס געווען אַ דאַנק מיין דאָקטאָרשיין אָדער אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב באַצייטנס זיך אויסבאַהאַלטן.

עם ציט אין וואַלד אַריין

זומער 1942 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין די סלאָנימער וועלדער זיינען טעטיק פּאַרטיזאַנער־גרופּן, צווישן זיי יונגעלייט פון סלאָנים און אומגעגנט. ס׳איז אויך צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן אַ גוט־קאָנספּירירטער אָרגאַניזאַציע אין סלאָנים, וואָס שטייט אין פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער און שיקט אין וואַלד אַריין געווער און מענטשן. קיין גענויע פּרטים און נעמען האָב איך ניט געוווּסט, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָט אונזער פריינט ד״ר סמאָלינסקי קאָנטאַקטירט מיר און מיין פרוי מיט פאָרשטייער פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן אונז צוגעזאָגט אַרויסצופירן אין וואַלד. די זאַך האָט זיך פאַרשלעפּט פון טאָג צו טאָג, ביז איך האָב באַשלאָסן צו האַנדלען אויף אייגענער האַנט, אַבי אַוועקצוגיין פון געטאָ צו דער פּאַרטיזאַנקע. ראשית־כל האָב איך צוגעגרייט אַ רוקזאַק פול מיט קליידונג און אַנדערע נויטיקע זאַכן און דאָס געלאָזן ליגן ביי אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט געוווינט הינטער דער שטאָט, ביים קאָסעווער טראַקט.

אַ קריסטלעכער פעלדשער, וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין שפּיטאָל, האָט צוגעזאָגט איינצואָרדנען אונז אַן אויטאָ (פאַרשטייט זיך, פאַר גוט געלט), וואָס זאָל אונז אַרויספירן פון שטאָט. איך האָב זיך שנעל דעצידירט, ניט געוואָלט מער אָפּשלעפּן די זאַך, און אָרגאַניזירט אַ גרופּע פון 9 מאַן (פון צווישן דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל) און איינמאָל אין מיטן העלן טאָג זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון סלאָנים, זיך פאַרבאַהאַלטן אין וואַלד אַ פינף קילאָמעטער ווייט פון שטאָט און זיך געזעצט וואַרטן אויף אַ פויער, וועלכער האָט אונז געדאַרפט ווייטער פירן. דער פויער איז ניט געקומען, אָבער איך האָב גוט געקענט די געגנט און געוווּסט ווו צו זוכן די פּאַרטיזאַנער־גרופּן, ווייל איך האָב דאָרטן געאַרבעט בעת דער סאָוועטישער אָקופּאַציע. באַלד ווי ס׳איז אַראָפּ די נאַכט האָבן מיר זיך געלאָזן אין וועג אַריין און ביז פאַרטאָג זיינען מיר דערגאַנגען צו די אַנדזשעיעווער וועלדער. אַ 20 קילאָמעטער פון סלאָנים.

די גאַנצע גרופּע איז געבליבן אין וואַלד און איך בין, מיט אַ צווייטן סלאָנימער, אַוועק אין דער ריכטונג צום גוט ליטוואַ, ווו כ׳האָב, ווי געזאָגט, געאַרבעט אַלס דאָקטאָר. איך האָב דאָרטן אָנגעטראָפן פויערים, וואָס האָבן מיר גוט געקענט און זיי האָבן אונז פאַרבונדן מיט פּאַרטיזאַנער. צומאָרגנס האָבן אונז עטלעכע פּאַרטיזאַנער אָפּגעזוכט אין וואַלד — דאָס זיינען געווען באַקאַנטע קריסטן, וועלכע האָבן מיר און מיין פרוי אַריינגענומען אין זייער אָטריאַד א. נ. פון טשאַפּאַיעוו, די איבעריקע זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַנדערע טיילן פון וואַלד, צו פאַרשיידענע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען אויך אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. אין מיין טשאַפּאַיעוו־אָטריאַד האָב איך שוין געטראָפן ד״ר קרעמיען און זיין פרוי.

דייטשע אָבלאַוועס

אין יענע טעג איז נאָך די לאַגע פון די פּאַרטיזאַנער געווען אַ גאַנץ גינסטיקע. די דייטשן האָבן נאָך ניט שטאַרק אָפּגעפילט אונזערע דיווערסיע־מעשים און זיי האָבן זיך ניט געאיילט צו אַטאַקירן און פאַרניכטן אונז.

לאַנג האָט עס ניט געדויערט. אין סעפּטעמבער 1942 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן קאָנצענטרירן גרויסע מיליטערישע

אָפּטיילונגען אין די דערפער אַרום אונזערע וועלדער. מיר האָבן נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען די כוונה פון זייער קאָנצענטראַציע, אָבער גאַנץ שנעל האָבן מיר זיך אַרומגעזען, אַז די דייטשן רינגלען אונז אַרום. אין אַ געוויסן טאָג, שפּעט אָוונט, האָבן זיי געעפנט אַן אַטאַק אויף אונז. זייער אָבלאַווע האָט זיך אָנגעהויבן אין מזרח־ווייסרוסלאַנד און איז אַריבער צו אונז, אין די מערב־געגענטן.

מיר האָבן אין אָנהויב געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אָבער מיר האָבן זיך באַלד איבערצייגט אַז דאָס איז צוועקלאָז, ווייל די דייטשן האָבן קעגן אונז אַרויסגעשטעלט אַ רעגולערע אַרמיי, שווער־באַוואָפנטע טיילן, מיט רעזערוון א. ד. גל. מיר האָבן באַשלאָסן אויסצומיידן שטאַרקערע צוזאַמענשטויסן מיט אַזאַ שונא, כדי אָפּצוהיטן די פאַרטיזאַנישע כוחות פון פאַרניכטונג, און לויט אַ באַפעל פון אויבן האָבן מיר אונזערע מענטשן צעטיילט אויף קליינע גרופּן, פון 3 ביז 5 מאַן, כדי אויף דעם אופן אַרויסשמוגלען זיך פון אַרומגערינגלטן וואַלד.

מיין פרוי איז איינגעטיילט געוואָרן אין אַן אַנדער גרופּע. איך בין געווען אין אַ קליינער גרופּע, מיט נאָך צוויי אומבאַקאַנטע סאָוועטישע פאַרטיזאַנער. זיי זיינען ביידע געווען באַוואָפנט, איך בין געווען מיט ליידיקע הענט. נאָך דעמזעלבן טאָג פון דער צעטיילונג איז אונז דרייען געלונגען אַרויסצוגיין פון וואַלד.

מיר האָבן באַשלאָסן גיין אויף מזרח, אין דער ריכטונג פון די פּינסקער בלאָטעס, האָפנדיק אַז דאָרטן איז שוין נאָך דער אָבלאַווע און מיר וועלן אָנטרעפן אויף געוויסע פאַרטיזאַנישע טיילן. ניט איינמאָל האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דייטשע פּאַטרולן און גרעסערע באַוואָפנטע כוחות, ניט איינמאָל האָבן זיי אונז נאָכגעשאָסן, אָבער ס׳איז אונז געלונגען פון זיי צו אַנטלויפן. כאָטש מיינע ביידע חברים זיינען געווען באַוואָפנט, פלעגן זיי שטענדיק שיקן מיר, אַן אומבאַוואָפנטן, אויף ראַזוועדקע אין די אָנגעטראָפענע דערפער, אין וועלכע מיר האָבן זיך געשאַפן אַביסל פּראָדוקטן.

איינמאָל זיינען מיר אַזוי אַלע דריי אַרויס פון אַ דאָרף, מיט עסנוואַרג, און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום וואַלד, כדי אויסצומיידן די אָפּגעהיטע שאָסייען. מיר זיינען ממש אָנגעשפּרונגען אויף אַ דייטשע „זאַסאַדקע״, אויף אַ פּאַטרול וואָס האָט געלויערט אויף פאַרטיזאַנער. נאָר אַ דאַנק דער פינסטערניש איז אונז געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד אַריין.

אַזוי זיינען מיר דערגאַנגען ביז די פּינסקער בלאָטעס, אָבער מיר האָבן ניט געטראָפן דאָרטן קיין פאַרטיזאַנער. מיינע צוויי מיטקעמפער האָבן באַשלאָסן צו גיין אין אַ צווייטן טייל פון די פּינסקער וועלדער, און אויב זיי וועלן אויך דאָרטן ניט געפינען קיין פאַרטיזאַנער, וועלן זיי זיך באַמיען שניידן די וועלדער ביז צו בריאַנסק, אין מזרח־ווייסרוסלאַנד, פון וואַנען זיי האָבן געשטאַמט.

איך האָב באַשלאָסן זיך מיט זיי שיידן און באַמיען זיך אומקערן אין די סלאָנימער וועלדער, האָפנדיק אָפּצוזוכן מיין פרוי און פאַרטיזאַנישע טיילן. איך האָב דערביי געטראַכט, אַז אויב ס׳איז די דייטשן געלונגען אין זייער אָבלאַווע צו פאַרניכטן די פאַרטיזאַנישע כוחות אין יענע וועלדער, וועל איך זיך אפשר קענען אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע פּויערים.

קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט געהאַט. ס׳איז שוין געווען סוף האַרבסט, נאָנט צום ווינטער און צו די פרעסט.

אַזוי האָב איך זיך איינער אַליין, אָן געווער און אָן אָריענטאַציע, געלאָזן אין וועג אַריין. איך האָב ניט געקענט מאַכן דעם וועג דורך די וועלדער, ווייל איך וואָלט לייכט פאַרבלאָנדזשעט דאָרטן, און בין געווען געצוווּנגען צו וואַנדערן לענג־אויס די שאָסייען און זאַמד־וועגן, זיך האַלטן נאָנט צו די דערפער. ס׳איז געווען אַ סכנותדיקער וועג, ווייל די דייטשן האָבן נאָך דער אָבלאַווע פריי גראַסירט אויף אַלע וועגן און אין אַלע דערפער.

נאָך מער ווי די אַלע סכנות האָט מיר געדריקט מיין איינזאַמקייט. טעג און נעכט אַליין אין די פּאָלעסיער און ווייסרוסישע וועלדער און פעלדער, געלאָפן פון איין געפאַר און זיך אָנגעשטויסן אָן אַ צווייטער. ניט איינמאָל האָט מיר באַהערשט אַ פינסטערער יאוש.

כ׳געדענק אַן עפּיזאָד, איינעם פון אַ סך: איינמאָל האָב איך געוואָלט זיך נאָכפרעגן, ווי אַזוי איך דאַרף ווייטער גיין. האָב איך זיך דערנענטערט צו געביידעס, וועלכע האָבן מיר אויסגעזען ווי פּויערישע כאַטקעס. דערצו בין איך נאָך קורצזיכטיק און מיינע ברילן האָב איך שוין פון לאַנג פאַרלאָרן אין וועג. ווען איך בין דערגאַנגען אַ ביסל נענטער, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ באַן־סטאַנציע מיט אַ סך וואַגאָנען, וואָס האָבן מיר אויסגעזען ווי הייזלעך. אויף דער סטאַנציע זיינען געווען פילע דייטשע סאָלדאַטן. איך בין קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון דאָרטן.

אַ צווייטן מאָל האָב איך, גייענדיק אין מיטן העלן טאָג מיטן וועג, דערהערט דעם גערויש פון פורן וואָס דערנענטערן זיך. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס פאָרן פּויערים, פונדעסטוועגן האָב איך זיך פאַרשטעקט הינטער אַ בוים. עס האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען געפאָרן ליטווישע אָדער לעטישע זעלנער. צום גליק האָבן זיי מיר ניט באַמערקט.

איך מוז אונטערשטרייכן, אַז אין אַלע מיינע וואָגלענישן איבער די וועלדער פון ווייסרוסלאַנד האָבן זיך צו מיר די פּויערים באַצויגן פריינטלעך, זיי פלעגן מיר געבן צו עסן און פּראָדוקטן מיט זיך, ווייזן מיר דעם וועג און אינפאָרמירן אין וועלכע ערטער עס געפינען זיך דייטשן.

אַזוי וואַנדערנדיק וואַלד־איין וואַלד־אויס בין איך אַ געוויסן פאַרנאַכט דערגאַנגען נאָנט צו אַ דאָרף און געזען ווי די דייטשן פאָרן פונדאָרטן אַרויס. דער דאָרף איז געלעגן נאָנט צו דער שטשאַרע, ביים ברעג פון די סלאָנימער וועלדער. איך בין אַריין אין דאָרף זוכן עסנוואַרג. מיטאַמאָל האָב איך דערזען עטלעכע באַוואָפנטע מענטשן. אויך זיי האָבן מיר דערזען און מיר גערופן זיך צו זיי דערנענטערן. איך האָב נאָך אַלץ ניט געוווּסט, ווער זיי זיינען, אָבער איך בין צו זיי צוגעגאַנגען און זיך, צו מיין גרויסער פרייד, איבערצייגט, אַז דאָס זיינען קעמפער פון מיין געוועזענעם אָטריאַד, דערצו נאָך גוט־באַקאַנטע היגע פּויערים.

נאָך עטלעכע וואָכן וואַנדערן האָב איך זיך, סוף־סוף, געפונען אין אַ גרעסערער גרופּע פון עטלעכע צענדליק באַקאַנטע פאַרטיזאַנער. ס׳איז פאַר מיר געווען אַן אומגעהויערער גליק און איך בין שוין געווען זיכער, אַז איך וועל אָפּגעפינען מיין פרוי און ווידער אָנהויבן אַ נאָרמאַלן פאַרטיזאַנישן לעבן.

אידן־שנאה אין טיפן וואַלד

איך האָב באַלד באַמערקט, ווי ס׳האָט זיך געענדערט אין וואַלד די באַציאונג צו אידן, אויך צו חברים־פּאַרטיזאַנער. די לאַגע האָט אויסגעזען גאָר ניט פריגלדיק.

מיין גרופּע האָט באַשלאָסן אַריבערגיין די שטשאַרע, צוריק אין די פריערדיקע וועלדער. ס׳רוב פּאַרטיזאַנער האָבן געשטאַמט פון יענע געגנטן. מיר זיינען אַריבער די טייך און אָנגעטראָפן זיך אויף אַ פּאָליט־קאָמיסאַר פון אַ צווייטער גרופּע. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט געטראָפן מיין פרוי אין דיזעלבע וועלדער, אָבער אין אַן אַנדער געגנט. וועגן דער לאַגע פון אידן אין וואַלד נאָך דער אָבלאַווע האָט ער מיר קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

איך האָב צייטווייליק פאַרלאָזן מיין גרופּע און אַוועק זוכן מיין פרוי. אויפן וועג איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי שטאַרק עס איז די שנאה צו אידן מצד די פּאַרטיזאַנער. די אַנטיסעמיטישע נאַגאַנקע האָט זיך צעבושעוועט באַלד נאָך דער אָבלאַווע. מ׳האָט אַנטוואָפנט אידישע פּאַרטיזאַנער, זיי באַראַבעוועט, פאַרפאָלגט אויף טריט און שריט. אידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין פעלד נאָך קאַרטאָפל. זייער פיל אידן זיינען דאַן אויסגעמאָרדעט געוואָרן אין די וועלדער. מ׳האָט זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז זייער אָרט איז ביי די דייטשן אין געטאָ, און ניט אין וואַלד.

אויפן וועג האָב איך געטראָפן באַקאַנטע סלאָנימער אידן אָפּגעריסענע, הונגעריקע און פאַרפאָלגטע, ווי זיי וואָלטן געווען די ערגסטע שונאים.

ווען איך האָב געפונען מיין פרוי, האָב איך פון איר געהערט דיזעלבע שוידערלעכע געשיכטעס. זי אַליין האָט עס איבערגעלעבט, געווען אַפילו פאַראורטיילט צום טויט דורך פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ אידישקע. נאָר אַ דאַנק אַ צופאַל איז דער אורטייל ניט אויסגעפירט געוואָרן. פון מיין פרוי האָב איך זיך דערוווּסט, אַז בעת דער דייטשער אָבלאַווע איז ד״ר קרעמיען מיט זיין פרוי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון שונא און זיי ביידע זיינען אומגעקומען.

צוזאַמען מיט מיין פרוי בין איך צוריקגעגאַנגען צו מיין גרופּע, אָבער זיי האָבן אונז ניט געוואָלט אויפנעמען. אין צווישנצייט האָט מען אַפילו מיינע בעסטע פריינט, די ווייסרוסן פון אונזער געגנט, „באַוווסטזיניק״ געמאַכט, אַז אידן זיינען ניט געווונטשן אין זייערע גרופּן. אַלס מיינע באַקאַנטע האָבן זיי מיר צוגעזאָגט שטיין מיט מיר אין קאָנטאַקט, געבן מיר הילף — אָבער צוזאַמען מיט זיי קען איך ניט זיין. זיי וועלן וויסן ווו איך בין, אָבער איך טאָר ניט וויסן זייער גענויעם אָרט. אפשר בין איך אַ שפּיאָן?

אַזוי בין איך אין קאַלטן נאָוועמבער 1942 געבליבן אַליין מיט מיין פרוי אין וואַלד. דער ווינטער האָט זיך שנעל דערנענטערט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פרעסט — און מ׳האָט קיין אויסזיכטן ניט געהאַט. פון צייט צו צייט פלעג איך אָנטרעפן פּאַרטיזאַנער פון מיין געוועזענער גרופּע, און זיי פלעגן מיר אַ ביסל העלפן ביים שאַפן פּראָדוקטן, אָבער מיר זיינען געווען ממש אַן נויטיקער קליידונג.

אַזוי ווי ביים פאַרלאָזן סלאָנים האָב איך איבערלאָזן אין אַ הויז הינטער דער שטאָט אַ פּעקל מיט וואַרימע זאַכן, האָב איך איצטער באַשלאָסן דאָס אָפּנעמען. איינמאָל ביינאַכט בין איך מיט מיין פרוי אַוועק צום קריסט. פאַרטאָג בין איך צו אים אָנגעקומען. געקלערט האָב איך ביי אים איבערטאָגן און פאַרנאַכט זיך אומקערן אין וואַלד אַריין. דער קריסט האָט בשום אופן ניט געוואָלט אונז לאָזן ביי אים אין הויף, אָבער מיר האָבן ניט געוואַגט ביי טאָג, ביי דער ליכטיקער שיין זיך באַווייזן אויפן טראַקט, און באַשלאָסן גיין איבערוואַרטן דעם טאָג ביי אַ באַקאַנטן שכן פון מיין פרויס עלטערן, אויף שאָסאָווע.

צו אונזער איבעראַשונג האָבן מיר געפונען דאָס הויז פּוסט, אינמיטן אַ רעמאָנט. עס איז שוין געווען 8 פרי, בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטער קריסטין, וואָס האָט געוווינט ניט ווייט פון דאָרטן, אויף סקראָבאָווע. די פרוי איז געבליבן פאַרשטעקט אין אַ שטאַל אויפן הויף און איך בין אַוועק. די קריסטין האָט מיר זייער וואַרעם אויפגענומען, פאַרשלאָסן מיר ביי איר אין דירה און איז אַליין אַוועק ברענגען מיין פרוי פון איר באַהעלטעניש. אַ קורצע צייט נאָך דעם איז מיין פרוי אַליין אָנגעקומען, זי איז אַנטלאָפן פון שטאַל, ווייל ס׳זיינען אָנגעקומען אַרבעטער צו די רעמאָנט־אַרבעטן אין דעם באַקאַנטן־שכנס דירה. מיט דער קריסטין האָט זי זיך אויסגעמיטן. איך בין געווען פאַרשלאָסן אינעווייניק און ניט געקענט זי אַריינלאָזן, איז זי אַוועק אין סלאָנימער באָד, וואָס האָט זיך געפונען אויסערן געטאָ און ס׳האָט דאָרטן געאַרבעט אירע אַ חברטע. נעכטיקן ביי מיין באַקאַנטער קריסטין האָב איך ניט געקענט, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר אירע שכנים, וועלכע זיינען שוין איר לאַנג חושד אין קאָנטאַקט מיט אידן. בין איך אַוועק צו אַ באַקאַנטער דאָקטאָרשע, אַ סאָוועטישע בירגערין, אויף ברייטע גאַס, אָבער זי איז פונקט געווען אַוועקגעגאַנגען, און איר מיטוווינערין האָט מיר ניט געוואָלט אַריינלאָזן. ס׳איז דערווייל פינסטער געוואָרן, צוליב דער „פּאָליציישטונדע״ האָב איך שוין פון דאָרטן ניט געקענט אַוועקגיין. כ׳האָב זיך פאַרבאַהאַלטן אין הויף און געוואַרט. שפּעט אין אָוונט איז זי צוריקגעקומען און מיר דערלויבט איבערנעכטיקן אין איר וווינונג.

צומאָרגנס האָבן זיך מיינע באַקאַנטע פאַרשטענדיקט מיט מיין פרוי, וואָס האָט איבערגענעכטיקט אין באָד. מיר האָבן באַשלאָסן זיך טרעפן ביינאַכט און אַרויסגיין צוריק אין וואַלד. אַזוי האָבן מיר אויך געטאָן, גענומען די וואַרעמע זאַכן ביים קריסט און גליקלעך אָנגעקומען צוריק אין וואַלד אַריין.

די לאַגע פון אידן אין וואַלד איז נאָך אַלץ געווען זייער ביטער. האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די צוויי ברידער שעפּעטינסקי און זייערע פאַמיליעס, און אויך מיט יונה יאָסעלעוויטשן און באַשלאָסן צוזאַמען בויען אַ „זעמלאַנקע״, פאַרשאַפן זיך פּראָדוקטן און ווי ס׳איז איבערווינטערן. אויך די פּאַרטיזאַנער האָבן יענעם ווינטער באַקומען אַ באַפעל זיך איינצוטיילן אין קליינע גרופּקעס און איבערווינטערן אין זעמלאַנקעס.

צוריק אין אָטריאַד

ס׳איז ניט אַזוי לייכט געווען פאַר אונז צו רעאַליזירן דעם פּלאַן. דערצו האָט קיינער פון אונז קיין געווער ניט געהאַט. דאָך האָבן מיר זיך געהאַלטן צוזאַמען.

אַ געוויסן טאָג אין דעצעמבער 1942 זיינען צו אונז געקומען צוויי פּאַרטיזאַנער און מיר געגעבן אַ באַפעל צו פאָרן מיט זיי אין אַ דאָרף אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער פון אונזער פּונקט, צו אַ שווער־פאַרוואונדעטן פּאַרטיזאַן. איך בין אין יענער גרופּע געבליבן עטלעכע וואָכן. דערווייל איז אָנגעקומען אַ פאַרקערטער באַפעל און די פּאַרטיזאַנער זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן זיך ווידער צו אָרגאַניזירן אין גרעסערע אָטריאַדן, כדי לייכטער און זיכערער איבערצולעבן דעם ווינטער. איך האָב זיך ווידער געפונען אין אַן אָרגאַניזירטן און באַוואָפנטן אָטריאַד.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די גרופּע סלאָנימער אידן, מיט וועלכע כ'האָב זיך געקליבן איבערווינטערן צוזאַמען, איז באַפאַלן געוואָרן דורך פּאָליציסטן און אַלע אירע מענטשן זיינען אומגעקומען.

נאָך אייניקע וואָכן האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה פון סלאָנים, אַז די דייטשן גרייטן אַ נייעם איבערפאַל אויף אונז. מיר האָבן געוווּסט גענוי דעם טאָג און זיינען אַריבער אין אַ צווייטן וואַלד. דעם אידישן פאַמיליען־אָטריאַד, וואָס איז אין צווישנצייט געשאַפן געוואָרן נאָכדעם ווי די באַציאונג צו אידן האָט זיך, לויט אַן אָנווייז פון אויבן, אַ ביסל געענדערט צום בעסערן, — האָט מען די ידיעה וועגן דייטשן פּלאַנירטן איבערפאַל ניט איבערגעגעבן, און ס'זיינען פון פאַמיליען־לאַגער געפאַלן זייער פיל קרבנות. ביי די ווייטערדיקע דייטשן אָבלאַוועס זיינען שוין אויך די אידן קאָמוניקירט געוואָרן, און זייערע פאַרלוסטן זיינען געווען פיל קלענערע.

אויסער די גרויסע אַטאַקן פון רעגולערן דייטשן מיליטער אויף די פּאַרטיזאַנען־קאָנצענטראַציעס, פלעגן דייטשע סאָלדאַטן און זייערע מיטהעלפער פון פאַרשיידענע נאַציעס אָפט באַפאַלן דערפער, ווו פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך פאַרהאַלטן, און וועגן מיט וועלכע זיי פלעגן זיך אומקערן אין וואַלד אַריין. איינמאָל בין איך געבליבן נעכטיקן אין אַ דאָרף ביי אַ טיפוס־קראַנקן פּאַרטיזאַן, האָבן די דייטשן ביינאַכט אַרומגערינגלט דאָס דאָרף און מיט מאַטערנישן און טויט־שרעק איז מיר געלונגען זיך פון דאָרטן אַרויסרייסן.

סוף זומער 1943 זיינען מיר אַוועק אין די פּינסקער בלאָטעס. דערווייל האָבן זיך די גרופּעס שטאַרק צעוואַקסן און ס'איז פון זיי אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנצע בריגאַדע, מיטן נאָמען „סאָוועטסקאַיאַ בעלאָרוס". איך בין נאָמינירט געוואָרן אַלס הויפּט־דאָקטאָר פון דער בריגאַדע. מ'האָט אונז באַפוילן באַזעצן אייניקע דערפער ניט ווייט פון די פּינסקער בלאָטעס און ניט דערלאָזן אַהין די דייטשן, וועלכע האָבן כסדר געהאַלטן אין באַפאַלן אונז, באָמבאַרדירן פון אַעראָפּלאַנען און ניט לאָזן אונז זיך באַפעסטיקן אין איין אָרט. אָבער סוף ווינטער האָבן אונזערע כוחות צוריקגעשטויסן אַ גרויסע דייטשע אָבלאַווע און אונזער לאַגע הינטער די גרויסע וואַסערן און בלאָטעס איז געוואָרן פיל זיכערער.

דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע סאָוועטישע אָפענסיווע. די דייטשן האָבן געוואָלט פאַרזיכערן אַלע שאָסייען און טראַקטן און זיי האָבן אונז אַטאַקירט, כדי אַרויסצוטרייבן אונז פון די דערפער אין וואַלד אַריין. 6 טעג האָט געדויערט די דייטשע אַטאַקע, אונזער אַמוניציע האָט זיך אויסגעשעפּט און מיר זיינען געצוווּנגען געווען אָפּצוטרעטן אין וואַלד.

אָבער דער דייטשער פראָנט האָט געפּלאַצט אונטערן דרוק פון די סאָוועטישע כוחות, און אין יוני 1944 זיינען מיר באַפרייט געוואָרן פון די דייטשע נעגל און אַרויס פון וואַלד.

און איך מוז צוגעבן: ווען די אידן וואָלטן ניט אַזוי פאַרפאָלגט און געטריבן געוואָרן דורך די פּאַרטיזאַנער; ווען מ'וואָלט זיי אַזוי ניט שיקאַנירט און ניט געשאָסן אַ סך פון זיי לויט אורטיילן פאַר מכלומרשטע פאַרברעכנס; ווען די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער, אויסגעהאָדעוועטע אין די סטאַלינישע יאָרן, וואָלטן ניט אַזוי צעפלאַקערט דעם אידן־האַס אין די וועלדער — דאַן וואָלטן טויזנטער מער אידן אַרויס פון וואַלד און געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

ישראל יודעלעוויטש

פון סלאנימער געטא—אין מאגילעוו

איך בין איינער פון די דריי לעבן־געבליבענע פון די 403 סלאָנימער אידן, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן דורך די דייטשן קיין מאָגילעוו, ווייסרוסלאַנד, אויף צוואַנגס־אַרבעט, אין מאַי 1942.

איידער איך וועל איבערגעבן די פּרטים וועגן אונזער פאַרשיקונג און איבערלעבענישן פון מאָגילעוו ביז אונזער באַפרייאונג דורך די אַמעריקאַנער אין טויטן־לאַגער עבענזע, — וויל איך נאָך דערציילן אַן עפּיזאָד פון דער אַקציע פון 14־טן נאָוועמבער 1941.

מיין טאָכטער'ל האָט געהאַט אַ חבר'טע, אַ קליין, קלוג מיידעלע, אַ טאָכטער פון שלמה'קע דעם שערער די פרוי פון שלמה'קען מיט אירע 2 קינדער, אַ אינגעלע מיט אַ מיידעלע, זיינען געווען צווישן די פאַרשלעפּטע אין טשעפּעלעוואָ, דעם 14־טן נאָוועמבער.

15־טן נאָוועמבער אינדערפרי איז דאָס מיידעלע געקומען צו מיר אין הויז. עס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ מאַנטעלע דורכגעווייקט אין בלוט. דאָס מיידעלע האָט דערציילט: ווען מען האָט צוגעפירט איר מאַמען, איר ברודערל און איר אַליין צו די גריבער און מען האָט געשאָסן אויף זיי, — זיינען איר מוטער און ברודערל געפאַלן גלייך אין קאַלוזשעס בלוט. דאָס מיידעלע איז אויך אומגעפאַלן אָבער ס'האָט איר גאָרניט פּאַסירט. זי איז געבליבן ליגן אין גרוב אויף

דער אויבערשטער שיכט, און זי האָט געהערט וואָס עס טוט זיך אויפֿן פֿעלד. בײַנאַכט איז געוואָרן שטילער. די מערדער זײַנען אַוועק, און פֿון די גריבער זײַנען אַרויסגעקראָכן אײנצלנע מענטשן, כּמעט אַלע פֿאַרוווּנדעטע און פֿאַרגאָסענע מיט בלוט. זיי אַלע זײַנען געגאַנגען מיט הינטער־וועגן און אַרײַנגעגנבֿעט זיך אין שטאָט. דאָס מיידעלע איז געקומען צו אונדז.

דאָס קינד איז געבליבן בײַ אונדז, און איז אומגעקומען צוזאַמען מיט מײַן פֿאַמיליע אין דער שחיטה פֿון יוני־יולי 1942.

איך האָב געאַרבעט אַלס שוסטער אין געביטסקאָמיסאַריאַט, און געוווינט אין אַרבעטער־געטאָ. אין פֿרילינג 1942 האָט מען זיך אין געטאָ כּסדר געריכט אויף נײַע אַקציעס. דערווײַל האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אונטערגרונט־באַוועגונג. מיר האָבן אָנגעהויבן זאַמלען געווער.

אין מאַי 1942 האָט דער יודנראַט באַקומען אַן אויפֿפֿאָדערונג צוצושטעלן בײַ 500 אַרבעטער, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אַרויסגעשיקט ווערן אויף מזרח, נענטער צום פֿראָנט, אויף געוויסע אַרבעטן. אין געטאָ האָבן אַלע געמיינט אַז עס איז זיכער אַ נײַע אַקציע. איך האָב באַקומען אַן אויפֿפֿאָדערונג זיך צוצושטעלן דעם 26־טן מאַי 1942 צום באַן. מיר האָבן באַקומען אַ פֿאַרזיכערונג, אַז מיר פֿאָרן נאָר אויף 3 מאָנאַטן. נאָר קיינער האָט אין דעם ניט געגלייבט. מיר זײַנען אַלע געווען זיכער, אַז מען פֿירט אונדז צום טויט.

וואַרטנדיק אַזוי אין פֿעלד ניט ווײַט פֿון דער באַן־סטאַציע מיט מײַנע נאָענטע חברים אין איין גרופּע, האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז אויב מען וועט אונדז אַוועקפֿירן פֿונדאַנען אין דער ריכטונג צו די פֿעלדער, — זאָלן מיר זיך אַלע צוזאַמען אַ וואָרף־טאָן מיט איין מאָל אויף די סאָלדאַטן מיט פֿלעשער אויף די קעפּ; אין דעם טומל וועלן זיך אפשר אייניקע פֿון אונדז קענען ראַטעווען און אַנטלויפֿן אין די נאָענטע וועלדער. אונדזער באַשלוס וועגן דעם איז געווען אַ פֿעסטער.

נאָר אויסגעלאָזן האָט זיך אַנדערש. נאָכן אָפּליגן אַ גאַנצן טאָג נעבן ליניע, האָט מען צוגעפֿירט צו אונדז אַ באַן מיט פֿראַכט־וואַגאָנען. מען האָט אַרײַנגעטריבן צו 40 מענטשן אין אַ וואַגאָן, — און דער באַן מיט זײַנע 10 וואַגאָנען מענטשן־פֿראַכט האָט זיך גערירט אין דער ריכטונג צו באַראַנאָוויטש. איבער באַראַנאָוויטש און מינסק האָט מען אונדז אַזוי דערפֿירט צו דער שטאָט מאָגילעוו אין ווײַסרוסלאַנד.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט און מען האָט אונדז לאָקירט אין אַן אַרבעטס־לאַגער, ווי ס'זײַנען געווען פֿיל אידן פֿון אונדזערע ערטער פֿון ווײַסרוסלאַנד, אויך פֿיל פֿון דער שטאָט מאָגילעוו. אין לאַגער האָט מען סאָרטירט די מענטשן אויף פֿאַך־לײַט און שוואַרצע אַרבעטער. די פֿאַכלײַט האָבן געאַרבעט אין וואַרשטאַטן. די סלאָנימער 403 פֿאַרשיקטע זײַנען, אַלזאָ, פֿאַרטיילט געוואָרן אויך צווישן בײדע קאַטעגאָריעס. אין די וואַרשטאַטן זײַנען די באַדינגונגען געווען בעסערע. מען האָט ניט געשלאָגן דאָרטן; און די שפּײַז איז געווען מער־ווייניקער צו פֿאַרלײַדן. דאַקעגן בײַ די שוואַרצע אַרבעטער איז געווען ממש הונגער. מען האָט באַקומען 8 דעקאָ ברויט, און אַ זופּ פֿון... גראָז. אויך האָט מען בײַ די שוואַרצע אַרבעט געשלאָגן אומרחמנותדיק און טאָג־טעגלעך געמאָרדעט. פֿון הונגער און פֿון די קלעפּ זײַנען מענטשן געפֿאַלן ווי די פֿליגן.

יעדן זונטיק פֿלעגט קומען אַ געזונטהייטס־קאָנטראָלע און דורכקוקן אַלע לאַגער־מענטשן. ווער ס'האָט געהאַט אַ מער־ווייניקער שלעכטן אויסזען, — פֿלעגט ווערן אַרויסגענומען פֿון לאַגער. אין גרופּעס פֿון 30—40 מענטשן פֿלעגט מען אַרויספֿירן די מענטשן. די לאַגער־מאַכט פֿלעגט זאָגן, אַז מען פֿירט זיי אין אַן אַנדער לאַגער. אָבער מיר האָבן געוווּסט דעם אמת, אַז די גרופּעס פֿלעגן ווערן גלײַך דערשאָסן. און אַזוי איז, פֿון זונטיק צו זונטיק, אונדזער צאָל אַלץ געוואָרן מער און מער אײַנגעשרומפּן.

אַזוי שנעל און אַזוי פֿאָלקאָם איז געווען די אויסשעפּונג פֿון די שוואַרצע אַרבעטער, אַז במשך פֿון 7 חדשים, ביז יאַנואַר 1943, — איז קיין איין סלאָנימער צווישן די שוואַרצע אַרבעטער, ניט געבליבן לעבן. די סלאָנימער אין די וואַרשטאַטן האָבן זיי גאָרניט געקענט, לײַדער העלפֿן.

אָנהויב 1943, זײַנען פֿון די 403 סלאָנימער געבליבן נאָר 29, וואָס האָבן געאַרבעט אין די וואַרשטאַטן אַלס שוסטער, שנײַדער, סטאָלאַרן און שלאָסער. וואָס עס האָט פּאַסירט אין סלאָנים פֿאַר דער צײַט האָבן מיר אַבסאָלוט ניט געוווּסט.

'מיר, די רעשטלעך פֿון די סלאָנימער, האָבן פֿאַרבראַכט אין מאָגילעוו 18 מאָנאַטן. מיר האָבן דאָרטן געלעבט ווי די חיות. גערעדט האָבן מיר נאָר וועגן עסן און די היים איז אונדז אויסגעקומען אַזוי ווי אַ ווײַטער חלום.

אין נאָוועמבער־דעצעמבער 1943 האָט מען אונדז, די וואַרשטאַט אַרבעטער, אַריבערגעפֿירט קיין מינסק, אין אַן אַרבעטס־לאַגער. אין מינסקער לאַגער האָבן מיר געטראָפֿן אַ סלאָנימער בחור, מנחם מענדעלעוויטש, אַ זון פֿון אַ סלאָנימער מעלער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אין לאַגער דערגאַנגען צו אַ געוויסע מדרגה פֿון אַן אויפֿזעער, אָדער אַן עלטעסטן. ווען ער האָט דערזען אונדזער סלאָנימער גרופּע, האָט ער זיך זייער דערפֿרייט, און האָט זיך באַמיט צו פֿאַרבעסערן אונדזער מצב.

אונטערן דרוק פֿון פֿראָנט האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן אָפּראַמען דעם מינסקער געגנט. מיר האָבן אין מינסק געווײַלט נאָר 13 טעג. פֿון מינסק האָט זיך אָנגעהויבן אַ וואַלגערן זיך פֿון לאַגער צו לאַגער, ביז מיר זײַנען מגולגל געוואָרן אין אַ לאַגער בײַ קראָקאָ, ווען די רוסן האָבן זיך שוין דערנענטערט 60 קילאָמעטער פֿון קראָקאָ, האָבן מיר געמיינט, אַז אָט־אָט ווערן מיר באַפֿרײַט. אָבער, ניין! אין דער לעצטער מינוט האָט מען אונדז ווידער אַרויסגעפֿירט און אָפּטראַנספּאָרטירט אין לאַגער מאַטהאַוזן. מיר זײַנען דאָרטן אַרײַנגעפֿאַלן, ווי אין אַ משוגעים־הויז. דאָרט האָט מען אונדז אויך אָנגעטאָן אין די אַרבעט־קליידער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אונטער־וועש. אין מאַטהאַוזן זײַנען געווען פֿיל פֿאַרשיקטע פֿון פֿראַנקרײַך, דײַטשלאַנד. צווישן אַנדערע, האָבן מיר דאָרטן געזען דעם אידיש־פֿראַנצויזישן געוו. פּרעמיער־מיניסטער לעאָן בלום. ווען מען האָט באַהאַנדלט פּונקט ווי אַלעמען. די באַדינגונגען אין מאַטהאַוזן זײַנען געווען אַזוי שלעכט, אַז מען האָט געדאַרפֿט שלאָפֿן זיצנדיק.

אין מאַטהאַוזן זײַנען מיר געווען 9 טעג, און פֿון דאָרטן האָט מען אונדז געשיקט אין עבענזע, ווו ס'איז געווען, ווי אַ טויטן־לאַגער, און מענטשן פֿלעגן פֿאַלן יעדן טאָג אין הונדערטער פֿון הונגער. אין עבענזע זײַנען אויך געפֿאַלן פֿון הונגער און שווערער אַרבעט די רעשט־ביסל סלאָנימער, אַזוי אַז ווען די אַמעריקאַנער האָבן באַפֿרײַט דעם לאַגער, זײַנען מיר, פֿון אַלע סלאָנימער, געבליבן נאָר 3 מענטשן.

נאָך דער באַפֿרײַאונג האָבן מיר זיך געלאָזט צו דער ריכטונג פֿון ארץ־ישׂראל. איך בין אַרײַנגעפֿאַלן קיין קפּריסין, און פֿון דאָרטן בין איך אָנגעקומען אין לאַנד.

חוה פעלדמאַן

ווי אַזוי מיר האָבן זיך געראַטעוועט

קיין שרייבערקע בין איך ניט, און ביז היינט האָב איך ניט געפירט קיין טאָג־בוך, אָבער איך וועל פּרובירן געבן אַן איבערבליק פון דעם אַלעם וואָס מיר קומט אויפן זכרון. אפשר וועלן די אַנדערע געראַטעוועטע געדענקען מערער איינצלהייטן.

פון יאָר 1940 געדענק איך, ווי מען האָט אַרעסטירט ציוניסטן און סוחרים און שפּעטער זיי פאַרשיקט אין גרויסע עשאַלאָנען. דאַן האָט מען אויך פון אונזער הויז אין מיטן דער נאַכט צוגענומען אונזער קוזינע פערל זילבערגלייט מיט איר מאַן (פון דערהיים מאָוושאָווסקי). אויף דער ליסטע זיינען געווען נאָך מערערע מענטשן, אויך מיין אייגענע פאַמיליע, אָבער צוליב דער מלחמה מיט די דייטשן וואָס איז אויסגעבראָכן אין 1941, האָבן שוין די רוסן ניט באַוויזן אַלעמען אַרעסטירן. אַלנפאַלס ווייס מען, אַז ווען די רוסן זיינען אָפּגעטראָטן פון סלאָנים האָט מען געפונען אַ באַזונדערע ליסטע מיט די נעמען פון סלאָנימער איינוווינער, אויך אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט קליינע געשעפטן, און ס'איז קלאָר אַז אַ סך פון זיי וואָלטן נאָך געווען פאַרשיקט געוואָרן.

ווען די מלחמה דייטשלאַנד—רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן, האָט מען זייער פיל גענומען אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. פיל האָבן געוואָלט זיך ראַטעווען און מיטלויפן מיט די סאָוועטן, אָבער ווייט איז מען ניט געלאָפן, ווייל זייער שנעל זיינען שוין די אַנטלויפנדיקע געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן דורך די נאַצישע מערדער. דאַן זיינען צוריקגעקומען פיל פון די מאָביליזירטע, צווישן זיי געדענק איך מיראַן ראָזענבלום, אָבער זיין פרוי און קינד איז שוין געווען אַוועק מיט איר פאַמיליע קיין רוסלאַנד. עס זיינען געווען נאָך פיל צוריקגעקומענע. ווען די דייטשישע מערדער זיינען אַריין אין שטאָט, האָבן זיי געצונדן און געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן אין די הייזער.

ביי אונז אין הויז האָט זיך געפונען אַ גרויסער זאַפּאַס פוטער, וואָס האָט געהערט צו די סאָוויעטן. מענטשן, ניט קוקנדיק וואָס עס קומט פאָר, האָבן געוואָלט ראַבעווען, מיין פאָטער ז״ל האָט זיך געבעטן ביי זיי, מ'זאָל ניט אויפרייסן די שלעסער, ווייל מיר וועלן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. מיין פאָטער איז דאַן געוואָרן שווער פאַרוואונדעט אין האַנט פון די דייטשן.

אין די שרעקלעכע טעג, געדענק איך, האָט זיך פונקט געפונען אין סלאָנים שרה'קע סידעלניצקי, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן פריער ביי איר טאָכטער געניע אין ביאַליסטאָק, כדי ניט פאַרשיקט צו ווערן קיין רוסלאַנד. זי האָט געוואָלט זיך וואָס שנעלער אומקערן צו איר טאָכטער קיין ביאַליסטאָק, איז זי דערפאָרן נאָר ביז וואָלקאָוויסק און דאָרטן האָט איר אַ באָמבע געטראָפן. מיט איר צוזאַמען האָט זיך דאַן געפונען אָלע ריף, חיים ריפס ווייב, וועלכע איז שפּעטער צוריקגעקומען קיין סלאָנים און האָט דאָס איבערגעגעבן. די טאָכטער פון זיאַמע סידעלניצקי איז נאָכדעם געקומען מיט פיל אַנדערע קיין סלאָנים, ווו זי איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס אין די אַקציעס.

די דריי גרויסע שחיטות

ווען די דייטשן זיינען אַריין אין סלאָנים, האָבן זיי געמאַכט זייער גענעראַל־שטאַב ביי די שערעשעווסקיס אויף פּאָניסווע, ווו עס האָט געוווינט אין דעם גרויסן הויז ד״ר אפרת. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך אַריינגעריסן די רוסן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין גרויסע מאַסן אין די אַרומיקע וועלדער, און אונטערגעצונדן דאָס הויז. עס האָט זיך יענע נאַכט צעפלאַקערט אַ שרעקלעכע שלאַכט אין די גאַסן. די גאַס איז געווען צומאָרגנס באַדעקט מיט בלוט, הענט און פיס האָבן זיך געוואַלגערט אין אַלע זייטן, די געפאַנגענע האָט מען לעבעדיקערהייט געשלעפּט צוגעבונדענע מיט פּאַסן אויף די העלזער און אַז מען האָט ביי עמעצן אין הויז געפונען אַ פאַרבאַהאַלטענעם רוס, האָט מען אַלע איינוווינער געשאָסן. מיר דאַכט זיך, אַז דאַן האָט מען געשאָסן דעם לערער פודלעסעס פרוי. די דייטשן האָבן דאַן באַשולדיקט שערעשעווסקין דעם אַדוואָקאַט, אַז ער האָט זיי פאַרראַטן, ווייל ער איז געווען ביי זיי אַ דאָלמעטשער. זיי האָבן גענומען נאָך דעם פיל זאַקלאַדניקעס און אַלעמען אויסגעשאָסן. אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע גזרות, ווי: ניט גיין אויף די טראָטואַרן, טראָגן די געלע לאַטעס און פאַרשלאָסן ווערן אין געטאָ, און דערביי טאָג־טעגלעכע מאָרדן און רויבערייען.

נאָך דער ערשטער אַקציע פון 1200 מענער האָבן די דייטשן געזאָגט, אַז מען האָט זיי גענומען אויף אַרבעט. מען האָט זיי צונויפגעקליבן אין דאָם־לודאָווי און פאַרשלעפּט ערגיץ, אָבער די גוים וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן ווידער דערציילט די אידן, אַז מען זאָל ניט גלייבן די דייטשן, ווייל זיי ווייסן גענוי, אַז די דייטשן האָבן פאַרפּייניקט די מענטשן הינטער דער רויטער קרעטשמע. פיל פון די פאַמיליעס האָבן

זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם פּלאַץ, צוערשט האָט מען געזאָגט אַז אין די גריבער זיינען פערד באַגראָבן, אָבער שפּעטער האָט מען געפונען זאַכן פון די מענטשן און מען האָט שוין געוווּסט זייער גורל. נאָך דער שחיטה האָט מען געמאַכט עטלעכע געטאָס, פון דעם איינס אויף זשאַבינקע־מאָסטאָווע, און אַ צווייטס פון פּאָניאַטאָווסקי־געסל און פּאָדגורנע פאַר די מענטשן מיט די געלע שיינען, — דאָס האָבן געזאָלט זיין „די מזל׳דיקע". די איבעריקע האָט מען אַריינגעזעצט אין אַלגעמיינעם גרויסן געטאָ.

אין דער צווייטער שחיטה זיינען אומגעקומען מייסטנס פרויען און קינדער, ווייל די מענער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן.

דער רב ווערט פאַרפייניקט

אין דער ערשטער שחיטה איז אומגעקומען דער סלאָנימער רב, הרב פיין, נאָך מיין געדענקן איז דאָס געווען מיט די ערשטע 1200 מענער. הרב פיין ז״ל האָט געהאַט אַ שרעקלעכן טויט. ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין הויז אויף ברייטער גאַס, איז שוין די שטאָט געווען אַרומגערינגלט פון די נאַציס און נאָענט ביי זיין הויז איז געשטאַנען אַ וואַך. די אַקציע איז שוין געווען אין גאַנג, האָט אים אַ דייטש געוואָרנט אַז ער זאָל ניט גיין ווייטער, ווייל זיין הויז האָט באַלאַנגט צו די „בעסערע" הייזער, די אויסגעקליבענע, און ער האָט אים אפילו געזאָגט, אַז עס איז אַ שלעכטער טאָג פאַר די אידן. אָבער דער רב האָט זיך געאיילט צו אַ וויכטיקער זיצונג אין „יודענראַט", וועלכער האָט זיך דאַן געפונען ביי יעזערסקין אין הויז, אויף בערנאַרדינער גאַס. מען האָט דעם רב אויסגעריסן די באָרד, געשטויסן, געשלאָגן און געפייניקט. ביים רב האָט זיך דאַן געפונען אַ טאָכטער און אַן אייניקל, וואָס זיינען געקומען נאָך פריער צו גאַסט פון מאָסקווע און זיינען שפּעטער אומגעקומען.

מיר דוכט זיך, אַז אַ מיידל מיטן נאָמען דערעטשינסקי, דעם פאָטאָגראַפס, וועלכע האָט געהערט אַז ס׳הויבט זיך אָן די צווייטע שחיטה, איז געקומען אָנזאָגן משה׳לען דעם חסיד ער זאָל זיך פאַרבאַהאַלטן, האָט ער דאַן אָנגעטאָן דעם טלית און תפילין און זיך געזעצט זאָגן תהילים. אין דער צווייטער שחיטה איז אויך אומגעקומען ר׳ אברהם־משה, דער שמש פון דער גרויסער שול. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט געמאַכט „אל מלא רחמים" ביי די אָפענע קברים. מען האָט אויך דערציילט, אַז ליובע קאַצענעלענבאָגען, פאַרהייראַט מיט אַדוו. ראובן וויגדעראָוויטש, אַ שוואָגער פון אַדוו. איצקאָוויטש, האָט זיך ביי די גריבער אָנגענומען מיט מוט, געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און מיט די הוילע הענט צעשלאָגן אַ דייטש.

אַזוי זיינען זיי אומגעקומען

עטלעכע מענטשן זיינען געקומען צוריק פון די גריבער, אײדער די מערדער האָבן נאָך באַוויזן אונטערצוצינדן די קדושים. צווישן זיי געדענק איך די פאָלגנדע: ליובע גובארקוניצע (פון די וואַסער), וואָלאָפּיאַנסקי אסיע, אַ פלימיעניק פון די גלושעוויצקעס, וועלכע געפינען זיך יעצט אין ישראל, אַ קראַנקן־שוועסטער — פוקסמאַן — פון באַראַנאָוויטש, געלמאַן דעם מעכאַניקעס ווייב פון סקראָבעווע, עטלעכע קינדער און אַן עלטערע פרוי קוניצע, די מוטער פון פאַמיליע מיליקאָווסקי. עטלעכע פון זיי זיינען געווען שווער פאַרוווּנדעט, דורכגעשאָסן און האָבן געמוזט אָנקומען צו מעדיצינישער הילף. מען האָט זיי סוף־סוף אויסגעגעבן די דייטשן און די מערדער האָבן זיי באַלד ווידער צוגענומען און געשאָסן. דעם אינגל וואָלאָפּיאַנסקין האָט מען אויסבאַהאַלטן, אָבער שפּעטער איז ער אומגעקומען. די עלטערע פרוי קוניצע, איז געגאַנגען זיך אויסבאַהאַלטן צו אַ געוועזענער דינסט פון איר טאָכטער, אויף די רעזקעס. דער מאַן פון דער דינסט, יאַנעק האָט ער געהייסן, האָט זי פאַרברענט כדי צונעמען אירע זאַכן, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. דאָס האָבן שפּעטער די קריסטן דערציילט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט מיט זיי זיך טיילן מיט די זאַכן.

דאַן זיינען פאָרגעקומען פיל קלענערע שחיטות פון איינצלנע פערזאָנען. פאַר וואָס? פאַר אַ פלעשל מילך, וואָס מען האָט געפונען ביי עמעצן, אָדער אַ שטיקל פלייש. מיר האָבן ניט געטאָרט האָבן אָפיציעל מער ווי ברויט, קאַרטאָפל, גרויפּן. דער ערשטער „יודענראַט" איז געוואָרן אויסגעהרגעט צוליב וואַלוטע. מען האָט אַרויפגעלייגט אויף אונז אַ גרויסע קאָנטריבוציע, און אַזויווי מען האָט ניט געהאַט קיין געלט, האָט מען באַשטייערט די געוועזענע געשעפטס־לייט, וואָס האָבן געמאַכט געלט פאַר די רוסן. זיי האָבן דאָס געגעבן אין דאָלאַרן און גאָלד, און דאָס האָט מען פאַרביטן אויף דייטשע מאַרקן און רובלס. די מוסרים האָבן דאָס איבערגעגעבן די דייטשן, ווייל גלייך ווי די דייטשן זיינען אַריין האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אידן מוזן אָפּגעבן וואַלוטע, גאָלד, ווערט־פּאַפּירן, ראַדיאָס און פוטערס. מען האָט אומגעבראַכט דעם ערשטן „יודענראַט" מיט זיינע פאַמיליעס: וואָלף בערמאַן, יעקב גאָלדפאַרב, יאַקימאָווסקי, און אַנדערע. מען האָט אויך אומגעבראַכט אַלעמען וואָס האָבן געוווינט מיט זיי צוזאַמען אונטער איין דאַך.

אין דער צייט האָבן מיר אַלע געלעבט אין ענגשאַפט. דער געטאָ האָט געציילט ביי 45.000, אַריינגענומען בעזשענצעס (פליטים) און די אידן פון אַרום סלאָנים. אין די גרויסע פרעסט פון ווינטער 1942 האָט מען צוזאַמען געטריבן אַלע אידן פון אַרום סלאָנים, פיל פון זיי האָבן אָפּגעפרוירן דאַן די הענט און פיס, פיל האָט מען דערמאָרדעט בעתן טרייבן זיי פון האנצעוויטשע, דאָמאנאָווא און פון נאָך ווייטער.

אין דער זעלבער צייט, אומגעפער אין יאַנואַר 1942, ווען מיין פאָטער האָט געאַרבעט ביי די דייטשן אין „געביטסקאָמיסאַריאַט", האָט ער זיך געוואָלט אָנוואַרעמען ביי אַ פייער די הענט. דאָס האָט באַמערקט דער דייטש שולץ, ער האָט באַשטראָפט דעם פאָטער מיט 25 שמיץ, מען האָט אים גלייך אַריינגעפירט אין דער געביידע, צוויי פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַרויפגעזעצט איינער אויפן קאַרק און אַ צווייטער אויף די פיס, און מען האָט אים אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט געחלשט. אַ דריטער האָט אים געגאָסן וואַסער אין מויל. מען האָט אים אַזוי געשמיסן ביז עס איז שוואַרץ געוואָרן זיין לייב. ער האָט דאַן אַ פּאָר מאָנאַטן ניט געקענט זיצן, נאָר ליגן אויפן בויך, אַזוי האָט מען אים צעקאַלעטשעט אַלע אברים.

טיף פֿאַרשטעקט אין די בונקערס

נאָכדעם איז געקומען די דריטע, גרויסע שחיטה, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן צוויי וואָכן. מענטשן האָבן געבויט בונקערס, פֿון וועלכע אפילו די מיטוווינער אין דעם זעלבן הויז האָבן ניט געוווּסט, ווייל פיל אידן האָבן גדינט די דייטשן און פלעגן מסר'ן. אין סטאַראָביניעצעס הויז האָט מען אויסגעבויט אַ בונקער מיט אַלע איינריכטונגען, אָבער צוויי ברידער בעזשענצעס האָבן דאָס אויסגעגעבן. מיין משפחה האָט דאַן געוווינט אויף מאָסטאָווע גאַס, ביי סוועטיצקען. אין דעם קליינעם הויז זיינען מיר געווען 60—70 פערזאָן, איינע אויף די אַנדערע. אין דעם הויף האָבן מיר געהאַט צוויי בונקערס, אויסערן הויז, כדי צו קענען באַאָבאַכטן און לאָזן וויסן די אַנדערע. איין בונקער איז געווען אין שטאַל פון די האָלץ, און דאָרטן איז די באַהעלטעניש געווען איינגעריכטעט פון עטלעכע שטאָק. צווישן די האָלץ האָט מיין ברודער חיים חרלף ז"ל געזען, בעת דער אַקציע, ווי מען פלעגט פייניקן די מענטשן און ווי מען פלעגט אַריינוואַרפן די קינדער אין טייך, צעשפּאָלטן די קעפּ אין אָנלען פון דער בריק וואָס נעבן שעיה „דעם בעדער", עפּשטיין. מיר ווידער זיינען געלעגן אין אַ בונקער הינטער אַ וואַנע, ווייל אַנדערע אַריינגענג זיינען שוין געווען באַקאַנט די מערדער. ווען מיר זיינען געלעגן אין בונקער האָבן די מערדער געפונען אַ לאָך, אַזאַ טירעלע אויסערן הויז (דאָס טירעלע האָט גדינט דעם הויז עס זאָל ניט זיין קיין וויל־גאָטש). די דייטשן האָבן אַריינגעשאָסן אינעווייניק, אָבער קיינער האָט ניט געשריען און ס'האָט קיינעם ניט געטראָפן.

אין בונקער זיינען געווען: מאַניע סוועטיצקי (וועלכע האָט נאָכדעם חתונה געהאַט אין געטאָ מיטן מיטאַרבעטער פון דעם לעצטן „יודענראַט", אַלפערשטיין פון דער בעקעריי ביי רוטקאָווסקען אין מויער), איר פאָטער, איך, מיין פאָטער, מיין מומע פריידל מאָווּשאָווסקי, חייקין און זיין פרוי (דאָס זיינען געווען די עלטערן פון פאַליע, די פרוי פון ראַבינאָ־וויטש פון „ראַבמיל"), עטלעכע בעזשענצעס פון סוואַלק, ריפּס אַ טאָכטער (מיר דוכט זיך וואַסער) מיט איר פאַ־מיליע, מירסקי דער עלעקטראָ־טעכניקער מיט זיין פאַמיליע, און נאָך אַנדערע. מיר זיינען געווען געפּאַקט ווי הערינג, יעדערער האָט געהאַט עפּעס צו פאַרשטאָפּן זיך דאָס מויל, כדי ניט צו הוסטן אָדער שרייען. עס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן געזעצן ווי אַזוי זיך צו פאַרהאַלטן אין בונקער. אויב מען איז געקומען מיט קינדער, האָט מען גלייך געוואָרנט אַז טאָמער וויינט דאָס קינד מוז מען טאָן עפּעס, און אפילו עס דערשטיקן, ווייל פיל לעבנס זיינען געווען אָפּהענגיק פון דעם. און אַזוי האָט איינער פון זשאַבינקע, איטשע (דעם צווייטן נאָמען געדענק איך ניט, זיין פאָטער איז געווען אַ שניידער, איין זון האָט געהערט צו מכבי אין סלאָנים) דער־שטיקט זיין קינד און שפּעטער עס אַליין מקבר געווען. אַזוי איז אויך אומגעקומען אַ פרוי מיט איר קינד, — איר פריער־דיקער נאָמען איז געווען פרידמאַן, דאָס איז געווען מירסקעס אַ שוועגערין. איר פאָטער האָט געוווינט ביי יעזערסקי אין טאַרטאַק, מיר דוכט זיך, אַז אירע עלטערן זיינען געווען אין ישראל און איר שוועסטער הייסט ציפּקע. מען האָט איר ניט אַריינגעלאָזן אין בונקער, ווייל דאָס קינד האָט שטענדיק געוויינט, האָבן איר די מערדער אַרונטער גענומען פון בוידעם.

בעת דער דריטער אַקציע האָט מען געברענט דאָס געטאָ צוזאַמען מיט די מענטשן. מען האָט שפּעטער געזען די מענטשן פאַרברענטע אין די קעלערס, געשוואָלענע, איינ־געפּרעסטע איינע אין די אַנדערע. דאָס איז געווען אויף זשאַ־בינקע. די גאַסן זיינען געווען פול מיט בלוט. נאָך דער אַקציע האָט מען זיך גענומען אַרויספירן די זאַכן. צו דעם האָט מען גענוצט די אידישע אַרבעטער, און אַזוי האָט מען גלייכצייטיק איבערגעפירט די געראַטעוועטע אידן. די פרויען פלעגט מען איבערטאָן אין מענערישע קליידער, זייערע האָר אונטער־דריקן הינטער די היטלען און מען פלעגט זיי ברענגען אין אונזער געטאָ אויף מאָסטאָווע. איין פרוי איז געווען אין גאַנצן נישט ביי די געדאַנקען, ניט דערקענט אירע אייגענע קינדערלעך און האָט געגעסן פון אונטער זיך פון הונגער און שרעק. מען האָט אויך געבראַכט פרומע אידן מיט בערד, האָט מען זיי פאַרבונדן דאָס געזיכט מיט טיכלעך, כלומערשט זיי האָבן געהאַט ציינווייטאָג. צווישן זיי איז געווען אויך אברהם סוועטיצקי, אַ שוואָגער פון הרב בעניסאָווסקי וועלכער געפינט זיך אין ירושלים, זיין זון און העניע יאַכוועדאָוויטש־זאַבלאַצקי מיט אירע אַ שוועגערין.

אין יענער צייט, זיינען אַריין אין געטאָ אויך מענטשן פון די פאַרטיזאַנער־גרופּן און געוואָלט אַרויספירן אין וואַלד אַריין דעם זאַפּאַס געווער, וואָס מ'האָט אויסבאַהאַלטן אין געטאָ, נאָכן אַרויסשמוגלען עס פון דעם „בויטע־לאַגער". די נאַציס האָבן געכאַפּט דאָס געווער, אָבער די מענטשן האָבן באַוויזן צו אַנטלויפן. די מערדער האָבן געזוכט דעם הויפּט־אָנפירער פון אַלע אַרבעטן, אינזשיניער וואָלפשטיין. וועגן זיין גורל געדענק איך ניט.

ווען מען האָט אַרויסגעפירט די ערשטע מאַשינען מיט מענטשן צו דער פאַרניכטונג, נאָך דער סעגרעגאַציע אין טורמע, האָבן אייניקע געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און גע־שפּרונגען פון דער מאַשין (צווישן זיי געדענק איך פויטשע וואָלקאָמירסקין, פון רוזשנויער גאַס). ביים נאָענטסטן טראַנס־פּאָרט האָט מען שוין געפּאַקט אויף די מאַשינען ווייניקער מענער און מער פרויען און קינדער, און די מענער האָט מען געשמידט האַנט צו האַנט, און אפילו די פיס.

דעם שפּיטאָל האָבן זיי אונטערגעצונדן, ער איז געווען אין הויז פון פינטשוק דעם בעקער, אין אַ געסל ביי סקראַ־בעווע גאַס. קריסטן האָבן דערציילט, אַז איין איד איז געשטאַנען איינגעוויקלט אין טלית און אַזוי איז ער פאַר־ברענט געוואָרן.

מעצנער מאָרדעט מיין ברודער

נאָך דער גרויסער שחיטה איז געווען נאָך איינע, אין אויגוסט. דאָס האָבן אויסגעפירט די אוקראַאינער, לאַטישן און ליטווינער. די דייטשן פון אונזער שטאָט האָט מען גענומען אין אַ צווייטן פּלאַץ, כדי זיי זאָלן ניט קענען וואָרענען וועגן דער קומענדיקער שחיטה זייערע באַקאַנטע אידישע פרויען, וועל־כע פלעגן פון זייער זייט לאָזן וויסן וועגן דעם די מענטשן אין געטאָ. אַזויוויי מען האָט געוווּסט, אז די דייטשן זיינען נישטאָ אין שטאָט, האָט מען זיך ניט געהיט אַזויפיל.

אין דער שחיטה איז דאַן אומגעקומען מיין ברודער חיים ז"ל. אים האָט מען דאַן דערהרגעט מיט אַן אייזן נעבן אונזער

פּאָטער. מ׳האָט זיי דאַן אַרויסגעפירט כלומרשט צום איבערציילן, געהייסן זיי זיך לייגן אויף די בייכער. מיין ברודער האָט באַמערקט אונזערע אַ קוזינע, גיטל באַרעצקי, מיט איר טאָכטער חייקע (יצחק טאַלאַטשינסקיס דעם סופרס טאָכטער), וועלכע מען האָט געכאַפּט און אַרויפגעשטופּט אויף אַ מאַשין פון די טראַנספּאָרטן. און אַזויווי מיין ברודער און פּאָטער האָבן געוווּסט, אַז זיי ביידע זיינען געוועזן צוזאַמען מיט מיר, האָט דער ברודער געזאָגט צום פּאָטער, אַז איך בין שוין אויך מסתמא געכאַפּט געוואָרן. ער האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף, איז צוגעגאַנגען צו אים דער דייטש מעצנער און אים גלייך דערהרגעט. דאָס איז דער דייטש, וועלכן מיר האָבן געכאַפּט אין אויגסבורג, אין 1947.

איך האָב זיך דאַן געראַטעוועט מיט נסים. איך בין טאַקע געווען צוזאַמען מיט גיטלען און חייקען דאָרטן ווו מיר האָבן געאַרבעט, — דאָס איז געווען אין הויז ווו ס׳האָט געוווינט עפּשטיין, אַנטקעגן דעם מאַגיסטראַט. די באַאַמטע פון מאַגיסטראַט האָבן אונז געלאָזט וויסן, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שחיטה, בין איך גלייך אַרויס פון דעם הויז, געלאָפן דורך די גערטנער פון סטודענטסקע גאַס. גיטל און חייקע האָבן געוואָלט אָנטאָן אויף זיך נאָך זאַכן, אָבער איך האָב זיי געזאָגט: „אַז מען וועט האָבן דעם קאָפּ, וועט מען האָבן צום קאָפּ". אַזוי האָב איך זיך פון זיי אָפּגעטיילט.

דער אידן־פריינט גלח שטאַרק

נאָך דער שחיטה האָט מען אָפּגעשאָרן די קעפּ פון די איבערגעבליבענע פרויען, כדי זיי זאָלן זיך ניט קענען ראַטעווען. פיל פרויען האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַרישע פּאַפּירן און פאַרלאָזן סלאָנים. ווי מען האָט איבערגעגעבן, האָט זיי געהאָלפן אַ גלח מיטן נאָמען גראָכאָווסקי. אַ צווייטער גלח מיטן נאָמען שטאַרק האָט געהאָלפן פיל אידן אַנטלויפן און האָט זיי אפילו געגעבן זיין אייגענע גלחישע סולטאַנע. שטאַרק האָט געראַטעוועט אַ אידיש אינגעלע, ניט קיין געמלטן, פון איינעם אַ ד״ר גליקסאָן. דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אין געטאָ, נאָך 11 יאָר פאַרהייראַטן לעבן (ווי מיר איז באַוווּסט, איז נאָך דער באַפרייאונג געקומען אַ ברודער פון ד״ר גליקסאָן און אָפּגענומען דאָס קינד פון אַ קריסטין מיקיטשיאַק). אַ פּאָלאַק, דער פּרעזעס פון די איינוואַלידן, וועלכער האָט געוווינט ביי מילערן אויף קאָשטשושקאָ, האָט דעם גלח אָפּגעמסרט און מען האָט אים געשאָסן צוזאַמען מיט אַ גרופּע אידן. שטאַרק האָט געוווּסט אַז איך באַהאַלט זיך אויס, אָבער ער האָט געהייסן די קריסטן ניט אַרויסטרייבן אונז. איך האָב געהאַט אונזערע זאַכן ביי אַ קריסטין ביעלעצקאַ. אַזויווי מיר האָבן ניט געהאַט פון וואָס צו לעבן, ווייל די קריסטן, די נאָוואַצקיס, ביי וועלכע מיר האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן זיינען געווען אָרעמע, האָב איך געשיקט צו דער ביעלעצקאַ אַ קראַנקן־שוועסטער, אַז זי זאָל מיר שיקן עפּעס פון די זאַכן. די זעלבע ביעלעצקאַ האָט אָנגעשראָקן די קריסטין וואָס האָט אונז אויסבאַהאַלטן און געפאָדערט פון איר זי זאָל אונז אַרויסטרייבן. די קריסטין נאָוואַצקאַ איז געווען זייער אַ קלוגע פרוי און האָט איר געזאָגט, אַז זי איז טאַקע גערעכט און אַז זי וועט קומען אַהיים און אונז אַרויסטרייבן. פון דאַן אָן האָבן מיר שוין מער ניט געוואָלט אָפּנעמען די זאַכן, און אַז די פרוי נאָוואַצקאַ האָט זיך געטראָפן שפּעטער מיט דער ביעלעצקאַ, האָט זי איר דערציילט אַז זי האָט אונז אַרויסגעטריבן. זאַכן און געלט פאַרבאַהאַלטענע ביי קריסטן האָבן פיל מאָל פאַרורזאַכט אַ שנעלערן טויט.

נאָך עפּעס וועגן דעם גלח שטאַרק: ער האָט אונז צוגעשיקט אַ חומש, און חוץ דעם האָבן מיר געהאַט אַ סידור, און אַזוי האָבן מיר געקענט מתפּלל זיין.

מיין פּאָטער רייסט זיך אַרויס פון געטאָ

אין דעם זעלבן הויז פון סוועטיצקין האָט מען געבויט זייער געהיים נאָך אַ בונקער. די ערד וואָס מען האָט אויסגעגראָבן האָט מען פאָרזיכטיק אַרויסגעטראָגן אין אַלערליי ערטער, דאָס רוב פלעגט מען עס אויסשיטן אויף די בוידעמער, כדי ניט לאָזן קיין שפּורן. ברעטלעך פלעגט מען ברענגען פאַרשטעקט אין די הויזן, גייענדיק פון דער אַרבעט. די מערדער האָבן אויפגעדעקט פיל פון די בונקערס, דורך קלאַפּן אין די פּאָדלאָגעס אָדער שטעכן מיט באַגנעטן. אַנדערע האָבן ווידער געבויט בונקערס אונטער די אויוונס, מיט אַן אַריינגאַנג דורך די קורניקעס, אָבער אין הויז פון סוועטיצקין האָט מען געהאַט שוועריקייטן ביים בויען, ווייל עס איז געשטאַנען נאָענט פון וואַסער. דאָס הויז האָט געהאַט אַ הויכן פונדאַמענט, אָנגעשאָטן מיט צעריבענע קוילן. דעם בונקער האָט מען טאַקע געמאַכט אונטער דעם אויוון. דער אַריינגאַנג איז געווען הינטער די שטיקלעך בלעך ביים טירל פון אייוועלע, וואָס מען פלעגט אָנקלאַפּן כדי די פּאָדלאָגע זאָל זיך ניט פאַרברענען. אין דעם בונקער האָט זיך אויך אַריינגעכאַפּט מיין פּאָטער ז״ל. דאָרטן איז געווען פול געפּאַקט מיט שכנים: אבראַמטשיק יאָסעלעוויטש מיט זיין פרוי, ווילענטשיק דעם בעקערס טאָכטער, איינער אַ טשעסלער, אַ שוואָגער פון משה „טייגאַכטס", מיט דער פרוי און קינד (איך ווייס ניט זייערע נעמען) און אויך בעזשענצעס. די אינגערע און שטאַרקערע פלעגן אַרויסגיין און באַזאָרגן זיך מיט עפּעס צום עסן, אָבער מיין פּאָטער האָט מען מורא געהאַט אַרויסצולאָזן. מיין פּאָטער ז״ל האָט זיך געבעטן, אַז ער וויל אַרויסגיין כדי צו פאַרענדיקן מיט אַזאַ לעבן. ער איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בוידעם און געוואָלט זיך אויפהענגען, אָבער די דינע שטריק האָט זיך איבערגעריסן. ער האָט דאָס אָנגענומען אַלס צייכן, אַז ער דאַרף נאָך לעבן. ער האָט זיך געלאָזן אין וועג, דורכגעגאַנגען דורך די שטעכעדיקע דראָטן. דעם פּלאַץ האָט ער געדענקט, ווייל ער האָט ביי דער צוואַנגס־אַרבעט אַליין פאַרצויגן די דראָטן. ער האָט געוווּסט וועגן מיר, אָבער גענוי ווו איך בין האָט ער ניט געוווּסט. אָבער גאָט איז געווען גוט צו אים און געפירט אים צום ריכטיקן פּלאַץ.

דאַן זיינען שוין מער אָפיציעל קיין אידן אין סלאָנים ניט געווען, נאָר איינצלנע פאַרבאַהאַלטענע. ער איז אָנגעקומען צו מיר דעם 24־טן דעצעמבער 1942. דער קריסט האָט ניט געוווּסט, אַז איך בין שוין אין זיין הויז פון פריער, נאָר די פרוי זיינע האָט מיר אויסבאַהאַלטן אין שרעקלעכע באַדינגונגען אין שטאַל. צוערשט האָט דער קריסט נאָוואַצקי ניט געוואָלט אַריינלאָזן מיין פּאָטער, כאָטש מיר האָבן זיך זייער גוט געקענט זינט 17 יאָר. מיר האָבן אים אַרויסגעהאָלפן פאַר

די רוסישע צייטן, 1939—1941, און ער האָט געהאַט אַביסל פון אונזערע זאַכן. דאָ איז געקומען די פרוי זיינע און האָט אים געזאָגט, אַז עס איז דאָך „ווינגיליע״ און יעזוס האָט איר צוגעשיקט די מצווה צו ראַטעווען אַ מענטשן. זי איז געווען אַן איידעלע און פרומע קריסטין. זי האָט גלייך מיין פאָטער אַריינגענומען אין הויז, אויסגעטאָן אים ווי אַ קליין קינד, די זאַכן זיינע האָט זי גלייך פאַרברענט אין אויוון, אים אַרומגעוואַשן אין אַ באַליע וואַסער און אָנגעטאָן אים פרישע זאַכן, ווייל ער איז געווען זייער שמוציק, ווי איינער וואָס גייט אַרויס פון אַ קוילן־גרוב, און דערצו נאָך ערשעפּט פון שרעק און הונגער. דאַן האָט זי אים אַראָפּגעבראַכט צו מיר אין „פּאַלאַץ״. דער „פּאַלאַץ״ איז געמאַכט געוואָרן אונטער אַ טואַלעט. אַזאַ באַהעלטעניש איז מיר איינגעפאַלן ליגנדיק נאָך אין שטאַל, ביי די חזירים, אונטער אַ זשלאָב, פאַרגראָבן אין מיסט אָדער אַ מאָל אין הויכע קראָפּעווע.

מיר האָבן נאָך פיל מיטגעמאַכט זייענדיק דאָרטן און געמוזט בויען נאָך בונקערס, ווייל אין דעם „פּאַלאַץ״ אונטערן טואַלעט פלעגט אַריינדרינגען וואַסער. פון מיר האָט דער קריסט אַליין, דער בעל־הבית ניט געוווסט ביז אַ וואָך פאַר דער באַפרייאונג. ערשט דאַן האָט מען גענומען מיר אַרויספירן פון דעם גרוב, כדי מיר צו לערנען פונדאָסניי גיין. איך בין געווען זייער געשוואָלן, ניט געקענט שטעלן אַ פוס.

די לעצטע סלאָנימער אידן

אַ יאָר נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ, זייענדיק אין גרוב, האָבן מיר געהאַט פון צייט צו צייט נאַכריכטן פון שטאָט, אַז מען האָט געכאַפּט עטלעכע אידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ בונקער אויסער דעם געטאָ, אין אַ בעקעריי, מיר דוכט זיך ביי זעליקן. די מענטשן פלעגן אַרויסגיין ביינאַכט און נעמען ברויט און וואַסער פון דער בעקעריי. אַזוי האָבן זיי דאָרטן געלעבט אַ גאַנץ יאָר, ביז מען האָט זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט ברויט אין מאַגאַזין. דאַן האָט מען געלאָזן עמעצן אָפּוואַרטן די גנבים און מען האָט זיי געכאַפּט און אויסגעשאָכטן. קיין נעמען פון די קרבנות געדענק איך ניט. אין דער זעלבער צייט האָט מען געכאַפּט אַ בונקער מיט מענטשן אונטער אַ פאַרברענטן הויז. דאָרטן איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, זיינען זיי געגאַנגען זוכן אַ ביסל מילך. אַ טויטער קערפּער איז שוין ביי זיי געלעגן פון פריער, ווייל זיי האָבן עס ניט געקענט ברענגען צו קבורה. אַזעלכע ידיעות פלעגן האָבן אַ שרעקלעכע ווירקונג ניט אַזוי אויף אונז, ווי אויף אונזערע רעטער, ווייל זיי פלעגן ניט האָבן קיין רו ניט ביי טאָג און ניט ביינאַכט. אַז מען האָט געכאַפּט אַ אידן ביי אַ קריסט אין אַ הויז, האָט מען זיי געטאָן דאָס זעלבע ווי אונז.

וועגן די לעצטע שחיטות פון סלאָנימער אידן, אויגוסט און סעפּטעמבער 1942, האָב איך זיך דערוווסט שפּעטער פאַרשיידענע פּרטים. ווער ס'איז האָט געמסרט די נאַציס, אַז פיל האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן אין דאָרף גזשיבאָווא נעבן סלאָנים, ווייל דאָרטן האָט זיך נאָך געפונען אַ גרופּע אידן, וואָס האָט געאַרבעט אונטער דער אויפזיכט פון איינעם אַ מילער. דער שערער „פאַנדע״, וואָס האָט געמיינט אַז מען גייט זיי שוין אויך נעמען, האָט געוואָלט אַנטלויפן דורך אַ פענסטער און איז גלייך דערשאָסן געוואָרן. י. ליכטענשטיין פון דער מאַנופאַקטור קראָם איז דערהרגעט געוואָרן אין אַלבערטין, ווו ער האָט געאַרבעט. זאַקהיימס טעכטער פון אַראָפּ פּאַנעסווע זיינען געשפּרונגען אין טייך. די באַיאַרסקיס האָבן אָנגעפירט אַ ספּעקט, האָבן זיי געהאַט אַ בונקער הינטערן גלאָז, אויסערן געטאָ, האָט אַ פּאָליציאַנט זאָנענבערג־דאָמבראָווסקי זיי געכאַפּט און דערשאָסן; זייערע פרויען און קינדער האָבן נאָך געלעבט אַ שטיקל צייט. ריפס אַן איינקל, ליפשיץ, איז שוין געווען אין די גריבער, אָבער אַ דייטש האָט איר אַוועקגענומען פון אַלעמען, און דאַן איז זי אַנטלאָפן. זי לעבט, דוכט מיר, אין אַמעריקע.

זייענדיק שפּעטער אין ביאַליסטאָק און לאָדז, האָב איך געטראָפן אַ חזן, אַ געוויסן מאַזור פון בריאַנסק, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן צוזאַמען מיט חיים גאָלדפאַרבן און מאַנוסעוויטשן. דיביידע האָבן געצאָלט פאַרן אויסבאַהאַלטן און מאַזור האָט געגעבן דעם קריסט, שפּעטער האָט דער קריסט אַרויסגעטריבן מאַזורן און דערהרגעט די צוויי סלאָנימער. ער האָט זיך געראַטעוועט. עפּשטיין דעם דאָקטאָרס ווייב האָט זיך אָנגעגעבן אַז זי איז פון אַ רוסישן אָפּשטאַם. זי האָט געלעבט מיטן קינד אויסערן געטאָ, ביי פּיאַסעצקין אין הויז, געגאַנגען אין צערקאָוו, אָבער דאָס אַלץ האָט איר ניט געהאָלפן און זי האָט געהאַט דעמזעלבן סוף ווי אַלע. ווידער ראָזע שבתאי, דעם מוזיקאַנטס טאָכטער, וואָס האָט זיך וואַרשיינלעך געשמדט נאָך פאַר דער מלחמה, האָט אויך געלעבט אויסערן געטאָ אַ שטיק צייט, דאַן האָט מען זי אַריינגעזעצט אין טורמע, דאָרטן האָט זי אויפגעגעבן אַז זי איז געווען אַ ממזר, און אַזוי ווי די שבתאיס האָבן ניט געהאַט קיין טעכטער, האָבן זיי זי אויפגעהאָדעוועט. זי האָט געהאַט גוטע פּאַפּירן, פון אַ גלאַטער שטיקל אַרבעט. מען האָט געבראַכט עקספּערטן צו פעסטשטעלן אויב זי האָט אַ סעמיטישן אויסזען, עס האָט גענומען מאָנאַטן ביז מען האָט זי באַפרייט. איך האָב זי געטראָפן אין סלאָנים נאָך דער באַפרייאונג. אַלע משומדים האָט מען געבראַכט אין געטאָ, און זיי האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף, צווישן זיי אפילו אַן אַלטע מאָנאַשקע און אַ גלאָקן־קלינגער פון זשיראָוויצע, אַ מענטש אין די זעכציקער, פון אַלבערטין...

נאָר מיט מאַצקאָוויאַקן איז געווען אַביסל אַנדערש. אים האָט מען געוואָלט שיקן קיין דייטשלאַנד אַלס אמת'ן אַריער, אָבער ער האָט זיך אַנטזאַגט צום אָנפאַנג, געווען אין געטאָ אַ שטיק צייט, און ערשט דאַן אַרויס פון געטאָ, איך געדענק ניט יעצט געוויי ווהין.

מען האָט פיל מאָל געוואָלט באַפרייען נאָר די מענער, אָפּטיילן זיי פון די פרויען און קינדער, אָבער מענטשן האָבן זיך אַנטזאַגט: אַזוי איז געווען מיט משה פּאָרעצקי פון די מעבל, מיט פּאַיוסן און פּאַיעווסקין, דער איינגסטן פון די ברידער פּאַיעווסקי.

פיל הייזער פלעגן די דייטשן פאַרקויפן פאַר קלייניגקייט די גויים, וועלכע פלעגן צענעמען שיינע הייזער און איבערפירן אין דאָרף.

איך האָב געטראָפן איינעם אַ ד״ר וויזענפעלד־שטשעסנאָווסקי, זיין פרוי איז פון די אָסטרינסקיס. ער האָט מיר דערציילט, אַז אין ביאַליסטאָק האָבן זיך געפונען די ברידער יודקאָווסקי, „די דאָמאַניעס״, וואָס האָבן פאַרמסרט פיל מענטשן וועלכע פלעגן אַרויסגיין אויף אַרישע פּאַפּירן.

מײַן ברודער נעמט אונדז אַרויס פֿון פּױלן

און יעצט וועגן מײַן באַגעגעניש מיטן ברודער. נאָך דער באַפרײַאונג האָב איך געמוזט שנעל פֿאַרלאָזן סלאָנים. מען האָט מיר געוואָלט שיקן אין די שאַכטן קיין סיביר, נאָר צוליב מײַן שווערער קראַנקהייט האָט מען עס אָפּגעלייגט. קיין אַנטיסעמיטן און מוסרים האָבן ניט געפֿעלט אויך נאָך דער באַפרײַאונג, זיי האָבן געוואָלט פֿאַרענדיקן דאָס וואָס די דײַטשן האָבן ניט באַוויזן. דאַן איז מײַן מאַן, וועלכן איך האָב געטראָפֿן בײַ די קריסטן און זיך מיט אים די גאַנצע צײַט אויסבאַהאַלטן, געפֿאָרן אויף שוואַרץ קיין ביאַליסטאָק און אויסגעפֿונען אַז דאָס לעבן איז דאָרטן אַביסל פֿרײַער און בעסער ווי אין סלאָנים. ווען ער איז צוריק געקומען קיין סלאָנים, האָבן זיך צונויפֿגעקליבן בײַ אונדז די רעשטלעך לעבנגעבליבענע און מײַן מאַן האָט זיי דערקלערט ווי די זאַך שטעלט זיך פֿאָר אין ביאַליסטאָק. און וואָס מיינט איר האָט פּאַסירט? מען האָט דערטראָגן דעם נ.ק.וו.ד., אַז ער פֿירט אַן אַגיטאַציע צו פֿאָרן קיין פּױלן. מען איז געקומען אים נעמען, אָבער ער איז פּונקט ניט געווען אין דערהיים. דאַן איז מיר געקומען צו הילף יאַנקל לאַנצעוויצקי. שטילערהייט האָט ער אונדז געוואָרנט, אַז מיר מוזן זיך שנעל אָפּטראָגן פֿון סלאָנים. צו דערזעלבער צײַט איז אונטערגעקומען די קאָמיסיע פֿון דער לובלינער־פּױלישער רעגירונג, און מיר האָבן זיך פֿאַרשריבן צו פֿאָרן קיין ביאַליסטאָק. אין דעצעמבער 1944 זײַנען מיר אָפּגעפֿאָרן קיין ביאַליסטאָק. 12 טעג האָט גענומען די רייזע. מײַן מאַן האָט נאָך פֿריער פֿאַרלאָזן סלאָנים, ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן אַ פּאָר טעג בײַם ד״ר קאַפּלינסקי אין וואָלקאָוויסק, און אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פֿון זייער פּאַסטקע. מיר האָבן געמוזט אויך ביאַליסטאָק שנעל פֿאַרלאָזן. מיר האָבן זיך גערוקט מיטן פֿראָנט ביז לאָדז, און דאַן קיין וראַצלאַוו.

קיין קאָנטאַקט האָבן מיר ניט געהאַט מיט קיינעם, אויסער מיט מײַנער אַ קוזינע, פּערל זילבערגלייט, פֿון דערהיים מאָוושאָווסקי. זי האָט מיר געשריבן קיין וראַצלאַוו, אַז זי האָט געהאַט אַ ידיעה וועגן מײַן ברודער, וואָס איז אויפֿן פֿראָנט. אין צוויי טעג שפּעטער האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין געשעפֿט (וואָס איז געווען געשלאָסן מיטאָג־צײַט). מען האָט זיך געפֿרעגט אויף אַ פֿאַמיליע פֿעלדמאַן. איך האָב דעם גאַסט געבעטן אַרײַנגיין און צו זיך אַליין געזאָגט: — „אוי, איך וואָלט געשוואָרן אַז דאָס זײַנען מײַן ברודער בערטשיקס אויגן". ער האָט מיר געפֿרעגט: „אפשר ביסטו חוה?" איך האָב אים געלאָזן שטיין אויפֿן שוועל פֿון אונדזער געשעפֿט, געלאָפֿן צום פֿאָטער ז״ל און געשריען: „אפשר ווילסטו זען דײַן זון בערטשיק?". מײַן מאַן האָט זיך אפֿילו אָפּגערופֿן, איך זאָל ניט מאַכן אַזעלכע שפּאַסן מיטן פֿאָטער. ווידער מײַן ברודער, זעענדיק אַז איך האָב אים געלאָזן שטיין אויפֿן שוועל, איז אַרײַן אין הויז, און אַז איך בין צו אים צו, זײַנען מיר געפֿאַלן אין חלשות. איך האָב דעם ברודער ניט געזען פֿון 1933, אַרום 13 יאָר. מײַן האַנט קען ניט באַשרײַבן וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די געציילטע מינוטן. עס האָט לאַנג גענומען ביז מיר זײַנען צו זיך געקומען, באַוויינט אַלעמען...

אָבער מײַן ברודער האָט אונדז ניט לאַנג געלאָזט בלײַבן אין פּױלן, ווײַל ער האָט ריזיקירט מיט זײַן אייגענעם קאָפּ. מיר פֿלעגן אים האַלטן מער אין הויז, ניט געלאָזט אים זיך אַרומדרייען, אָבער טראָץ דעם איז ער געווען אַ גרויסער ריזיקאַנט, מיט פֿאַלשע פּאַפּירן געשוואַרצט גרענעצן, אַרויסגעקריגן זיך פֿון די נ.ק.וו.ד., געפֿאָרן אין ענגלישן קאָנסולאַט קיין וואַרשע, אויסגעפֿונען וועגן דער בריחה, און מיר האָבן ווידער געוואַנדערט מיטן זעקעלע אויפֿן פּלייצע ווי די ציגיינער. מיט גרויסע שוועריקייטן זײַנען מיר אָנגעקומען אין שטשעטשין און דאָרטן זײַנען מיר אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פּאַסטקע, ווידער צוליב אַ מסירה. מיר האָבן אין געציילטע מינוטן פֿאַרלאָזן אַ האָטעל, אין וועלכן נ.ק.וו.ד. האָט שפּעטער אַלעמען אַרעסטירט, און מיר האָבן דאַן זיך אָפּגעזונדערט, און אויף אייגענער האַנט געפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד. מיט גרויסע שוועריקייטן און שרעק אָנגעקומען קיין בערלין.

זרח קרמיז

חדירות פרטיזניות לסלונים

בפרוץ מלחמת פולין־גרמניה (1 בספטמבר 1939) לא הייתי בסלונים. כידוע, נכנסו הסובייטים לשטחי פולין המזר־חית ב־17 בספטמבר 1939.

באתי לסלונים בחודש אוקטובר, כדי להמשיך בלימודי. העיר שינתה את פניה מבחינה חיצונית. כל החנויות היו סגו־רות, ורק מסעדות ומשרדים ממשלתיים חדשים הופיעו. הרחו־בות המו מבני אדם, רובם לא מתושבי סלונים.

לא הכרתי את העיר

סלונים היתה אחת מערי הסביבה, שבה הותרו המגורים לאלפי הפליטים (יהודים וקצת לא יהודים) משטחי הכיבוש הגרמני, מכיון שלפי פקודת הסובייטים היה מותר לפליטים לגור במרחק של 100 ק״מ לפחות מגבול המדינה. על כן התקבצו בסלונים אלפי פליטים, או כמו שהיו קוראים להם „ביז׳נצס״, והטביעו את חותמם על כל החיים בעיר.

מספר התושבים בסלונים גדל עוד יותר ע״י תוספת מאות פקידים מרוסיה הסובייטית (ביניהם הרבה יהודים) ואנשי צבא־קבע עם משפחותיהם. עם גידול האוכלוסיה הופיעו ה„תורים״ לכל דבר.

הגימנסיה הפולנית ברחוב אולנסקה, בה למדתי, הפכה להיות בית־ספר תיכון בילורוסי, ומכיון שהיתה זו שנת־הלימודים האחרונה שלי, צריך הייתי במשך כמחצית השנה להתכונן לתעודת־בגרות ב־2 שפות חדשות, רוסית ובילורו־סית, וכן לשנן מקצועות חדשים, כגון היסטוריה רוסית. זה גזל ממני את מרבית הזמן, עד שלא יכולתי לעקוב כמעט לגמרי אחרי החיים בעיר.

בקיץ 1940, אחרי גמר הלימודים, עזבתי את סלונים ונסעתי כל הלילה בעגלה עד ז׳טיל, בכיוון לעיר מולדתי ביליצה. בדרך נסע אתנו עד קוזלובשצ׳ינה גם „מוישלה״ שומר־השבת הידוע מסלונים. כל הזמן היתה טענה אחת בפיו נגד יהודי סלונים על שאינם שומרים על המסורת, ונגד השל־טונות הסובייטיים על שאין נותנים לו לעזור לאסירים. הוא סיפר לי, איך היה עוזר לאסירים הקומוניסטיים בפולין, ועכשיו אין לו דריסת־רגל בבית־הסוהר. בקוזלוש׳צינה ירד ר׳ משה׳לה ויותר לא ראיתיו. סיפרו שבגיטו הוא מת מות־קדושים.

חזרתי לסלונים לביקור של שבוע לפני פרוץ מלחמת רוסיה־גרמניה, בחודש יוני 1941. העיר שוב לבשה צורה חדשה. החיים הסתדרו, התורים נתמעטו והצעירים בילו לרוב את ימי חופשת הקיץ במעגן הסירות ע״י ה„דמבה״. חלק מחברי לא מצאתי, כי הם התפזרו, ואת רוב אוכלוסית העיר כמעט שלא הכרתי.

ובמצוקתה הכרתיה

אחרת לחלוטין היתה סלונים מן היום הראשון לכיבוש הנאצי. אוכלוסיתה היהודית נתכנסה בתוך עצמה — היסורים והדווי ליכדוה.

חוגים מסויימים של הנוער נתלכדו כאילו ביד הגורל, כמקבלי צו עליון מגבוה — ממעמקי המצפון. היו בהם צעירים בעלי השקפות שונות, ששאיפה אחת קבעה את צעדיהם: יציאה מהרצועות הגיטו, מן האזיקים שהנאצים שמו על גופם ונפשם, מלחמת־נקם באוייב, מלחמה עם נשק ביד.

רבים היו שפעלו להשגת נשק, להכנות ליציאה היערה, לגיוס צעירים נוספים, לארגונם וציודם — בתנאי מחתרת שלא היו כדוגמתם. לא כולם הצליחו להגיע לשורות הלוחמים, רבים נספו באקציות. ומעטים נשארו בחיים לאחר שנות פרטיזנקה ולחימה בשורות הצבא האדום.

כולם נחרתו בזכרוני, עם כולם הייתי קשור בעבותות אחוה, בקשרי חיים ומוות. נתתי את חלקי בארגון בני סלונים בשורות הפרטיזנים־הנוקמים, ובאותן השנים למדתי לדעת את סלונים — את זו שהובלה לטבח ואת זו שיצאה לנקום בצורר.

רבות נכתב ע״י חברים־לנשק על הפרטיזנים בני־עירנו, אסתפק, איפוא, רק בזכרונות על מיבצעים שהתחוללו בחוצות סלונים ושבהם השתתפתי גם אני, כפרטיזן שבא מן היער אל עירו החרבה.

נשק ולוחמים מהגיטו ליער

בסוף יולי או בהתחלת אוגוסט 1942 הלכתי מ„וולצ׳י נורי״ לסלונים עם כמה פרטיזנים יהודים (אינני זוכר את שמם). אספקת הנשק היה לה סידור קבוע: בבית אחד ברח׳ פודגורנה (לא רחוק מבית־הקברות הנוצרי) היתה נגריה. עבדו בה החברים שלנו שמעון מיליקובסקי ז״ל (נפל בצבא האדום אחרי שיחרור העיר) וייבדלו לחיים — אברמוביץ ורבינוביץ. בבית הזה היה בונקר, שהכניסה אליו היתה דרך מזנון שעמד בחדר. היו פותחים את דלת המזנון, מורידים אצטבה ודרך מכסה ברצפה היו יורדים לבונקר. בבונקר היו כמה מיטות ואפילו חשמל הותקן שם.

היינו מגיעים שמה בלילה, ולמחרת בבוקר, כשהנגרים היו באים לעבודה (הם גרו בגיטו, כי כל הסביבה היתה כבר אז

„יודנריין"), היו מביאים לנו אוכל ומקבלים מאתנו הוראות לחברה שלנו בגיטו.

הפעם היתה משימתנו להוציא אנשים ונשק מהעיר ליער. במשך היום התחילו להגיע אנשים ונשק לבית. את האנשים סידרנו בחלקם בבונקר ובחלקם בעליית־הגג. במשך היום נודע לנו, כי קבוצה של 4 אנשים, ובתוכם משה „טייגאכץ", שעבדו בקסרקטיני הצבא, מוכנים להצטרף אלינו ולקחת עמהם מהמשמר הגרמני רובים ותחמושת. הסכמנו להצעתם ונדברנו בינינו להיפגש בלילה על יד סקולדיץ, וכן קבענו בינינו סיסמה.

לפנות ערב, לכשהחשיך, יצאנו מהבונקר והתאספנו בתוך הבית. מסרתי את ההוראות האחרונות, חילקתי את הנשק והתחמושת בין הצעירים (היו שם כ־30 איש ואשה). היו בידינו מכונות־יריה וכ־10 אלפים כדורים, חוץ מזה כמה תת־מקלעים ואקדחים.

יצאנו בשורה ערפית לאורך בית־הקברות הנוצרי עד הכביש לרוז'נוי. שם הבטחנו את המעבר, חצינו את הכביש בסדר צבאי והמשכנו לאורך בית־העלמין ומשמה דרך השדות — לכיוון הכביש לז'ירובה. לא רחוק מהמטווח של סקולדיץ עצרתי את הקבוצה ויצאתי עם כמה חברים לפגישה עם קבוצתו של „משה טייגאכץ".

כשהתקרבנו למקום המיפגש ראינו מרחוק כמה דמויות ושאלנום את הסיסמה. פתאום הם פתחו עלינו באש. השת־טחנו והתחלנו לסגת, ורק אז הם צעקו את הסיסמה. קמנו והתקרבנו אליהם, ובו ברגע נפלט שוב כדור מכלי־נשקם וחלף ליד אזני. תפסתי את הבחור היורה (זה היה צעיר מאוסטרולנקה, שנפל אחר כך בקרב על הסכר ה־10), הפלתיו על האדמה והוצאתי ממנו את הרובה. כל ה־4 היו מבוסמים כהוגן ולפי סיפורם הם שתו לשכרה עם השומרים הגרמניים, עד שהללו השתכרו ונרדמו, ואז הם הוציאו מחדר המשמר את הרובים ו־2 תיבות עם כדורים ודרך פירצה בגדר יצאו אלינו. נתברר כי יריותיהם באו מרובה חצי־אוטומטי, אשר הצעיר מאוסטרולנקה לא ידע להשתמש בו וללא כוונה הוא לחץ על ההדק.

בחפזון (כדי שהגרמנים לא ירגישו בנו אחרי היריות) הלכנו לכיוון סקולדיץ. גייסנו שם עגלות ויצאנו בכיוון יערות רפלובקה, ומשם המשכנו ל„וולצ'יה נורי".

בבואנו שמה פגשנו כבר את כל קבוצתנו בדרכה למיבצע קוסובה ומסרנו להם תיכף את הנשק, שבו השתמשו בקרב על שיחרור הגיטו בקוסובה.

מיבצע באישון לילה

בערב אחד, באוקטובר או ספטמבר 1942, יצאתי עם קבוצה קטנה של פרטיזנים יהודים מהקבוצה ה־51, של יהודי סלונים, מהפלוגה ע"ש שצ'ורס, לביצוע כמה פעולות בתוך סלונים.

היה זה כבר אחרי השחיטה הגדולה של יוני־יולי 1942, וממערב לשצ'ארה לא היו יהודים. בין ההולכים היו: דוק־טורצ'יק, מידלביץ, גיוניה צירינסקי ועוד כמה בחורים ששכחתי את שמם. כשהגענו לבית־הקברות היהודי, בסוף רח' רוז'נסקה, השארנו אחד עם מכונת־יריה לחיפוי במקרה של תקרית בלתי־צפויה והתחלקנו ל־2 קבוצות: האחת, בראשותו של דוקטורצ'יק, צריכה היתה להחרים עבור הפלוגה עורות וסבון מבתי־החרושת שנמצאו ברח' פודגורנה, ואילו אני עם צי־רינסקי צריכים היינו לחדור למרכז העיר, עד למושבו של קצין־העיר (Ortskommandantur), שהיה בבית־השעון (של רוטקובסקי), ולהדביק עליו במקום המודעה של ה־ Wehrmacht את המודעה של הצבא האדום. בדרך חזרה צריכים היינו להצית את ערמות־הקש הענקיות, שהגרמנים ריכזו בשטח בית־הקברות הישן ברח' אנדז'יבסקה, וגם את „בית־הכנסת של הקצבים", שהיה עוד משנת 1940 מוסך לתיקון טרקטורים והגרמנים תיקנו בו 2 טנקים קלים, כדי להכשירם למלחמה בפרטיזנים.

עברנו את הכביש לרוז'אנה והתחלנו להתקדם לאורך הגדר של בית־הקברות הנוצרי, לכיוון רח' פודגורנה. ב„סימטת דרצ'ינסקי" הופיעה פתאום מולנו דמות של בן־אדם לבוש לבן. היה חושך וראינו בבירור את הדמות במרחק של כ־20 מטרים. צמודים אל הקיר נעצרנו, ופתאום שמענו „האלט!".

הרמתי בשקט את תת־מקלעי ויריתי בכיוון הדמות. אך התת־מקלע נעצר. ניסיתי עוד פעם ויריתי צרור. הקול נעשה יותר חלש, אבל שמעתי בבהירות את ה„האלט!". ואז ירה גיוניה עוד צרור מאחורי גבי, והדמות נפלה. הסתובבנו חיש מהר וברחנו לכיוון בית־הקברות. ליד בית־הקברות היהודי פגשנו את יתר „החברה" וחזרנו ליער, ל„וולצ'יה־נורי".

כפי שנתברר אחר־כך, היה זה גרמני שיכור, שיצא מביתו ובחשבו שפגש ביהודים הנמלטים מהגיטו, רצה לעצרם.

בלילה ההוא ובלילות שלאחריו התחבאו הגרמנים ולא יצאו מבתיהם, בחושש כי הפרטיזנים מתכוננים להתקיף את העיר.

אחרי המקרה הזה הגדילו הגרמנים את השמירה, ולמרות כמה נסיונות לא הצלחתי יותר לחדור לסלונים.

יצחק מישעלעוויטש

ווען די זכרונות שווימען אויף

יענע יאָרן פון בלוט און טרערן פאַרגעסן זיך ניט, אָבער דאָס לעבן פאָדערט זיינס, מ׳מוז זאָרגן פאַר אַ משפחה, מ׳מוז בויען אַ נייע היים, נאָכדעם ווי די אַלטע איז חרוב געוואָרן. מ׳מוז וואַנדערן איבער מדינות. ווייטע און פרעמדע ביז מ׳קומט צו אַן אייגענעם ברעג.

ס׳זיינען דאָך פאַראַן מאָמענטן, ווען אַלץ שווימט אויף פון דאָסניי אין זכרון, מאַטערט און לאָזט ניט צורו. אַזוי איז עס ביי מיר געווען אין יענעם ווינטערדיקן אָוונט פון דעצעמבער 1957, ווען איך בין געשטאַנען אינמיטן אונזער חרובער היים־שטאָט סלאָנים, און אַרום מיר האָט געהערשט אַ טויטע, קאַלטע שטילקייט, אַזיוווי טויזנטער קברים וואָלטן מיר אַרומגע־רינגלט. און אַזוי, להבדיל, זיינען אויפגעשווומען די זכרונות מיט אַ חודש־צוויי שפּעטער, ווען איך האָב זיך געפונען אויפן 17־טן כינוס פון סלאָנימער עולים, אַרומגערינגלט דורך פריינט, חברים, ליכטיקייט און וואַרעמקייט.

אָט איז מיין מלחמה־געשיכטע, אין קורצן.

נאַצישע מערדער באַהערשן די שטאָט

מיין פאָטער איז געווען אַ בעל־עגלה, געהייסן האָט ער משה, מיטן צונאָמען „משה דער רב״. געוווינט האָבן מיר אַ פאָר הייזער הינטער דער טורמע, אויף זאַמאָשטשע.

ביז 1939 האָב איך געאַרבעט שוסטעריי ביי הענזל דעם שוסטער. ווען ס׳זיינען געקומען די סאָוועטן, האָב איך געעפנט אַ וואַרשטאַט פאַר זיך, נאָכדעם בין איך אַוועק אין שוסטער־אַרטעל. דאָרטן האָבן מיר געאַרבעט ביז די נאַציס האָבן פאַר־טריבן די סאָוועטן, אין 1941.

פאַרן אָפּטרעטן האָבן די סאָוועטן מאָביליזירט די גאַנצע יוגנט פון שטאָט, מ׳האָט אונז געהאַלטן אין דער גרויסער שול, אין קוניצעס גימנאַזיע און אין אַנדערע פלעצער און געזאָלט אונז געבן מונדירן און געווער און מאַכן פאַר סאָלדאַטן. אָבער די סאָוועטן האָבן דאָס ניט באַוויזן צו טאָן, אין אַ צוויי טעג אַרום האָבן זיך שוין געהערט די שיסערייען פון די אָנגרייפנדע דייטשן.

וואָס קען איך נאָך צוגעבן צו אַלע דערציילונגען וועגן דער נאַצישער הערשאַפט אין סלאָנים? פון ערשטן טאָג אָן איז אונזער לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָשמאַר. צוואַנגס־אַרבעט, פון וועלכער מ׳פלעגט אָפט ניט צוריקקומען; כאַפּערייען צו דער אַרבעט פון גאַס און פון באַהעלטענישן; שיקאַנעס, גזירות און דערנידעריקונגען; אַ טרויעריקער לעבן, אָן ליכט און אָן האָפענונג.

געציילטע נאַצישע מיליטער־לייט האָבן מיט דער הילף פון תליה און טעראָר געהערשט איבער עטלעכע צענדליק טויזנטער און געטאָן מיט זיי וואָס זייערע מערדערישע קעפ האָבן אויסגעטראַכט.

אַזוי האָט מען טויזנטער סלאָנימער געהאַלטן פיר טעג אויפן פוטבאָל־פּלאַץ הינטער די קאָשאַרן און ערשט אויפן פערטן טאָג געבראַכט אַביסל שיטערע זופּ — אַלס שטראָף פאַר „געבן הילף״ די סאָוועטישע זעלנער, וואָס האָבן אין אַ געוויסער נאַכט פּרובירט זיך דורכרייסן דורך סלאָנים מיט זייערע טאַנקען. און אַז מ׳האָט שוין די טויזנטער אידן צוריק־געשיקט אין זייערע הייזער, איז מען באַלד ווידער געקומען און אויסגעקליבן 1200 אידן, פון די טעטיקסטע אין אידישן לעבן, און זיי אַוועקגעפירט הינטער דער שטאָט, כדי זיי דאָרטן אויסצומאָרדן און באַגראָבן.

איינגעפּרעסט אויפן הויף פון „דאָם לודאָווי״

איך בין אויך געווען צווישן די 1400 אידן, וועלכע מ׳האָט אויפגעקליבן אויפן הויף פון „דאָם לודאָווי״. דער הויף איז געווען צו קליין פאַר אַזאַ עולם מענטשן, האָבן די לעצטע ניט געקענט אַריינגיין. מ׳האָט יעדן איינעם געשלאָגן, געשטויסן און צום סוף זיינען געשטאַנען דייטשן און מיט באַגנעטן גע־שטאָכן די לעצט־געבראַכטע, כדי זיי אַריינפּרעסן אין פול־געפּאַקטן הויף.

ס׳איז געוואָרן אַ שטיקעניש, איינער איז געקראָכן אויפן צווייטן, די הינטערשטע האָבן ממש געקלעטערט אויף די פּלייצעס פון די ערשטע, און נאָך אַלעמען זיינען אייניקע דער־שטיקט געוואָרן. אַזוי איז עס געווען מיטן שטעפּער יאשקע אורינאָווסקי, וועלכער איז געבליבן שטיין דערשטיקטערהייט צווישן עולם און ערשט שפּעטער, ווען ס׳איז געוואָרן פרייער, איז ער אַנידערגעפאַלן אַ טויטער.

אַזוי האָט מען אונז געהאַלטן פון פרי ביז 4 ביי טאָג, אונז געשלאָגן, געשליידערט אין עולם אַריין ברענענדיקע פּאַפּירן און שאַכטלעך שוועבעלעך, אָפּגעטאָן מיט אונז פאַרשיידענע סאַדיסטישע שמד־שטיק. עסן און טרינקען האָט מען אונז ניט געגעבן, און אין דערזעלבער צייט האָט מען פאַר די דייטשן געבראַכט עסנוואַרג און געטראַנקען און די רוצחים האָבן זיך פריילעך געמאַכט.

אַרום 4 אַזייגער זיינען אָנגעקומען אויטאָ־מאַשינען און מ׳האָט גענומען אָנלאָדן צו 20—30 מאַן אין אַן אויטאָ. געזאָגט האָט מען, אַז מ׳נעמט אַלעמען צו אַרבעט. די וועלכע האָבן מער ניט געקענט אויסהאַלטן די שטיקעניש, האָבן זיך פריי־וויליק געמאָלדן צו די אויטאָס,

איך ווייס ניט פאַרוואָס, אָבער איך האָב זיך ניט געאײַלט צו מעלדן, און נאָכן אַרויספירן 1200 אידן פון צווישן די 1400 צונויפגעטריבענע האָט מען אָפּגעשטעלט דעם טראַנספּאָרט. די איבעריקע, וועלכע מ׳האָט בעתן גרוזעווען די לאַסט־אויטאָס געצוווּנגען צו זינגען אידישע לידער (באַזונדערס איז זיי געפעלן געווען „מיין שטעטעלע בעלז״), האָט מען מיט קלעפּ צעטריבן דורך אַ שמאָלן דורכגאַנג פון הויף אין גאַס אַריין. מיר זיינען געלאָפן, געפאַלן איינער אויפן צווייטן, געשפּרונגען איבער די קערפּערס פון חברים און פאַרבלוטיקטע אָנגעקומען צו זיך אַהיים, ווי אַ געטריבענע חיה פאַלט אַריין אין איר נאָרע.

וואָס מיט די 1200 אַרויסגעפירטע איז געשען, ווייסן שוין אַלע גענוי. ניטאָ וואָס צוצוגעבן.

מעצנערס בלוטיקע הענט

אין יענער צייט האָב איך שוין געאַרבעט אַלס שוסטער אין דער זשאַנדאַרמעריע. אויך מיין צוקונפטיקע פרוי האָט דאָרטן געאַרבעט. דער „פאָלקסדויטשע״ אָפיציר מעצנער איז געווען דאַן אויפזעער אויף די אידישע בעלי־מלאכות, ער איז אויך געווען דער דאָלמעטשער פון רוסיש אויף דייטש. הונדערטער מענטשן, בירגער און קריגס־געפאַנגענע, זיינען דערשאָסן געוואָרן צוליב זיינע פאַלשע איבערזעצונגען און אויסטייטשונגען פון די באַשולדיקטע און זייערע דערקלערונגען פאַר דער זשאַנדאַרמעריע. ניט איינעם האָט ער אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, דערשאָסן.

מעצנער האָט זיך אויך באַטייליקט אין טראַנספּאָרט און עקזעקוציע פון די 1200 אידן. שפּעט אין אָוונט האָט ער זיך צוריקגעקערט אין זשאַנדאַרמעריע אַ שיכורער, מיט רויט־פאַרבלוטיקטע הענט. „איר זעט די הענט?״ — האָט ער זיך אָפּגערופן צו אָנוועזנדע אידן, — „דאָס איז בלוט פון אייערע ברידער״. דאָס האָט אויך געהערט מיין צוקונפטיקע פרוי, וועלכע האָט געהאַט אַ ברודער צווישן די 1200 אַרויסגעפירטע. זי איז, מיט נאָך סלאָנימער פרויען, געווען צווישן די וואָס זיינען אַוועק זוכן די מענער און ברידער — און געפונען זייערע קברים הינטער דער שטאָט.

נאָכדעם איז שוין קיין ברירה ניט געווען, און קוואַליפיצירטע אַרבעטער האָבן זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט, ווייל ס׳איז שוין ניט געווען וואָס צו עסן. די וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, האָבן באַקומען אַ פערטל קילאָ ברויט אַ טאָג. די בעלי־מלאכות האָט מען קאָנצענטרירט אין אַ ספּעציעלן געטאָ. מיין געטאָ איז געווען אויף באַליאָנע, און מעצנער איז ווידער געווען דער אויפזעער איבער אונז.

שלאָסער און מעכאַניקער האָט מען גענומען אין „בויטעלאַגער״, צום סאָרטירן און פאַרריכטן געווער. דאָקטוירים האָבן זיך געפונען אין אַן אַנדער פלאַץ. די פאַכלאָזע האָט מען פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער געטאָ, און זיי זיינען עס געווען די ערשטע צו די אַקציעס.

לעבעדיקערהייט פון די פלאַמען

און די אַקציעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט דייטשער פּינקטלעכקייט און נאַצישער אכזריות. וואָס זאָל איך נאָך דערציילן וועגן יענע בלוטיקע טעג און נעכט?

ס׳איז געקומען די לעצטע, די גרויסע אַקציע. מיר האָבן פון פרי געזען אונזער געטאָ אַרומגערינגלט דורך מיליטער. זיינען מיר שוין צו דער אַרבעט ניט אַרויס און געלאָפן זיך פאַרשטעקן אין די באַהעלטענישן. די דייטשן זיינען געגאַנגען פון הויז צו הויז, שפּעטער אונטערגעצונדן דעם געטאָ, פאַרברענט טויזנטער לעבעדיקערהייט, געוואָרפן קינדער אין שטשאַרע אַריין. ס׳זיינען אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן באַליאָנע, זשאַבינקע און בריקער. אַ טייל געכאַפּטע אידן האָט מען באַפוילן זאַמלען די קערפּערס פון פאַרברענטע און דערשאָסענע. אַלע לעבנסגעבליבענע האָט מען קאָנצענטרירט — כדי זיי אַרויסצופירן צום שיסן.

איך בין געלעגן 4 טעג אין באַהעלטעניש, אונטער אונזער שטוב, וואָס איז געווען ניט ווייט פון פיינס טאַרטאַק. די שריפה פון זשאַבינקע און באַליאָנע איז ביז אונז ניט דערגאַנגען, און אַזוי זיינען מיר לעבן געבליבן. צוזאַמען זיינען מיר געווען אַרום 30 מאַן אין יענער באַהעלטעניש. מיר האָבן בכלל ניט געוווּסט, וואָס ס׳איז אַרום פאָרגעקומען, און נאָר דער שטיקנדיקער רויך פון דער שריפה און די הילכיקע קנאַלן פון דער שיסעריי האָבן אונז דערציילט, אַז אַרום הערשט פייער און מאָרד.

אויפן פינפטן טאָג האָב איך דערהערט אַ קול: „יצחק, גיי אַרויס, ס׳וועט דיר גאָרניט געשען!״ — און איך האָב דערקענט די שטימע פון הענזל דעם שוסטער. איך האָב זיך אַרויסגעשאַרט אומבאַמערקט און דערזען הענזלען שטיין מיטן לויטנאַנט ריינערדט פון דער זשאַנדאַרמעריע. דער לויטנאַנט האָט מיר אַ פרעג געטאָן, ווו איך האָב זיך פאַרשטעקט, און איך האָב אים געוויזן אויף אַ קעלער פון קאַרטאָפל, כדי ניט אַרויסצוגעבן די איבעריקע.

אין דעם מאָמענט זיינען אַרויסגעקראָכן אברהמ׳קע דער גאַרבער מיט זיין זון, צוגעגאַנגען צו ריינערדטן און אים געבעטן ער זאָל אויך זיי ביידן מיטנעמען מיט מיר. ריינערדט האָט אונז אַלעמען אַוועקגעפירט ביז צו דער בריק, דאָרטן איז געווען אַ סאָרטיר־פלאַץ. אברהמ׳קען מיטן זון האָט ער דאָרטן איבערגעלאָזן, און מיר מיט הענזלען אַוועקגעפירט צום שעף פון דער זשאַנדאַרמעריע.

אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן שילאָוויצקי דעם לערערס אַ זון, וואָס איז געשטאַנען און אָנגעלאָדן פאַרברענטע קערפּערס אויף אַ לאַסט־אויטאָ, צום אַוועקפירן אויפן רוזשנויער בית־עולם. ער רופט זיך אָפּ צו מיר: „איך האָב נאָרוואָס פאַרלאָדן דיין פאָטער און דיין מוטער, וועלכע זיינען דערשאָסן געוואָרן אין זייער שטוב. און דאָ ליגט מיין שוועסטער ראָזע...״ — און מיר געוויזן אויף אַ האַלבפאַרברענטן קערפּער.

מיין פאָטער און מוטער זיינען דערשאָסן געוואָרן דורך דעם זון פון אונזער בעל־בית, וואָס איז געווען אַ פוילישער פּאָליציאַנט און האָט געדינט אין דער זשאַנדאַרמעריע. ווען מיין מוטער איז אַרויס אויפן דריטן טאָג מיר זוכן, האָט דער פּאָליציאַנט זי באַמערקט, אַריין נאָך איר אין הויז און דערשאָסן מיינע אָרעמע עלטערן. שפּעטער, ווען ער האָט מיר געטראָפן אין זשאַנדאַרמעריע, האָט ער זיך אפילו באַרימט פאַר מיר מיט זיין מערדערישן טאַט.

דער זשאַנדאַרמעריע־שעף האָט זיך ממש דערפֿרייט מיט אונז, אַזוי נויטיק האָט ער געדאַרפֿט בעלי־מלאכות, נאָכדעם ווי דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז אומגעקומען אין דער אַקציע. „דו ביסט פֿון מיינע בעסטע אַרבעטער און דיר וועל איך ניט לאָזן אומברענגען" — האָט ער צו מיר געזאָגט.

אַ פֿינף־זעקס טעג האָט ער אונז געלאָזן נעכטיקן אין זשאַנדאַרמעריע. מיט מיר און מיט העלזלען זיינען אויך געווען שמואל שפּיטאַלניק, אברהמ'טשע דער שוסטער, די שטעפּערס שמואל און אָרע פּרימאַק און נאָך אייניקע. מיר אַלע זיינען געווען עלנטע, געראַטעוועטע פֿון די פֿלאַמען, אָבער איינזאַמע, אָן טאַטע־מאַמע, אָן שוועסטער־ברידער, אָן פֿרוי און קינדער. אַלע זיינען אומגעקומען אין דער אַקציע.

איך גיי מיט מיין פֿרוי אין וואַלד אַריין

מ'האָט אונז אַריינגעזעצט אין אייניקע גאַנץ־געבליבענע הייזער, אויף בריקער גאַס, אַנטקעגן שייעס באָד. דאָרטן האָבן „געלעבט" די לעצטע פּאָר הונדערט סלאָנימער אידן, פֿאַכמענער וועלכע די דייטשן האָבן נאָך נויטיק געהאַט.

מיר זיינען מיט קיינעם שוין ניט געווען פֿאַרבונדן, יעדער איינער איז געווען אַליין, פֿאַר קיינעם קיין אחריות ניט געהאַט. אונזער סוף איז אונז קלאָר געווען, און מיר האָבן גענומען פּלאַנעווען וויאַזוי זיך אָנצושליסן צו די פּאַרטיזאַנער.

מיר, די שוסטערס, האָבן אין געהיים אָנגעהויבן ליפֿערן שטיוול פֿאַר די פּאַרטיזאַנער און געשאַפֿן מיט זיי גוטע פֿאַרבינדונגען. איינער אַ גאַרבער, משה טשאָפּ, פֿלעגט מיר ליווערן לעדער און איך פֿלעג מאַכן די שוסטעריי־אַרבעט. די ברידער פּרימאַק האָבן דאַקעגן געהאַלטן, אַז מ'דאַרף ניט גיין צו די פּאַרטיזאַנער, נאָר פֿאַרקויפֿן וואָס מ'קען און זיך אַריבערפּעקלען אין „דריטן רייך", קיין לאָדזש, וווּ מ'לאָזט די אידן לעבן... זיי זיינען געווען גוטע, האַרציקע אידן, די פּרימאַקס, אָבער מיר האָבן געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן פֿאַר זיי מיט דער אַרבעט פֿאַר פּאַרטיזאַנער.

מיין צווייטע פֿרוי, מרים אַקערמאַן, אַן אַנטלאָפֿענע פֿון לאָדזש, האָט שוין דאַן געאַרבעט אין „בויטע־לאַגער". בעת די סאָוועטן האָט זי געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן אויף ניעוווסק. דער קיכער פֿון דעם רעסטאָראַן איז געווען אַ רוס, מיטן נאָמען קודריאַשאָוו. ער איז צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר, אַ פּוילישן, געווען אין די סלאָנימער וועלדער מיט די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט מרים'ען, וועלכע האָט געאַרבעט ביים מאַנטירן געווער. אַזוי האָט זי, מיט דער הילף פֿון אַנדערע אין „בויטע־לאַגער" אָנגעהויבן אַרויספֿירן געווער, צעגומען אויף טיילן.

איינער פֿון די אַרבעטער פֿלעגט אָנטאָן אויפֿן אָרעם אַ פּאַסעק פֿון אַ פֿאָראַרבעטער און אַרויספֿירן אַ גרופּע צו כלומרשטער אַרבעט הינטער דער שטאָט. אונטער זייערע בגדים האָבן זיי באַהאַלטן טיילן געווער. אַזוי זיינען זיי דורכגעגאַנגען דעם אַרישן קוואַרטאַל. אַזעלכע „שפּאַצירן" האָבן אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לויפֿן פֿון שטאָט אין וואַלד אַריין. אין אַ געוויסן טאָג האָבן טאַקע דעזערטירט צו די פּאַרטיזאַנער 31 מענער און פֿרויען, צווישן זיי אויך איך און מרים. מיר זיינען שוין פֿאַרבליבן אין וואַלד אַלס מאַן און ווייב.

אָנגעקומען אין וואַלד, מיט אונזער געווער־באַגאַזש, זיינען מיר פּונקט דעם טאָג ווען די 51־טע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 120 אידן, מיט אַ אידישן קאָמאַנדיר בראש, האָט זיך געקליבן אַטאַקירן דעם דייטשן גאַרניזאָן אין קאָסאָווע. אונזער געווער איז זיי טאַקע גוט צונוץ געקומען. זיי האָבן צעקלאַפּט די דייטשן, מיטגעבראַכט מיט זיך פֿיל אידן אין וואַלד, פֿון וועלכע די קרעפֿטיקע זיינען מאָביליזירט געוואָרן אין די קאַמפֿס־גרופּן און די איבעריקע האָבן זיך גרופּירט אין פֿאַמיליען־לאַגער.

דער קאָמאַנדיר חלומט וועגן אַ אידישער מדינה און פֿאַלט אין שלאַכט

אונזער אידישער קאָמאַנדיר פֿעדאָראָוויטש, אַן אָפֿיציר פֿון דער רויטער אַרמיי, איז געווען אַזוי באַליבט, אַז פֿאַר אים זיינען מיר גרייט געווען צו גיין אין פֿייער און וואַסער. ער פֿלעגט אונז אָפֿט צונויפֿקליבן, שמועסן, זינגען אַרום אַ פֿייער. און געטרייסט האָט ער אונז, אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר וועלן אַלע גיין דורך פּערסיע און איראַק קיין ארץ־ישראל, כדי דאָרטן אויפֿצושטעלן אַן אייגענע אידישע מדינה.

נאָכדעם איז געקומען דער דייטשער אָנגריף אויף אונז, דער צוריקטריט צו די שלוזן, דער פֿאַרלוסט פֿון פֿילע גוטע חברים פּאַרטיזאַנער. דאָרטן, ביי די וואַסערן, האָט געדויערט די שלאַכט אַרום 7 שעה, און צווישן די שווער־פֿאַרוווּנדעטע איז אויך געווען אונזער באַליבטער קאָמאַנדיר פֿעדאָראָוויטש. אַ קלאַנג איז אַרומגעגאַנגען, אַז ער איז געטראָפֿן געוואָרן דורך אַ קויל פֿון שטאַב־נאַטשאַלניק מערזשלאַקאָוו, וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס אַנטיסעמיט און האָט שטאַרק מקנא געווען פֿעדאָראָוויטשן פֿאַר זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די קעמפֿער. פֿעדאָראָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זיין לאַגע איז שווער, און ער האָט געפֿאָדערט מ'זאָל זיינע ליידן פֿאַרענדיקן מיט אַ קויל. די דאָקטוירים־קאָמיסיע האָט באַשטעטיקט, אַז ער וועט ביים לעבן ניט קענען בלייבן פֿון אַזאַ וווּנד. די גרופּע האָט באַשלאָסן אויסצופֿאָלגן דעם באַליבטן קאָמאַנדיר פֿון זיינע ווייטאָקן און ס'איז געפֿאָדערט געוואָרן אַ פֿרייוויליקער, וואָס זאָל מסכים זיין דערשיסן דעם באַליבטן קאָמאַנדיר. קיינער האָט זיך ניט געמאָלדן, מ'האָט געוואָרפֿן גורל און דער גורל איז געפֿאַלן אויף יומעק ראָזמאַרין, אַ לאָדזשער שניידער. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אויסצופֿילן דעם באַשלוס, אפֿילו אויב מ'וועט אים דערפֿאַר פֿאַראורטיילן צום טויט. דאַן האָט זיך געפֿונען איינער פֿון אונזערע סלאָנימער דרייסטע און טרייע קעמפֿער, וואָס האָט אויף זיך גענומען די שווערע זאַך צו שיסן אַ קויל אין קאָפּ פֿון ליידנדיקן קאָמאַנדיר.

צוזאַמען מיט אברהמ'ל באַנד, דעמזעלבן ראָזמאַרין און נאָך אַ פּאַרטיזאַן, האָבן מיר אַוועקגעטראָגן פֿעדאָראָוויטשן הינטער אַ סטאָג היי. דאָרטן זיינען דורך צוויי קוילן פֿאַרענדיקט געוואָרן זיינע ליידן, און דאָרטן האָבן מיר אים טאַקע באַגראָבן.

ווען מיר האָבן פֿיל שפּעטער זיך אומגעקערט אין יענער געגנט, האָבן אונז די פּויערים דערציילט, אַז די דייטשן האָבן אויסגעגראָבן דעם קערפּער פֿון אונזער קאָמאַנדיר, פֿאַרדאָרבן זיין אויסזען, אַרומגעפֿירט אין די אַרומיקע דערפֿער און זיך באַרימט, אַז זיי האָבן עס אים געכאַפּט און דערשאָסן.

געטריבן דורך אידן־האַס פון וואַלד צו וואַלד

אונזער אָטריאַד האָט באַקומען אַ נייעם קאָמאַנדיר, אַ רוס. מיט אים זיינען מיר געווען אַרום אַ יאָר, ביז ס׳איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. דער שטאַבס־קאָמאַנדיר מערזשלאַקאָוו האָט באַפוילן צו דערשיסן אַ אידישן פּאַרטיזאַן, בערקאָוויטש, וואָס האָט פריער, לויט אַ באַפעל פון קאָמאַנדיר אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל אויף אַ פויער וועלכן מ׳האָט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש. ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן שפּעטער, אַז דאָ איז געווען אַ טעות, האָט דער נאַטשאַלניק פון שטאַב ניט געמשפּט דעם לייטער פון אָטריאַד, נאָר דעם אידישן קעמפער, וואָס איז בכלל ניט שולדיק געווען.

מיר אַלע, די אידישע פּאַרטיזאַנער פון דער 51־טער גרופּע, זיינען אַזוי דורך דעם אַנטיסעמיטישן מאָרד־טאַט אויפגעבראַכט געוואָרן, אַז מיר האָבן אָן דעם וויסן פון אונזער קאָמאַנדיר באַלאַגערט מיט געווער דעם גענעראַל־שטאַב און געפאָדערט אַן אויפקלערונג, פאַרוואָס בערקאָוויטש איז דערשאָסן געוואָרן. מ׳האָט אונז צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט דורכגעפירט ווערן אַן אויספאָרשונג און די שולדיקע וועלן באַשטראָפט ווערן. אָבער גלייכצייטיק איז, נאָכן ספּאָנטאַנישן בונט פון אונזער גרופּע, באַשלאָסן געוואָרן צו ליקווידירן דעם 51־טן אָטריאַד און צעשיקן די קעמפער אין פאַרשיידענע גרופּעס.

צוזאַמען מיט מיין פרוי בין איך צוגעטיילט געוואָרן צו דער 56־טער גרופּע, מיטן קאָמאַנדיר קוזמיטש, — אויך ניט קיין קליינער אנטיסעמיט, — אין שפּיץ. ער האָט פון די אידישע פּאַרטיזאַנער צונויפגעשטעלט אַ ספּעציעלן „וזוואָד" און איבער אים באַשטימט אַ סאָוועטישן אָפיציר, אַ איד מיטן נאָמען פימאַ פּאָדאָלסקי. אויף דעם אידישן „וזוואָד" זיינען אַרויפגעלייגט געוואָרן די שווערסטע אויפגאַבן, צוליב וואָס אַ סך פון אונזערע זיינען שנעל אומגעקומען.

אין יענער צייט האָט געבליט דער אַנטיסעמיטיזם אין וואַלד, און ס׳האָט אָפּט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט פאַרענדיקט זיין בלוטיקע אַרבעט אין די שטעט און שטעטלעך און זוכנדיק נייע בלוט־פאַרגיסונגען זיך אַריינגעכאַפּט אין וואַלד. אַ פּאָליט־קאָמיסאַר מיטן נאָמען יעגאָראָוו האָט אָנגעפירט אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע העצע. לויט זיין באַפעל זיינען פון די קאַמפּס־גרופּן באַזייטיקט געוואָרן אַלע אידישע פרויען, פאַרוונדעטע און עלטערע אידישע קעמפער. ער האָט די אַלע מאָביליזירט צום צוגרייטן באַזעס אין די וועלדער, ווייט פון די קעמפער. צו אַזאַ גרופּע זיינען אויך באַשטימט געוואָרן מיינע און קאָמאַנדיר פּאָדאָלסקיס פרוי. מיר האָבן ביידע געמאָלדן, אַז אויב אונזערע פרויען בלייבן ניט אין אונזער קאַמפּס־גרופּע, גייען מיר מיט זיי. עס האָט אונז דערפאַר געדראָט אַ משפּט, אָבער יעגאָראָוו האָט שוין ניט געוואָלט נאָך מער כעס אַרויסרופן ביי די אידישע קעמפער, און ער האָט אונז דערלויבט מיטצוגיין מיט אונזערע פרויען.

אַ קאָמאַנדיר האָט אונז באַגלייט ביז דער בריסק־מאָסקווער באַן־ליניע און האָט אַליין געמאַכט אַ ויברח, וויל די ליניע איז געווען מינירט אַרום און באַוואַכט דורך אַ סך דייטשן. ווי ס׳איז זיינען מיר איבערגעגאַנגען די רעלסן און אַוועק בלאָנדזשען אין די דובראָווער וועלדער, צו האַווינאָוויטש, — עלנטע, אָפּגענאַרטע און אַרויסגעשליידערטע אידישע קעמפער.

אַזוי האָבן מיר געוואַנדערט, ביז מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ראַזוועדקע פון אונזער אַלטן אָטריאַד פון וואָלטשע נאָרי. נאָך לאַנגע מאַטערנישן, נאָכדעם ווי ס׳האָט אונז איינמאָל שיעור ניט געשאָסן דווקא אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, מיטן שיכורן קאָמאַנדיר סענקינען בראש, נאָכן אָפּוואָרטן און אָפּוואַנדערן ווייטערדיקע טעג און נעכט, זיינען מיר סוף־סוף אָנגענומען געוואָרן אין דער 53־טער גרופּע. איך האָב זיך געריסן צו יעדער קאַמפּס־אויפגאַבע, מיין פרוי האָט געאַרבעט אַלס קעכין, און מיר האָבן ביידע, אַלס איינציקע אידן אין דער גרופּע, געוואָלט דערווייזן אונזער פּאַרטיזאַנישע טרייהייט.

אין דער גרופּע בין איך שוין פאַרבליבן ביז די וועלדער זיינען באַפרייט געוואָרן דורכן סאָוועטישן מיליטער.

און ווען די באַפרייאונג איז געקומען, זיינען מיר געשיקט געוואָרן קיין קאַמעניעץ־ליטאָווסק, צו ליקווידירן רעשטלעך פון דער דייטשער אַרמיי, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. נאָך אייניקע חדשים האָב איך זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. צוזאַמען מיט אירע גרופּן האָב איך מאַרשירט קיין ליטע און פּרייסן, געווען ביים פאַרנעמען קעניגסבערג און בערלין.

ווען איך בין געווען אויפן פראָנט, איז געבוירן געוואָרן אונזער ערשטע קינד. ערשט סוף 1945 בין איך באַפרייט געוואָרן פון מיליטער און אַוועקגעפאָרן צו מיין משפּחה. מיר זיינען געווען אַ יאָר צייט אויך אין סלאָנים, אויף די חורבות און קברים. שפּעטער זיינען מיר אַריבער קיין לאָדזש, געלעבט דאָרטן אַרום 10 יאָר און פונדאָרטן אַוועק קיין ישראל.

פאַרן פאַרלאָזן פּוילן האָט מען אונז דערלויבט צו מאַכן אַ באַזוך אין סלאָנים, כדי זיך צו זעגענען פון דער פאַמיליע.

אהרן יוסלביץ

קטעי זכרונות מאותן השנים

בן 17 הייתי, כשפרצה מלחמת־העולם השניה ובעקבותיה נפלה סלונים עירנו בידי השלטון הסובייטי.

הייתי אז תלמיד הגימנסיה היהודית בסלונים, ומימי השלטון הרוסי של השנים ההן נשארו בזכרוני המאסרים והגירושים, שנפלו בחלקם של בני משפחתי הענפה. אבי ז״ל, חיים יוסלביץ, היה שותף במנסרה „אראביוס״. רוב קרובי מצד אבי ומצד אמי, בתו של סוחר־העצים ישראל אָסטרינסקי, נאסרו בידי הנ.ק.ו.ד. והוגלו בתאריכים שונים למרחקי סיביר. בהמשך שלטונם הספיקו הרוסים לגרש לפנים רוסיה גם את משפחות האסירים, כדי לעקור מן השורש את שרידי המשפחות, שהקימו והרחיבו את חרושת העצים בעירנו והיו פעילים בציבוריות היהודית ובמוסדותיה. אבי ישב בכלא סלונים עד יום פרוץ המלחמה בין גרמניה ורוסיה. משנשארה העיר באותם הימים בלי שלטון, פתחה העיריה את שערי בית־הסוהר ושיחררה רבים מהאסירים, ביניהם גם את אבי.

חיי גיהינום התחילו ליהודי סלונים ולפליטים המרובים שנקבצו בה מן היום הראשון לשלטון הנאצי. גזירה רדפה גזירה ולחיינו לא היה כל ערך. עם קביעת תחומי הגיטו, לחלקיו השונים, הועברה משפחתי — אבי חיים יוסלביץ, אמי חיה לבית אסטרינסקי, שני אחי שמאי ונח, וגם אני — לביתו של סטרוביניץ, מיד לאחר הגשר הראשון שעל־יד הדאמבה.

אחרי הגזירות והעינויים, עבודת־הכפיה וחיי הרעב, באו בזו אחר זו אקציות־הטבח. לא פעם דיברתי על לבם של בני־משפחתי, שנעקור מן הגיטו, נברח ליערות הידועים לנו היטב ונצטרף לפרטיזנים. הורי לא רצו לשמוע לדברי, ואני החלטתי לצאת לבדי היערה ואח״כ להביא אלי את בני משפחתי.

ואז באה האקציה הגדולה ושריפת הגיטו. אלפים־אלפים נספו באש ומכדורי הרוצחים. שורת הבתים שלנו היתה מהבודדות שלא הוצתו בידי הנאצים. הם חששו, שמא תגיע האש עד המנסרה הגדולה של יזירסקי, שבה ריכזו חמרי־עץ לצרכי המלחמה שלהם. ישבנו איפוא במחבואי הבתים, כשריחות הדלקה והגופות השרופות ממלאות כל פינה בצחנה איומה, עד להיחנק. ידענו, שלחיינו אין עוד כל ערך. ידענו, כי הנאצים ישמידו אותנו ברגע שיתפסונו. כל שורת הבתים שלנו היתה מוקפת משמרות של הרוצחים.

נשארתי אחד מכל משפחתי

בבוקר אחד נכנסו הנאצים ועוזריהם לכל הבתים של השורה, מביתו של לייב־וולף מרמינסקי ז״ל ועד למנסרת יזירסקי, הוציאו את כל היהודים שמצאו בבתים ובמרתפים והציבו אותם בשורה ארוכה. כל אחד ידע כבר אז את גורלו. אמי הספיקה לברוח מהבית ולהסתתר בעלית־הגג של משרד מנסרת יזירסקי. את אבי ושני אחי רצחו הגרמנים בו ביום. אני הצלחתי להתחמק מאחורי הבתים ולברוח בכיוון השצ׳ארה. הגרמנים ירו אחרי, אך לא פגעו בי. עברתי את הנהר בשחיה, עד שהגעתי לחלק הארי של זאמושצ׳ה, לדרך המובילה לאלברטין, לאורך מיכלי הנפט והבנזין.

נכנסתי לביתו של פולני אחד. הוא קיבל אותי בסבר־פנים יפות, האכילני והשכיב אותי ללינת־לילה בביתו. למחרת היום הודיע לי מצילי, כי הגרמנים מתכוננים לערוך חיפושים בבתי הנוצרים אחרי יהודים מסתתרים. מאחר שהוא חשוד בעיני הגרמנים, מוטב לו להסתלק מן הבית. הוא ישאיר דלת פתוחה, כדי לא להרגיז את עורכי החיפושים. אותי הסתיר במיטה, מתחת לכסת גדולה, וציווני לא לזוז מן המקום, ואם אשמע קולות מן החצר — לעצור ממש את נשימתי.

קל לתאר את הרגשתי ברגע היכנסי אל מתחת לכסת העבה, אך קשה לי לתאר לכם, מה עבר עלי, על לבי ומחשבותי, בשלושת הימים הרצופים בהם התחבאתי בתוך המיטה הזרה, כשכל רחש ולחש מבחוץ מקפיא את דמי, עוצר דפיקות לבי ומעלה מיד את המחשבה: „זהו הסוף!...״

אבל עם הפחד שאפף אותי במקום מחבואי, הגבירו בי אותם שלושת ימי המחבוא את שנאתי העמוקה לרוצחים ואת הרצון העז לנקום את נקמת יקירי. עתה, כששכבתי ללא תנועה את רוב שעות היום והלילה, עלתה לנגד עיני תמונת הרצח שמסביב. שוב נזכרתי במותם של אבי ושני אחי, אבל יותר מהכל שרוי הייתי בלי הרף בקדחת של שנאה לאיש מסויים — לשומר חצר המנסרה של יזירסקי. כאשר ברחתי כל עוד נפשי בקרבי מכדורי הגרמנים, לאחר שחציתי את השצ׳ארה „הישנה״, התחבאתי בדרך בין ערימות הקרשים של המנסרה. שם ראני אחד מעובדי המפעל, איש פטראלביץ, וסיפר לי, כי באותו יום הלך שומר החצר והלשין לגרמנים, ש„ז׳ידובקה״ אחת מסתתרת בעלית־הגג של המשרד. הנאצים באו, הורידו את אמי מהעליה והרגו אותה בו במקום.

„נקמה, נקמה!״ — מלים אלו בערו בקרבי ואכלו את מוחי. חשבתי, כי אחרי שאגיע ליער, אבוא פעם למנסרה ואתנקם באותו שומר־מלשין. קרה הדבר לאחר מכן, שהיער בו לחמתי היה מרוחק מסלונים, אבל את נקמת דם אמי נקמתי לאחר השחרור.

רק פעם ביממה, בשעת אחרי חצות, הייתי מגיח ממחבואי ופורס לעצמי לחם ושותה מים. כל יתר השעות עברו עלי מתחת לכסת בפחד ובמחשבות נקמה.

מקץ שלושת ימים ארוכים אלה חזר הפולני מצילי. מדבריו נוכחתי, שהוא באמת חיפש למעני קשר לפרטיזנקה. היה זה בן־אדם בודד ואומלל, גיבן מלפנים ומאחור, נמוך־קומה, שקט ונבון. לאחר שאכלנו את כל מה שהכין לארוחה, אמר לי, שהוא יוצא לדרך רכוב על סוסתו ועלי לרוץ בעקבותיו, אבל במרחק

של כחצי קילומטר, לבל יפול עליו שום חשד של קשר כלשהו אתי, אם אתפס אני או הוא ע״י הגרמנים.

עם הלוחמים ביער

שעות ארוכות רצתי אחרי מצילי, עד שהגענו ליערות דוברי־בור. הוא הראה לי על נקודה מסויימת ביער ואמר לי, ששם מתחבאים כ־50 יהודים, אולי אני רוצה להצטרף אליהם. נגשתי לבונקר — אבל היהודים סירבו לקבלני, מבלי להגיד לי למה ומדוע. המשכתי בדרכי עם הפולני, שהביאני לביתה של אשה בילורוסית משותקת, אלמנה ואם לנער בן 12—13, שגרה בביקתה ביער והיו לה קשרים עם פרטיזנים.

לא ידעתי כיצד להודות למיטיבי ומצילי הגיבן. הצעתי לו את שעון־הזהב של אבי, אבל הוא סירב לקבל פרס על כל הטוב שעשה לי. הוא אמר לי, שהוא מאושר בהצילו בן־אדם מידי הנאצים צמאי־הדם.

האלמנה הבילורוסית התיחסה אלי תחילה בחוסר אמון, אבל לאחר שסיפרתי לה כל מה שעוללו הנאצים ליהודי סלונים ולבני משפחתי, נתרכך לבה והיא הבטיחה לי לקשרני עם הפרטיזנים. ואמנם, לאחר יומיים בביקתה, שבהם האכילני בנה הצעיר ודאג לי ולחיי, הגיעו ארבעה חיילים פרטיזנים, רכובים על סוסים וחמושים מכף רגל ועד ראש. הם שאלו את האלמנה, מי אני ומה מעשי כאן, והיא הסבירה להם את רצוני להצטרף לפרטיזנקה. הם הציגו לי כמה שאלות, וכשאמרתי להם, בשיניים נוקשות מפחד, שאני מוכן ומזומן בכל לבי להיות פרטיזן, כדי לנקום נקמת משפחתי ויהודי עירי, הבטיחו לי הארבעה, שלמחרת היום יבואו עם עגלה ויקחוני אתם אל המחנה שלהם.

הם באו ביום המחרת, הביאו אתם עגלה וגם ידיעה, כי הגרמנים גילו את הבונקר עם 50 היהודים ורצחו את כולם. שוב קרני נס, שלא נתקבלתי לבונקר היהודי ונשארתי בחיים. נפרדנו בידידות מהאלמנה המשותקת ומבנה הצעיר. בעגלה הובאתי ליערות וולצ׳ה נורי שבסביבות קוסובה, לא הרחק ממסילת הרכבת בריסק־ברנוביץ. המפקד שקיבלני אמר לי, שאהיה חבלן ואעסוק בפיצוץ רכבות של הצבא הגרמני ובהת־קפת מכוניות עם קצינים גרמניים, המהלכות בכביש בריסק־ברנוביץ.

צורפתי למחלקה, התחלתי באימונים קדחתניים, של 6 שעות ביום, ברובה, מקלע, חמרי־נפץ, כידון וכד׳. לימדוני גם לרכוב על גבי סוס. מקץ שבועיים למדתי את כל התורה הזאת והתחלתי במילוי התפקידים שהוטלו עלי.

רכבות עם גרמנים מידרדרות לתהום

בשבוע השלישי נשלחתי עם עוד 4 פרטיזנים, חבלנים בעלי ותק, להורדת רכבת גרמנית מן הפסים. עמוסי נשק ותחמושת ומכשירים שונים יצאנו לדרך. הגענו עד קצה היער, עברנו את המשמרות שלנו ופתחנו בזחילה ממושכת של שעות רבות, כדי לעבור בזהירות את 12—13 הקילומטרים מן היער ועד פסי־הרכבת. משהגענו עד לקילומטר מן המסילה, נתנו לי החבלנים הוראות אחרונות כיצד להניח את חמרי־הנפץ ולחבר אותם אל הסוללות, ומהן להוליך חוט באורך של 150 מטר אל המארב שלנו. פעולה חבלנית זו היתה הכרחית, מאחר שהגר־מנים חששו למיקוש המסילה והיו מריצים לפני הקטר שני קרונות־משא עמוסות אבנים וחול, כדי שאלה הקרונות יפוצצו את המוקש והקטר עם 30—40 הקרונות, העמוסים חיילים ותח־מושת, לא ייפגעו ולכל היותר יישארו תקועים במקום. בסופו של החוט הארוך היה מפסיק, שבעזרתו הופעלו הסוללות ובא פיצוץ המוקש רק ברגע שהקטר הגיע למקום הנחתו.

בלילה ההוא, הראשון להשתתפותי במלחמה עם הנאצים, הצלחנו להפעיל את המוקש בזמן הנכון והקטר עם כל הרכבת הארוכה נידרדרו מהמסילה הגבוהה למטה, ברעש עצום ובצע־קות איומות של החיילים הגרמניים. לא יכולתי לתאר לעצמי הרגשה יותר טובה, רגש נקמה יותר נעים וערב לאוזן וללב, מאשר צווחותיהם של נאצים הנשארים מתחת לקרונות ההפו־כים. באותו חודש הוספנו למקש רכבות ובדרך־כלל הצלחנו בפעולותינו.

הגרמנים הציבו משמרות לאורך מסילת־הברזל, אבל גם על קושי זה התגברנו בדרכים שונות. אחרי זה המציא האויב „פטנט״ חדש: על גבי 4 קרוניות קלות, שהורצו לפני הקטר, הונחו 2 קורות ארוכות, ואל קצה הקורה הראשונה הוצמד מכשיר מגנטי המגלה מוקשים. ליד נהג הקטר יושב היה חייל מצוייד במשקפת, ומשהיה רואה את מחוג המכשיר, יוצא ממצב תנוחתו ומתחיל לנוע ימינה ושמאלה, היה מצווה על הנהג לעצור את הרכבת, כדי לפנות את המוקש מן המסילה.

במשך זמן ממושך לא יכולנו להתגבר על אמצעי־הזהירות הללו והנאצים היו מעבירים שיירות רבות על פני המסילה. לעומת זאת גרמנו להם צרות צרורות על הכביש הנמשך מבריסק לברנוביץ. בכביש זה המתה תנועה רבה של מכוניות עם קצינים גבוהים, ואת אלה היינו מפוצצים ברימונים ומנקבים ברובים ובמקלעים. אני עצמי התקפתי כ־20 מכוניות גרמניות בשנות שרותי בפרטיזנקה.

משנפסק מיקוש הרכבות, נוכח אמצאות הזהירות של הגר־מנים, קיבלנו פקודה להצטייד ברובים ותת־מקלעים מיוחדים, שהוצנחו אלינו, לתוך עבי היער, באישון לילה מתוך אווירוני הצבא הסובייטי, ולירות מהם בקטרי הרכבות הנאציות. היו אלה „רובי־סנייפרים״ מיוחדים, וממרחק של קילומטר ויותר הצלחנו לא פעם לעשות את הקטרים ככברה, לפגוע במכונות, לרוקן את הדוודים מהמים הרותחים, לעצור את הרכבות לשעות רבות ולרתקן במקום. פעולות אלו הפריעו לגרמנים באספקת נשק ותחמושת לחזית המזרחית.

הצבא הגרמני סבל כל כך מידי הפרטיזנים, עד שהחליט לערוך מלחמה בלוחמי היערות. כ־40 אלף חיילים גרמניים הקיפו את יערותינו ופתחו באש מתותחים כבדים. בו בזמן הופגז היער ממאות מטוסים, שהיו יחד עם פצצותיהם קוצרים ממש במכונות־היריה את דרי היער.

שלושה ימים ארכה הרעשת היערות שלנו בידי הגרמנים. היתה זו פעולת הריכוך שלהם, שאחריה החלו לנוע לתוך עבי היער טורי הרגלים שלהם. אבל כל אימת שחייליהם ניגשו לעמדות הבונקרים המבוצרים שלנו, היינו פותחים עליהם באש קטלנית שעשתה בהם שמות. מדי פעם היו מתקיפים ומיד נסו־גים ובורחים לכל עבר. התנגשויות אלו נמשכו כשלושה שבו־עות, עד שהגרמנים נוכחו לדעת, כי לא ישמידו את עמדות הפרטיזנים. והם נסוגו, בהשאירם אחריהם אלפי הרוגים.

גם קרבנותינו היו מרובים, בעיקר מהפגזת מטוסיהם, שפגעו בשני בונקרים גדולים והפילו בשניהם כ־800 לוחמים. אבל הם לא הצליחו לעקור אותנו מתוך היערות.

לא שבעתי עדיין נקם

החלה הנסיגה הגדולה של הצבא הגרמני מעומקי רוסיה. קיבלנו פקודה לעקוב אחרי דרכי נסיגתם של האויבים, לחבל בהם ולרדפם. מילאנו פקודה זו בשמחה, על אף העייפות של שלוש שנות מלחמה בכוחות העולים עלינו בציוד ובתנאי החיים.

יום אחד נשלחתי לכיוון הכביש, למטרות עיקוב. עליתי על צמרת עץ גבוה והנה רואות עיני כוח צבאי עצום נע מצד ברנוביץ. לבי רעד משמחה: הנה־הנה יעלה צבא האויב על שדה־המוקשים הנרחב שזרענו למענו בהמשך הכביש. אך ככל שהמשכתי להסתכל במשקפת־השדה שלי, גברה תדהמתי: זה היה הצבא האדום, שנע בכוח גדול קדימה. בקפיצה גלשתי מהעץ, עליתי על הסוס ומיהרתי לקראת חיל החלוץ של הצבא המשחרר. בלי נשימה הגעתי לשורות הראשונות והודעתי לקצינים על המוקשים המחכים להם בדרך. הכוח הסובייטי נעצר, נשלחו מיד חבלנים לכיוון השטח הממוקש ואני מיהרתי על סוסי למחנה, אל המפקד העליון של הכוח הפרטיזני, כדי להודיעו על בואו של הצבא האדום, עם המארשל ז'וקוב בראש.

במשך שעה הוכנה יציאת הפרטיזנים מן היער לקבלת פני המשחררים. פגישת הגנראל שלנו עם המארשל ז'וקוב היתה מלאה התרגשות ומרנינה לב. מפקדנו מסר לו דו"ח על פעולות הפרטיזנקה, ובין היתר סיפר גם עלי ועל מעשי גבורתי כחבלן בכבישים ובמסילת הברזל. נקראתי אחרי זה אל המארשל, וכשנשאלתי, מה רצוני עכשיו, אחרי השחרור, עניתי: „רק דבר אחד רוצה אני, — נקמה באויב הנאצי". הובטח לי, לפי בקשתי, שיעמידוני בראש מחנה קצינים גרמניים שבויים.

חזרתי לעירי החרבה, לסלונים. בדרך מתחנת הרכבת מיהרתי אל ביקתת מצילי הפולני, אך מצאתיה ריקה. שכנים סיפרו לי, כי צעירה פולנית הלשינה לגרמנים על הפולני, שהסתירני והביאני לפרטיזנים. הנאצים תפסו אותו ותלוהו בככר העיר. חיפשתי את המלשינה המתועבת, אך לא מצאתיה. שם רצתי לחצר מנסרת יזירסקי, הוצאתי מביתו את השומר ועל מסרו את אמי לידי הגרמנים תקעתי בו כמה כדורים.

שהיתי כמה ימים בסלונים, עד שנקראתי לקמיניץ־ליטובסק, לפקד על מחנה השבויים של הקצינים הנאציים. לא אספר, כיצד נקמתי בהם, בשחצנים הללו, את נקמת הורי וכל עמי. השפלתי אותם עד עפר. כשהעבירו אותם לפנים רוסיה, עזבתי את בילורוסיה החרבה והגעתי ללודז. עד 1949 עבדתי בשירותי הבטחון, אחרי זה הייתי 8 שנים צלם־עתונאי. באוגוסט 1957 הגעתי ארצה.

ישראל טשערניכאָווסקי

אונזער בריגאַדע האָט באַפרייט די טויטע שטאָט סלאָנים

איך אַליין בין געווען אַ פּאָלאַנקער תושב, אָבער כ'קען גוט סלאָנים — געהאַט דאָרטן פיר ברידער, די שחיטות האָב איך דורכגעלעבט אין פּאָלאַנקע, דאָרטן האָב איך פאַרלוירן מיין גאַנצע משפחה — מיין פרוי און פינף קינדער. דאַן בין איך אַוועק אין וואַלד.

אין דער פאַרטיזאַנקע בין איך געווען אין דער בריגאַדע פון ראָקאָסאָווסקי, אין דעם אָטריאַד „דזערזשינסקי". אונזער בריגאַדע האָט פאַרנומען סלאָנים און מיר זיינען די ערשטע אַריין אין שטאָט. די שטאָט איז געווען גאַנץ ליידיק — אַלע גויים זיינען זיך צעלאָפן, און קיין אידן זיינען ניט געווען. אונזערע פאַרטיזאַנער האָבן אָנגעהויבן זוכן דייטשן און געפונען זייער אַ סך, געהרגעט פון זיי צענדליקער, אויפגעוואָרפן אַ הויכן בערגל פון דייטשע טויטע. אויפן צווייטן טאָג האָבן די פאַרטיזאַנער געכאַפּט 3 דייטשע אָפיצירן, האָט מען זיי אויפגעהאָנגען אויפן מאַרק — זיי זיינען געהאָנגען אַ פּאָר טעג, ביז זיי זיינען געשוואָלן געוואָרן.

די שטאָט האָט נאָך אַלץ געברענט. די דייטשן זיינען אַנטלאָפן דורך רוזשנויער גאַס, און אַנטלויפנדיק האָבן זיי געוואָרפן צינדבאָמבעס אויף דער שטאָט און זי אָנגעצונדן. מיר, די פאַרטיזאַנער, זיינען געקומען פון דערעוויאַנטשיצער געגנט.

מיר האָבן געוווינט אין סלאָנים אויפן שולהויף, אין אַווערבוך'ס הויז, אין דער הויך. אין אונטערשטן שטאָק האָבן דאַן געוווינט באַאַמטע פון „זאַגאָט־זיערנא". אין דער גרויסער שול און אין דער ציוניסטישער שול זיינען געווען תבואה־שפייכלערס. שפּעטער זיינען מיר אַריבער אין אַן אַנדער וווינונג — אין מויער, פאַר יעזערסקעס שטוב. פּוסטע הייזער זיינען געווען אין סלאָנים אַ סך. מיר האָבן געקענט פאַרנעמען, וואָס מיר האָבן געוואָלט. אויף בריקער גאַס איז געבליבן עפּשטיינס באָד און אויך די מיל און ס'זיינען נאָך געווען גאַנץ אייניקע הייזער העכער אויף בריקער גאַס.

ראש השנה 1944 האָבן מיר געדאַוונט ביי זיאַמע אָסטראָווסקין אין שטוב, אויף זשאַבינקע. פסח 1945 האָבן מיר געבאַקט מצות אין דעם זעלבן הויז, געבאַקט פאַר אַלעמען. פאַר די קינדער האָט מען געבאַקט אייער־מצות. אַ רוסישער איד איז געווען דער לייטער פון אַלע טאַרטאַקן, ער האָט יום־טוב געדאַוונט ביים עמוד אין שול.

ווייזט אויס אַז ביז איצטער געפינען זיך נאָך אין סלאָנים: חאָמסקי, אַ לינקער סאָציאַליסט, וואָס איז יאָרן־לאַנג געזעסן אין טורמע; זניידין — געווען אַמאָל אַ סטאָליאַר, קלעצקי מאָטל — אַ שניידער. צוזאַמען זיינען דאַן געווען ביז 30 אידן, אָבער געבליבן זיינען פיל וויניקער. אַ הייסע פריינטשאַפט האָט געהערשט צווישן דעם ביסל לעבנגעבליבענע סלאָנימער אידן.

טשערניכאָווסקיס פרוי גיט צו:

ענדע זומער 1944 זיינען מיר אָנגעקומען קיין סלאָנים און ניט געטראָפן דאָרטן קיין איינציקן אידן. שפּעטער, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ ביסל אידן: קלעצקין מאָטל (געבליבן אין סלאָנים), מאָשקאָווסקי שבתאי מיט דער פרוי, אַרטשיק באַנדט, אַלפּערט מיט דער פרוי און קינדער, די פרוי פּעשקין (איר מאַן משה פּעשקין איז געקומען שפּעטער, ווייל ער איז געווען מאָבילזירט ביי די רוסן), דאָקטאָרטשיק מיט זיין פרוי גאָלדע, משה באַלאַבאַן, אהרן יאָסילעוויטש. מיר האָבן געוווינט אויף שולהויף, אין אַווערבוך'ס הויז. מיר זיינען געבליבן אין סלאָנים ביז 1946, ניט געליטן ניט פון די אַרומיקע גויים, ניט פון דער מאַכט, געלעבט רואיק אין דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט, ביז מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרלאָזן און קומען אַהער, אין אידישן לאַנד.

קלמן ליכטנשטיין

פון סלאנימער געטא - קיין ביאליסטאק

סלאָנים און סלאָנימער אין דער ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד־ און אומקום־ליטעראַטור

איינער פון די הויפט־מיטלען, מיט וועלכע די נאַציס האָבן זיך באַנוצט ביים אויספירן זייערע טייוולאָנישע פלענער פון אידן־פאַרניכטונג, איז געווען די איזאָלירונג פון די אידישע ישובים איינער פון אַנדערן. אָפשניידן איין קהילה פון דער צווייטער; אַרומרינגלען די געטאָס ניט נאָר מיט דראָטן, נאָר אויך מיט אַ מין כינעזישע וואַנט, וואָס דערלאָזט ניט קיין קאָנטאַקט צווישן זיי; האַלטן זיי אין כסדר׳דיקער פול־שטענדיקער אונוויסנהייט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אין דער נאָנטער אידישער שטאָט, — אָט דאָס איז געווען איינער פון די „סטראַטעגישע" מאַנעוורען אויפן וועג צו דער פול־קאָמענער אויסראָטונג.

אויך סלאָנים איז פון ערשטן טאָג אָן פון דער אָקופּאַציע געוואָרן אָפּגעשניטן פון אַלע גרעסערע און קלענערע, נענ־טערע און ווייטערע ישובים. וועגן קאָנטאַקטן מיט וואַרשע, לאָדז און אַנדערע פויליש־אידישע שטעט, מיט וועלכע סלאָנים איז אַזוי געווען פאַרבונדן פאַר דער מלחמה, — האָט מען ניט געקענט טראַכטן. נאָר דורך אַ צופאַל פלעגט מען אַמאָל באַקומען פון דאָרטן אַ ידיעה. נאָר אפילו מיט אַזעלכע נאָנטע און אייגענע שטעט, ווי ווילנע, ביאַליסטאָק, בריסק, גראָדנע, איז ניט געווען קיין פאַרבינדונג. די איינצלנע מענטשן, וואָס פלעגן זיך דורכרייסן מיט סכנת־נפשות פון געטאָ אַהין, — זיינען געווען די איינציקע פאַרבינדונג־פאַקטאָרן. אפילו קאָנ־טאַקטן מיט די גאָר־נאָנטע באַראַנאָוויטש, וואָלקאָוויסק, לידע, נאָוואָגרודעק, — זיינען געווען אָפגעריסענע, אָפגעהאַקטע. יעדער געטאָ איז געווען אַזוי ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג, און יעדער יודנראַט האָט געווירקט, אַזוי ווי אויף אַ אינזל, אויף זיין אייגענעם געוויסן און אחריות, אָן קיין שום אַלגעמיינער ליניע און ריכטונג.

סלאָנים איז נאָך בולט׳ער געוואָרן אָפגעשניטן צוליב דער נאָנטקייט פון „גרענעץ". ווי באַקאַנט, איז סלאָנים געוואָרן דורכן אָקופאַנט איינגעגלידערט אין דער „ווייסרוטענישער" רעפובליק, ווען מערב־גרעניץ איז געגאַנגען אויך פאַרביי דעם טייכל זעלוויאַנקע, ביי זעלווע. זעלווע און רוזשנוי זיינען שוין געווען אויף יענער זייט „גרענעץ". וואָלקאָוויסק און גראָדנע מיט זייערע געביטן האָבן געהערט צו דעם אַזוי־גערופענעם „ביאַליסטאָקער באַצירק", וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט מזרח־פרייסן, און האָט געהערט פאָרמעל צום רייך. סלאָנים איז אַלזאָ געוואָרן גאָר־נאָנט צו דער „דייטשער גרעניץ". גענוג צו זאָגן, אַז בראש פון „ביאַליסטאָקער באַ־צירק" איז פון יולי 1941 אָן, ד. ה. גלייך פון אָנהויב פון דער אָקופאַציע, געווען דער „גאַולייטער" (נאַצישער גובערנאַטאָר) פון אָסט־פרייסן עריך קאָך, וועמענס געביט האָט אַלזאָ דער־גרייכט אַזש ביז זעלווע און רוזשנוי צו מזרח, אין דער צייט, ווען דער סלאָנימער „געביטסקאָמיסאַר" איז געווען אָפּהענגיק פון מינסקער לאַנדעס־קאָמיסאַר פאַר ווייס־רוסלאַנד קאָבע. אָט די צעשניידונג פון אומגעגנט האָט נאָך מערער איזאָלירט די סלאָנימער אידן פון די אַרומיקע ישובים, בפרט אַז צו די אידן פון „ביאַליסטאָקער באַצירק" איז, לויט אַ באַשלוס פון דעם „רייכסזיכערהייטסהויפטאַמט", געווען צוגעפאַסט אַן אַנ־דער פאָליטיק, ווי צו די אידן פון ווייסרוסלאַנד און מיט דעם דערקלערט זיך אויך, וואָס אין זעלווע און רוזשנוי זיינען ניט פאָרגעקומען קיין שחיטות אויפן אָרט. נאָר ענדע 1942 איז גע־קומען דער גירוש אין די וואָלקאָווסקער בונקערס, און פון דאָרטן, אָנהויב 1943, — קיין טרעבלינקע און אוישוויץ.

ניט געקוקט אויף די לעבנסגעפערלעכע שוועריקייטן, האָבן דאָך די געטאָס אָדער איינצלנע אידן געפרוווט אָנהאַלטן ידיעות און אָנקניפן קאָנטאַקטן מיט די נאָנטע געטאָס. איבער־הויפט איז דאָס חל אויף די אונטערגרונט־באַוועגונגען. אויך סלאָנימער געטאָ און סלאָנימער אונטערגרונט זיינען ניט אָפ־געשטאַנען אין דער הינזיכט. די ידיעות־און מענטשן־באַוועגונג פלעגט זיך נאָך פאַרשטאַרקן ערב־ און נאָך־„אַקציעס". איבער־הויפט האָט מען בעת די אַקציעס געפרוווט זיך ראַטעווען דורך לויפן קיין מערב, אין ביאַליסטאָקער באַצירק, ווו קיין שחיטות זיינען נאָך ניט פאָרגעקומען.

די ליטעראַטור וועגן ביאַליסטאָקער געטאָ און אויפשטאַנד פאַרמאָגט פיל ידיעות וועגן סלאָנים און סלאָנימער. די ידיעות וועלכע מיר ברענגען דאָ זיינען גענומען פון די ווערק פון בערל מאַרק: „דער אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ" און פון רפאל רייזנער: „דער אומקום פון ביאַליסטאָקער אידנטום".

אַ סעריע ידיעות דערציילן וועגן דער קאָלאָסאַלער וויר־קונג פון די סלאָנימער שחיטות אויף דער שטימונג און האַל־טונג פון די ביאַליסטאָקער אידן. דער ערשטער און וויכ־טיקסטער ווידערשטאַנד־אַקט אין ביאַליסטאָק איז פאָרגעקומען אונטער דעם דירעקטן אימפולס פון אַ סלאָנימער אַקציע. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט נאָכצופאָלגן, ווי אַזוי ס׳זיינען דערגאַנגען

אין ביאַליסטאָק די ידיעות וועגן סלאָנים. אַ באַזונדערן אינטערעס האָבן די געהיימע פאַרבינדונגען צווישן די סלאָנימער און ביאַליסטאָקער אונטערגרונט־באַוועגונגען, ווי אויך דאָס אָנקומען פון סלאָנים פון געוויסע מיטגלידער פון „השומר הצעיר". דאָס באַווייזן זיך פון סלאָנימער פליטים אין ביאַליסטאָקער געטאָ, נאָך דער אַקציע פון יוני־יולי 1942, געפינט אויך זיינע אָפּקלאַנגען אין די ביכער. און פון אַ גאָר באַזונדערן אינטערעס איז דער אָנטייל פון סלאָנימער יוגנט אין ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד און אין די פּאַרטיזאַנער־גרופּן אין די ביאַליסטאָקער וועלדער.

יצחק מאלמעד: „פאַר מיינע אויגן האָט איר אין סלאָנים דערמאָרדעט 10 טויזנט אידן"

ווי באַקאַנט, זיינען אין סלאָנים אומגעקומען טויזנטער פליטים פון ווייט און פון נאָנט. אין דער אַקציע פון 14־טן נאָוועמבער איז אומגעקומען אַ פליטים־פאַמיליע מאַלמעד, אָפּשטאַמיקע פון בריסק און געקומען קיין סלאָנים פון ביאַליסטאָק. אַ זון פון דער פאַמיליע, יצחק, וועלכער איז דאָרטן געווען מיט זיינע עלטערן און מיט זיין פרוי און 2 קינדער, איז, ווייזט־אויס, געווען אין טשעפּעלעווע און האָט זיך געראַטעוועט פון די גריבער. און אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די סלאָנימער טראַגעדיע אין ביאַליסטאָק. וועגן דעם דערציילט מאַרק:

„דער ערשטער שטאַרקער העלדישער אַקט פון ווידערשטאַנד איז געווען דער גבורה־אויפטו פון אידישן פאָלקסמענטש יצחק מאַלמעד. יצחק מאַלמעד, אַ געבוירענער אין יאָר 1903 אין בריסק. פאַר דער מלחמה אַ פאַרבער־אַרבעטער אין ביאַליסטאָק, איז די ערשטע מלחמה־צייט פאַרוואָגלט געוואָרן קיין סלאָנים און האָט דאָרטן איבערגעלעבט צוויי שוידערלעכע שחיטות. פאַר זיינע אויגן דערמאָרדעט געוואָרן זיינע עלטערן און די פרוי מיט 2 קינדער. אין ביאַליסטאָק, נאָכן אַנטלויפן אַהין, האָט ער געאַרבעט אין דער פאַבריק פון דייטש מילער, אין דער סעקציע פון קאַמען־פּראָדוקציע. אויף מילערס פאַבריק איז געווען טעטיק אַ שטאַרקער קרייז פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע... אין מאַלמעדס באַנעמונג האָט מען געפילט, ווי עס ווערט רייף ביי אים אַ דעציזיע פון מעשים... און פון ווערטער איז מען טאָקע אַריבער צו מעשים. די אַרבעטער האָבן גענומען זאַמלען זאַלץ־זויער. דאָס לעצטע מאָל ערב די פעברואַר־געשעענישן (געמיינט דעם גירוש־ביאַליסטאָק אין פעברואַר 1943. — ק. ל.) האָט מאַלמעד גענומען זאַלץ־זויער אין פאַרבערס סמאַרע־פאַבריק אויף יוראָווצער גאַס, אינאיינעם מיט נאָך אידן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט גיין ווי שאָף צו דער שחיטה... געשען איז דאָס באַלד דעם 1־טן טאָג פון דער אַקציע (5־טן פעברואַר 1943). מאַלמעד האָט געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט געשיצט דאָס הויז אויף קופּעצקאַ 29. ווען די ס. ס. לייט און די אידישע פּאָליציאַנטן זיינען אַריין אין די קאָרידאָרן, האָבן זיך די אידן אַקעגנגעשטעלט. אין דער ערשטער ריי איז געשטאַנען מאַלמעד. ער האָט אויסגעצויגן די הענט מיט דער פלאַש און באַגאָסן דעם נאָנטסטן דייטש מיט וויטריאָל. יענער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם רעוואָלווער. אָבער, משוגע פון ווייטאָק און בלינד, האָט ער, אויסשיסנדיק, געטראָפן אַן אייגענעם דייטשן פּאָליציי־באַאַמטן, וועלכער איז געפאַלן אַ דערשאָסענער... ווי עס גיבן איבער אַנדערע, זאָל מאַלמעד האָבן אַרויסגעריסן ביים באַגאָסענעם דייטש דעם שפּייער און אַליין געשאָסן צום אָפיציר און אים אַוועקגעלייגט. מאַלמעד איז אין דער מהומה אַנטלאָפן... אין געסטאַפּאָ איז גלייך אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ באַראַטונג, און נאַכהער האָט מען געמאָלדן דעם יודנראַט, אַז אויב ער וועט אין משך פון 8 ביז 10 שעה ניט צושטעלן דעם אַטענטאַט־אויספירער, וועלן הונדערט ערוב'ניקעס ווערן דערשאָסן. צוויי אַ זייגער בייטאָג האָבן די נאַצישע רוצחים געכאַפּט אָן אַ חקירה ודרישה צופעליקע הונדערט אידן און זיי אויסגעמאָרדעט. שבת, 6־טן פעברואַר, איז אויסגעהאָנגען געוואָרן אַ מעלדונג, אַז פאַר מאַלמעדס קאָפּ ווערט געגעבן דער פרייז פון 10 טויזנט מאַרק. דאָס געטאָ האָט פאַרביסן געשוויגן, קיינער האָט דעם נקמה־נעמער ניט אַרויסגעגעבן. די געסטאַפּאָ האָט אַריינגעשיקט איר אידישן שפּיאָן, יודקאָווסקי'ן, אַ סלאָנימער פליט, כדי צו זוכן מאַלמעדס שפּורן. די געסטאַפּאָ האָט געדראָט מיט אַ פיל־פאַכיקער גרעסערער שחיטה ווי דאָס אויסשיסן די 100 ערוב'ניקעס. זי האָט דערקלערט, אַז 5000 אידן וועלן מיט זייער קאָפּ באַצאָלן פאַרן אַקט פון יחיד. אידישע לעבן־געבליבענע עדי־ראיה דערציילן, אַז דעמאָלט האָט זיך מאַלמעד דעצידירט און זיך איבערגעגעבן אין די הענט פון די רוצחים. אָבער דייטשע עדות (פריץ פרידל, דער געסטאַפּאָ־שעף פון געטאָ) דערציילן, אַז מאַלמעדן האָט אַרויסגעגעבן דער אידישער מסור, וועמען מען האָט נאַכהער אַרויסגעצאָלט די פּרעמיע.

„אויף צומאָרגנס, זונטיק 7־טן פעברואַר, האָט דער געסטאַפּאָ שטאַנד־געריכט געמשפּט מאַלמעדן. די געסטאַפּאָ־גדולים האָבן געווידמעט דעם טאָג אויף אויסצופאָרשן דעם געפאַנגענעם העלד.

— „פאַרוואָס האָסטו געהרג'עט אַ דייטש? — האָבן זיי געפרעגט.

מאַלמעד האָט געגעבן אַ פעסטן און שטאָלצן ענטפער:

— „איך האָב אייך פיינט! איך באַדויער, וואָס איך האָב דערהרג'עט בלויז איינעם, פאַר מיינע אויגן זיינען געפאַלן מיינע עלטערן פאַר מיינע אויגן האָט איר אין סלאָנים דערמאָרדעט 10 טויזנט אידן. איך האָב ניט קיין חרטה". —

דער שטאַנד־געריכט האָט אַרויסגעגעבן דעם אורטייל: טויט דורך הענגען.

אויף צומאָרגנס, מאָנטיק, 8־טן פעברואַר, 8 אינדערפרי, איז שוין געשטאַנען די תליה, גרייט פאַר דעם הויז קופּיעצקי 28. אין געטאָ האָבן אַריינמאַרשירט דייטשע זשאַנדאַרן, שוץ־פּאָליציאַנטן, געסטאַפּאָ־לייט, קריפּא (קרימינאַל־פּאָליציי). אַ האַלבע שעה צייט האָט דער פאַרמשפּט'ער געמוזט שטיין פאַר דער תליה און וואַרטן אויפן אָנקום פון די געסטאַפּאָ־גדולים. די דייטשן האָבן דערווייל געשלאָגן מאַלמעדן מכות־רצח, ער האָט זיך אָבער געהאַלטן ווירדיק. רואיק איז ער געגאַנגען צום טויט. 2 מאָל האָט מען אים געהאַנגען. דעם 1־טן מאָל האָט זיך דאָס שטריקל אָפּגעריסן. ער האָט נאָך באַוויזן אויסצורופן: „איר, דייטשע מערדער! איר וועט דעם קריג פאַרלירן! נידער מיט היטלערן!" — אין דער לעצטער מינוט האָט ער אָנגעשפּיגן דעם תליין אין פּנים. ווען דער שלייף איז שוין

אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן האַלז, האָט מאַלמעד אויסגע־רופן מיטן לעצטן כוח אויפן קול, אַז די גאַנצע גאַס האָט געהערט: „באַנדיטן! איר וועט באַצאָלן פאַר דעם. אייער סוף איז שוין נאָנט!״ —

דער אַקט פון מאַלמעד האָט געמאַכט אַזאַ רושם, אַז „פון די פעברואַר 1943 געשעענישן אין ביאַליסטאָק איז באַוווּסט בעיקר דער העלדישער אַקט פון יצחק מאַלמעד״. און מאַרק גיט־צו: „דער איינדרוק איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. אין משך פון 3 טעג האָבן זיך איבערגעחזרט געהיימע מאַניפעסטאַציעס אין שכנות פון דער תליה... דער העלדישער אַקט פון יצחק מאַלמעד האָט געהאַט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג צווישן די ווידער־שפעניקע עלעמענטן פון געטאָ. דער ביישפּיל פון יצחק מאַלמעד האָט מיטגעריסן נאָך אַנדערע און געשטויסן צו אַ ריי ווידערשטאַנד־אַקטן. דעם מסור יודקאָווסקי האָט ניט אויסגע־מיטן דער מדת־הדין פון דער אידישער נקמה. אין אַ צייט שפּעטער האָבן די אידישע נקמה־נעמער אויסגעפירט אַ טויט־אורטייל איבערן העסלעכן מנוול״.

אויך רייזנער דערציילט וועגן מאַלמעד־אַקט, און זייערע ווערסיעס שטימען אין אַלע הינזיכטן.

פון דעם זעען מיר, ווי די סלאָנימער אַקציע האָט אַרויס־גערופן דירעקט צו העלדישע מעשים, און לויט די עדות, האָט דער אַקט פון מאַלמעד געדינט אויך אַלס סטימול פאַר ווייטערדיקע העלדישקייטן און אפילו פאַרן ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד.

פרעגט זיך, ווען איז מאַלמעד אַנטלאָפן פון סלאָנים? — פון זיינע ווערטער ביי דער אויספאָרשונג איז קלאָר, אַז ער איז ביי געווען די אַקציע פון טשעפּעלעווע („פאַר מיינע אויגן האָט איר אין סלאָנים דערמאָרדעט 10 טויזנט אידן!״). — אמת, פון סלאָנימער געראַטעוועטע האָבן מיר ניט געהערט, אַז צווישן די אַנטרונענע פון די טשעפּעלעווער גריבער איז אויך געווען אַ געוויסער פּליט מאַלמעד. אָבער, ווי ס׳ווייזט־אויס, איז מאַלמעד, אַלס פּליט פון ביאַליסטאָק און נאָכדעם ווי ער האָט אַלעמען פאַרלאָרן, געלאָפן ביינאַכט פון טשעפּעלעווע אויף מערב, קיין ביאַליסטאָק, און דעריבער האָט מען אין סלאָנים ניט געוווּסט פון אים.

קאָנטאַקטן צווישן דער סלאָנימער און ביאַליסטאָקער אונטערגרונט־באַוועגונג

פון די סלאָנימער לעבן־געבליבענע פאַרטיזאַנער איז אונז ווייניק־וואָס באַקאַנט וועגן קאָנטאַקטן צווישן דער סלאָנימער געהיימער באַוועגונג מיט די פירער פון ביאַליסטאָקער אונ־טערגרונט. וועגן אַזעלכע באַציאונגען דערוויסן מיר זיך איצט פון מאַרקס בוך:

„צוגלייך מיט די פאַרטיזאַנער־מחנות אין די וועלדער אין 1941, זיינען געשאַפן געוואָרן אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין די שטעט. אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז אַנטשטאַנען, צ.וו.א.נד. אויך אין סלאָנים. די צילן זיינען געווען: אָרגאַניזירן פאָלקס־מאַסן; זאַמלען געווער און מעדיקאַמענטן; העלפן דער פאַר־טיזאַנער־באַוועגונג״. —

און ווייטער לייענען מיר: „אויף קופּעצקאַ גאַס אין ביאַליסטאָק, אין וווינונג פון יוסף דרייער, איז געווען דער טרעף־פונקט פאַר די אָנפירער פון דער אונטערערדישער באַוועגונג פון דער אַרומיקער פּראָווינץ. יוסף דרייער איז געווען דער, וואָס האָט געהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די חברים פון גראָדנע, און אפילו פון ווייטן סלאָנים...״ —

אויף אַזוי־פיל איז געווען די פאַרבינדונג אַ שנעלע, אַז פון סלאָנים האָט מען באַוויזן צו מעלדן קיין ביאַליסטאָק, אַז ס׳גרייט זיך אַ נייע שחיטה. „די אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָק האָט זיך באַמיט צו געפינען אַן עצה. אַן אויסוועג פאַר באַ־דראָטע אידן פון אַנדערע שטעט. פון סלאָנים, ערב דער שוידערלעכער שחיטה (אין זומער 1942. — ק. ל.) האָט דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט באַקומען אַ ידיעה פון דעם חבר סאַנע ראָזענבלום, אַז עס איז שלעכט. דער קאָמיטעט האָט תיכף־געשיקט צו די סלאָנימער חברים אַ בריוו מיט אַן אָנווײַ־זונג: „רייסט זיך אַדורך קיין ביאַליסטאָק. נעמט מיט זיך וואָס מער אידן״. — אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

וועגן די ערשטע פאַרטיזאַנער־קאַמפן אַרום סלאָנים האָט מען זיך דערוווּסט אין דער וועלט גאַנץ פרי. „דעם 9־טן סעפּ־טעמבער 1941 האָט מיטגעטיילט די סאָוועטישע „אינפאָרמ־ביוראָ״ וועגן שטאַרקע קאַמפן פון די פאַרטיזאַנער אין באַראַ־נאָוויטשער־סלאָנימער געגנט״. —

פון סלאָנימער „השומר הצעיר״ — אין ביאַליסטאָקער זעלבסטשוץ

נאָך דער נאָוועמבער־שחיטה זיינען אָנגעקומען אין ביאַ־ליסטאָק איינציקע מיטגלידער פון סלאָנימער „השומר הצעיר״, וועלכע זיינען צוגעשטאַנען צו דער ביאַליסטאָקער אונטער־גרונט: „שומרים״ האָבן זיך געיאַוועט אין ביאַליסטאָקער געטאָ סוף 1941. דאַן קומט אָן קיין ביאַליסטאָק די ערשטע גרופּע שומרים פון ווילנע, גראָדנע און סלאָנים, ווו די לאַגע פאַר די אידן איז שוין דאַמאָלט געווען סכנת־נפשות׳דיק.

איינער פון זיי, זרח זיסקינד־זילבערבערג. אַ פּליט פון קאַליש אין סלאָנים, האָט איבערגעלעבט דעם 14־טן נאָוועמ־בער. נאָכהער איז ער אַריבער קיין ווילנע און ענדע 1941 אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. ער איז, אַזוי ווי יצחק מאַלמעד, געווען אונטערן גוואַלדיקן רושם פון דער סלאָנימער שחיטה. און האָט זיך זייער אויסגעצייכנט אין דער ביאַליסטאָקער זעלבסטשוץ, לויט ווי ס׳ווערט דערציילט ביי מאַרקן, די גביית־עדות פון חיה גראָסמאַן:

„זרח זיסקינד־זילבערבערג, מיטגליד פון „השומר הצעיר״, אַ געבוירענער אין קאַליש, אין 1916. אַ מענטש מיט אַ שפּרודל־דיקער ענערגיע, איז ער געווען איינער פון די קעמפער פאַרן ווידערשטאַנד־געדאַנק. קיין ביאַליסטאָק איז ער אָנגעקומען אַ דורכגענומענער מיט גרויל און מיט נקמה־לעכצונג, נאָך דעם ווי ער איז געווען אַ דירעקטער עדות פון די שוידערלעכע שחיטות אין סלאָנים און אין ווילנע. ער איז געקומען אין ביאַליסטאָק פון ווילנע ענדע 1941... ער איז געווען איינער פון די דריי קאָמענדאַנטן פון שטאַב פון זעלבסט־שוץ... האָט געהאָלפן ביים באַאַרבעטן די פּלענער פון קאַמף אַרויסטריטן. אין פאַראייניקטן זעלבסטשוץ האָט ער פאַרטראָטן דעם „השומר הצעיר״ צוזאַמען מיט חיה גראָסמאַן... אין טאָג פון אויפ־שטאַנד, 16 אויגוסט 1943 איז ער געווען אין טייל פון שטאַב, וואָס איז געבליבן אין עוואַקואירטן געטאָ; ער איז געווען

בײַ דער שלאַכט אויף סמאָלנע גאַס; אין דער שלאַכט אינם יודנראַט־גאָרטן... ער האָט אָנגעפירט מיט אַ גרופּע, װעלכע האָט זיך אַרײַנגעריסן אין דער דײַטשער מעטאַל־פאַבריק האַנס אָטאָ באַלט, און זיך דאָרט פאַרבאַריקאַדירט... נאָכהער געװען צװישן די 70, װאָס האָבן זיך צוריקגעצויגן אין בונקער אויף כמעלניע־געסל. און דאָרטן אומגעקומען דעם 19־טן אויגוסט...״

די סלאָנימער מיידל סאָניאַ שמידט — קאָמאַנדיר פון געטאָ זעלבסטשוץ

אַ חוץ מאַלמעדן און זיסקינד־זילבערבערג, װעלכע זײַנען נאָר געװען פּליטים אין סלאָנים און זײַנען געװען אַזוי באַהערשט פון די גרויל־איבערלעבעניש פון סלאָנימער 14־טן נאָװעמבער, — האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ רייע סלאָנימער יוגנטלעכע מיט העלדישע מעשים אין ביאַליסטאָקער אויפשטאַנד און אין די פּאַרטיזאַנער. בערל מאַרק דערציילט:

„די סלאָנימער מיידל סאָניע שמידט (טאָכטער פון אַפּטייק־סקלאַד־אינהאַבער) איז אין די לעצטע קאַמפן פון אויפשטאַנד געװען קאָמאַנדיר פון געטאָ־זעלבסטשוץ און דאָרטן געפאַלן: „אין קליינעם געטאָ״ (נאָכן ליקװידירן דעם געטאָ אין אויגוסט 1943) זײַנען אַריין די לעצט־געבליבענע פון דער זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע, די נשמה פון דעם טליענדן װידערשטאַנד זײַנען דאָ געװען... די שומרת סאָניע שמידט פון סלאָנים (און אַנדערע). אינאיינעם מיט זיי האָט זיך אויך געפונען... מרדכי יאַניש, אַן אַלטער פּאַרטיזאַן פון סלאָנים... דער קאָמאַנדיר סאָניע שמידט איז בראש פון אַ גרופּע אַרויס פון געטאָ, זיך דערקליבן צום װאַלד. אָבער אויפן װעג אַהין זײַנען די שרידים פון זעלבסטשוץ דערװישט געװאָרן פלוצים דורך אַ דײַטשער אָפּטיילונג. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ קורצע שלאַכט. בלויז 2 פון דער אידישער גרופּע זײַנען אַרויס גאַנץ. די לעצטע קאָמענדאַנטין פון ביאַליסטאָקער געטאָ־זעלבסטשוץ סאָניע שמידט איז געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט״ —

סלאָנימער יוגנט אין ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנקע

װעגן זעלבן מרדכי יאַניש װערט דאָרטן דערציילט:

„מרדכי יאַניש („מיעטעק״) איז געװען פון די אָנפירער פון אַ אונטערגרונט־קעמערל, װאָס האָט שוין עקזיסטירט אין די ערשטע חדשים פון 1942... גענומען אַן אָנטייל אין קאַמף אין יודנראַט־גאָרטן, דעם 16־טן אויגוסט 1943... געװען מיט סאָניע שמידט אין „קליינעם געטאָ״... גענומען אַן אָנטייל אין פּאַרטיזאַנער־שלאַכט בײַם טייך סופּראַסל״. —

װעגן די סלאָנימער פּאַרטיזאַנער יאַנקל גראַיעװער און גאָלדע קאַמענעצקי װערט דערמאָנט אין שייכות מיט אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע: „אין דער פּאַרטיזאַנישער גרופּע פון אליהו בוימאַץ, װאָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין ביאַליסטאָקער געגנט און אויך מיטן אָרגאַניזירן דעם בונט פון די אידן אין שטעטל סופּראַסל, זײַנען געװען, צװ. אַנד... גאָלדע קאַמענעצקי פון סלאָנים... און יאַנקל גראַיעװער (פּסעװדאָנים „יאַנעק״) פון סלאָנים, װעלכער איז געפאַלן אין קאַמף... אין יוני 1944 איז געקומען צו אַן ערנסטן צוזאַמענשטויס מיט אַ װלאַסאָװ־אָפּטיילונג אין דער ליפּיטשאַנער פּושטשע. דאָרטן איז געפאַלן מיט אַ העלדן טויט דער פּאַרטיזאַנער יאַנקל גראַיעװער״.

ליפּע מאָרדוכאָװיטש, װעלכער איז אַנטלאָפן נאָך יולי 1942 אין ביאַליסטאָק, האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין די פּאַרטיזאַנקע: „בײַ דער געטאָ־ליקװידאַציע זײַנען דורך אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע די „ביאַלע קאָזשוכי״ („די װײַסע פּעלצן״) אַרויסגעראַטעװעט געװאָרן פון ביאַליסטאָקער געטאָ פיל אידן. צװישן זיי ליפּע מאָרדוכאָװיטש (נאָכהער צוגעשטאַנען צו די פּאַרטיזאַנער), װעלכע זײַנען געלאָפן פון ברענענדיקן געטאָ, אָדער געשפּרונגען פון די צוגן״. —

און װי ס׳װײַזט זיך אַרויס, איז אַ סלאָנימער בחור געװען אויך צװישן די „ביאַלע קאָזשוכי״: „באָריס עפּשטיין פון סלאָנים איז געװען איינער פון 9 פערזאָן פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע א. נ. „ביאַלע קאָזשוכי״. דאָס זײַנען געװען מענטשן, װאָס זײַנען אַרויס דורך אייגענע װעגן פון ביאַליסטאָק און אַנדערע געטאָס און זיך אָרגאַניזירט אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָפּטייל. בעת דער געטאָ־ביאַליסטאָק־ליקװידאַציע האָבן זיי אויפגעשטעלט שטאַפּעטן לענג־אויס דעם שליאַך פון שטאָט אין װאַלד און געראַטעװעט אַ ביסל אידן (צװישן זיי אויך ליפּע מאָרדוכאָװיטש)״. —

װעגן העניעק װײַסענבערג (זון פון סלאָנימער בוכהאַלטער ליאָװע װײַסענבערג), װעלכער איז מיט זײַן מוטער אַנטלאָפן אין זומער 1942 קיין ביאַליסטאָק דערװיסן מיר זיך: דער 19־יאָריקער העניעק װײַסענבערג פון סלאָנים האָט אין די גרויליקע אויגוסט־טעג שוין געהאַט הינטער זיך אַ היבשע שלאַכט־דערפאַרונג פון װאַלד. װי אַ פּאַרטיזאַן האָט ער איינמאָל פאַרטריבן אַ גרופּע דײַטשן. אין די אויגוסט־טעג 1943, בעת דער געטאָ־ליקװידאַציע אין ביאַליסטאָק, האָט ער זיך געפונען אין געטאָ. ער האָט זיך געשטעלט צום קאַמף און זיך אויסגעצייכנט באַלד אין די ערשטע צוזאַמענשטויסן״. —

װעגן אַ געװיסן אַבראַמאָװיטש פון סלאָנים (זײַן פאָרנאָמען און אַנדערע פּרטים װעגן זײַן פּערזאָן פעלן אונז), װעלכער איז געפאַלן אין ביאַליסטאָקער תפיסה, דערציילט אונז רייזנער: „אין ביאַליסטאָקער תפיסה זײַנען געװען אַ גרופּע פון 40 אידן, װעלכע האָבן נאָך ביז יולי 1944 געאַרבעט בײַם אויסגראָבן און פאַרברענען הרוגים אַרום ביאַליסטאָק. 15־טן יולי 1944 האָט מען אויך זיי געװאָלט ליקװידירן, זײַנען זיי אַנטלאָפן. די דײַטשן האָבן געשאָסן, און נאָר 9 זײַנען געראַטעװעט געװאָרן. צװישן די געהרג׳עטע פון די 40, איז געװען אויך אַבראַמאָװיטש פון סלאָנים״ (פאָרנאָמען ניט אָנגעגעבן. — ק. ל.).

שטאָלענע קאַסקעס אויף די קעפּ. קוקנדיק אויף זייערע פּנימער האָט מען קיין גוטס ניט פאָרויסגעזען. דאָך האָט זיך אויך פאַרגנבעט אין האַרצן אַ פאַרבאָרגענע האָפענונג, אַז אפשר וועט דאָס זיין היטלערס מפּלה.

די מעלדונג וועגן מאָביליזאַציע פון מענער האָט ניט פאַרשפּעטיקט צו קומען. אַלגעמיינע מעלדונגען זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דורך די הילכערס, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף פּלאַץ האַנדלאָווי און אין אַנדערע פאַרזאַמלונגס־ערטער. מיטאָק־צייט האָבן שוין פילע באַקומען פּערזענלעכע איינלאַדונגען זיך צו צושטעלן אין „סבאָרנעם פּונקט”, וואָס איז געווען ביים קסיאַנדז אויפן הויף.

אין די פאַרמיטאָג־שעהן האָט מען געהערט הילכיקע אויפרייסן און אַ געוויש פון אַן עראָפּלאַן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען באָמבאַרדירט דערעוויאַנטשיץ, דעם פלוגפּלאַץ וואָס די סאָוויעטן האָבן פאַרגרעסערט און צוגעפּאַסט פאַר גרויסע מיליטערישע פלי־מאַשינען. נאָכמיטאָג האָבן מיר געהערט דעם ערשטן אַלאַרם אין משך פון טאָג און אין איניקע מינוטן אַרום האָבן מיר שוין געפילט די אויפרייסן פון די באָמבעס, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן אויף דער אייזערנער בריק, אָבער האָבן ניט געטראָפן. מיר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, אין מיטלסטן צימער, מיינענדיק אַז דאָס איז דער זיכערסטער פּלאַץ. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט אַ שטילקייט געהערשט אין די גאַסן. איניקע מענטשן זיינען דורכגעלאָפן די גאַס, אַנדערע זיינען געשטאַנען פאַר זייערע הייזער און געכאַפּט אַ שמועס מיט די שכנים. אין אַ שעה אַרום האָט מען שוין געכאַפּט אַ דייטשן שפּיאָן, וואָס האָט שפּאַצירט אין די גאַסן מיט רוסישע דאָקומענטן אין קעשענע. לויטן פּנים און אַקצענט האָט אים אַ אידישער בחור, אַן אַנטלאָפענער פון פּוילן, דערקענט אַלס דייטש און מודיע געווען דער פּאָליציי, וועלכע האָט אים גלייך פאַרהאַלטן און געפונען ביי אים געהיימע דאָקומענטן, פאַרבונדן מיט שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד.

די לאַגע אין שטאָט איז געווען אָנגעשטרענגט, און מענטשן, וואָס האָבן געוווינט נאָענט פון סטראַטעגישע פּלעצער, ווי די בריקן אָדער מיליטערישע אַנשטאַלטן, האָבן אָנגעהויבן זוכן ערטער ביי באַקאַנטע, כדי צייטווייליק זיין ביי זיי ביז וואַנען די לאַגע וועט זיך אַביסל אויפקלערן.

ניטאָ וווּהין צו לויפן

דער מאָרגנדיקער טאָג, דער 23־טער יוני, האָט קיין גוטע נייעס ניט געבראַכט, הגם דער ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן, אַז די רויטע אַרמיי איז אַריין אויף דער דייטשער טעריטאָריע אין דער טיף פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען לאַסט־אויטאָס מיט עוואַקואירטע סאָוויעטישע משפּחות און הויכע אָנגעשטעלטע פון ביאַליסטאָק און אומגעבונג, און אַלץ איז געפאָרן אין דער ריכטונג צו מזרח־זייט. אַ סך מענטשן אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן פּאַקן די פּעקלעך, כדי נאָכצופאָרן (אַז מ׳האָט געהאַט מיט וואָס) נאָך זיי, אָבער מיטאָג־צייט האָט מען שוין באַקומען גרוסן, אַז דער וועג קיין באַראַנאָוויטש און ווייטער ווערט באַשאָסן דורך דייטשישע דעסאַנטן און דורך זייערע אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן איבער די קעפּ און אומגעשטערט פריי באַשאָסן די אויטאָס מיט די פרויען, קינדער און איניקע מענער, וואָס האָבן זיך אויף זיי געפונען. מיט יעדער שעה איז די לאַגע אין שטאָט געוואָרן מער אָנגעשטרענגט. די באַוועגונג פון מיליטער איז געוואָרן גרעסער, פּאַנצער־אויטאָס און טאַנקען האָבן זיך געדרייט אין די גאַסן. מ׳האָט אויפגערופן די שילער פון די העכערע קלאַסן פון די גימנאַזיעס אין פּאַרטיי־קאָמיטעט, וווּ מען האָט זיי פאָרגעשטעלט די אָנגעשטרענגטע לאַגע, אונטערשטרייכנדיק אַז די גרעסטע פּאַניקע און שאָדן מאַכן אָן די דעסאַנטן, וואָס ווערן אַראָפּגעלאָזן פון אַעראָפּלאַנען אין דער אומגעבונג. מען האָט געשאַפן גרופּעס אונטערן אָנפירונג פון מיליטערלייט, וועלכע האָבן געדאַרפט זיך באַוואָפענען און אַרויספאָרן אויף די אָנגעוויזענע פּלעצער, כדי צו פירן אַ קאַמף מיט די דעסאַנטן, וואָס זיינען שוין אַרונטער און וואָס דאַרפן נאָך אַראָפּגעלאָזט ווערן. איניקע גרופּעס זיינען נאָך אַרויס דעם זעלבן טאָג, אָבער די מערהייט האָט שוין ניט באַוויזן עפּעס וואָס אויפצוטאָן. אין אָונט האָט מען שוין געהערט שיסערייען פון קאַנאָנען און מאַשין־געווער פון דער ריכטונג פון פּאַנעסוווער־גאַס.

מיר האָבן זיך אַריבערגעטראָגן צו אונזער פעטער יצחק שעפּעטינסקי ז״ל, אויף פּאַנעסוווע, קעגנאיבער דעם בית־יתומים, מיינענדיק אַז דאָרטן וועט זיין רואיקער, דאָך האָבן מיר אַ טעות געהאַט. הינטער דעם פעטערס הויז איז געווען אַ גרויסער פּרוכט־גאָרטן, דאָרטן זיינען מיר אַלע געלעגן אַ גאַנצע נאַכט, ווייל די שיסערייען זיינען געוואָרן אָפּטערע און איניקע קוילן האָבן אַריינגעדרונגען אין הויז. מיט אונז זיינען דאָרטן געווען נאָך צענדליקער מענטשן פון די שכנישע הייזער, און אַלע האָבן זיך איינגעטוליעט אין קאַלדרעס און געזעסן אָדער געלעגן הינטער די ביימער. די נאַכט האָט זיך לאַנג געצויגן, פון צייט צו צייט איז אַ קאַנאָנען־קויל מיט אַ פייפעריי דורכגעפלויגן איבער אונזערע קעפּ, אויפרייסנדיק אין די בערגלעך הינטערן שטאָט, ווו ס׳איז געשטאַנען פיל סאָוויעטישע מיליטער. ווען ס׳איז געקומען דער פרימאָרגן, האָבן מיר באַמערקט אַז אַ סך רוסישע זעלנער זיינען דאָ מיט אונז צוזאַמען אין גאָרטן. איניקע פון זיי, פאַרשוואַרצטע און אָפּגעריסענע, האָבן מיר געזען פון ווייטן גיין און לויפן מיט געווער און אָן געווער. זיי האָבן אונז געפרעגט, צי די דייטשן זיינען נאָך ניט אַריין אין שטאָט. זיי האָבן דערציילט, אַז די דייטשן שטייען הינטער דער שטאָט און אַז זייער גאַנצער פּאָלק איז געוואָרן צעטריבן. זיי האָבן אונז אויך געפרעגט ווו זיינען דאָ רוסישע אָפּטיילונגען, כדי זיי זאָלן זיך קענען צו זיי אָנשליסן. מיר האָבן זיי אָנגעוויזן די ריכטונג און פּלאַץ, אויף וויפל מיר האָבן עס געוווּסט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און דייטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן זיך נידעריק אַראָפּגעלאָזט איבער דער שטאָט און אָנגעהויבן וואַרפן צינד־באָמבעס אויף פּאַנעסוווער גאַס, קעגנאיבער די פייערלעשער. פון גורוויטשעס הויז און ווייטער צו פּאַראַדנע גאַס האָבן די הייזער אָנגעהויבן צו ברענען. די דייטשן האָבן באַשאָסן דעם שטח, מען זאָל ניט קענען צוקומען און לעשן. זיי האָבן אויך באַשאָסן די בערגלעך הינטער מיעטשטשאַנקע גאַס, ווו ס׳זיינען געשטאַנען סאָוויעטישע גרופּירונגען. די גאַסן זיינען געווען פּוסט פון מענטשן.

די דייטשן זיינען דאָ

דאַן האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַ טאַנק. אַ דייטשער טאַנק, מיט דער האַקנקרייץ־פאָן אויפן קאַנאָן, האָט זיך גערוקט לאַנגזאַם פאָרויס. אַן אָפיציר אין אַ שוואַרצן מונדיר איז געשטאַנען אין אויבערשטן טייל פון טאַנק, מיטן מאַשין־געווער גרייט צום שיסן. דער טאַנק האָט זיך באַוועגט דורך פאַנעסווער גאַס, אין דער ריכטונג פון צענטער שטאָט. נאָר איין־איינציקע קריסטין איז אַרויס זיי באַגעגענען מיט בלומען. זיי האָבן געוווינט אין סידעלניצקעס הויז. דער אָפיציר האָט איר געמאַכט אַ צייכן, זי זאָל די בלומען ניט וואַרפן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען דורכגעפאָרן צוויי מאָטאָציקלען באַוואָפנטע מיט מאַשין־געווער מיט 2 זעלנער אויף יעדן איינעם.

די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן. ווו ניט ווו האָט מען געהערט אייניקע שאָסן. סלאָנים איז שוין געווען אין די הענט פון די דייטשן. אין אייניקע שעה אַרום האָבן מענטשן אָנגעהויבן זיך באַוועגן פאָרזיכטיק אין די גאַסן. מיר זיינען געגאַנגען אַהיים. דורכגייענדיק פאַנעסווע האָבן מיר געזען, ווי ס'האָבן געברענט די מוירן און הייזער, און דער אויטאָ פון פּאָזשאַרנער קאָמאַנדע איז געשטאַנען מיט אייניקע פייערלעשער, אָבער די דייטשן האָבן זיי ניט דערלויבט לעשן.

אויף מאָסטאָווע גאַס איז געשטאַנען אַ דייטשער טאַנק פאַר דער בריק (אין ראָג פון אָפּעראָווע). די סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אַרום, כדי צו היטן אַז קיינער זאָל זיך ניט דערנענטערן צום אָרט, ווו דער טאַנק איז רעמאָנטירט געוואָרן דורך אַ מיליטערמאַן. דאָס זיינען אַלץ געווען „ווערמאַכט־סאָלדאַטן”, און קיין ספּעציעלע שנאה צו אידן האָבן זיי ניט אַרויסגעוויזן.

אין שטאָט האָט מען דערווייל אונטער דער אָנפירונג פון מיליטער, אָנגעהויבן דעמאָלירן און ראַבעווען די געשעפטן. די דייטשן האָבן מיט אַ קויל פון אַ פּיסטאָלעט אויפגעמאַכט די שלעסער, און נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, אַוועקנעמענדיק אַלס וואָס זיי האָבן געדאַרפט, האָבן ציווילע אַרויסגעטראָגן דאָס איבעריקע וואָס האָט זיך נאָר געלאָזט. די דייטשן האָבן בדרך כלל אַוועקגענומען זייף, פאַרפומען און צוקער. די מילן און מעל־שפּייכלערס זיינען אויך געוואָרן אויפגעריסן, אָבער ווייניקע האָבן געהאַט מוט אַריינצוגיין און נעמען וואָס עס איז, טראָץ דעם וואָס ברויט האָט אויסגעפעלט ביי אַ סך.

מאָרד און גזירות

אויף צומאָרגנס זיינען אַלע פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען געשלאָסן געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט, וועלכע איז שוין דערווייל אָנגעקומען אין שטאָט. די דייטשן האָבן געצוואונגען די באַפעלקערונג מען זאָל זיי באַגריסן. דעם ערשטן טאָג איז געשען אַ פאַל, אַז אַ מעשטשאַנין, אַ פּאָליאַק (געוווינט נעבן סטאַדיאָן) איז פאַרביי געגאַנגען נעבן צוויי דייטשן און זיך ניט געגריסט. די לעצטע האָבן אים גערופן אויף דייטש ער זאָל זיך אומקערן, אָבער דער קריסט, ניט פאַרשטייענדיק וואָס זיי ווילן פון אים, האָט אָנגעפאַנגען לויפן. איינער פון די דייטשן האָט אַרויסגענומען דעם פּיסטאָליעט און נאָך אייניקע שאָסן איז דער קריסט געפאַלן טויט. דאַן האָבן די צוויי ווייטער פאָרטגעזעצט רואיק זייער וועג.

עס זיינען געווען פיל פאַלן פון שלאָגן איינוווינער, ספּעציעל אידן, אייניקע פאַר ניט גריסן מיליטערלייט און אַנדערע וואָס האָבן זיי יאָ געגריסט. מיט יעדן טאָג איז אָנגעקומען מער מיליטער, וואָס זיינען געבליבן שטיין אין שטאָט. מיט זיי זיינען אָנגעקומען אויך דער געביטס קאָמיסאַריאַט און זשאַנדאַרמעריע, די פאָרשטייער פון היטלערס נאַצי־רעזשים, וואָס האָבן אויסגעפירט אַלע רוצחישע פאַרניכטונגס אַקציעס אויף די אידן און אַלע באַרבאַרישע געזעצן אַרויסגעגעבן.

די ערשטע געזעצן: אידן מוזן גיין נאָר אויפן ברוק, ניט אויפן טראָטואַר, אַראָפּנעמען דאָס היטל פאַר יעדן דייטש און אים באַגריסן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געענדערט דעם געזעץ: אידן האָבן געדאַרפט אַראָפּנעמען דאָס היטל, אָבער ניט באַגריסן, און די איבעריקע באַפעלקערונג זאָל זיי יאָ באַגריסן. דאַן: אָפּגעבן אַלע ראַדיאָס און ענלעכע מכשירים, אידן מוזן ברענגען צו רעגיסטראַציע אַלע קי און פערד, „כדי צו קענען באַקומען פאַר זיי שפּייז”. ווען מען האָט זיי געבראַכט האָט מען אַלץ אַוועקגענומען. צו די אַלע געזעצן איז געווען אונטערגעשטראָכן אַ וואָרנונג, אַז פאַר ניט אויספילן זיי דראָען שטרענגע שטראָפן, ביז טויט־שטראָף.

אין די ערשטע וואָכן פון זייער זיין אין שטאָט האָט פּאַסירט, אַז אַ דייטשער זעלנער איז ניט געקומען צו דער צייט אין זיין רעגימענט. די דייטשן האָבן פאַרנומען צענדליקער אידישע ערובניקעס, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט אין די גאַסן און אַרויסגענומען פון די הייזער, אַריינגעזעצט זיי אין סעמינאַר אויף 3־מאַי גאַס, האַלטנדיק פאַר זיי אַ רעדע, אַז מען וועט זיי אַלע אויסשיסן אויב מען וועט ניט אומקערן דעם זעלנער. מיט נאָך פאַרשידענע דראָונגען און פיזישע שטראָפן האָט מען זיי געמאַטערט ביז שפּעט אין אָוונט, ביז וואַנען דער דייטש האָט זיך אַ באַזויפטער צ־ריקגעקערט.

זיי האָבן אויך ניט פאַרגעסן גלייך, אין די ערשטע וואָכן, אַרויסגעבן אַ געזעץ וועגן אָנהענגען געלע, רונדע לאַטעס אויפן ברוסט פון לינקן זייט ווי אויך אויפן רוקן, און דאָס האָט געדאַרפט זיין געשניטן לויט אַ געוויסער מאָס. אין דער צייט איז שוין אָרגאַניזירט געוואָרן די ווייסרוסישע פּאָליציי, וואָס איז ניט אָפּגעשטאַנען אין רציחה פון די דייטשן.

אַרום 3 אָדער 4 טעג נאָכן באַזעצן די שטאָט דורך די דייטשן האָט אין איינע פון די נעכט אַ סאָוויעטישע גרויסע מיליטער פאָרמאַציע, וואָס איז וואַרשיינלעך אָפּגעשניטן געוואָרן, מיט טאַנקען און מאַשינען, מיט שווערן און לייכטן געווער זיך געוואָלט דורכרייסן דורך דער שטאָט קיין מזרח. איין טייל האָט זיך געוואָלט דורכרייסן דורך דער בריק אויף מאָסטאָווע מיט אייניקע טאַנקען, עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ שלאַכט מיט די דייטשן, וואָס האָבן פון אָפּעראָווע גאַס געשאָסן פון קליינע קאַנאָנען און ניט געלאָזן זיי זיך דורכרייסן צו דער בריק. דאָך זיינען צוויי סאָוויעטישע טאַנקען אַרויף אויף דער בריק, וואָס איז אָבער ניט געווען אויסגערעכנט אויף אַזאַ גרויסע לאַסט, האָט זיך איינגעבראָכן און ביידע טאַנקען מיטן מיליטער זיינען אַרונטערגעפאַלן אין קאַנאַל. אייניקע האָבן דערוויזן זיך ראַטעווען, אָבער די וואָס זיינען געווען אינעווייניק זיינען דערטרונקען געוואָרן. נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען זיי אַרויסגענומען פון וואַסער.

די איבעריקע סאָוויעטישע סאָלדאַטן און מיט זיי אויך

ציווילע קאָמוניסטן האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט ווו מ'האָט נאָר געקאָנט זיך אויסבאַהאַלטן. אויף די גאַסן זיינען געלעגן אַ סך דערהרגעטע.

אין דערפרי זיינען צו אונז אין שטוב אַריין דייטשע זעלנער פון ס. ס., מיט די שוואַרצע מונדירן, און געזוכט רוסן, פאַרוואַרפנדיק, אַז מען האָט צו זיי געשאָסן פון אונזערע פענסטער, זיי האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו איינעם אַ בחור פון די אַנטלאָפענע פון פּוילן, מיטן נאָמען פוקס, פון לאָדז, אַז ער האָט געשאָסן, ווייל אויף זיינע פינגער זיינען דאָ סימנים פון רויך... מיט גרויס מי האָט מען זיי איבערצייגט, אַז ס'איז ניט ריכטיק. מיר האָבן זיי אויפגעוועקט פון שלאָף מיט אַ שטאַרקן טרייסל פון איינעם פון די סאָלדאַטן. איך האָב באַלד דערזען אַלעמען שטיין מיט די הענט אויבן, און האָב באַלד אויפגעהויבן די הענט, ניט וואַרטנדיק זיי זאָלן מיר דאָס זאָגן. זיי זיינען געשטאַנען מיט די פּיסטאָליעטן גרייט אין די הענט און געהייסן מיר אַרונטערנעמען דאָס היטל, וואָס איך האָב צופעליק געטראָגן, פרעגנדיק, צי איך בין ניט קיין רוסישער סאָלדאַט. נאָך אַ קורצן איבערקוקן אין די צימערן הינטער די בעטן, אין די שענק און נאָכן מיטנעמען וואָס זיי איז געפעלן געווען, האָבן די דייטשן פאַרלאָזן דאָס הויז. זיי האָבן אונז געפרעגט, וואָס פאַר פאָלקס־אָנגעהעריקע מיר זיינען, און אויף אונזער ענטפער: „פּאָלאַקען", זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זיך געהערט אייניקע שאָסן, דאָס האָט מען דערשאָסן פרוי פּודלעס, וואָס האָט געוווינט אויף מאָסטאָווע גאַס, נעבן בערקאָוויטשן דעם שערער, ווייל מען האָט ביי זיי אין דער פאַרמאַכטער ווערענדע געפונען צוויי רוסישע ציוויליסטן מיט געווער, וואָס זיינען דאָרטן אַריינגעדרונגען פון דער גאַס, אָן דעם וויסן פון בעל־הבית. זיי האָבן פריער דערשאָסן די רוסן און דאַן די פרוי פּודלעס, ווייל איר מאַן איז צופעליק ניט געווען צו דער צייט אין שטוב.

אַזוי זיינען פאַרביי די ערשטע פּאָר וואָכן פון דייטשער הערשאַפט אין סלאָנים. די ווייסרוסישע פּאָליציי איז אַנטשטאַנען מערסטנס פון באַלאַכאָווצעס, אַנטיסעמיטן און סתם כוליגאַנעס. מען האָט זיי געגעבן אַ פרייע האַנט כלפּי די אידן, און אַ סך האָבן געטאָן וואָס זיי האָט נאָר געגלוסט, אָן געזעץ און משפּט, און אויך דערליידיקט זייערע פּריוואַטע אָפּרעכענונגען, ווען דאָס געווער איז געווען אין זייער האַנט. איינער פון זייערע קרבנות איז געווען מיין פעטער חיים ראַוויצקי, וואָס האָט געאַרבעט ביי יעזערסקין אין טאַרטאַק. אייניקע פון די ווייסרוסן, וואָס האָבן געאַרבעט מיט אים און האָבן איצטער געהאַלטן געווער אין האַנט, האָבן אים אַרעסטירט און איבערגעגעבן די דייטשן, באַשולדיקנדיק אים, אַז פאַר די סאָוויעטן און ביים אויסברוך פון קריג מיט די דייטשן האָט ער פאַרזיכערט, אַז די דייטשן וועלן קיינמאָל ניט באַזיגן די רוסן. וואָס האָט מען אַלץ ניט געטאָן אים צו באַפרייען פון טורמע! אָבער ס'האָט גאָרניט געהאָלפן און אין איינע פון די נעכט האָט מען אים אַרויסגעפירט אויפן אידישן בית־עלמין, ווו מען האָט אים דערשאָסן. דאָס האָט אונז דערציילט אַ באַקאַנטער קריסט, וואָס האָט געאַרבעט ביים דייטשן ס. ד. און פאַר די סאָוויעטן איז ער געווען אין וואַרשע און געאַרבעט אין זייער געהיים־דינסט.

די ערשטע ברידער־קברים

ס'איז מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון דער ערשטער בלוטיקער דאָנערשטיק אין סלאָנים. איך בין מיטן פעטער אַרויס אין דער פרי אויף דאַמבע, נעבן מאָסטאָוון בריק, שמועסנדיק אין שטילן פרימאָרגן ביים טייך, וואָס וועט זיין דער סוף. ניט איינמאָל האָבן מיר געהערט פון עלטערע דייטשן, וואָס זיינען געווען אין מיליטער־דינסט, אַז עס איז איצטער זייער שלעכט צו זיין אַ איד. מיר האָבן פיל פאַרשטאַנען פון זייערע ווייניקע ווערטער, באַגלייטע מיט אַ זיפץ.

אונזער שמועס האָט געשטערט אַ פּאָליציימאַן, אַ באַקאַנטער שייגעץ, וואָס האָט אַמאָל פאַרקויפט צוקערקעס אויפן מאַרק. אַוועקטרייבנדיק אונז אַהיים האָט ער צוגעגעבן, אַז די דייטשן זוכן אַרבעטער. אויפן וועג האָט אונז שוין געטראָפן די מוטער, אָנזאָגנדיק די גוטע בשורה פון כאַפּן אידן אין די גאַסן און הייזער.

דאַן האָבן מיר ערשט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז אין שטאָט אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון ס. ס. מיליטער, יונגע רוצחים אין שוואַרצע מונדירן, מיטן סימן פון אַ טויטן־קאָפּ אין קרייץ. זיי האָבן דאָס אַלעמען געשלעפּט צום „דאָם לודאָווי", שלאָגנדיק אָן רחמנות אויפן וועג. נאָכדעם האָט מען אַלעמען אַריינגענומען אין זאַל און געהייסן אָפּגעבן אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן פון דאָקומענטן און צירונג, דראָענדיק, אז פאַר דער קלענסטער זאַך וואָס מ'וועט ביי זיי געפינען וועלן זיי דערשאָסן ווערן אויפן פּלאַץ. דאַן האָט מען זיי גרופּעסווייז אַרויסגעפירט צו די פאַרמאַכטע לאַסט־אויטאָס, באַשיצטע מיט אייניקע ס. ס.־לייט, אָנגעלאָדן אויף די אויטאָס האָט מען זיי מיט מכות און רציחות, און זיי אַוועקגעפירט „אויף אַרבעט". נאָך אַ שטיקל צייט האָבן מענטשן באַמערקט, אַז די זעלבע אויטאָס מיט די זעלבע שאָפערן קומען ווידער אַמאָל. ס'האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ גרויסער ספק אין די מוחות.

דאָס פירן האָט געדויערט ביז שפּעט נאָכמיטאָג. עס זיינען נאָך געבליבן אייניקע הונדערטער אידישע מענער, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער ריי, אָבער דאַן האָבן זיי אויפגעהערט אַרויסצופירן, קען זיין צוליבן דערנענטערן זיך פון טונקעלן אָוונט. מען האָט געזאָגט די געבליבענע אידן, אַז זיי קענען אַהיים גיין, ווייל „מ'דאַרף שוין מער ניט האָבן קיין אַרבעטער". ביים אַרויסגיין פון זאַל דורך די טירן זיינען זיי מערדעריש געשלאָגן געוואָרן דורך די ס. ס.־באַנדיטן, וואָס האָבן זיי געזאָגט אַז זיי האָבן גליק, „די פערפלוכטע".

אויף צומאָרגנס איז געווען אַ חורבן אין שטאָט, די פאַמיליעס האָבן אָנגעהויבן זוכן די מענער, פאָטערס און זין, וואָס זיינען אַוועקגענומען געוואָרן. די דייטשן האָבן ספּעציעל אַרויסגעלאָזן קלאַנגען, און אפילו געשיקט בריוו פון די „פאַרשיקטע", אַז זיי זיינען אין אָרדענונג און פילן זיך גוט, כדי צו באַרואיקן די געמיטער פון דער באַפעלקערונג. פילע האָבן זיך אַרויסגעלאָזן זוכן און נאָכפרעגן אין דער ריכטונג ווו מען האָט זיי געפירט, און אויפן וועג האָבן זיי געפונען מאַרינאַרקעס מיט געלע לאַטעס, היטלען און נאָך פאַרשיידענע זאַכן, וואָס זיינען דערקענט געוואָרן דורך זייערע שטוביקע. איינע פון די זאַכן האָט מען דערקענט אַלס חיים סאַוויצקי'ס (עלעקטראָ־אינזשיניער). מען האָט די צוגענומענע מענער געפירט אין די וועלדער נאָך דער „רויטער קרעטשמע". אין

עטלעכע טעג אַרום איז אונז קלאָר געוואָרן דער סוד, ווען עס האָט אונז באַזוכט אַ קריסטין, דעם לעשניטשיס (וואַלד־אויפזעערס) אַ שוועסטער, אונזערע אַ גוטע באַקאַנטע. די קריסטין האָט זיך צעוויינט אונז דערזעענדיק און ביסלעכווייז האָט זי אויסגעזאָגט דעם סוד. זיי האָבן געהערט הילכיקע שיסערייען פון מאַשין־געווער און איינצלנע שאָסן, ווי אויך אוממענטשלעכע געשרייען. דאָס האָט געדויערט אייניקע שעה, פון מיטאָג־צייט ביז שפּעט אָוונט. פאָרגעקומען איז די שחיטה אויף אַ פּאָליאַנקע, טיפלעך אין וואַלד, וווּ עס זיינען געווען צוגעגרייט לאַנגע און טיפע גראָבנס. דער וואַלד איז אַרום און אַרום שטרענג געהיט געוואָרן דורך ס.ס.־לייט, עס זאָל זיך, חס וחלילה, ניט ראַטעווען קיין איין עדות פון דער גרויסער שחיטה.

אַזוי האָט סלאָנים פאַרלאָרן אירע ערשטע 1200 אידן, מוטערס זייערע זין, פרויען זייערע מענער, קינדער זייערע פאָטערס.

שווערע טעג האָבן זיך אָנגעפאַנגען נאָך דעם שוואַרצן דאָנערשטיק, ווי מען האָט אים גערופן אין שטאָט. יעדער טאָג מיט נייע גזרות און נייע געזעצן.

עס האָט זיך געגרינדעט דער יודנראַט מיטן אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט אַרויסגעשיקט אידן צו פאַרשיידענע אַרבעטן, פאַר וועלכע מ׳האָט נאָך 8 שעה אַרבעט באַקומען פון 150 ביז 200 גראַם ברויט. וואָס ווייטער איז דער טויש־האַנדל מיט די פּויערים געוואָרן שווערער צוליב פאַרשיידענע פאַרבאָטן וואָס די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן. מען האָט אויך אָנגעהויבן באַפרייען געוויסע טיילן פון שטאָט, דער עיקר דעם צענטער, פון אידן, און באַשטימען געוויסע גאַסן ווו אידן מעגן וווינען.

עינוּיים בייטאָג און פּחד ביינאַכט

צו די אַרבעטן, בעיקר פיזישע, האָט מען געצוווּנגען אַלע מענער פון 15 ביז 60—50. מען האָט געמוזט אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון דייטשן אָדער פּאָליציי, פאַר יעדער זאַך וואָס איז ניט געפעלן געוואָרן די אויפזעער האָט מען באַקומען געשלאָגן. פאַר ניט אויספילן ריכטיק די באַפעלן, ווי שלעכט אָנגייען די געלע לאַטעס, פאַרגעסן צו גיין נאָר אויפן ברוק, — האָט מען גענומען אין דער „שוץ־פּאָליציי" און באַשטראָפט מיט 10 ביז 20 שמיץ. ניט שטענדיק האָט מען געקאָנט אויפשטיין פון אָרט נאָך אַזאַ שמייסעריי.

אין איינע פון די נעכט, אומגעפער אַ מאָנאַט נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, ווען עס איז שוין געווען אַ באַפעל צו שליסן אויף דער נאַכט די טויערן, האָט צו אונז עמעצער אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. מיר האָבן באַלד דערקענט אַז דאָס איז געווען ישראל ליכטענשטיין, וואָס האָט געוווינט אין גימנאַזיע אויפן הויף, אין הויז וווּ עס איז אויך געווען די פּאָליצייטורמע. ער איז געווען האַלבנאַקעט, נאָר אין אונטערוועש, אַ פאַרסאַפּעטער און געל פון שרעק. פון פּחד האָט ער אפילו ניט געקענט ריידן. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער דערציילט, אַז די דייטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין גימנאַזיע אויפן הויף און באַזעצט דעם בנין, האָבן געזאָגט, אַז מען האָט געוואָרפן אויף זיי שטיינער פון זייער הויף, און זיי האָבן געזוכט דעם מאַן כדי אים צו דערשיסן. זיין פרוי חנה, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף זייער קלאַפּן אין טיר און געהערט וואָס זיי ווילן, האָט נאָך באַוויזן אים אָנזאָגן, ער זאָל אַרויסשפּרינגען פון פענסטער. עס איז אים געלונגען, אָבער די דייטשן האָבן באַמערקט אַז עמעצער איז אַדורכגעלאָפן אין הויף און אים נאָכגעיאָגט. ער ווייס אַליין ניט פון וואַנען האָבן זיך ביי אים גענומען מוט און כוח צו אַנטלויפן פון די זעלנער. אַריבערקריכנדיק פאַרקאַנעס און אַנדערע שטערונגען האָט ער דורך אָפּעראָווע גאַס זיך דערלאַנגט ביז אונז. אויף מאָרגנס איז געקומען זיין פרוי אים באַזוכן, מורא האָבנדיק צי מען גייט איר ניט נאָך. זי האָט דערציילט, אַז מען האָט זיך נאָך דעם צו איר צוגעטשעפּעט, אַז זי האָט עס געוואָרפן די שטיינער. זי ווייס אַליין ניט, ווי זי האָט זיך אַרויסגעדרייט גאַנצערהייט פון דעם עסק. עטלעכע וואָכן איז ער ביי אונז געווען ביז וואַנען עס איז פאַרגעסן געוואָרן דער ענין. איך גלויב, אַז די ליכטענשטיינס האָבן גלייך נאָכדעם זיך אַרויסגעקליבן פון דאָרטן אויף איינע פון די באַשטימטע פאַר אידן גאַסן.

געאַרבעט האָט מען שטענדיק שווער און שטענדיק אין מורא. מען איז קיינמאָל ניט זיכער געווען צי מען וועט זיך אומקערן גאַנצערהייט אַהיים. בדרך כלל האָבן פיל, אויף וויפל זיי האָבן געקענט, אויסגעמיטן זיך צוצושטעלן צו דער אַרבעט לויט די אָנווייזונגען פון יודן־ראַט, טראָץ דעם וואָס ס׳האָט דערפאַר געדראָט אַ שטראָף. אָפט האָבן דייטשן, אָדער די ווייסרוסישע פּאָליציי געכאַפּט אידן אין די גאַסן צו ספּעציעלע דרינגנדע אַרבעטן. געאַרבעט האָט מען ביי פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעטן. די בעל־מלאכות האָבן געאַרבעט ביי זייער פאַך אין וואַרשטאַטן פאַר די דייטשן, אַלס לוין פאַר דער אַרבעט האָט מען באַקומען אַ פּאָר הונדערט גראַם ברויט, וואָס איז געבאַקט געוואָרן פון מעל מיט אַ גרויסן פּראָצענט קאַרטאָפל.

אין דער צייט האָט מען אָנגעהויבן אַרויסזעצן די אידן פון די גאַסן ווי ריבאַצקע, מאָסטאָווע ביז אָפּעראָווע, סקראָבאָווע און ארומיקע, צום צענטער צו. מען האָט דערלויבט זיך באַזעצן אויף דער אָפּעראָווע גאַס, דאַמבע פון ביידע זייטן, זשאַבינקע, מיכאַילאָווסקי געסל און בזשעגאָווע גאַס. די דירות־פראַגע איז געווען אַן אָנגעווייטיקטע, אין איין צימער האָבן געוווינט מינדערסטן 2 פאַמיליעס. עס איז פאַרשטענדלעך אַז די אומגעבונגען האָבן ניט דערלויבט מיטצונעמען מעבל און עס איז אויך ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך שאַפן טראַנספּאָרט, ווי אַ וואָגן מיט אַ פערד. וואָס מען האָט געקענט אַליין איבערטראָגן אָדער איבערפירן מיט אַ האַנטוועגעלע פון דעם איז באַשטאַנען דאָס גאַנצע פאַרמעגן. עס איז אויך ניט געווען גענוג פלאַץ וווהין מען זאָל קענען אַלץ אַהינטאָן אין דעם איינציקן צימער. פון ענגשאַפט, ניט־היגיענישע באַדינגונגען און שלעכטער פלעגע זיינען פיל פאַמיליעס קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, און ביי די וווין־באַדינגונגען האָט מען זיך זייער שנעל אָנגעשטעקט איינער פון צווייטן. עס איז געווען שווער צו באַקומען גענוגנדיקע מעדיצינישע הילף, טראָץ דעם זיינען געווען זייער ווייניק פאַלן מיט שווערע נאָכפאָלגן.

מען האָט ניט געזען קיין אויסוועג פון דער לאַגע אָדער אַ שנעלע רעטונג פון ערגעץ. די אידישע באַפעלקערונג האָט אָנגעהויבן ווערן ביי זיך דערשלאָגן און אין די קריסטלעכע אויגן — מינדערווערטיק.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָבן אַלע אידן, מענער, געמוזט אַרבעטן. עס זיינען געווען 2 קאַטעגאָריעס פון אידישע אַרבעטער: איינע — בעל־מלאכות און נוצלעכע אַרבעטער, און די צווייטע — סתם־אַרבעטער. ענדע אָקטאָבער און אָנהויב נאָוועמבער 1941 האָט דער געביטס־קאָמיסאַריאַט פאַרטיילט געלע באַשייניגונגען די בעלי־מלאכות און נוצלעכע אַרבעטער, זאָגנדיק, אַז דאָס איז אויך אַ צײַגאָבשפּייזקאַרטע, ווייל עס איז אין איר געווען אויך נאָטירט, פון וויפל פערזאָנען באַשטייט דעם אייגנטימערס פאַמיליע.

איך געדענק, ווען מיין פעטער יצחק שעפּעטינסקי האָט אונז באַזוכט נאָך אויפן אַלטן ווינאָרט, אָפּעראָווע 7, און דער־ציילט, אַז ער האָט אויך באַקומען אַ געלע באַשייניגונג. פיל און זייער פאַרשיידענע דעות זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אַרום דעם געלן טאָוול קאַרטאָן, אָבער קיינעם, גלויב איך, איז נישט איינגעפאַלן, צו וואָס דאָס קען דינען.

די טעג זיינען געווען שיינע, טראָץ דער כמאַרעדיקער שטימונג. אינדערפרי פלעגט זיך אַ לייכטער פרעסטעלע צער־שפּרייטן איבער דער שטאָט און די זון האָט ביסלעכווייז צעלאָזן די ווו־ניט־ווו פאַרפראָרענע קאַלוזשעס.

אין באַהעלטעניש פאַרן טויט

אין איינעם אַזאַ פרימאָרגן האָבן מיר באַמערקט אַ פאַר־דעכטיקע באַוועגונג. צופעליק האָט איינער פון אונזערע שכנים געדאַרפט אַרויסגיין צו דער אַרבעט זייער פרי, ווען אין דרויסן איז נאָך געווען פינסטערלעך, אָבער צו זיין גרויסער איבעראַשונג האָט ער באַמערקט באַוואָפנטע דייטשן שטיין אויף ראָג מאָסטאָווע און אָפּעראָווע, ניט לאָזנדיק קיין אידן אַדורכגיין אפילו צו דער אַרבעט. ער האָט גלייך אָנגעזאָגט אונז און די שכנים, און אין אייניקע מינוטן זיינען מיר שוין אַלע געווען אָנגעצויגן און גרייט, — צו וואָס ווייס איך ביז היינט ניט. מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זיי וועלן וואַרשיינ־לעך כאַפּן מענער אויף אַרבעט, ווייל וועגן דעם האָט מען עפּעס לעצטנס גערעדט אין שטאָט. די מענער זיינען אַלע געלאָפן זיך באַהאַלטן ווו עס האָט זיך געלאָזן, אָבער ניט אַלע האָבן באַוויזן, די פרויען מיט קינדער און עלטערע מענטשן זיינען געבליבן אין די הייזער, זייענדיק זיכער, אַז זיי וועט מען ניט רירן.

עס האָט ניט געדויערט לאַנג, ווי מיר האָבן געהערט די פרעכע בעסטיאַלישע דייטשע געשרייען, „ראַוס, אָבער שנע־לער, פערפלוכטע!" און נאָך אַ סך אַזעלכע אויסדריקן, פון די שכנות'דיקע הייזער. מיר זיינען שנעל געלאָפן אין די באַהעל־טענישן. איך בין מיטן פאָטער אַריינגעגאַנגען אין שטאַל און זיך באַהאַלטן צווישן די האָלץ, וואָס מען האָט צוגעגרייט אויף ווינטער צום הייצן, און די מוטער האָט אונז פאַרשלאָסן פון דרויסן מיט אַ שליסל כדי ס'זאָל ניט פאַלן אַ פאַרדאַכט, אַז עמעצער איז דאָ אין שטאַל. אויך מיין פעטער חיים וואָלינסקי און זיין זון הערשל האָבן אַזוי געטאָן, ממש אין לעצטן מאָ־מענט, ווען די דייטשן זיינען שוין אַריינגעגאַנגען צו אונז אויפן הויף. מיין פעטער יודל ראַוויצקי און קוזין בנימין ראַוויצקי זיינען אַריינגעשפרונגען אין מיסטקאַסטן ממש אונטערן נאָז פון די דייטשן. מיין פעטער שיימע ראַוויצקי האָט זיך באַהאַלטן אַביסל פריער נאָך ניט אינגאַנצן אָנגעטאָן.

הערנדיק, אַז עס איז שטיל אין דרויסן, איז ער אַרויס אָנטאָן אַ־פאָר שטיוול און אַ מאַנטל (עס איז געווען אַ פרעסטל), און לויפנדיק שוין צוריק אין זיין באַהעלטעניש האָבן אים פאַר־כאַפּט די ס. ס.־מענער, אים באַפאַלן, געשלאָגן מכות־רצח און געצווונגען אַרויס אין גאַס. פון אַלע אַרומיקע הויפן און הייזער האָבן זיך געטראָגן געוואַלדערייען, געשרייען און גע־וויינען פון פרויען, קינדער, אַלטוואַרג און מענער. עס איז שווער צו באַשרייבן דעם רושם, וואָס דאָס האָט געמאַכט אויפן פאַרבאַהאַלטענעם, דערשראָקענעם מענטשן, וואָס האָט ניט גע־ווּסט, וואָס דאַרף דאָס אַלץ הייסן, צי באַלד וועט מען אויך זיין פרוי און קינדער, אָדער מוטער, ברידער און שוועסטער צונעמען, און וווהין? זאָל ער בלייבן פאַרבאַהאַלטן אַליין און איינזאַם, אויב מען וועט אים ניט געפינען, אָדער זאָל ער אַרויסקריכן און גיין מיט זיינע טייערסטע און ליבסטע?

שווערע, שרעקלעכע געדאַנקען, צענדליקער פלענער, פון וועלכע מ'קען קיין אויסוועג ניט געפינען, האָבן זיך שנעל דורכגעדרייט אין מוח, אָבער די געבעטן און געוויינען פון די פרויען און קינדער פאַר די דייטשישע רוצחים זיי צו לאָזן אין דערהיים, די באַקאַנטע קולות פון די, מיט וועלכע מיר האָבן געוווינט בשכנות צענדליקער יאָרן, האָבן אַזוי ווי פאַר־גליווערט דאָס בלוט און אָפּגעשטעלט איבערהויפּט די פעיקייט צו טראַכטן. אָט איצטער פירט מען אַרויס מיין מומע חיה ראַוויצקי (חיים ראַוויצקיס פרוי) מיט איר קליינעם זונעלע וועלוועלע. זי בעט מען זאָל איר לאָזן נעמען אַביסל זאַכן פאַר זיך און פאַרן קינד, עפּעס צום עסן אויפן וועג, אָבער מען ענטפערט איר, אַז עס וועט איר זיין שווער דאָס צו טראָגן און אַז זי וועט קומען אויפן פלאַץ וועט זי אַלץ באַקומען און דאָס וואָס זי שלעפּט מיט זיך וועט זיין איבעריק. און דאָס אַלץ ווערט איר געזאָגט, מיט אַ איראָנישן קול, וואָס שניידט דאָס האַרץ. עס דערטראָגט זיך די שטימע פון מיין מומע גאָלדע ראַוויצקי מיט איר טאָכטער פייגעלע (אַ 4־יאָריקע מיידעלע) און פון די איבעריקע פרויען און קינדער אין הויז. זייערע געוויינען און די געשרייען פון די רוצחים „שנעלער!" קלינגען מיר נאָך איצטער אין די אויערן. דער זיידע יוסף ראַוויצקי האָט זיך באַהאַלטן אין קלאָזעט וואָס איז געווען הינטערן הויז אויפן הויף, אָבער ווען ער האָט דערהערט, אַז מען האָט זיין פרוי, וואָס איז אויך שוין אַלט געווען קרוב צו 70 און כמעט שוין ניט געזען, אַרויסגעשלעפּט מיט כוח פון הויז, איז ער אַרויסגעגאַנגען זען וואָס האָט פּאַסירט. דאָרטן האָט מען אים אויך גענומען מיט די אַנדערע און שלאָגנדיק געטריבן אויפן גאַס. די וואָס האָבן ניט געקענט גיין האָט מען אַרויפגעוואָרפן אויף אויטאָס, אָבער ווען די משפחה האָט געוואָלט מיטפאָרן, האָט מען ניט געלאָזן צוגעבנדיק אַ פּאָר גוטע שטויסן און קלעפּ. מיר האָבן געהערט, ווי די מערדערס זיינען צוגעגאַנגען צו דער טיר פון אונזער הויז וועלנדיק אַריינגיין, אָבער ווייזט אויס אַז די מאַמע האָט עס צוגעשפּאַרט. יעדע סעקונדע האָט זיך ביי אונז געצויגן ווי אַ יאָר. נאָך לאַנגן קלאַפּן אין טיר האָב איך געהערט, ווי די מוטער איז אַרויס עפענען די טיר פאַר זיי, פרעגנדיק וואָס זיי פאַרלאַנגען. די ערשטע פראַגע איז געווען, ווו זיינען די מענער און די איבעריקע בני־בית און צו איז מען שוין געווען ביי אונז. איך ווייס ניט, ווו האָט מיין מאַמע גענומען אַזוי פיל מוט צו זאָגן

זיי, אַז מען איז שוין געווען אַלעמען צוגענומען און אַז איר מאַן איז אַוועקגעגאַנגען גאָר פרי צו דער אַרבעט אין טאַרטאַק. מיין פאָטער האָט דאַן איבערהויפּט ניט געאַרבעט, ווייל איך בין געגאַנגען אָנשטאָט אים אויף אַלע צוואַנגס־אַרבעטן, אויף וועלכע דער יודנראַט האָט געשיקט לויט די פאָדערונגען פון די דייטשן. אין צווייטן צימער האָט זיך געפונען מיין שוועסטער, מיין מומע מלכה מיטן מאַן און זון. זיי זיינען אַלע אַריין זיך אָנטאָן וואַרעמע קליידער און ניט געקענט שוין אַרויסגיין. די מוטער האָט נאָך זיי פאַרמאַכט די טיר פון צימער, צוגערוקט דעם טיש צו דער טיר, וועלכע זי האָט פאַרהאָנגען מיט אַ קאָלדרע, אָנגעקלאַפּט אַ פּאָר טשוועקעס און אויפגעהאָנגען אויף זיי פאַרשידענע זאַכן. די דייטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער דירה, זוכנדיק אין די צימערן, אַריין אויך אין צימער פון וועלכן די טיר האָט געפירט אין צווייטן צימער ווו אַלע זיינען געווען באַהאַלטן, און אָנגעהויבן אויספרעגן גענוי ווו דער מאַן אַרבעט, ביי וואָס, ווי איז ער אַדורך די וואַכן אין דער פרי און צו זי פאַרמאָגט אַ „געלבן־שיין". זי האָט געענטפערט אַז יאָ, אָבער דער מאַן האָט עס צוגענומען צו דער אַרבעט, דערמאָנענדיק זיך וועגן געלן שיין פון מיין פעטער יצחק שפּעטינסקי. זיי האָבן ניט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן, סוף כל סוף האָט איינער פון זיי געזאָגט, אַז מ'דאַרף דער מוטער גלויבן און מען קען זי איבערלאָזן „צו האוזע". אַרויסגייענדיק האָט דער זעלבער געהייסן דער מוטער פאַרשליסן די טיר און קיינעם ניט אַריינלאָזן, אפילו אַז מען וועט קלאַפּן. ער האָט צוגעגעבן: „זי האָבן גליק דאָס זי איין געלבן שיין האָבן". ווען עס איז שטיל געוואָרן איז די מוטער אַרויסגעגאַנגען צו אונז און געבראַכט וואָס צום עסן, כאָטש דאָס איז ניט געלעגן אין זינען און דער ביסן איז שטעקן געבליבן אין האַלז.

דאָס פרעסטל האָט זיך געלאָזט פילן, מיר זיינען געשטאַנען מיטן פאָטער פאַרבאַהאַלטענע צווישן די האָלץ, ניט קענענדיק זיך כמעט אַ ריר טאָן, און אין האָב געפילט ווי די פינגער פון די פיס ווערן מיר געפראָרן, אָבער איך האָב גאָרניט געקענט טאָן קעגן דעם. זיצנדיק אַזוי אין דער שטילקייט, אין קעלט און אין שרעק, זיינען דערגאַנגען צו אונזערע אויערן ווייטע קלאַנגען פון איינצלנע און מאַשין־געווער שיסערייען. מיר האָבן דאַן געגלויבט, אַז דאָס שיסט מען, כדי צו היטן די אידן וואָס מען פירט אויף אַרבעט, כדי זיי זאָלן זיך ניט צעלויפן, אָדער מ'שיסט נאָך די אַנטלאָפענע. עפּעס אַנדערש האָט מען זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן.

צומאָרגנס

ביז אין אָוונט זיינען מיר אַלע געזעסן שטילערהייט יעדער אויף זיין פּלאַץ, חוץ מיין פעטער יודל און קוזין בנימין ראַוויצקי, וואָס זיינען געווען פאַרבאַהאַלטן אין מיסטקאַסטן און האָבן צוגעהערט און צוגעזען דורך די שפּאַרונעס, ווי מען פירט זייער פרוי און קינד, מוטער און ברידער אַוועק פון דערהיים. זיי זיינען אַרויס פון דאָרטן, ווען מ'האָט קיינעם ניט געזען אַרום, און זיינען אַריין צו אונז אין שטוב, אין צימער ווו די איבעריקע פאַרבליבענע האָבן זיך געפונען. ווען די שטילקייט האָט באַהערשט די אידישע גאַסן, שפּעט אין אָוונט, זיינען מיר אַרויס פון די באַהעלטענישן און זיך צוזאַמענגעקליבן אין שטוב, ניט וויסנדיק וואָס אָנהויבן ווייטער צו טאָן. צוליב זיכערקייט האָבן מיר געהיט אַ גאַנצע נאַכט, צי קיינער רינגלט ווידער ניט אַרום די אידישע גאַסן, אָבער גאַנץ פאַרטאָג האָבן מיר באַמערקט, ווי מענטשן הויבן אָן צו גיין אויף מאָסטאָווע דורכן בריק און קיינער פאַרהאַלט זיי ניט. ביסלעכווייז איז די באַוועגונג געוואָרן גרעסער.

גלייך פון אינדערפרי האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז מען האָט אַלע אידן אויסגעמאָרדעט און אַריינגעוואָרפן אין גריבער, אָבער ניט אַלע האָבן געגלויבט אין דעם. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען אייניקע לייכט־פאַרוואונדעטע אָדער אינגאַנצן ניט־פאַרוואונדעטע אַרויסגעקראָכן פון די גריבער מיט די לעצטע כוחות, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך טויטע קערפּערס פון שוועסטער און ברידער, זיך אַריינגעגנבעט אין שטאָט, אין געטאָ אַריין, און דערציילט וואָס זייערע אויגן האָבן געזען.

די שטימונג אין געטאָ איז געווען אַ שרעקלעכע. אַרום זיינען געשטאַנען ליידיקע הייזער, ווו ס'האָבן ערשט נעכטן געוווינט גאַנצע אידישע משפחות מיט זיידעס, מאַמעס, קינדער און אייניקלעך, זייט יאָרן לאַנג, און איצטער זיינען זיי פאַרניכטעט געוואָרן אין איין טאָג. ווו ניט־ווו האָט מען באַמערקט איינצלנע מענטשן־שאָטנס, דרייען זיך מיט שרעק אַרום אַ הויז, ניט וויסנדיק וואָס אָנהויבן צו טאָן מיט זיך. ניט אַלע האָבן נאָך געגלויבט, אַז עס איז מעגלעך די דייטשן זאָלן האָבן דערמאָרדעט אין איין טאָג 10 טויזנט אידן, פרויען און אומשולדיקע קינדער, אָבער במשך פון טאָג האָבן זיי זיך איבערצייגט אין אומגליק. שווער צו באַשרייבן דעם מצב פון די איינצלנע איבערגעבליבענע נאָך צאָלרייכע משפחות. זיי זיינען געווען צעבראָכן, צעמישט און גרייט צו נעמען נקמה, אָבער עס איז ניט געווען וויאַזוי, מיט וואָס און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל דאָס אָרגאַניזירן. עס זיינען געווען איינצלנע פאַלן פון מענער, וואָס האָבן זיך מיט כוח אַריינגעריסן אין דער פּאָליציי־קאָמאַנדע, מיט היסטערישע געשרייען און פראַגן, ווו ס'איז זייער משפחה, פרוי, קינדער, וועלנדיק אויך אָנגרייפן די פּאָליציימענער. די איינצלנע זיינען מיט כוח אַרויסגעפירט געוואָרן פון פּאָליציי־אַמט ניט ווערנדיק באַשטראָפט, — ווייזט אויס לויטן באַפעל פון די דייטשן, כדי ניט דערברענגען צו אַ ספּאָנטאַנעם ווידערשטאַנד.

פיל קריסטן, שכנים, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע האָבן זיך געלאָזן איבער די הייזער, וויסנדיק אַז די אַוועקגענומענע וועלן זיך שוין ניט אומקערן, און יעדער האָט געכאַפּט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן. אַביסל שפּעטער זיינען דייטשן געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און ווו עס איז קיינער ניט געבליבן האָבן זיי פאַרקלאַפּט די טירן, פאַרטרייבנדיק די קריסטן וואָס זיינען געקומען ראַבעווען, כדי דאָס גאַנצע האָב און גוטס זאָל פאַר זיי אַליין בלייבן.

איך דערמאַן זיך, אַז דעם זעלבן טאָג אינדערפרי איז צו אונז געקומען שיכורערהייט אַ באַקאַנטער ווייסרוסישער פּאָליציאַנט, פאָדערנדיק אַ טכוירן־פוטער פון מיין פעטער שיימע ראַוויצקי, וואָס איז נעכטן גענומען געוואָרן מיט זיין פרוי און פאַמיליע. אויף אונזער פראַגע, פון וואַנען ווייס ער און ווער האָט אים געזאָגט וועגן פעלץ, דערציילט ער, אַז נעכטן, ווען מ'האָט אַלע „זשידקעס" געבראַכט קיין טשעפּעלאָווע, האָט ער

געטראָפן שיימען און דער האָט אים געבעטן ער זאָל אים ראַטעווען און דערפאַר וועט ער אים געבן דעם פּעלץ, וואָס איז באַהאַלטן אין שטוב און נאָך פיל זאַכן. ער האָט פון רחמנות אויפן פּעטער, ער זאָל ניט דאַרפן זיך מאַטערן אָדער פאַרווונדעטערהייט ליגן אין די גריבער, גענומען און אים געשאָסן אויפן פּלאַץ.

אין אייניקע טעג אַרום האָבן די דייטשן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו פאַרקלענערן דעם געטאָ. אידן מיט פּעקלעך און וועגעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן שלעפּן אין ריכטונג פון אָפּעראַווע, באַליאַנע. ניט אַלץ איז דערלויבט געוואָרן אַרויסצופירן. מעבל־זאַכן און אויך די פּעקלעך זיינען ביי איינצלנע קאָנטראָלירט געוואָרן דורך דייטשע זשאַנדאַרמען פאַרן אַריינגאַנג אין געטאָ.

אַזוי האָט מען זיך צונויפגעשטיקט צו 2—3 משפחות אין איין צימער און ווידער אָנגעהויבן זיך צוגעוווינען צו די צרות. דער געטאָ איז אַרומגעצאַמט געוואָרן מיט שטעכל־דראָט און מ׳האָט אין אַ פּאָר ערטער געמאַכט טויערן. יעדן פרימאָרגן פלעגן אייניקע טויזנט מענער און פרויען זיך אויסשטעלן אויף אולאַנסקי גאַס אין רייען, ווי אין מיליטער, לויט די אַרבעטס פּלעצער מיט זייערע אידישע אַרבעטס־לייטערס בראש, און די אָרדענונג איז געהאַלטן געוואָרן דורך דער געטאָ־פּאָליציי. די דייטשע זשאַנדאַרמען אָדער באַאַמטע פון געביטס־קאָמיסאַריאַט פלעגן באַקוקן די רייען און ניט איינמאָל געצוווּנגען אַ געטאָ פּאָליציאַנט אַרויספירן פון ריי אַ אידן, וואָס די געלע לאַטע איז ניט געווען גוט אָנגענייט אויף זיין בגד, אָדער ער איז געשטאַנען ניט אינגאַנצן גלייך, און אפילו סתם אָן אַ פאַרוואָס געהייסן געבן 10 אָדער מערער שמיץ פאַר די אויגן פון אַלעמען מיט אַ נאַהייקע. עס האָט פּאַסירט, אַז דער אידישער געטאָ־פּאָליציאַנט האָט, ניט האָבנדיק קיין ברירה, אויסגעפילט דעם באַפעל אַזוי, אַז דער געשלאָגענער זאָל ניט פילן קיין גרויסע שמערצן, און דערפאַר האָט דער אידישער פּאָליציאַנט באַלד אויפן פּלאַץ באַקומען 2 מאָל אַזויפיל שמיץ פון אַ דייטש אַליין.

די יוגנט אָרגאַניזירט זיך צום וואַלד

דאָס אַלץ האָט סיסטעמאַטיש צעטראָטן דעם כבוד און שטאָלץ פון גרעסטן טייל סלאָנימער אידן, אָבער ביי אַ געוויסן, קלענעם און אינגערן טייל האָט די שוידערלעכע לאַגע אין געטאָ געבראַכט צום געדאַנק זיך צו באַשיצן אין פאַל פון ליקווידאַציע פון געטאָ, ווי אויך אַרויס גיין מיט געווער אין די וועלדער, אַדורכמאַכן דאָרטן די צייט פון קריג (ווייל אין דער מפּלה פון די דייטשן האָבן כמעט אַלע געגלויבט) און אויך לויטן מיינונג פון וויניקערע, קעמפן און נקמה נעמען. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אונטערערדישע גרופּן פון יונגע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין בויטע־לאַגערס, — דאָס זיינען געווען גרויסע מאַגאַזינען פון רוסישן געווער, וואָס מען האָט צונויפגעזאַמעלט און רעפּאַרירט.

די ערשטע מעשים פון די יונגעלייט איז געווען איבערצופירן געווער אין געטאָ, דורכגנבנדיק דורכן דייטשן פּאָסטן ביים טויער פון בויטע־לאַגער. די סכנה אויפן וועג ביזן געטאָ, און ביים טויער פון געטאָ, וווּ ס׳האָט פון דער אַרישער זייט געהיט ווייסרוסישע פּאָליציי, איז געווען זייער גרויס, יעדער דורכפאַל האָט געדראָט מיט טויט ניט בלויז דעם פאַרהאַלטענעם, נאָר אויך זיינע מיטאַרבעטער. און דאָך זיינען אין געטאָ געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע פּלעצער פאַרבאַהאַלטענע מאַגאַזינען מיט געווער און אַמוניציע. דורך פאַרשיידענע וועגן זיינען אַריינגעטראָגן און אַריינגעפירט געוואָרן די טייערע כלים. עס זיינען אפילו געווען פאַלן, ווען די חברה האָבן געקויפט ביי די דייטשן אין בויטע־לאַגער זייף צום וואַשן פאַר אַ טייערן פּרייז מיטן תנאי אַז די דייטשן אַליין זאָלן עס אַריינפירן אין געטאָ. אָנשטאָט זייף איז פאַרפּאַקט געוואָרן אין די פּעקלעך געווער און אויפרייס־מאַטעריאַלן, וואָס זיינען דורך די דייטשן אַליין אַריינגעפירט געוואָרן ביינאַכט אין געטאָ.

אונטערערדישע אָנהויבן

צווישן די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אידישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין סלאָנים איז געווען מיין קוזין הערצל שעפּעטינסקי ז״ל. ער איז שפּעטער געפאַלן ווי אַ העלד אין קאַמף מיטן שונא, ווען אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון דער פּינסקער פאַראייניקונג א. נ. פּ״ן דזערזשינסקין האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסן דייטשן כוח. הערצל איז שווער פאַרווונדעט געוואָרן אין די פיס, און ניט ווילנדיק אַריינפאַלן דעם שונא אין די הענט לעבעדיקערהייט, האָט ער מיטן לעצטן גראַנאַט אויפגעריסן זיך און אַ צווייטן פּאַרטיזאַן, וואָס איז געלעגן נעבן אים פאַרווונדעט. די פויערים פון דאָרף האָבן זיי ביידן מקבר געווען נעבן זייער בית־הקברות. אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן אונזערע כוחות פאַרנומען דעם דאָרף און אויף ביידע קברים אויפגעשטעלט פּראָוויזאָרישע מצבות.

הערצל איז, ווי געזאָגט, געווען פון די ערשטע אונטערערדישע קעמפער אין סלאָנים. ער האָט פאַרבונדן די אידישע יונגעלייט מיט די קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען שוין טעטיק געווען אין די וועלדער פון „וואָלטשע נאָרי". מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די גרופּן און איבערפירן געווער זרח קרעמען, אַרטשיק באַנדט, מאַשקאָווסקי, זיין ברודער יאַשע, וואָס האָט געאַרבעט אין בויטע־לאַגער (איצטער פאַרשיקט אין רוסלאַנד), און נאָך צענדליקע בחורים און מיידלעך.

איך געדענק, מיט וואָס פאַר אַ יראת־הכבוד און שטאָלץ כ׳האָב פאַרשאַפן די ערשטע 2 טאָפּאָגראַפישע מאַפּעס פון סלאָנים און איר אומגעגנט, איינשטעלנדיק דאָס לעבן אין געפאַר. ניט קיין קלענערע סכנה האָט געדראָט ביים גיין אויפגראָבן ביקסן־קוילן אויף דער פּלאַזשע נעבן דער אייזערנער בריק, וואָס איז שטרענג באַוואַכט געווען דורך די דייטשן. די אַמוניציע האָב איך צופעליק פאַרגראָבן אייניקע טעג נאָכן אָנקומען פון די דייטשן, דאַן ווען ס׳האָט זיך געוואַלגערט פיל פון דעם אין יעדן אָרט, אָבער קיינער האָט עס ניט גערירט פון פחד.

מ׳מוז אונטערשטרייכן, אַז אין אַלגעמיין איז דער געדאַנק פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פרעמד און ווייט געווען פ״ן דער אידישער באַפעלקערונג, אפילו פון דער יוגנט. ס׳רוב יונגעלייט האָבן געמאַכט דעם חשבון פון זייערע משפחות, עלטערן און קרובים, פון די אַלטוואַרג און קינדער, וועלכע מ׳האָט אין וואַלד אַריין ניט געקענט מיטנעמען. ס׳איז אויך געווען אַ מיינונג, אַז די ווייסרוסישע דאָרפישע באַפעלקערונג וועט אַליין באַקעמפן די אידישע פּאַרטיזאַנער, צוליב שנאת־

ישראל און אַנדערע גרונטן, — און אָן זייער הילף איז שווער אויסצוהאַלטן אין די ווילדע און פרעמדע וועלדער פון וואָלטשע נאָרי, אין וועלכע ס'האָט זיך פאָרמירט די ערשטע העלדישע פּאַרטיזאַנער־גרופּע פון אַ 100 סלאָנימער יונגעלייט, די א. ג. „51־סטע גרופּע" אויפן נאָמען פון שטשאָרסן.

הונגער און מורא אין געטאָ

די לאַגע אין געטאָ איז געווען שווער און אָנגעשטרענגט, אַזן זי איז שווערער געוואָרן פון טאָג צו טאָג. ס'האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן פילן דער הונגער, דערביי זיינען כמעט אַלע אַרומגעגאַנגען צעבראָכן, ווייל ס'איז כמעט ניט געווען קיין משפּחה, פון וועלכער ס'זאָלן ניט האָבן געפאַלן אייניקע מיטגלידער. יעדערער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ שוואַרצן טרויער אין האַרצן.

אַלע זיינען געווען געצווּנגען אַרויסצוגיין צו אַרבעט, פאַר וועלכער מ'האָט באַקומען 250 גראַם ברויט אַ טאָג, — ברויט געמישט מיט קאַרטאָפל, וואָס האָט קיין טעם ניט געהאַט. די וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ זיינען אַרויס צו דער אַרבעט גרופּנווייז, מיט זייער אידישן „פאָראַרבייטער" בראש, אַזן געגאַנגען איז מען אינמיטן גאַס, אויפן ברוק, ווייל אויף די טראָטואַרן איז פאַרבאָטן געווען צו גיין און דער פאַרבאָט איז געהיט געוואָרן דורך ווייסרוסישער פּאָליציי.

אַ סך אידן האָבן געאַרבעט ביים אויפשטעלן אויף זאַמקאָווע אַ גרויסע, צווייסטאָקיקע הילצערנע געביידע פאַרן „געביטס־קאָמיסאַריאַט". געביטס־קאָמיסאַר איז דאַן געווען דער מערדער שטעללע, וואָס האָט פאַרנומען דעם אָרט פון דעם ווילדן רוצח היק. ביי דער געביידע האָבן געאַרבעט מייסטנס פאַכלייט פון דער האָלץ־בראַנזשע, צווישן זיי אויך מיין פאָטער און מיין פעטער יצחק ז"ל (ביידע געפאַלן שפּעטער אין די וועלדער). מאַקס אָסטרינסקי האָט דאָרטן געאַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער, ווי אויך אהרן יאָסעלעוויטש, — ביידע זיינען שפּעטער געווען מיט די פּאַרטיזאַנער און זיינען לעבן געבליבן.

יעדע שמ־עה האָט באַלד אַרויסגערופן אַן אַזמרו צווישן די אידן אין געטאָ. כמעט אין יעדן הויז איז געבויט אָדער געגראָבן געוואָרן אַ באַהעלטעניש אויפן פאַל פון אַן אַקציע, מענטשן האָבן זיך געגרייט שפּייז אויף די שווערע טעג, אָבער קיינער האָט זיך קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן, וואָס ס'וועט זיין נאָכדעם, שפּעטער.

אַזוי זיינען אַוועק טעג און נעכט אין אומרו, פּיין און פּחד. פאַלן פון שלאָגן און דערמאָרדן זיינען געווען אָפטע דערשיינונגען אין געטאָ, אַזן כ'קען ניט פאַרגעסן דעם פאַל מיטן יונגן סטאָלער, וועלכער איז אינמיטן גאַס דערשאָסן געוואָרן דורך אַ זשאַנדאַרם פאַר האָבן ביי זיך אַ האַלבע פלעשל מילך.

מ'האָט שוין ניט געקענט קויפן קיין שפּייז ביי קריסטן, ס'האָט געדראָט אַ קויל דעם קויפער און דעם פאַרקויפער. די קלאַנגען וועגן אַבסאָלוט־ליקווידירטע געטאָס אין אַרומיקע שטעט און שטעטלעך זיינען דערגאַנגען אין געטאָ, יעדער איינער איז אַרומגעגאַנגען מיט דער ביטערער זיכערקייט, אַז דער טויט וועט אויך סלאָנימער געטאָ ניט אויסמיידן, אָבער קיינער האָט ניט געוווּסט ווען ס'וועט געשען.

ווינטערצייט איז אָנגעקומען אַ מיליטערישע אָפּטיילונג פון ליטווינער, און דאָס האָט קיין גוטס ניט צוגעזאָגט. די ליטווינער זיינען באַקאַנט געווען ווי בייזע, אַנטיסעמיטישע הינט. דערצו איז נאָך סוף אַפּריל צוגעקומען אַן אָפּטיילונג אוקראַינער, היטלערס פרייוויליקע בלוטיקע משרתים.

מ'פירט אונז אַרויס צו אַרבעט

אין אַ שיינעם מאַי־פרימאָרגן איז אַרויס אַ באַפעל פון געביטס־קאָמיסאַריאַט, אַז אַלע די וואָס אַרבעטן ביים דייטשן בוי־אַרבעט דאַרפן זיך אויפקלייבן צומאָרגנס אין דער פרי ביים געטאָ־טויער, כדי אַרויסגעפירט צו ווערן אויפן צווייטן בריק פון אולאַנסקע גאַס. יעדער איינער דאַרף מיטברענגען אַ פעקל עסן אויף אייניקע טעג. מיר האָבן געפילט, אַז ס'גייט עפּעס אַן אומגליק אויפן געטאָ, אין וועלכן ס'בלייבן איבער די פרויען און קינדער, ווייל צום מעלדן זיך זיינען גערופן געוואָרן בלויז מענער.

אין געטאָ האָט זיך ווידער אַריינגעכאַפּט די פּאַניק, באַגלייט מיט אַ ביטערן פאָרגעפיל אַז ס'גרייט זיך אַן אַקציע. דאָס אַראָפּברענגען אוקראַינער האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד.

ביז שפּעט אָונט זיינען מיר געזעסן ביי אונז און צענדליקער מאָל איבערגעטראַכט וואָס צו טאָן. זיך אויסבאַהאַלטן, ווי אַ סך האָבן באַשלאָסן, אָדער זיך געזעגענען מיט די משפּחות און זיך מעלדן אויפן באַשטימטן אָרט. סוף־סוף האָבן מיר באַשלאָסן אָפּוואַרטן ביז מאָרגן פרי און האַנדלען לויט דער לאַגע וואָס וועט זיך שאַפן אין געטאָ און אַרום אים, אויף דער „אַרישער זייט", אויף יענער זייט שטעכל־דראָטן.

די נאַכט איז אַדורך אין שלאָפלאָזן טראַכטן און אַרויסקוקן יעדעס מאָל אין דרויסן. אינדערפרי איז די באַוועגונג אין געטאָ געווען אַ קליינע אַזן אָנגעשטרענגטע, מענטשן האָבן זיך גייענדיק כסדר אַרומגעקוקט, צי ס'ברעכט ניט אויס ערגיץ דער שטורעם, וואָס ברענגט מיט זיך טויט.

מענער מיט טאָרבעס אָדער קוישן איבערגעהאַנגען אויפן אַקסל האָבן זיך ווי שאָטנס גערוקט אין דער ריכטונג צום זאַמלפּלאַץ. אַרום געטאָ איז געווען שטיל. דער פאַרקער אויף דער קריסטלעכער זייט — נאָרמאַל. דאָס האָט אונז אַביסל באַרויקט. אין לעצטן מאָמענט האָבן מיר, מיין פאָטער און איך, באַשלאָסן זיך צוצושטעלן.

ביים געטאָ־טויער האָט מען אַלעמען אויפגעקליבן, די „פאָראַרבייטערס" האָבן אויסגערופן יעדן ביים נאָמען און פאַמיליע און אין רייען זיינען מיר דורכן טויער אויף אולאַנסקע גאַס אַרויס, באַגלייט דורך די שטאָטישע פּאָליציאַנטן, אין דער ריכטונג צו דער באַן־סטאַנציע. אויף דער צווייטער בריק האָט מען אונז אָפּגעשטעלט. אַהין זיינען אָנגעקומען דייטשע פאָרשטייער פון געביטס־קאָמיסאַריאַט. נאָכן אויסטוישן אייניקע ווערטער מיט די אידישע „פאַראַנטוואָרטלעכע" פון בוי־אַמט האָט מען ווידער אויסגערופן אונזערע נעמען, אונז איבערגעציילט און געהייסן וואַרטן אויפן אָרט, ניט רירן זיך ביז ס'וועט קומען אַ באַפעל.

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון דער ריכטונג פון וואָקזאַל דערהערט אַ גערויש פון לאַסט־אויטאָס, אַזן באַלד זיינען זיי מיט רעש פאַרבייגעפאָרן נעבן אונז, פול מיט באַוואָפנטע מיליטער־לייט און באַנדיטישע אוקראַינער, אין דער ריכ־

טונג צום געטאָ. עטלעכע פון זיי האָבן פאַרבײַפאָרנדיק אָנגעשטעלט אויף אונדז זייערע ביקסן און אויסגעשריען פּרעכע זידלערײַען אויף אינזער חשבון. דאָס האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן פון כמעט אַלע אָנוועזנדע. יעדער איינער איז זיכער געווען, אַז די בלוטיקע משרתים פאָרן אין געטאָ כדי אויסצופירן די פאַרברעכנס, וואָס די דײַטשן האָבן טײַוולאָניש פּלאַנירט. יעדערער האָט געטראַכט וועגן די טײַערע איבערגעבליבענע אויף זייער גורל אין געטאָ.

אַ באַפעל זיך צו רירן פון אָרט האָט איבערגעריסן אונדזערע שוואַרצע מחשבות. איצטער איז שוין קיין אַנדער ברירה ניט געווען, און מיר האָבן אָנגעהויבן שלעפּן זיך אין דער ריכטונג פון קאָזלווישטשינע, מיט שווערע הערצער וואָס רײַסן זיך צוריק, צום געטאָ, צו די משפחות. מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען גאַסן און הײַזער, וווּ ס'האָבן אַמאָל געוווינט קרובים און באַקאַנטע, ערטער וווּ מיר זײַנען אַרומגעלאָפן, געשפּרונגען און זיך געשפּילט. איצטער ווערן מיר איבער די זעלבע גאַסן געפירט ווי פאַרברעכערס, אַלץ אַרום איז פרעמד און פײַנטלעך צו אונדז, פּונקט ווי מיר וואָלטן זיי באַרויבט און באַגזלט, און ניט פאַרקערט.

אונדזערע באַגלייטער זײַנען ניט געווען באַזונדערס שטרענג, הגם זיי האָבן כסדר איבערגעחזרט דעם באַפעל „פון אויבן", אַז פאַרן אַרויסגיין אָן אַ דערלויבעניש פון דער ריי וועט מען דערשאָסן ווערן אויפן אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אפשר וועט די גאַנצע געשיכטע דורכגיין בשלום.

ס'איז געשטאַנען אַ שיינער פרילינג־טאָג. מיר זײַנען געגאַנגען איבער פעלדער און וועלדער אויפגעוועקטע נאָך וואָס פון זייער ווינטער־שלאָף. די ערשטע גרינע בלעטלעך און גראָזן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן, און פון אונטער די בוימער האָבן אַרויסגעקוקט פרילינג־בלומען מיט זייערע דופטיקע ריחות. אַזוי אָנקוקנדיק די שיינקייט פון דער נאַטור האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס איז אַלץ קעגן אונדז, כדי אונדז צו רייצן און נאָך מערער אונטערשטרײַכן אונדזער געפאַלנקייט אַלס שקלאַפן אין די הענט פון בעסטיעס — מיר, דאָס „אתה בחרתנו"־פאָלק, אין די הענט פון נידעריקע אוממענטשן.

די זון האָט זיך גלײַכגילטיק צוגעקוקט צו דעם אַלעמען און האָט קיין סימן פון צער ניט אַרויסגעוויזן. להיפך, זי האָט אַזוי פריילעך זיך אָפּגעשפּיגלט אין די מעטאַלענע טיילן פון די פּאָליציאַנטישע ביקסן.

מיר זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצן טאָג איבער די דאָרפישע ווײַסרוסישע שלאַכן, זיך אָפּשטעלנדיק עטלעכע מאָל צו רוען. פון אונדזערע באַגלייטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין געטאָ וועט מען כאַפּן מענער צו אַרבעט און זיי אַוועקפירן ווער ווייס וווּהין.

אין אָוונט זײַנען מיר אָנגעקומען צו אַ כוטאָר, אַ דאָרפיש הויז אין וואַלד, נעבן וועג. דאָרטן זײַנען מיר געבליבן נעכטיקן. מ'האָט אונדז געגעבן צום שלאָפן דעם שייער, נאָכדעם ווי מ'האָט געגעסן ווער ס'האָט געקענט און פאַרטרונקען אַביסל וואַסער פון ברונעם. קיין פּלאַץ פאַר אַלעמען אין שייער איז ניט געווען, האָט מען די איבעריקע אַוועקגעפירט אין וואַלד אַרײַן, עטלעכע צענדליק מעטער ווייט פון וועג. דאָרטן האָט מען אונדז צו וויסן געגעבן, אַז דורך סלאָנים קלײַבט זיך דורכפאָרן אויפן פראָנט אַן ס. ס. גרופּע פון דײַטשן מיליטער, און זי וועט כאַפּן מענער אויף אַרבעט. אַזוי ווי דער געביטס־קאָמיסאַריאַט און אויך די ווערמאַכט־קאָמאַנדאַנטור פון סלאָנים קען גאָרניט טאָן קעגן די ס. ס., האָבן זיי באַשלאָסן אַרויספירן זייערע נוצלעכע אידישע אַרבעטער פון שטאָט, כדי זיי צו פאַרזיכערן פאַר זיך. און איצטער, דאָ אין וואַלד מוז מען ליגן שטיל, ווײַל די ס. ס. קענען אויך דאָ דורכפאָרן, און זיי דאַרפן אונדז ניט באַמערקן.

מ'האָט אונדז לאַנג ניט געדאַרפט אײַנריידן, אַז מיר זאָלן ליגן שטום. אַלץ אַרום איז געווען פאַרזונקען אין שוואַרצער פינסטערניש פון געדיכטן סאָסנאָוון וואַלד, די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, ווי פרילינג־נעכט אין ווײַסרוסלאַנד, און נאָר אַ לײַכטער ווינטל האָט געשטערט די רו אַרום, שעפּטשענדיק אין די בוימער־שפּיצן. אונטן, נאָנט בײַ די וואָרצלען, איז געלעגן אַ גרופּע אידן מיט צעריסענע נשמות און אויסגעמאַטערטע קערפּערס, וועלכע מ'באַהאַלט דאָ אויס פאַר דער בייזער ס. ס.־אישער אויג, כדי זיי צוערשט אויסנוצן און לאָזן פאַר זיך דעם פאַרגעניגן פון מאַכן אַ סוף מיט זיי.

גרופּקעסווייז איז מען געזעסן אין דער פינסטערניש, און פון צײַט צו צײַט אַ שעפּטשע געטאָן עפּעס וואָס אָדער אַרויסגעלאָזן אַ טיפן, שטילן, טרויעריקן זיפץ. אַזוי זיצנדיק אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים זײַנען מיר פון מידקייט אײַנגעשלאָפן.

אין פּוזעוויטשער לאַגער

איך געדענק ניט גענוי אין וועלכער ריכטונג מיר זײַנען צומאָרגנס ווייטער געגאַנגען, אָבער אַרום מיטאָג־צײַט האָט מען אונדז געבראַכט, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אויף אַ שאָסיי, וועלכן ס'האָבן געבויט אידן און קריסטן ניט ווייט פון דאָרף פּוזעוויטש; אין דעם דאָרף איז געווען אַן אַרבעטס־לאַגער פאַר אידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווי קאָסאָווע, ביטען א. אַנד.

קודם כל האָט מען אונדז מכבד געווען מיט אַביסל אַרבעט, אונטער דער לייטונג פון סלאָנימער קריסטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעטיילט פון די איבעריקע פאַכלײַט מיט די ווײַסע אָרעמבאַנדן אויף זייערע אַרבל, מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט „לייטער־שטראַסענבאַו" אָדער „לייטונג".

דער שאָסיי איז, לויט זײַן ברייט און שטיינער־שיכטן, באַשטימט געווען צו מיליטערישע צוועקן. אידן האָבן די שטיינער צוגעפירט מיט טאַטשקעס, די פּויערים — מיט זייערע פורן. ווו ניט ווו האָט זיך אַרומגעדרייט אַ דײַטש, וואָס פלעגט פון צײַט צו צײַט, פון פאַרגעניגן וועגן, אַ געשריי טאָן אָדער אַ שטויס געבן אַ אידן, וועלכער האָט אים אויסגעזען ניט גענוג פלינק צו זײַן בײַ דער אַרבעט.

מיטאָג־צײַט איז אָנגעקומען אַ טאַקסי מיטן געביטס־קאָמיסאַר, אָדער זײַן פאַרטרעטער, און נאָך אייניקע „געלע הינט" (אַזוי האָט מען זיי גערופן צוליב זייער געל־ברוינעם אוניפאָרם). זיי האָבן פאַררופן צו זיך די אידישע פאָרשטייער. נאָך אַ קורצער באַראַטונג אויסגעשטעלט אַלעמען אין אַ ריי און אָנגעהויבן לייענען נעמען פון אַ גרייטער רשימה. די אויסגערופענע זײַנען אַרויס פון דער ריי און זיך געשטעלט אָן אַ זײַט. די גרעסערע טייל איז געבליבן. אויסגערופן האָט

מען נאָר די נויטיקע קוואַליפיצירטע פאַכלייט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן. די איבעריקע זיינען געבליבן אַרבעטן אויפן שאָסיי אין איינגעגלידערט געוואָרן אין פּוזעוויטשער אַר־בעטס־לאַגער.

צווישן די אַרויסגערופענע איז אויך געווען מיין פאָטער און מיין פעטער יודל ריבאַצקי, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן מיר. איך בין געבליבן. ווען מ'האָט אויסגערופן מיין פאָטער האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, וואַרטנדיק מסתמא אַז מ'זאָל אויך מיר אויסרופן. ער האָט מיר געהאַלטן פאַר דער האַנט, און זיין האַנט האָט נערוועז געציטערט, זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ניט געקענט אַ וואָרט אויסריידן. איך האָב אים דאַן געזאָגט, אַז ער זאָל גיין, און איך וועל שוין קומען. די אַרבעט דאָ וועט מיר ניט זיין צו שווער און איך וועל זיך אַן עצה געבן אַליין. כ'האָב געוואָלט אים באַרואיקן, כדי ער זאָל זיך אומקערן „אַהיים", אין געטאָ אַריין.

די „גליקלעכע", וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ, זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין שורות, איבערגעציילט גע־וואָרן אייניקע מאָל, טאָמער האָט זיך, חס וחלילה, עמיצער אַריינגעכאַפּט אין זייערע רייען, און דאַן האָט מען זיי אַוועק־געפירט אין דער ריכטונג פון סלאָנים.

אונז די איבערגעבליבענע, האָט מען צוגעטיילט צו די שאָסיי־אַרבעטן. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט די פאַרוואָקסענע, פאַרשמ ציקטע און אָפּגעריסענע אידן, וואָס זיצן שוין אייניקע מאָנאַטן אין לאַגער, און זיי האָבן אונז אין קורצע, אָפּגעריי־סענע זאַצן געשילדערט דאָס טרויעריקע לעבן אין לאַגער. אָבער דער לאַגער אַליין האָט אונז דערציילט וועגן זיך פיל שטאַרקער און דייטלעכער ווי די שילדערונגען פון זיינע אומגליקלעכע אַרבעטס־אַרעסטאַנטן.

ביזן סוף פון אַרבעטסטאָג זיינען נאָך געבליבן אייניקע שעה. פּלוצלינג האָבן מיר געכאַפּט שטאַרקע בויך־ווייטאָקן, פון אויפרעגונג, ווייזט אויס, אָדער פון פאַרדאַרבן דעם מאָגן. כ'בין אַוועק אַן אַ זייט און זיך געלייגט אויף דער ערד, אונ־טער נאָענטע קוסטעס. אַ איד פון לאַגער איז פאַרביי און מיר געפרעגט וואָס איז מיר. איך האָב אים דערציילט, און ער האָט, מעשה מומחה, מיר אַ דריק געטאָן אין רעכטן זייט, אויפ־געהויבן מיין רעכטע פוס און געפרעגט צי ס'טוט מיר באַ־זונדערס ווי פון דעם. מיר האָט ווי געטאָן פון אַלע זייטן, אויך ביים אויפהויבן די לינקע פוס, און דאַן האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז ער האָט געזוכט סימפּטאָמען פון אַן אַטאַק אין דער „בלינדער קישקע", אָבער אויב ס'טוט מיר ווי אויך פון דער לינקער זייט, איז דאָס סתם בויך־ווייטאָק. מיר איז אַריין אין געדאַנק, אַז כ'קען אויסנוצן מיין „בלינדע קישקע" כדי ניט אַריינצוגיין אין לאַגער.

ביים סוף פון דער אַרבעט האָב איך זיך אויסגעשטעלט גלייך מיט אַלעמען. כ'האָב באַמערקט אַ באַקאַנטן סלאָנימער קריסט, אַ געוועזענער „פאָראַרבייטער", אים דערציילט די געשיכטע מיט דער „שלעפּע קישקע" און פון אים זיך דער־ווּסט, אַז אין לאַגער איז דאָ אַ דאָקטאָר אַ איד, און נאָר ער וועט מיר קענען העלפן. מיט גרויסע ווייטאָקן בין איך דער־גאַנגען ביזן טויער פון לאַגער. דאָרטן האָט מען געטיילט קאַרטן אויף ברויט און פאַרשריבן די ניי־געקומענע. מ'האָט מיר, אַלס קראַנקן, פאַרשריבן פון די ערשטע און דערלויבט אַריינצוגיין אין פאַרצאַמטן און באַוואַכטן לאַגער.

שווער צו באַשרייבן דעם איינדרוק וואָס דער לאַגער האָט אויף מיר געמאַכט. אייניקע גרויסע באַראַקן מיט שטרויענע דעכער, אין וועלכע מ'איז געשלאָפן אויף דער ערד, אונטער־געבעט מיט שמאַטעס. קיין פענסטער און קיין ליכט איז דאָרטן ניט געווען. אַלץ איז געווען פאַרלייזיקט און פול מיט פליי. איך האָב פשוט מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו די באַראַקן, אויך אַנדערע ניי־געקומענע זיינען געבליבן אין קאַלטן דרויסן און מוותר געווען אויף דער וואַרעמקייט און אויף די פאַראַזיטן פון די שמוציקע געביידעס.

די אַלטע לאַגער־איינוווינער האָבן אונז גערופן זיך וואַשן. מיר זיינען געגאַנגען נאָך זיי און ווידער דערזען אַ שוידער־לעכע סצענע. אין אַ קליינעם, שמאָלן טייכל הינטער די שייערן האָבן זיך געוואַשן הונדערטער מענטשן, נאַקעט אָדער האַלב־נאַקעט. דאָס וואַסער איז געווען מוטנע, שמוציק, און טראָץ דעם האָט עס געדינט צו אַלץ, צום וואַשן דאָס געזיכט, שווענ־קען די ציין, טרינקען און קאָכן.

ניט ווייט פון טייכל איז געשטאַנען די קיך, ס'הייסט: אַ גרויסער קעסל איז געהאַנגען איבער אַ פייער פון ברענענ־דיקן האָלץ און יעדערער האָט באַקומען אַ פּאָרציע זופּ אין אַ כלי, וועלכע מ'האָט אויך געשווענקט אין זעלבן טייכל.

אין צווישנצייט האָט מען גערופן דעם דאָקטאָר, עליאָש ראַבינאָוויטשן, וואָס האָט געוווינט אויסערן לאַגער, אין אַ דאָרפישן הויז, אין וועלכן ס'איז אויך געווען די קליניק. איך האָב אים דערקענט און דערציילט וועגן מיינע שמערצן, האָט ער מיר געהייסן רואיק ליגן, אפשר וועט עס מיר ביז מאָרגן פאַרבייגיין. דעמזעלבן טאָג האָב איך געטראָפן נאָך אַ פּאָר באַקאַנטע, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמען געאַרבעט אין קאַנצעפּאָלסקיס טאַרטאַק פאַרן בוי־אַמט. איינער פון זיי איז געווען אהרן יאָסעלעוויטש, דער צווייטער, וועמענס נאָמען איך קען זיך ניט דערמאָנען, איז געווען אַ פּליט פון פּוילן, וואָס האָט זייער שיין פידל געשפּילט, און די דייטשן פלעגן אים אויסניצן, באַשעפטיקן אויף זייערע פאַרוויילונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, צאָלנדיק אים מיט עפּעס אָפּעסן אָדער אויסטרינקען.

מיר האָבן אויסגעלייגט אַ פייער פון שטיקלעך האָלץ, די נאַכט איז נאָך געווען אַ קילע. ס'איז שווער געווען איינצו־שלאָפן, אָבער ניט צוליב דער קעלט פון דרויסן. זיינען אַ סך פון לאַגער אַרויס און זיך געלייגט אונטערן פרייען הימל, געלעגן און געטראַכט כל מיני מחשבות, געקוקט אויף די פייער־צונגען און געזוכט אין זיי אַ שטראַל פון האָפענונג.

אַזוי האָבן מיר זיך געוואַרעמט ביים פייער, דערציילנדיק פאַרשיידענע געשיכטעס, וואָס איינע האָט זיך ניט געקלעפּט צו דער צווייטער, אַבי וואָס שנעלער דורכצושטופּן די נאַכט, און אפשר אַביסל איינשלאָפן.

צוריק אַהיים, אין געטאָ

צומאָרגנס פרי, אַרום 6, זיינען שוין אַלע געווען אויף די פיס. מ'האָט זיך געוואַשן, געגעסן, געטרינקען — און זיך אויסגעשטעלט אין רייען אויפן פּלאַץ.

איך האָב זיך אויך צוגעשטעלט ביים סוף און געוואַרט

וואָס דאָ וועט פאָרקומען. מ׳האָט אַלעמען געציילט בײַ די נעמען און צעטיילט צו דער אַרבעט. ד״ר ראַבינאָוויטש, וועלכער איז בײַגעווען דעם אַפּעל, איז צו מיר צו און געהייסן אָפּטרעטן אַביסל, זיך זעצן און וואַרטן ביז אַלע וועלן אַוועקגיין צו דער אַרבעט. דאַן האָט ער מיר ווידער אונטערזוכט און געהייסן בלויז ליגן, ווײַל קיין ספּעציעלע רפואות זײַנען ניטאָ. ער האָט מיר צוגעזאָגט זיך פאַרשטענדיקן מיט דער שטאָט און אפשר וועט ער באַקומען פאַר מיר אַ דערלויבעניש זיך אומצוקערן אין געטאָ. איך האָב אַזוי ממשיך געווען מיט מײַן קראַנקהייט.

אין די נאָכמיטאָג־שעה׳ן איז ווידער צו מיר געקומען ד״ר ראַבינאָוויטש און איך האָב פון זײַן פּנים געזען, אַז קיין גוטע נײַעס האָט ער פאַר מיר ניט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן געביטס־קאָמיסאַריאַט אין סלאָנים און געמאָלדן, אַז ער האָט אַ קראַנקן, וועלכן מ׳מוז פירן אין שפּיטאָל און אפשר אויך אָפּערירן. זיי האָבן געפרעגט, צי דער חולה אַרבעט, און ווען ער האָט געענטפערט, אַז כ׳אַרבעט ניט, האָט דער דײַטש געזאָגט, אַז אויב דער קראַנקער וועט אויך צומאָרגנס ניט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, וועט ער געבן אַ באַפעל זײַנע „דאָקטוירים״, אַז מ׳זאָל אים אָפּערירן אויפן פלאַץ און אין משך פון אייניקע סעקונדן וועט „אַלץ זײַן אין אָרדענונג״. דערבײַ האָט ער צוגעגעבן, אַז די געזונטע אידן זײַנען איבעריק, ניט נאָר די קראַנקע...

וואָס זאָל איך טאָן? בלײַבן — אָדער אַנטלויפן? דער דאָקטאָר האָט מיר געראָטן אָפּוואַרטן ביז מאָרגן, און מ׳וועט מיר צוטיילן צו לײַכטער אַרבעט. אַזוי איז טאַקע געווען. מ׳האָט מיר צוגעטיילט צו פירן וואַסער פון שכנותדיקן ברונעם, מיט אַ פור און פעסלעך. דער טאָג איז מיר שנעל אַריבער, ס׳איז ווידער געקומען אַן אָוונט אַ קילער, אַ נאַכט אַ שלאָפלאָזע — און נאָך איר דער דריטער פרימאָרגן אין לאַגער, ענלעך צו די פריערדיקע. נאָר דער הימל איז געווען אַביסל פאַרוואָלקנט און ס׳האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געקליבן רעגענען.

אין אָוונט איז אַרויס אַ רעגן. אַרום 6—7 פאַרנאַכט האָב איך באַמערקט אַ פור זיך דערנענטערן צום טויער פון לאַגער. אַלע אַרום האָבן זיך געאײַלט צו דער פור. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פורמאַן האָט געבראַכט פאַר די לאַגער־פאַרשפּאַרטע פּעקלעך פון זייערע משפּחות, געשיקט מיט דער פאַרמיטלונג פון יודנראַט. דאָס פלעגט געשיקט ווערן איינמאָל אַ וואָך און פאַרטיילט ווערן די פאַרשפּאַרטע איבער די שטעכל־דראָטן, בײַ דער אָנוועזנהייט פון אַ דײַטש און אַ פּאָליציאַנט. ניט אַלע פּעקלעך זײַנען רעווידירט געוואָרן. צוזאַמען מיט אַנדערע סלאָנימער אידן האָב איך אויך דערהאַלטן אַ פּעקל.

בײַם איבערגעבן מיר דאָס פּעקל האָט דער פורמאַן, אַ סלאָנימער איד, מיר אַ זאָג געטאָן, אַז איך זאָל גוט נאָכקוקן, צי ס׳איז אַלץ דאָ אין פּעקל. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס וואָס דאַרף זײַן אינעווייניק.

כ׳האָב געפונען אַ בריוו פון מײַנע עלטערן. זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט נאָך מײַן געזונט־צושטאַנד און געשיקט, פאַרשטעקט אין אַ קעשענע פון אַ בגד, אַן אַרבעטס־קאַרטע וואָס דערלויבט אַרײַנצוקומען אין געטאָ אַרײַן. איך האָב פאַרשטאַ־

נען, אַז איך דאַרף אַוועקגיין פון דאַנען, אָבער ווי אַזוי? און דאַן בין איך צוגעגאַנגען צום פורמאַן און אים געפרעגט, צי ער פאָרט צוריק, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער פאָרט צומאָרגנס פאַרטאָג. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איך וויל מיט אים מיטפאָרן, און ער איז מסכים געווען. אָבער ווי גייט מען אַרויס פון דאַנען? און וואָס וועט זײַן, אויב מ׳וועט מיר פּאַקן אויפן וועג?

מײַנע בײדע באַקאַנטע האָב איך דערציילט, אַז כ׳קלײַב זיך אָפּטראָגן פון לאַגער. זיי האָבן מיר מקנא געווען, אָבער ניט געוואָלט ריזיקירן אין אַנטלויפן מיט מיר. איך האָב זיי איבערגעלאָזן כמעט מײַן גאַנצן פּעקל, איבערגעלאָזן פאַר זיך נאָר אַ פּאָר קלייניקייטן, וואָס קענען מיר נויטיק זײַן אין פאַל׳ פון אַנטלויפן אינמיטן וועג. דערצו האָב איך ניט געוואָלט מ׳זאָל מיר זען שלעפּן אַ פּעקל בײַם אַרויסגיין פון טויער. אַרויס בין איך מיט דער פור און פעסלעך נאָך וואַסער, און מער האָב איך זיך שוין, פאַרשטייט זיך, ניט צוריקגעקערט. איך האָב זיך אַרויסגעדרייט אומבאַמערקטערהייט אויך פון מײַנע מיטאַרבעטער די וואַסער־טרעגער און בין אַוועק צום הויז, בײַ וועלכן דער פורמאַן האָט אַוועקגעשטעלט זײַן פערד און וואָגן איבער נאַכט. שטילערהייט בין איך אַרײַן אין שייער, זיך אײַנגעוויקלט אין די היי און געשמאַק געשלאָפן, נאָך די שלאָפלאָזע קילע נעכט אין דרויסן.

גאַנץ פרי האָב איך געהערט דעם פורמאַן שפּאַנען זײַן פערד אין וואָגן. ער האָט אָנגעלייגט דעם וואָגן מיט שטרוי. עטלעכע קריסטן האָבן אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפאָרן מיט אונז אין שטאָט אַרײַן.

ווען ס׳איז אַלץ פאַרטיק געווען צום אַרויספאָר האָב איך זיך טיף אײַנגענורעט אין די שטרוי און זיך פאַרדעקט מיט אַ פויערישן קאָץ. אַזוי זײַנען מיר אַרויסגעפאָרן פון פּוזעוויטש, נאָכדעם ווי ס׳האָט אונז בײַם אַרויספאָר אָפּגעהאַלטן אויף אַ ווײַלע אַ פּאָליציאַנט, זיך אַ וויצל געטאָן מיט די פויערים און געלאָזן פאָרן. מיר האָט זיך אין די עטלעכע מינוטן ממש דער אָטעם פאַרהאַקט, טאָמער שטעקט ער אַרײַן זײַן בליק אין די שטרוי אַרײַן.

נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע קילאָמעטער בין איך אַרויסגעקראָכן פון אונטער די שטרוי, געזעסן צוזאַמען מיט די קריסטן און אויסגעהערט אַלע זייערע מעשיות, פול מיט מיטלייד צו זייערע באַקאַנטע, גוטע אידן. מיר זײַנען דורכגעפאָרן באַקאַנטע דערפער און כוטאָרס, אַלטע דופּטיקע וועלדער, קליינע וועלדלעך מיט ניס־קוסטעס און ווילדע באַרן־ביימער. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק בין איך דאָרטן דורכגעפאָרן און געניאָסן פון די אומזיסטע פרוכטן. היינט האָב איך מורא געהאַט אפילו זיך צוקוקן צו די ביימער, טאָמער וועט פון ערגיץ דער שוואַרץ־יאָר אָנטראָגן אַ דײַטש אָדער אַ פּאָליציאַנט.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו סלאָנים, האָב איך זיך ווידער פאַרשטעקט אונטערן שטרוי. כ׳האָב געהערט, ווי די פור פאָרט פאַרבײַ די זאַמאָשטשער שלוזן, בײַ דער עלעקטראָ־סטאַנציע. אַזויפיל מאָל האָבן מיר זיך דאָרטן געבאָדן, און איצטער טאָר איך אפילו ניט קוקן אויף דעם. דאַן זײַנען מיר דורכגעפאָרן בריקער גאַס, די בײדע בריקן, און זיך פאַרקערעוועט אויף אָפּראָווע. קיין סך מענטשן זײַנען ניט געווען אין די גאַסן, כאָטש ס׳איז שוין ניט געווען אַזוי פרי. אונזער

פֿור איז קיין איינמאָל ניט פֿאַרהאַלטן געוואָרן, קען זיין, אַז מ׳האָט געמיינט — פֿויערים פֿאָרן אין שטאָט אַריין. פֿאַר די טויערן פֿון געטאָ זיינען די קריסטן אַראָפּ. מיר האָבן געוויזן די דאָקומענטן אין זיינען אַריין אָן שאלות. פֿון צווייטן זייט טויער האָט מיר אָפּגעוואַרט די גאַנצע משפּחה. איך האָב זיך באַמיט פֿאַרהאַלטן רואיק און אַוועק באַלד אָן אַ זייט, כּדי ניט צו דערוועקן די נייגיריקייט פֿון מענטשן, וואָס קען אָפּט שאָדן ברענגען. ס׳האָט מיר פֿאַרקלעמט אין האַרצן ביים צוקוקן זיך צו מיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך אויך צוריקגעהאַלטן און ניט אַרויסגעוויזן זייער שמחה. ערשט אין אַ נאָענטן הויף האָבן מיר זיך געוואָרפֿן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס, אַזוי ווי מיר וואָלטן זיך שוין זייט יאָרן ניט געזען.

מיר זיינען אָנגעקומען אַהיים אויף מיכאַלאָווסקע. דאָרטן האָט מען מיר ערשט געמאַכט יענע אויפֿנאַמע און באַלד אַריינגעלייגט, ווי אַן אמת׳ן קראַנקן, און ניט ווי אַ געמאַכטן, אין בעט אַריין. פֿון מידקייט און אָנשטרענגונג בין איך באַלד שטאַרק איינגעשלאָפֿן.

געשלאָפֿן בין איך ביז צומאָרגנס גאַנץ פֿרי. און אַז איך האָב זיך אויפֿגעוועקט, האָב איך ווידער דורכן פֿענסטער דערזען די גרויע ווירקלעכקייט פֿון געטאָ — אַ אידישער געטאָ אונטער דייטשער הערשאַפֿט אין מיטן פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

מ׳האָט מיר דערציילט, וואָס ס׳איז אין געטאָ פֿאָרגעקומען פֿאַר דער וואָך צייט. די פּאָר הונדערט מענער, געכאַפּטע דורך די אוקראַינער, זיינען אַוועקגעפֿירט געוואָרן קיין האָמעל, צו בויען פֿעסטונגען פֿאַרן דייטשן מיליטער. אויפֿן וועג האָבן עטלעכע יונגעלייט געעפֿנט די טיר פֿון אַ וואַגאָן, באַפֿאַלן די אוקראַינישע וואַך און זיך געלאָזט לויפֿן אין וואַלד אַריין, אָבער די קוילן פֿון זייערע היטער האָבן זיי דערגרייכט. פֿון דעם טראַנספּאָרט זיינען געבליבן ביים לעבן נאָר צוויי אידן: וויינשטיין דעם מאַלערס זון, וועלכער איז פֿון האָמעל פֿאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און דאָרטן דורכגעמאַכט אַלע יסורים ביז דער באַפֿרייאונג. איצטער איז ער אין אַמעריקע. ־ער צווייטער איז שלמה שוכאַטאָוויטש, פֿון דער ציגעלניע. ער איז, צוזאַמען מיט אינזער שול־חבר נפֿתּלי גראַיעווסקי געלאָפֿן פֿון האָמעלער לאַגער אין דער ריכטונג פֿון פֿראָנט, כּדי זיך דערלאַנגען צו דער רוסישער זייט. די דייטשע פּראָזשעקטאָרן האָבן זיי דערשנאַפּט — נפֿתּלי איז געבליבן הענגען אויף די שטעכל־דראָטן צווישן די פֿראָנטן, שלמה איז אַ פֿאַרוווּנדעטער אָנגעקומען צו די רוסן און אַריין אין דער רויטער אַרמיי.

די גרויזאַמע שחיטה

די שטימונג אין געטאָ איז געווען אָנגעשטרענגט, ווי תּמיד, און דאָך פֿלעגט פֿון צייט צו צייט אַריינדרינגען אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג אין דער געדיכטער פֿינסטערניש פֿון געטאָ־לעבן. אַזוי פֿלעגן דורך אומוועגן אָנקומען צו אונז ידיעות וועגן די מפּלות פֿון דייטשן מיליטער אויפֿן מזרח־פֿראָנט, און קלאַנגען וועגן גרויסע עשאַלאָנען מיט פֿאַרוווּנדעטע דייטשן, וועלכע מ׳האָט געפֿירט, בדרך כּלל, נאָר ביינאַכט.

אָבער די נאַצישע הערשאַפֿט אין געטאָ איז ניט שוואַכער אין ניט בעסער געוואָרן. פֿאַרקערט — נייע גזירות און באַשרענקונגען האָבן אונזער לעבן נאָך שווערער געמאַכט.

אַזוי האָבן זיך געצויגן טעג און וואָכן, ס׳איז אומבאַמערקט אַוועק דער פֿרילינג און דער זומער איז שוין געשטאַנען אין זיין פֿולער פּראַכט. די שטשאַרע האָט ווייטער רואיק געשטראָמט מיט אירע שטילע, ווייכע וואַסערן און איבער זיי האָבן זיך געצויגן די פּליטן, געווען צוגעבונדן צום ברעג, געוואַרט מ׳זאָל זיי נעמען צווישן די זעגן און מאַכן פֿון זיי האָלץ־מאַטעריאַלן אין יענע אַמאָליקע אידישע טאַרטאַקן, וואָס זיינען איצטער געפֿירט געוואָרן דורך קריסטן אָנהענגער פֿון דייטשן רעזשים, מיט דער נויטיקער הילף פֿון אידישע בראַקערס, מיט זייערע געלע לאַטעס אויפֿן ברוסט און רוקן.

עפּעס איז אין לופֿטן געהאַנגען אַ סכּנה. אַלץ אַרום איז געווען אָנגעשטרענגט. מ׳האָט דערוואַרט אַ נייע אַקציע, אָבער קיינער האָט ניט געוווּסט ווען און וויאַזוי זי וועט זיך אָנהויבן.

אין מיטן יוני, ווען אין געטאָ האָט געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג ביז גאָר, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן פֿירן אין טורמע אַריין אַ סך פּאָלאַקן, בעיקר פֿון צווישן זייער אינטעליגענץ. די נאַכטיקע אַרעסטן האָבן אַרויסגערופֿן אַ בהלה צווישן דער פּוילישער באַפֿעלקערונג אין שטאָט, ס׳איז אַפֿילו דערגאַנגען דערצו, אַז אייניקע פּוילישע פֿאַמיליעס און איינצל־פּערזאָנען האָבן זיך אַריינגעשמוגלט אין געטאָ, צו זייערע באַקאַנטע אידן, כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן פֿאַר די דייטשן.

נאָך אַ שבתדיקן טאָג מיט אַ סך אַרעסטן האָט מען זיך געריכט אויף נאָך אַן ערגערן זונטיק. אָבער דווקא דער זונטיקדיקער טאָג איז אַדורך רואיק אויף דער אַרישער זייט.

דאָס איז געווען די שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם. די דייטשן האָבן אומישנע אָנגעהויבן מיט די פּאָלאַקן, כּדי אידן אין געטאָ זאָלן ניט חושד זיין אַז ס׳קומט עפּעס בייזעס און זאָלן ניט זיין גרייט צו דער שחיטה, וועלכע איז שוין צוגעגרייט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס.

יענעם זונטיק אָוונט האָבן מיר פֿון אונזער הויז געהערט אַ שכּורדיקע זינגעריי און לאַכעריי פֿון סעמינאַר־בנין אויף סקראָבעווע, ניט ווייט פֿון אונז. דאָרטן זיינען אָנגעשטאַנען די ליטווישע באַנדיטן, וואָס די דייטשן האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם פֿאַריאָריקן ווינטער. די געשרייען און געזאַנגען האָבן זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און מיר ביי אונז האָבן ניט געקענט איינשלאָפֿן. אַ גאַנצע נאַכט האָט איינער פֿון אונז געוואַכט אין דרויסן, כּדי צו זען וואָס עס טוט זיך אַרום די דראָטן אויסערן געטאָ.

אַרום 3—4 פֿאַרטאָג האָט מיין קוזין הערצל שעפּעטינסקי ז״ל, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך אין דרויסן, אונז אָנגעזאָגט, אַז גרויסע גרופּן ליטווינער, פּאָליציי אין דייטשן רינגלען אַרום דעם געטאָ און פֿאַרנעמען פּאָזיציעס, מיט זייערע מאַשין־געווער געריכטעט צו די געטאָ־גאַסן. אַלץ איז אונז קלאָר געוואָרן, מיר האָבן אַלעמען אויפֿגעהויבן אויף די פֿיס, זיך שנעל אָנגעטאָן און אַריין אין די באַהעלטענישן, וואָס מיר האָבן נאָך פֿריער געהאַט צוגעגרייט. אונזער בונקער איז געווען אַ גראָבן אונטער אונזער הויז. דער אַריינגאַנג איז געווען גוט מאַסקירט, דורך אַ שפּייז־שאַנק, אויף וועלכער ס׳איז געהאַנגען אַ שלעסל, כּדי אַריינצוקריכן אין באַהעלטע־

ניש, האָט מען געדאַרפט אויפהויבן די אונטערשטע פּאָליצע, דאַן אַ דעקל פון דיל, און אַזוי איז מען אַריינגעקראָכן אין אַ גריב, לענגאויס אונזער הויז, אַרום אַנדערהאַלבן מעטער די ברייט און אויך אַזוי טיף. די דעקלעך זיינען פאַרריגלט געוואָרן פון אינעווייניק, און מ׳האָט זיי ניט געקענט אַזוי לייכט אויפרייסן.

מיר זיינען שוין געווען אָנגעלערנט פון די פריערדיקע אַקציעס, און מיר האָבן געלאָזן אַלע טירן אָפן, די זאַכן, בעטגעוואַנט און קליידונג צעשליידערט איבער אַלע צימערן, כדי צו מאַכן אַן איינדרוק, אַז מ׳איז שוין אין דעם הויז געווען און גיט אומעטום אויסגעזוכט.

אייניקע פון אונז האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צווישן האָלץ אין שטאַל אויפן הויף, דאָרטן איז אויך געווען צוגעגרייט אַ גוטע באַהעלטעניש. אין יענעם שטאַל האָט זיך, צווישן אַנדערע, אויך אויסבאַהאַלטן זרח קרעמיען, וועלכער איז געבליבן ביי אונז נעכטיקן און זיך ניט געקענט אומקערן.

לאַנג האָט מען ניט געדאַרפט וואַרטן ביז די דייטשן און זייערע ליטווישע הינט זאָלן אָנהויבן די רציחות אין געטאָ. די געשרייען פון פרויען, מענער און קינדער, געשלאָגענע דורך די ליטווינער, פּאָליציאַנטן און דייטשן, האָבן באַלד איבערגעריסן די פרימאָרגנדיקע שטילקייט. אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שחיטה.

מיר האָבן געהערט זעלנערישע טריט ביי אונז אין די צימערן, זייער געלויף איבערן גאַנצן הויז, זייערע קללות ווען זיי האָבן קיינעם ניט געפונען. איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז לויט אַלע סימנים איז מען שוין דאָ געווען און אַלעמען אַרויסגענומען. דאָך האָבן זיי געזוכט און גענישטערט אין יעדן ווינקל, אַריינגעשאָסן אין קעלער וואָס אויפן הויף, מיינענדיק אַז ווער ס׳איז באַהאַלט זיך דאָרטן.

פאַר דער צייט האָבן זיי פאַרבייגעפירט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן זיך ניט אויסבאַהאַלטן, דורך מיכאַלאָווסקי־געסל, פאַרביי אונז, צו דער טייך. פון איין גרופּע ביז דער צווייטער האָט גענומען אַ סך צייט, און דאָס האָט באַדייט, אַז אידן האָבן זיך גוט פאַרשטעקט אין זייערע באַהעלטענישן. ביים דורכפירן אַ קליינע גרופּע האָבן מיר גענוי געהערט, ווי אַ פרוי שרייט און קלאָגט אויף פּויליש: „יעזוס, מאַטקאָ באָסקאַ, איך בין דאָך אַ פּוילישע, לאָזט מיר אָפּ אַהיים!״. — ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען איינע פון יענע פּאָלאַקן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין געטאָ.

אַזוי האָבן די שיסערייען, געשרייען און יאָמערייען זיך געצויגן ביז אַזייגער 1—2 בייטאָג. דאַן איז אין אונזער געגנט אַביסל שטילער געוואָרן. אין בונקער איז די לופט געווען פאַרשטיקט און מיר האָבן מיט די הענט אויסגעגראָבן עטלעכע לעכער, כדי צו שעפּן אַביסל פרישע לופט. די לעכער זיינען אַרויס אין גאָרטן מיט די קאַרטאָפל און פון דרויסן האָט מען זיי ניט געקענט באַמערקן.

די ערשטע האָבן זיך שלעכט דערפילט די קינדער פון מיין פעטער יצחק ז״ל. אָבער מיר זיינען געזעסן ווייטער אין מאַטערנישן און פחד. קיין אויסוועג איז ניט געווען.

אַרום 4 נאָכמיטאָג האָבן זיך באַנייט די זוכענישן דורך גרעסערע גרופּן רוצחים, אונטער דער אָנפירונג פון דייטשן פונעם געביטס־קאָמיסאַריאַט. יעדער ווינקל איז געוואָרן גענוי דורכגעזוכט און דורכגענישטערט. די וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון באַהעלטענישן האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט. זיי זיינען אויך געווען אין אונזער הויף, אָנגעהויבן זוכן אין שטאַל צווישן די האָלץ. עמיצער פון זיי האָט געוואָלט אונטערצינדן דעם שטאַל, אָבער אַ דייטש האָט עס פאַרבאָטן צו טאָן, ווייל ס׳איז אַ שאָד צו פאַרברענען אַזעלכע גוטע מאַטעריאַלן.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ פּאָליציאַנט שרייען: „שטיי, אַנטלויף ניט, כ׳וועל דיר גאָרניט טאָן״. אַ לויפנדיקע פרוי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע, און דער פּאָליציאַנט האָט איר דערשאָסן אויפן אָרט. כ׳האָב געהערט דעם דייטש פון געביטס־קאָמיסאַריאַט אויסרופנדיק צום פּאָליציאַנט: „בראַוואָ!״. דאַן זיינען זיי אַריין צו אונז אין הויז און אָנגעהויבן ראַבעווען וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט.

ס׳איז געוואָרן טונקעלער, דער אָוונט האָט זיך דערנענטערט. אַ מאַשין איז צוגעפאָרן, באַשפּריצט שטאַרק אונזער הויז און אין אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָבן מיר דורך די לופטלעכער געזען, אַז אונזער הויז שטייט אין פלאַמען. דער הימל אַרום איז געווען רויט פון ברענענדיקן געטאָ.

פונדערווייטנס זיינען געשטאַנען די מערדער מיט געלאָדענעם געווער און געשאָסן יעדן איינעם, וואָס האָט פּרובירט זיך ראַטעווען פון די פלאַמען. ביי אונז אויפן בוידעם האָט זיך באַהאַלטן אַ זון מיט זיין אַלטן פאָטער. ווען דאָס הויז האָט אָנגעהויבן ברענען, זיינען זיי אַראָפּ און געוואָלט אין דער פינצטערניש אַנטלויפן דורכן גאָרטן, אָבער די מערדערישע קוילן האָבן זיי געטראָפן, צוערשט דעם אַלטן פאָטער, און דאַן דעם יונגן זון, וואָס איז געבליבן הענגען אַ טויטער אויפן פּאַרקאַן.

אונזער הויז האָט אָנגעהויבן איינפאַלן. ברענענדיקע שטיקער האָלץ און קוילן זיינען אַריינגעפאַלן אין אונזער בונקער. דער רויך האָט געברענט די אויגן און געשטיקט אין האַלז, ס׳איז שווער געווען צו אָטעמען, און מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוקריכן, פאַר יעדן פּרייז, אַבי ניט דערשטיקט צו ווערן אונטער די ברענענדיקע ווענט פון אונזער הויז.

מיט די הענט האָבן מיר אויסגעגראָבן שנעל אַ גרויסע לאָך אין גאָרטן אַריין און זיך אָנהאַלטנדיק אָן ברענענדיקע קלעצער און ברעטער, וואָס זיינען געפאַלן פון דאַך, זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון גראָבן און זיך געצויגן אויף די בייכער צווישן די קאַרטאָפל. אַזוי זיינען מיר, מיט פאַרסמאַליעטע הענט און פּיס און קליידונג, צוגעקראָכן צום שטאַל. די וואָס האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן זיינען אויך אַרויסגעקראָכן אויבן. נאָך אַ קורצער באַראַטונג האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסצוגנבענען זיך פון געטאָ אין וואַלד אַריין. זיצנדיק אַזוי אין טויט שרעק, צווישן פלאַמען און קוילן, זיינען צו אונז צוגעקומען צוויי יונגע אינגלעך, פון אַ יאָר 11—12, וועלכע זיינען צופעליג לעבן געבליבן, נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אויסגעמאָרדעט זייערע גאַנצע משפחות.

מיין פעטער לייבל איז פאַרבליבן אין באַהעלטעניש מיט זיין פרוי און קליינער טאָכטערל, אויך מיין באָבע איז מיט זיי געבליבן. מיר האָבן זיך מיט זיי געזעגנט, מיטגענומען דאָס ביסל געווער, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין שטאַל, און אַרויס אין דרויסן. מיר האָבן געדאַרפט אַריבערלויפן די

מיכאַלאָווסקי־געסל אין דער ריכטונג פֿון אַרטשיק באַנד׳ס שטוב. איינציקווייז האָבן מיר געלאָפֿן איבערן געסל, און די וואַך, וואָס איז געשטאַנען מיט אַ מאַשינגעווער ביים סוף פֿון געסל, נעבן טייך, האָט אונדז ניט באַמערקט.

צענדליקער קערפּערס פֿון דערשאָסענע אידן זיינען געלעגן איבער אונדזער קליין געסל.

ביי אַרטשיקן האָבן מיר געטראָפֿן אייניקע בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען גרייט געווען אַרויסצוגיין אין וואַלד. עטלעכע פֿון זיי זיינען געווען באַוואָפֿנט. דורך אַ קליינעם פֿענסטערל, וואָס איז אַרויס צום הויף פֿון סעמינאַר, האָבן מיר זיך איינציקווייז אַרויסגעשפּאַרט און דערגאַנגען ביז דער סקראָבעווער גאַס, איבער וועלכער ס׳האָבן געשפּאַנט דייטשע פּאַטרולן. מיר האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען דער פּאַטרול האָט זיך דערווייטערט, און דורכגעלאָפֿן די גאַס צו דער ריכטונג פֿון אַמאָליקן סטאַדיאָן. אין דער פֿינסטערניש פֿון דער שחיטה־נאַכט האָבן מיר פֿאַרלאָזן די פֿאַרבלוטיקטע, ברענענדיקע שטאָט.

קיינער דאַרף אונדז ניט אין וואַלד

אין דער פֿינסטער זיינען מיר אָנגעקומען אין וואַלד און זיך אויסגעלייגט צווישן די קוסטעס. די נאַכט האָט זיך געצויגן לאַנג, און מיר זיינען אַלע געלעגן שטומע, צעבראָכענע דורך די איבערלעבענישן פֿונם שחיטה־טאָג. קיינער פֿון אונדז האָט ניט געקענט איינשלאָפֿן. אפֿילו דער געדאַנק, אַז מיר זיינען געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ זיכערן טויט אין געטאָ, האָט קיינעם פֿון אונדז ניט געטרייסט.

פֿונדערווייטנס איז רויט געווען דער הימל איבער סלאָנים, פֿון צייט צו צייט האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין דער פֿינסטערער נאַכט רויטע פֿלאַמען איבערן געקוילעטן און פֿאַרקוילטן געטאָ. איינציקע ווייטע שיסערייען האָבן דורכגעריסן די נאַכט־שטילקייט.

ערשט שפּעטער האָבן מיר גענומען זוכן אַן עצה וואָס ווייטער צו טאָן. ס׳איז אונדז קלאָר געווען, אַז מיר אַלע צוזאַמען, מיט די פֿרויען, קינדער און עלטערע מענטשן, מיט אַזוי ווייניק געווער, קענען ניט אָנוועקלאָזן זיך צו די פּאַרטיזאַנער. ס׳איז געפֿאַלן אַ באַשלוס, אַז אייניקע באַוואָפֿנטע בחורים וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין צום וואַלד וואָלטשע נאָרי, כדי איבערצוגעבן אין שטאַב פֿון די פּאַרטיזאַנער, וואָס ס׳איז געשען אין סלאָנימער געטאָ, וויאַזוי מיר האָבן זיך געראַטעוועט און — קומען נאָכדעם אונדז נעמען אין וואַלד אַריין.

שטיל, אָן ווערטער, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די העלדישע בחורים, און זיינען פֿאַרבליבן אונטער דער פּאַרטיידיקונג פֿון אַ פּאָר יונגעלייט מיט צוויי ביקסן און אַ ביסעלע אַמוניציע, וואָס האָט געקענט קלעקן אויף אייניקע מינוטן. דאָך האָבן אונדז די ביקסן צוגעגעבן זיכערקייט און מוט.

די נאַכט איז אַוועק, און ביים שיין פֿון פֿרימאָרגן האָבן מיר דערזען, אַז אונדזער וועלדל איז גאַנץ שיטער, מ׳קען זיך אין אים ניט באַהאַלטן.

לויט אַלע סימנים האָבן זיך אין די וועלדלעך אויסבאַהאַלטן סאָוועטישע זעלנער אין די ערשטע טעג פֿון נאַצישן אָנפֿאַל אויף רוסלאַנד. ס׳זיינען אַרום קלאַנגען אין סלאָנים, אַז אַ סך סאָלדאַטן האָבן פֿאַרגראָבן אין די וועלדער זייער געווער און אַמוניציע. מיר האָבן אַלזאָ באַשלאָסן זוכן די פֿאַרגראָבענע אוצרות אַרום אונדז.

יעדן בערגל און יעדע שטיקל ערד פֿריש באַוואַקסן מיט גראָז האָבן מיר דורכגעשפּיזט מיט אייזנס און שאַרפֿע שטעקנס. מיר האָבן געפֿונען אַ סך סימנים פֿון אַנטלויפֿנדיקן מיליטער, אָבער קיין געווער האָבן מיר ניט אויסגעגראָבן. ווייזט אויס, אַז די אַרומיקע פּויערים, און אפֿשר אויך די דייטשן, האָבן די געגנט דורכגעזוכט נאָך פֿאַר אונדז און צוגענומען וואָס ס׳האָט זיך געפֿונען.

מיר האָבן שוין כמעט פֿאַרלאָזן די האָפֿענונג צו געפֿינען אַ ביקס אויף צו פֿאַרטיידיקן אונדזער פֿרייהייט און רעכט אויף לעבן, און זיך געקליבן אומקערן צו אַלע אונדזעריקע, ביז איך האָב אָנגעטראָפֿן אויף אַ ווייכערן פּלאַץ, באַוואַקסן מיט מאָך, אונטער אַ הויכן בוים. שטעכנדיק מיטן שטעקן בין איך דערגאַנגען צו עפּעס אַ האַרטער זאַך, מיט די הענט האָב איך געגראָבן טיף, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָס איז ניט קיין וואָרצל, נאָר אַ גאַנצע רוסישע ביקס, מיט קוילן און מיט אַ באַגנעט. די מציאה האָט אונדז צוגעגעבן מוט, מיר האָבן ווייטער געזוכט — אָבער מער גאָרניט געפֿונען. מיטן איינציקן געפֿונענעם ביקס זיינען מיר צוריקגעקומען צו אונדזערע משפּחות.

איך האָב זיך באַלד גענומען רייניקן דעם ביקס פֿון שמוץ און זשאַווער. געקענט האָב איך די מלאכה גאַנץ גוט, פֿון די איבונגען אין גימנאַזיע בעת דער סאָוועטישער הערשאַפֿט אין סלאָנים.

די זון איז געשטאַנען הויך איבער אונדזערע קעפּ, און פֿונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן קולות פֿון פּאַסטוכער און סטאַדעס. מיר האָבן ניט געוואָלט זיך אָנטרעפֿן אויף זיי און זיינען אַריין טיפֿער אין וואַלד. מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער זיינען די צוויי אינגלעך, וואָס מיר האָבן מיט אונדז מיטגענומען פֿון געטאָ, אַרויס צום ברעג וואַלד. זיי האָבן ביידע אויסגעזען ווי קריסטן און גערעדט גוט פּויליש. קומענדיק צוריק אין וואַלד אַריין האָבן זיי דערציילט, אַז פּאָליציי און דייטשן זיינען פֿאַרבייגעפֿאָרן און געפֿאָרשט די פּאַסטוכער, כדי ווייזט אויס פֿון זיי זיך דערוויסן וועגן אַנטלאָפֿענע אידן פֿון געטאָ.

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצוואַרטן ביז נאַכט און דאַן זיך לאָזן אין דער ריכטונג פֿון דאָרף זאַווערטשע, ווו ס׳האָבן געוווינט אייניקע באַקאַנטע קריסטן פֿון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אומענדלעך, אָבער מיר האָבן ניט געפֿילט קיין הונגער און דורשט, אַזוי באַהערשט זיינען מיר געווען פֿון איין געדאַנק: זיך דערלאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער! און יעדער איינער האָט געשוויגן, ניט גערעדט וועגן דעם דורשט צו נקמה אָן די בלוטיקע מערדער. דאָס איז געווען דער איינציקער געפֿיל אין יענעם לאַנגן טאָג אין וואַלד.

דער נאַכטיקער וועג דורך די וועלדער און פֿעלדער איז געווען אַן אָנשטרענגענדיקער. מיר זיינען געגאַנגען מיט געלאָדענע ביקסן און זיי געהאַלטן גרייט, אויף יעדן פֿאַל. מיין גוטע, רוסישע ביקס האָט באַקומען בובלאַצקי, ער איז געווען

עלטער און געשוילסטער פון מיר. מיר האָט ער געגעבן זיין ביקס, וואָס איז ניט געווען אין אָרדענונג.

אונזער וועגווייזער איז געווען מיין קוזין הערצל ז״ל. ער האָט אויסגעצייכנט געקענט יעדן שטעגל אין די געגנטן. מיר זיינען פאַרבייגעגאַנגען אייניקע כוטאָרן, אין געווויסע פון זיי זיינען די באַוואָפנטע אַריין, פאָדערנדיק געווער, וועלכן זיי האָבן זיכער געהאַט אויסבאַהאַלטן, אָבער קיינער פון זיי האָט אונז קיין געווער ניט געגעבן. איינער האָט אונז געגנבֿי אָנגעוויזן, ווו ס'איז באַגראָבן אַ קאַסטן מיט גראַנאַטן. מיר האָבן קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצושטעלן און זוכן און זיינען ווייטער אַוועק, מיטן באַשלוס ווען ס'איז קומען און אויסגעפינען די גראַנאַטן. דערווייל האָט זיך געענדיקט דער וואַלד און מיר זיינען אַרויס אויף ברייטע תבואה־פעלדער. מיר האָבן געשפּאַנט דורך די פעלדער, אויסגעמיטן די וועגן און סטעזשקעס. דערביי זיינען מיר געגאַנגען פאָרזיכטיק, כדי ניט צו צעטרעטן די תבואה און אויפוועקן דעם כעס פון די פויערים. מיטן פרימאָרגן זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ יונגן, געדיכטן וועלדל, ניט ווייט פון זאַוויערטשע און פון וועג וואָס האָט געפירט פון סלאָנים קיין זשירעוויץ. ניט ווייט פון אונז, אין אַ צווייטן וועלדל, האָבן פויערים געהאַקט בוימער. מיר זיינען רואיק געלעגן, לויט אַ ריי געשלאָפן און געוואַכט, און אַזוי דורכגעמאַכט נאָך אַ טאָג „אויף דער פריי״, אין קלעם צווישן די נאַצישע רוצחים און די פאַרטיזאַנישע כוחות, וועלכע מיר האָבן אַלץ ניט געקענט אויסגעפינען.

מיטן אָנקומען פון אָוונט האָבן אַלע יונגעלייט באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין די פאַרטיזאַנישע וועלדער, מיטן געווער אין די הענט, צוזאָגנדיק אונז קומען אין אַ פּאָר טעג אַרום און אונז מיטנעמען. אַזוי זיינען מיר דאָרטן געבליבן אַליין, איך מיט מיין משפחה: מיין שוועסטער, די עלטערן, מיין מומע פרומע שעפּעטינסקי, דער פעטער יצחק מיט זיין פרוי, און טאָכטער און מיט די צוויי קליינע זינעלעך, ווייל די גרעסערע, יאַשע און הערצל, האָבן אויך דיזעלבע נאַכט פאַרלאָזן. דעמזעלבן טאָג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיין קוזין ראובן, וואָס האָט על פי טעות זיך אָפּגעזונדערט פון אונז בעת'ן פאַרלאָזן דעם ברענענדיקן געטאָ, האָט מצליח געווען אַדורכצושווימען די שטשאַרע אונטער הונדערטער קוילן פון די ליטווינער און זיך אויסבאַהאַלטן אייניקע טעג צווישן די געהילצער און זעגעכצן פון קאָנצעפּאָלסקיס טאַרטאַק, אין וועלכן ער האָט געהאַט געאַרבעט. דער שומר פון טאַרטאַק האָט אים באַמערקט, אָבער מיין קוזין האָט אים געדראָט, אַז אויב ער מסרט אים אָפּ, וועלן די פאַרטיזאַנער אויסקוילענען זיין גאַנצע משפחה. דער שומר האָט אים מיטגעגעבן אַביסל פּראָדוקטן און ער איז אַוועק מיט ברעג שאַסיינעם וואַלד קיין זאַוויערטשע, צום קריסט וואָס איז געווען דער פאַרבינדער צווישן די פאַרטיזאַנער און סלאָנימער געטאָ.

אַזוי בין איך מיט מיין משפחה געלעגן צווישן די בוימער און אפילו קיין מויל ניט געעפנט, פון פחד פאַר די נאָנטע פויערים. די טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן לאַנג, וואָס צום עסן איז ניט געווען, מיר האָבן נאָר געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אָט־אָט קומט מען אונז נעמען אין וואַלד אַריין.

טעג זיינען פאַרביי — און די ישועה איז ניט געקומען. אַז דער הונגער האָט זיך שוין שטאַרק געלאָזט פילן, בין איך, צוזאַמען מיט די צוויי אינגלעך, זיך אַריינגעלאָזן צום נאָנטן דאָרף און געבעטלט אַ שטיקל ברויט, אַביסל קאַרטאָפל און אַנדערע עסנוואַרג פאַר די הונגעריקע משפחות. מיר האָבן אַלע דריי ניט אויסגעזען ווי טיפּישע אידן, פונדעסטוועגן האָבן ניט אַלע פויערטעס און פויערים זיך געאיילט אונז שענקען די נדבה. ניט איינמאָל האָבן מיר געמוזט אויסשטיין אַ לאַנגע פאָרשונג, ווער מיר זיינען, פון וואַנען מיר קומען. געווען אויך פויערים, וואָס האָבן אָפן געזאָגט, אַז זיי האָבן מורא פאַר די דייטשן און וועלן אונז גאָרניט געבן. איינצלנע, גוטע קריסטן האָבן אונז אַריינגענומען אין כאַטע, געגעבן גוט אָפּצועסן און באַדויערט אונזער בידנעם גורל. ס'רוב האָבן זיי געהאַט זין אין דער רויטער אַרמיי און זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויך זייערע קינדער וואָגלען ערגיץ הונגעריקע איבער די וועלדער.

די משפחה פון פעטער יצחק, וועמענס פרוי חנה האָט געשטאַמט פון דער געגנט, איז געווען פיל בעסער. באַקאַנטע פויערים האָבן זיי צוגעגרייט פון צייט צו צייט פעקלעך מיט עסנוואַרג.

ביסלעכווייז האָבן מיר פאַרלאָרן די האָפענונג און דעם מוט. ס'זיינען אַדורך אַ פּאָר וואָכן, און ס'האָט זיך קיינער ניט געוויזן, וואָס זאָל אונז נעמען צו די פאַרטיזאַנער. גרויסן זייענען צו אונז דערגאַנגען, אַז קיין משפחות וועט מען סיי־ווי ניט אָננעמען, נאָר מענער מיט געווער. מיין פעטער יצחק האָט שוין געהאַט 3 זין אין וואַלד, און מיר זיינען געווען זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט מען קומען אים נעמען. אָבער מיט אונז וואָס וועט זיין?

די שטימונג איז ביי אונז געוואָרן האָפענונגסלאָז. ניט איינמאָל איז דורך אַ געדאַנק, אַז ס'איז אפשר בעסער זיך אומקערן אין געטאָ און טיילן דעם גורל פון אַלע סלאָנימער אידן.

איינמאָל זיינען צו אונז צוגעקומען אייניקע אידישע פאַרטיזאַנער, וואָס זיינען געווען אין וועג קיין סלאָנים, אויסצופילן אַ געוויסע אויפגאַבע. זיי זיינען מיט אונז אָפּגעזעסן אַ פּאָר שעה. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז דורך זיי וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן, אָבער זיי האָבן געזאָגט, אַז אָן געווער וועט קיינער ניט אויפגענומען ווערן. פונדעסטוועגן האָבן זיי צוגעזאָגט אונז צו זען אויפן וועג צוריק פון סלאָנים אין אַ צוויי טעג שפּעטער.

די צוויי טעג זיינען פאַרביי, און נאָך צוויי און מערער טעג, און מ'האָט די אידישע פאַרטיזאַנער ניט אָנגעזען אין אָן אויג. דער פעטער יצחק האָט באַקומען אַ ידיעה זיך צוצושטעלן אין געוויסן אָרט, כדי דער קאָמאַנדיר פון פאַרטיזאַנער־גרופּע זאָל אים אויספאָרשן און באַשליסן וועגן גורל פון זיין משפחה. אין אַ פינסטערער נאַכט האָט זיך מיין פעטערס משפחה געלאָזן צום באַשטימטן פּלאַץ. מיר זיינען געבליבן אַליין, אָן פאַרבינדונג, אָן האָפענונג.

בלייבן אין זעלבן וועלדל איז געווען געפערלעך, ווייל זייער פיל פויערים פון דער סביבה האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָ באַהאַלטן זיך אויס סלאָנימער אידן. מיר זיינען אַלע — מיין משפחה און די מומע פרומע — אַריבער אין אַ צווייטן וועלדל, וואָס האָט אונז אויסגעזען מער זיכער. צוליב דער קעלט האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ צעלט פון צווייגן און גראָז. קיין פייער צעלייגן האָט מען ניט געטאָרט. איך פלעג ווייטער

אַזוי גיין בעטלען עסן ביי די פויערים און קומען צוריק זיצן אין וועלדל, ביז דער זאַפּאַס פלעגט אויסגיין.

אַ געוויסן טאָג האָבן צו אונז פאַרבלאָנדזשעט אייניקע נאָענטע פויערים. זיי האָבן באַוווּנדערט אונזער געצעלט, דערציילט וועגן אָפטע באַזוכן פון דער פּאָליציי אין די דערפער און וועגן די קאָסעווער און ביטענער אידן, וועלכע מ׳לאָזט רויק לעבן אין די געטאָס... זיי האָבן אויך דערציילט, אַז פון יענער זייט טייך זעלוויאַנקע, אין „רייך״, לאָזט מען די אידן לעבן.

כאָטש זיי זיינען געווען אַזוי פריינטלעך צו אונז, האָבן מיר באַלד נאָך זייער אַוועקגיין באַשלאָסן וואַנדערן אין אַ צווייטן וואַלד אַריין.

געלאָזט אין וועג אַריין האָבן מיר זיך אָן אַ ציל. שוין שפּאַנענדיק אַזוי אין דער נאַכט האָבן מיר זיך דערמאָנט, אַז אין דאָרף דערעוויאַנטשיץ, ניט ווייט פון פּלי־פּלאַץ, האָבן מיר געהאַט אַ גוט־באַקאַנטע קריסטלעכע משפּחה. פאַרן איינשליסן די אידן אין געטאָ האָבן מיר ביי דער משפּחה אָפּגעלייגט פיל פון אונזערע שטוביקע זאַכן, פון די טייערסטע אין בעסטע. אין געטאָ אַריין פלעגט די משפּחה אָפט אונז באַזאָרגן פאַרשיידענע עסנוואַרג, פאַרשטייט זיך פאַר גוטן געלט, אָבער דאָס איז אויך געווען אַ גרויסע זאַך. באַזונדערס איז מיט זיי באַפריינדעט געווען מיין פעטער לייבל שעפּעטינסקי ז״ל, וועלכער איז פאַר די רוסן געווען אַ פאַראַנטוואָרטלעכער אויפן פּלי־פּלאַץ. אויך מיין מומע פרומע האָט זיי גוט געקענט, ווייל זי איז ביי זיי איינגעשטאַנען אייניקע וואָכן פאַרן פאַרמאַכן דעם געטאָ.

געפּלאַנט האָבן מיר זיך צו דערלאַנגען צום דערעוויאַנטשיצער קריסט, איבערטאָן זיך אין בעסערע קליידער, מיטנעמען אַביסל עסן און זיך לאָזן אויף יענער זייט זעלוויאַנקע, צום „רייך״. מיר האָבן קלאָר געוווּסט, ווי שווער ס׳איז צו רעאַליזירן אַזאַ געוואַגטן פּלאַן אין אַ געגנט פול מיט פּאָליציי און דייטשן.

מיר זיינען אַזוי געגאַנגען מיט זייטיקע וועגלעך. איינמאָל האָבן מיר אָנגעטראָפן פויערים פירן תבואה פון די פעלדער. איין פויער האָט דערקענט דעם טאַטן, אַרויסגענומען פון זיין טאָרבע אַ שטיקל ברויט, באַדויערט וואָס ער האָט מיט זיך ניט מער און עס געגעבן מיין פאָטער. מיר זיינען אַלע געווען הונגעריק און אויסגעשעפּט. די לעצטע פּאָר טעג האָבן מיר זיך געשפּייזט מיט קערנדלעך פון די זאַנגען, וועלכע מיר האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג. איך געדענק, ווי מיין פאָטער האָט פונם פויער גענומען דאָס שטיקל ברויט, און גרויסע טרערן זיינען אים געריסן איבערן ווילדפאַרוואַקסענעם פּנים, וואָס אַ ראַזיר־מעסער האָט אים ניט אָנגערירט שוין לאַנגע וואָכן. טיף אין האַרצן האָט יעדער איינער פון אונז מיטגעוויינט מיטן טאַטן.

אַרום דריי טעג האָט געדויערט אונזער שלעפּן זיך קיין דערעוויאַנטשיץ. אויפן וועג האָבן מיר אויך באַקומען אַ שטיקל ברויט און אַביסל וואַסער פון די כוטאָרן. די לעצטע פּאָר קילאָמעטערס האָבן מיר געמאַכט ביינאַכט. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען צום באַקאַנטן פויערס הויז, גוט זיך אַרומגעקוקט, אויב ס׳זיינען ניטאָ קיין ניט־געווונשענע געסט, און דאָן איז מיין מומע פרומע צוגעגאַנגען צום הויז און שטיל אָנגעקלאַפּט אין פענסטער. ערשט נאָך עטלעכע מאָל אָנקלאַפּן האָט זיך געהערט דער פויערטעס שטימע: „ווער איז?״, און ווען די מומע האָט איר געענטפערט ווער זי איז און וואָס זי וויל, האָט זי באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי קענען ניט און ווייסן ניט פון אַזאַ פרוזאָן. אומזיסט איז געווען דאָס בעטן און ריידן, דאָס איינציקע וואָס מיר האָבן באַקומען איז געווען אַ בלעכענע קענדל, כדי זיך אָנצוטרינקען אַביסל וואַסער.

צעבראָכענע און דערשלאָגענע האָבן מיר זיך דערווייטערט פון באַקאַנטן פויערס הויז. מיר האָבן אים אַזויפיל טובות געטאָן, אָפט געהאָלפן מאַטעריעל — און ער וויל אונז ניט קענען און געדענקן. מיר האָבן באַשלאָסן וואָס שנעלער זיך אָפּטראָגן פון דאָרטן, ווייל אַזאַ איינער קען אויך מסרן אויף אונז דער פּאָליציי. אין אַ יונגן, געדיכטן וועלדל האָבן מיר זיך צוגעשפּאַרט אָפּצורוען ביז פרי.

די פרימאָרגנדיקע קעלט האָט אונז אויפגעהויבן אויף די פיס, און מיר האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין. אַזוי זיינען מיר צוגעקומען צום סלאָנים־קאָסעווער טראַקט. פון אָנגעטראָפענע פויערים האָבן מיר זיך דערוווּסט גענוי וועגן חורבן אין סלאָנים. די קאָסעווער אידן זיינען נאָך געזעסן אין געטאָ. די פויערים האָבן מיט אונז איינגעטענה׳ט, אַז אַמבעסטן איז צו גיין צו די פּאַרטיזאַנער, ווייל דאָס איז דער איינציקער אָרט, ווו מ׳מאָרדעט ניט די אידן.

גיי און דערצייל אים, אַז מיר ווילן אַזוי אַהין אָנקומען, אָבער מ׳וויל אונז ניט אָננעמען, מ׳שטויסט אונז אַוועק, מ׳לאָזט אונז אויסגיין פון הונגער.

אַ פויער האָט אונז געראַטן זיך לאָזן אין דער ריכטונג פון ביטען, כדי דאָרטן אויסצוזוכן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער. מיר האָבן אים באַדאַנקט, און נאָך עטלעכע שעה גיין זיינען מיר אָנגעקומען צום גרויסן וואַלד, דורך וועלכן מיר האָבן געדאַרפט גיין ווייטער צו אונזער ציל. דערווייל איז אָנגעקומען די נאַכט, דער הונגער און די קעלט האָבן אונז אַוועקגעלייגט אונטער די סאָסנאָווע ביימער, און נאָכן איבערנעכטיקן האָבן מיר גאַנץ פרי זיך ווייטער געלאָזט. אַ גוטער פויער, וועמענס כוטאָר איז געווען ממש אין וואַלד, האָט אונז אַריינגענומען צו זיך, געלאָזט זיך אַרומוואַשן און אָפּגעגעבן אונז זיין פרישטיק — אַ וואַרעמע קאַשע און ברויט מיט מילך. צוזאַמען מיט ברויט אויפן וועג האָט ער אונז געגעבן גענויע אָנווייזונגען וויאַזוי אָנצוקומען צום דאָרף וואָלטשע נאָרי און זיינע אַרומיקע וועלדער געפינען קאָנטאַקט צו די פּאַרטיזאַנער.

דעמזעלבן טאָג זיינען מיר דערגאַנגען ביזן דאָרף. באַלד אויפן וועג צום וואַלד האָבן מיר באַמערקט צוויי פּאַרטיזאַנער, אָנגעטאָן ווי רויט־אַרמייער. אונזער פרייד איז געווען ניט צום באַשרייבן. זיי האָבן אָפּגעשטעלט זייער פור און זיינען אַראָפּ צו אונז.

לאַנג־לאַנג האָבן זיי אונז געפאָרשט און געמוסרט, הלמאי מיר זיינען נאָך פריער ניט אַרויס פון געטאָ, געאַרבעט פאַר די דייטשן, געגעבן זיי גאָלד און ניט צוגעגרייט קיין געווער. אויף אונזער פראַגע, וויאַזוי קענען מיר דאָך איצטער אָנקומען צו די פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי אונז געזאָגט, מיר זאָלן גיין מיטן וועג ביז אַ גרויסער פּאָליאַנע פון רעכטס, אומגעפער אַ 10 קילאָמעטער ווייט, און דאָרטן וועלן זיי 11 אַזייגער אונז אָפּוואַרטן צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר, כדי צו נעמען אין וואַלד.

דער פֿאָטער האָט אַרויסגענומען זיין זייגער, כדי פעסטצושטעלן די שעה, האָט איינער פון די פּאַרטיזאַנער געבעטן ביי אים דעם זייגער, ווייל ער וויל זיין פּינקטלעך 11 אויפן פּלאַץ, און צוגעזאָגט עס צוריקגעבן ביי דער באַגעגעניש.

קיין סך צייט איז אונז ניט געבליבן, און מיר האָבן דערמונטערטע זיך געלאָזן אין וועג אַריין. דער וואַלד־וועג איז געווען אין אייניקע ערטער פֿאַרשטאָפּט מיט אַראָפּגעלאָזענע ביימער, פונדערזייט האָבן געזשאַווערט פֿאַרבּרענטע דייטשע פּאַנצער־אויטאָס, און דאָס אַלץ זיינען געווען סימנים פון קאַמפן צווישן דער פּאַרטיזאַנקע און די דייטשן.

מיר האָבן זיך דערנענטערט צום באַשטימטן פּלאַץ, אָבער פּלוצלינג איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן דורך אַ שטאַרקער שיסעריי. געשרייען און באַפעלן, ניט קלאָרע צוליב דעם מרחק און אָפּהילך אינם וואַלד, האָבן זיך געטראָגן פון יענער ריכטונג.

עפּעס איז אונז די געשיכטע ניט געפעלן געוואָרן. מיר זיינען זיכער געווען, אַז די צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן אונז סתם געוויזן אַ פּלאַץ אין וואַלד, כדי פּטור צו ווערן פון אונז. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, וווהין זיי האָבן אונז געשיקט: אויף דער פּאָליאַנע אין וואַלד איז שוין פון פריער אַלץ גרייט געווען, און אין די שעהן, ווען מיר האָבן זיך אַהין דערנענטערט, האָט מען דאָרטן אויסגעמאָרדעט די אידן פון ביטען!

די 51־טע מאַכט פון מיר אַ פּאַרטיזאַן

פֿאַרצווייפלטע זיינען מיר צוריק געגאַנגען אין דער ריכטונג פון וואָלטשע נאָרי. מיר זיינען אַריין צו אַ פּויער, זיך אָפּגערוּט און דערוווּסט זיך פון אים צוויי זאַכן: ערשטנס — וועגן דער שחיטה פון די ביטענער אידן אויף דער פּאָליאַנע, צו וועלכער מ׳האָט אונז געשיקט; צווייטנס — דעם וועג צו אַ כאַטע אין וואַלד, וואָס הייסט „די קאָמענדאַנטור״, אין וועלכער מ׳נעמט אַריין נייע קעמפער אין פּאַרטיזאַנקע אַריין.

שפּעט נאָכמיטאָג זיינען מיר אַוועק אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג. באַגעגנטע פּויערים האָבן אונז קיין וואָרט ניט געוואָלט זאָגן וועגן דער כאַטע. מיר האָבן אויך געטראָפן אַ סלאָנימער איד, וואָס האָט געהערט צו די פּאַרטיזאַנער, אָבער ניט האָבנדיק קיין געווער — געאַרבעט אין דער קיך. אויך ער האָט מורא געהאַט מיט אונז אַ וואָרט אויסריידן, אונז געוויזן דעם וועג און זיך געבעטן, מיר זאָלן קיינעם קיין וואָרט ניט זאָגן וועגן אונזער שמועס מיט אים.

פונדערווייטנס האָבן מיר באַמערקט אַן איינזאַם הייזל ניט ווייט פון וואַלד. פֿאָרזיכטיק האָבן מיר זיך אַריינגעשלייכט אַהינצו — און געטראָפן דאָרטן דעם פֿעטער יצחק מיט זיין פרוי און קינדער, וועלכע זיינען אַהין אָנגעקומען ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

צום ערשטן מאָל זינט אונזער אַרויסקריכן פון בּרענענדיקן געטאָ האָבן מיר אָפּגעגעסן צו זאַט, ברויט, קאַרטאָפל און קאַלטע געקאָכטע פלייש, וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן געבראַכט פון וואַלד.

צומאָרגנס איז אַהין אָנגעקומען די אָנפירערשאַפט פון די דאָרטיקע פּאַרטיזאַנער, מיט זיי אויך ד״ר בלומאָוויטש און נאָך צוויי פון דער 51־סטער אידישער גרופּע. נאָכדעם ווי איך האָב זיי דערציילט אַלץ, וואָס מיר זיינען איבערגעקומען און אויך וועגן מיין געפונענעם רוסישן ביקס, וועלכן פּאַרטיזאַנער האָבן ביי מיר צוגענומען, צוזאָגנדיק קומען צוריק און מיר נעמען אין וואַלד — האָט מיר די פּאַרטיזאַנער־לייטונג געגעבן דעם הכשר און אַריינגענומען אין די רייען פון דער 51־טער גרופּע.

דעמזעלבן אָוונט זיינען אַלע אַרויס אויף אַ גרויסער אויפגאַבע קיין קאָסעווע, כדי צו באַפרייען וואָס מער אידן פון געטאָ און זיי ראַטעווען פונם טרויעריקן גורל, וואָס האָט געטראָפן די סלאָנימער און ביטענער געטאָ־אידן.

די עלטערן מיט די קינדער זיינען פֿאַרבליבן אין קאָמענדאַנטור און זיינען מיט אַ וואָך שפּעטער צוגעטיילט געוואָרן צו פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, ווו ס׳האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די צרות פון אידן צווישן ניט־אידן.

איך בין געווען פון די גליקלעכע, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט נקמה צו נעמען פון די רוצחים. איך האָב מיט שטאָלץ געהאַלטן דאָס געווער אין דער האַנט.

אַזוי בין איך געוואָרן אַ אידישער פּאַרטיזאַן אין 16־טן יאָר פון מיין לעבן.

אנשל דלטיצקי

המחתרת הפרטיזנית בגיטו סלונים

פרק־זכרונות זה נרשם במרחקים, בברית־המועצות, ע״י אחד ממייסדי המחתרת האנטינאצית בסלונים ומפעילי הפר־טיזנקה ביערותיה. כתב־היד הועבר לידי מערכת הספר מחו״ל. — רושם הזכרונות, המלא געגועים לעירו החרבה ולידידיו הרבים בישראל, ביקש מאשה שעלתה לאחרונה ארצה למסור את ספר זכרונותיו, הכולל גם אוסף של שירי־עם ושני שירים משלו, אחד על חורבן סלונים, לידי העוסקים בהנצחת זכר העיר. המקור כתוב אידיש.

המערכת

ביום ה־23 ביוני 1941 יצאה מסלונים השיירה האחרונה של משפחות הפקידים והקצינים הסובייטיים, ופניה מזרחה. בעיר השתררו דכאון ומבוכה. הצבא האדום נסוג. המצב היה ללא תקוה.

עברו עלי לילות נדודים, במחשבה ובשיקולים אם לברוח מסלונים בכיוון למזרח, או להישאר במקום עם משפחתי. החלטתי לעקור ביום ה־24 מן העיר, שעמדה ליפול בידי הגר־מנים. בהחלטה זו שכבתי להתנמנם קימעה, וישנתי שעות רבות. כשהתעוררתי — יצאתי לרחובות העיר, לשמוע חדשות ושמועות לאין קץ. לאשתי, ללאה׳קה, אמרתי שאני חוזר מיד.

שקט מוזר וחשוד שרר בחוצות סלונים. האוכלוסיה היתה מתוחה לקראת הבאות הצפויות והבלתי־צפויות ואנשים התגודדו והתלחשו בפינות שונות בעיר, אך לא הרחיקו לכת מבתי מגוריהם.

נפגשתי עם כמה מפעילי המפלגה הקומוניסטית והחלטנו כולנו לעזוב מיד, ללא דיחוי, את העיר. היתה ידיעה, שראשוני הצבא הגרמני הופיעו כבר ברחוב רוז׳נסקה.

ברחנו בכיוון ברנוביץ׳־לסנאיה. העיר ברנוביץ׳ עמדה בלהבות. משם הגענו לסטולפצי, גויסנו לצבא הסובייטי ואף התחלנו באימונים ראשונים. ביום ה־27 ביוני פיזרו את יחידתנו הטירונית וציוו עלינו להתפזר לכל ארבע רוחות השמיים. קבוצת הסלונימאים המשיכה בדרכה למינסק. גם עיר זו בערה מכל עבריה והדרך אליה היתה זרועה הרוגים ופצועים, שנפלו ונפגעו בהפגזות מטוסי האויב ובמטר מכונות־היריה שלהם.

בלכתנו ממינסק לסמילביץ נפלנו בידי הגרמנים, אשר קידמונו במסעם המזורז לפנים רוסיה. התיעצנו על צעדינו הבאים. היתה דעה לחזור לסלונים ולפתוח בפעולה מחתרתית נגד הפולש הנאצי. אחרים הציעו לפרוץ את קו החזית ולהגיע ליישובי העורף הסובייטי. הרוב החליט לחזור. חילקנו את קבוצתנו לחוליות קטנות, בנות 3 אנשים, כדי להקל עלינו את הדרך בחזרה לסלונים. בכל הפגישות שהיו לי בדרך עם החיילים הגרמניים לא הרגשתי ביחס רע מצדם. לא היו אלה עדיין אנשי הס. ס. והגסטאפו.

לסלונים חזרתי ב־17 ביולי. כשבועיים ישבתי בבית, לא הרביתי להיראות בחוץ. בעזרתו של חבר התקשרתי עם בילו־רוס אחד מפטראלביץ, שסיפר לי על פעולותיהם של ראשוני הפרטיזנים, והם שרידי היחידות הסובייטיות, שכותרו במסע־ההתקפה הגרמני וחייליהן החליטו להקים ביערות בילורוסיה תנועה פרטיזנית. קבוצות אלו, בלתי מגובשות, נתונות עדיין להלם הראשון של הנסיגה המבוהלת והתבוסה הקשה, לא התיחסו באמון לאוכלוסיה המקומית ולא קלטו לשורותיהם לוחמים מתושבי הערים והכפרים.

באותו זמן פעל כבר בסלונים ה„יודנראט״, שהיה מורכב מזקני העיר ונכבדיה.

אנו אוגרים נשק

באחד הימים בא אלי אחד החברים וסיפר לי, שברחוב זמושצ׳ה, בקירבת תחנת־הרכבת, הוקמו מחסני שלל־המלחמה ושם מנקות בחורות חלקי נשק. החלטתי להתקבל לעבודה במחסנים אלה, שנקראו בגרמנית „בויטה־לאגר״. לא היה קושי מיוחד בדבר, קיבלתי ממשרד ה„יודנראט״ תעודת־יושר והת־חלתי בעבודה.

במשך זמן קצר הכירוני מנהלי המחסנים כפועל טוב. יכולתי להגיע לכל פינה במחנה־שלל זה וניצלתי את חופש התנועה לתכנון הוצאת נשק ותחמושת מהמחסנים אל היער, לעזרת הפרטיזנקה. העבודה היתה קלה, וגם החיים היו די „נוחים״: מועד הקהילה קיבלתי 400 גראם לחם ליום, במקום הוקם חדר־אוכל ובו חילקו מרק דליל חינם לכל עובד, הפועלים ישנו בבתיהם וניתנה להם תעודה ה„מבטיחה״ את חייהם.

במקרה הייתי עד־שמיעה לשיחה בין 4 צעירים שעבדו במקום, זיאמה שוסטרוביץ, אברהם בובלאצקי, איצ׳ה גראצ׳וק ועוד אחד. הם התיעצו כיצד להוציא מהמחסן החוצה 4 רובים. ניגשתי אליהם והוכחתי להם על פניהם את הקונספירציה הלקויה והדיבורים החפשיים כמעט על הוצאת נשק. הם הצטדקו, טענו שהמחנה מלא יהודים ואין ממי לחשוש. תוך כדי שיחה אתם החלטנו להיפגש בו בערב בעליית־הגג של

נגרייתי. הודעתי לאשתי, שלא אבוא הלילה לישון והלכתי לפגישה.

כל הנוכחים היו בדעה, שאין תקוה לחיינו בשלטון הנאצי ואין לנו דרך אחרת אלא להקים מחתרת שתפגע במאמץ המלחמתי של הגרמנים. הבחורים בחרו בי כמרכז גרעין המח־תרת. התחלנו לאגור נשק.

מחסן הנשק שלנו היה בביתו של שוסטרוביץ שבסימטת מיכאלובסקי. מפקחי ה„בויטה־לאַגר" הרשו לנו להוציא אחרי העבודה שקי־נסורת לצרכי העובדים, ואנו תחבנו לשקים אלה חלקי רובים, אקדחים, רימונים וכדורים. במשך זמן קצר היו לנו 12 רובים, 15 אקדוחים, שני ארגזים מלאים רימוני־יד וכמויות גדולות של כדורים.

הקימונו חמישיות מבין מבחר בני־הנוער בעיר. לא הרביתי להלך ברחובות העיר, אך בפגישותי המעטות עם צעי־רים שונים הבאתי אותם בקלות למחשבה על מלחמה מזויינת באויב. רבים מהם היו חניכי התנועות החלוציות.

באותם ימים הוצא להורג היודנראט הראשון, — חבריו עם בני משפחתם. מאז רוכזו התפקידים העיקריים בידי גרשון קווינט. לידו עזר בעניינים שונים מאקס רבינוביץ.

הויכוח על מטרת המחתרת

מתוך שיחות עם חברים שונים נודע לי, שחברי מפלגתי לשעבר כולם בדעה, כי יש לארגן תנועה שתתנגד בכוח לפולש הנאצי. החלטנו לקיים פגישה של פעילי המפלגה באחד הבתים ברחוב באליונה. בפגישה זו השתתף, בין היתר, גם דוד אפשטיין, מפעילי המפלגה בבילורוסיה. הוא נבחר כיו"ר הפגישה. הוחלט בה על הקמת תנועת־מחתרת. פה אחד נדחתה ההצעה שהמחתרת תפעל בשם המפלגה הקומוניסטית. לא היינו רשאים לעשות זאת, מאחר שלא היה כל בטחון, כי אין מלבדנו מפלגה קומוניסטית שהוכרה ע"י המרכז והמוסדות העליונים. איש לא ייפה את כוחנו להקים ארגון קומוניסטי. והעיקר, ראינו את המלחמה באויב לא כפעולה מפלגתית, אלא כצו יהודי היסטורי, ועל כן שמענו בעניין את הצעתו של היו"ר, כי ארגון המחתרת יפעל כדוגמת פלוגות ההגנה העצ־מית של תנועות־השמאל היהודיות בימי הפרעות ברוסיה הצארית. הוא גם הציע, כי מטרתו של הארגון היא ההגנה על הגיטו.

הבעתי בפגישה את דעתי, שעלינו להכשיר מחנה פרטי־זנים, שיפעל לא בגיטו, אלא ביערות. דרשתי לשתף בארגון את כל התנועות שהיו קיימות בסלונים. בהגנה על הגיטו ראיתי מעשה של גבורה וקידוש השם, אולם ללא תוצאות וללא פגיעה קשה באויב.

התפזרנו בלי החלטה מגובשת ומוגדרת על תפקידו של ארגון המחתרת שלנו, אבל הפעולה לא נפסקה. בחורים רבים וכן טובים הצטרפו אלינו בזרם מתמיד וגדל, התנועה התרחבה והחמישיות היו פעילות וערניות.

באותם הימים אירע לי עניין ביש, שבעטיו הורחקתי מה„בויטה־לאַגר". בארגז של סבון העברתי מהמחסן אלי תת־מקלע. יהודי אחד, מבין הפליטים שהגיעו לסלונים, ראה אותי „בקלקלתי", לא אמר מאומה ולמחרת היום בא אלי ודרש 1000 רובל „דמי לא־יחרץ". לא רציתי להקניטו ולהכעיסו והצעתי לו 300 רובל שהיו לי אתי. הוא סירב לקבל סכום זה ואיים שילשין עלי למפקדי המחסנים.

לא פיללתי שבין יהודים יימצא בזמן־חירום נבל כזה. ביום המחרת נקראתי אל מפקד המחנה והוא סטר לי על לחיי כעונש על גניבת סבון... גורשתי מה„בויטה־לאַגר", עברתי לגור אצל אחד החברים מן הדאמבבה.

באמצעותה של אחת מפעילות המחתרת, פניה פייגנבאום, ילידת לודז', הכרנו שני פולנים אנטי־נאצים, אחד מבוגר, שעזר לנו בקשרים עם אנשים מן הצד האַרי, והשני — ואצק וילצ'ינסקי — שדאג להרבה צרכים של המחתרת.

בהתיעצות שניה עם אנשי קבוצת דוד אפשטיין תבעתי החלטה ברורה על הקמת הקשר עם הפרטיזנקה, ולא — אעשה זאת על דעת עצמי. בל יובלו יהודי סלונים כצאן לטבח ובל נשלה עצמנו בסיכויים להגן על הגיטו. כעבור זמן־מה סיפר לי פסח אלפרט על המאמצים לקשור קשרים עם קבוצות פרטיזניות ועל אחד מעובדי־המנסרות, שהבטיח ליצור את הקשר עם היער ודרש אלפיים רובל לרכישת תרופות וציוד רפואי עבור הפרטיזנים. לשאלתי, מניין להם לפרטיזנים אלה נשק, ענה לי אלפרט, שהם מקבלים נשק „ישר ממוסקבה", באווירונים. לא האמנתי במקשר הדורש כסף, והזהרתי את החבריא מפני המשך השיחות עם ברנש זה. כעבור שבועות מספר נוכחו החברים באמיתות חשדותי. האיש נתגלה כרמאי מובהק.

בינתיים הצליח זרח קרמין למצוא קשר אל יחידת פרטי־זנים. הוא פגש בסלונים צעיר מארגון הנוער השמאלי, שהכירו כאיש נאמן, וסיפר לו על פעולותינו. הוא גם הראה לו את מחסן הנשק שלנו בסדנתו של מאתוס סנובסקי, שנשארה באותו מיבנה בסימטת בית־הכנסת דפאנסבה. הצעיר הבטיח להביא תשובה ביום א' הקרוב על האפשרות של יצירת קשר עם הפרטיזנים, וכך הווה. הוא חזר עם שליח מן היער, שדרש בשם היחידה הפרטיזנית שיגורו של שליח מיוחד מסלונים ליער.

ראשי הקהל לעזרת המחתרת

החלטנו לשגר ליער את פניה פייגנבאום. פניתי, איפוא, למאקס רבינוביץ בועד הקהילה. כאשר ראה אותי הוציא את כל הקהל הרב מחדרו ושמע בעיון את בקשתי: סידור רשיון־נסיעה לפניה פייגנבאום.

כדאי להעיר, שאנשי היודנראט וועד הקהילה התיחסו באהדה לתנועת המחתרת האנטי־נאצית ואף סייעו לה בדְר־כים שונות, באספקת תרופות שהועברו לפרטיזנים ובסידור תעודות שונות.

לפנות ערב התאספנו בדירתו של ראש מוסדות־הרפואה בגיטו, ד"ר בלומוביץ, שבסימטת מיכאילובסקי, בביתו של פינצ'וק האופה. שם החלטנו לשלוח ליער במקום פניה את ואצק הפולני. לא היינו בטוחים, אם פניה כאשה תחזיק מעמד במקרה של כשלון.

שוב פנינו למאקס רבינוביץ והוא שינה לנו את השם שבתעודה. כך יצא שליחנו הראשון היערה.

כעבור יומיים חזר ואצק העירה. הוא הביא אתו סיסמה ליצירת קשר בינינו לבין הפרטיזנים, ברכה לנכונותנו ללכת

היערה והודעה, כי התנועה חלשה מדי ותוכל לקלוט לשורותיה רק חברים בודדים מתוך העיר.

באותו זמן גדלה כבר תנועת המחתרת, שהיתה מאד מקובלת על תושבי הגיטו. ברח' ברנרדינסקה, בחלק שהיה שייך לגיטו, היתה מול ביתו של יורסקי סימטה קטנה, וממנה אפשר היה להגיע לאורך ביתו של ד"ר וורוביובסקי. אל השוק הישן. בקצה הרחוב עמד בית ובו החלטנו לחפור מנהרה אל מחוץ לגיטו, לשם הוצאת אנשים היערה. ממרתפו של הבית נחפר מסדרון ארוך, שבו הקימונו את סדנתנו לניקוי הנשק ולתיקוני חלקיו. את האדמה הנחפרת פיזרנו על פני המרתף, שנעשה אמנם פחות עמוק. היציאה מן המנהרה סודרה בארגז־אשפה. לפי התכנית התכוננו להעביר את האנשים על פני השוק הישן ומשם בסימטת קליבאנסקי אל בית־הקברות ואל יערות קוסובה.

ממנהרה זו לא נהנינו זמן רב. אחד הפליטים שגר באותו בית התעניין בתנועה החשודה של צעירים רבים בחצר. הוא ירד למרתף, ראה את השינוי שחל בגובהו, פתח את הדלת לסדנה — ומיהר לצאת. הנשקים שלנו הבחינו בו ועשו את הדבר הנכון: תוך זמן קצר הועבר כל הנשק לבית יוכבדוביץ וכשבא הפליט עם הגסטאפו למנהרה לא מצאו שם שום דבר. הנשק אוחסן אחרי זה בביתם של האחים באנדט.

גם עלי ועל פעולתי ידעו רבים בגיטו ועל כן עברתי לדירה חדשה, לביתו של דוד גוסקין בסימטת מיכאילובסקה, בסמוך לביתו של שפטינסקי.

ועד הקהילה עזר לנו הרבה. בעצם אפשר להגיד, שהוא דאג לכל צרכינו העיקריים. משם קיבלנו תרופות, תעודות. בהנהלתם של יאנקל פריפשטיין וחיים אזף אורגנה העברת כמויות ניכרות של עור מהבורסקאות לידיהם של שבעה סנדל־רים, אשר עשו נעליים ומגפיים עבור הפרטיזנקה.

כאשר נכשל פעם דוד אפשטיין ונתפס בהברחת כיכר לחם מן החוץ לגיטו, ניהל אחד מפעילינו מו"מ עם קווינט ותבע את שחרורו של דוד מידי הגרמנים, כי הוא נחוץ מאד לפעו־לות המחתרת. קווינט פעל הרבה ובמשך 24 שעות שיחרר אותו מן הכלא.

אני נמלט מידי הגסטאפו

התחלנו בהעברת קבוצות קטנות מהעיר ליער. היוצאים היו מצויידים בנשק והארגון דאג להעברתם ברחובות העיר, עד ליציאתם מתחומיה.

יום אחד קיבלתי „מברק" מאת מאקס רבינוביץ ובו הודעה שהוא מוכרח לראות אותי. נפגשנו בביתו של המורה יוכבדו־ביץ. שם סיפר לי מאקס, כי המשטרה היהודית קיבלה צוו מהגסטאפו לחפש אחרי ולאסרני. ביקשתיו לסחוב כיומיים את העניין, תוך תירוצים כי ממשיכים לחפשני. במשך היומיים הללו מסרתי את כל העניינים שהיו מרוכזים בידי לידיו של ליובה, נכדו של הנגיד אייזנשטאט. היה זה בחור שגדל ברוסיה, מלא חיים ומרץ.

ב־22 ביוני יצאתי, יחד עם ד"ר בלומוביץ, היערה.

מעניין, שהיחסים בין הגיסטאפו לבין מוסדות גרמניים צבאיים היו לעתים קשים מאד. הודות לריב בין פיקוד ה„בויטה לאַגר" לבין הגיסטאפו ניצל אחד מלוחמינו ממוות בטוח. וזהו הסיפור על הצלתו של איצ'ה גראצ'וק.

איצ'ה עבד במסעדת שומרי מחסן־השלל בתור מסיק התנורים. דרכו אפשר היה לשלוח העירה נשק, שהוא שמו, בדרך־כלל, לתרמיל של מסכת־גאז והיה תולה אותו מתוך רשלנות על קולבי הבגדים. עבדה יחד אתו בחורה פולנית, ומתוך סקרנות לתוכן תרמילו של איצ'ה הציצה בו, ראתה את ה„כופתאות" ומיד מסרה על כך לגרמני שישב ואכל במסעדה. הגרמני תפס את גראצ'וק והכניסו למאסר באחד המיבנים של המחנה.

וכאן התחילו שיקוליהם והיסוסיהם של מפקדי ה„בויטה־לאגר". הם פחדו לספר לגסטאפו, שמהם גונבים נשק, שמא ינצלו מפקדי הגסטאפו את הדבר ויעבירו לידיהם הם את מחנה השלל, העשיר לא רק בנשק, אלא גם בדברי מאכל, בסוכר וכו'. הגסטאפו לטשה כבר מזמן עין ל„בויטה לאגר" ולשפע הרב שבו. אם יועבר המחנה מידי המפקדים הנוכחיים, יוכלו אלה האחרונים להיות סמוכים ובטוחים, כי יישלחו מיד לחזית המזרח.

אך המפקדים הללו רצו גם לדעת, מיהו העוסק במחנה בגניבת נשק. ואז אורגן ע"י המחתרת שבמחנה מיבצע הצלתו של איצ'ה גראצ'וק. הוא הוצא דרך הגג ונשלח למקום מבט־חים. קציני ה„בויטה־לאַגר" באו לדרוש את ראשו מידי ועד הקהילה, אבל ג. קווינט ומאקס רבינוביץ שיחדו אותם בכסף ומשקאות, והעניין טושטש במהרה.

משבאתי ליער לא נפסקו קשרי עם העיר ולא סיימתי את פעולות הריכוז שהיו מוטלות עלי מראשית ארגון המחתרת. פעם נשלחתי מהיער לסלונים לשם גיוס פרטיזנים נוספים, ובו בזמן עזרתי בתכנון ובהעברה של מחסן־הנשק שלנו לנגריה של שלובסקי. פעם שניה שיגרוני לרכוש ציוד לדפוס־שדה, שיחידתנו הקימה ביער. נכנסנו לבית־הדפוס של יליאן ומסרנו לו על מבוקשנו. הוא סירב לתת לנו אותיות, מכשירים וציוד, גם כאשר הבטחנו לו תמורת זאת להוציא אותו ואת בני־ביתו מהגיטו ליער. לא היתה לנו ברירה אלא לקחת את החומר הדרוש לנו בכוח. כרבים כמוהו האמין, שהגרמנים ישאירו אותו בחיים.

בינתיים גדלה פלוגתנו, שהיתה ידועה כפלוגה מס' 51, מורכבת מיהודי סלונים. בראשה הועמד קצין יהודי, לוחם אמיץ מהצבא הסובייטי, איש אהוב ונערץ ע"י כל חייליו. בהנהגתו ביצעה הפלוגה פעולות גדולות וקשות, חיבלה בתכניות־המלחמה הנאצית ונקמה נקמת הקהילה הטבוחה של יהודות סלונים.

חיה נעשוויצקי

א משפחה אין פלאמען

מיט א ציטערדיקער האנט נעם איך די פען צום באשרייבן אייניקע פון אונזערע גרויל־איבערלעבענישן אין די בלוטיקע מלחמה־יארן.

הייסן הייס איך חיה נעשוויצקי, מיין פאמיליע פון דער היים איז קרופעניע — א טאכטער פון שלמה קאזלאוויצער, אזוי איז מיין טאטע שלמה קרופעניע באקאנט געווען אין סלאנים. ער האט געהאט א גרויסן הויף, מיט א הונדערט העקטאר ערד, ניט ווייט פון סלאנים, און דעם הויף האט מען גערופן קאזלאוויץ.

איך בין געבוירן געווארן אין 1914 אין סלאנים, און דארטן בין איך אויך אויפגעהאדעוועט געווארן. מיין מאן שטאמט פון דאשקעוויץ, ניט ווייט פון שטעטל ליסקעווע.

ווען היטלער ימ"ש איז געקומען

ווען דער פארשאלטענער היטלער, ימח שמו וזכרו, איז צו אונז געקומען, האט מען אנגעהויבן ראבירן דעם טאטנס הויף. אלס לייטער האט מען באזעצט א קריסט, פון די וואס האבן מיטגעארבעט מיט די דייטשן. אידן האבן שוין ניט געטארט זיין קיין ערד־באזיצער.

אין סלאנים האבן זיך אנגעהויבן די שחיטות. אין דער ערשטער שחיטה זיינען אוועק צוויי פון מיינע שוואגערס, נח דעם ליכטשערס זון, לובאווסקי, פון סקראבעווע, און חיים פעקארסקי פון זאמאשטשע.

מיין מאן און מיין שוואגער האבן זיך פארשריבן אלס „שטאטנע" ארבעטער ביים דייטש, ביים אראפלאזן בוימער אין וואלד. ס'האט געקאסט ניט ווייניק געלט און מי, ביז מ'איז געווארן „שטאטנע" ארבעטער, אבער דער פחד פון ווערן געכאפט אין געטא איז ניט געווען דערביי. איך מיט מיין קליינעם אינגעלע האבן אויסגעמיטן די ערשטע צוויי שחיטות, ווייל מיר זיינען נאך אלץ געזעסן ביים טאטן אין הויף. אבער לאנג האט עס ניט געדויערט, און ס'איז ארויס א באפעל, אז אלע דארפישע אידן זאלן אריין אין סלאנימער געטא.

מיר האבן פונקט דעם ערשטן טאג פסח באקומען דעם באפעל ארום 5 פארנאכט, אז ביז 7 אוונט זאלן מיר שוין זיין אין געטא, און אויב מיר פארשפעטיקן — ווערן מיר דערשאסן. מיין מאן און שוואגער האבן רעכט געהאט צו בלייבן אין וואלד. מיין 80־יעריקער פאטער האט געבעטן די דייטשן, זיי זאלן אים לאזן שטארבן אויף זיין בעט, אין זיין הויף — אבער זיי האבן אויך אים געהייסן גיין, צוזאמען מיט מיר און מיין אנדערהאלבן־יעריקן זונעלע און צוזאמען מיט מיין שוועסטער מיט איר דריי־יעריקן אינגעלע. מיר זיינען געלאפן צו קריסטן זיך בעטן זיי זאלן אונז מיט פערד און וואגן אוועקפירן קיין סלאנים. זיי האבן אונז געפירט מיט א שליטן, דער וועג איז געווען שווער, און ווען מ'האט אונז אראפגעלאזן ביים בית־עולם אויף רוזשנויער גאס, איז שוין דער זייגער געווען נאך זיבן.

פארפינצטערטע און פארטרויערטע זיינען מיר זיצן געבליבן אויף אונזערע פעקלעך. א נאכטיקער פראסט האט זיך אנגעהויבן. אין די אידישע הייזער אראפ רוזשנויער האבן שוין געוווינט קריסטן — ס'איז ביי זיי ליכטיק געווען אין די דירות, מ'האט געהערט מוזיק, און דא זיצט א משפחה אידן, וואס דארף גיין צום טויט. צווישן זיי צוויי פיצעלעך קינדער, וואס האבן נאך נעבעך די וועלט ניט געזען.

מיין הארץ האט זיך געריסן אויף שטיקער. פארוואס זיינען מיר אזא זינדיק פאלק? מיין אלטער טאטע איז אויך געזעסן און האט געקלאגט.

דערנאך בין איך מיט מיין שוועסטער אוועק צום געטא און געלאזן די קינדערלעך מיט זייער זיידן. נאך גרויסער מי האט די אידישע מיליץ געפועלט ביי די דייטשן, אז מ'זאל אונז אריינלאזן אין געטא. און ווען מ'האט אונז אריינגעפירט אין ענגן געטא, וואס איז געווען געצאמט ארום דער אלטער דאמבע, זשאבינקע, בריקער און נאך א פאר ארומיקע גאסן און געסלעך, זיינען מיר געווען איבער גליקלעך: מ'האט אונז דערלויבט אריינצוגיין אין דער גרויסער תפיסה, פונוואנען ס'איז קיין ארויסגאנג ניטא!

דעם טעם פון געטא האט מען אונז באלד געלאזן פילן. אידן האבן געוווינט צו עטלעכע משפחות אין איין צימער. אלע, פון 10 יאר ביז 80, האבן געמוזט גיין אויף צוואנגסארבעט פארן דייטש. וואס צו עסן איז כמעט ניט געווען. אויפן הארץ און אויף דער פלייצע זיינען אונז געהאנגען די געלע צייכנס פון מגן־דוד, און איבער אונזערע קעפ איז געהאנגען די נאצישע שווערד פון פארניכטונג, די נאנטע סכנה פון א שחיטה.

צו דער ארבעט פלעגט אונז אויסשטעלן די אידישע מיליץ און ביים טויער האט אונז אפגעווארט די דייטשן באנדע, מיט ביקסן און גומענע שטעקנס. דעם טעם פון זייער געווער האבן מיר אפט פארזוכט. געגאנגען זיינען מיר נאר אינמיטן ברוק, אויפן טראטואר האט מען ניט געטארט ארויפגיין. ביי דער

ארבעט פלעגט מען שלאגן מיט די גומעס איבער די קעפ. ניט איינמאל פלעגט מען שפאנען עטלעכע אידן אין א וואגן מיט שווערע שטיינער און זיי פארשמייסן ביז טויט, ווען זיי האבן דעם וואגן ניט געקענט שלעפן.

אין די לאפעס פון פאליציי

מיין שוועסטער פלעגט פון צייט צו צייט גיין צו איר מאן, וואס האט נאך געארבעט צוזאמען מיט מיינעם אין די וועלדער. זי פלעגט זיך ארויסשארן אונטער די שטעכיקע דראטן אין אוונט, לויפן מיט סכנת נפשות אין דארף אריין און צומארגנס צוריק אריינקומען אין געטא מיט די ארבעטס־גרופן.

איינמאל האט מיר אויך אנגענומען א חשק צו באזוכן מיין מאן אין דארף. איך האב געזען פארביי אונזער פענסטער, פון יענער זייט דראטן, די קריסטין ביי וועלכער מיין מאן איז געווען קווארטירט. ווען זי האט מיר באמערקט, האט זי זיך גוט ארומגעקוקט, אראפגענומען א טופל פון פוס, פון דארטן ארויסגעצויגן א בריוול און מיר דאס אריבערגעווארפן. דערביי האט זי מיר געזאגט: „גיי ארויס פון געטא, איך ווארט אויף דיר אויף פאדגורנע גאס און וועל דיר נעמען אין דארף צו דיין מאן", — און זי איז גלייך אנטלאפן. אין דעם צעטעלע האט מיר דער מאן געשריבן, אז איך זאל אויף איין טאג קומען צו אים.

איך בין געגאנגען זיך בעראטן מיט מיין אלטן טאטן. ער האט מיר אפגערעדט פון אזא ריזיקאלישע נסיעה, אבער איך האב זיך שוין אזוי אריינגעשלאגן אין קאפ די רייזע צו מיין מאן, אז כ'האב ניט געהערט דעם טאטנס עצה, אנגעהויבן פאקן דאס ביסל זאכן, פארנייט אין א קליידל דעם קידושין־רינג און גאלדענעם זייגערל, וואס מיין מאן האט מיר געקויפט צו אונזער חתונה (אידן האבן שוין לאנג ניט געטארט האלטן קיין גאלד און זילבער ביי זיך, און האבן אוועקגעגעבן די דייטשן אפילו זייערע גאלדענע ציין). איך האב זיך געזעגנט מיטן פאטער און מיט מיין פיצל קינד און בין אוועק צום טויער פון געטא.

דעם טויער בין איך דורכגעגאנגען צוזאמען מיט אידן וועלכע זיינען ארויס צו דער ארבעט. אויף יענער זייט האב איך באלד ארויפגעווארפן אויף זיך א טוך און פארשטעלט די לאטעס און ארויף אויפן טראטואר. מיין הארץ האט געהאמערט פון שרעק, איך האב געציטערט, טאמער דערקענט מיר ווער ס'איז פון די קריסטן, אדער טאמער פארהאלט מיר א דייטש.

אויף פאדגורנע האט מיר שוין אפגעווארט די קריסטין מיט איר מאן. איך בין ארויפגעקראכן אויף זייער וואגן און מיר זיינען אוועקגעפארן. איך האב געוווסט, אז פאר ארויסכאפן זיך פון געטא קומט טויט־שטראף. ערשט מיט א טאג צוריק האט מען געכאפט א דערעטשינער מיידל אויסערן געטא און איר אויפן ארט געשאסן. אבער די גוטע קריסטין האט מיר כסדר בארואיקט, און אזוי זיינען מיר אנגעקומען אין זייער כוטאר, נעבן וואלד. איך בין געווען גליקלעך ביים באגעגענען מיין מאן.

לאנג האט מיין גליק ניט געדויערט. דער קריסט, וואס האט פארוואלטעט מיט מיין טאטנס הויף, איז באלד געלאפן צו דער פאליציי און מיר אפגעמסר'ט. די פאליציאנטן האבן פינקט פארבראכט דעם אוונט ביי א שיקסע אין דארף און ניט געוואלט מוותר זיין אויף זייערע פארגעניגנס. זיי האבן אפגעלייגט די זאך אויף צומארגנס פרי. מיר האבן, פארשטייט זיך פון גארניט געוווסט און רואיק איבערגענעכטיקט די נאכט.

גאנץ פרי איז מיין מאן אויפגעשטאנען צו דער ארבעט אין וואלד. פלוצלינג האב איך דערזען 2 פאליציאנטן פארן צו צום הויז. מיין שוואגער האט מיר אריינגעשטופט אין א שפייזקעמערל און דערווייל זיינען ביידע פאליציי־לייט אריין און געמאלדן, אז זיי זוכן געווער און גאלד. איך האב פארשטאנען, אז מיין באהעלטעניש קען מיר נאר שאדן ברענגען, און איך בין ארויס פון דארטן, גענומען א טאפ ווי צום קאכן און ארויס אין דרויסן.

די פאליציאנטן האבן אויף מיר א קוק געגעבן, אבער גארניט געזאגט און זיינען אוועק זוכן. מיט באגעגעטן האבן זיי געשטאכן די פאדלאגע און די ערד ארום הויז, אבער זיי האבן גארניט געפונען. דאן האבן זיי געשריען: „ווייזט אייערע אויסווייזן און דאקומענטן!" מיין שוואגער האט זיי גלייך געוויזן די דערלויבניש, אונטערגעשריבן דורך היקן אליין, דורך דעם מערדער פון די סלאנימער אידן. זיי האבן דאן געפאדערט מיינע פאפירן, אבער איך האב ביי זיך גארניט געהאט, חוץ דעם פאס, וועלכן מ'האט ארויסגעגעבן יעדן אידן אין געטא. זיי האבן געזען מיין פאס און גלייך אנגעהויבן שרייען, אז כ'זאל גיין מיט זיי, און גענומען זיך קלאפן מיר איבערן קאפ מיט זייערע גומעס.

זיי האבן מיר אזוי געטריבן צום וואלד. מיר זיינען אפגעגאנגען א האלבן קילאמעטער, האבן זיי מיר אריינגעפירט צווישן די ביימער און געפרעגט, ווער עס האט מיר געבראכט פון געטא און וווּ האב איך באהאלטן מיין גאלד. דערנאך האבן זיי מיר געפארשט, ווו איז באהאלטן מיין ראדיא און פאטעפאן, אין האבן מיר אנגערופן דעם נאמען פונם קריסט, וועמען מיר האבן איבערגעגעבן א טייל פון אונזערע זאכן. אז איך האב דערהערט פון זיי דעם נאמען פונם קריסט, אנטאניוק, וועלכער טוט אונז אזא טובה און קען נאך, חלילה, צוליב אונז אוועקגיין אויף דער תליה, האב איך זיי דערציילט, אז מיר האבן ביים קריסט אנגענומען זייער פיל עסנווארג, און ווען מיר האבן ניט געהאט מיט וואס אים צו באצאלן און געמוזט אוועקגיין אין געטא אריין, האט ביי מיר מיין בעל־חוב, אנטאניוק, גענומען דעם ראדיא און דעם פאטעפאן.

די פאליציאנטן האבן גענומען שרייען: „וועסט באלד הענגען אויף איין תליה מיט אנטאניוקן!" — און גענומען ווידער מיר קלאפן איבערן קאפ מיט די גומעס. אין אזוי שלאגנדיק מיר האבן זיי געפארשט, ווער ס'האט מיר געבראכט פון געטא. איך האב געזען, אז מ'קען פאר זיי גארניט פארבארגן, האב איך זיי דערציילט, אז איך בין אוועק פון געטא צופוס און אויפן וועג געטראפן פארן די פאוולאוויטשעס, וואס האבן מיר ארויפגענומען פון רחמנות אויף זייער וואגן.

דאן האט מען מיר געפירט צו אנטאניוקן און געזאגט זיין פרוי, אז איך האב אויף איר געמסרט וועגן ראדיא און פאטעפאן. מיט די לעצטע כוחות האב איך געטענה'ט, אז דער פאטעפאן און ראדיא זיינען זיי אוועקגעגעבן געווארן צו

דעקן דעם חוב פאַרן עסנוואַרג. אנטאַניוקס פרוי, וואָס האָט אויף מיר פריער געקוקט מיט בייזע אויגן, האָט טאַקע אויך גענומען אַזוי טענה׳ן און געזאָגט צו די פּאָליציאַנטן, אַז אויב זיי ווילן דיביידע זאַכן, זאָלן זיי איר באַצאָלן מיין חוב.

אינמיטן דער פאַרשונג איז אָנגעקומען אַנטאָניוק אַליין. ער איז געווען אַ קלוגער גוי, און דערזעענדיק אויפן טיש דעם ראַדיאָ, האָט ער געזאָגט זיין פרוי: „דו גרייט צום טיש, גיב די הערן פּאָליציאַנטן עפּעס צום עסן און טרינקען!" — און באַלד האָט ער גענומען ריידן און בעטן פאַר מיר. זיי האָבן אים צוגעזאָגט צו סטאַרען זיך אים אַרויסראַטעווען, אָבער מיר וואַרט די תליה. זייערע ווערטער האָבן זיי באַשטעטיקט מיט אַ פּאָר גומענע קלעפּ איבער מיין קאָפּ.

דעם ראַדיאָ און פּאַטעפאָן האָבן זיי אַרויפגענומען אויפן וואָגן, וועלכן אַנטאָניוק האָט זיי געשפּאַנט, און געהייסן מיר אויך אַרויפקריכן אויף דער פור.

מיין מאַן איז דערווייל געקומען פון דער אַרבעט און געהערט, אַז מ׳האָט מיר אַרעסטירט, איז ער געקומען צו לויפן צו אַנטאָניוקן און געבעטן די פּאָליציאַנטן, זיי זאָלן אים אַרעסטירן צוזאַמען מיט מיר. זיי האָבן אים מכבד געווען מיט קלעפּ און אַוועקגעטריבן צוריק צו דער אַרבעט.

פאָרנדיק האָט מיר אַנטאָניוק געזאָגט, אַז איך האָב אים טאַקע פאַרשאַפן אַ גרויסע צרה, אָבער ער האָט זייער רחמנות אויף מיר. האָב איך אים דערציילט, אַז זיי האָבן נאָך פריער געוווסט וועגן מיין ראַדיאָ און פּאַטעפאָן, וואָס געפינען זיך ביי אים. און איך האָב דעם גוטן קריסט געבעטן, אַז נאָך דעם ווי מ׳וועט מיר שיסן אָדער הענגען, זאָל ער נעמען צו זיך מיין קליין קינד און אים ראַטעווען פון טויט, און ער זאָל אויך העלפן מיין מאַן מיט עסנוואַרג און מיט וואָס ער קען. אַנטאָניוק האָט עס מיר צוגעזאָגט.

די צוויי פּאָליציי־לייט האָבן אַנטאָניוקן אָפּגעשיקט צוריק אַהיים, און מיר האָבן זיי געהייסן גיין צופוס און טראָגן דעם ראַדיאָ פאַר זיי. זיי זיינען מיר נאָכגעפאָרן אויף די ראָווערן. אַזוי האָבן זיי מיר אַוועקגעשלעפּט צו די פּאַוולאָוויטשעס.

דאָרטן האָבן זיי באַשולדיקט די קריסטין, אַז זי האָט מיר אַרויסגעפירט פון געטאָ. איך האָב געשוואָרן, אַז אויפן וועג האָט זי מיר גענומען פון רחמנות וועגן אויף איר פור. די קריסטין האָט זיי אויך דאָסזעלבע געזאָגט, און זיי האָבן פון איר געפאָדערט די זאַכן, וועלכע זיי האָבן פון מיר באַקומען. זיי האָבן לאַנג געזוכט, אָבער גאָרניט געפונען, און דאַן האָט איינער פון זיי מיר ווידער אַוועקגעשלעפּט אין וואַלד.

דאָרטן האָט ער מיר געשטעלט צו אַ בוים, צוגעשטעלט זיין נאַגאַן צום האַרצן און געזאָגט: „זשידאָווקע, גיב אונז דיין גאָלד און זילבער!" איך האָב געענטפערט: „שיס מיר, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, קיין גאָלד און זילבער האָב איך ניט". אַז ער האָט מיר אָנגעהויבן קלאַפּן איבערן קאָפּ און ווידער דראָען מיטן טויט, האָב איך אים געזאָגט: „איך האָב מיין קידושין־רינגל און מיין גאָלדענעם חתונה־זייגערל נעם עס אַוועק און לאָז מיר אָפּ צו מיין קינד". ער האָט די גאָלדענע צירונג צוגענומען, אָבער מיר האָט ער ניט אָפּגעלאָזן.

מ׳האָט מיר צוריקגעבראַכט צו די פּאַוולאָוויטשעס. געהייסן טראָגן דעם פּאַטעפאָן און געטריבן צום הויז פון דער שיקסע, מיט וועלכער זיי פלעגן פאַרברענגען, איך האָב פאַר זיי אָנגעשטעלט דעם פּאַטעפאָן און זיי האָבן זיך געזעצט צום טיש, פרעסן און זויפן. איך בין געזעסן אין אַ ווינקעלע און ביטער געוויינט. די שיקסע האָט אויסגעהערט מיין אומגליק און איז אַוועק בעטן פאַר מיר די פּאָליציאַנטן. צוערשט האָט זי מיר געוואָלט געבן עפּעס עסן, אָבער זיי האָבן איר געזאָגט, אַז עס לוינט זיך ניט מיר עסן געבן, ווייל גאָר אינגיכן וועט מען מיר ליקווידירן. נאָך לאַנגע תחנונים האָבן זיי מיר דערלויבט אַרויסצוגיין דרויסן.

איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן אַנטלויפן פון זייערע הענט, אָבער כ׳האָב מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך אָפּרעכענען מיט מיין מאַן. דערווייל איז איינער פון די פּאָליציאַנטן אַרויס אַ שיכורער און גענומען פילדערן: „זי איז אַנטלאָפן, די זשידאָווע, וווּ איז זי?!" — און איך האָב זיך צוריק אַריינגעשאַרט אין כאַטע. צוזאַמען מיט דער שיקסע האָב איך גענומען בעטן דעם צווייטן פּאָליציאַנט, וואָס האָט פון מיר צוגענומען דעם זייגער און רינגעלע, אַז ער זאָל מיר באַפרייען. ער האָט מיר געזאָגט: „גיב אונז פינף טויזנט רובל, און מיר לאָזן דיר אָפּ". איך האָב אים געזאָגט, אַז ביי זיך האָב איך קיין גראָשן ניט, זאָל ער מיר לאָזן גיין צו מיין מאַן, און איך וועל אים ברענגען די סומע.

איך בין געלאָפן מיטן וואַלד די פינף קילאָמעטער צו מיין מאַן. ניט טויט ניט לעבנדיק בין איך אָנגעקומען אויפן אָרט און דערציילט אים, וואָס די פּאָליציי פאָדערט פאַר מיין באַפרייאונג. דער וואַלד־וועכטער, וועמען מיר האָבן אַ סך געלט געגעבן, אַבי ער זאָל ביי זיך באַשעפטיקן מיין מאַן, האָט געהערט די געשיכטע, איז געוואָרן אויפגעקאָכט, מיר געהייסן זיצן אין וואַלד און ער אַליין איז אַוועקגעפאָרן צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט.

בין איך געבליבן זיצן אין וואַלד. די נאַכט איז צוגעפאַלן, מיין מאַן האָט געמוזט אַוועקגיין, ווייל מ׳האָט די וואַלד־אַרבעטער ניט דערלויבט בלייבן דאָרטן ביינאַכט, כדי זיי זאָלן זיך ניט פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנער. אָבער ווען ס׳איז שוין געווען גוט פינסטער איז מיין מאַן צוריקגעקומען צו מיר און געזאָגט: „עס איז שטיל אַרום, קום לאָמיר גיין צו מיר". מיר זיינען אַוועק, און נעבן דעם הויז זיינען אָנגעפאָרן זעקס פּאָליציאַנטן גלייך אויף אונז און גענומען אונז שלאָגן מכות רצח.

דאַן האָבן זיי אונז ביידן געטריבן פאַר זיך. אַ פויער וואָס איז פאַרביי האָט אונז געראַטן, מיר זאָלן אַנטלויפן אין וואַלד, אָבער אין יענע טעג זיינען נאָך געווען ווייניק פּאַרטיזאַנער, און מיר זיינען ניט געווען זיכער, צי מיר וועלן קענען געפינען זיך אַן אָרט אין וואַלד.

די נאַכט איז געווען פינסטער און אַ רעגן האָט געגאָסן. דער פּאָליציאַנט, וואָס איז גרייט געווען מיר באַפרייען פאַר געלט, איז געווען שטאַרק בייז, פאַרוואָס כ׳האָב אים געמסר׳ט, און ער איז צוגעלאָפן צו אונז ביידן שלאָגן אונז מיט זיין ביקס. ער האָט אויך אָנגעלאָדן זיין ביקס און געקליבן זיך שיסן אינז אויפן אָרט. איך האָב זיך צוגערוקט נאָנט צו מיין מאַן, וועלנדיק פאַלן פון דער ערשטער קויל, כדי איך זאָל ניט זען ווי מ׳שיסט מיין מאַן. די אַנדערע פּאָליציאַנטן האָבן ניט געלאָזן שיסן אונז, ווייל דער קאָמענדאַנט האָט געהייסן ברענגען אונז אין פּאָסטערונעק.

צוליבן רעגן זיינען מיר אַריינגעפירט געוואָרן צו אַ קריסט, פון וועלכן זיי האָבן געפאָדערט אַ פערד און וואָגן. איך האָב געבעטן אַ טרונק וואַסער — אַזוי פאַרחלשט בין איך געווען. אָנשטאָט וואַסער האָב איך געכאַפּט אַזאַ זעץ אין פּנים, אַז כ'האָב זיך אינגאַנצן באַגאָסן מיט בלוט. עמיצער פון זיי האָט געזאָגט, אַז פאַרן טויט דאַרף מען געבן דעם פאַרמשפּטן אַ טרונק אָדער צום רויכערן, און ס'קומט מיר אַביסל וואַסער. זיי האָבן זיך געקריגט וועגן געבן מיר וואַסער אָדער ניט, און איך האָב דערווייל געשלונגען דאָס בלוט וואָס איז מיר גערונען איבערן געזיכט.

די פּאָליציאַנטן האָבן נאָך געפאָדערט פון מיר, כ'זאָל זיי זינגען אידישע לידער, אָבער די פויערטע האָט זיי געזאָגט, אַז אירע קינדער קענען זיך אויפוועקן פון שלאָף, — האָבן זיי מיר אָפּגעלאָזן.

זיי זיינען אַרויף אויף דער פור און אונז האָבן זיי געטריבן צופוס. האַלב־טויטע זיינען מיר אָנגעקומען אין פּאָליציי־סטאַציע. ווי גליקלעך מיר האָבן זיך געפילט, ווען זיי האָבן אונז פאַרשפּאַרט אין אַ נאַסן, קאַלטן קעלער, אָן עמיצן מיט אַ נאַהייקע אָדער גומע איבער אונז.

צומאָרגנס האָט מען אַרויסגעפירט מיין מאַן, אים גוט אָנגעשלאָגן און געהייסן זיך זעגענען מיט מיר אויף אייביק און צוריק גיין צו דער אַרבעט. איך האָב זיך מיט טרערן געזעגנט מיט מיין מאַן און אים געבעטן ראַטעווען אונזער קליין קינד.

עס האָט זיך אָנגעהויבן מיין פאַרשינג. מ'האָט מיר געקלאַפּט מיט די גומעס איבערן קאָפּ און קערפּער און געוואָלט פון מיר וויסן, וויאַזוי איך בין אַרויס פון געטאָ. ווען איך פלעג חלשן פון די קלעפּ, פלעגן מיר די מערדער מינטערן מיט וואַסער און ווידער נעמען שלאָגן. איך האָב שוין אפילו קיין ווייטאָק ניט געפילט.

עטלעכע אָנגעקומענע דייטשן האָבן געהייסן דעם קאָמענדאַנט, ער זאָל מיר אַוועקפירן קיין סלאָנים צו דער „עס־דע", און ניט שיסן דאָ אויפן אָרט. זיי האָבן געזאָגט: „שיסן איר גלייך אויפן אָרט — דאָס איז פאַר איר אַ צו גרינגער טויט. אין סלאָנים וועט שוין די עס־דע געפינען פאַר איר אַ געמאַטערטן טויט".

און אַזוי האָט מען מיר געפירט קיין סלאָנים. די פּאָליציאַנטן האָבן מורא געהאַט פאַר פּאַרטיזאַנער, זיינען זיי שנעל געפאָרן אויף זייערע ראָווערן און איך האָב געמוזט מיט די לעצטע כוחות לויפן פאַר זיי. ווען זיי האָבן מיר איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ פּאָליציאַנט אין סלאָנים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער קען מיין משפּחה. און דאָ האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך האָב ניט וואָס מורא צו האָבן, ווייל דער אויספאָרש־ריכטער איז מיין טאַטנס אַ גוטער פריינט, און ער, דער פּאָליציאַנט, מיינט אַז כ'האָב ניט וואָס מורא צו האָבן. פאַר לויפן אָן דערלויבניש פון געטאָ שיסט מען טאַקע באַלד, אָבער אפשר וועט זיך איינגעבן דעם ריכטער עפּעס צו טאָן פאַר מיר.

דורך אידישע פריזיערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער פּאָליציי, האָב איך צו וויסן געגעבן מיין משפּחה אין געטאָ וועגן מיין לאַגע. מיינע קרובים האָבן גענומען לויפן צום קאָמענדאַנט לאַץ, וועלכער האָט זיך פון אָנהויב גוט געבייזערט אויף מיר, פאַר מיין אַרויסגיין פון געטאָ. שפּעטער האָט ער צוגעזאָגט צו טאָן וואָס ער קען פאַר מיין באַפרייאונג.

9 פרי האָט מען מיר גערופן צום אויספאָרש־ריכטער. ווען ער האָט פון מיר געהערט ווער איך בין און ווי מיין פאָטער הייסט, האָט ער געשמייכלט צו מיר און געזאָגט: „האָב קיין פּחד ניט, ס'וועט דיר גאָרניט געשען". ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיין פאָטער און מיר געבעטן אָפּגעבן אים אַ גערוס פון מיכאַלאָווסקין, נאָכדעם ווי איך וועל זיך באַפרייען. אין פּראָטאָקאָל פון מיין אויספאָרשונג האָט ער געשריבן, אַז מ'האָט מיר געכאַפּט ניט 12 ק"מ פון געטאָ, נאָר צוויי.

מיט דער הילף פון דעם ריכטער און פון אידישן קאָמענדאַנט לאַץ, וועלכע האָבן צוזאַמען געבעטן פאַר מיר די „עס־דע" און צוגעזאָגט 10 טויזנט רובל און אַן אָנצוג פאַרן דייטשן אָפיציר, בין איך צומאָרגנס נאָך דער פאָרשונג באַפרייט געוואָרן.

אין דרויסן האָט מיר אָפּגעוואַרט לאַץ און געפרעגט מיט שפּאַס: „נו, דו וועסט נאָך לויפן פון געטאָ צו דיין מאַן?", און איך האָב אים געענטפערט: „ניין!"

אָבער איך האָב ניט געהאַלטן וואָרט.

אין די פלאַמען פון געטאָ

אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען די געוועזענע דאָרפישע אידן געגעבן איינמאָליקע שיינען אַרויסצופאָרן אין זייערע פריערדיקע היימען און ברענגען די זאַכן, וועלכע זיי האָבן דאָרטן איבערגעלאָזן. איך מיט מיינע שוועסטער האָבן אויך גענומען שיינען און זיינען אַוועק אין דאָרף.

אויף צומאָרגנס זיינען מיר געפאָרן צוריק, אָבער נאָנט פון סלאָנים האָבן אונז געטראָפן באַקאַנטע קריסטן און דערציילט, אַז אין שטאָט גרייט זיך אַ שחיטה, און ס'איז בעסער, מיר זאָלן צוריק לויפן אין דאָרף אַריין. מיר זיינען צוגעפאָרן ביז פאָדגורנע גאַס, זיך געשטעלט הינטער די צעפאַלענע ווענט פון אַ פאַרברענטן הויז און געוואַרט כדי צו זען וואָס ס'וועט געשען. מיינע אַ שוועגערין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קריסטין, איז אַוועק צו די געטאָ־דראָטן זיך דערוויסן נייעס, און זי איז שנעל געקומען צו לויפן אַ בלייכע ווי די וואַנט און דערציילט, אַז דער געטאָ איז אַרומגערינגלט דורך זעלנער און פּאָליציי מיט מאַשין־געווער.

אָבער אין געטאָ האָב איך געהאַט מיין קינד. בין איך אַוועק צום טויער, די דייטשן האָבן מיר געלאָזן אַריינגיין אין געטאָ, איך בין געלאָפן צו אונזער הויז און קיינעם ניט געפונען. אַלע אידן פון געטאָ זיינען געלעגן פאַרשטעקט אין סכראָנען. מיר האָבן אויך געהאַט אַזאַ באַהעלטעניש, מיט אַן אַריינגאַנג דורך די ברעטער אונטערן בעט. איך בין צוגעלאָפן צום געהיימען אַריינגאַנג און שטיל געבעטן מיין טאַטן ער זאָל מיר אַריינלאָזן. איך בין געווען גליקלעך, ווען כ'האָב אין דומפּיקן סכראָן געקענט צוטוליען צו זיך מיין פּיצל קינד.

יענעם טאָג איז די שחיטה אָפּגעלייגט געוואָרן. דערווייל האָבן מיר צוגעגרייט אַ גרעסערן בונקער, וואָס האָט זיך געצויגן פון שטאַל ביזן גאָרטן. אין אייניקע וואָכן אַרום האָבן מיר אינמיטן דער נאַכט דערהערט אַ שיסעריי און אין דער

שטאָק־פינסטערניש זיינען מיר געלאָפן זיך פאַרשטעקן. איך בין מיט מיין קינד אַריינגעקראָכן פון די ערשטע, און ווען די לעצטע האָבן קוים באַוויזן אַריינצולויפן און פאַרהאַקן דעם אַריינגאַנג, זיינען אָנגעלאָפן די מערדערס און גענומען זוכן אידן.

נאָנט פון מיר האָבן די מענטשן געפאָדערט פון אַ מאַמען, אַז זי זאָל דערשטיקן איר קליין קינד, ווייל עס קען אָנהויבן וויינען און דאַן זיינען מיר אַלע פאַרלאָרענע. די מאַמע האָט עס ניט געוואָלט בשום אופן טאָן, און אַ צווייטע פרוי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס עופה'לע און דערשטיקט אויפן אָרט. מיר מיט מיין קינד האָט מען ניט באַמערקט, ווייל כ'בין געלעגן אין אַ פינסטערן ווינקל, ווייט פאַררוקט הינטער דער פאָדלאָגע. מיין קינד איז געווען אַ רואיקס און האָט קיין פּיפּס ניט אַרויסגעלאָזן.

דורך אַ קליינער עפענונג, וואָס האָט געדאַרפט אונז געבן אַביסל לופט, האָב איך געזען ווי מ'טרייבט אידן, מענער און פרויען מיט קינדער אויף די הענט, מיט גומעס און ביקסן איבער דער גאַס — צו דער שחיטה. איך האָב געזען, ווי די ווילדע רוצחים פאַרגוואַלדיקן אינמיטן דער גאַס, יונגע אידישע מיידלעך און צווינגען נאָך די עלטערן זיי זאָלן האַלטן זייערע טעכטער. איך האָב געהערט די געוויינען פון די קליינע קינדערלעך און דעם יאָמער פון זייערע מאַמעס, ווען מ'האָט די קינדער געטויט, געשטאָכן מיט באַגנעטן און געשפּאָלטן די קעפּלעך.

און דאָסמאָל האָבן מיר זיך געראַטעוועט. די שחיטה האָט געבושעוועט טעג און נעכט, און ווען זי האָט זיך פאַרענדיקט, זיינען מיר אַרויס און זיך באַזעצט אין די געציילטע הייזער אַרום טייך. ס'איז שווער געווען צו קוקן די מענטשן אין פנים אַריין, יעדער האָט פאַרלאָרן דעם גרעסטן טייל פון זיין משפחה.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר 9 איז געקומען צו לויפן אין געטאָ פון די גריבער, אין וועלכע מ'האָט אויסגעקוילעט טויזנטער סלאָנימער אידן. זי האָט דערציילט אַלע גרויזאַמקייטן פון דער שחיטה.

מיין מאַן איז נאָך אַלץ געווען אויסערן געטאָ, געאַרבעט אין די וועלדער. מיין שוועסטער האָט גענומען איר קינד און איז אין געהיים אַוועקגעלאָפן פון געטאָ אין דאָרף צו איר מאַן. איך האָב געוווּסט, אַז די שרעקלעכע שחיטה איז ניט געווען די לעצטע, אָבער נאָך מיין ערשטן דורכפאַל האָב איך שוין מורא געהאַט צו אַנטלויפן נאָכאַמאָל פון געטאָ.

מיין מאַן האָט מיר אָנגעזאָגט דורך אַ באַקאַנטן קריסט, אַ סובאָטניק, אַז איך זאָל קומען צו אים מיטן קינד. דער קריסט האָט מיר געזאָגט, אַז ער וואַרט אויף מיר אויף פאָדגורנע. און איך בין אַוועק זיך באַראַטן מיט די שוועסטער, מיטן קאָמענדאַנט לאַץ, מיט מיין טאַטן — וואָס כ'זאָל טאָן. אַלע האָבן מיר אָפּגערעדט פון אַזאַ שריט. דער סובאָטניק האָט אויף מיר געוואַרט און כ'האָב אים ווידער געזען זיך דרייענדיק אויף יענער זייט שטעכיקע דראָטן, פאַרביי מיין פענסטער.

צום סוף האָט דער טאַטע פון מיר געפאָדערט, אַז כ'זאָל אַוועק מיטן קינד צו מיין מאַן. איך האָב זיך געזעגנט מיטן טאַטן און מיט דער הילף פון אַ אידישן מיליץ־מאַן אַרויס מיטן קינד דורכן טויער צו די אַרישע גאַסן. מיט שרעק אין האַרצן און מיט אַ טיכל איבער מיינע לאַטעס בין איך געלאָפן צו דער פור פון סובאָטניק. ער האָט גענומען מיין זון אויף די קני און מיר זיינען שנעל אַרויסגעפאָרן פון דער שטאָט, וועלכע איז געווען פאַרמשפּט צום טויט.

אין די רייען פון פּאַרטיזאַנער

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן מיט מאַטערנישן אין די וועלדער.

געקומען צו מיין מאַן בין איך אָסיען־צייט, און אַזוי ווי מיר זיינען שוין געווען, צוזאַמען מיט די קינדער, 9 פערזאָן, האָט אונז די קריסטין ניט געקענט האַלטן אַלעמען אין איר הויז און מיר האָבן זיך באַהאַלטן גאַנצענע טעג אין פעלדער און וועלדלעך. ביינאַכט פלעגן מיר שלאָפן אין איר שייער.

נאָך מיין אַרויסגיין פון געטאָ האָבן אים די דייטשן אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן און אין דער גרויסער שחיטה האָבן זיי געהרגעט כמעט אַלע אידן. מער ווי אַ וואָך האָבן זיי געהאַלטן אין איין ברענען און מאָרדן.

ווען מ'האָט אויך אונזערע מענער אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט און זיי געהייסן גיין אין געטאָ אַריין, זיינען מיר אַלע אַוועק אין וואַלד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבן פון הונגער און קעלט, פון סכנות און מלחמות מיטן שונא.

איינמאָל ביינאַכט האָבן מיר אָנגעטראָפן זיך אויף 2 רוסישע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זיינען פון רוסלאַנד געשיקט געוואָרן צו די פּאַרטיזאַנער אין אונזערע וועלדער. זיי האָבן אונז געלערנט, וויאַזוי צו בויען אין וואַלד אַ געהיימען „סכראָן", אַן אונטערערדישע באַהעלטעניש, ניט ווייט פון דער זעמלאַנקע, כדי מיר זאָלן שטענדיק האָבן אַ רעזערוו־פּלאַץ זיך אויסצובאַהאַלטן.

אין אַ וואָך אַרום נאָכן ענדיקן אויסבויען דעם סכראָן האָבן מיר זיך איבערצייגט, ווי נויטיק ס'איז אַזאַ באַהעלטעניש אין וואַלד. אונזער אַ באַקאַנטער קריסט האָט אונז גע־מסר'ט און געפירט צו דער זעמלאַנקע אַ גרופּע ליטווינער מיט אוקראַינצעס. דעם ערשטן טאָג האָב איך זיך שלעכט געפילט און ניט געקענט אַנטלויפן מיט מיין שוועסטערס און שוועגערינס משפחה. איך מיט מיין מאַן און קינד האָבן זיך פאַרשאַרט הינטער בוימלעך און געזען ווי די מערדער זוכן אונז אַרום, נישטערן אין דער זעמלאַנקע. שפּעטער זיינען מיר געלאָפן צום סכראָן און זיך דאָרטן פאַרשטעקט. ביינאַכט זיינען אָנגעקומען אונזערע צוויי אַנדערע משפחות. ווען ס'איז שטיל געוואָרן אַרום, זיינען מיר אַרויס און אויסגעלייגט אַ פייער צוצוגרייטן עסן. באַלד האָט זיך אויף אונז געעפנט אַ שטאַרקע שיסעריי, מיר זיינען מיט די קינדער געלאָפן אין סכראָן, אַלע אונזערע זאַכן זיינען געבליבן אין זעמלאַנקע. מיין מאַן איז געלאָפן זען וואָס עס טוט זיך אַרום און ער איז באַלד צוריק געקומען אַ בלאַסער און אונז דערציילט, אַז אונזער ווינקל אין וואַלד איז אַרומגערינגלט דורך מיליטער און פּאָליציי. מיר זיינען געזעסן שטיל אין אונזער באַהעלטעניש און שפּעטער געהערט, ווי די מערדער טרעטן אַרום אונז און זוכן מיט ביטערע קללות.

מיין שוועסטערס מאַן איז ניט געקומען צוריק, און מיר

זיינען זיכער געווען, אַז ער איז שוין אַריינגעפאַלן אין זייערע הענט. ערשט אַז עס איז גוט פינסטער געוואָרן איז ער געקומען צולויפן און דערציילט, ווי ער האָט קוים באַוויזן אַרויפצוקלעטערן אויף אַ הויכן בוים. פון דאָרטן האָט ער געזען, ווי די מערדער, געפירטע דורך אונזער באַקאַנטן קריסט, זיינען געווען אַזוי נאָענט פון אונז, אַז ער איז זיכער געווען, אַז זיי האָבן אונז געפאַקט.

פאַרשטייט זיך, אַז מער האָבן מיר שוין אין דעם וואַלד ניט געקענט בלייבן. אַ באַקאַנטער קריסט, אַ כוטאָר־אייגנטימער, האָט אונז אויסבאַהאַלטן אַ גאַנצן מעת־לעת אין זיין שייער, געהיט אין דרויסן און טאַקע געזען, ווי די דייטשן נישטערן אין אונזער וואַלד און זוכן אונז. די צווייטע נאַכט האָט ער אונז געוויזן דעם וועג צו אַן אַנדער וואַלד, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געגאַנגען, ביז מיר זיינען אָנגעקומען אין האַלער וואַלד. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן אַ סך פאַרטיזאַנער און אויך אידן פון דערעטשין, מיט זייערע פרויען און קינדער. צווישן אַזויפיל מענטשן איז אונז שוין געווען אַ סך בעסער און באַקוועמער. אָבער גאַנץ גיך האָבן זיך אָנגעהויבן די דייטשן אָבלאַוועס, און מיר זיינען ווידער געלאָפן קיין דאָבראָווישטשינע, צו די גרויסע וועלדער.

אין דעם נייעם וואַלד האָבן מיר איבערגעלעבט די גרויסע דייטשע אָבלאַווע, פון 70 טויזנט זעלנער, מיט טאַנקען און עראָפּלאַנען. זעקס לאַנגע טעג האָט געדויערט די שלאַכט, צו הילף זיינען אונז געקומען נאָך עטלעכע פאַרטיזאַנער־אָטריאַדן פון ווייסרוסלאַנד. אָבער עס איז קלאָר געווען, אַז אַלע כוחות אונזערע קענען זיך ניט ווערן לאַנג קעגן אַזאַ גרויסער דייטשער קראַפט. די פאַרטיזאַנער זיינען געלאָפן וווּהין יעדערער האָט געקענט, איבערגעלאָזן פרויען און קינדער, אויך פאַרוווּנדעטע חברים. די שווער־ראַנירטע האָבן זיי אָפטמאָל געשאָסן פאַרן אַנטלויפן, כדי זיי אויסצולייזן פון די ווייטאָקן און פון דער סכנה אַריינצופאַלן אין די הענט פון די דייטשן.

איך בין דאַן אויך געווען פאַרוווּנדעט אין פוס און ניט געקענט אַנטלויפן. מיין מאַן האָט מיר ניט געוואָלט לאָזן אַליין און מיר זיינען געבליבן אין וואַלד מיט אונזער פיצל קינד. מיט צעבראָכענע הערצער, פול מיט יאוש, זיינען מיר אַריין טיפער אין וואַלד און זיך באַהאַלטן צווישן געדיכטע יונגע ביימער.

ליגנדיק אַזוי פאַרטייעט האָבן מיר פלוצלינג געהערט אַ גערויש פון לויפנדיקע מענטשן. דאָס זיינען געווען אונזערע פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געלאָפן צוריק אין וואַלד, ווייל אַלע וועגן זיינען פול געווען מיט דייטשן. עס איז אויך צוריק געפאָרן דעם נאַטשאַלניקס ווייב מיט די קינדער אין אַ שליטן, און זי האָט מיר מיטן קינד אַרויפגענומען צו זיך. אַזוי זיינען מיר אָפגעפאָרן אַ 25 קילאָמעטער ביז צו אַ טייך. ס'איז געבן געוואָרן אַ באַפעל איבערצושווימען די טייך, אָן די פערד און וועגענער. מיר איז טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן. וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך און מיט מיין קינד?

דאָ האָט מיין מאַן אַרויסגעכאַפט אַ מעסער פון קעשענע, איבערגעשניטן דעם געשפאַן פון אַ פערד, מיר אַרויפגעזעצט רייטנדיק — און אַזוי בין איך טאַקע אַריבערגעשווומען דעם טייך. נאָך לאַנגע וואָגלענישן האָבן מיר זיך פאַרשטעקט אין אַ גרוב ערגיץ אין אַן אַלטן, באַמבאַרדירטן וואַלד, און זיינען דאָרטן אָפּגעלעגן אַ שטיק צייט, אָן עסן, אָן טרינקען, ציטערנדיק פאַר קעלט און מורא האָבנדיק אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ פאַר די דייטשע קוילן.

אונזערע הענט און פיס זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, קעלט און פון ליגן אין דער אייזיקער נאַסקייט פון דער גרוב. ערשט אויפן זעקסטן טאָג איז די שיסעריי שטילער געוואָרן. ביינאַכט זיינען מיר אַרויסגעקראָכן פון גרוב און זיך געלאָזט צוריק צו אונזער וואַלד. אַלץ איז דאָרטן געווען פאַרברענט און די איבערגעבליבענע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע זיינען דורך די דייטשן אויסגעשאָכטן געוואָרן.

מיר זיינען געלאָפן אין אַנדערע וועלדער, ביז מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף די „מאַקסימאָווצעס". זייער קאָמאַנדיר מאַקסים, און אויך די פאַרטיזאַנער, האָבן פיינט געהאַט אידן — אָבער זיי האָבן באַלד דערזען, אַז אונזערע מענער זיינען גוטע קעמפער, קענען אויסגעבינדן, ווי זייערע צען פינגער, די אַרומיקע סלאָנימער וועלדער — און זיי האָבן אונז אַריינגענומען אין זייערע רייען. מיט זיי האָבן מיר, די מענער און אויך די פרויען, אויסגעפירט אַ סך, אַ סך זאַדאַניעס און דער שונא האָט פון אונז אַזוי גוט געליטן.

שווער צו שילדערן אַלע שלאַכטן און ראַזוועדקעס, וועלכע מיר האָבן אויסגעפירט. אָבער איינציקע פאַלן דערמאָנען זיך מיר אָפט.

איינמאָל בין איך מיט נאָך אַ פרוי אַוועק אין אַ דאָרף אויסצושפירן, צי ס'זיינען דאָרטן קיין דייטשן ניטאָ. מיר זיינען געגאַנגען, ווי צווויי פויערטעס, פון הויז צו הויז און געבעטלט ברויט. אין איין הויז האָט אונז באַמערקט אַ געוויסער מענטש, און ווען מיר זיינען אַרויס אין דרויסן, איז ער אונז נאָכגעלאָפן מיט אַ נאַגאַן און פאַרהאַלטן. ער האָט אונז געפרעגט, צי ס'זיינען מיט אונז דאָ נאָך פאַרטיזאַנער, און איך האָב אים געענטפערט, אַז פון דער צווייטער זייט פון דאָרף וואַרטן אונז אָפּ עטלעכע קעמפער. דאַן האָט ער אונז פאַרשפאַרט אין אַ שטאַל און אַוועק רופן די פאָליציי.

אין ערשטן מאָמענט זיינען מיר ביידע געווען אַזוי צעטומלט, אַז מיר האָבן זיך שוין געגרייט מיט אונזערע נאַגאַנעס שיסן זיך אַליין, אַבי ניט געפאָרשט ווערן דורך די מערדער. אָבער נאָכדעם האָבן מיר אָנגעהויבן זיך אַרומקוקן, געפונען אונטן ביי איין וואַנט אַ לאָך צום דרויסן צו, מיר האָבן עס פאַרגרעסערט מיט די הענט, איך בין אַרויסגעקראָכן די ערשטע, נאָך מיר מיין חבר'טע, און מיר האָבן גענומען לויפן צום וואַלד. ס'איז פונקט געפאַלן אַ געדיכטער שניי, וואָס האָט פאַרדעקט אונזערע שפורן. ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין וואַלד, האָבן מיר דערהערט שיסערייען פון דאָרף. דאָס האָט מען אונז אומעטום געזוכט.

אַזעלכע פאַלן פון ראַטעווען זיך אין לעצטן מאָמענט זיינען געווען ניט ווייניק.

די מאַקסימאָווצעס זיינען, אונטערן דרוק פון דער דייטשער אָבלאַווע, אָפּגעטרעטן צו די בלאָטעס, דאָרטן געלעגן אַרום 2 מאָנאַטן, און אַוועק צו די ליפּטשאַנסקער וועל־

דער. אין יענע געגנטן האָבן מיר אַ שטיקל צייט געלעבט רואיק, געפונען קליידונג און קאַרטאָפל אין די אַרומיקע אויס־געליידיקטע דערפער. נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אויסגע־מאָרדעט די פויערים פאַר געבן הילף די פאַרטיזאַנער. אויך דאָרטן זיינען מיר לאַנג ניט איינגעזעסן און אַנטלאָפן פאַר די דייטשע אַטאַקן.

ביסלעכוויז האָבן מיר זיך דערנענטערט צו די סלאָנימער וועלדער אין אויסגעפירט „זאַדאַניעס" לענגאויס דעם ביאַליס־טאָקער שאָסיי. אין איינער אַזאַ זאַדאַניע איז געפאַלן מיין שוועגערין. דאָס איז שוין געווען אַ קורצע צייט פאַרן אָנקום פון דער רויטער אַרמיי און פאַר אונזער באַפרייאונג.

איינזאַמע, טרויעריקע זיגער

מיר האָבן געזיגט. מיר זיינען באַפרייט. אין משך פון לאַנגע יאָרן האָבן מיר באַזיגט אַלע גרויסע שוועריקייטן אין געטאָ, אין דאָרף און אין וואַלד, איצטער האָבן מיר אויך באַ־זיגט און צעטראָטן דעם שונא.

און אָט זיינען מיר אַלס זיגער אָנגעקומען קיין סלאָנים — אויף קברים. אויף די חורבות און נאָנט צו די ברידער־קברים האָבן מיר ניט געקענט לעבן, און מיר זיינען ווידער אַוועק וואַנדערן, זוכן אַ נייע לעבן אין אונזער אידישן לאַנד.

אָבער די זכרונות יאָגן אונז נאָך און ווילן ניט פאַרגעסן ווערן.

יחיאל גראנאטשטיין

הבשורה מברנוביץ'

(סיפור מהימים ההם בסלונים)

הניגון התנגש בכתלים הכהים, ונקפץ לאחוריו. צלילים קטועים, פירורי קולות, כתרועות ושברים בכיינים נתהדהדו בשמשת החלון, ונתגלגלו שוב אל השולחן שמסביבו הסבו כשני מנינים חסידים לכבוד פורים. הם ישבו והימהמו את ניגונו של הרבי, ניגון עתיק מאד.

היום פנה. ערב היה מבחוץ ובפנים החדר הצר של יואל האופה. הניגון נתערבל בכהות האפלולית. נתפש הוא מתחת לשולחן, בזויות החדר, ומחפש לו איזה חרך להתפרץ בעדו, לגווע בעדו.

האופל הולך וכהה יותר. הפנים כמעט אינם נראים עוד. העינים מתעצמות מאליהן. ואין אלא המהום גרידא. אין צורך במלים, אין צורך במבטים. לבבות משתפכים אל אפיק אחד. כאבים משתפכים יחד. הכל משתפך בהימהום זה של ניגון הרבי.

אה, אילו ניתן לו לניגון חרך פתוח, אילו ניתן לו לילך, להינשא, להתעופף למרחקים, ולהתייצב עכשיו בשעת סעודה של פורים בבתיהם של יהודים באשר הם אי שם בעולם, ולספר להם, לנגן באזניהם: ענות, ועלבון. להמהם לפניהם: ירידה וגוויעה... ומחאה נגד המוות המוזר...

אך מאחורי החלון, בגיטו, בכל בית היה שרוי הפחד מפני היק המושל, בעל־הבית, מלאך־המוות של יהודי סלונים.

הלילה עמד באמצע לידתו. אה, עד כמה קשה לידה זו בגיטו. כמה הולך ונמשך בין־השמשות זה! כה נקל למצוא את המוות ברגעים אלו של בין הערביים, בשעה שהיק מסיים את טיולו היומיומי ברחובות הגיטו.

מבט אל הרחוב — והימהום. מבט — והימהום. יריה רחוקה פילחה וזעזעה את שמשת החלון, והמשיכה בדרכה. יתכן שאי־שם בקלויז בגיטו נפל יהודי מת.

כן, היק זה היה צעיר ויפה. פניו — דם וחלב, עור עדין, עינים כחולות חפות־מפשע. כפריצון צעיר חולני המתהלך משועמם, או כמי ששרוי בפחד חינם שמא יתנפל מישהו עליו — כך היה היק מטייל בחברת ידידו — זאב עם עינים מוזרות מתרוצצות שהיו מטילות פחד על כל איש משהיה רואהו אפילו מרחוק.

די רק שהיק יקרוץ לו רמז קל ונוח ללא התרגזות, וללא התרגשות — וידידו הטוב כבר מזדנק כחץ מקשת, ובקשתו של בעל־הבית מתמלאה כהרף עין: יהודי מנושך למוות, או לחצאין...

ההתנגנות החשאית של שני מניני החסידים נתמשכה, נתמשכה עד שהליל חונן, בוכה בניגון. הפנים נתבהקו באפלו־לית. בחוץ התבהרו השמים. ירח מלא הציץ בעד החלון והכסיף את זקנו של ר' יודל השוחט, וניצנץ בזגוגיות משקפיו של ר' מוטקה הקישינובי השבורות למחצה.

דממה מדכדכת היתה שרויה בחדר. הניגון גווע תחת השולחן, או השתכב לו לחכות לזמנים אחרים על גגו של התנור הגדול, שעליו היו מונחים כלי הפסח של יואל'קה האופה, מעוטפים בנייר, ועוד יותר מכוסים באבק.

— ששששאאא...

...מספרים מעשה־נורא על יהודי־טוב — פתח ר' יודל שוחט ומילמל מתוך רטט, אגב נטל את זקנו המלבין בכף

ימינו, כאילו היה זה מקל עליו לזכור את סיפור המעשה מלפני כחמישים־ששים שנה. המעשה היה בפריץ גדול, עשיר, עם מוכסן עני יהודי. הפריץ הרע ביקש להיפטר מהיהודי, והיה מטכס עצות כיצד לחסלו. אולם המוכסן רץ מיד אל יהודי־טוב, ואז אירע שהפריץ הלך אל היער לצוד צייד ונטרף בפי חיות־פרא.

הרכין ראש אל ראש, הוצמד גוף אל גוף. הכל הבינו למה מכוון סיפור מעשה זה. כל רגע הוליד אנחה, ולאחרי כל אנחה ביצבץ ראש מתוך הצפיפות, ומבט נופל על שמשת החלון ששם צמוד הירח כטס מעוגל עשוי מנחושת־קלל. הוא אינו זז משם, משל כאילו ביקשה להתגרות בעגמימות הממלאה את חלל הגיטו בליל פורים. להתגרות ביגון ובתקווה המתאבקים בחדר האפל של יואל׳קה האופה, שבו מסובים מסביב לשולחן כשני מנינים חסידים, המוכנים ומזומנים לשמוח במפלתו של „הפריץ העשיר" צורר היהודים, שעדיין הריהי כל־כך רחוקה. הוי, כל־כך רחוקה...

— הי, הי, הי... קולו המאושש של ר׳ מוטקה הקישינובי נתחתך לתוך דבריו האחרונים של ר׳ יודל שוחט על מפלת הפריץ — ואמנם כך יהיה! כך, ולא אחרת! — הלך ונתגבה מצליל אל צליל — יותר שמחה, יותר חיים, יהודים! נהיה נא חסידים — גילו ורעדו. לשמוח באמצע הרעדה. שישקעו באדמה... הנכם יודעים כבר למי הנני מתכוון. פורים לנו היום! ארור המן אשר ביקש לאבדי, ברוך מרדכי היהודי — —

אך החסידים היו מוכרחים לעצור את ר׳ מוטקה בכוח.

בשכחו לגמרי את עצמו מוכן היה לקפוץ על השולחן, להשתלהב כמו באותם הזמנים הטובים אצל הרבי. ומי יודע מה עלול היה להתרחש אילולא פתאום נשתמעה דפיקה קלה בדלת, ונשימתם של כל החסידים נתקטעה, אחדים לחשו חרש: „שמע ישראל", ואחרים פיכרו ידיהם מפחד.

כשהחיים תלויים מנגד נדמה לו לאדם תדיר שעם כל ניד ואיושה, מבעד כל חרך דק מתפרץ מלאך־המוות לתוך החיים. אולם מיד לאחרי הדפיקה הראשונה באה השניה בלווי מלים יהודיות:

— **פתחו!** שלמקה מברנוביץ כאן. **אנא חוסו! פתחו!**

הר אפל נתפורר לנגד העינים. המוות הוסט למרחק של מילין... ולכשניסו רק לפתוח את הדלת — כבר נתנפל שלמקה לתוך החדר, מעורטל למחצה, כשזקנו ופיאותיו מרוטים. מחצית חיותו לא היתה בו. תחילה נבצר הימנו להוציא מלה מפיו. הושיבוהו ליד השולחן, על יד ר׳ יודל השוחט. חלפו רגעים, עד שלבסוף ביכה מבעד לפיו נפול השינים בצורה עצובה:

— ש־ח־יט־ה בב־ר־נב־יץ. היום... שלמקה פוקסמן צנח ברחוב ה־ר־ו־ג... הרבי, אין יודעים. ה־ר־ב־י, אין יודעים... א־לפ־י י־הוד־ים. כולם הובלו למאחורי העיר. מחצית ברנוביץ נשחטה. ה־ר־ב־י, מי יודע מה אירע ל־ר־ב־י...

בקבר אין הדממה עמוקה יותר מזו ששררה בחדר... ר׳ יודל השוחט התייפח בקול. ר׳ מוטקה הקישינובי קינח בממחטה את עיניו החולות, שראייתן כמעט לקתה לגמרי. גוף הוצמד אל גוף, מתוך רצון להתלכד יחד. הלב הפליט אנחה אחרי אנחה. דמעות נושרות הרטיבו פרוסות לחם שהיו מונחות על השולחן, והירח כאילו להכעיס, נצמד ונתנזל על שמשת החלון, וניצנץ בתוך קילוחי הדמעות, והכפיף את זקנו של ר׳ יודל שהיה רטוב כלאחר טבילה במקווה. הוא עדיין החזיק בו בכף ימינו, ונדמה כאילו ביקש לומר משהו, וכנראה לא היה לו עוד הכוח לכך...

שמחה סאָבאָל

קינדער־יאָרן אויף בלוטיקע וועגן

ווען עס איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה, בין איך געווען ביי די דריי יאָר אַלט. עס איז מיר שווער אַלץ צו געדענקען פון יענע צייטן, אָבער דאָס וואָס איך געדענק וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

זיי שלאָגן אונז מכות־רצח

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן די צייטן, ווען קינדער אין מיין עלטער פלעגן זיך שפּילן פריי, און איך האָב זיך געמוזט באַהאַלטן אין שטוב, אַז מ׳זאָל מיר ניט זען און ניט כאַפּן זיך שלאָגן מיר, וואַרפן אויף מיר שטיינער און שרייען „זשיד". אַזוי איז עס געווען אין די צייטן, ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן צווישן גויים. אָבער דאָס אַלץ איז גאָרניט קעגן דעם מערדערישן דייטש. איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן, ווי איך האָב אַלס קליין קינד זיך צוגעקוקט צו זייערע מערדערייען, ווען זיי פלעגן זיך אַריינרייסן אין אונזער הויז, אָננעמען פולע מאַשינען און וועגענער מיט אונזער האָב און גוטס, וואָס מיינע עלטערן האָבן אויף דעם געהאָרעוועט מיט זייער שווייס. און נאָכמער האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין קינדערשן מוח די זכרונות פון די קלעפּ, וואָס מיינע עלטערן און קרובים האָבן באַקומען פון די שמוציקע דייטשע הענט! אָפּט פלעגט מיין טאַטע קוים קענען אויפשטיין נאָך אַזאַ פאָרציע קלעפּ וואָס ער האָט באַקומען פון די רוצחים.

איך געדענק, ווי איינמאָל האָבן זיי זיך אַריינגעריסן צו אונז, ווען מיין פאָטער איז נאָך געלעגן קראַנק פון די פריערדיקע מכות־רצח. זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן שלאָגן אים מיט אַ נאַהייקע איבערן קאָפּ. מיין מאַמע האָט מיר דאַן געהאַלטן אויף די הענט, און איין דייטש איז צו איר צוגעגאַנגען, אָנגעהויבן איר שלאָגן און געשריען זי זאָל אים אויסזאָגן, ווו ס׳איז פאַרשטעקט אונזער געלט. אַזוי קליין ווי איך בין נאָך דאַן געווען האָב איך ניט געקענט צוזען דעם צער פון מיינע עלטערן אָן מיט מיינע קינדערשע נעגל האָב איך דעם דייטש אַ ריס געטאָן פאַרן באַק אַז בלוט איז אים אַרויס. דער מערדער האָט מיר אַרויסגעריסן פון דער מאַמעס הענט און געוואָלט שיסן אויפן אָרט, אָבער מיין מאַמע און מומע זיינען אים געפאַלן צו די פיס און מיט אַ געיאָמער אים געבעטן, ער זאָל מיר לאָזן לעבן. פון די געשרייען איז דער דייטש אַביסל צעטומלט געוואָרן, אָבער ס׳האָט נאָך אין אים געקאָכט די יזכע און ער האָט פון כעס געוואָלט שיסן מיין פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער,ביידע פרויען זיינען אים ווידער געפאַלן צו זיינע פיס, געעפנט די שאַנק און געזאָגט אים, אַז ער קען נעמען וואָס ער וויל, נאָר איבערלאָזן אונזערע נשמות. דער דייטש האָט זיך גענומען ראַבעווען אַלץ פון שאַנק, און דערוויל איז מיין טאַטע, מיטן פעטער, אַנטלאָפן פון הויז.

דאַן האָבן די דייטשן אָנגעלאָדן וועגענער מיט גוטס, פון אַלץ וואָס איז נאָך געבליבן פון די פריערדיקע רויבערייען. זיי האָבן אויסגעקליבן די בעסטע פערד פון שטאַל, געהייסן דער מאַמען זיי איינשפּאַנען, און פאַרן אָפּפאָרן האָט דער מערדערישער דייטש איר געהייסן זיך אויסדרייען מיטן פנים צום הויז און לויפן. ווען זי איז געלאָפן, האָט ער איר נאָכגעשאָסן, און זי איז אַריינגעפאַלן אין הויז אַ פאַרחלשטע. איך בין צוגעלאָפן צו איר מיט אַ קינדערשן געוויין: „מאַמעלע, דו לעבסט ?!" אָבער זי האָט נאָר געקענט אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ, קיין וואָרט האָט זי ניט געקענט אויסריידן.

באַלד זיינען אָנגעלאָפן דער טאַטע מיטן פעטער, וואָס זיינען זיכער געווען, אַז פון דער שיסעריי זיינען מיר שוין אַלע טויט. זיי האָבן קוים אָפּגעמינטערט די מאַמען, ביז זי איז צו זיך געקומען.

די מערדער האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט אונזער פאַרמעגן אַליין. איינמאָל זיינען זיי געקומען גאַנץ פרי און געטראָפן דעם טאַטן אַרבעטן אויפן הויף. זיי האָבן אים געהייסן שפּאַנען פערד אין וואָגן און אָנלאָדן פאַרשיידענע זאַכן. דאַן האָבן זיי אים אויפן וואָגן געשלעפּט מיט זיך אין וואַלד אַריין. שפּעטער האָט אונז דער טאַטע דערציילט, וויאַזוי ער האָט זיך פון זייערע הענט געראַטעוועט. זיי האָבן טיף אין וואַלד אים צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צום האַרצן און געפאָדערט אויסצוגעבן אַלע אידן וועלכע ער באַהאַלט ביי זיך אין הויף. מיין טאַטע האָט געשוויגן און זיי ניט דערציילט וועגן מיין מומען חנה פעקאַרסקי מיט אירן פיר קינדערלעך, וואָס זייער פאָטער חיים איז געפאַלן אין דער ערשטער שחיטה אין סלאָנים (ער איז געווען צווישן די, וועלכע מ׳האָט גענומען אויסצוגראָבן די גריבער אויף די פעטראַלעוויטשער בערגלעך, און נאָכדעם ווי די גריבער זיינען פאַרטיק געווען, האָבן די דייטשן דערשאָסן אים מיט די איבעריקע גרעבער, פאַרשאָטן מיט זאַמד און מיט טאַנקען איינגעפּרעסט די ערד איבער זיי. די מומע חנה האָט צומאָרגנס געפונען דעם פעטערס היטל ביים ברודער־קבר. נאָכדעם איז זי מיט די קינדער געקומען צו אונז אין הויף). מיין טאַטע האָט געשוויגן. ער האָט זיי ניט דערציילט אויך וועגן ליבע לובאָווסקי מיט אירע צוויי טעכ־

טער, וואָס האָבן זיך אויך ביי אונז אויסבאַהאַלטן. דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז קיין לעבעדיקער וועט ער פון זייערע הענט ניט אַרויס, צי ער וועט ריידן אָדער שווייגן. האָט ער געשוויגן.

די מערדער זיינען אויף אַ ווײַלע אַוועק אָן אַ זייט זיך באַראָטן וואָס צו טאָן מיטן טאַטן. ער האָט אויסגענוצט די רגע און איז אַנטלאָפן צווישן די געדיכטע ביימער און קוסטעס. די דייטשן האָבן אים נאָכגעשאָסן, אָבער ער איז פלינק אַנטלאָפן פון זייערע קוילן. ער האָט ניט געוואָלט לאָזן מיר אַ יתום אין די קינדער־יאָרן. אַזוי ווי מיין טאַטע איז געווען אַן אונטער־אָפיציר אין פוילישן מיליטער, איז ער זינט דעם אויסברוך פון מלחמה ניט געווען אין דערהיים, און איך האָב אים זייער ווייניק געזען.

אַז איך האָב אים געזען קומענדיק צולויפן אַ פאַרסאַפּעטער פון וואַלד, איז קיין סוף ניט געווען צו מיין פרייד.

אין מיין זיידנס הויף

אָבער די דייטשן האָבן שוין גוט געקענט מיין זיידנס הויף, אין וועלכן מיר האָבן דאַן געלעבט.

און ווער האָט ניט געקענט דעם הויף פון שלמה קרופעניע, „פון די קאָרטשעס", אַ פאָר קילאָמעטער פאַר הרינקי? מיין זיידע איז געווען גוט באַקאַנט אין סלאָנים און אומגעגנט אַלס אַ איד אַ נדבן.

ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, זיינען מיר אַריבער פון סלאָנים צום זיידן אין הויף. די דייטשן האָבן אונז אויך דאָ אָפּגעזוכט. עס פלעגט זיי ציען צום זיידנס הויף ווי מיט אַ מאַגנעט. ביי אונז איז לאַנג געווען וואָס צו ראַבירן, און יעדער דייטש פלעגט אויפן צווייטן מאָל שלעפן מיט זיך נאָך איינעם פון זיינע חברים.

אַ געוויסן ליכטיקן פרימאָרגן האָבן זיך צו אונז אַריינגעריסן שיכורע דייטשן און אָנגעהויבן אונז שלאָגן מיט זייערע נאַהייקעס. זיי האָבן געהייסן גרייטן זיי אַ טיש מיט כל טוב. בעת זיי האָבן געפרעסן, האָבן זיי אונז געהייסן שפאַנען פאַר זיי וועגענער און אָנלאָדן זאַכן און אויך אונזערע בהמות. מיר האָבן געזען, אַז פון זיי וועלן מיר קיין רעטונג ניט האָבן, זיי זיינען געווען שיכור און האָבן געפאָדערט זאַכן וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט. האָבן מיר באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון שטוב, ווו ווער עס קען. מיר האָט מיין מאַמע גענומען מיט זיך אין אַ נאָענטן וועלדל.

ס'איז געווען ווינטער, אַ שניי איז געפאַלן. מיר זיינען געלאָפן כמעט באָרוועסע און נאַקעטע, און איך האָב געפרוירן פאַר קעלט. איך געדענק, ווי מיין מאַמע האָט מיר געטולעט צו זיך און יעדע ווײַלע דערמינטערט. אַז ס'איז געוואָרן נאַכט, זיינען מיר שטיל צוגעגאַנגען צו אונזערע פענסטער און געזען, אַז די דייטשן זיינען שוין אַוועק. מיר האָבן נאָר געהערט האַרצרייסנדיקע קרעכצן פון אינעווייניק אין הויז האָבן מיר שוין געפונען חנה פעקאַרסקיס טעכטער, וועלכע האָבן זיך מטפל געווען מיט זייער מאַמען און מיט ליבע לובאָורסקיס קלענערער טאָכטערל מלכה, וואָס זיינען געלעגן אויפן בעט און ביטער געקרעכצט. חנה האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, די דייטשן האָבן זיכער געזוכט געלט, איבערגעקערט דעם געלעגער און מיין מומען אַרויסגעשלעפט פאַר די האָר. איין דייטש האָט אין איר געשאָסן און געטראָפן צום גליק אין איר רעכטער האַנט. דאַן האָבן די רוצחים ווייטער געזוכט און געפונען הינטערן אויוון די קליינע מלכה'לע, וואָס האָט זיך פאַר שרעק דאָרטן פאַרשטעקט. זיי האָבן איר אַרויסגעשלעפט און ביז בלוי און בלוט צעשלאָגן מיט זייערע נאַהייקעס.

עס זיינען אַדורך אַ פאָר שעה, און אַלע זיינען שוין צוריק געקומען פון זייערע באַהעלטענישן. ס'איז געווען זייער טרויעריק אויפן האַרצן און מיר האָבן ניט געקענט צוזען דעם צער פון די צוויי געשלאָגענע.

אין געטאָ אַריין

פון יענעם טאָג אָן האָבן מיר שוין מער ניט געקענט איינזיצן אין זיידנס הויף. באַלד דערנאָך, ווען די דייטשן האָבן שוין צעראַבירט ביי די דאָרפישע אידן אַלץ וואָס ס'האָט זיך געלאָזט, איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע אידן פון די דערפער און הויפן דאַרפן אַוועקגיין אין סלאָנימער געטאָ. ווער ס'וועט בלייבן זיצן אויפן דאָרף, וועט מען זיין הויז מיט דער גאַנצער משפחה פאַרברענען.

די מערדער האָבן שוין געהאַט צוגענומען ביי אונז אַלע פערד און וואָגנס, און מיר האָבן ניט געהאַט מיט וואָס איבערצופירן אונזער ביסל פאַרמעגן, וואָס איז אונז נאָך געבליבן. אַ טייל זאַכן האָבן מיר איבערגעגעבן באַקאַנטע קריסטן צום היטן און געדונגען ביי זיי אַ פערד און וואָגן.

אין אַ פסח'דיקן טאָג, וואָס איז פונקט געווען מיין געבורטס־טאָג, האָבן מיר פאַרלאָזן אונזער הויף. דער וועג איז געווען שווער, דער שניי איז שוין צעגאַנגען און מ'האָט ניט געקענט פאָרן ניט מיט רעדער און ניט מיט אַ שליטן. אַ פאָר קילאָמעטער פון הויף בין איך מיט מיין זיידן אַראָפּגעפאַלן פון שליטן און מיר האָבן זיך ביידע גוט צעקלאַפּט, אָבער מיר זיינען ווייטער געפאָרן, ווייל מ'האָט געמוזט צו דער צייט אָנקומען אין געטאָ, אַניט האָט עס געדראָט מיטן טויט. אָבער נאָך אונזער גאַנצער איילעניש האָבן מיר, צום שלימזל, פאַרשפּעטיקט. דער גוי האָט אונז אויסגעלאָדן אין אַ פינסטערער נאַכט אויף רוזשנויער גאַס און איז אַליין אַוועקגעפאָרן, אַזוי איבערגעשראָקן איז ער געווען. איך מיט מיינע מומעס און זיידן זיינען געבליבן אין מיטן גאַס, מיין מאַמע האָט זיך איבערגעטאָן פאַר אַ קריסטין, אויסגעטאָן די לאַטע, פאַרדעקט דעם קאָפּ און אַ האַלבן פנים מיט אַ גרויסער פאַטשיילע. די טויערן פון געטאָ זיינען שוין געווען פאַרמאַכט, האָט זי זיך אַריינגעגנבעט דורך די שטעכיקע דראָטן, איז געלאָפן צום אידישן קאָמענדאַנט און אים דערציילט וועגן אונזער צרה. מיין טאַטע און מיינע פעטערס זיינען נאָך געבליבן אין הויף, ווייל די דייטשן האָבן זיי געהייסן באַגראָבן רוסישע זעלנער, וואָס זיינען געפאַלן אין קריג און זייערע קערפּערס זיינען געווען צעוואָרפן אין געגנט. באַגראָבן האָבן זיי דער טאַטע מיט די פעטערס צוזאַמען מיט זייער געווער, כאָטש די דייטשן האָבן געהייסן אויפקלייבן דאָס געווער און זיי ברענגען.

דער אידישער קאָמענדאַנט איז אַוועק מיט מיין מאַמען צום דייטשן קאָמיסאַר און אים דערציילט אונזער לאַגע. דער

דייטש האָט אַלץ אויסגעהערט און געשיקט אַ פור אונז אַריינצונעמען אין געטאָ. עטלעכע טעג זיינען מיר געזעסן אין פּאָליציי, ווייל ס'איז נאָך פאַר אונז קיין אָרט ניט געווען אין געטאָ. נאָכדעם האָט מען אונז אַריינגעזעצט אין אַ צימער פול מיט בעטן. אַרום איז געווען הונגער און מענטשן פלעגן פאַר מיינע אויגן אויסגיין נאָך אַ שטיקעלע ברויט.

ווען מיין טאַטע האָט געענדיקט באַגראָבן די געפאַלענע רוסן מיט זייערע פערד און אַמוניציע, האָבן אים די דייטשן געהייסן גיין אין געטאָ אַריין. איך האָב זיך זייער דערפרייט מיטן טאַטן, וואָס איז, סוף־סוף, געקומען צו אונז און וועט זיין מיט אונז די גאַנצע צייט. אָבער מיין פרייד איז געווען אַ קורצע, ווייל די דייטשן פלעגן טרייבן אַלע אידן צו שווערער אַרבעט, פון פינסטער ביז פינסטער, און אַ סך פון די אידן פלעגן שוין פון זייער אַרבעט ניט צוריק קומען. מיין טאַטע־מאַמע פלעגן פאַרטאָג אוועקגיין אַרבעטן און קומען ערשט שפעט פאַרנאַכט צוריק, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט אונז קלאַפּן אין האַרצן, צי וועט עפּעס ניט געשען מיט מיינע עלטערן.

מיין פעטער משה לובאָווסקי איז צוגענומען געוואָרן צו דער אַרבעט און איז שוין מער ניט צוריק געקומען. איך געדענק, אַז מענטשן וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען געאַרבעט האָבן שפעטער דערציילט: די דייטשן האָבן איינגעשפאַנט מיין פעטער אין אַ וואָגן מיט גרוז און האָבן געצוווּנגען אַלע איבעריקע אידן שמייסן מיין פעטער אַז ער זאָל ציען דעם שווערן וואָגן. אַזוי איז ער דאָרטן געפאַלן.

מיין פאָטער האָט געזען, אַז לאַנג וועט עס ניט דויערן און זיי וועלן אויך אים טויטן, מיט נאַהייקעס אָדער מיט אַ קויל. ער האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. ער איז געלאָפן פון די שורות, ווען מ'האָט אַלעמען געפירט צו דער אַרבעט. די דייטשן האָבן אפילו ניט באַמערקט, ווי ער איז אַריינגעשפרונגען אין די קוסטעס. ווען אַלע זיינען שוין אַוועק, האָט ער אַראָפּגעריסן די געלע לאַטע און זיך געלאָזט צום וואַלד. דאָרטן איז ער געזעסן ביז טונקל און שפעטער אַוועק צו דעם פויער, וועמען מיר האָבן איבערגעלאָזן פיל פון אונזערע זאַכן. ער האָט ביי אים גענומען אַביסל עסנוואַרג, אַוועק און געפונען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, געקריגן געווער און אָנגעהויבן גיין אויף „זאַדאַניעס".

איך, מיין מאַמע, זיידע און די איבעריקע קרובים, פרויען און קינדער, האָבן ניט געקענט לויפן מיט מיין טאַטן אין וואַלד. מיין מאַמע האָט געאַרבעט ביים טראָגן גרוז פון די איינגעפאַלענע הייזער אין געטאָ, מיר זיינען געווען צו קליין און דער זיידע צו אַלט אויף צו אַרבעטן, און מיר האָבן פשוט ניט געקענט דעריבער אַרויסגיין פון די געטאָ־טויערן.

אידן האָבן זיך געגרייט אויף גרויסע שחיטות, געגראָבן טיפע גריבער אונטער זייערע הייזער, כדי זיך דאָרטן צו באַהאַלטן פאַר די דייטשע רוצחים. מיר זיינען אויך געזעסן אין אַזאַ סכראָן, ניט אָנגעזען די לעבעדיקע שיין און ניט געהאַט וואָס צו עסן. אַז עס פלעגט אַביסל שטילער ווערן, און די דייטשן האָבן אויפגעהערט צו שלעפּן אידן פון די הייזער צו די גריבער הינטער דער שטאָט, פלעגן מיר אַרויסגיין אויף אַ ווײַלע — די ליכט האָט אונז געשטאָכן אין די אויגן און דער קאָפּ פלעגט זיך דרייען פון הונגער.

דאָס איז שוין געווען פאַר דער לעצטער שחיטה. מיין מאַמע האָט באַשלאָסן מיר אַרויסראַטעווען פון געטאָ. אַלע האָבן געשריען אויף דער מאַמען, אַז זי זאָל דאָס ניט טאָן, אָבער מיין מאַמע האָט געטענה'ט, אַז איך זאָל כאָטש לעבן בלייבן, ווייל איר לעבן איז שוין סייווי פאַרשפּילט. זי האָט זיך שוין אייניקע מאָל אַרויסגעריסן פון דער שורה און פון די מערדערישע הענט, און איצטער האָט זי נאָר געדאגה'ט פאַר מיר.

אַ אידיש קינד צווישן גויים

דער טאָג ווען די מאַמע האָט מיר אַרויסגעפירט פון געטאָ איז געווען זייער אַ טומלדיקער. אַ פּאָר טעג פאַר דעם האָבן די פּאַרטיזאַנער געהאַט געשאָסן אַ דייטשן פּאָליציאַנט און די נאַציס האָבן געכאַפּט צוויי פּאַרטיזאַנער און זיי אויפגעהאָנגען אין מיטן סלאָנימער מאַרק, אויף עלעקטרישע סלופּן.

אַ פּחד האָט אַרומגענומען דאָס ביסל אידן אין געטאָ, און אויך די קריסטן וואָס האָבן געלעבט אויסערן געטאָ. דעמזעלבן טאָג איז אויך פאָרגעקומען די לוויה פון דערהרגעטן פּאָליציאַנט. דאָס האָט אונז אַביסל צוגעהאָלפן. די מאַמע האָט אַראָפּגענומען די געלע לאַטעס, און קיינער האָט אין אַזאַ טאָג דאָס ניט געמערקט. אַזוי זיינען מיר אָנגעקומען צום זעלבן קריסט, צו וועלכן דער טאַטע איז געלאָפן פון דער אַרבעט. דאָרטן האָט מיר מיין מאַמע געלאָזן צווישן די קריסטן און איז אַליין אַוועק צוריק אין געטאָ מיט אַ צעבראָכענעם האַרץ. זי איז געגאַנגען אין געטאָ צו איר אַלטן פאָטער און צו דער גאַנצער משפחה — און איז ניט געווען זיכער, צי מיר וועלן זיך נאָך זען לעבעדיקערהייט. זי האָט אויך ניט געקענט אַוועקגיין פון געטאָ. די צאָל אידן איז שוין געווען קליין, און די דייטשן האָבן גענוי געוווּסט ווען עמיצער איז געלאָפן פון געטאָ און זיי האָבן זיך נוקם געווען אָן דער גאַנצער משפחה.

איך בין געבליבן ביי די קריסטן אַליין און עלנט ווי אַ שטיין. ריידן גוט אויף זייער שפּראַך האָב איך ניט געקענט. די אַרומיקע פויערים האָבן דעריבער גלייך באַמערקט, אַז איך בין אַ אידיש קינד, און די שקצים פלעגן מיר אָפּט באַפאַלן מיט שטיינער און מיט געשרייען: „זשיד!" איך האָב מורא געהאַט אַרויסצוגיין אין דרויסן און פלעג גיין ערגיץ נאָר מיט דער פויערטע צוזאַמען און זיך האַלטן אָן איר פאַרטוך. ניט איינמאָל האָט מען שוין געמסר'ט אויף איר, אָבער זי האָט געטענה'ט, אַז זי האַלט ביי זיך אַ קינד פון איר משפחה.

נאָכדעם האָט מיין טאַטע אָנגעהויבן קומען צו מיר. שפּעט ביינאַכט, ווען די גויים זיינען שוין געשלאָפן און קיינער האָט אים ניט געזען, פלעגט ער צו מיר קומען, זען וואָס איך מאַך. דערנאָך פלעגט ער צוריק אַנטלויפן אין וואַלד אַריין. אויך די מאַמע האָט זיך ניט איינמאָל אַרויסגעריסן פון געטאָ, דורך די שטעכיקע דראָטן, און געקומען צו מיר אויף אַ זייער קורצן באַזוך. זי האָט נאָך געמוזט די זעלביקע נאַכט לויפן צוריק, זיך אַריינגנבענען אין געטאָ און מיטן פרימאָרגן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, מיט אַלע אַנדערע אידן.

מיין מומע חיה קרופּעניע האָט געזען, אַז מיין מאַמע האָט מיר אַרויסגענומען פון געטאָ און איך בין בשלום אָנגעקומען צו דער קריסטין, האָט זי אויך אַרויסגענומען איר טאָכטערל דבורה. ס'איז ניט געווען קיין לייכטע שטיקל אַרבעט, אַרויס־

צוגנבֿנען זיך פֿון געטאָ, אָבער מ׳האָט פּרובירט צו ריזיקירן.

די צווייטע מומע, חיה נעשוויצקי, האָט אויך געטאָן דאָסזעלבע מיט איר קליינעם זון מאָטל.

אַזוי זיינען מיר שוין געווען דרייען ביי איין קריסטין. איך האָב זיך געפילט אַ סך בעסער, ווייל כ׳בין שוין ניט געווען אַליין און כ׳האָב שוין געהאַט צו וועמען צו ריידן, מיט וועמען זיך צו שפּילן. ווייל מיט די קריסטלעכע קינדער האָב איך ניט געטאָרט זיך שפּילן, זיי זאָלן מיר ניט מסרן. פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָך מומעס האָבן געוואָלט אַרויספירן זייערע קינדער צו דערזעלבער קריסטין, אָבער זי האָט שוין מורא געהאַט נעמען צו זיך נאָך אידישע קינדער. בלית ברירה זיינען זיי געבליבן אין געטאָ.

מיין מאַמע מיט דער מומע חיה זיינען עטלעכע מאָל געקומען צו אײִנז זען וואָס מיר מאַכן. אָבער לאַנג האָבן זיי שוין די „נאַכט־שפּאַצירן" ניט געדאַרפט מאַכן. איינמאָל זיינען זיי אַוועק פון געטאָ צו אונז און געוואַרט אין אַ וועלדל ס׳זאָל פינסטער ווערן. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר די קריסטן, וואָס פלעגן איבערגעבן אידן אין דייטשע הענט און קריגן דערפאַר געלט פון די רוצחים. געווען אָבער אַ סך קריסטן, וועלכע האָבן געוווסט, אַז מיין טאַטע מיטן פעטער זיינען אין דער פאַרטיזאַנקע, און זיי האָבן מורא געהאַט מסרן אויף אײִנז, טאָמער וועלן פאַרטיזאַנער נקמה נעמען אָן זיי און זייערע משפחות.

בלייך ווי די וואַנט זיינען אַריין ביינאַכט אין דער קריסטינס הויז מיין מאַמע מיט די מומעס. באַלד דערנאָך האָבן מיר פון דער זייט פון געטאָ געהערט שיסערייען און אַ הויכער פייער־סלופּ מיט אַ צונטער־רויטן הימל האָבן זיך באַוויזן פאַר אונזערע אויגן. מיר האָבן געוווסט, וואָס דאָס באַדייט: די דייטשן האָבן פאַרברענט דעם געטאָ צוזאַמען מיט זיינע איינוווינער און געשאָסן אויף זיי פון אַלע פיר זייטן. די געשרייען פון די געמאַטערטע, ברענענדיקע און געשאָסענע זיינען דערגאַנגען ביזן הימל, און איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

מיר זיינען געזעסן צעטומלטע און דערשלאָגענע. מיין זיידע, מיינע מומעס מיט זייערע קינדער, אַלע, אַלע וואָס זיינען געבליבן אין געטאָ, זיינען דערמאָרדעט געוואָרן מיט כלערליי מיאוסע טויטן. מיין מאַמע האָט זיך ניט געקענט שענקען, וואָס זי האָט זיך אפילו ניט געזעגנט מיט אירע נאָנסטע פאַר זייער שרעקלעכן טויט.

אָבער פונוואַנען האָבן זיי געקענט וויסן, אַז ס׳גרייט זיך די לעצטע שחיטה פון די אידן אין געטאָ?

דיזעלבע נאַכט זיינען אויך געקומען צו אונז מיין טאַטע מיט מיינע פעטערס פון וואַלד. ווען זיי האָבן זיך געטראָפן מיט אונזערע מאַמעס, איז דער וויי־טאָק געווען גרעסער ווי די פרייד.

די קריסטין האָט זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ גרויסע גרופּע אידן ביי איר אין הויז און זי האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר מוזן אַלע אַוועקגיין און פאַרלאָזן איר הויז. אָבער וויהין גייט מען? און וואָס טוט מען? אַ רגע האָבן מיר שוין געטראַכט, אַז מיר זאָלן אַלע אַוועקגיין צוריק אין געטאָ און זיך איבערגעבן אין די דייטשע הענט. אָבער די קריסטין האָט אונז געראָטן גיין אין וואַלד אַריין, און האָט צוגעזאָגט די ערשטע טעג ברענגען אונז עסן אין אײַנזער באַהעלטעניש.

אין וואַלד, אין זעמלאַנקע

אַזוי האָבן מיר טאַקע געטאָן. מיר זיינען אינמיטן דער נאַכט אַוועק אין וואַלד און פאַרטאָג אָנגעקומען אַהין און זיך באַהאַלטן צווישן די בוימער פאַר די דייטשן. מ׳האָט דערציילט, אַז די דייטשן באַפאַלן וועלדער, הרגענען אויס די פאַרטיזאַנער און ווער ס׳פאַלט אַריין לעבעדיקערהייט אין זייערע הענט, ווערט אַוועקגעשלעפּט קיין סלאָנים און אויפגעהאַנגען אינמיטן פּלאַץ, אַז אַלע זאָלן זען.

פון שרעק צוליב די אַלע מעשיות בין איך שטאַרק קראַנק געוואָרן. מיין מאַמע, מיט דער מומע חיה, זיינען אַרויס פון וואַלד און געוואָלט גיין צו דער באַקאַנטער קריסטין און בעטן ביי איר אַ רפואה פאַר מיר. ווי נאָר זיי זיינען אַרויס פון וואַלד, האָט זיי געכאַפּט אַ גוי, וואָס האָט אַמאָל געדינט ביי מיינע עלטערן און פאַר די דייטשן איז ער געוואָרן אַ פּאָליציאַנט. מיין מאַמע האָט אים אָפּגעגעבן איר קידושין־רינגעלע מיט איר זייגער, אַבי ער זאָל זייביידן לאָזן צורו, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. דאַן האָט אים מיין מאַמע געזאָגט: „דו פירסט אײִנז צום טויט, אָבער מיין מאַן וועט דיר דערפאַר אָפּצאָלן. מיין ניט, אַז ער זעט אונז ניט איצטער. ער שטייט אײִן וואַרט אויף אונז מיט אַ גרופּע פאַרטיזאַנער". דער גוי האָט עס געהערט, איז ער געבליבן אַ צעשראָקענער, אָבער דער מאַמעס רינגעלע מיטן זייגער האָט ער גענומען און געבעטן זיי זאָלן קיינעם דערפון ניט דערציילן.

ניט טויט און ניט לעבעדיק זיינען די מאַמע מיט דער מומען געקומען צוּלויפן אין וואַלד אַריין. קיין רפואה האָבן זיי פאַר מיר ניט געבראַכט, האָב איך אָפּגעקרענקט אַ פּאָר וואָכן און געזונט געוואָרן אָן רפואות.

איינמאָל האָבן מיר געהערט אַ גערויש אין וואַלד און זיינען געווען זיכער, אַז דאָס קומען די דייטשן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן הינטער די בוימער, אָבער די צוויי מענטשן וואָס זיינען אָנגעקומען האָבן אונז שוין באַמערקט. זיי האָבן אונז אויסגעפאָרשט און דאַן דערציילט, אַז זיי זיינען פאַראַשוטיסטן, וועלכע די סאָוועטן האָבן אַראָפּגעלאָזן הינטער די דייטשע ליניעס, כדי זיי זאָלן זיך פאַרבינדן מיט די אָרטיקע פאַרטיזאַנער. זיי זיינען פונקט אַריינגעפאַלן צו אונז אין וואַלד אַריין. ווען זיי האָבן אונז געהערט ריידנדיק אויף אַן אומפאַרשטענדלעכע פאַר זיי שפּראַך, האָבן זיי אײִנז פאַרהאַלטן, אָבער פון שמועס מיט אונז האָבן זיי געזען, אַז מיר זיינען ניט קעגן זיי. אײִנז האָבן זיי געגעבן אַן עצה ניט צו זיצן אַזוי סתם אין וואַלד, אויבן אויף, נאָר אויסגראָבן אַ זעמלאַנקע, כדי זיך צו באַהאַלטן פאַר די דייטשן, פאַר אַנדערע שונאים אַרום און פאַר דער קעלט.

די צוויי פאַראַשוטיסטן האָבן אונז איבערגעלאָזן אַביסל עסן אײִן זיינען אַוועק זוכן די פאַרטיזאַנער, צו וועלכע זיי זיינען געשיקט געוואָרן. מיר האָבן געפאָלגט זייער עצה און אויסגעגראָבן אַ סכראָן אין וואַלד. פון אויבן האָבן מיר פאַרזעצט יונגע בוימלעך און פאַרשאָטן מיט אַראָפּגעפאַלענע בלעטער. דאָס איז געווען אַן אַרבעט פון עטלעכע וואָכן, אָבער געזעסן דאָרטן זיינען מיר נאָר עטלעכע טעג.

איינמאָל האָבן מיר דערהערט אַ נאָענטע שיסעריי. די מענער זיינען אַרויסגעלאָפן אין וואַלד זען וואָס איז געשען, און מיר זיינען געבליבן אין זעמלאַנקע. די פעטערס זיינען

באַלד צוריקגעקומען און דערציילט, אַז דייטשן, מיט געווער און הינט, האָבן אַרומגערינגלט אונזער וואַלד. מיין טאַטע האָט שוין ניט באַוויזן צוריקצולויפן אין זעמלאַנקע און ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן בוים. פון דאָרטן האָט ער געזען, ווי די דייטשן זוכן אַרום אונזער סכראָן, נישטערן אין יעדן ווינקל. זיי זיינען אַזוי אַרומגעקראָכן אַרום אונזער באַהעלטעניש אַ פּאָר שעה, אָבער גאָרניט געפונען. געפירט האָט זיי אַ קריסט, וואָס איז אַמאָל געווען אונזער שכן.

מיר זיינען געלעגן אין סכראָן און כמעט ניט געאָטעמט. אין האַרצן האָב איך געמיינט, אַז מיין פאָטער איז שוין אַריינגעפאַלן אין דייטשע הענט. איך האָב אָבער געשוויגן, ניט געקלאָגט און ניט גערעדט און ניט געוויינט, ווייל די דייטשן קענען דערהערן און אונז אַלעמען אויסהרגענען.

ווען מיין טאַטע האָט געזען, אַז די רוצחישע הינט זיינען שוין אַוועק, איז ער אַראָפּ פון בוים און געלאָפן זען צו מיר לעבן נאָך. ער האָט קוים געפונען די טירל, וואָס איז געווען פאַרזעצט מיט אַ ביימל, און האָט אונז אַלעמען געפונען פאַרחלשטע. ער האָט אונז אַרויסגעצויגן אויף דער פרישער לופט, ביז מיר זיינען צו זיך געקומען. ערשט ווען איך האָב זיך אַ ביסל אָפּגעמינטערט פון חלשות האָב איך דערזען דעם טאַטן שטיין איבער מיר.

גלייך נאָכדעם האָבן מיר ווידער דערהערט אַ שיסעריי און זיך צוריק פאַרשטעקט אין סכראָן. די דייטשן זיינען לאַנג, ביז פינצטער, אַרומגעקראָכן אַרום אונזער באַהעלטעניש. ביינאַכט זיינען זיי אַוועק, מורא האָבנדיק צו בלייבן אין וואַלד. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי וועלן נאָכאַמאָל קומען צומאָרגנס און האָבן באַשלאָסן באַלד פאַרלאָזן דעם וואַלד.

אַ גאַנצע נאַכט זיינען מיר געגאַנגען איבער וועלדער און פעלדער, ביז מיר זיינען צוגעקומען צו אַ שאָסיי. ס'איז שווער געווען אַריבערצוגיין דעם וועג, צוליב די דייטשע פאַטרולן. אויף אַלע פיר האָבן מיר אים איבערגעפויזשעט, און אַזוי דערקראָכן צו אַ געדיכטן וואַלד.

דער הונגער האָט אונז געמאַטערט, און אויך דער שווערער טאָג פון דער דייטשער אָבלאַווע. זיינען די גרויסע אַוועק זוכן אַביסל עסן, געפינען אַ פאַרברענטן דאָרף און אין די קאַרטאָפל־גריבער אויסגעזוכט אַ פּאָר האַלב־צעפוילטע בולבעס. אַלץ אַרום איז געווען פאַרברענט, ווייל דאָס איז געווען אַ דאָרף, וואָס האָט געהאָלפן די פאַרטיזאַנער מיט פּראָדוקטן, און די דייטשן האָבן אים אונטערגעצונדן.

דער וועג צוריק פון פאַרברענטן דאָרף אין פאַרשנייטן וואַלד אַריין איז געווען זייער שווער, און אונזערע עלטערן האָבן אונז ניט געקענט געפינען אויפן זעלבן אָרט ווו זיי האָבן אונז איבערגעלאָזן. זיי האָבן לאַנג געזוכט און אָנגעהויבן אונז באַקלאָגן, מיינענדיק אַז ווילדע חיות האָבן אונז אויפגעפרעסן. עפּעס דורך אַ צופאַל האָבן זיי באַמערקט זעקס טונקעלע לעכער אין שניי, זיי האָבן גענומען אויפגראָבן דעם שניי און אונז געפונען אונטער אים, צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. זיי האָבן פאַרנאַנדערגעלייגט אַ פייער, כדי אונז אָנצוּוואַרעמען און אָפּבאַקן די פּאָר קאַרטאָפל. די קינדער האָבן געגעסן, געשלונגען ממש די קאַרטאָפל, און די עלטערן האָבן געקייט אַביסל קאַלטן שניי.

אַזוי ווי מיר זיינען געזעסן ביים פייער און זיך געוואַרעמט, האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אַ דייטש. אונזער בלוט איז אונז פון שרעק ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ווען דער דייטש האָט אונז דערזען, האָט ער אָנגעהויבן אַנטלויפן, אָבער מיין טאַטע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און געלאָפן נאָך אים. אַזוי זיינען זיי ביידע פאַרשוווּנדן פון אונזערע אויגן. מיר האָבן געוואַרט מיט האַרצקלאַפּעניש אויפן טאַטן, געמיינט אַז דער דייטש האָט אים שוין אַוועקגעלייגט, זיך שוין געקליבן גיין זוכן זיין קערפּער. דאַן האָבן מיר אים געזען פונדערווייטן. מיין פרייד איז געווען ניט צום באַשרייבן. איך בין אים געלאָפן אַנטקעגן און אַרויפגעשפרונגען אויף זיינע הענט, מיט אַ גליקלעכן געוויין און הייסע קושן. און אָט וואָס דער טאַטע האָט אונז דערציילט:

ער איז נאָכגעלאָפן דעם דייטש ביזן עק וואַלד און אים דאָרטן געכאַפּט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז ניט קיין דייטש, נאָר אַ פּויער פון דער סביבה. דער פּויער האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָבן פאַרטיזאַנער אַוועקגעלייגט דריי דייטשע זעלנער. ער האָט אַראָפּגעשלעפּט פון איינעם דעם שינעל און אים באַגראָבן. היינט איז ער געקומען אין וואַלד אָנצוטאָן דעם וואַרעמען בגד. דאַן האָט ער אונז באַמערקט און זיך געלאָזן לויפן פאַר פחד. ער האָט געבעטן דעם טאַטן אים אָפּלאָזן און צוגעזאָגט קיינעם אַ וואָרט ניט זאָגן. טאָמער וועט ער אונז מסרן, זאָל מיין פאָטער קומען צו זיין הויז — און ער האָט פון עק וואַלד געוויזן דעם טאַטן זיין כאַטקע פונדערווייטנס — און אויס נקמה אפילו הרגנען זיין גאַנצע משפחה.

דער טאַטע האָט אָפּגעלאָזן דעם פּויער און געקומען צוריק צו אונז. מיר האָבן מורא געהאַט צו טרויען אַזאַ קריסט און באַשלאָסן ווייטער וואַנדערן, גלייך ווי ס'וועט נאָר פינצטער ווערן.

מיר האָבן ווייטער געשפּאַנט אַ גאַנצער נאַכט, ניט גערוט קיין מינוט, און מיטן אָנקום פון פרימאָרגן זיינען מיר אָן כוח דערגאַנגען צו אַן אַנדער וואַלד. אונזערע הערצער זיינען געווען פאַרחלשט פון הונגער און די אויגן האָבן זיך ממש פאַרמאַכט פון מידקייט. מיר זיינען דאָרטן אָפּגעשלאָפן אַ גאַנצן טאָג, געלעגן מיט די האַרטע, פאַרפרוירענע בגדים אין שניי. די קליידער זיינען אונז צוגעפרוירן צום קערפּער. וואָס צו עסן איז ניט געווען.

ביינאַכט זיינען מיר ווייטער אַוועק, געקראָכן אין שניי מיט אונזערע האַלב־פאַרפרוירענע פיס. אונזער ציל איז געווען: זיך טרעפן מיט פאַרטיזאַנער און זיך פאַרבינדן מיט זייערע אַ גרופּע. אונז איז שוין מיאוס געוואָרן אונזער לעבן אין וואַלד, אַליין, אָן שוך, אָן עסן, אָן אַן אויסזיכט.

מיט די „מאַקסימאָוועצעס"

אין דערפרי זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ נייעם וואַלד. טיף האָבן מיר ניט געקענט אַריינגיין, ווייל מיר זיינען געפאַלן פאַרחלשטע באַלד ביים אַריינגיין. אין דעם וואַלד איז געווען אַ פאַרטיזאַנער־גרופּע, און עטלעכע פון זיי זיינען די זעלבע נאַכט געגאַנגען אויפרייסן אַ דייטשן באַן און אונז אָנגעטראָפן אַזוי פאַרחלשטע. זיי האָבן אונז מיטגענומען צו זיך אין אָטריאַד, אָנגעזעטיקט און אָנגעטרונקען און געלאָזן זיך

אויסרויען. דאַן האָבן זיי אונז געהייסן גיין אין „סעמיינעם" אָטריאַד. זייער גרופּע איז באַשטאַנען בלויז פון מענער, וועלכע זיינען כסדר געגאַנגען אין קאַמף מיטן שונא, און מיר מיט די פרויען און קינדער קענען זיי שטערן.

קאָמאַנדיר פון דעם אָטריאַד איז געווען דער באַרימטער מאַקסים, אַ העלדישער פּאַרטיזאַן, פאַר וועמענס קאָפּ די דייטשן האָבן באַשטימט אַ גרויסע סומע געלט. ער פלעגט אויף זיי אָנוואַרפן אַ פחד, ניט איינמאָל קומען אין זייערע קינאָס און קלובן, אונטערלייגן מינעס און אפילו איבערלאָזן אַ בריוול, אַז דאָס איז זיין, מאַקסימס, אַרבעט. אַרומגעגאַנגען איז ער שטענדיק מיט צוויי רעוואָלווערן און מיט אַ „פּעפּעדע" אויפן אַקסל.

מאַקסים האָט ניט ליב געהאַט קיין אידן. אין זיין אָטריאַד איז ניט געווען קיין איין אידישער פּאַרטיזאַן. צום אָנהייב האָט ער אפילו ניט געוואָלט הערן וועגן איבערלאָזן אונז אַלעמען אין זיין אָטריאַד, שפּעטער האָט ער שוין מסכים געווען צו לאָזן די טאַטעס, און די פרויען מיט די קינדער זאָלן גיין אין משפחה־לאַגער. ווען די טאַטעס און מאַמעס האָבן אים דערציילט, וויאַזוי זיי האָבן פאַרברענט די כאַטע פון וואַלד־וועכטער, פון וועלכער די דייטשן פלעגן מאַכן „זאַסאַדעס" אויף די פּאַרטיזאַנער, איז מאַקסים ווייכער געוואָרן און אונז אַלעמען אַריינגענומען אין זיין גרופּע.

פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע מיט די פעטערס האָבן צוגעזאָגט צו ברענגען געווער, פון דעם וואָס זיי האָבן אַמאָל באַגראָבן צוזאַמען מיט די רוסישע טויטע זעלנער. די קינדער זיינען געבליבן אין וואַלד און אונזערע עלטערן זיינען אַוועק אין געבראַכט אַ סך געווער, ביקסן, קוילן און גראַנאַטן.

מיינע עלטערן פלעגן גיין מיט אַלע פּאַרטיזאַנער אויף „זאַדאַניעס", לייגן מינעס, אויפרייסן באַנען, שניידן טעלעפאָן־דראָטן און אפילו זיך אַריינרייסן אין דייטשע לאַגערן און ביוראָען פון דער פּאָליציי.

דאַן איז געקומען די גרויסע „אָבלאַווע" פון דייטשע זעלנער, מיט טאַנקען און אַעראָפּלאַנען, אויף די פּאַרטיזאַנישע וועלדער. ס'איז געוואָרן אַזאַ מהומה, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט אין וועלכער זייט צו אַנטלויפן. אונזערע פּאַרטיזאַנער האָבן נאָך פריִבירט שפּאַנען פערד און אַנטלויפן, צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער, אָבער ווייט פאַרפאָרן האָט מען ניט געקענט צוליב די דייטשע באָמבעס און צוליב זייערע פּאַטרולן אויף אַלע וועגן. אונזערע משפחות זיינען געבליבן אין וואַלד, בעת די איבעריקע מאַקסימאָווצעס זיינען אַנטלאָפן רייטנדיק אויף פערד אָדער צופוס.

מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ גרויסן גרוב פון אַן אויסגעוואָרצלטן אַלטן בוים. זעקס טעג און זעקס נעכט זיינען מיר דאָרטן אָפּגעלעגן, אָן עסן און אָן וואַסער. מיר זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער. מיינע עלטערן האָבן געריסן פון זיך שטיקער בגדים, כדי מיר איינצוּוויקלען קעגן דעם פראָסט. מיר האָבן שוין געבעטן אויף זיך דעם טויט, אָבער ניט פון די דייטשע הענט. די מערדער האָבן ממש דורכגעאַקערט דעם וואַלד מיט זייערע באָמבעס, און שפּעטער מיט זייערע פּאַטרולן און הינט. צו אונזער גליק האָבן זיי אונז ניט אויפגעדעקט. נאָך די זעקס טעג זיינען מיר אַרויסגעקראָכן מיט מאַטערנישן פון טיפן גרוב, מיינע עלטערן זיינען אַוועק אין אַ נאָענטן דאָרף זוכן עסן, אָבער דער דאָרף איז געווען פאַרברענט, די פּויערים האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן, — און מיינע עלטערן זיינען צוריקגעקומען מיט ליידיקן.

מיר לויפן פון איין וואַלד אין צווייטן

נאָך אַזאַ מיאוסן סוף פון אונזער קעמפנדיקן אָטריאַד האָבן מיר שוין ניט געוואָלט בלייבן אין זעלבן וואַלד און זיינען אַוועק זוכן נייע וועלדער. דעם גאַנצן וועג האָט מיר מיין טאַטע געטראָגן אויף די הענט, ווייל איך האָב שוין קיין כוח ניט געהאַט אפילו צו שטיין אויף מיינע פיסלעך. מיר האָבן מורא געהאַט אַריינצוגיין אין אַ דאָרף און בעטן עסנוואַרג, ווייל די פּויערים האָבן געציטערט פאַר די דייטשן, און אויך פאַר די קריסטלעכע פּאַרטיזאַנער, אָבער אידן פלעגן זיי דאַן אַוועקטרייבן פון זיך, און אפילו זיי מסרן די דייטשן. דער פחד איז געווען גרויס. מיר זיינען ווייטער געגאַנגען די גאַנצע נאַכט, כל זמן די פיס האָבן געשלעפּט.

מיטן פרימאָרגן האָט זיך פון דערווייטנס געוויזן דער וואַלד, אָבער מיר זיינען געשטאַנען אויפן ברעג פון אַ טייך, וואָס האָט אונז פאַרשפּאַרט דעם וועג צו אונזער ציל. ביים ברעג איז געשטאַנען אַ כאַטע, מיין טאַטע מיט די פעטערס זיינען צוגעקומען און אָנגעקלאַפּט, אָבער דער קריסט וואָס איז געזעסן אינעווייניק האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק, מיין פעטער האָט געזען, אַז מיט גוטן וועלן מיר גאָרניט פועלן און אַז מיר מוזן אַריבערגיין דעם טייך, כדי ניט אַריינצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די דייטשע הענט, — האָט ער מיט זיין ביקס אַ זעץ געטאָן אין פענסטער און צעבראָכן די שויבן. דער קריסט האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט אונז אַריבערפירן איבערן טייך, און מיין טאַטע האָט אים צוגעשטעלט די ביקס צום האַרצן. דאַן ערשט האָט ער אונז אַריבערגעפירט איבערן אייז, אין אַ זיכערן פּלאַץ, און מיר האָבן פון אים אויך גענומען אַ לאַבן ברויט. מיין טאַטע האָט דעם קריסט אָנגעזאָגט, אַז טאָמער מסרט ער אונז, וועלן מיר קומען ביינאַכט און אויסהרגענען אים מיט זיין משפחה. ער האָט אויך געהייסן אים גיין גלייך אויף צוריק און זיך ניט אומקוקן.

שוין מיטן ליכטיקן טאָג זיינען מיר שנעל אַריין אין נייעם וואַלד. דאָרטן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן מיט פּאַרטיזאַנער, וואָס זיינען אַנטלאָפן און זיך געראַטעוועט פון פאַרשיידענע אָטריאַדן. געווען צווישן זיי אַ סך פאַרוווּנדעטע און קראַנקע, און פיל פון זיי זיינען אויסגעגאַנגען פון זייערע ווונדן אין וואַלד.

די געזונטע פּאַרטיזאַנער, און מיט זיי מיין טאַטע און פעטערס, פלעגן ביינאַכט אַרויסגיין אין די אַרומיקע דערפער געפינען פּראָדוקטן, רפואות און זיך דערוויסן וואָס ס'הערט זיך. די דייטשן זיינען נאָך אַלץ געווען אַרום די וועלדער.

איינמאָל האָבן מיר פלוצלינג דערזען צוויי מענטשן זיך דערנענטערן צו אונז. זיי האָבן אונז געבעטן זיי אַריינעמען אין אונזער אָטריאַד, זיי ווילן זיין פּאַרטיזאַנער. זיי זיינען ביידע דייטשן, אַנטלאָפן פון דייטשן מיליטער, פונם פראָנט, — אַזוי האָבן זיי געטענה'ט. אונזערע פּאַרטיזאַנער האָבן גענומען זיי אויספאָרשן, ביז איינער פון זיי האָט געזען, אַז זיי זיינען מיאוס אַריינגעפאַלן, און ער האָט גענומען אַנטלויפן.

די פּאַרטיזאַנער האָבן אים אַוועקגעלייגט אויפן אָרט. דעם צווייטן האָט מען געבונדן הענט און פיס און גענומען פאָרשן. דער דייטש האָט גאָרניט אויסגעזאָגט, אפילו ווען מען האָט אים צוגעזאָגט דערפאַר אַ גרינגערן טויט. דאַן האָט מען פאַנאַנדערגעלייגט אַ פייער און געוואָלט אים פאַרברענען לעבעדיקערהייט. דער דייטש האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן דערציילן, אַז אין אַלע וועלדער גייען אַרום דייטשע שפּיאָנען, וועלכע פּרובירן זיך פאַרבינדן מיט פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, כדי נאָכדעם זיי איבערגעבן אין די דייטשע הענט.

דעם שפּיאָן האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט, אָבער אַלעמען האָט אַרומגעכאַפּט אַ פּחד, טאָמער איז שוין אונזער וואַלד אַרומגערינגלט דורך דייטשן. אַ גאַנצן טאָג זיינען מיר אָפּגעלעגן שטיל, מורא געהאַט אַ הויך וואָרט אויסצורעדן, און ביינאַכט זיינען מיר אַרויס אין לאַנגן וועג, ביז צו אַן אַנדער וואַלד.

נאָך עטלעכע נעכט און טעג זיינען מיר אָנגעקומען אין אַ וואַלד. איך בין געווען אַזוי הונגעריק, אַז כ'האָב ניט געקענט וואַרטן ביז מ'וועט ברענגען ביינאַכט עסן און בין אַוועק זוכן שוועמלעך אין וואַלד. זוכנדיק אַזוי בין איך ווייט פאַרקראָכן און ניט געקענט געפינען דעם וועג צוריק. איך האָב לאַנג געבלאָנדזשעט, ביז די פּאַרטיזאַנער האָבן מיר געפונען ביים ברעג פון וואַלד, ניט ווייט פון פּויערים, וואָס האָבן דאָרטן אַראָפּגעלאָזן בוימער און געהאַקט האָלץ.

ביינאַכט איז דער טאַטע מיט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער אַוועק אין אַ נאָענטן דאָרף נאָך עסן. די פּויערים פון דאָרף זיינען געווען פאַררעטער, זיי האָבן גלייך געמאָלדן דער פּאָליציי און ס'איז אין דאָרף אָנגעקומען אַ גרופּע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו אונזערע קעמפער און זיי דערציילט, אַז זיי זיינען אויך פּאַרטיזאַנער, וואָס נעמען עסן פאַר זייער אָטריאַד. ווען אונזערע האָבן זיי געפרעגט, פון וועלכן אָטריאַד זיי קומען, האָבן זיי אָנשטאָט אַן ענטפער געעפנט מיט אַ שיסעריי. אונזערע פּאַרטיזאַנער האָבן ניט געוואָלט אַריינפאַלן אין זייערע הענט לעבעדיקערהייט און האָבן געענטפערט מיט פייער.

אַ סך פּאַרטיזאַנער זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט, און די ווייניקע געראַטעוועטע זיינען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער צוריק אָנגעקומען אין וואַלד אַריין. מיין טאַטע איז געקומען דער לעצטער. מיר זיינען שוין זיכער געווען, אַז ער לעבט ניט, און גרויס איז געווען אונזער שמחה, ווען מיר האָבן אים געזען קומען צוריק אין וואַלד, מיט צעשאָסענע בגדים און אַ פאַרוואַקסענעם פּנים.

מער האָבן מיר שוין ניט געוואָלט בלייבן אין זעלבן וואַלד. ביינאַכט, באַלד נאָכן טאַטנס צוריקקומען, האָבן מיר זיך ווייטער געלאָזן וואַנדערן, אָנגעקומען אין אַ וואַלד, אין וועלכן ס'איז קיין וואַסער ניט געווען, און מיר פלעגן מוזן זיך שלעפּן צוויי קילאָמעטער ביזן טייך, וועלכער איז פון דער צווייטער זייט באַוואַכט געווען דורך די דייטשן. ניט איינמאָל האָבן זיי געהערט די קולות פון אונזער אָנקומען און געעפנט אויף אונז אַ פייער. קיין עסן איז דאָרטן אויך ניט געווען, און מיר זיינען אַוועק אין אַ ווייטן וואַלד.

נאָסע און דורכגעפרוירענע פון רעגן זיינען מיר ביינאַכט אָנגעקומען אין ביישם וואַלד. ס'איז געווען אַ סכנה צו זיצן דאָרטן אָן קוילן און אַנדערע אַמוניציע. מיין פאָטער, וועלכער האָט גוט געקענט דעם וואַלד, איז געבליבן מיט אונז, און מיין מאַמע מיט די פעטערס זיינען אַוועק אויפגראָבן אין אַ ווייטן אָרט נאָך אַמוניציע אין גראַנאַטן.

צומאָרגנס איז פונקט געווען אַן אָבלאַווע אויף אונזער וואַלד, מיר זיינען אַלע אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַ טיפער בלאָטע, נאָר פאַרדעם דורך אַ פּאַרטיזאַן צוויסן געגעבן אַ געטרייער קריסטין, וואָס האָט געוווינט ביים ברעג וואַלד, אַז זי זאָל אָנזאָגן מיין מאַמען און די פעטערס ווו מיר זיינען.

ווען מיר זיינען נאָך עטלעכע טעג צוריק געקומען צו אונזער זעמלאַנקע אין וואַלד, האָבן מיר געפונען אַלץ פאַרברענט און אונזערע קראַנקע און פאַרוווּנדעטע פּאַרטיזאַנער צעשטאָכענע מיט מעסערס.

טרויעריקע זיינען מיר געשטאַנען איבער זייערע קברפּערס. דאַן האָבן מיר געהערט אַ שאָרך אין וואַלד, און באַלד זיינען אָנגעקומען מיין מאַמע מיט די פעטערס, אָנגעלאָדן מיט אַמוניציע פאַרן אָטריאַד. די פרייד איז געווען געמישט מיט טרויער און דער טרויער מיט פרייד. אַזעלכע געפילן פון קעמפער אין וואַלד, וועלכע פאַרלירן נאָענטע און געפינען נאָענטע אין דערזעלבער צייט, איז שווער צו באַשרייבן.

די מומע פאַלט אין קאַמף

נאָך דער גרויסער אָבלאַווע זיינען מיר שוין פון דעמזעלבן וואַלד ניט אַוועק. עס איז פּשוט ניט געווען שוין וווהין צו גיין — מיר זיינען שוין אויסגעווען אין אַלע וועלדער פון דער סביבה.

די פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט האָט ניט אויפגעהערט. מיין טאַטע מיט מיינע פעטערס זיינען אָפט געגאַנגען אויף „זאַדאַניעס".

איין נאַכט, קומענדיק צוריק פון אַזאַ „זאַדאַניע", האָבן זיי אָנגעטראָפן צוויי געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבער דער ערד. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען, און באַקומען אַן ענטפער, אַז זיי זיינען אידן. מ'האָט זיי געבראַכט אין אָטריאַד, און ווען מיר האָבן זיי דערזען, האָט אונז ממש אַ פּחד אַרומגענומען. זיי האָבןביידע ניט אויסגעזען ווי מענטשן. דאָס זיינען געווען אַ מאַן און זיין פרוי — אָבער ביידע זיינען געווען מיט פאַרוואַקסענע פּנימער, זיי האָבן שוין אפילו ניט געקענט גיין אויף די פיס, נאָר געקראָכן אויף אַלע פיר. מיט זייערע קראַנקע אויגן האָבן זיי ניט געקענט אָנקוקן די ליכטיקע שיין.

מ'האָט זיי ביידן אָפּגעשאָרן, אַרומגעראַזירט, אויסגעבאָדן און געגעבן צו עסן. ביסלעכווייז האָבן זיי באַקומען אַ מענטשלעכן פּרצוף. דאָס איז געווען אַ פאָרפאָלק פון פוילן, מיט דער פאַמיליע האָלץ. ער איז געווען אַן אינזשעניער און זי אַ דירעקטאָר פון אַ גימנאַזיע. זיי האָבן אונז געוויזן זייער זעמלאַנקע אין וואַלד, אויסגעגראָבן מיט אַ לעפל און מעסער — ס'איז נאָר געווען אַ גרוב זיך אַריינצושאַרן און ליגן. אין דער גרוב זיינען זיי אָפּגעלעגן לאַנגע, לאַנגע מאָנאַטן. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך אַרויסשאַרן אין דאָרף נאָך עפּעס עסנוואַרג. זיי זיינען שוין ביידע אַזוי שוואַך געווען, אַז ווען

די פאַרטיזאַנער ראַטעווען זיי ניט יענע נאַכט, ווער ווייס צי זיי וואָלטן דערקראָכן צו זייער זעמלאַנקע.

אין משך פון די נאָנסטע וואָכן האָבן זיך צו אונזער וואַלד און אָטריאַד פאַראייניקט זייער אַ סך פאַרטיזאַנער, וועלכע זיינען געלאָפן פון פאַרשיידענע וועלדער. דער אָטריאַד האָט גוט אויסגעפירט אַ ריי אַקציעס קעגן דייטשן מיליטער.

אַ געוויסן טאָג איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז צומאָרגנס דאַרף דורכגיין פאַרביי אונזער וואַלד אַ שטאַרקער דייטשער כוח צום פראָנט. דער אָטריאַד האָט באַשלאָסן מינירן אַלע וועגן, כדי די דייטשן זאָלן איינגעמען אַ מפלה. מ׳האָט צעטיילט אַלעמען אויף גרופן און יעדע איינע האָט געהאַט איר פלאַץ. מיר, די דריי קינדער, זיינען געבליבן אין וואַלד, מיט איין מומע, מיין מאַמע מיט דער צווייטער מומען זיינען אַוועק מיט די פאַרטיזאַנער.

באַלד נאָך זייער אַוועקגיין האָבן מיר דערהערט אַ שטאַרקע שיסערייַ איבער אונזער וואַלד. די גאַנצע געגנט איז באַלויכטן געוואָרן מיט ראַקעטן. מיר זיינען געלעגן פאַרשטעקט אין דער זעמלאַנקע. די שיסערייַ האָט זיך דערנענטערט. מיר האָבן געהערט אַ קרעכץ נאָנט פון אינז, אָבער צוליב די געדיכטע קוילן ניט געקענט אַרויסגיין זען ווער ס׳ליגט דאָרטן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מיר האָבן שוין ניט קיין עלטערן אין אַזוי ליגנדיק אין ציטער האָבן מיר געכליפּעט און זיך באַגאָסן מיט טרערן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך געעפנט די טיר צו דער זעמלאַנקע. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס האָבן די דייטשן אונז אויסגעפינען אין איצטער קומט אונזער מיאוסער סוף. אָבער געקומען איז די מאַמע מיט איר ברודער אין נאָך אייניקע פאַרטיזאַנער. דער פעטער איז געווען פאַרוווּנדעט אין האַנט. מיר האָבן אים אַרומגעבונדן זיין וווּנד. די מאַמע האָט אונז אין דער פינצטער דערציילט, אַז זיי זיינען אָנגעגאַנגען אויף אַ דייטשער זאַסאַדע ביים ברעג פון וואַלד. מ׳האָט זיי אויפגענומען מיט אַ שרעקלעכן פייער, די איינצלנע וואָס האָבן זיך צעלאָפן זיינען זיך צונויפגעקומען אין וואַלד און קוים דערקראָכן צו דער זעמלאַנקע. וואָס מיט די איבעריקע איז געשען ווייסן זיי ניט.

מיר האָבן שוין אָנגעהויבן באַוויינען די אַנדערע פאַרטיזאַנער, אָבער מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אַריינשאַרן נאָך פאַרטיזאַנער. מיין טאַטע איז געקומען אַ פּאָר שעה שפּעטער. אָנגעשפּאַרט פון איין זייט אָן זיין ביקס און פון דער צווייטער האָט אים אונטערגעהאַלטן אַ פאַרטיזאַן. דער טאַטע איז פאַרוווּנדעט געוואָרן מיט דריי קוילן אין איין פוס. מיר האָבן אים באַנדאַזשירט כדי צו פאַרהאַלטן דעם בלוט־אויסגוס.

ס׳זיינען געקומען נאָך איינצלנע קעמפער, מיט זיי אויך מיין צווייטער פעטער, און מער איז שוין קיינער ניט געקומען. מיין פעטער משה קרופּעניע האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף זיין ווייב חיה, און זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז זי איז אומגעקומען. מיין מאַמע איז אַרויס מיט אַ פאַרטיזאַן זוכן איר, אפשר ליגט זי ערגיץ אַ פאַרוווּנדעטע אָדער בלאָנדזשעט אין וואַלד און געפינט ניט דעם וועג צו דער זעמלאַנקע. זיי זיינען אַוועק ווייט, געזען פונדערווייטנס דעם פייער פון די דייטשע פּאַפּיראָסן, געהערט זייער ריידן און געקומען צוריק מיט גאָרניט. דאָ האָט זיך יאָמערלעך צעוויינט מיין קוזינקע און אָנגעהויבן קלאָגן אויף איר מוטער. אירע ווערטער האָבן מיר געשניטן ביים האַרצן און איך קען זיי ביזן היינטיקן טאָג ניט פאַרגעסן.

דער פעטער איז צומאָרגנס אַרויס מיט נאָך אַ פאַרטיזאַן זוכן די מומע. זיין האַנט האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, אָבער ס׳האָט אים ניט געאַרט. זיי זיינען געגאַנגען צום פלאַץ ווו מ׳האָט נעכטן געזען די דייטשן רויכערן. דאָרטן טאַקע האָבן זיי געפונען דעם טויטן קערפּער פון מיין מומע חיה, מיטן פנים צום וואַלד, אין וועלכן זי האָט ניט באַוויזן אַריינצולויפן. מיין פעטער איז צוריקגעקומען אַ צעבראָכענער און טרויעריקער.

באַלד האָבן די דייטשן, וועלכע האָבן געוויס באַמערקט דעם פעטער מיטן פאַרטיזאַן, געעפנט אַ ווילדע שיסערייַ. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט הינטער יונגע ביימלעך און דאָרטן אָפּגעזעסן ביז פינצטער, ביז די דייטשן זיינען אַוועק.

מיר האָבן אַזוי געוואָלט ברענגען די מומע צו קבורה אין וואַלד, נעבן אונז, אָבער ניט געקענט בשום אופן אַרויסרוקן דעם נאָז פון וואַלד. די דייטשן האָבן אים געהיט אַרום און אַרום. ווען מיין מאַמע איז איינמאָל מיט סכנת נפשות דערגאַנגען צום הויז פון אַ באַקאַנטער קריסטין און געבעטן פון איר רפואות אין באַנדאַזשן פאַר די פאַרוווּנדעטע, האָט איר די קריסטין עפּעס וואָס געגעבן דורכן לופטשיק אין געבעטן וואָס שנעלער אַוועקגיין, ווייל די דייטשן שטעקן נאָך אומעטום. געהיילט האָבן מיר די וווּנדן מיט פאַרשיידענע וואַלדגראָזן, אויך געגעסן האָבן מיר גראָזן, געקאָכט אין רעגנוואַסער פון די קאַלוזשעס, וואָס זיינען געוואָרן אין די רעדערגריבער אויף די וואַלד־וועגן.

איינמאָל האָבן די דייטשן אַראָפּגעשאָסן אַ רוסישן אַעראָפּלאַן. צוויי זעלנער זיינען געוואָרן דערשאָסן, אַנדערע צוויי — דער פליער און נאָך איינער — האָבן זיך געראַטעוועט מיט פּאַראַשוטן אין זיינען שווער־פאַרוווּנדעטע אַרומגעקראָכן איבערן וואַלד און געזוכט פאַרטיזאַנער. מיר האָבן זיי געפונען, גענוי אויסגעפאָרשט, און ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זאָגן אמת, האָבן מיר זיי אויסגעהיילט און זיי זיינען פאַרבליבן אַ שטיקל צייט מיט אונז. באַזונדערס האָבן זיי ליב געהאַט אונז, די קינדער, און גאַנצע טעג מיט אינז געשמועסט.

זיי האָבן געבראַכט מיט זיך גוטע נייעס. די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך. אינגיכן וועלן סאָוועטישע סאַמאָלאָטן און האַרמאַטן שווער באַשיסן די גאַנצע געגנט, און מיר מוזן זיך גוט באַהאַלטן, ווייל אַ רוסישע קויל הרגעט פונקט ווי אַ דייטשע.

מיר האָבן זיי דערציילט, ווו עס געפינט זיך אינזער זיידנס הויף, און זיי האָבן דאָס גוט פאַרצייכנט און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל קומען צו אונז אַהין מיט אַן אַעראָפּלאַן. נאָכדעם זיינען די פליער אַוועק פון אונז צו פאַראייניקן זיך מיט זייער מיליטער.

אַ פּאָר טעג נאָך זייער אַוועקגיין האָט זיך געעפנט די גרויסע סאָוועטישע אָפענסיווע אויף אונזער געגנט. עטלעכע טעג זיינען מיר אָפּגעלעגן אין דער זעמלאַנקע, אָן עסן אין אָן לופט, און דער וואַלד איז דערווייל ממש צעאַקערט גע־

וואָרן דורך באָמבעס. מיר האָבן שוין געבעטן אויף זיך דעם טויט.

באַפרייטע געזעגענען זיך מיט די קברים

סוף־סוף האָט זיך געענדיקט די באָמבאַרדירונג, און מיר האָבן דערהערט פונדערווייטנס דעם גערויש פון טאַנקען. מיין טאַטע האָט זיך אַרויסגעשאַרט, מיט נאָך עטלעכע פּאַר־טיזאַנער, פון דער זעמלאַנקע און זיך דערנענטערט צום שאָסיי. דאָרטן האָבן זיי דערזען די רוסישע טאַנקען מיט די רוסישע זעלנער.

זיי זיינען געלאָפן צו אונז אין וואַלד אָנזאָגן די פרייד פון אונזער באַפרייאונג. באַלד זיינען אויך אָנגעלאָפן אין וואַלד פויערים פון דער אַרומיקער סביבה, — אַזעלכע וואָס האָבן שטענדיק געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער און אויך אַזעלכע וואָס זיינען געגאַנגען מיטן דייטש און איצטער זיך געאײַלט אַריבערגיין אויף דער זייט פון די סאָוועטישע זיגער, — און אַלע האָבן אונז געבראַכט די בשורה פון באַפרייאונג.

ביי אונז האָט דאָס וואָרט „באַפרייאונג" אַרויסגערופן אַ סך שמערצן, געעפנט אַלטע ווונדן אין האַרצן. מיר זיינען געבליבן אַליין פון דער גרויסער משפחה אונזערער. ווו זיינען זיי, אַלע יונגע בלומען, וועלכע דער מערדער האָט געטויט און געמאָרדעוועט? אָט קומען פאַרשיידענע פריינט צו פּאַר־טיזאַנער און נעמען זיי אַהיים. צו אונז קומט קיינער ניט און מיר האָבן ניט צו וועמען צו גיין. אַלע אונזערע פריינט האָבן מיר פאַרלאָרן אויף אייביק.

מיין קוזינקע דבורה קרופּעניע איז געפאַלן צו דער ערד פון וואַלד און האָט ביטער באַוויינט דעם טויט פון איר מאַמען אַ קורצע צייט פאַר דער באַפרייאונג, און איר גוירל אַלס יתומה. זי האָט אַזוי ביטער געוויינט און געקלאָגט, אַז מיר האָבן אַלע מיט איר צוזאַמען אויסגעבראָכן אין אַ ביטערן יאָמער.

אַזוי האָבן מיר מיט געוויין און טרערן באַגעגנט דעם ערשטן טאָג פון אונזער באַפרייאונג. מיר האָבן שוין קיין כוח ניט געהאַט דעם זעלבן טאָג אַרויסצוגיין פון וואַלד און זיינען געבליבן אויף נאָך איין נאַכט — די לעצטע נאַכט — אין זעמלאַנקע.

צוזאַמען זיינען מיר אַרויס און אַוועק צום זיידנס הויף. מיר זיינען נאָך אַלץ געגאַנגען פאָרזיכטיק, פון די וואָגלע־נישן אונטער דעם שונא׳ס הערשאַפט, און אָפט זיך אומגעקוקט אויף צוריק, צי קיינער גייט אונדז ניט נאָך. די שיין פון דער זון אויף די ליכטיקע פעלדער האָט געשטאָכן אונזערע אויגן. דעם הויף האָבן מיר געפונען אַ חרובן און צעשטערטן, און מיר האָבן באַקלאָגט ניט דעם חורבן גון הויף, נאָר פון אונזער ליבער משפחה.

שטייענדיק אַזוי און וויינענדיק האָבן מיר דערזען צוויי אַעראָפּלאַנען דרייען זיך איבער אונזערע קעפּ. זיי האָבן זיך לאַנג געדרייט, זיך אַראָפּגעלאָזן גאַנץ נידעריק. מיר האָבן זיי באַגריסט מיט די הענט, און זיי האָבן אונז אַראָפּגעוואָרפן פּישקעס מיט צוקערלעך און זיסוואַרג. דאָס זיינען געווען די צוויי פּליער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט ביי אונז אין וואַלד.

דעם קערפּער פון דער מומע חיה׳ן, וועלכן די דייטשן האָבן געהייסן פויערים באַגראָבן נעבן וואַלד, האָבן מיר אויס־געגראָבן און געבראַכט צו קבורה אין גאָרטן פון זיידנס הויף. קיין אידישן בית־עלמין האָבן מיר דאַן ניט געקענט געפינען, זיי זיינען אַלע געווען צעשטערט און די דייטשן האָבן אַהין אַרויסגעפירט די נבלות פון פערד און בהמות.

די נאַכט האָבן מיר שוין דורכגעשלאָפן אין דרויסן, אויפן הויף. צוזאַמענס איז געקומען אונז באַזוכן די קריסטין, ביי וועלכער מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַלס קליינע קינדער. מיר האָבן זיך מיט איר ארומגענומען און געקושט, ווייל זי האָט מיט סכנת נפשות אונז געראַטעוועט פון טויט. זי האָט אונז איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, געוואָלט זיך מיט אונז טיילן מיט אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט. אָבער מיר האָבן דאָס ניט געקענט טאָן. איר הויז איז געווען איר גאַנץ פאַרמעגן, ווייל זי האָט אויך פאַרלאָרן איר מאַן. נאָר אויף עטלעכע טעג זיינען די קינדער אַוועק צו איר, און די עלטערן זיינען גע־פאָרן קיין סלאָנים.

דאָרטן האָבן זיי געפונען אַ חרובע שטאָט און איינצלנע אידן, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען ווי סקלעטן, טרויעריקע, פאַריתומטע, אומגליקלעכע און איינזאַמע.

זיי זיינען אַוועק צו מיין מומעס הויז און געטראָפן דאָרטן וווינען אַ קריסטין. יענע האָט זיי ניט געלאָזן אַריינגיין אינע־ווייניק און ניט געוואָלט הערן וועגן איבערגעבן אונז איין צימער. די דירה איז נאָך געווען מעבלירט מיט מיין מומעס מעבל. דער טאַטע איז אַריין מיט כעס, אַרויסגעשליידערט פון איין צימער דער קריסטינס זאַכן און פאַרנומען דאָס צימער פאַר אונז. דאַן האָט דער טאַטע אונז געבראַכט קיין סלאָנים.

מיר זיינען אָפט געגאַנגען צו די ברידער־קברים הינטער דער שטאָט, אַרומגעצאַמט זיי, געשטעלט אַ הויכן סלופּ מיט אַן אויפשריפט. די פויערים פלעגן צעברעכן איין מאָל און נאָכ־אַמאָל דעם פלויט און פאַראַקערן די קברים, ווייל אויף זיי איז די תבואה גוט געוואַקסן.

מיין טאַטע, וועלוול סאָבאָל, און מיין מאַמע זעלדע, האָבן מיר אומעטום גענומען, געוויזן די קברים, דערציילט וואָס ס׳איז ביי זיי פאָרגעקומען, געוואָלט, אַז איך זאָל אַלץ גוט פאַרגעדענקען.

און איך געדענק טאַקע אַלץ גוט, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ווייל מיינע קינדער־יאָרן, די יאָרן וואָס דאַרפן דורכגיין אין שפיל, אין וואַרעמקייט און אין ליבע, זיינען ביי מיר דורכגעגאַנגען אין וואַלד, אין קעלט, אין הונגער און אין פחד.

שרה נשמית

שטיינער —

טעג און נעכט אין א דייטשן „ארבעטס־לאגער"

קיין גאַז־קאַמערן זיינען דאָרטן ניט געווען,
קרעמאַטאָריומס האָבן ניט געוויכערט, —
עס איז געווען אַ „גוטער" לאַגער,
צו מאַכן פון די אידן לייט, אַרבעטער,
צו ראַטעווען זייער לעבן...

מיר גייען קיין דוואָרעץ

אומענדלעך ציען זיך די בלאָטיקע שליאַכן צום שטעטעלע דוואָרעץ, באַראַנאָוויטשער אָבלאַסט, מערב־ווייסרוסלאַנד. און אפשר זעען זיי אויס אומענדלעך פאַר די אויסגעמאַטערטע פיס פון די עטלעכע הונדערט אידן, וואָס שלעפן זיך שווער ווי דער אידישער גלות פון זשעטל קיין דוואָרעץ.

זשעטל... אין גאַנצן 14—16 ק"מ, אָבער מען גייט און גייט און קיין סוף זעט מען אַלץ ניט.

נעכטן האָט דער זשעטלער אידן־ראַט געמאָלדן:

— אידן, איר ווילט לעבן?

— הע... ווער וויל עס דען ניט לעבן?...

— טאָ, גייט, אידן, קיין דוואָרעץ.

וואָס עפּעס קיין דוואָרעץ? ווער פון די זשעטלער אידן פלעגט עס אַמאָל קלערן וועגן דוואָרעץ? זשעטלער אידן האָבן זיך געהאַלטן פאַר גאַנצע מיוחסים. ס'טייטש זשעטל, אַ קלייניקייט... זשעטל איז דאָך שיער ניט קיין כרך, וואָס פאַרמאָגט אַ אידישע שולע. אין זשעטל זיינען געווען אַ פּאָר אידישע סטודענטן... און אפילו עטלעכע „טרייפע" הייזער. און דוואָרעץ?... אַ שטעטל אין גאַנצן אָן „אינטעליגענטן". ווער פלעגט זיך עס מיט דוואָרעץ רעכענען?

און מיט אַ מאָל דאַרף גאָר דוואָרעץ ראַטעווען דאָס לעבן פון זשעטלער אידן... אָבער אויפן דייטש איז דאָך אַלץ צו גלויבן...

אין זשעטלער אידן־ראַט אַ טומל, אַ געווימל. מען קלאַפּט מיט די טירן, אַז עס טראַסקעט אין קאָפּ. מענטשן ווילן זיך קליגן און דערגיין דעם סוד: וואָס איז דער שכל פון גיין קיין דוואָרעץ? מען ווייסט, אַז אין דוואָרעץ ווערט אַ לאַגער און מען וועט אַרבעטן ביי שטיינער. אַלע אַרומיקע שטעטלעך מוזן „געבן" אַהין אידן. אויף זשעטל איז אַרויפגעלייגט געוואָרן 400 מאַן.

קיינער איילט זיך אָבער ניט פאַרשרייבן. מען איז שוין ניט איין מאָל אָנגעלערנט געוואָרן. מען איז געפאָרן אַרבעטן און אַוועקגעאַרבעט זיך אָן אַ פּערעסיאַדקע אויף יענער וועלט. וואַרט מען ווער עס וועט זיין דער ערשטער.

דער אידן־ראַט שטורעמט:

— געוואַלט, אידן רוצחים!... איר קוילעט זיך אַליין אַוועק!...

דער עולם רירט זיך אָבער ניט פון אָרט. דער אידן־ראַט באַשליסט אַליין צו באַשטימען די גייערס. אויף מאָרגן ווערט קלאָר די רשימה: עס ווייזט זיך אַרויס, אַז קיינער פון די „בכבודיקע" בעלי־בתים זיינען ניט באַשטימט. דער גורל איז ווי תמיד געפאַלן אויף די האָרעפּאַשניקעס און בעיקר אויף די בעזשענצעס. אַ בעזשעניעץ איז דען אַ מענטש? ער איז דאָך מער ניט ווי אַ בעזשעניעץ... און פון 400 גייערס איז געוואָרן קוים 200.

האָבן זיך גענומען די 200 פאַרמשפּטע אידן זייער קליין ביסל בעבעכעס, געמאַכט אַ רוקזאַק און געלאָזן זיך אין וועג אַריין.

און דער וועטער איז אַזוי ווי דער געמיט ביי די וואַנדערנדע: עס שנייט מיט גרויסע רעגנטראָפּנס, וועלכע לייגן זיך ניט אַזוי אויף די אויסגעריבענע בגדים, פון די גייענדיקע, ווי אויף זייערע צעווייטאָקטע נשמות. ניט קיין רעגן־טראָפּנס, נאָר שווערע בלייענע שטיינער מיט שאַרפע שניידנדיקע שפּיצן... און די פיס, ווי אויף צו להכעיס, בלייבן שטעקן אין בלאָטיקן, ליימיקן באָדן.

ענדלעך זעט מען שוין די ערשטע כאַטקעס פון דוואָרעץ. די ערשטע רייען דרעפּטשען שוין איבער די בלאָטיקע געסלעך. מען גייט צום אידן־ראַט. אַנטקעגן גייט אַרויס אַ הויכער מאַנספּאַרשוין אין ברילן. זיי שטעקן, דאַכט זיך, ניט אויף זיינע אויגן, נאָר אויף די איינגעשרומפּענע באַקן.

— אידן? פון זשעטל? גוט. אויסשטעלן זיך אין צוויי רייען!

מען הויבט זיך אָן אויסצושטעלן. מען טראַמפּלט לאַנג אַרום הין און צוריק, ביז פון דער אָנגעקומענער גרופּע ווערן צוויי קרומע רייען. דער פּרעזעס אין די ברילן שפּרינגט אַרום פון איין עק צום אַנדערן. אַלעמען טרייסלט פון קעלט. איז עס מידקייט, אָדער עס ווערט שוין ווירקלעך ווינטער?... ווי דער־לעבט מען שוין זיך אָנצוקוועטשן... כאַטש אויף די נאַסע שטיי־נער לעבן דער געביידע, וואָס קוקט צו אונז אַראָפּ אַזוי אירא־ניש מיט אירע אַרויסגעזעצטע שויבן. אַמאָל איז עס געווען אַ שולע, איצטער אַ האַלבע חורבה. מען זאָגט, אַז דאָ וועלן באַזעצט ווערן די אָנגעקומענע אַרבעטער.

דערווײַלע טרייסלט מען זיך אין די צוויי קרומע רייען און מען וואַרט. אַרום קלייבט זיך אָן עולם. קינדער אין צע־ריסענע הייזלעך קוקן אַרויס מיט זייערע פײַנפולע אידישע אויגן, וואָס וואַרפן אַ טונקעלן שאָטן אויף זייערע אַרויסגע־בלייכטע פּנימלעך.

ענדלעך... דער פּרעזעס אין באַגלייטונג פון נאָך אַ פּאָר אידישע ראַטמענער דערשײַנען פאַר די „רייען".

— אידן, — דאָ ווערט אַ לאַגער פון אָרגאַניזאַציע „טאָד". דוואָרעץ איז, אַזוי ווי אַנדערע אידישע שטעטלעך, געווען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג. איצטער זײַנען מיר געראַטעוועט. מיר וועלן אַרבעטן און מיר וועלן לעבן. איר, זשעטלער אידן, דאַרפט נאָכטאָן דעם בײַשפּיל פון דוואָרעץ. די הויפּטזאַך — פלײַסיק אַרבעטן, איבערגעגעבן אַרבעטן. דאַן וועט איר לעבן. בײַ אונז זײַנען ניטאָ ניט קיין אַרבעטנדיקע. עס גייען צו די שטיינער אַלע: קינדער און אַלטע. אפילו קראַנקע אַרבעטן בײַ אונז. מען פאַרשליסט בײַ אונז די הײַזער און מען גייט צו די שטיינער. די שטיינער דאָס איז אונזער לעבן. פאַרשטאַ־נען?! איר וועט ווערן פאַרטיילט אין בריגאַדעס. יעדע ברי־גאַדע וועט האָבן אַ אידישן בריגאַדיר און אַ ניט־אידישן „פאָר־אַרבעטער", וואָס וועט קאָנטראָלירן די אַרבעט פון בריגאַדע. פּאַסט אויף, די „פאָראַרבעטערס" זאָלן ניט האָבן זיך צו קלאָגן אויף אײַך פאַרן אינזשיניער. פאַרשטאַנען?!...

מיר האָבן פאַרשטאַנען. ריכטיקער, עס האָט זיך אונז געדוכט, אַז מיר פאַרשטייען. און דאָ האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל אָנגעשטויסן אָן דעם „גרויסן" נאָמען „אינזשיניער", פון וועמענס שטימונג און פינגער־ווונק עס איז געוואָרן אָפּ־הענגיק אונזער גורל.

מען לערנט אידן סטאַט

און פּלוצלינג איז געשען עפּעס אומדערוואַרטעטעס. דער לאַנגער פּנים פון אידן־ראַט פּרעזעס האָט זיך נאָך מער אויס־געצויגן און אַליין איז ער געוואָרן מער ענלעך צו אַ סוקע־וואַטן שטעקן ווי צו אַ מענטשן. צו אונזערע רייען האָט זיך לאַנגזאַם דערנענטערט אַ הויכער מאַנספאַרשוין אין אַ גרויען מיליטערישן שינעל מיט אַ פעלץ־קראַגן. זײַן קאָפּ, מיט גלאַטע, אויף אויבן פאַרקעמטע האָר, איז געווען אַנטבלויזט. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ גומי־שטעקן און פון צײַט צו צײַט זיך אונטערגעקלאַפּט מיט אים איבער די גלאַנציק אָפּגעפּוצטע שטיוועלעך.

— היטלען אַרונטער — האָט אַ קאָמאַנדע געגעבן דער פּרעזעס.

דער נײַאָנגעקומענער האָט לאַנגזאַם אָפּגעמאָסטן מיט זײַן בליק די 2 רייען אידן, אַזוי ווי מען באַקוקט אויף אַ לאַנד־ווירטשאַפטלעכער אויסשטעלונג די בהמות.

— דאָס זײַנען דײַנע „יודען", בײַראַך?

— יאַוואָל, הער מייערס!

דער „הער מייערס" האָט אונז מער ניט באַגנעדיקט מיט קיין איין בליק און זיך לאַנגזאַם אָפּגעגאַנגען. אַלע האָבן לײַכטער אָפּגעאָטעמט.

— אידן, אויב איר ווילט ניט כאַפּן קיין קלעפּ, זאָלט איר וויסן, אַז באַגעגענדיק מייערסן, ווי אויך דעם אינזשיניער, מוזט איר אַראָפּכאַפּן די היטלען פון קאָפּ.

— ווער איז ער, דער מייערס? — פרעג איך בײַ אַ דוואָ־רעצער אידענע.

— ער איז דער שאָפער. אַ רשע אַ געוואַלט... אַז מען נעמט ניט אַראָפּ פאַר אים דעם היטל, קען ער אָנוועקהרגענען אויף טויט.

אַזוי האָט אויסגעזען אונזער ערשטע באַגעגעניש מיט „נאַטשאַלסטוואָ" אין דוואָרעץ: 1941 יאָר, נאָוועמבער 26.

און גלײַך הער איך שוין פאַרשיידענע געשיכטעס וועגן מייערסן.

דער שאָפער איז געקומען קיין דוואָרעץ מיט אַ וואָך צוריק. אַנטקעגן איז אים גראַדע אָנגעגאַנגען אַ אידיש אינגל פון אַ יאָר 16.

— היי, יודע, שטיי! — רופט דער שאָפער.

דער אינגל ווייסט פון קיין מעשיות ניט און גייט זיך ווייטער.

— יודע, שטיי! — ריטשעט שוין דער צעקאָכטער שאָפער.

דער אינגל הערט דעם דײַטש שרײַען און פאַרשנעלערט פון שרעק זײַנע טריט.

— שטיי, יודע, אָדער איך שיס דיך!

דער אינגל הויבט אָן צו לויפן. דער שאָפער יאָגט אים נאָך. ענדלעך פּאַקט ער אים בײַם קאָלנער און הייסט זיך פירן אין שול אַרײַן. לויט זײַן באַפעל האָבן זיך געמוזט דאָרטן מעלדן דער גאַנצער אידן־ראַט און צוזאַמענקלײַבן אין שול אַלע אידן.

אָבער אחינו בני ישראל קלײַבן זיך גאַנץ לאַנגזאַם. דער אינגל נעבעך שטייט דערווײַלע אויף דער בימה און עס קלאַפּט אים צאָן בײַ צאָן. לעבן אים שטייט דער שאָפער, האַלט אים מיט איין האַנט בײַם קאָלנער און מיט דער צווייטער האַנט די נאַהייקע.

ענדלעך זײַנען אַלע אידן דאָ. דער שאָפער ווענדעט זיך צו זײַן קרבן:

— וואָס ביסטו, יודע, געלאָפן, ווען איך האָב באַפוילן שטיין?

— איך... מורא געהאַט.

— אַזוי? ווי אַלט ביסטו?

— זעכצן.

— אַלזאָ, זעכצן שמיץ קריגסטו, וואָס דו האָסט פאַר מיר דײַן היטל ניט אַראָפּגעצויגן, און נאָך זעכצן, וואָס דו ביסט ניט אויף מײַן באַפעל שטיין געבליבן.

דעם פּרעזעס איז איבערגעגעבן געוואָרן די בכבודיקע פֿונקציע אויסצופֿירן די עקזעקוציע.

— און איצט, דוואָרעצער אידן, זאָגט אַ דאַנק דעם הערן מייערס פֿאַר דער לעקציע וואָס ער האָט אייך געגעבן, וואָס ער האָט זיך גענומען אייך לערנען סטאַט, — ווענדעט זיך דער פּרעזעס צום עולם.

— אַ דאַנק! — ענטפֿערט אַ צעשוווּמענער כאָר פֿון שטימען.

פֿון דעם טאָג אָן האָבן דוואָרעצער אידן שוין געוווּסט, אַז מען מוז פֿאַר נאַטשאַלסטוואָ דרך ארץ אַרויסווייזן.

*

מען איז אַרויס פֿון זשעטל באַגינען. איצט הייבט שוין אָן צו דעמערן. אמת, עס איז אַ מיאוסער נאָוועמבער־טאָג, עס ווערט פֿרי פֿינצטער, אָבער דאָך שוין אָוונט. אַ זייגער 5—6. מען איז מיד, דורכגעפֿראָרן און הונגעריק. אָבער מען שטייט נאָך אַלץ אויף דער גאַס אין די צווייַ „רייען" און מען וואַרט.

ענדלעך הייסט מען אַרייַנגיין אין דער חורבה. אין אַ פּאָר שעה אַרום לייענט מען פֿאָר, ווּ ווער עס דאַרף גיין. מען האָט פֿאַרטיילט די אָנגעקומענע אַרבעטער צווישן די דוואָרעצער בעלי־בתים און געהייסן מאָרגן 7 פֿרי זיך שטעלן ווידער אויפֿן זעלבן פּלאַץ.

דער ערשטער שטיינערנער טאָג

אַ פֿינצטערער, שניידנדיקער פֿרימאָרגן. אויפֿן פּלאַץ שטייען אויסגעשטעלט איבער 800 מאַן, צווישן זיי 12—10 יעריקע קינדער און אַלטע לייט איבער 60. די ראַטמענער מיט רויטע אָפּגעפֿרוירענע נעזער זייַנען מער ענלעך צו הענער, וואָס פּרוּבירן אַרייַנטראָגן עטוואָס אָרדנונג אין דער סטאַדע דערשראָקענע הינער. מען סאָרטירט לאַנג, מען טיילט אין בריגאַדעס, נאָמינירט בריגאַדירן. ביסלעכווייַז ווערט עס טאָג. אַ וויינענדיקער פֿאַרכמאַרעטער הימל צעשפּרייט זיך איבער דעם בלאָטיקן דוואָרעץ מיט זייַנע הילצערנע כאַטקעס און האַלב־צעשטערטע פּלויטן. נאָר אין מיטן מאַרק סטאַרטשעט חוצפּהדיק אַרויס דאָס מויערל פֿון איינעם פֿון די „יודן־ראַטמענער".

ענדלעך רירט מען זיך פֿון אָרט. פֿאָרויס גייען די דוואָרעצער בריגאַדעס און נאָך זיי שלעפּן זיך די זשעטלער. מען גייט דורך דעם מאַרק, וועלכער איז פֿול מיט צונויפֿגעפֿאָרענע פּויערים פֿון די אַרומיקע דערפֿער. אונטער זייערע בליקן קורטשעסטו זיך שמערצלעך צונויף פֿון שאַנדע, פֿילסט ממש אַ פֿיזישן ווייטאָק.

צום גליק איז שוין די „דעפּיליאַדע" געענדיקט. מיר גייען פֿאַרבייַ אַ צעשטערטע וואַסער־מיל, דורך גערטנער, פֿעלדער. ענדלעך זייַנען מיר אויפֿן פּלאַץ. שטיינער, שטיינער און שטיינער... שטיינער אָן אַ ברעג און אָן אַ מאָס. שטיינער פֿון די פֿאַרשיידנסטע פֿאָרמען און גרויסן. געוויס איז דאָ דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלע זייַנע באַשעפֿענישן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שטיינער. זיי ליגן דאָ ערטערווייַז אין הויכע קופּעס, ערטערווייַז איז מיט זיי אויסגעפּלאַסטערט די ערד.

פֿאַרן אויסברוך פֿון קריג האָט זיך דאָ געבויט אַן אַעראָדראָם. מעכאַניש ציִסטו אויס די האַנט און הייבסט אויף פֿון דער ערד אַזאַ מין קאַלטן גאַסן־שטיינדל, און עס דאַכט זיך דיר, אַז דו האָסט זיך מיטן שטיין געביטן מיט די ראָלן: דער שטיין איז לעבעדיק, האָט זייַן געשיכטע, זייַן נשמה, ער רעדט און דערציילט:

דאָ איז פֿריער געווען אַן אַרבעטס־לאַגער פֿאַר פֿאַרברעכער. די אַרעסטאַנטן פֿלעגן, אַזוי ווי מיר, פֿאַרבייַמאַרשירן יעדן טאָג פֿאַרבייַ די אייַנוווינער אין קאָלאָנעס צו דער אַרבעט. די פֿאַרברעכער האָבן געבויט דעם אַעראָדראָם. זיי האָבן עס אָנגעוואָרפֿן די קופּעס שטיינער. יעדער שטיינדל איז געלעגן אין האַנט בייַ אַזאַ פֿאַרמשפּטן, וואָס האָט געהאַט זייַן אייגענעם, נאָר אים אַליין באַוווּסטן אינערלעכן לעבן...

אַזוי דערציילן די שטיינער. און דו שפּירסט, אַז אַליין קענסטו גאָרניט זאָגן, דו האָסט ניט קיין רעכט צו לעבן, דו ביסט שטום.

— אָט די שטיינער, — דערקלערן די „פֿאָראַרבעטערס", — מוזן צוגעפֿירט ווערן צו דער באַן־ליניע און אָנגעלאָדן אין די דערלאַנגטע וואַגאָנעס.

עס פֿאָרן אָן פּויערישע פֿורן. די בריגאַדעס שטעלן זיך אויס לעבן זיי און די אַרבעט הייבט זיך אָן. דו אייַלסט זיך, דו מוזט באַווייַזן אָנלאָדן אַלע פֿורן, עס זאָל זיך ניט קלייבן נעבן דיר קיין ריי. פֿילסט אָן איין פֿור נאָך דער אַנדערער. דער רוקן ברעכט דיר פֿון כסדרדיקן בויגן זיך, די הענט זייַנען צעריסן, צעבלוטיקט פֿון די שטיינער־שפּיצן. נאָר צום אָוונט איז נאָך אַזוי ווייַט... דער טאָג איז ווי פֿאַרכּישופֿט, ער האָט גאָר קיין סוף ניט.

דו באַוועגסט זיך אויטאָמאַטיש צווישן די אַנדערע לעבעדיקע נאַסע קופּעס שמאַטעס, — אַזוי זעען אויס די אידישע אַרבעטער. נאָך אַ שטיין און נאָך אַ שטיין פֿאַלט אין וואָגן.

— היי, באַבע, דו רו זיך אָפּ אַביסל, איך וועל שוין אַליין אָנוואַרפֿן דעם וואָגן, — רופֿט זיך צו מייַן אַכצן־יעריקער שכנה אַ ברייטפּלייציקער שוין עלטערער פּויער, אָנגעטאָן אין אַ גרויער, פֿון אַ סאָוועטישן שינעל איבערגענייטער קורטקע. ער שפּרינגט אַרויס לייכט, יוגנטלעך פֿון וואָגן, גיט אַ הויב מיט איין האַנט אַ שטיין, וואָס מיר האָבן זאַלבעפֿערט קוים געקענט רירן פֿון אָרט, און מאָמענטאַל ווערט דער וואָגן אָנגעלאָדן. ער שמייכלט אונדז גוטמוטיק צו און פֿאָרט אָפּ. אַזוינע פֿאַלן זייַנען אויך שפּעטער געווען. אַנדערע פּויערים פֿלעגן זייערע באַקאַנטע אידן אַפֿילו אָפּגעבן זייערע מיטגעבראַכטע מאָלצייטן. אָבער פֿון זייערע רחמנותפֿולע בליקן פֿלעגט ווערן אויפֿן האַרצן נאָך שווערער.

ענדלעך גייט מען „אַהיים". די פֿאָראַרבעטער גיבן די בריגאַדירן אַ באַפֿעל זיך אויסצושטעלן. מען מאַרשירט צוריק.

אין שטעטל אויפֿן מאַרק — שטיי ווידער. עס קומט פֿאָר אַ ציילונג: צו האָבן זיך אומגעקערט אין שטאַל אַלע אַרבעטס־בהמות? אפֿשר פֿעלט ווער? מען פּרוּווט נאָך אַ שעה־אַנדערטהאַלבן. די ציילונג איז געענדיקט, אָבער אַהיים גייט מען נאָך אַלץ ניט. עס שאַדט ניט, דער שטאַל וועט ניט אַנטלויפֿן... מען וואַרט אויפֿן מאַרק ווידער. צו וואָס? ווער ווייסט...

מיט אַמאָל פֿאָרט צו אַ בריטשקע אייַנגעשפּאַנט אין אַ פּאָר גוט־אָפּגעפּאַשעטע פֿערד. פֿון בריטשקע שפּרינגט אַרויס אַ נידעריקער דיקער פֿאַרשוין, אין אַ קורצן פֿעלצל און אַ פֿעלך־היטל. ער שטעלט זיך אויפֿן בריקל פֿון דערבייַיִקן געוועזע־

נעם אידישן מויער. און אַרום אים אייניקע באַוואָפנטע מענער. מיר כאַפּן פאַרשטיין: עס איז „זיין מאַיעסטעט דער אינזשי־ניער; דער קאָמענדאַנט פון לאַגער.

דער אינזשיניער רופט זיך אָפּ צו די פאָראַרבעטער אין אַ שיין־קלינגעדיקן פּויליש:

— ווי אַרבעטן די זשידעס?

— ג׳יט, פּאַניע אינזשיניעזשע.

דאַן לייגט ער פאַר אונז אַוועק אין דייטש אַ דרשה בזה הלשון:

— יודן! איר זייט געבראַכט געוואָרן אַהער צו אַרבעטן. אייגנטלעך, האָט איר שוין לאַנג קיין רעכט צו לעבן, נאָר אַ דאַנק מיר וועט איר לעבן. איך וועל ראַטעווען אייער לעבן. ווילט איר אָבער לעבן — דאַן מוזט איר אַרבעטן זייער טיכ־טיק. אין געגנפאַל דאַרפן מיר אייך ניט האָבן. מיר וועלן אויף אייער אָרט ברענגען קריגס־געפאַנגענע. פערשטאַנדען?!

ניטאָ וואָס צו פאַרשטיין. קלאָרע דיבורים...

אונזער ערשטער אַרבעטס־טאָג איז געווען געענדיקט.

טעג און נעכט

און אַזוי האָבן זיך אַוועקגעצויגן טעג און נעכט. לאַנגע, מאַטערנדיקע טעג און אַזוינע קורצע נעכט...

מען קומט אַהיים נאַס, דורכגעפרוירן. מען באַוויזט ניט אויסצוטריקענען די בגדים, און מען מוז שוין ווידער גיין.

און עסן? — אידן דאַרפן דען עסן?

אין אַ וואָך אַרום האָט דער אידן־ראַט געפּועלט ביים אינ־זשיניער, ער זאָל דערלויבן עפענען פאַר די אַרבעטער אַ קיך. יעדן אָוונט, נאָך דער אַרבעט, פלעגט זיך אויסשטעלן פאַרן אַריינגאַנג אין קיך אַ לאַנגע ריי פון אידישע אַרבעטער מיט שיסעלעך אָדער קריגעלעך אין די הענט. די קעכן, אין אַ שירץ אויף וועלכן מען דערקענט שוין לאַנג ניט פון וועלכער פאַרב ער איז, גיט אַ לאָז אַריין דעם קאָכלעפל אין קעסל און אַ קער אויס אין אונטערגעשטעלטן קריגל. דער עולם פּרובירט זיך דינגען: צו ווייניק געגעבן, צו שיטער...

— יאַנקל, וואַרף נאָר אַראָפּ די הויזן און מאַך נאָר אַ נורקע אין קעסל. אפשר וועסט פון דעק אַרויספישן עפּעס אַ קאַרטאָפל?!...

דער עולם לאַכט, אָבער עס איז שווער פעסטצושטעלן, צי ס׳זיינען טרערן אָדער געלעכטער.

אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט געעפנט אויך אַ בעקעריי. אַרבעטער קריגן שוין פון אינזשיעניער 120 גראַם ברויט אַ טאָג. אַ האַלב ליטער אַזוי־גערופענע געקעכץ און 120 גראַם ברויט טעגלעך איז פאַר אַ אידישן אַרבעטער איבער גענוג. און דער אינזשיניער גייט אַרום איבער די געסלעך פון געטאָ אַ צופרי־דענער פון זיין גרויסמוטיקייט.

— נו, בייראַך, — קלאַפּט ער דעם פּרעזעס פון „יודען־ראַט" משה גוטן ברודער איבערן אַקסל, — איצט זיינען דיינע אידן זאַט. זעט איר זאָלט גוט אַרבעטן.

אָבער, כאָטש דער אידן־ראַט האָט שפּעטער אָנגעהויבן אַ דאַנק דער בעקעריי אַרויסגעבן די פרעמדע אַרבעטער ביז אַ האַלבן קילאָ ברויט, זיינען די רייען וואָס ווייטער געוואָרן שיטערער און די הענט פון די אַרבעטנדיקע פון טאָג צו טאָג שוואַכער...

*

ווינטער אין פעלד, ווינטער אין שטעטל און נאָך ווינטער־דיקער אין די הערצער פון די אידישע אַרבעטער. דער צוגע־פרוירענער שניי קנאַקט אונטער די פיס. זעלטן ווער עס האָט גאַנצע שיך. דער עולם וויקלט אַרום די פיס מיט זעק, בינדט אַרום מיט שטריק און גייט צו די שטיינער.

די שטיינער זיינען באַדעקט מיט שניי, מען זעט זיי ניט אַרויס. דו קראַצסט מיט די נעגל אין אייז, פּרובירסט אַרויס־דראַפּען דעם צוגעפרוירענעם שטיין. דער שטעקט אָבער פעסט: ער איז שטאַרקער פון אידישן אַרבעטער.

מען אַרבעט שוין אין סמענעס: די ערשטע שיכט ביז 12 אַ זייגער, די צווייטע — פון צוועלף ביז פינצטער. זעלטן ווען עס באַוויזט זיך אַ פויעריש פורל. דו שטייסט אַ פאַרפרוירע־נער אויפן פּלאַץ און קוקסט אַראָפּ צו די ווייסע האָריזאָנטן, העט דאָרטן, וווּ דער וועג גייט אין הימל אַריין: אפשר וועט פון ערגעץ וווּ אָנפאָרן עפּעס אַ פור און איבעררייסן די מאָ־טערנדיקע איינטאָניקייט פון סטאַרטשען אומנוציק אויפן פּלאַץ.

אייניקע בריגאַדירן האָבן געבראַכט לאָמען. מען פּרובירט דורכהאַקן די אייזיקע פאַנצערס אַרום די שטיינער. אָבער צוקומען צו אַ לאָם קענען נאָר פּריווילעגירטע פּערזאָנען.

די פּוילישע פאָראַרבעטער זיינען ניט צו שטרענג: אויך זיי לאַנגווייליקט דער אומנוציקער פרירן אויפן פּלאַץ. זיי וויסן גאַנץ גוט צו וואָס מען האָט דאָ צונויפגעיאָגט די יונגע קינדער און די עלטערע פרויען... די שטיינער דאַרף מען דאָך איצט האָבן ווי אַ לאָך אין קאָפּ. עס קומען שוין לאַנג ניט אָן קיין וואַגאָנעס. די שטיינער ווערן פון די פריערשע פורלעך אויסגעשאָטן ביי דער באַן־ליניע און טאָג נאָך טאָג בלייבט אויף זיי ליגן אַ נייע שיכט שניי מיט אייז.

איבערן ווייספאַרשנייטן פעלד שלענגלט זיך אַ בלוי־רויער רויך פון פייערן, וואָס די אינגלעך האָבן פאַנאַנדערגעלייגט נעבן אַ קופּע שטיינער. דעם פייער זעט מען ניט אַרויס: ער איז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן.

— דו ווייסט, מען זאָגט אַז די סאָוועטן האָבן שוין פאַר־נומען מינסק, — רופט זיך אָפּ אַ דיקע זיבצניעריקע מיידל מיט אַ ראַדיושקע אויפן קאָפּ.

— טאַקע?!... מיר האָבן דאָך נעכטן גייענדיק פון דער אַרבעט אַהיים געהערט דומפּע קלעפּ. איטשע זאָגט, דאָס זיינען האַרמאַטן־קלעפּ. ער ווייסט, איטשע, ער איז דאָך געווען אַ סאָלדאַט.

— איבערהויפּט — רופט זיך אָפּ אַ רויטהאָריקע זשוואָווע מיידל מיט אַ פּנים וואָס דערמאָנט שטאַרק אָן אַ שנאָבל פון אַ קאַטשקע, — די פויערים זאָגן, אַז ער וועט דאָ זיין העכסטנס ביז ניי־יאָר.

— די פויערים ווייסן אַ סך!...

— שווייג דו! די פויערים ווייסן אַלץ, אָט דאָ ניט ווייט איז פאַראַן אַן אַלטער פויער. ער טייטשט אַלץ פון דער ביבליע. ער זאָגט, אַז די דייטשן וועלן דאָ זיין 28 וואָכן, 18 טעג און 8 שעה. דאָס דאַרף זיך ענדיקן פּונקט ניי־יאָר.

— אָט, כ׳ווייס וואָס עס זאָגט אַ פויער... דו הער וואָס

דער שמש'טע האָט זיך אַנוסטן געחלומט. זי איז דאָך אַ צדקנית אַ אידענע. אַ קלייניקייט אַזאַ פרומקייט!...

די פנימער ווערן פון נייגעריקייט שפּיציקער, די אויגן הויבן אָן צו גלאַנצן.

— אָט חלומט זיך מיר, זאָגט די שמש'טע, א גרויסע רויטע קו מיט אַ פּאָר סטראַשנע פאַרצווייגטע הערנער. און די קו וואַרפט זיך אויף מיר און וויל מיך שטעכן. וואָס טו איך? איך מאַך אַ געוואַלד. רופט זיך אָפּ צו מיר די קו: שריי ניט, אידענע, איך וועל דיך ניט שטעכן. איך וועל איבערהויפּט קיין אידן מער ניט שטעכן. איר זאָלט נאָר דאַוונען און אויסראָטן ביי זיך די טריפות.

— האַ, איר הערט, איר הערט?... די טריפות...

— און צווישן זיך גערעדט, — רופט זיך אָפּ אַ גראָבע דוואָרעצער אידענע; זי איז אין די גוטע יאָרן געווען אַ בעקערקע, און נאָך איצטער דערמאָנט איר פּנים אַ פריש־אויס־געבאַקענע בולקע, — אַ קלייניקייט די זשעטלער!... דאָס איז דאָך די טריפות אַליין! זיי מאַכן דאָך אונז אומגליקלעך. אָט גיי איך אנוסטן אַריין צו ציפּקע ביילעס און איך זע, ווי חיים־יאַנקל דעם זשעטלערס מויד... טפו, טפו... זי איז דאָ צומאָל נישטאָ? זע איך ווי די טריפה'נע מויד האַלט אין האַנט אַ שטיק סאַלע און פּאַקט אין טריפהנעם האַלז אַריין. טפו זאָל עס ווערן, עס האָט מיך געכאַפּט צום ברעכן.

— מיינט איר וואָס? דאָס האָבן די בעזשענצעס אַריינ־געבראַכט קיין זשעטל. זשעטל איז אַמאָל געווען אַ אידישע שטאָט, אַ לייטישע שטאָט...

— ווער דען, אויב ניט די בעזשענצעס?... זיינען אָנגע־פאָרן דער רוח ווייסט זיי פון וואַנען און מען קאָרמעט זיי, און קיכלט זיי... און אַלע אומגליקן זיינען נאָר פון זיי. אַזוינע ליידאַקעס, אַזוינע אפּיקורסים!... איז דאָרטן דאָ אַ שוסטער, איז עס דער ליידאַק אַליין. דער רב האָט באַפוילן צו פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, זאָגט ער, דער שוסטער, ער וועט ניט פאַסטן, ער האַלט ניט פון דעם.

— אַ באָלשעוויק, ניטאָ וואָס צו ריידן.

— אָט צוליב אַזוינע קען ניט קומען די גאולה. ווען אַלע וואָלטן געווען פרום, וואָלטן מיר שוין לאַנג אויסגעלייזט געוואָרן.

— פון וועמען דערוואַרט איר עס די גאולה? — רוף איך מיר אָן תמעוואַטע פון דער זייט.

די רעדנערקע גיט אויף מיר אַ קוק מיט חשד און ענטפערט ביין:

— פון וועמען דען? מען זאָגט דאָך, אַז די סאָוועטן האָבן שוין פאַרנומען מינסק.

— פון די סאָוועטן, הייסט עס? אָבער זיי זיינען דאָך אַלע טריפהניאַקעס, ליידאַקעס, באָלשעוויקעס... טאָ ווי וועט עס זיין?...

— דאָס איז דאָך די צרה, אַז צווישן אידן זיינען דאָ אַזוינע ווי איר. זיי זיינען גוים, זיי מעגן, און אידן טאָרן ניט עסן קיין טריפות.

קעגן אַזוינע רייד זיינען שוין ניטאָ קיין אַרגומענטן. גיי און דיסקוטיר מיט איר...

עס דערהערט זיך אַ דומפּער קנאַל.

— איר הערט? איר הערט? דאָס גייען זיי!...

עס איז דעצעמבער 1941. ווויל איז דעם גלויביקן.

קערסט זיך אָפּ מיט פאַרדרוס. אַנטקעגן דיר הענגט צווישן צוויי סאָסנעס אַ בלייכע, דערשראָקענע זון. זי שווייגט כאָטש, און דאָס איז גוט.

✶

דערווײַלע זיינען אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן אידישע אַרבעטער פון דער געגנט, וואָס איז ביזן קריג געווען די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ, פון די שטעטלעך איוויעניעץ, רוביזשעוויטש, לובטש, נאַליבאָק א. אַנד. דער אידישער געטאָ, וואָס האָט פריער פאַרנומען עפּעס אַן אָנדערטהאַלבן געסלעך, איז געוואָרן נאָך ענגער. די פּראָדוקטן און ברויט־פּראַגע איז געוואָרן נאָך האַרבער. פאַרן אידן־ראַט האָט זיך געשטעלט אַ שווערע אויפגאַבע צו באַזאָרגן די אידישע באַפעלקערונג מיט ברויט. מען האָט אָנגעהויבן זוכן אַ וועג צום אינזשיניער, און מען האָט זי געפונען.

איין שיינעם טאָג איז צום אַרבעטספּלאַץ צוגעפאָרן אַ שליטעלע איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר גניאַדע פערד. מיר האָבן שוין פון דערווייטנס געמערקט דעם סילועט פון אינזשיניערס געהילף, וועלכער האָט געלייטעט מיט דער אַרבעט אויפן פּלאַץ... לעבן אים איז געזעסן אַ יונגע בלאָנדע פרוי, אָנגעטאָן אין אַ גראַנאַטענעם, גוט אָפּגעריבענעם מאַנטל.

— דאָס איז דעם אינזשיניערס „פּריוואַט־סעקרעטאַרין", אַ פּאָלקע פון בריסק, — אינפאָרמירט איינער פון די פּוילישע פאָראַרבעטער, באַגלייטנדיק זיין דערקלערונג מיט אַ ציניש׳ן שמייכל.

די ברישקע איז געבליבן שטיין לעבן די קופּעס שטיי־נער, ווו מיר האָבן געאַרבעט. די „סעקרעטאַרין" קוקט נייגעריק אויף די אידישע אַרבעטער, ווי זיי וואָלטן געווען ווילדע חיות אין אַ זאָאָ־פּאַרק. מיר שטייען אַנטקעגן איר און קוקן איר גלייך אין טעמפּן פּנים אַריין, אין אַ געזיכט פון אַ געמאָלענער לאַלקע, געדאַנקענלאָז, געפּיללאָז און פּוסט, ווי עס זיינען אונזערע מאָגנס... געוויס האָט זי פון אונזערע בליקן אויס־געלעזן אַזוי פיל שנאה און פאַראַכטונג, אַז אפילו זי איז רויט געוואָרן און האָט זיך אָפּגעדרייט.

יע, די פריילן אירענאַ האָט דעם אידן־ראַט געעפנט די טירן צו דעם אינזשיניערס „גרויסמוטיקייט". עס האָבן זיך אַ שאָט געגעבן אויפן אידן־ראַט באַשטעלונגען: אַ פּעלץ־מאַנטל פאַר דער פריילן אירענאַ, זיידנס אויף קליידער פאַר דער סעקרעטאַרין, טופל, זאָקן, וועש, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

מען האָט אַראָפּגעבראַכט פון לובטש, פון אַ מרחק באַ 50—60 ק"מ, ספּעציעלע אידישע שניידערס אויסצופאַרטיקן די גאַרדעראָבע פאַר דער סעקרעטאַרין.

אין אידן־ראַט איז געוואָרן לעבעדיק: מען האָט געקראָגן אַ דערלויבעניש אַריינצופירן מעל אין געטאָ. אָבער ווו נעמט מען דערצו מיטלען?

איז געפאָרן דער „אויסלאַנדס־מיניסטער" פון דוואָרעצער „יודען־ראַט", הער נאָוויק, אין די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס זייערע אידן, דערהויפּט יוגנט, האָבן געאַרבעט אין דוואָרעץ, האָט געלאָזט צוזאַמענרופן די אידן און געדרשנט:

— אידישע טאָטעס און מאַמעס! ווילט איר אייערע קינ־

דער זאָלן אין דוואָרעץ עסן ברויט. דאַן עפֿנט אייערע קאָמאָדעס און נעמט אַרויס פֿון זיי די צירונג, וואָס איר האָט נאָך ניט אָפּגעגעבן דעם דייטש. גיט אַוועק דאָס לעצטע.

וואָס טוען דען ניט טאַטע־מאַמע פֿאַר זייערע קינדער? האָט מען אַרויסגעגראָבן דאָס לעצטע, וואָס מען האָט געהאַט אָפּגעראַטעוועט פֿון דייטש. מען האָט אַרויסגענומען אַמאָליקע אויערינגלעך, אַלטע זייגערלעך אויף לאַנגע קייטן... צירונג, וואָס איז געגאַנגען בירושה פֿון דור צו דור, פֿון באָבען צו דער מאַמען, און וואָס די מאַמע האָט געחלומט עס שענקען דער טאָכטער, ווען זי וועט, אם ירצה השם, אַ כלה ווערן. מען האָט עס איצט שוין געהאַט באַהאַלטן אויף דער שוואַרצער מינוט, און מען האָט עס אָפּגעגעבן נאָוויקן.

און דערפֿון איז געוואָרן מעל און אידישע אַרבעטער אין דוואָרעץ פֿון די פֿרעמדע שטעטלעך האָבן געקראָגן צו אַ האַלב קילאָ ברויט אַ טאָג.

אָבער נאָר אַ האַלב קילאָ ברויט אַ טאָג, אָן קיין שום אַנדערע פּראָדוקטן, האָט ניט זאַט געמאַכט דעם אַרבעטער. מען האָט גענומען זוכן פֿאַרשיידענע מיטלען, ווי אַזוי צוצופֿאָרן צו זיך אין שטעטל און אַראָפּברענגען אַביסל פּראָדוקטן, אָדער — אין גאַנצן פּטור ווערן פֿון לאַגער. די רייכערע האָבן זיך שנעל אָריענטירט אין דער לאַגע... און דער אינזשיניער, וואָס איז שנעל דערגאַנגען דעם סוד אַז דער „יודען־ראַט" איז אַ מעלקעדיקע קו, האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ער האָט איצט אָפּט געדאַרפֿט וואָס האָבן: דאָ אַ פֿוטער, דאָ שטיוול, אַ טעפּיך, מעבל, זייגערס, בריליאַנטן א. אַ. וו.

דער אינזשיניער איז אָבער געווען אַ „דימענטענער" מענטש, — „גאָר ניט קיין דייטש". האָט מען געכאַפּט אַ אידן האַנדלענדיק אויסערן געטאָ אַ הון — קומט דאָך אים טויט־שטראָף. האָט מען אים געבראַכט צום אינזשיניער. דער ווידער שיקט רופֿן בייראַכן אָדער נאָוויקן, זיינע „אַנפֿאַרטרויטע" אידן.

— היי, בייראַך, ס'איז דיינער אַ איד?

— מיינער, הער אינזשיניער.

— סטייטש?... הלמאי גייט ער אויסערן געטאָ און האָט נאָך די חוצפּה צו האַנדלען אַ הון?... ווייסטו דען ניט, אַז אידן מעגן עסן נאָר 120 גראַם ברויט און אַ האַלב ליטער געקעכץ אַ טאָג?!...

— בע, מע...

בקיצור, מען קומט דורך. דער איד קריגט אַ צענדליק שמיץ, דער אינזשיניער אַ גאָלדן רינג מיט אַ דימענטל, און... מען גייט ווידער אויסערן געטאָ... ווייל עסן דאַרף מען אפֿילו אין דוואָרעץ...

פּעלצן

דערווײלע ווערן די פֿרעסט אַלץ שטאַרקער: דער ווינטער איז שוין אין פֿולן ברען. און מיט אַמאָל קומט אָן פֿון נאָוואָגרודקער געביטס־קאָמיסאַר אַ פֿרישע גזירה:

אידן האָבן ניט קיין רעכט צו טראָגן וועלכע ניט איז פּעלצוואַרג. אַלע פֿוטער־וואַרג, אַלע קאָזשוכעס מוזן ווערן אָפּגעגעבן דעם דייטש.

אין געטאָ טוט זיך חושך. די קאָזשוכעס זיינען כמעט דאָס איינציקע וואַרעמע אָנטועכץ פֿון אידישן אַרבעטער. היינט נעם און גיב עס אָפּ! מיט וואָס וועט מען גיין צו די שטיינער?

אין „יודען־ראַט" אַ געלאַף, אַ טומל... וואָס זאָל מען טאָן? מען לויפֿט צום אינזשיניער. דער קוועטשט מיט די פּלייצעס:

— איך קען גאָרניט העלפֿן. דער באַפֿעל איז פֿון דער העכערער מאַכט. איך וועל פּרובירן אינטערווענירן.

איך קוק אויף מיין פּעלצל, וועלכן פֿריינט האָבן מיר צוגעשיקט אין לאַגער. איך זאָל ביי די שטיינער ניט פֿאַרפֿרירן ווערן. ווי וועל איך עס אים אָפּגעבן?

— אויב ניט פֿאַר מיר, איז אויך פֿאַר דיר ניט!...

איך האָב שוין אין האַנט אַ שאַרפֿע שער און גלייך פֿאַלן ביידע אָפּגעשניטענע אַרבל פֿון קאָזשוכל אויף דער פּאָדלאָגע. אָבער אין דרויסן איז דאָך 28 גראַד פֿראָסט. ווי שטייט מען אויס אָן אַ מאַנטל די 6 שעה אין דרויסן?

— היי, ווער עס ריזיקירט ניט דער האָט ניט...

איך נעם מיין זומער־מאַנטל, טרען אויף דעם אונטער־שלאַק, צעטרען דעם פּעלצל אויף שטיקער און הויב אים אָן אַריינבייען אין זומער־מאַנטל אונטער דער פּאָדשעווקע. קיין קאָזשוך וועל איך ניט טראָגן, אָבער וואַרים וועט מיר זיין.

איך האַלט נאָך אין מיטן דער אַרבעט, אַז עס גייט אַריין מיין בעל־הבית'טע.

— סאָניע, אייער פּעלצל האָט איר שוין אָפּגעגעבן?

דאָ דערזעט זי מיין אָפּעראַציע:

— אוי, וויי איז מיר!... וואָס טוט איר? איר ברענגט אונז אַלעמען אום, — פֿאַרברעכט זי מיט די הענט. מען וועט דאָך צוליב אייך אונז אלעמען פּטרן... האָט רחמנות אויף מיינע קינדער!

— הערט, חיה, פּטרן וועט מען אונז במילא. אָבער ניט צוליבן פּעלצל, נאָר ווייל מיר זיינען אידן.

— וואָס, דער לעבן איז אייך שוין נמאס געוואָרן? אָבער מיר ווילן נאָך לעבן. האָט רחמנות און טראָגט אַוועק דעם פּעלצל!...

בקיצור, ווען איך האָב פֿאַרענדיקנדיק נייען אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, האָט מיך נאָך לאַנג נאָכגעפֿאָלגט דאָס טענה'נען און וויינען פֿון מיין בעל־הבית'טע.

✶

עס איז דער ערשטער טאָג ראָזשדעסטוואָ. אָבער זינט איך לעב, האָב איך נאָך אַזאַ טאָג ניט געזען. עס איז שווער צו אונטערשיידן, איז עס טאָג צי אָוונט. דער ווינט וואָיעט, ווי אַ צעווילדעוועטע חיה. ער כאַפּט אַלע ווײלע אויף פֿון דער ערד גאַנצע קנוילן צוזאַמענגעפּרוירענעם שניי מיט שטיינדלעך און שליידערט עס דיר אין פּנים אַריין. דאַן כאַפּט ער דיך אַליין אויף, דרייט דיך אייניקע מאָל אַרום זיך און וואַרפֿט דיר צו דער ערד.

מיר גייען און קענען בשום אופֿן ניט געפֿינען דעם פּלאַץ, קערן זיך אייניקע מאָל צוריק און טאַפּן ווייטער. לויט דעם זייגער איז שוין גרויסער טאָג, אָבער אַרום אונז איז אַזאַ דיקע גרויקייט, ווי מיר וואָלטן געגאַנגען דורך עפּעס אַ גרויער קאַשע, וואָס פֿילט אָן דעם גאַנצן חלל. דו זעסט ניט מער, ווי אויף אַ מעטערדיקן ראַדיוס אַרום זיך, ווייטער איז לויטער גרויקייט... דאָס געזיכט שטאַרצט דיר פֿון די קלעפּ, וואָס דו קריגסט דורך די שניי־וויכערס, די אויגן אַנטצונדן פֿון אָנשטרענגונג, דער קאָפּ שווער, ווי ער וואָלט וועלן זיך אַראָפּ־

קייקלען פון פלייצע. אַבי נאָר ניט דאַרפן זיך אַרומבלאָנקען אין דער גרויקייט...

קוים געפונען דעם פּלאַץ. וואָס ווייטער?

מען שטייט ווי אַ סטאַדע פאַרלוירענע שעפסן. עס קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. דער עולם איז נאַקעט: מען האָט אַלע פעלצלעך אָפּגעגעבן דעם דייטש. די אויסגעהונגערטע קערפּערס וויגן זיך, ווי שאָטנס, צום טאַקט פון ווינט.

קיין איין פּורל זעט מען ניט. וואָס פאַראַ משוגענער ווען עס אַרויספאָרן פון שטוב אין אַזאַ זאַווערוכע? דערצו איז עס נאָך חגא.

און מיר?... וואָס שטייען מיר דאָ אויפן פעלד? געוויס אַ מחנה משוגעים, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון משוגעים־הויז...

עס הויבט אָן צו פרירן דאָס שפייעכץ אין מויל, דער אָטעם אין די לונגען. און מיטאַמאָל ברעכט אויס סטיכיש אַ געזאַנג:

כל נדרי...

דער רעליגיעזער געזאַנג, וואָס איז מער ענלעך צו אַ געוויין, צעמישט זיך מיטן וואָיען פון ווינט און שאַפט אַן אויסטערלישע סימפאָניע.

דער עולם פאַרגעסט אין הונגער, פאַרגעסט, אַז דער גאַנצער קערפּער איז שוין פון קעלט פאַרגליווערט, אַז די פיס זיינען שוין לאַנג פון פראָסט אימפּילבאַר געוואָרן...

עס גלייכן זיך אויס די איינגעהויקערטע רוקנס, די דיינינקע רעקלעך אָן קנעפּ צעפלאַטערן זיך מיטן ווינט, ווי פליגלען פון אונטערגעשאָסענע פייגל, די אויגן באַקומען אַ גלאַנץ. עס שאָקלען זיך פאַנאַנדער די גרויע סילועטן:

„אל מעוז ישועתי..."

איך פיל, ווי עפּעס אַ שטעכיק־האַרטער קנויל קייקלט זיך מיר פון אונטן ביז אויבן, און שטעכט דורך דעם האַלז... אין האַלז ווערט אַלץ ענגער און ענגער, און דער קנויל דריקט אַלץ שטאַרקער... צוויי שווערע האַמערס הויבן אָן קלאַפּן אין ביידע שלייפן און איך פיל, אַז איך פאַל טיף, טיף...

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין אַ פויערשער כאַטקע ביים פלוג־פּלאַץ, לעבן מיר איז געזעסן אונזער קראַנקן־שוועסטער. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די קריסטלעכע פאַראַרבעטער זיינען אַוועקגעלאָפן צום אינזשיניער, בעטן מען זאָל אויף היינט אָפּלאָזן פון פּלאַץ.

עס איז געקומען צולויפן דער שאָפער, האָט אַ קוק געטאָן אויף דער סצענע און איז אָן אַ וואָרט אַוועקגעלאָפן צוריק...

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז געקומען אַ רייטער מיט אַ באַפעל פון אינזשיניער צו גיין אַהיים.

✶

און אַ מאָדנער טיפּ איז געווען דער „שאָפער". מייערסן, דעם אינזשיניערס פאַרטרעטער, האָבן די אידן גערופן „דער שאָפער", ווייל ער פלעגט פירן שטענדיק דעם אינזשיניערס מאַשין.

פאַרשיידענע מעשיות האָט מען וועגן אים דערציילט.

פּאַסירט אַ געשיכטע, אַז אַ מיעשטשאַנין האָט צעשלאָגן אַ אידישן אַרבעטער. דער איד, נעבעך, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן איבערן צעקלאַפּטן אָרט און פאַרשוויגן. די מעשה איז דערגאַנגען צום שאָפער. ער קומט צולויפן אַ פאַרסאָפּעטער אויפן אַרבעטס־פּלאַץ.

— איד, ווער האָט עס דיך געשלאָגן?

דער איד שווייגט. אַ נייס, אַז מען שלאָגט אַ אידן!

— איד, איך באַפעל דיר, זאָלסט מיר שוין זאָגן, ווער עס האָט דיך צעשלאָגן, אָדער דו קריגסט פון מיר אַ צווייטן מאָל!

— אָט, אָט דער פאַרשוין, — שטאַמלט אַרויס דער איד...

— קום מיט מיר — באַפעלט דער שאָפער און שיקט רופן דעם אָנגעוויזענעם מיעשטשאַנין.

ער פירטביידן אַריין אין קאַנטאָר, הייסט דעם קריסט זיך שטעלן אויף די קני און זאָגט צום אידן:

— און דו שטיי איצט און קוק צו!

דאַן דערהערט זיך איין הילכיקער פּאַטש און אַ צווייטער, אַז דער קניענדער שלעגער באַגיסט זיך מיט בלוט, וואָס רינט אים פון זיין צעשלאָגענעם נאָז איבערן רעקל אויף דער פּאָדלאָגע.

— איך וועל דיר ווייזן, פּוילישער הונט, ווי צו שלאָגן מיינע אידן. איך מעג זיי שלאָגן, אָבער דו ניט!

אידן שושקען זיך וועגן דער געשיכטע:

— ווער ווייסט, ווער ווייסט?...

אויף מאָרגן נאָכן שרעקלעכן טאָג האָט זיך באַוויזן דער „שאָפער" אין „יודען־ראַט" און געמאָלדן:

— די אידן, וואָס מען האָט ביי זיי צוגענומען די פעלצלעך, און זיי האָבן ניט קיין וואַרימע מלבושים, זאָלן ניט אַרויס צו דער אַרבעט. איך פאָר קיין נאָוואָגרודעק צום געביטסקאָמיסאַר און איך וועל אים זאָגן: „ווילסטו האָבן אַרבעטער, טאָ גיב די פעלצלעך צוריק".

און אידן קוועטשן מיט די פּלייצעס.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך דער שאָפער אומגעקערט פון נאָוואָגרודעק מיט אַ קופּע צוריקגעגעבענע פעלצלעך. מען האָט ניט געגלויבט די אייגענע אויגן.

פאַרשטייט זיך, ווו אַ בעסערער, איז צוריק ניט געקומען. אָבער וואָס פאַראַ איד וועט עס האָבן די חוצפה אפילו צו טראַכטן וועגן אַ בעסערן פעלצל?

די אידן האָבן צוריק אָנגעטאָן זייערע פעלצענע לאַכעס און דער שאָפער אַ פּאָר נייע קנאַקעדיקע שטיוועלעך.

ביים שאָפער

— סאָניע, שטייט אויף, שטייט אויף!...

איך ווייס ניט, צי מיר חלומט זיך עס, אָדער ס'איז ווירקלעכקייט. ס'איז שווער פונאַנדערצורייסן די ווימפּערן, וועלכע זיינען אין ערשטן שלאָף, נאָך מידפולן טאָג, ווי צוזאַמענגעוואַקסן.

איך פיל שוין, ווי עפּעס אַ האַנט טרייסלט מיך שטאַרק פאַר דער פּלייצע.

כ'רייס אויף מיט כוח די אויגן און כ'דערזע פאַר זיך, ווי דורך אַ נעפּל, די הויכע דאַרע געשטאַלט פון פּרעזעס בייראַך.

— סאָניע, שטייט אויף, מיר גייען אויף אַ זאַבאַווע!

כ'קוק אים אָן. ס'כאַפּט מיך אָן אַ כעס. אָבער בייראַך שמייכלט. ער האָט געקענט שמייכלען אין דער גרעסטער צרה.

איך פּרוביר זיך בעטן, ער זאָל מיר לאָזן שלאָפן.

— שטייט אויף, איר מוזט גיין צום אינזשיניער.

קעגן דעם זיינען ניטא קיין ארגומענטן. כ'טו זיך געשווינד אן און גיי ארויס מיטן פרעזעס. ער פירט מיך צום אידן־ראט, ווו עס האבן שוין געווארט 3 מיידלעך.

— געגאנגען, קינדער!

מיר מארשירן צום אינזשיניער. אונטערוועגס דערציילט בייראך, אז דער קאמענדאנט פאדערט פון „יודען־ראט" א דאלמעטשער צום שאפער, וועלכער קען זיך ניט צוזאמענרעדן מיט דער באפעלקערונג. ער וועט איינע פון אונז פיר אויסקלייבן.

מיר גייען צו דער רעזידענץ פון אונזער הערשער. פאר זיין טיר שטייט א וואך. און דער וועכטער איז א... איד. און דער איד באוואכט זיין מאיעסטעט, א גאנצע נאכט — מיט א שטעקן אין האנט.

מיר גייען אריין אין א פאדערצימער. עס איז ווארים. דאס עלעקטרישע ליכט ברענט. אן אנדער וועלט. מיר קוקן אויפן עלעקטרישן לאמפ, ווי אויף א וואונדער, ווי מיר וואלטן עס קיינמאל אין לעבן ניט געהאט געזען. אנטקעגן גייט ארויס די „גארניטשנע" אין א ווייסן שירצל און טשעפיק.

— דער הער אינזשיניער הייסט אריינגיין.

מען האט אונז צוגעפירט צו דער טיר פון זיין שלאפצימער. די ערשטע האב איך געדארפט אריינגיין. דער „הער אינזשיניער" איז געלעגן אין בעט. דער רונדער אין שמאלץ צעגאסענער פנים האט זיך באוויליקט צו מיר אומצודרייען. ער איז געלעגן האלב נאקעט, אן א העמד, און האט ניט געפונען פאר נויטיק ארויפציען די קאלדרע.

— דו קענסט דייטש? פויליש? רוסיש?

ער הייסט מיר איבערזעצן א זאץ אין דייטש, דאן אין פויליש און אין רוסיש.

— יא! וואס איז דיין באשעפטיקונג?

כ'בין דעזאריענטירט. כ'ווייס ניט, וואס צו ענטפערן.

— כ'בין געווען א קרעמערקע.

— א קרעמערקע? אזוי...

— פון וואנען קענסטו די שפראכן?

— פון קראם, פון קליענטור.

— באזיצטו די שפראכן אויך אין שריפט?

— ניין, איך קען ניט שרייבן.

ער האט מיך שארף אנגעקוקט און דורכגעזייט דורך די ציינער:

— פאלגענדע!

עס זיינען איינע נאך דער אנדערער אריין די איבעריקע קאנדידאטקעס און צום סוף בייראך.

כ'האב געקראגן א באפעל זיך צו מעלדן צום שאפער אין קאנטאר.

דער פראסט קנייפט אין די באקן און דער שניי סקריפעט אונטער די פיס. מיר מארשירן מיט בייראכן צו דער קאנטאר.

ענדלעך שטיי איך פאר דעם שאפער.

ער קלערט מיר אויף מיינע פליכטן. איך וועל אויך דארפן אים באדינען, רוימען זיין צימער.

איך פרוביר מיך ווערן. עס ווילט זיך ניט באדינען קיין דייטש. בעסער ביי די שטיינער.

— איר מוזט גיין, מיר האבן ניט קיין אנדערע. מיר דארפן דארטן האבן א מענטשן — טענה'ט בייראך.

איך קען מער ניט ריידן. אין האלז שטיקן טרערן. איך גיי אוועק אן א „זיי געזונט".

*

איך ארבעט שוין ביים שאפער. כ'בין א פריווילעגירטע פערזאן אין געטא. א קלייניקייט? א טשינאווניצע... איך האב א שיין צו גיין אויסערן געטא. איך מעג גיין ביז 11 א זייגער אוונט.

יעדן אינדערפרי 8 א זייגער, מוז איך מיך מעלדן צו מיין שעף. איך דארף אים ברענגען פון קיך זיין פרישטיק, אויפרוימען דאס צימער. דאן איז דער אויפנעם פון קליענטור. די פויערים ריידן פויליש און רוסיש — איך איבערזעץ אין דייטש.

זייער אפט פארט ער אוועק. מיין פליכט איז צו בלייבן ביי אים אין שטוב און ווארטן אויף זיין צוריקקער.

אזוינע טעג זיינען ביי מיר געווען די גליקלעכסטע. איך פלעג קענען אין זיין גרויסן ליכטיקן צימער זיך אויסרוען פון טומל און ענגשאפט אין לאגער. און דער עיקר, איך פלעג קענען אויסוואשן און אויסקאכן מיין געוועש. דער שאפער אליין האט מיר פארגעלייגט זיך צו באנוצן מיט זיין באליע, און דאס איז געווען פאר מיר א גרויסע זאך.

איך האב מיך ביסלעכווייז אנגעהויבן צוגעוווינען און דער פארדר:ס האט אנגעפאנגען זיך אויסוועבן. דערצו האט מיטגעהאלפן די מענטשלעכע באציאונג פון שאפער. ער פלעגט אליין מיר אנהאקן האלץ און איינהייצן די פליטקע. זיין טאן איז אלע מאל געווען העפלעך, אפילו פריינטלעך.

איך פלעג אפטמאל מיר שטעלן די פראגע: ווי אזוי איז עס מעגלעך, אז דער העפלעכער אייראפייער זאל שלאגן די ארבעטער מיט א גומי־שטעקן איבער די קעפ?

איך האב אנגעהויבן מערקן, אז מייערס לאזט שוין איבער דעם גומי־שטעקן אין שטוב. איך פלעג אים פארשליסן אין שראנק. צייטנווייז פלעגט ער מאנען:

— ווו איז דער גומי־שטאק?

— אין שראנק, איר דארפט עס דאך ניט. צו וואס זאל עס זיך וואלגערן?

מייערס פלעגט ארייגלאכן אין די וואנצעס און אוועקגיין. דעם טאג פלעגט זיין א האפנונג, אז קיין איד וועט ניט קריגן מיטן גומי־שטאק איבערן קאפ.

איין פרימארגן הער איך א ניט־דרייסטן קלאפן אין טיר. עס איז אריין די שווארצע לאה. „די שווארצע לאה", ווי מען האט זי גערופן אין לאגער, איז געווען א יונג, זייער שיין ווייבל. זי האט געארבעט ביים שאפער פאר מיר. לאה איז אן א ווארט צוגעגאנגען צו מייערסן. ער האט געעפנט א שופלאד אין שאנק און ארויסגענומען א פעלצענעם קראגן מיט א פעלץ־היטעלע און איר דערלאנגט.

אויף מארגן טרעף איך לאה'ן.

— לאה, וואס פארא פוטערווארג האט ער עס דיר נעכטן איבערגעגעבן מייערס?

— ער האט עס מיר אויסבאהאלטן מיין קראגן און היטעלע, איך זאל ניט דארפן אפגעבן די דייטשן. דו ווייסט גארניט, וואס פארא מענטש דאס איז. עס איז דאך א דימענט!

ווען איך האב מיך אומגעקערט אינאוונט אין זיין וווינונג,

האָב איך אים געפונען זיצנדיק ביים טיש, באַגלייט מיט פאַרשיידענע פאַפּירן. ווען איך בין אַריין, האָט ער שנעל אַראָפּגעכאַפּט אַלץ פון טיש. דעם גאַנצן אָוונט איז ער געווען פאַרטראַכט, אפילו ניט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ, ווי זיין שטייגער איז געווען.

מיטאַמאָל גיט ער מיך אַ פרעג:

— דו קענסט ענגליש? ניין? אַ שאָד...

אויף מאָרגן טרעף איך ווידער די שוואַרצע לאה און דערצייל עס איר.

לאה שמייכלט עפּעס צו זיך.

— מיר האָט ער אַמאָל געהייסן אונטערצייכענען מיט מיין האַנט נעמען פון ערטער אין אַ פּלאַן, וואָס ער האָט געצייכנט... אויך מיך האָט ער געפרעגט, צי איך קען ענגליש. אָבער דערפון דאַרף מען ניט ריידן.

✶

אויף מאָרגן האָב איך לאַנג געקלאַפּט אין טיר, ביז דער שאָפער האָט מיר געעפנט.

ער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער אין אַ זייער אויפגערעגטן צושטאַנד.

איך האָב מיך שטילשווייגנד גענומען צו מיין אַרבעט.

— סאָניא, וואַרף אַוועק אַ ווילע די אַרבעט, און לאָמיר אַביסל שמועסן — רופט ער זיך מיטאַמאָל אָפּ.

כ'קוק אים אָן פאַרחידושט.

— וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן? איר קענט מיט מיר רעדן. איך בין ניט קיין אַנטיסעמיט. איך האָב געהערט צו דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

— וויאַזוי? איר טראָגט דאָך אַ האַקן־קרייץ... און וואָס פאַראַ דייטש איז ניט קיין אנטיסעמיט?

— איך בין ניט קיין דייטש.

— ?

— איך בין אַ דענישער אָפיציר.

— און איר דינט דעם שונא פון אייער פאָטערלאַנד?

— מיין ברודער איז אַ פליער אין דער ענגלישער אַוויאַציע, מיינע חברים קעמפן אויף דער ענגלישער זייט.

— אָבער איר?

— איך האָב אויך געקעמפט קעגן דייטשלאַנד. איך בין געפאָרן אין אַ פּאַנצער־אויטאָ. דער אויטאָ איז אויפגעריסן געוואָרן. 8 מאַן זיינען אומגעקומען, איך בין געבליבן לעבן. אין געפאַנגענשאַפט האָט מען צו מיר געזאָגט: אָדער דו אַרבעטסט פאַר אונז, אָדער דו גייסט אין געפאַנגען־לאַגער צו שווערער אַרבעט. איך בין פון פאַך אַ מוזיקער, איך האָב דיריגירט מיטן אָרקעסטער אין קלוב פון מיין פּאַרטיי. צי קען איך מיט אַזוינע הענט גיין צו שוואַרץ־אַרבעט?

און ער ציט אויס פאַר מיר אויפן טיש זיינע ווייסע געכאָוועטע הענט מיט לאַנגע, דינע פינגער פון אַ מוזיקער.

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַן עקל. כ'האָב ניט געקענט גאָרניט ענטפערן.

מען קלאַפּט אין טיר. דאָס איז מען פון אינזשיניער געקומען רופן דעם „שאָפער״.

— זאָג דעם אינזשיניער, אַז איך וועל ניט קומען — ענטפערט ער מיט כעס. — אַזאַ אידיאָט, ווי דער אינזשיניער!

אָן מיר קען ער זיך איבערהויפּט ניט געבן קיין עצה. מער ווי מיט זיין פריילן אירענאַ אַרומשלעפּן זיך קען ער ניט.

און אַזוינע שמועסן זיינען שפּעטער געקומען אָפטער.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דער שאָפער ניט געשטימט מיטן אינזשיניער. און איבערהויפּט האָט ביי אים קיין חן ניט געהאַט די „פּריוואַט־סעקרעטערין״. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס פלעגט איר ניט חנפענען, פאַר וועמען זי האָט אפילו מורא געהאַט.

מען האָט דערציילט אין לאַגער וועגן שאָפער און פריילן אירענאַ פאָלגנדעם וויץ:

איינמאָל זיינען געקומען צום אינזשיניער געסט פון געביטס־קאָמיסאַריאַט. די פּריוואַט־סעקרעטערין איז געזעסן מיט די געסט מעשה בעל־הבית'טע ביים טיש.

עס גייט אַריין דער שאָפער און רופט זיך אָן: פריילן, פאַרשטעקט אייך!

— פאַרוואָס? — רופט זיך אָן די סעקרעטערין.

— ווייל אַלע שווינע ווערן אָפּגעליפערט נאָך באַראַנאָוויטש.

די דייטשן לאַכן אויפן קול, פריילן אירענאַ שמייכלט נאַריש און ווייסט ניט, צי זאָל מיטלאַכן, אָדער זיך בייזערן.

— יאָ, די פוילישע פרויען זיינען זייער אויסגעלאַסן, — רופט זיך ווידער אָפּ צו מיר דער שאָפער.

— און די דייטשע?

— די דייטשע אויך. די דייטשע זיינען שרעקלעך נאַריש.

ער ווייזט מיר אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פרוי מיט 2 קינדער.

— דאָס איז מיין פרוי מיט מיינע קינדער. זיי זיינען אומגעקומען פון אַ באָמבע בעתן דייטשן אָנגריף אויף דענעמאַרק. גוט זיינען די דענישע פרויען. זיי זיינען זייער ערנסט. אַ דענישע פרוי, ווען זי איז פאַרליבט, פאַרראַט זי קיינמאָל ניט.

— אָבער די דענישע מענער?... — רייסט זיך מיר פון מויל און איך פאַרבייס מיין צונג.

— און מיין ברודער איז אין ענגלאַנד — זאָגט ער נאָכאַמאָל. — אָ, די ענגלענדער קענען קעמפן.

— אָבער דייטשלאַנד וועט דאָך געווינען דעם קריג? — פּרוביר איך אים פּראָוואָצירן אויף אַ שמועס וועגן דער לאַגע.

— די דייטשן וועלן זיגן?! — שפּרינגט אויף דער שאָפער — קיינמאָל ניט! דו אָריענטירסט זיך גאָרניט. איטאַליע איז דאָך שוין קאַפּוט.

— ווי, איטאַליע?...

— נאָ יאַ, איטאַליען האָט דאָך אין די קאַמפן אין גריכנלאַנד פאַרלאָרן איר גאַנצן פלאָט. אויך אין אַפריקע האָט די אַקס געהאַט גרויסע מפּלות. דו ווייסט, אַז אין דייטשלאַנד גייט אַרום אַ וויץ, אַז דייטשן זיינען געוואָרן ספּעציאַליסטן אויף צו שיסן מיט איין האַנט. ווייל מיט דער צווייטער דאַרפן זיי האַלטן זייער איטאַליענישן קאָלעגע, ער זאָל ניט אַנטלויפן...

— ווער דען וועט געווינען דעם קריג? סאָוועטן־פאַרבאַנד?

— די באָלשעוויקעס? ניין, ענגלאַנד.

אין פענסטער האָט אַריינגעשיינט אַ רויט־ברענענדיקער שיין פון אַ ווינטערדיק־אונטערגייענדיקער זון. די רויטקייט איז געוואָרן אַלץ טיפער און טונקעלער, אַריבער אין פיאָלעט. פון די ווינקלען האָבן אָנגעהויבן אויסציען זייערע לאַנגע לאַ־

פּעס די אָוונט־שאָטנס. אויף דוואָרעץ האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ־געלאָזט די נאַכט.

אַ דיסקרעטער קלאַפּ אין טיר.

— אַריין!

די טיר ווערט אויפגעפּראַלט מיט אַן ענערגישן שטויס. אויפן שוועל שטייט ביילע, די איין און איינציקע טאָכטער פון אַ „יודען־ראַטשיק״.

איך האָב געבעטן דערלויבעניש אַוועקצוגיין און פאַרלאָזן דעם שאָפערס שטוב.

שטעכיקע דראָט

עס איז שוין סוף פעברואַר. די טעג זיינען עטוואָס לענגער. מען זעט שוין אינדערפרי דורך די האַלב־געפרוירענע שויבן די קאָלאָנעס אידישע אַרבעטער, ווען זיי מאַרשירן אָפּ צו דער אַרבעט. מען גייט שוין אַרויס ביי ליכטיק.

די מעשטשאַנעס קלייבן זיך גרופּעסווייז אין די גאַסן, שמייכלען צו דער זון, וואָס שיינט שוין אונטער פון צייט צו צייט. אויך די אידן פילן עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכע דער־לייכטערונג. אפשר?

איך גיי מיר איבערן שימערנדיקן שניי צום שאָפערס וווינונג. איך אייל מיך. היינט האָב איך עפּעס פאַרשלאָפן. און מיטאַמאָל וואַקסט אויס פאַר מיר דער שאָפער. ער איז אין באַגלייטונג פון 2 אומבאַקאַנטע דייטשן.

— סאָניאַ, היינט דאַרפסטו צו דער אַרבעט ניט קומען. איך וועל דיר זאָגן ווען.

און אין האַרצן גיט עפּעס אַ שטאָך. פאַרוואָס?

און מיט איין מאָל ווערט עפּעס אַלץ קלאָר. ניין, נאָך מער פאַרנעפּלט. און פון דעם נעפּל קוקט אַרויס אַ גרויסער בלוט־טיקער פּראַגעצייכן:

— איז עס דער טאָג?

היינט האָט מען אַלעמען צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, מען האָט באַפוילן אַלע אידן זיך צוזאַמענקלייבן אויפן מאַרק.

עס דאַרפן אַרויסגיין אויפן מאַרק קינד און קייט. אפילו אַלע קראַנקע. זאָל זיך יעדער מאַכן אַ פּעקעלע און אַרויס פון שטוב. די שטיבער ווערן פאַרזיגלט.

די באַקן ווערן בלאַס, די ליפּן ציטערן. אידן קוקן זיך שווייגנדיק אָן איינער דעם אַנדערן. ביי אַלע אידן אין די אויגן די זעלבע פראַגע:

— שוין? היינט?...

אויפן מאַרק שטייען צוויי נייאינקע גלאַנציקע טאַקסעס. פון זיי איז היינט אינדערפרי אַרויס, אין באַגלייטונג פון 5 מאַן, אַ דייטש אָנגעטאָן אין אַ בלאַנק־ווייסן פעלצל און אַ ווייס היטל מיט אַ גאָלדענעם אָדלער. און דער ווייסער בלאַנקענדער פעלצל האָט גלייך אַרויפגעוואָרפן אויפן שטעטל אַ שוואַרצע אימה:

— נישט אומזיסט איז דאָ דער ווייסער בלאַנקענדיקער־פעלצל אין לאַגער.

און מיט איינמאָל האָבן זיך אַלע דערמאָנט אָן קאָזלאָווער שטשינע, אַ שטעטל 14 קילאָמעטער פון דוואָרעץ, צו סלאָנים צו. און בעסער פון אַלע אידן האָבן עס געדענקט די זשעטלער, וועלכע האָבן די ערשטע אויפגענומען קאָזלאָווטשטשינער פּליטים. זיי וועלן ניט פאַרגעסן יענע נאַכט:

זשעטל איז שוין לאַנג געשלאָפן. געשלאָפן האָט אויך דאָס געזינטל פון אַלטן קברן. די פולע לבנה־נאַכט האָט אַריינ־געוואָרפן אַ זילבער־שימער דורכן נידעריקן האַלב־פאַרררוי־כערטן פענסטערל פון רב ישעיה׳ס שטיבל אויפן בית־עולם און האָט באַזילבערט דעם קברנס באָרד, וואָס איז פון זיין קישן אַראָפּגעהאַנגען אויף אונטן.

ניט געשלאָפן האָט נאָר דער בית־עולם. די אותיות אויף די מצבות האָבן זיך אָנגעהויבן ווי באַוועגן... איבער די מצבות, וואָס זיינען געווען באַגלאָזט פון שטאַרקן פראָסט, האָבן אָנ־געהויבן זיך שלייכן שאָטנס. און די שאָטנס גייען דאָ פאָרויס, דאָ צוריק. דאָ בלייבן זיי שטיין און וויגן זיך ווי אַ געהאַנגע־נער אויף זיין שטריק. און מיטאַמאָל רייסט זיך אַרויס אַ קרעכץ פון צווישן די שאָטנס, אַ קרעכץ, וואָס גייט, דאַכט זיך, פון די טיפענישן פון דער ערד, פון די פלאַכע גריבער אונטער די מצבות, פון די שניי־פלאַטקעס, וואָס וויגן זיך אויף די נאָ־קעטע צווייגן, פון לבנה־שיין, וואָס פאַלט אויף די מצבות.

— עפנט, עפנט, אידן... האָט רחמנות!

די שויבן אין די קליינע פענסטערלעך פון קברנס שטוב גיבן אַ לייכטן ציטער.

— ווער איז דאָ?

— עפנט, עפנט, אידן פון קאָזלאָווטשטשינע.

דער קברן צינדט אָן אַ ליכט און גייט צו צו דער טיר. ער פּאָרעט זיך לאַנג ביים שלאָס, ביי דער קייטל. ער קען לאַנג ניט עפענען, די פינגער פאָלגן עפּעס ניט. זיי קריגן מיטאַמאָל אַן אייגענעם ווילן.

די טיר עפנט זיך ענדלעך, ווי פון זיך אַליין. אַ מענטש־לעכע געשטאַלט וואַרפט זיך אַריין איבערן שוועל און בלייבט ליגן אויף דער ערד.

צוויי אַנדערע — ערשט שפּעטער ווערט קלאָר, אַז דאָס איז אַ מאַנספאַרשוין מיט אַ פרוי, פּרובירן אים אויפהויבן, אָפּ־שלעפּן פון דער טיר, אָבער אומזיסט.

— אָפּגעפרוירן, אָפּגעפרוירן די פיס! מיר האָבן אים געשלעפּט, ער האָט ניט געקענט אַליין גיין, פאַרוווּנדעט, אַ באָרוועסער... דער פראָסט איז גרויס.

— אידן, פון וואַנען, וואָס איז געשען? האָט רחמנות!

— אַ שחיטה, אַ שחיטה, גאַנץ קאָזלאָווטשטשינע אין מיטן העלן טאָג... געקומען, אַלעמען אויסגעקוילעט, פרויען און קינדער....

— פאַרוואָס? פאַר ווען?

— פאַר גאָרניט...

— מיר האָבן געגעבן אַלץ, וואָס מען האָט פון אונז גע־פאָדערט. זיך ניט געריכט... אויסגעקוילעט... ניטאָ.

דער מאַן וויינט ניט, ער האָט ניט קיין אויגן. ער האָט צוויי גרויסע אויגן־לעכער, פון וועלכע עס קוקן אַרויס אַלע אידן פון דער וועלט, אין אַלע ראַנגלען זיך מיטן טויט, און אַלע גייען אָפּ מיט בלוט...

— אַ, ווי איז מיר, מיין שמואלקע! פון גריבער אַנטלאָפן!

און זי וויגט זיך, שאָקלט זיך, און עס דאַכט זיך, זי וויגט זיך שוין אַזוי דורות לאַנג, און אייביק וועט זי זיך אַזוי שאָקלען.

— פון די גריבער אַנטלאָפן, געליגן אויף מתים... קוים אַרויס, בײַנאַכט, ווען די מערדערס האָבן זיך אָפּגעטראָגן...

און די לבנה, וואָס קוקט אַרײַן דורכן פענסטער אין שטיבל אַרײַן, ווערט בלײַכער.

אויף דער ערד ליגט אַ אינגל פון אַ יאָר 14. זײַן פּנים איז שווער צו דערקענען. עס איז אינגאַנצן אויסגעשמירט אין אַ געמיש פון בלוט און ערד.

די מאַמע פּרובירט אַראָפּשלעפּן פון אים דעם רעקל. עס איז אוממעגלעך, ער איז דורכגעווייקט אין בלוט, וואָס איז געראונען פון זײַנע ווונדן. און דאָס בלוט האָט געטריקנט און געפרוירן צוגלײַך, און צוגעקלעפּט דעם בגד צו זײַן צעלעכערטן קערפּער. די אָפּגעפרוירענע פיס האָבן זיך געפּלאָנטערט, ווי אַ פּאָר אָפּגעריסענע אַרבל פון אַן אַלטן בגד...

שפּעטער זײַנען פון קאָזלאָווטשטשינע געקומען נאָך אַ פּאָר אידן קיין זשעטל זוכן אַ מקום מקלט. דערווײַלע, ביז די ריי וועט קומען אויף זשעטל.

✶

מיר זײַנען געשטאַנען אויפן דוואָרעצער מאַרק צו 4 אין אַ ריי, לויט די אָפּשטאַמונגס־שטעט. געשטאַנען זײַנען אויך אַלע דוואָרעצער אידן, קליינע קינדער און אַלטע לײַט. אַרויסגעבראַכט האָט מען אין גאַס אַלע קראַנקע, אפילו אַ געווינערין מיט איר עופה׳לע, וואָס איז ערשט נעכטן געבוירן געוואָרן. דער דײַטש אין ווײַסן פּעלצל האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל פאַרבײַמאַרשירט די רייען און איז אַרײַן צוריק אין טאַקסי.

עס זײַנען שוין פאַרבײַ 2 שעה, און מיר שטייען נאָך אַלץ. אין מערב זײַט צינדט זיך אָן דער הימל מיט אַ פיאָלעטער רויטקייט, און מיר שטייען נאָך אַלץ.

אַ שחיטה? ניין. ס׳איז וואָס אַנדערש. פאַר אַ שחיטה האַלט מען ניט אַזוי לאַנג אויף איין אָרט, און אַלעמען צוזאַמען.

דאַן עפנט זיך די טיר פון איינציקן מויערל אויפן מאַרק, און דער אידן־ראַט מאַרשירט אַרויס.

בײַראַך ווענדעט זיך צום עולם:

— אידן, מיר האָבן ווידער אַמאָל גליק. עס וועט אונז גאָרניט געשען. מיר דאַרפן דערפאַר דאַנקען אונזער הער אינזשיניער. ער האָט פון אונז, אידן, גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן, מיר זײַנען ניט דיסציפּלינירט. מען האָט דאָך אײַך ניט איינמאָל געזאָגט: גייט ניט אויסערן געטאָ, קריכט ניט אַרום! עס האָט זיך אײַך דאָ צו פרײַ געלעבט. איצטער וועלן מיר קריגן שטעכיקן דראָט, מען וועט אונז פאַרצוימען.

דער עולם האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. אַבי ניט דאָס, אַבי לעבן בלײַבן... און דאַן איז מיטאַמאָל אויפגעשווומען אין זײַן גאַנצער גרויליקייט:

— מען וועט אונז פאַרצוימען, ווי בהמות, ווי חיות, ווי וועט מען לעבן? דאָ זײַנען דאָך פאַראַן אַזוי פיל פרעמדע אידן, מען דאַרף דאָך עסן?

✶

2 טעג האָבן זיך די אידן געקליבן אין נייעם אָרט אַרײַן. מען האָט אונז אָפּגעגעבן איין זײַט פון איין גאַס און אַ צווייטן זײַט פון אַ צווייטער גאַס, און דעם גאַנצן פּלאַץ מיט די שפּייכלערס און שטאַלן צווישן די ביידע גאַסן. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ גלײַכער ווונדער פּלאַץ, ווי אַ טיש. שטייענדיק אויסערן געטאָ, זעט מען אים ווי אויף דער האַנט, מיט זײַנע פּאָר צענדליק כאַטקעס אין אַזוי פיל שטאַלן. דעם פּלאַץ האָט מען אָנגעהויבן אַרומצאַמען מיט שטעכיקן דראָט. און געמאַכט האָבן עס די לאַגער־אידן, אונטערן אויפזיכט פון אינזשיניערס אָנגעשטעלטע. דוואָרעץ איז געוואָרן אַ לאַגער מיט לײַטן גלײַך.

ערשטע פּרוּוון

דערווײַלע האָבן אונז אָנגעהויבן דערגרייכן פאַרשיידענע קלאַנגען. אַ שחיטה אין לידע, אַ שחיטה אין נאָוואָגרודעק, אַ שחיטה אין סלאָנים... עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער האַרבקייט און נאַקעטקייט די פראַגע: וואָס וועט זײַן? וווּהין גייען מיר? דאַרפן מיר דען אַזוי פּאַסיוו זיצן אין לאַגער און וואַרטן אויף משיחן?

עס האָבן דערגרייכט אומקלאָרע קלאַנגען פון די שלאַכטפעלדער: מען זאָגט, אַז דער דײַטשער פאָרויסמאַרש האָט זיך אָפּגעשטעלט, עס סטאַביליזירט זיך אַ פראָנט.

אין די צוזאַמענטרעפן פון די יוגנטלעכע האָט זיך עפּעס אַרויסגעריסן. מען האָט זיך אָנגעהויבן צו סוד׳ען. מען דאַרף אַוועקגיין, דאָ איז אַן אונטערגאַנג. נאָר דער גרעסערער טייל איז געבליבן פּאַסיוו, אינערטיש. מען האָט עפּעס געוואַרט אויף אַן ענדערונג, אויף אַ נס, וואָס דאַרף קומען פון זיך אַליין, ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

און די שולד אין דער אינדעפערענטקייט, פּאַסיוויטעט האָט געהאַט דער יודן־ראַט, די לאַגער־טאַטעס, וועלכע זײַנען באַשטאַנען דאָס רוב פון רבנים און קליינשטעטלדיקן פּלוטאָקראַטיש־ קלעריקאַלן עלעמענט.

— מען דאַרף ציען, כל זמן מען קען, מען דאַרף דעם דײַטש ניט רייצן, נאָכגעבן אַלץ, וואָס ער וויל, וועלן מיר איבערלעבן. מען דאַרף נאָר געווינען צײַט, וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן.

אָבער וויאַזוי די אויסלייזונג וועט אויסזען אין דער רעאַליטעט, האָט זיך קיינער פון די 7 לאַגער־חרטומים קאָנקרעט ניט פאָרגעשטעלט. דערווײַלע האָט מען די מער ענערגישע, איניציאַטיוופולע יוגנט אָפּגעשלאָגן די פליגל.

ניין, עס איז ניט געווען אין דעם קיין ביזוויליקייט, נאָר שרעקלעכע קליינקעפּלדיקייט, די אוממעגלעכקייט אָפּצושאַצן ריכטיק די געשעענישן און ציען דערפון די געהעריקע מסקנות.

אין דער צײַט, ווען אַ טייל פון דער לאַגער־יוגנט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידענע געוואַגטע פּלענער, האָבן די „טאַטעס" פון לאַגער אַרומגעטאַנצט אַרום אינזשיניער, נאָכגעבנדיק אַלע זײַנע קאַפּריזן.

דערווײַל האָט זיך אין לאַגער אַרײַנגעכאַפּט דער פלעקטיפוס, ער איז געהאַנגען איבערן לאַגער, ווי אַ דאַמאָקלעסשווערד. מען האָט געוווּסט אַז פאַר אַ ישוב, ווו עס האָט זיך אַרײַנגעקליבן דער פלעק־טיפוס, ווערט דער טויט־אורטייל ניט אָפּגעלייגט. עס איז אַנטשטאַנען די געפאַר פון אַ באַלדיקער ליקווידאַציע פון דוואָרעץ. די פראַגע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום אין נאָוואָגרודקער געביטסקאָמיסאַריאַט.

דער אינזשיניער איז אָבער ניט געווען פֿאַראינטערעסירט אין אַ באַלדיקער ליקווידאַציע פֿון לאַגער, וועלכער איז פֿאַר אים געווען אַ גאָלד־גרוב. ער האָט געשיקט רופֿן צו זיך די לאַגער־„טאַטעס״, ביירעכן און נאָוויקן, און געהייסן זיי איינאָרדענען אין לאַגער אַן איזאָלאַטאָר פֿאַר טיפֿוס־קראַנקע, כדי צו ליקווידירן די עפּידעמיע. מען האָט אָפּגעליידיקט אין עק לאַגער, ביים צוים, אַ כאַטע און אָנגעהויבן מאָביליזירן דעם נויטיקן פּערסאָנאַל.

און דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסטערלישע דערשיינונג. אַ פֿאָלק פֿון „אָפּטימיסטן״, די אידן, אַז מען קען פֿון זיי ניט אויסהאַלטן. מען האָט געדאַרפֿט האָבן ס״ה 3 שוועסטער און 3 סאַניטאַרקעס. אָבער די פֿרויען האָבן זיך קאַטעגאָריש אַנטזאָגט צו גיין אַרבעטן אין שפּיטאָל. די שרעק פֿאַרן טיפֿוס איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט פֿאַרגעסן אַן דער דייטשער געפֿאַר. ענדלעך, נאָך פֿיל דינגענישן און דראָונגען, איז דער פּערסאָנאַל געשאַפֿן געוואָרן. דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען פֿרעמדע אַרבעטער, פֿון דוואָרעץ איז ניט געגאַנגען קיין איינע.

דאָס שטיבל, אין וועלכן עס איז געוואָרן איינלאָקירט דער שפּיטאָל, איז באַשטאַנען פֿון 2 טיילן, וועלכע עס האָט געטיילט אַ פּירהויז. עס איז געבויט געווען לויטן שאַבלאָן פֿון אַלע ווייסרוסישע קליינשטעטלדיקע הייזלעך. עס באַשטייט פֿון 2 העלפֿטן, אין איין העלפֿט וווינט דער בעל־הבית מיט זיין געזינטל, אין דער צווייטער העלפֿט — די בהמה מיט איר געזינטל. דאָס בהמה׳ישע געזינטל קען זיך מטריח זיין צו גיין דורך דעם זעלבן פּירהויז, וואָס זייער בעל־הבית. אינזער שפּיטאָל איז געווען עטוואָס מאָדערניזירט. אין דער צווייטער העלפֿט איז ניט געווען קיין שטאַל, נאָר איין גרויסער צימער מיט אַ רוסישן באַק־אויוון. דאָ האָט מען איינגעקוואַרטירט דעם פּערסאָנאַל: 3 שוועסטער, 3 סאַניטאַרקעס און 2 סאַניטאַרן.

אין דער ערשטער העלפֿט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 3 צימערן מיט אַ קיך, זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן צוויי קראַנקן־פּאַלאַטעס פֿאַר מענער און פֿרויען, אַ דיזשורקע אין די קיך פֿאַר די קראַנקע.

אָט דעם שפּיטאָל איז באַשערט געווען צו דערפֿילן אין לאַגער נאָך עפּעס אַ פֿונקציע, ווי נאָר היילן טיפֿוס־קראַנקע.

✶

עס איז געווען נאָך גאַנץ פֿינצטער, ווען איך האָב דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין פֿענסטער. כ׳האָב מיר געגעבן אַ כאַפּ אויף פֿון מיין האַלב־דרעמלען. דער קירניק האָט געוואָרפֿן אַ שוואַכן פֿאַררויכערטן שיין איבערן צימער. דער זייגער איבער דער צעראַטענער קושעטקע האָט געוויזן דריי־פֿערטל פֿינף.

ווער קען עס זיין אַזוי פֿרי?

ווידער אַ קלאַפּ אין שויב, דאָס מאָל שטאַרקער. כ׳דריק די באַק צו דער שויב און פּרוביר דורכלעכערן מיט די אויגן די פֿינצטערניש.

איך דערקען די שטימע פֿון לאַגער־אַפּטייקערס זון, באַריאַ:

— סאָניאַ, קומט אַרויס אַ ווײַלע, כ׳האָב אייך וואָס וויכטיקעס צו זאָגן.

— באַלד, וואַרט אַ ווײַלע.

איך גיי אַריין אין די „פּאַלאַטעס״. דאָ איז גאַנץ שטיל, די קראַנקע שלאָפֿן. נאָר די שטילקייט פֿון מענער־פּאַלאַטע ווערט פֿון צייט צו צייט איבערגעריסן דורך אַ שווערן כאָרכלענדיקן אָטעם, וואָס פֿלעגט זיך פֿאַרענדיקן מיט אַ פֿייף פֿון אַ יונגן בחור ביי דער וואַנט, לעבן אויוון. ער האָט צום טיפֿוס נאָך אַ לונגען־אָנצינדונג. לעבן אים זיצט אויף אַ טאַבורעטקע, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אויוון, די סאַניטאַרקע און דרעמלט.

כ׳האָב מיך שטיל אַרויסגעשלייכט פֿון די פּאַלאַטעס, געעפֿנט פֿאָרזיכטיק די טיר, זי זאָל ניט סקריפּען, און אַרויס אין פּירהויז.

עס איז געווען אַן עכטע ווינטער־נאַכט, מיט אויסגעבלייכטע אַנטקעגן מאָרגן שטערנס, מיט פֿראָסטיק־קנאַקענדיקן שניי אונטער די פֿיס.

באָריאַ איז געזעסן אויפֿן באַנק אונטערן פֿענסטער, דער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן ביידע הענט. פֿון זיינע פֿיס האָט זיך געצויגן איבערן בלאַנקן שניי אַ טונקל־בלויער שאָטן.

ער האָט לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ:

— אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך האָב אייך געשטערט, נאָר עס איז זייער וויכטיק.

כ׳האָב מיך צוגעזעצט אויפֿן באַנק, גרייט צו הערן. דער פֿראָסט האָט זיך אָבער אַריינגעגנבעט אונטער מיין כאַלאַט און ס׳האָט מיך אָנגעהויבן צו שוידערן.

באָריאַ האָט עס באַמערקט.

— אפֿשר קענען מיר אַריינגיין צו אייך?

כ׳האָב מיך איבערלייגט: ניין. צוליב פֿאַרשיידענע טעמים. ביי אונז איז טיפֿוס, און דער עיקר, עס קען הערן אַמאָל עמיצער ווער עס דאַרף ניט.

— זאָלן מיר ריידן גייענדיק.

מיר זיינען געגאַנגען לענגאויס דעם צוים. דער לאַגער־פּלאַץ, ווייס פֿאַרשנייט מיט די שאָטנס פֿון זיינע כאַטקעס, איז געלעגן פֿאַר אונז ווי אַ ווייסע שוואַרץ־באַפֿלעקטע טיך. ס׳איז געווען גאַנץ שטיל. מען האָט ניט געזען קיין לעבעדיקן נפֿש.

— מיר האָבן שוין בלאַנקען פֿון דער דייטשער קאָמענדאַנטור. דאָ האָט איר דערווײַלע זעקס. אָט איז אַ מוסטער, אַזוי דאַרף מען עס אויספֿילן. דעם שטאַמפּ וועלן מיר אַרויפֿלייגן שפּעטער, דאָס וועט מאַכן קאָזיק.

כ׳האָב מיט ציטערנדיקע הענט גענומען ביי באָריען דעם קליינעם פּעקל. כ׳האָב אים אָנגעקוקט, דעם 20־יעריקן בחורל, זיין קליינע, מאָגערע געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ גרינלעכער בורקע, דאָס אינגלשע פּנים, ביי וועלכן דער לאַגער האָט נאָך ניט באַוויזן אָפּצווישן די ראָזקייט פֿון די באַקן און די אידישע אויגן, אין וועלכע עס איז שוין געלעגן אַ ים פֿון צער און ליידן, און גלייכצייטיק אַזויפֿיל מוט און אַנטשלאָסנקייט.

באָריאַ האָט געגלויבט...

ער איז געווען זיכער, אַז די דייטשע דאָקומענטן וועלן דערמעגלעכן אונז, אַ גרופּע חברים, וואָס האָבן ניט געוואָלט משלים זיין מיטן זיצן אין לאַגער, צוזאַמען מיט 6 „וואָסטאָטשניקעס״ (ד. ה. ווייסרוסן פֿון דער מזרחדיקער סאָוועטישער ווייסרוסלאַנד), זיך לאָזן אין וועג אַריין צום פֿראָנט צו. דאָרטן וועלן מיר פּרובירן זיך אַריבערכאַפּן אויף דער סאָווע־

טישער זייט. קאַזיק, איינער פון די 6 „וואָסטאָטשניקעס“, האָט געזאָלט אַרויסבאַקומען דעם נויטיקן שטעמפל.

עס איז געווען אַ משונהדיקער פּלאַן. אַ פּראָדוקט פון פולשטענדיקער דעזאָריענטאַציע צוליבן זיצן פאַרשפּאַרט הינטער די דראָטן, אָן אַ קאָנטאַקט מיט דער וועלט. מיר האָבן ניט געוווּסט פון מאָסקווע, פון לענינגראַד, מיר האָבן גאָרניט געוווּסט.

די פויערשע באַפּעלקערונג פון דוואָרעץ האָט נאָך פאַר דער מלחמה אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע אַנטיפּאַטיע צו ציי־טונגען. מען האָט זיי געשפּייזט מיט ברעקלעך פון ידיעות, פון קלאַנגען, וועלכע מען פלעגט אויפנעמען אין וואָלאָסט, פון גלח׳ס דרשה, פון אידישע שכנים, וואָס פלעגן אַמאָל לעזן אַ צייטונג, ידיעות, וועלכע פלעגן אַרומגיין איבער די שטעטלשע מערק.

איצטער זיינען קיין צייטונגען ניט געווען, ניט אין פּויליש, ניט אין ווייסרוסיש. די דייטשע צייטונגען זיינען דער באַפעלקערונג געווען ניט צוטריטלעך. דער עולם האָט געטאַפּט אין דער פינצטער, און מיר, אידן פון לאַגער, אין אַ דאָפּלטער פינצטערניש.

עס איז שוין געווען טאָג, ווען איך האָב געענדיקט אויספילן די בלאַנקן, וואָס באָריאַ האָט געבראַכט. די סאַניטאַרקע דורכגייענדיק האָט פּרובירט עטלעכע מאָל וואַרפן אַ בליק איבער מיין פּלייצע. איך האָב מיך באַמיט דאָס צו פאַרהילן פון איר. איך האָב מיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ באַוווּסטזיניקער „משוגענער“, און איך האָב ניט געוואָלט אַנדערע מענטשן אַריינציען אין דעם אומגליק, וועלכער, איך האָב געגלויבט, קען פון דעם אַרויסקומען.

— מיר ווילן זיין די ערשטע, מיר ווילן אויסטרעטן דעם וועג. אויב ער וועט פירן צום ציל, וועלן דאַן קומען אַנדערע, — האָב איך מיר געטראַכט. נאָר דאַכט זיך, עס איז געווען שנעלער אַ זעלבסטאָפּנאַרעריי, מיט וועלכער איך האָב פּרובירט באַרויקן מיין געוויסן, וואָס האָט מיר אָנגעהויבן צו נאָגן.

— דו זוכסט זיך אַליין צו ראַטעווען!

*

אין אַ וואָך אַרום איז געקומען באָריאַ אַ טויט־בלאַסער:

— קאַזיקן און די איבעריקע 5 וואָסטאָטשניקעס“ האָט היינט צוגענומען די געסטאַפּאָ.

די קני האָבן ביי מיר עטוואָס אַ ציטער געטאָן:

— האָבן זיי אונז אַרויסגעגעבן?

נאָר עס איז געווען ניט קלאָר: האָט מען זיי צוגענומען אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער ענין, אָדער עס איז געווען אַן אַנדער סיבה.

ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע אַקציע. די דייטשן האָבן צוגענומען און אויסגעשאָכטן אַלע וואָסטאָטשניקעס, אַחוץ די, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון געשטאַפּאָ.

די האָפענונגען זיינען צערינען, און אין קאָפּ האָט ווידער אָנגעהויבן עקבערן דער „וואָס טוט מען?“

דער לאַגער קריגט זיין ריכטיקן פּרצוף

עס האָבן אַלץ עפטער און עפטער אָנגעהויבן אָנצוקומען ידיעות פון פולשטענדיקע און דרייפערטלדיקע שחיטות פון ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך. די מגפה איז געגאַנגען פון איין אידישן ישוב צום אַנדערן, איינע שרעקלעכער פאַר דער צווייטער. ערשט האָראָדישטש, דאַן טורעץ, קאָזלאָווטשטשינע. אָנפאַנג 1942 האָבן די שטעטלעך פאַר אידן שוין ניט עקזיסטירט.

פּליטים פון טורעץ האָבן דערציילט, אַז די מערדער האָבן זיך אַריינגעריסן אין שטעטל שבת. מען האָט געהייסן די בחורים און מיידלעך זיך אָנטאָן אין זייערע יום־טובדיקע בגדים און זיך פאַרזאַמלען אויפן פּלאַץ. דאַן האָט מען זיי, אויסגעפּוצטע אין זייערע שענסטע בגדים, אַריינגעטריבן אין איינינקע שייערס און פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

און דערווייליע איז געוואָרן פרילינג אויפן גאַס. די ערד אונטער די פיס האָט אָנגעהויבן צו ווערן ווייכער. די פיס, וואָס זיינען מיד געווען פון שלעפּן אַ טאָג שטיינער, וואָס זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון אינזשיניערס קעסט, האָבן אָנגעהויבן אַלץ טיפער זינקען אין ליימיקן, בלאָטיקן באָדן.

פרילינג 1942. די גאַנצע חוצפה פון אַ רויבער־דעראָבערער איז נאָך געלעגן אויפן דייטשן פּנים.

דער אינזשיניער מיט זיין „סעקרעטערין“ פלעגן דורכרייטן דעם געטאָ מיט הויך־פאַרריסענע קעפּ. אידישע קנעכט האָבן געפּוצט און געוואַשן די פעל פון זייערע פערד, געקאָרמעט זיי מיט צוקער און געגעסן מיט די אויגן די ברעקלעך, וואָס פלעגן אַרויספאַלן פון די פערדישע ציין.

מען פלעגט דעם גאַנצן טאָג שלעפּן די שטיינער צו די וואַגאָנעס. וואָס מער שטיינער אָנלאָדן, ווייזן דעם דייטש, אַז מען טוט אויף אַ פעולה, אַז מען איז נוציק.

און וואַגאָנען זיינען אָנגעקומען איינס נאָכן אַנדערן און אָפּגעפירט די אָנגעלאָדענע שטיינער.

דער יודען־ראַט האָט געיאָגט, געמאָנט: אידן, אַרבעט! זעט, אַ שטעטל נאָך אַ שטעטל איז אונטער געגאַנגען, — ביי אונז איז נאָך קיינעם קיין האָר פון קאָפּ ניט געפאַלן. מיר דאַרפן זיך איינהאַלטן נאָך אַביסל, און דאַן וועט זיין גוט. נאָך אַ האַלב יאָר, העכסטנס 10 מאָנאַט.

מען האָט זייער נעפלדיק געוווּסט וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן. אָבער דער רוף ביי די שטיינער, די לויפנדיקע וואַגאָנעס, האָבן געהויבן דעם מוט. עס טוט זיך וואָס אויף די פראָנטן! און צו אונזער גונסטן!

און ווען עס פלעגט אַריינפאַלן אין לאַגער אַ דייטשע צייטונג, וואָס די פּוילישע פאָראַרבעטער פלעגן ברענגען צו די אידן מען זאָל זיי פאַרטייטשן, וואָס דאָרטן שטייט, ווען מען פלעגט לייענען די קריגס־קאָמוניקאַטן, אַז די דייטשן שטייען ביי מאָסקווע, ביי לענינגראַד איינבלאָקירט — פלעגט מען זאָגן: ס׳איז גאָרניט, די דייטשן כאַפּן באַשטימט איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. פּויערים זאָגן, אַז די סאָוועטן האָבן שוין פאַרנומען מינסק, אומעטום זיינען פאַראַן דעסאַנטן א.אַ.וו., א.אַ.וו.

— ס׳טייטש, אָט איז דאָך אַ צייטונג?!

— אַ צייטונג? — ס׳איז דאָך אַ דייטשע צייטונג, וועט זי דען שרייבן דעם אמת?

און אידן האָבן געגלויבט, ווייל מען האָט געוואָלט אַזוי, ווייל גלויבן — איז געווען לעבן.

עס האָבן אָבער אָנגעהויבן אין לאַגער אַריינרייסן זיך אָפּקלאַנגען פון אַן אַנדער וועלט. און עס איז געפאַלן איין

וואָרט: פּאַרטיזאַנער. מיט אַ פרייד און ציטער האָט זיך עס אָפּגערופן אין האַרצן פון דער אַקטיווערער יוגנט.

פּאַרטיזאַנער זיינען דאָ אין די וועלדער, זיי לעבן פריי, האָבן געווער, און דער דייטש ציטערט פאַר זיי.

מען האָט גערעדט צווישן זיך שטיל, מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם, בסודי סודות, און זיך געהיט פאַרן אייגענעם שאָטן. יוגנטלעכע האָבן אָנגעהויבן גיין אין וואַלד נאָך האָלץ, נאָך מאַך, אַפשר? מען האָט זיי אָבער ניט געזען, זיי זיינען געבליבן אַ ספינקס, אַ לעגענדע.

ווי קריגט מען מיט זיי אַ קאָנטאַקט? ווי געפינט מען דעם וועג צו זיי?

און ביינאַכט פלעגט מען זיך שלייכן ביי די צוימען פון שטעכל־דראָט און אַריינקוקן אין דער פינצטערניש. פון איין זייט איז פאַר אונז געשטאַנען, ווי אַ שוואַרצע סודותפולע אומדערגרייכבאַרע וואַנט — דער וואַלד; פון דער אַנדער זייט איז געלעגן דאָס שטעטל מיט זיינע באַלויכטענע פענסטער. און עס האָט זיך געוואָלט צוזאַמענגיסן מיט דער שוואַרצקייט פון וואַלד, אַוועקגיין וואָס ווייטער פון די באַלויכטענע פענסטער.

*

דער פרילינג איז אין יאָר 1942 געקומען מאָדנע פרי. אין אַפּריל האָט שוין געגרינט די לאָנקע, וואָס איז געלעגן אַנטקעגן אונזער שפּיטאָל, ביי די שטעכל־דראָטן.

מיר פלעגן שטיין ביים צוים און צוקוקן ווי פון יענער זייט דראָט, אויף דער לאָנקע, טאַנצן פריי אַרום קעלבלעך און שעפּסן. היינט האָבן מיר מיט די קעלבלעך זיך געביטן מיט די ראָלן!...

עס האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן אין דוואָרעץ איינצלנע פּליטים פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון איוועניעץ, קאָרעליץ, רובּיזשעוויטש, מייטשעט, זשעטל א. אַ. וו. די פּליטים פלעגן זיך אויסמישן צווישן די אַרבעטער־בריגאַדעס, אָדער פלעגן זיך אַריינשלייכן אין לאַגער דורך די דראָטן. דער רעזשים איז ניט געווען צו שטרענג, פאַרגלייכנדיק מיט אַנדערע דייטשע לאַגערן. ווער עס האָט שטאַרק געוואָלט, האָט אַלע מאָל געקענט געפינען אַן עצה און אַרויסגיין פון לאַגער. און אידן האָבן עס אויסגענוצט, ס׳רוב דוואָרעצער אידן. זיי האָבן געהאַט באַקאַנטע מיעשטשאַנעס, פּויערים. מען פלעגט לויפן צו זיי בייטן אַ בגד אויף ברויט, קאַרטאָפל און אַנדערע פּראָדוקטן. עס האָט ניט אויסגעפעלט ביי די דוואָרעצער אידן קיין פוטער, האָניק און אַ הון אויף שבת.

ערגער איז געווען דעם געקומענעם אַרבעטער, וועלכן מען האָט מיט ליידיקע הענט געבראַכט צוטרייבן קיין דוואָרעץ, און נאָך ערגער דעם בעזשענעץ, וואָס האָט שוין פון לאַנג גאָרניט פאַרמאָגט, אויף קיין היים אין אַ נאָענטער שטעטל, פון וועלכער ער האָט געקענט האָפן אויף הילף. דער פלעגט מוזן קומען צום קריסט אַלס בעטלער. אָבער די ווייסרוסן האָבן פיינט בעטלערס, איבערהויפּט נאָך פרעמדע, אומבאַקאַנטע, און דערצו נאָך אידן.

און אויך דער אידן־ראַט האָט פיינט געהאַט די „בעטלעריי”. און נאָך מער די אידישע לאַגער־פּאָליציי. און ווען דעם אינזשיניערס מענטשן קאָבן געכאַפּט אויסערן געטאָ עטלעכע אַזעלכע בעטלערס, און די אידישע פּאָליציסטן האָבן גע־

כאַפּט שמיץ פאַרן שלעכט היטן, אַז די אידן זאָלן ניט אַרויס פון לאַגער. איז די לאַגע פון דער אָרימקייט געוואָרן נאָך שווערער.

— מיר ווילן עסן, ביירעַך — האָבן געטענה׳ט די צעשלאָגענע ביז בלוט „בעטלער”.

— איר לעבט דאַך אָבער, און אַנדערע זיינען טויט, — פלעגט ענטפערן אָנשטאָט ביירעַכן נאָוויק. און זיין שטים פלעגט קלינגען, ווי האַרטער מעטאַל.

נאָוויק איז געווען אַ איד אַ תקיף, פון די שטעטלשע גבירים. ער האָט געהאַט אַ שווערע האַנט און מען האָט פאַר אים מורא געהאַט. מען דערציילט, אַז ניט איין גוי האָט געפילט זיין האַנט און האָט פאַרזאָגט אַ צענטן צו פאַרטשעפּן נאָוויקן.

ביירעַך פלעגט אין אַזעלכע טעג פאַרלירן דעם לשון. ווען ער פלעגט ניט האָבן קיין ברויט צו געבן די הונגעריקע, פלעגט ער גנבענען פון זיין ווייב. ער האָט געלעבט ערגער פון אַלע ראַטמענער. זיין צימער איז שטענדיק געווען אַן אכסניה פאַר אַלע, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ און קיין ביסן ברויט. זיין ווייב, די שטילע פרוי ביירעַך, איז געווען אַ פרוי אַ טויב. זי פלעגט אָפט זיין געצוווּנגען צו זוכן ביי שכנים אָדער באַקאַנטע אַ שטיקל ברויט, כדי צו באַרואיקן איר יעריקן אינגעלע, וואָס פלעגט פאַרגיין אין געוויין:

— מאַמע, מאַמע, עסן!...

ביירעַך איז ניט געווען קיין דוואָרעצער. ער האָט געשטאַמט פון לאָדזש. „אין די גוטע יאָרן” — ווי ער פלעגט עס אַליין דערציילן, איז ער געווען אַ קאָמיוואָיאַזשאָר און האָט אַמאָל מיט זיין פּעקל סחורה פאַרבלאָנדזשעט קיין דוואָרעץ. דאָ האָט ער דערזען זיין איצטיקע פרוי, אַן אלמנה, זיך פאַרליבט, חתונה געהאַט און פאַרבליבן אין שטעטל.

ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען דוואָרעץ, האָט זיך ביירעַך גלייך געשטעלט צום דינסט פון כלל. ער איז געוואָרן פּרעזעס פון אידן־ראַט, ער האָט געקענט דייטש. מען האָט אים געליבט צוליב זיין גוטסקייט און אומאייגננוציקייט.

און ניט איין מאָל האָט ער געקראָגן קלעפּ, ניט איין דייטשע נאַהייקע האָט געטאַנצט איבער זיינע פּלייצעס, ניט איין דייטשער שטיוול האָט אים געקאָפּעט אין פּנים אַריין, ווען ער האָט פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון זיינע אידן.

געטראָגן האָט ער אַ לאַנגן טונקל־גרויען מאַנטל, וואָס איז געהאַנגען אויף אים ווי אויף אַ ווּעשאַלקע, און אָנקוקן פלעגט ער דיך דורך אַ פּאָר ברילן, וואָס האָבן זיך שטענדיק ווי געוואַקלט איבער זיין רויטן נאָז (ביירעַך האָט לעצטנס אָנגעהויבן שטאַרק צו טרינקען). איין גלעזל אין זיינע ברילן איז געווען צעבראָכן. ווען מען פלעגט אים דערפון פרעגן, פלעגט ער מיט אַ טרויעריקן שמייכל דערציילן:

— „אין די ערשטע וואָכן ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען דוואָרעץ, האָבן זיי אַרומגעגעסן ביי דער באַפעלקערונג די קעפּ. עס איז דאָ געבליבן שטיין אַ טייל, וואָס איז געגאַנגען צום פראָנט. דער אָפיציר האָט מיך געשיקט רופן און געפאָדערט, איך זאָל אים אין משך פון 15 מינוט צושטעלן 10 הינער. ווו זאָל איך אים נעמען? אַז קיין הינער האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט ניט נאָר די אידן, נאָר אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג. אַלץ איז פאַרשוווּנדן אין די דייטשע מאַגנס. האָב איך אים געענטפערט:

— „מיין הער, אין משך פון 15 מינוט קען איך אייך אָנשטאָט 10 הינער צושטעלן נאָר 10 אידן.

„ווי ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקן, האָט ער אים גלייך אַראָפּגעלאָזן איבער מיין פּנים. אַזוי זיינען צעבראָכן געוואָרן ביי מיר די ברילן".

און ביירעך שמייכלט שוין ווידער מיט זיין טרויעריקן שמייכל, ווי עס וואָלט דאַן טאַקע מער ניט ווי אַ גלעזל אין די ברילן געוואָרן צעבראָכן...

— ביירעך, איר זייט דאָך עפּעס אַ פּרעזעס פון אידן־ראַט. וואָס וועט זיין? עס קומען דאָך אָן אַזעלכע שרעקלעכע ידיעות פון אַלע שטעטלעך, מען דאַרף דאָך עפּעס אָנהויבן טאָן.

— אויף מיין נאמנות, ביי אונז וועט גאָרניט געשען. אידן פאָלגן ניט דעם אינזשיניער, מען גייט אויסערן געטאָ, מען כאַפּט אונטערהאַנדלען. האָט מען דען וועמען ביי אונז געשאָסן?

און ביירעך פאַרטרויט מיר אַ „סוד", אַז ער פאָרט די טעג אין די אַרומיקע שטעטלעך ברענגען נאָך אידישע אַרבעטער, גאַנצע 3 טויזנט. די 3 טויזנט אידן וועלן אויך ווערן אָפּגעראַטעוועט פון טויט, צוזאַמען מיט די דוואָרעצער. אָבער ביירעך איז ניט געפאָרן, ניט געפאָרן איז אויך נאָוויק. דער עולם האָט געטראַכט: פאַרוואָס?

✶

נאָך עקשנות'דיקער האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז אַלע אידן פון אַלע שטעטלעך, אָנהויבנדיק פון דער נאַליבאָקער פּושטשע ביז סלאָנים, וועט מען ברענגען קיין דוואָרעץ. די אידן וועט ראַטעווען דוואָרעץ, און דוואָרעץ וועט געראַטעוועט ווערן דורכן אינזשיניער.

מען האָט געוואַרט אַ וואָך און צוויי, אָבער די אידן זיינען ניט געקומען.

נאָך דריי טויזנט

עס איז געווען דער 4־טער מאַי. די אַרבעטער האָבן זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון די שטיינער. דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל איז געשטאַנען לעבן טיר פון שפּיטאָל און האָט געלערנט גיין די רעקאָנוואַלעסצענטן, וואָס האָבן געמאַכט די ערשטע טריט נאָכן אויפשטיין פון טיפוס.

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. פאַר אונז איז געלעגן דער זאַמדיקער וועג, מיט וועלכן די אַרבעטער פלעגן קומען צום טויער. אונזערע אויגן האָט מיטאַמאָל צוגעצויגן עפּעס אַ מחנה מענטשן, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם באַוועגט מיטן ברעג פון וואַלד אין דער ריכטונג צו אונז. עס איז געווען אַ זייער לאַנגע קאָלאָנע. מיר האָבן ניט געזען איר סוף.

וואָס מער די קאָלאָנע האָט זיך דערנענטערט, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן איר פּרצוף. עס האָט אַ הויך געטאָן אויף אונז מיט עפּעס אומהיימלעכער, שרעקלעכעס.

דאָס זיינען געגאַנגען מענטשן מיט פּעקלעך, שטעקנס אין די הענט. עס זיינען געגאַנגען פרויען, מענער און אויך קינדער.

מען איז געגאַנגען און געפאַלן. די קאָלאָנע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַן עסקאָרטע באַוואָפנטע מענער. די ערשטע רייען האָבן זיך אַריינגעוואָרפן דורכן טויער און זיינען געבליבן ליגן אויף דער ערד. איבער זיי זיינען אַריבער די ווייטערדיקע גרויע פיגורן מיט שוואַרצע פּנימער, וואָס האָבן קוים געשלעפּט די בלייענע פיס. געגאַנגען, געהינקען, געשלייכט זיך און געפאַלן.

אין איין ריי האָבן מיר דערזען אַן אַלטיטשקע... עס איז געווען די איינציקע אַלטיטשקע אין דער גאַנצער קאָלאָנע. און אפשר האָט זי נאָר אויסגעזען אַזוי אַלט?...

זי איז געגאַנגען אין ריי צווישן 2 מיידלעך, וואָס האָבן זי געפירט אונטער די אָרעמס. זי האָט קוים באַוויזן דורכגיין דעם טויער און איז אַנידערגעפאַלן. איין מיידל האָט זיך אַוועקגעזעצט און די צווייטע האָט מיט אַ געשריי אָנגעהויבן לויפן צום שפּיטאָל:

— וואַסער, וואַסער! אפשר האָט איר וואַסער?

און גלייך איז דער גאַנצער פּלאַץ פאַרן שפּיטאָל פאַרהילכט געוואָרן פון איין געשריי:

— וואַסער! גיט וואַסער!...

אידן זיינען געלעגן אויף דער ערד מיט פּנימער איינגעגראָבן אין זאַמד, אין גראָז. זיי האָבן ניט געקענט טרינקען דעם דערלאַנגטן וואַסער. עס האָט גערונען פון זייערע מיילער צוריק איבער די הענט, איבער די פאַרשטויבטע בגדים. אינגלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַלטע לייט, האָבן אַראָפּגעלעקט דעם וואַסער פון זייערע מלבושים, פון גראָז, אויף וועלכן עס האָט זיך פאַרגאָסן.

— מען האָט אונז געיאָגט, געטריבן מיט נאַהייקעס, מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. זיי האָבן געריטן אויף פערד און מיר האָבן זיי געמוזט נאָכלויפן. הונדערט און צוואַנציק קילאָמעטער נאָכגעלאָפן נאָך זייערע פערד. ווער ס'האָט ניט געקענט, איז שוין געבליבן אויף אייביק אונטערוועגס. אונזערע רבנים געשאָסן — זיי האָבן ניט נאָכגעהאַלטן...

דאָס זיינען געווען אידן פון נאַליבאָק, רובזשעוויטש, איווענעץ, קאַרעליטש, נאָוואָגרודעק א. אַנד. אידן פון אַ פאָר צענדליק שטעטלעך, אידן פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן זיך אַמאָל געראַטעוועט אין פּוילן, אידן פון פאַרשיידענע פּוילישע שטעט, וואָס האָבן פון 1939 געוווינט אין מערב־ווייסרוסלאַנד. אַלע זיינען זיי איצטער געלעגן אויף דער ערד צעשלאָגענע, מיט פאַרווונדעטע פיס.

— דאָס זיינען אַלע אידן פון אייערע שטעטלעך?

— ניין, דאָס זיינען נאָר געקומען די יונגע, די אַרבעטספּעאיקע, מערסטנס בחורים און מיידלעך. די עלטערע און קינדער זיינען געבליבן.

מיר קוקן אַריין אין די פּנימער פון די בחורים און מיידלעך. אַלטע לייט! ניט קיין 25—20 יעריקע, נאָר מינדעסטנס 45—40 יעריקע.

מיר פּרובירן דערגיין, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. אימעטום איז געווען דאָס זעלבע. מען האָט מיטאַמאָל געמאָלדן אין געטאָ, אַז אין משך פון אַ האַלבער שעה זאָלן אַלע אידן זיין אויפן פּלאַץ און אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט מען אַרויסגעמאַרשירט. ווי מען איז געקומען אויפן פּלאַץ, אַזוי איז מען אַוועק, ווער עס האָט מיטגענומען אַ קליין פּעקל, ווער מיט ליידיקע הענט. קינדער, וואָס האָבן געקענט גיין, זיינען מיטגעגאַנגען מיט די עלטערן.

מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איווענעץ, דאָרטן איז פאַר זיי דערשינען דער געביטס־קאָמיסאַר, האָט אָנגעקוקט די

אויסגעמאַטערטע קינדערלעך, וואָס זיינען הונגעריקערהייט גע־לאָפן איבער 60 ק"מ, און האָט זיך אָפּגערופן צי די ס. ד. לייט:

— האָבן די קינדער געקראָגן מילך? גלייך זאָל ווערן געבראַכט מילך.

אַ פּאָר פּאָליציאַנטן האָבן געבראַכט אייניקע עמערס מילך און אַלע קינדער האָבן געטרונקען.

די עלטערן האָבן געקוקט און געשטוינט. דאַן האָט מען אַריינגעפירט די קינדער אין איינגעריכטעטע צימערן מיט בעטלעך און געהייסן זיי דאָרטן איבערלאָזן. זיי, די עלטערע, גייען אויף אַרבעט קיין דוואָרעץ, — האָט דערקלערט דער דייטש, — מוזן זיי גיין שנעלער. די קינדער וועלן ניט דאַר־גיין, זיי וועט מען אין אַ טאָג אַרום ברענגען קיין דוואָרעץ מיט אויטאָס.

— איך האָב מיין קינד ניט איבערגעלאָזט — זאָגט אַ פרוי און דריקט איר 3־יעריקן זונעלע צום האַרצן.

דאָס קינד גייט פון האַנט צו האַנט. עס איז דער העלד פון טאָג. די מאַמע האָט אים געבראַכט צוטראָגן אין אַ ציכל פון אַ קישן, ווי אַ פּעקל אויף דער פּלייצע. אונטערוועגס האָט אַ פּאָליציאַנט, וועלנדיק זי אונטערזוכן, אַ ריס געגעבן פון איר „דאָס פּעקל" און עס אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד. דאָס 3־יעריקע עופה'לע האָט פון זיך ניט אַרויסגעלאָזט קיין איין קלאַנג. די מאַמע האָט אים איצט אַרויסגענומען אַ פאַרחלשטן, בלוטיק־צעביילטן.

און נאָך אַ קינד, פון אַ יאָר 7, האָט געבראָכן דעם באַפעל פון זיין מאַיעסטעט דעם געביטס־קאָמיסאַר. זיין מוטער האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצורייסן אַ ברעט, מיט וועלכער עס איז געווען פאַרהאַקט אַ פענסטער אין די צימערן, ווו מען האָט איינלאָקירט די קינדער, און אים אַרויסגנבענען דורכן פענסטער. עס איז געווען דער צווייטער פון 800 פאַרבליבענע קינדער, און די מאַמע האָט אים מיט שטאָלץ געגלעט איבער זיין גרויען, פון וועג פאַרשטויבטן קעפּל...

— אויפשטיין!

דער רוף האָט אַ דונער געגעבן איבער די ליגנדיקע און האָט זיי צעוויגט, ווי אַ שטורם דעם אויבערפלאַך פון אַ גלאַטן וואַסער. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. די וועלכע זיינען געלעגן, האָבן זיך איצטער ניט געקענט אויפהויבן. מען איז געקראָכן אויף אַלע פיר, מען האָט זיך אונטערגעשפּאַרט מיט די הענט, איינער האָט געשלעפּט דעם אַנדערן. דריי טויזנט אידן האָבן זיך געראַנגלט מיט זייערע אייגענע פיס, וועלכע האָבן ניט געקאָנט זיך שטעלן.

און דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די פּראָצעדור פון אויסשטעלן זיך אין רייען, פאַרטיילן אין בריגאַדעס — און דער אַלטער באַקאַנטער נוסח:

— „איר זייט געקומען, כדי צו אַרבעטן, צו דערלאַנגען וואָס מער שטיינער צו די וואַגאָנעס. ווען ניט, דאַרפן מיר אייך ניט האָבן".

אויך די אידן האָבן געדאַרפט שלעפּן שטיינער, אויך זיי האָבן געדאַרפט מאָרגן פרי זיך שטעלן אויפן פּלאַץ אויס־געמאַטערטע, פאַרווונדעטע פון וועג.

אָבער זיי זיינען דאָך געווען לעבעדיקע מענטשן, ניט קיין שטיינער, זיי האָבן געדאַרפט האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, זיי האָבן געוואָלט עסן.

צו וואָס אַ דאַך? עס איז דאָך פרילינג אין דוואָרעץ, מען קען שלאָפן אונטערן „שיינעם" דוואָרעצער הימל.

און עסן? צי דען לאָזט זיי ניט דער אינזשעניער עסן? ער גיט דאָך יעדן אַרבעטער 120 גראַם ברויט אַ טאָג, 300 גראַם צעפוילטע בולבעס! דאַנק גאָט, אידן, אַז איר זייט אַריינגע־פאַלן אין דוואָרעץ, אונטער דער שוץ פון אינזשעניער!...

*

און אַזוי איז עס געגאַנגען...

יעדן אינדערפרי, 6 אַ זייגער, פלעגן זיך פאַרבייציען פאַר דעם לאַגער־שפּיטאָל דורכן טויער לאַנגע קאָלאָנעס פון לע־בעדיקע שטיינער. מען האָט שווער געשלעפּט די פיס, אויף וועלכע עס האָבן זיך געוואַקלט די אויסגעדאַרטע, איינגע־וויקלטע אין שמאַטעס קערפּערס.

דער אַעראָדראָם האָט זיך שנעל אויסגעליידיקט. די קופּעס שטיינער האָבן אַריבערגעוואַנדערט צו דער באַן־ליניע און פון דאָרטן אָפּגעוואָרפן מיט די יעדן טאָג צוגעשטעלטע וואַגאָנעס.

אידן האָבן אָנגעהויבן ווערן נערוועז, מען האָט געציטערט, אַז צוזאַמען מיט די שטיינער פאַרשווינדן זייערע שאַנסן צום לעבן.

נאָוויק האָט באַרויִקט דעם עולם. ער איז געווען אַ איד אַ תקיף. פון זיין שווערער האַנט פלעגט ניט איין יונג זיך אַ וואַקל טאָן. און פּאַטשן פלעגט ער גאַנץ אָפט. מען האָט געמוזט פּאַטשן, — אַזוי האָבן געגלויבט די אידן אין לאַגער. פאַלט אַריין אַ איד צו דער פּאָליציי אין די הענט אויסערן געטאָ — ברענגט מען אים צום אינזשעניער. דער אינזשעניער שיקט רופן נאָוויקן (ביירעך איז שוין אַראָפּ פון גדולה — ער האָט צופיל געטרונקען).

— הלמאי?... ס'טייטש?...

און נאָוויק זשאַלעוועט ניט קיין פּעטש. זאָל דער אינזשע־ניער זען און וויסן, אַז ער, נאָוויק, איז לאָיאַל, ער דערלויבט ניט די אידן אַרויסגיין פון לאַגער. ער פלעגט אַזוי לאַנג פּאַטשן, ביז ער פלעגט מיט זיינע קלעפּ אַרויסשטופּן דעם באַ־שולדיקטן פון אינזשעניערס שטוב אין גאַס אַרויס: אַוועק פון דעם אינזשעניערס אויגן!

דער אינזשעניער פלעגט קוקן און שמייכלען אין די וואָנ־צעס אַריין: ווער וועמען נאַרט אָפּ? און נאָוויק פלעגט זיין זיכער, אַז ער האָט אַ אידן געראַטעוועט פון טויט.

יאָ, ער האָט געוויסט, דער אינזשעניער, ביירעך איז גוט, נאָוויק איז כיטרע, אָבער ער אַליין איז כיטרער פוןביידן צוזאַמען, און האָט פון ביידן געמאַכט אַ געברויך.

דער אינזשעניער האָט געשיקט רופן נאָוויקן און אים גע־מאָלדן:

— דו זעסט, ווי איך זאָרג פאַר דיינע אידן? די שטיינער אויפן אַעראָדראָם האָבן זיך געענדיקט, און איך האָב אַהער דאָך געבראַכט ביי 3 טויזנט אידן, כדי זיי צו ראַטעווען. מען דאַרף אָבער עפּעס טאָן, שאַפן נייע שטיינער.

ער איז דאָך געווען עפּעס אַן אינזשעניער, האָט ער גע־שאַפן אַ פּראָיעקט פאַר „באַרג־אינדוסטריע". עטוואָס רעכטס פון צענטראַלן וועג, וואָס האָט געפירט פון וואַלד קיין דוואָ־רעץ, איז געווען אַ בערגל, אייניקע צענדליק מעטער די הויך. דאָרטן האָט דער אינזשעניער איינגעאָרדנט זיינע גרובן. פון

די גריבער ביז דער באַן־ליניע זיינען דורכגעפירט געוואָרן שמאָלע רעלסן. אין דעם באַרג האָט מען געגראָבן ניט קיין קוילן, ניט קיין אייזן, נאָר שטיינער, געוויינלעכע שטיינער. און די שטיינער זיינען געלאָדן געוואָרן אויף וואַגאָנעטקעס, וועלכע אידן האָבן געשטופּט מיט די דורכגעפירטע רעלסן צום באַן.

די טעג זיינען געלאָפן און דוואָרעץ איז אַלץ מער געוואָרן אַ „בכבודיקער", אַן „ערנסטער" לאַגער, ניט ווי פריער.

יעדן פרי האָבן מאַרשירט דורכן פלאַץ די לאַנגע קאָלאָנעס פון די אַרבעטער, און יעדן אָוונט זיינען פאַר דער טיר פון דער לאַגער־קיך געשטאַנען לאַנגע רייען פון אידן מיט טעפּלעך, בלעכלעך, אָדער קריגלעך אין די הענט. דאָ זיינען געווען אידן פון אַלע קלאַסן פון אַ קליין שטעטל, אָנהויבנדיק מיטן שטעטלשן קאַפּיטאַליסט, דעם מאַנופאַקטורשטשיק אָדער תבואה־הענדלער, און ענדיקנדיק מיט אַ שוסטער־לערן־אינגל. דאָ זיינען געווען גבאים און שמשים, רבנים און עמי־הארצים. דאָ, זיינען אויך געווען אייניקע משפחות פון שטאָטישער אינטעליגענץ, בעזשענצעס פון פוילן, אַ צאָן־דאָקטאָר און אַ יוריסט פון וואַרשע, אַן אַרטיסט פון מינסק.

די ניי־געקומענע האָבן נאָך ניט געזוכט זיך איינצוואָרדענען. מען איז געווען ווי באַרוישט פון די לעצטע געשעענישן. מען האָט זיך נאָך ניט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון פון דעם, וואָס איז מיט זיי געשען. מען האָט ניט גערעדט אַין אַרומגעקראָכן איבערן לאַגער, ווי שווייגנדיקע שאָטנס. נאָר איין און איינציקע ברענענדיקע פראַגע האָט געשטעקט ביי יעדן אין די אויגן:

— עס זיינען שוין אַריבער אַזוי פיל טעג, שוין אַ וואָך, שוין מער... פאַרוואָס ברענגט מען ניט פון איוועניעץ די קינדער?

וואָס עס האָט פּאַסירט אין די שטעטלעך, אין די היימען, פון וועלכע מען האָט זיי אַהער געבראַכט — האָט קיינער ניט געפרעגט. עס איז אַלעמען געווען קלאָר. מען האָט פאַרשטאַנען. שוין ניטאָ קיין טאַטע־מאַמע, קיין קליין קינד, וואָס מען האָט דאָרטן איבערגעלאָזט. אָבער ווו זיינען די 800 קינדער פון איוועניעץ?

אין איין פרימאָרגן איז געקומען פון נאָוואָגרודעק צולויפן אַ בחורל, און דער גאַנצער לאַגער האָט אויפגעציטערט מיט אַ יאָמער. וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן ביי 3000 מאַן מיטאַמאָל.

עס איז ניט געווען ענלעך צו קיין מענטשן־געוויין, מער צו אַ וואָיען פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה. דער יאָמער, האָט זיך געדאַכט, טראָגט זיך ניט פון די שייערן, פון די כאַלופּעס, נאָר פון די טיפענישן פון דער ערד, אויף פיל, פיל קילאָמעטערס.

דאָס געוויין האָט זיך צעטראָגן ווייט איבער די גרענעצן פון לאַגער. עס האָט אויפגעציטערט די אַרישע באַפעלקערונג און עס האָט געשטערט די רו פון זיין מאַיעסטעט דעם אינזשיניער.

ער האָט געשיקט אַ שליח פרעגן, וואָס פאַראַ וואָיען טראָגט זיך עס פון לאַגער.

דער פוילישער פאָראַרבעטער איז אַריין אין יאָמערדיקן שייער, האָט אַ קוק געטאָן אויף די פרויען, וואָס האָבן זיך געקאַטשעט פון וויטאָג אויף דער ערד. אין דער צווייטער סטאָדאָלע איז אויף דער ערד געזעסן אַ פרוי, אירע האָר, לאַנגע, שוואַרצע, דורכגעפלאָכטן מיט זילבער־פעדים, זיינען געווען צעוואָרפן, די בלוזע צעריסן. עס האָט אַרויסגעקוקט דורך איר דער צעקנייטשטער ווי פאַרמעט קערפּער, צעקראַצט, צעריסן. די פרוי האָט געשוויגן, זי האָט זיך נאָר געוויגט הין און צוריק, הין אַין צוריק. און אירע לאַנגע האָר זיינען פון פּלייצע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און מיטגעשלעפּט דעם שטויב, דורכגעמישט מיט שטרוי און פּלאַווינעס.

ווען דער פאָראַרבעטער האָט אַריינגעקוקט אין סטאָדאָלע, האָט זי אויפגעהערט אויף אַ ווײַלע זיך צו וויגן, האָט אַריינגעשטאָכן אין אים אירע גלעזערנע אויגן, פון איר מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ כריפּעדיקער געשריי און איז מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן.

דער שליח האָט זיך אַ וואָרף געגעבן אויף צוריק און איז שווייגנדיק אַוועק.

דער אינזשיניער האָט געשיקט אַ צווייטן שליח זאָגן, אַז אויב מען וועט ניט אויפהערן צו יאָמערן, וועט ער די ווייבער לאָזן אויסשיסן.

נאָר דער געוויין האָט נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט געשטערט די אַרומיקע רו.

די מאַמעס האָבן באַוויינט זייערע פאַרלאָרענע האָפנונג, די 800 קינדערלעך, וואָס מען האָט פון זיי אַרויסגענאַרט און אומגעבראַכט.

— מען האָט אונז אָפּגענאַרט, מען האָט אונז אָפּגענאַרט!

אַזוי ווי מען האָט נאָך געדאַרפט די אידן אָפּנאַרן. אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צום ערשטן מאָל צוזאַמענגעשטויסן מיטן דייטש!...

מען האָט געהאָפט... אידן פון סלאָנים האָבן ניט געגלויבט אַז לידע ווערט אויסגעהרגעט, און געגלויבט, אַז זיי וועלן לעבן, און אידן פון זשעטל האָבן געגלויבט, אַז פאַרניכטעט ווערן קען נאָר קאָזלאָווטשינע, און זיי ווערן איבערלעבן...

מען האָט זיך „געחקרנט", געזוכט די „סיבה" פון שחיטה, דעם „פאַרוואָס", און ניט געוואָלט פאַרשטיין דעם איין און איינציקן „דעריבער, ווייל"...

— צו וואָס האָבן זיי, די רוצחים, געגעבן נאָך מילך אונזערע קינדער? מען האָט דאָך זיי סיי ווי אויסגעקוילעט! — האָבן געוויינט די שכולות, און ניט געקענט באַגרייפן דעם „שכל" דערפון. ווייל די וועלט איז געווען פאַר אידן אַ קליינע פאַרמאַכטע פושקע, ווו מיליאָנען זיינען געוואָרן געקוילעט, פאַרברענט, געהאַנגען, פאַרסמ'ט, — אָבער יעדער אין זיין פאַרמאַכטער פושקע.

— איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיין — האָט מיר מיט אַ שטילן, קוים הערבאַרן קול דערציילט די קאָרעליצער פרוי, וואָס האָט איר אינגעלע אַרויסגעגנבעט דורכן פענסטער. זי האָט אים געדריקט צו זיך, געגלעט איבערן שוואַרצן קעפּל און האָט געציטערט, ווי ס'וואָלט איצטער געווען ניט 27 גראַד היץ, נאָר אַ פראָסט.

היינט איז זי געקומען אין שפּיטאָל מיט אַ בלעכענעם טעפּל און איז שווייגנדיק געבליבן שטיין אויפן שוועל.

— איר דאַרפט וואָס?

— איך וואָלט געוואָלט, אויב מען קען, אַ טעפּל וואַרים

וואַסער פאַרן קינד. אים איז שווער אַראָפּצושלינגען דעם טרוקענעם ברויט.

— און ברויט האָט איר?

— מיר האָבן היינט געקראָגן פון יודן־ראַט אַ האַלבן קילאָ ברויט. עס איז אָבער רוי און...

זי האָט ניט געענדיקט. די ווערטער זיינען געבליבן שטעקן אין האַלז, אַזוי ווי די קלעפּיקע קאַשע, וואָס מען רופט דאָ ברויט.

מיר האָבן זיך שפּעטער אָפט געטראָפן, אָפטמאָל געטיילט אונזער הונגער איבער העלפט. זי איז ניט געווען קיין קאַרעליטשער, עס איז געווען אַ טאָכטער פון דער גרויסער וועלט, האָט איר יוגנט פאַרבראַכט אין אייראָפּעאישע הויפּשטעט.

איך פלעג אָפט צוקומען, ווען זי פלעגט פאַרביימאַרשירן פאַרן שפּיטאָל מיט איר בריגאַדע. איר רעקל, אויף וועלכן ס'איז שווער געווען צו דערקענען פון וועלכן שטאָף ער איז לכתחילה געווען גענייט, אַזוי פיל פאַרשיידענע לאַטעס האָט ער געהאַט, איז אַלץ פרייער און פרייער געהאַנגען אויף איר אויסגעצערטן גוף, און איר האַנט, מיט וועלכער זי פלעגט פאַרן דורכגיין דעם טויער צום לעצטן מאָל אַ פאָך טאָן צו איר קינד, פלעגט אַ פלאַטער טאָן אין דער לופטן און אַראָפּפאַלן, ווי אַ פרעמדער גליד.

זי האָט שטענדיק געציטערט איבער איר קינד, ווען דער אינגל פלעגט ניט זיין לעבן איר, פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז זי וועט אים שוין מער ניט זען. זי פלעגט בלייבן שטיין ביי דער אַרבעט, ווי פאַרגליווערט. עס פלעגן ניט העלפן קיין שטראָפן פון די פאָראַרבעטער. אירע הענט פלעגן זיך ניט אַ רויג טאָן אויפצוהויבן אַ שטיינדל. אָדער זי פלעגט אָנהויבן לויפן, ווי אַ משוגענע, צום טויער, ניט קוקנדיק אויף די שטיינער, וואָס פלעגן שניידן אירע באָרוועסע פיס, ניט לייגנדיק קיין אַכט אויף די גראָבע געשרייען פון די פאָראַרבעטער.

אָבער ווען זי פלעגט זיין אין לאַגער און דער אינגל פלעגט לעבן איר אַ שטיף טאָן, אָדער נאָך ערגער — בעתן עסן, — פלעגט זי אים טרייבן פון זיך: „אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך האָב דיך אַהערגעבראַכט!...

מ'רייסט זיך אין שפּיטאָל

עס איז געוואָרן נאַכט. די נאַכט האָט אַריינגעכאַפּט אין זיך אויך דעם עלנט פון די שכולות, פונקט ווי די ערד האָט אַריינגעכאַפּט אין זיך דאָס בלוט פון זייערע 800 קינדער.

און אינדערפרי זיינען ווידער געגאַנגען וואַגאָנעטקעס מיט שטיינער, און נאָך זיי די פאַרשטיינערטע מאַמעס.

און דאָ האָט דער שפּיטאָל באַקומען אַן אַנדער פּנים.

וואַגאָנעטקעס אָנגעלאָדענע מיט שטיינער זיינען געפלויגן מיטן גאַנצן שווונג פון באַרג אַראָפּ, אידן האָבן זיך געהאַנגען אויף די הינטערשטע ווענטלעך פון די וואַגאָנעטקעס, כדי מיט זיי אַראָפּצופאָרן. די וואַגאָנעטקעס פלעגן זיך איבערקערן, אידן בלייבן אונטער זייערע רעדער מיט צעמאָלענע הענט און פיס.

עס האָט ניט געהאָלפן דאָס וואָרנען, דאָס בעטן. די, וואָס האָבן אַזוי מורא געהאַט פריער צו גיין אַרבעטן אין טיפוס־באַראַק, האָבן ניט מורא געהאַט זיך צו הענגען אויף די וואַגאָנעטקעס, ווייסנדיק, אַז היינט־מאָרגן וועלן זיי מיט צעמאָלענע גלידער קומען אין זעלבן שפּיטאָל.

אין שפּיטאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ תקופה פון שלעפּן ביינער־ברוכן, וואָס פלעגן אַרויסקריכן פון די צעשמעטערטע הענט און פיס, אַ תקופה פון אָפּגעפּאַלענע פינגער פון פיס, וואָס האָבן געפוילט, פון שלעפּן ווערים פון וונדן, וועלכע עס איז ניט געווען מיט וואָס צו דעזינפעקצירן. יעדן פאַרטאָג פלעגן אַרויסגיין אַ פּאָר מענטשן איבערן לאַגער זאַמלען העמדער, ליילעכער, האַנטיכער, וואָס פלעגן צעריסן ווערן אין שפּיטאָל אויף באַנדאַזשן. עס האָט אָבער ניט געקלעקט. דוואָרעצער אידן האָבן מער ניט געוואָלט געבן, און ביי די אָנגעקומענע האָט דער נאַקעטער קערפּער אַרויסגעקוקט דורך די צעריסענע אויבערשטע בגדים. זיי האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן דעם טעם פון אַ העמד.

עס איז געוואָרן אַ חלום ביי יעדן קראַנקן און ביי די קראַנקן־שוועסטער: ווו קריגט מען אַביסל ריוואַנאָל, צוצולייגן צו די ברענענדיקע, פוילנדיקע וונדן, אַ שטיקל פרישטיכל, וואָס איז נאָך ניט געווען דורכגעווייקט מיט בלוט און אייטער און צענדליקער מאָל שוין געוואַשן?

און דורך די פענסטער פון שפּיטאָל פלעגן זיך אָפט אָדורכרייסן און צעשפּרייטן זיך איבערן לאַגער די געשרייען פון די פאַרוווּנדעטע, וואָס די ווערים האָבן געפרעסן זייער לעבעדיק לייב.

די אַרבעט אין שפּיטאָל איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. די צאָל קראַנקע האָט זיך געמערט, עס האָבן אויסגעפעלט בעטן, ניט געווען קיין מעדיקאַמענטן, קיין פאַרבאַנד־מאַטעריאַל, קיין וועש, קיין עסן פאַר קראַנקע, קיין שטיקל זייף צו וואַשן זייערע קערפּערס און די שטינקענדיקע „בינטן".

פאַרוואָס האָט מען עס נאָך גערופן שפּיטאָל? און פאַרוואָס האָבן זיך די קראַנקע אַזוי געריסן אַהין? אפשר דערפאַר, וואָס דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט ווי שאָטנס אידישע מיידלעך, וועלכע מען האָט גערופן שוועסטער? אפשר, ווייל די שוועסטער פלעגט העכסטנס קענען זאָגן דעם פאַרצווייפלטן קראַנקן: שאַ, באַרואיקט זיך, עס איז גאָרניט אַזוי געפערלעך, עס טוט אַביסל וויי די וווּנד, וואָס קען מען טאָן?

און דאַן זיינען געקומען די אידן, וועלכע פלעגן פאַלן אין מיטן גיין אין גאַס, מיט פאַרשוואָלענע אויגן און הענט, מיט פונאַנדערגעגאָסענע קלעצער־פיס.

און ברענגען פלעגט מען זיי אין שפּיטאָל, כדי דאָרטן צו היילן. זיי פלעגן דאָ ליגן אויף די שעניקעס, וואָס זיינען געווען דורכגעווייקט מיט בלוט און שווייס, מיט אורין פון קראַנקע. פלעגן אַמאָל קריגן אַ פּראָשעק דיגיטאַליס, נאָכן ווערן ווייטער אַלץ מער געשוואָלן. ביז איין טאָג פלעגן זיי דערהיילט ווערן אויף אייביק.

אָבער די, וואָס האָבן נאָך געלעבט, האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיטן אינזשיניערס בלויען הימל, זיי האָבן געוואָלט אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— „אויב זיי ווילן דווקא לעבן אין הייזער, זאָלן די אידן זיך אַביסל צוזאַמענרוקן. עס איז גענוג אַ קוואַדראַט־מעטער

אויף אַ מענטשן, ניין, ס'איז נאָך צו פיל, ס'איז גענוג 8000 קוו.־צענטימעטער.

„און אפשר זייט איר דאָ צופיל? איך האָב געבראַכט אידן פאַר אייערטוועגן. איך דאַרף זיי ניט"...

דערהערט פון אינזשיניער אַזעלכע רייד, האָט מען זיך דערשראָקן, מען האָט פֿון ענגשאַפט מער ניט גערעדט, נאָר באַזעצט מיט די צוגעקומענע אַלע שטאַלן און שייערן, אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט ווענט מיט אַ שטיקל דאַך.

עס איז געוואָרן ענג אין די הייזקעס. ענג? — ניין. פריער איז שוין געווען זייער ענג. עס איז ניטאָ פאַר דעם קיין נאָמען, ס'האָט אויף דער פאָדלאָגע ניט געקלעקט פאַר אַלעמען קיין אָרט צו זיצן. מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון די הייזער יעדן שטיקל מעבל און געמאַכט 2־עטאַזשיקע נאַרעס.

אין שפיטאָל, אין צימער פון פערסאָנאַל, ווו עס האָבן אין אָנפאַנג געלעבט 8 פערזאָן, זיינען איצט געשלאָפן 23. דאָס איז שוין ניט געווען קיין פערסאָנאַל פון שפיטאָל. דאָ האָבן זיך אַריינגעקראָגן דורך פּראָטעקציע זייטיקע מענטשן. דאָ איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק זויבערער. דער פערסאָנאַל־קאָלעקטיוו האָט שטרענג אָפּגעהיט די טראַדיציע פֿון וואַשן יעדן טאָג דעם דיל, פֿון טעגלעכן באָדן זיך, די נאַרעס זיינען נאָך געווען פאַרשפּרייט מיט ליילעכער.

דערווייל איז די נויט אין לאַגער געוואַקסן. מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן די הייזער פון די דוואָרעצער, וועלכע האָבן נאָך געלעבט „גוט", גענישטערט אין די מיסטקאַסטנס, געזוכט אַ בולבע, אפילו שאָלעכץ פון קאַרטאָפל.

און באַלד האָט מען די שאָלעכץ אויפגעהערט אַרויסצוואַרפן, עס איז געוואָרן אַ סחורה, מען פלעגט עס וואַשן און קאָכן.

ניט אַלעמענס לאַגע איז געווען אַזוי פאַרצווייפלט. די, וואָס האָבן געקענט שמוגלען, האָבן געהאַט מיט וואָס צו האַנדלען, פלעגן זיך אַן עצה געבן. ביטער איז געווען דער גורל פון אַ גרופּע קינדער, וואָס מען האָט אַריינגעשמוגלט אין לאַגער, און זייערע עלטערן זיינען אויסגעגאַנגען פון נויט. זיי פלעגן אַרומגיין געשוואָלענע פון הונגער, ביז מען פלעגט זיי ברענגען אין שפיטאָל אַריין. אין דער פאָרזיצנדער פון דער סאָציאַלער הילף, אַ שטעטלשער רבי, פלעגט געבן אַ קאָמאַנדע:

— דאָס קינד איז קראַנק. עס מוז האָבן קליינישע אויפפאַסונג.

זיינען אַרומגעגאַנגען די הונגעריקע שפיטאָל־שוועסטער צווישן די בעטלעך מיט די גוססדיקע פון הונגער קינדער און מקנא געווען די קאָלאָנעס אַרבעטער, וואָס שלעפן שטיינער.

אין לאַגער האָט אָנגעהויבן בושעווען דער בויך־טיפוס.

— דאָקטאָר, וואָס וועט זיין? מיר האָבן שוין אפילו קיין פערל־גריץ אויף צו ברענגען אַביסל קאַווע. און וואָס גיט מען די קראַנקע אויף בויך־טיפוס? מען טאָר דאָך זיי ניט געבן אפילו די 120 גראַם ברויט.

דאָקטאָר זיידמאַן גיט אַ צי מיט די אַקסלען, אַ מאַך מיט דער האַנט איבער די גרויע האָר, און גייט מיט שנעלע טריט אַרויס פון פאַלאַטע.

ער האָט ניט קיין עצה. ס'האָט אַ דאָקטאָר ניט געקענט דאָ העלפן.

*

— שוועסטער, גייט צו אין יענעם שטיבל, — ער ווייזט מיטן פינגער. דאָרטן ליגט אַ קראַנקע. מען דאַרף איר מאַכן אַן איינשפּריצונג פון קאַמפאָר.

איך גיי מיטן שפּריץ אַריין אין אָנגעוויזענעם שטיבל. עס איז 2 מעטער אויף 3, עס שטייען אַ פּאָר 2־עטאַזשיקע נאַרעס. דאָ ליגן 8 מענטשן.

ווען איך האָב געעפנט די טיר, האָט מיר אַ זעץ געגעבן אין נאָז עפּעס אַ מאָדנער גערוך, אַ געמיש פון צעפוילטע בולבעס און פוילנדיקע שטרוי. די נאַרעס האָבן ניט געהאַט קיין שום בעטגעוואַנט. זיי זיינען געווען אויסגעבעט מיט שטרוי, אויף וועלכן ס'זיינען געלעגן קופּעס שמאַטעס. עפּעס רעקלעך, שטיקער שעפּסענע פעלכלעך, קאַפּאָטעס אונטער די נאַרעס זיינען געלעגן טאָרבעס מיט בולבעס און קערבלעך מיט שאָלעכץ.

אויף איינער פון די אונטערשטע נאַרעס זיינען געזעסן 2 פרויען און געשיילט קאַרטאָפל. מען האָט געשיילט גלייך אויפן געלעגער, און די לופּינעס האָבן זיך אויסגעמישט מיטן שטרוי פון געלעגער. לעבן זיי, אויף דער צווייטער נאַרע, האָרט ביי דער ערשטער (קיין דורכגאַנג צווישן זיי איז ניט געווען), איז געזעסן אַ פרוי, געהאַלטן אויפן שויס דעם קאָפּ פֿון אַ מיידל פון אַ יאָר 15, און געזוכט ביי איר אין די האָר. נאָך אַן עלטערע פרוי האָט געהאַלטן אין די הענט אַ העמד און געזוכט אין איר. זי פלעגט אַלע ווײַלע אַ טרייסל טאָן מיטן העמד איבער די קאַרטאָפל פון אירע שכנים.

ווען איך בין אַריין, איז די „אָבלאַווע" ניט איבערגעריסן געוואָרן. די פרוי האָט נאָר געזאָגט:

— שוועסטער, וואָס קען מען טאָן, אַז מער ווי איין העמד האָב איך ניט, און קיין זייף צו וואַשן איז אויך ניטאָ.

די קראַנקע איז געלעגן אויף דער אויבערשטער נאַרע. עס איז שווער געווען צו דערקענען, איז עס אַן אַלטע, אָדער אַ יונגע, אַ אינגל אָדער אַ מיידל. פון אונטער דעם באַרג שמאַטעס האָט אַרויסגעקוקט אַ געל־וואַקסן פּנימל מיט גרויסע שפּיציקע אויערן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרטשעט פון אָפּגעשוירענעם קעפּל, ווי ביי אַ האָן. די אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט און האָבן זיך ניט געעפנט אויך ווען איך בין צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער און זי אָנגענומען ביי דער דינער, כמעט דורכזיכטיקער הענטל, כדי אַ קוק טאָן דעם פּולס.

— העשקע, שטיי אויף, העשקע! — גיט איר אַ שטורך מיטן מעסער־הענטל איינע פון די פרויען, וואָס האָבן געשיילט די קאַרטאָפל.

כ'האָב אַראָפּגעוואָרפן פון דער קראַנקער דעם באַרג שמאַטעס. עס איז געווען זייער אַ יונג מיידל. איר עלטער איז אָבער שווער פעסטצושטעלן. לויטן קערפּער ניט מער, ווי אַ קינד פון 11—12 יאָר, לויטן פּנים — אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, מיט קנייטשן פון אַלטקייט אַרום מויל. דאָס מיידל האָט לאַנגזאַם אויפגעעפנט די אויגן און אָן אַ וואָרט זיי ווידער צוגעמאַכט. עפּעס אַ טעמפּקייט, אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט איז געלעגן אין דעם קורצן בליק.

העשקען האָט מען ערשט דעם זעלבן טאָג געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין. זי האָט געהאַט טובערקולאָזע. דאָס קינד איז געלעגן גאַנצע טעג און נעכט אויף איר נאַרע און געקוקט

דורכן פענסטער אין דער ווייסקייט אַריין, ווו די לאַנקע פאַראייניקט זיך מיטן וואַלד. זי האָט זיך קיינמאָל ניט געקלאָגט, קיינמאָל ניט גערעדט, קיינמאָל גאָרניט געבעטן.

נאָר ווען איך פלעג איר אַריינטראָגן אַמאָל אַ שטיקעלע פּוטער, וואָס כ'פלעג פאַר איר אויסבעטלען, פלעגט זיך אַ לייכטער שמייכל באַווייזן אויף איר געלן פּנימל.

העשקע איז שוין אַלט געווען 14 יאָר, אָבער זי איז געווען שוואַך אַנטוויקלט, זי האָט ניט געהאַט קיין איין נאָנטע נשמה, צו וועמען זי זאָל זיך קענען ווענדן נאָך הילף. געקומען איז זי אַהער מיט דער לעצטער פאַרטיע אַרבעטער, עס איז געווען אַ רעטעניש, פאַרוואָס מען האָט זי ניט איבערגעלאָזט מיט אַלע קינדער אין איוועניעץ.

דאָ האָט זי געהאַט אַ מומע. די מומע פלעגט זיך סטאַרען ניט צו באַגעגענען מיט איר. איר אייגענע משפחה האָט געהאַט 4 מיילער, און זי האָט ניט געוואָלט האָבן קיין פינפטן.

העשקע איז געבליבן אין שפּיטאָל. זי איז געוואָרן דאָ אַ שטענדיקער תושב. מיר האָבן איר ניט געקענט געבן אפילו אַ קליין טייל פון דעם, אין וואָס זי האָט זיך גענויטיקט. אָבער זי האָט געהאַט דאָ אַ בעט און אַ ריינעם צימער...

העשקע איז געווען אַנטקעגן אַלע אונזערע קראַנקע „געזונט", ווייל זי האָט געקענט פון צייט צו צייט אַראָפּגיין פון בעט, אַרומגיין אויפן הויף, אויף דער זון. זי פלעגט אויך פון לאַנגווייליקייט העלפן דערלאַנגען די אַנדערע קראַנקע. העשקע איז אָבער געווען פיל קראַנקער אויך פאַר די, וואָס זיינען געלעגן מיט צעבראָכענע גלידער. זי איז פאַר אונזערע אויגן פאַרברענט געוואָרן פון אינעווייניק.

— כאָטש זי זאָל שטאַרבן אויפן שפּיטאָל־בעטל.

דאָס איז געווען אַ שטומער באַשלוס פון שפּיטאָל־קאָלעקטיוו — קעגן יעדן פּרוּוו פון אונזער נאַטשאַלסטוואָ — דעם יודן־ראַט, אַרויסצוואַרפן העשקען פון שפּיטאָל און באַפרייען איר בעט פאַר אַנדערע קראַנקע.

דאָס קינד איז עפּעס פאַרן לאַגער־שפּיטאָל געוואָרן הייליק. זי איז געווען דער סימבאָל פון לאַגער, פון זיין נויט און פּיין.

און די זעלבע סאַניטאַרקעס, וואָס פלעגן אויף אַ צווייטן קראַנקן אָנשרייען, ווען ער פלעגט צו זיי צושטיין מיט פאָדערונגען וועלכע זיי האָבן ניט געקענט דערפילן, האָבן זיך קיינמאָל ניט דערלויבט אויפצוהייבן די שטים אויף העשקען, ווי הונגעריק און דענערווירט זיי זאָלן ניט זיין.

ווייטערדיקע טריט

היינט האָב איך געהאַט אַ גוטן טאָג, — איך האָב געקראָגן אַ פּעקל. עס איז געווען אין דעם אַ שטיקל פּוטער, אַביסל אייער, זייף...

אַ שטיקל זייף! אויף דעם גליק האָב איך מיר גאָרניט גערעכט.

כ'האָב געקוקט אויף מיין שפּיטאָל־כאַלאַט, וואָס איז צוליבן וואַשן מיט אַש שוין שוואַרץ געוואָרן. היינט וועל איך מיך קענען ביים טייכל אָפּוואַשן מיט זייף און אויסוואַשן מיט זייף דעם כאַלאַט. און אויפן טיש איז געלעגן פאַר מיר פּוטער און אייער. עס איז שוין פיל צייט אַוועק, זינט איך האָב געגעסן פּוטער. איך וועל היינט שמירן ברויט מיט פּוטער!... ניין, אויף ברויט שמירן טאָר מען ניט. עס וועט צו שנעל אַוועקגיין. אויפן טיש האָט געפּאַרעט דאָס שיסל מיטן פּערל־גריץ, אַ גרוילעך־ראָזע, עטוואָס קלעפּיקע פליסיקייט. דאָס איז געווען אונזער מיטאָג שוין אַ האַלב יאָר צייט. מיר, די שפּיטאָל־מענטשן, זיינען געווען פּריווילעגירט. מען האָט אונז געדענקט דעם חסד־נעורים, אַז מיר זיינען געגאַנגען אין שפּיטאָל אַרבעטן, ווען אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט. פלעגן מיר אָנשטאָט דער יודן־ראַט זופּע קריגן פּערל־גריץ, וועלכע מיר פלעגן זיך אַליין קאָכן.

כ'האָב מיטן שפּיץ לעפל אָפּגעשניטן אַ ברעקל פּוטער און עס אַריינגעטאָן אין שיסל. איבער דער ראָזלעכער פליסיקייט זיינען זיך פונאַנדערגעשווומען געלבלעכע פעטס־קריינזלעך. עס האָט נאָך קיינמאָל מיר ניט געשמעקט קיין שום עסן אין מיין לעבן — ווי דער טעלער קאַשע.

ס'האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט די טיר. אויפן שוועל איז שטיל געבליבן שטיין העשקע. אירע אויגן זיינען געבליבן צוגעשמידט צו די אייער, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש, ווי צו אַ וווּנדער, און אירע אָפּשטייענדיקע אויערן זיינען געוואָרן נאָך גרעסער און שפּיציקער.

— העשקע, צו וואָס ביסטו אַראָפּ פון בעט? היינט האָסטו דאָך פיל היץ.

העשקע האָט ניט געענטפערט. זי האָט געשלונגען מיט אירע אויגן דעם וווּנדער, וואָס זי האָט געזען אויפן טיש.

— העשקע, גיי לייג זיך, איך ברענג דיר היינט עסן. היינט — אַ גוטן פרישטיק.

העשקעס פיסלעך האָבן קוים זיך אָפּגעריסן פון שוועל, אויף וועלכן זי איז געשטאַנען. ווען זי האָט שנעל צוגעמאַכט גאָך זיך די טיר, האָט זיך מיר נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ביי דער טיר סטאַרטשען אַ פּאָר גרויסע אויערן און שלינגען, און שלינגען די גוטע זאַכן, וואָס זיינען געלעגן אויפן טיש.

ווען איך בין אין אַ ווייילע אַרום אַריין אין פּאַלאַטע, איז העשקע געלעגן אין בעט מיטן פּנים צו דער וואַנט און האָט מיטן פינגער וואָס געצייכנט אויף דער דעקע.

— העשעלע, זעץ זיך עסן.

זי האָט ראַש אומגעדרייט דעם קורץ־געשאָרענעם אינגלשן קעפּל און איר האַנט האָט אַ ציטער געגעבן, ווען זי האָט מיט צוויי פינגער פאָרזיכטיק אָנגענומען די וואַרימע איי. זי האָט די איי לאַנג געדרייט צווישן די פינגער, ווי ניט ווויסנדיק, וואָס זי זאָל מיט איר אָנפאַנגען. כ'האָב אויפגעשלאָגן דעם שאָלעכץ און אָנגעהויבן מיט אַ לעפל זי קאָרמען. העשקע האָט געשלונגען שנעל, אָבער דער ביסן איז איר אַראָפּגעגאַנגען לאַנגזאַם, שווער, עס פלעגט זיך פאַרהאַלטן אין האַלז, ווי דאָרטן וואָלט אים געווען ענג דורכצוגיין, ווי יעדער ביסן פּוטער־ברויט, וואָס זי האָט אַראָפּגעשלונגען, וואָלט וועלן צוריק אַרויס דורך איר האַלז, זי זאָל עס קענען נאָכאַמאָל האַלטן אין מויל און אַראָפּשלינגען פונדאָסניי.

העשקע האָט געענדיקט עסן. מיר זיינען אַרויס אויפן הויף. עס איז געווען אַ וואַרימער זומער־טאָג, ענדע מאַי. אויפן טראַקט, וואָס פירט פון קאָפּאַלניע, האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פרויען־בריגאַדעס. פאַר איינער האָט מאַרשירט אַ סוואָלקער פרוי, מיינע אַ שפּיל־חברטע. מיר האָבן זיך ניט געהאַט געזען

ביי 20 יאָר. זיינען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין דער וועלט ווער ווו, און דער גורל האָט אונז ווידער צוזאַמענגעפֿירט אין דעם לאַגער.

ווען שרה (אַזוי האָט זי געהייסן) האָט פֿאַרביימאַרשירט פֿאַר דעם שפּיטאָל, האָט זי מיך צוגערופֿן: „איך וועל באַלד זיין ביי דיר, — איך האָב דיר וואָס מיטצוטיילן”.

זי איז געקומען, ווען די זון האָט שוין גענידערט אויף די בוימער־קרוינען, העכער דאָרטן איבערן וועלדל. מיט איר איז געווען אַ יונגער מאַן פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ געדיכטער שעוועלודע טונקל־בלאָנדע, געקרייזלטע האָר, איבער וועלכע ער האָט פֿון צייט צו צייט אין פֿאַרלעגנהייט געפֿירט מיט דער האַנט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצער רוסישער סאַטין־בלוזע, וואָס איז פֿריי געהאַנגען איבער זיינע ברוינע רייך־געלאַטעטע הויזן.

איך האָב דעם מענטשן שוין געהאַט געזען פֿריער. ביירא̈ך האָט מיר אויף אים געהאַט אָנגעוויזן:

— ער איז געווען אַ קינסטלער, אַ מאָלער, היינט איז ער אַ שטיין־גרעבער.

אַדעק שערער האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַ פּוילישער בעזשעניעץ, געשטאַמט פֿון זאַמאָשטש. אַהער איז ער געקומען מיט די קאַרעליטשער אידן.

— דו קענסט מיט אים ריידן, — האָט געזאָגט שרה.

איך האָב פֿאַרשטאַנען. מיר האָבן מיט שרהן ניט איין מאָל גערעדט, אַז עס איז די העכסטע צייט אַוועקצוגיין פֿון לאַגער. זי האָט געהערט צו דעם טיפֿ פּרויען, וואָס האָבן נאָך געהאַט מוט צו זען און פֿאַרשטיין דעם אמת פֿון אונזער גורל. דער זומפּ פֿון טאָג־טעגלעכן געיעג נאָך ברויט און קאַרטאָפֿל האָט זי נאָך ניט געהאַט איינגעזויגן.

מיר האָבן זיך מיט שערערן שוויגנדיק אָנגעקוקט. אַ שטומער עקזאַמען.

— ווי טראַכט איר עס צו מאַכן? וווּהין?

ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— איך ווייס נאָך ניט גענוי. איך טראַכט אין נאַליבאָקער פּושטשע.

דאָרטן איז געווען אַ פּאַרטיזאַנער־צענטער. מיר האָבן שוין געהאַט ידיעות וועגן זיך פֿאַרמירנדיקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג.

— ס'איז דאָ אַ פּאַרטיזאַנער אויפֿרוף, אַלע זאָלן צום 5־טן מאַי אַרויס אין די וועלדער.

— מיר האָבן אַביסל פֿאַרשפּעטיקט.

— איז וואָס?

— מען דאַרף שאַפֿן אַביסל געווער — אָן דעם וועט קיין שום אָטריאַד אונז ניט אָננעמען.

— נו?

— איך האָב שוין וואָס אין אויסזיכט.

✶

דערווייל האָבן אָנגעהויבן צו קומען וואַגאָנעס איינס נאָכן אַנדערן, יעדער טאָג. דער אינזשיניער האָט דערקלערט, אַז זיי מוזן ווערן אָנגעפּילט מיט שטיינער.

מען האָט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. דער יודן־ראַט האָט אַפּעלירט צו די אידן:

— אידן, ווייזט, אַז מען דאַרף אייך האָבן!

ווידער זיינען אַלע אַרויס צו די שטיינער, אפילו די שטענדיקע סימולאַנטן. מען האָט צוזאַמענגעשטעלט עטלעכע קינדער־בריגאַדעס. עס איז אַרויס צו די שטיינער אפילו דער גאַנצער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל.

אין שפּיטאָל זיינען איצט ווייניק קראַנקע. אידן אַרבעטן ביים לאָדן די שטיינער גאַנצע טעג און מען דאַרף העלפֿן.

מען האָט אין משך פֿון אַ וואָך אָפּגערייניקט דעם גאַנצן פּלאַץ. אָבער וואַגאָנעס קומען אַלץ אָן.

געוואַלד, ווו נעמט מען נאָך שטיינער?!

★

יוני 1942. אין גאַס איז שרעקלעך הייס. די מענטשן אַרבעטן האַלב־נאַקעט. די העמדער ווערן נאַס פֿון שווייס און וואַשן איז שווער — ניטאָ קיין זייף. זאָל בעסער דער שווייס עסן די רוקנס.

איך ליג מיט נאָך אַ שוועסטער און מיט אונזערע סאַניטאַרקעס אויפֿן גראָז ביים טייכל. צום טייכל לאָזט מען זיך אַראָפּ פֿון אַ משופּעדיקן ברעג, וואָס איז לענגאויס דעם לאַגער־צוים. אונטן איז דער טייכל, אויבן ביים דראָט דער אידישער בית־עולם.

דער אינזשיניער האָט נאָכאַמאָל באַוויזן זיין „גרויסמוטיקייט” צו „זיינע” אידן: ער האָט דערלויבט די אַרבעטער אין די הייסע טעג זיך צו באָדן.

ס'איז אייגנטלעך געווען דער אויפֿטו פֿון שאָפֿער. ער האָט געגעבן דעם פּרעצעדענט צו באָדן זיך פֿאַר זיין אָפּפֿאָרן פֿון לאַגער, אין אַפּריל. דער שאָפֿער איז אין לאַגער מער ניטאָ. ער איז אָפּגעפֿאָרן אויף אורלויב. דער לאַגער האָט זיך געשראָקן. וואָס וועט זיין אָן אים? עס וועט זיכער קומען אָן ערגערער אויף זיין אָרט.

— סאָניאַ, קוק נאָר צו!

לוסיאַ, די סאַניטאַרקע, האָט מיך אַ שלעפּ געטאָן פֿאַרן אַרבל. ניט ווייט פֿון אונז האָט זיך אַוועקגעזעצט ביילע, דעם יודן־ראַטמאַנס טאָכטער. איך האָב געוווּסט, אַז זי איז געווען מיט דעם שאָפֿער אין נאָענטע באַציאונגען.

— קוק נאָר, ווי זי זעט אויס. זי שעמט זיך גאָרניט, — האָט ניט אויסגעהאַלטן ווידער די סאַניטאַרקע.

ביילע האָט זיך געהאַט אויפֿגעשטעלט און גענומען לאַנגזאַם זיך אויסטאָן. די קאָנטורן פֿון איר קערפּער האָבן זיך דייטלעך אויסגעטיילט אין איר טריקאָ העמדל. מען האָט ניט געקענט באַהאַלטן, אַז זי איז געווען אין אַנדערע אומשטענדן.

— אינטערעסאַנט, ווי שפּירט זי זיך איצטער, ווען ער איז ניטאָ? — האָט מיט אַ מאָדנער הנאה אַ זאָג געגעבן לוסיאַ — ער וועט זיכער ניט צוריקקומען.

ביילעס געשיכטע איז פֿאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען. עס איז נאָר געווען אומפֿאַרשטענדלעך די האַנדלונג פֿון שאָפֿער, וואָס האָט ניט מורא פֿאַר „ראַסן־שאַנדע”. אין לאַגער האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער שאָפֿער שטאַמט פֿון אידן.

און ביילע איז אַרומגעגאַנגען אין גאַס מיט אַ הויך־אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, נאָר אירע שוואַרצע לאָקן האָבן אונטערגעשטרייכט די בלאַסקייט פֿון איר שיינעם פּנים. זי האָט זיך

לאַנגזאַם אויסגעטאָן און איז אַריין אין טייך. דאָס וואַסער האָט זיך געשפּילט אַרום אירע קנעכלעך און דאַן זיך געהויבן העכער און העכער. זי איז געגאַנגען טיפער, שטראַם, פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט ניט געפילט ניט דעם קילן וואַסער, ניט די בליקן וואָס האָבן באַגלייט אירע טריט. און עס איז געווען עפּעס אויסטערלישעס אין דער האַלטונג, אין אויסדרוק פון דעם מיידל, וואָס האָט געטראָגן אין איר טראַכט אַ דייטשע פּרוכט. דאָס פּנים איז געווען אַזוי רואיק און געלייטערט, אין פאַרגלייך מיט אַנדערע געזיכטער, אַז ניט ווילנדיק האָבן די אַלע געשיכטעס און לעגענדעס, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען אין לאַגער אַרום דעם שאָפערס פּערזאָן, געקראָגן אַן אַנדער ליכט.

און אפשר?... האָט ווידער אָנגעהויבן עקבערן אין מוח.

דער שאָפער האָט זיך אין לאַגער ניט צוריקגעקערט. מען האָט דערציילט, אַז מען האָט אים געשאָסן, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַן ענגלישער שפּיאָן, א. אַ. וו.

ביילע האָט נאָך ניט באַוויזן אַריינצוגיין אין מיטן טייך, ווי זי האָט דערהערט רופן איר נאָמען. ס'איז געווען איר חברטע דאָרקע, אַ בעזשענקע פון אַ פּוילישן שטעטל, זי האָט געאַרבעט ביים אינזשיניער אין קאַנטאָר אַלס רעגיסטראַטאָרין.

דאָרקע איז געווען אַ יונג מיידל מיט אַ פולן לבנה'דיקן פּנים און אַ פּאָר לאַכעדיקע אויגן. זי האָט שטענדיק געשמייכלט און פון אירע ליפּן האָבן אַרויסגעקוקט צוויי רייען געזונטע ציינער.

דאָס מאָל האָט דאָרקע ניט געלאַכט. אירן ליפּן זיינען געווען פעסט צוזאַמענגעפּרעסט. זי האָט אַ פּאָר מאָל אַ רוף געטאָן ביילען און ניט האָבנדיק קיין געדולד צו וואַרטן ביז ביילע וועט קומען, איז זי אַראָפּגעלאָפן פון בערגיקן ברעג אין וואַסער אַריין, געגאַנגען ביילען אַנטקעגן און איר אַריינגערוימט אַ סוד אין אויער.

ביילע איז געבליבן שטיין אין טייכל ווי פאַרגליווערט. עס האָט געדויערט איינִיקע מינוט, ביז דאָרקען איז געלונגען זי אַרויסצוציִען פון איר גליווער, זי זאָל זיך אָנטאָן.

זיי האָבן שנעל אָנגעהויבן אַרויפגיין מיטן ברעג צום בית־עולם. כ'בין זיי מעכאַניש נאָכגעגאַנגען... ביים בית־עולם פאַרקאַן, וואָס איז געווען געמאַכט פון צוזאַמענגעלייגטע שטיינער, זיינען געשטאַנען אידישע אַרבעטער און זיך געסודעט. פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַזוי פיל אימה, אַז איך האָב ניטווילנדיק מיך אַרומגעקוקט.

אויפן בית־עולם, ניט ווייט פון פאַרקאַן, האָט אַ בריגאַדע אידן געגראָבן אַ גראָבן. אַרום זיי האָט זיך אָנגעהויבן קלייבן אַן עולם, מען איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן שטיינערנעם פאַרקאַן מיט צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּן און טעמפּע בליקן. פון צייט צו צייט פלעגט זיך ווער אַ בויג טאָן פאָרויס, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין די טיפקייט פון גראָבן.

איך זיץ אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אָן אַ מצבה, און וואַרט.

— וואַרטסט שוין לאַנג?

פאַר מיר שטייען אַדעק און באַריאַ.

— ניט לאַנג. איר האָט געזען?

אַ שטומער מאַך מיטן קאָפּ.

— וואָס זאָגט איר דערצו?

— איך מיין, ס'איז גאָרניט — זאָגט פאַרטראַכט אַדעק, — דער אינזשיניער וויל שוין וואָס ווידער אַרויסקריגן פון אונז.

— לאָמיר אַריינגיין צו בייראַכן, אפשר ווייסט ער וואָס.

מיר האָבן זיך דורכגעשלייכט דורכן גאָרטן און אַריין אין לאַגער.

עס איז געווען אַן אומהיימלעך הייסער טאָג. אין לאַגער איז געווען פיל הייסער, ווי ביים טייכל. איך בין געגאַנגען באָרוועס און דער אָנגעגליטער זאַמד פון גאַס האָט געבערנט די פיס. פון צייט צו צייט פלעגט אַ בלאָז טאָן אַ ווינטל, ער האָט אָבער ניט געקילט, עס פלעגט פון אים ווערן נאָך שטיקנדיקער.

— חמסין! — איז בלויז שנעל דורכגעפלויגן דעם מוח. עס האָט מאָדנע פאַרקלעמט ביים האַרצן. „פאַרוואָס איז טאַקע ניט קיין חמסין? פאַרוואָס זיינען מיר איצטער ניט דאָרטן, אין לאַנד פון חמסין?”

מאָדנע פּוסט איז געווען דער לאַגער. הינטער די אָנגעגליטע דורך דער זון ווענט פון די הילצערנע כאַטקעס איז קיין לעבן ניט געווען. ווו זיינען אַלע אידן?

בייראַכן האָבן מיר אין שטוב ניט געפונען. אין קיך איז געזעסן בייראַכס פרוי און אומזיסט פּרובירט באַרואיקן דאָס קינד, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין דער מאַמעס הענט און געשריִען מיט די גאַנצע כוחות.

— ער איז קראַנק, — זאָגט פרוי בייראַך — שוין אַ גאַנצע וואָך. איך האָב ניט פאַר אים קיין ביסל מילך. און „ער” איז קיינמאָל אין שטוב ניטאָ. פאַרגעסן, אַז ער איז אַ טאַטע צו קינדער.

אַ טרער קייקלט זיך איבער אירע בלאַסע באַקן און פאַלט אויפן קינדס הענט.

שווייגנדיק זיינען מיר אַרויס און זיך געלאָזט גיין מיט דער שטויביקער גאַס. פונדערווייטנס האָבן מיר דערזען אַ געזעמל פאַרן שטיבל, ווו עס האָט געלעבט דער רב.

— זאָלן מיר אַריינגיין?

אַדעק פאַרקרימט זיך.

— גיי אַליין אַריין.

ביים רב אין שטיבל איז געווען פאַרזאַמלט כמעט דער גאַנצער יודן־ראַט און אַרום 8 רבנים און גבאים פון פאַרשיידענע שטעטלעך. מען איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. עס זיינען געפאַלן אָפּגעהאַקטע ווערטער.

— נו, בייראַך, די אידן גייען שוין אַרום טויטע?...

— ס'איז גאָרניט, ביי אונז וועט ניט געשען, וואָס אין אַלע שטעטלעך. מיר זיינען ניט קיין געטאָ, נאָר אַן אַרבעטס־לאַגער, די דייטשן דאַרפן אונז האָבן, — רופט זיך אָפּ אַ יודן־ראַטשיק.

בייראַך שווייגט. ער שמייכלט נאַריש צו זיך. זיין פּנים איז שטאַרק רויט.

— נאָוויק וועט באַלד גיין צום אינזשיניער, — זאָגט אַ צווייטער יודן־ראַטשיק.

— אין דער תורה שטייט געשריבן, אַז אַ שטעטל, ווו עס זיינען פאַראַן אידן פון 70 ישובים, וועט ניט פאַרניכטעט ווערן. אַלע ישובים אַרום וועלן אונטערגיין, און דאָס שטעטל וועט בלייבן. אַזוי שטייט אין דער תורה. אין דוואָרעץ זיינען פאַראַן אידן פון 73 שטעט... און דער אינזשיניער פאַרזיכערט...

דער רבי רעדט, פון זיין בלאַסן פנים גלאַנצן אַרויס אַ פּאָר שוואַרצע שפּיציקע אויגלעך, פון וועלכע עס ווערט אומ־היימלעך.

— מען דאַרף חייסט עס גאָרניט טאָן? גאָט, דער אינ־זשיניער און נאָוויק וועלן ראַטעווען דוואָרעץ?

איך קען זיך שוין מער ניט באַהערשן. די ראַטמענער שפּרינגען אויף פון כעס פון די ערטער, די רבנים ציען צו־זאַמען די ברעמען.

— היי, שוועסטער.

איך לויף אַרויס. באָריאַ און אַדעק וואַרטן אויף דער גאַס.

— קומט, לאָמיר גיין. גייט איר אַרויס מיט די בריגאַדעס, וואָס גייען איצטער צו דער אַרבעט, איך וועל אַלס שוועסטער אַרויסגיין אַליין. מיר וועלן זיך טרעפן אין וועלדל.

*

— וואָס טוען מיר איצטער?

— איך טראַכט, מיר וועלן אַרויסשיקן די ערשטע גרופּע, אומגעפער אַ 10 מענטשן, אין נאַליבאָקער פּושטשע, אָנצו־קניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער. דאַן וועלן מיר וויסן, וואָס צו טאָן ווייטער — רעדט שטיל אַדעק.

— ווער וועט גיין פון די ערשטע?

— איך וועל גיין.

— אַדעק, איך וויל אַליין גיין.

— דו וועסט וואַרטן אויף אַ ידיעה פון אונז. ס'איז 120 ק"מ דורכצומאַכן. מיר ווייסן ניט, ווו מיר גייען. צו שווער פאַר פרויען. די פּאַרטיזאַנער זיינען דאָך סאָוועטישע מענטשן, און דו ביסט אַ ציוניסטקע.

— איך וויל גיין אין וואַלד קודם כל אַלס אַ אידישע.

— טראַכסט נאָך אַלץ וועגן אַ אידישע מדינה?

— איך בין זיכער, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר זי קריגן. אויך ראַטן־פאַרבאַנד וועט זיין דערפאַר און וועט אונז העלפן.

— ווי ראַז דו שטעלסט זיך פאָר די וועלט נאָך דער מלחמה!...

— יעדן מאָל נאָך גרויסע מלחמות קומט אַ צייט פון נייע סאָציאַלע אידעען און דערגרייכונגען. איך גלויב, אַז נאָך דער מלחמה וועט אויך פאַר אונז זיין אַ געוויסע קאָמפּענסאַציע פאַר די פּיל צרות, וואָס מיר ליידן איצטער.

— גוט און ווויל דיר, אַז דו גלויבסט נאָך אין געוויסן פון דער וועלט. איך גלויב נאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין איר פעסטן קולאַק. איך וועל מיין לעבן בויען אין ראַטן־פאַרבאַנד. נאָר איך וועל עס מסתמאַ ניט דערלעבן.

— און איך בין כמעט זיכער, אַז איך וועל די מלחמה איבערלעבן.

אַדעק לאַכט: — אַזוי זיכער ביסטו?

— איך האָב אַ פאָרגעפיל. נאָר וועגן בויען אַ לעבן איבער־אַנייס קען שוין קיין רייד ניט זיין. ערשט ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דער רויש וועט פאַרבייגיין, וועלן מיר דערפילן אונזער גרויסן אומגליק. אַ סך וועלן דאַן זשאַלעווען, וואָס זיי זיינען לעבן געבליבן.

— טאָ וואָס רעדסטו וועגן אַ אידישער מדינה? עס וועלן קיין אידן ניט בלייבן, אפשר עטלעכע אין די וועלדער?

— עס וועלן נאָר אונטערגיין די אידן פון די באַלטישע לענדער און די אָקופּירטע געביטן פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַ אי־דישע מדינה דאַרף מען פאַר אַלע איבעריקע, וואָס וועלן בלייבן לעבן.

באָריאַ ווערט אין כעס:

— אפשר וועט אירריידן צו דער זאַך?

איך לייג פאָר זיך צו פאַרבינדן מיט זשעטל. אפשר האָבן זיי דאָרטן אַ קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער?

מיר ליגן אויפן גרינעם זאַפּטיקן מאָך. ס'איז עפּעס וואָרים אויפן האָרצן. די צווייגן פון די בוימער־קרוינען זיינען צו־זאַמענגעפלאָכטן, מען זעט דורך זיי קוים אַ קליין שטיקל הימל. גוט אַזוי! ווער דאַרף עס זען דעם הימל? ער איז במילא ניט אונזער...

— לאָמיר גיין צוריק. איך האָב ניט מער קיין געדולד צו פּראַוון דאַטשע.

באָריאַ שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ סאָסנע און קראַצט מיטן שפּיץ נאָגל די קאָרע.

— האָסט זיך פאַרבענקט נאָך דיינע אַפּאַרטאַמענטן, נאָך דעם שמעקעדיקן אָונטברויט, וואָס וואַרט דיך דאָרטן?

אַדעק רעדט מיט גאַל אין גריזשעט דערביי אַ גראָז.

— אַדעק, דו ביסט זיכער הונגעריק?

— ליידער קען איך עס ניט באַהאַלטן. אַלע מיינע זאַפּאַסן האָבן זיך שוין לאַנג געענדיקט. איך האָב שוין לאַנג אויפגע־געסן מיין מאַרינאַרקע.

איך בין רייך. איך האָב נאָך פון פּעקל, וואָס מען האָט מיר געשיקט, אַביסל גרעצענע מעל און 200 גראַם פעטס. אַ פאַרמעגן! עס וועט קלעקן אויף אַ לאַנגע צייט צו שמירן די פאַנווע.

אין שטוב צעמיש איך אין אַ ליימענער שיסל די גרעצענע מעל מיט וואַסער. כ'מאַך אַ קאַשע. אויפן שפּיץ מעסער זאַלץ. דאָס איז ביי אונז זייער אַ טייערער אַרטיקל. איך נעם אַ 5 גראַם פעטס. די פאַנווע אויפן פייער איז שוין אָנגעגליט, די סקאָרינקע פון פעטס אויף איר צישעט אַזוי מוזיקאַליש, דאָס אַרויפגעגאָסענע טייג ברענט. אין צימער ווערט פול רויך.

איך געדענק שוין ניט, ווען איך האָב געגעסן אַזעלכע גע־שמאַקע בלינעס — זאָגט אַדעק. יע, עס איז געוויס פאַר דער געשיכטע מיט דער טאַקסי.

„געקומען איז צו אונז קיין קאַרעליטש פון נאָוואָגרודעק דער געביטס־קאָמיסאַר האַזע. די וועגן זיינען געווען שטאַרק פאַרשנייט און זיין אויטאָ פלעגט אָפט בלייבן אין שניי שטעקן.

— „איר, יודן, האָט ניט געקענט אָפרייניקן פון שניי דעם וועג נאָוואָגרודעק — קאַרעליטש? איך וועל אייך ווייזן!

„ער האָט געהייסן זיך געבן 6 אידישע מענער, האָט זיך מיטן שאָפער אַריינגעזעצט אין טאַקסי און געמאָלדן:

— „איך וועל איצט פאָרן — איר וועט לויפן באָרוועס, ווער פון אייך וועט וואַגן אָפּצושטיין, ווערט אויפן אָרט גע־שאָסן. ווו די טאַקסי וועט פאַרזינקען אין שניי — וועט איר שטופּן.

„צוריק קיין קאַרעליטש זיינען פון די 6 מענער געקומען בלויז 2 — נאָך איינער צו מיר. די איבעריקע 4 זיינען געבליבן אונטערוועגס".

מען שווייגט. יעדער איז פאַרטיפט אין זיינע דערינערונ־

גען, זיינע ווייטאַקן. מען דערמאָנט שוין ניט קיין אַוועקגעגאַנגענע סאַטעס־מאַמעס, ברידער, שוועסטער. עס וועט דאָך אַלעמענס גורל זיין דער זעלבער...

✶

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען די זעלבע אידן געהייסן די אויסגעגראָבענע אויפן בית־עולם גריבער פאַרשיטן. דער אינזשעניער האָט מודיע געווען, אַז מען האָט אים געהאָט דערציילט, אַז אידן האָבן פאַרגראָבן גאָלד אויפן בית־עולם, דעריבער האָט ער געהייסן גראָבן אַזוינע גריבער — אַ 12 מעטער די לענג און 6 די ברייט... אין די גריבער האָט מען, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געפונען, נאָר ביים אינזשעניער אויפן פינגער האָט געפינקלט אַ נייער בריליאַנט.

די פּעטליע ווערט ענגער

ווי שיין עס קען זיין אַ בלויער זומער־טאָג, און ווי עקלהאַפט ער קען אַמאָל אויסזען!

שוין 2 מעת־לעת מאַטערט זיך דער שפּיטאָל מיט אַ פּאָר קראַנקע. אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, וואָס איז קראַנק אויף בויך־טיפוס, און אַ דריי־יעריק קינד אויף מענינגיט.

די פרוי ליגט ביים פענסטער, דער פּנים צעצויגן, געל. דער גראָבער לייוונטענער ליילעך צוזאַמענגעדרייט אַרום אויסגעדאַרטן קערפּער. פון אונטער דעם ליילעך סטאַרטשעט אַרויס דער שיטערער פּאַפּירענער סיעניק. אַלע ווײַלע קריכט פון אים אַרויס אַ שטרוי און שטעכט זיך ווי מיט טויזנטער שפּילקעס אַריין אין דעם שמערצלעך־צוזאַמענגעקראַמפטן קערפּער.

— שוועסטער, דרייט מיך אום!...

און דו דרייסט די קראַנקע אַלע האַלבע שעה, אַלע 15 מינוט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. זי איז לייכט. דו האַלסט אין די הענט אַ סקעלעט, באַצויגן מיט אַ דין, געלע הויט. ביינער זיינען, ווייזט אויס, לייכט.

נאָך פאַריקע נאַכט איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל אַ פרוי, זי איז אויסגעגאַנגען פון הונגער, פון דערשעפּונג. אָבער ווי שווער איז זי געווען נאָכן טויט! איך פלעג זי פריער אויפהויבן אַלע ווײַלע, ווי אַ קליין קינד, נאָכן־טויט האָב איך זי ניט געקענט רירן פון אָרט. כ'האָב געמוזט רופן די סאַניטאַרן, זיי זאָלן זי אַראָפּנעמען פון בעט. וואָס ווערט עפּעס דער מענטש אַזוי שווער נאָכן טויט?

— שוועסטער, דרייט מיך אום!...

ווידער אומגעדרייט צוריק צום פענסטער. דאַכט זיך, די קראַנקע האָט זיך פאַרקוקט אין דער בלויקייט פון הימל איבערן לאַגער.

— שוועסטער, איך וויל אַ שטיקל ברויט.

מען מוז זיין אכזריותדיק און ניט געבן דער קראַנקער איר שטיקל ברויט. אַלע קראַנקע אויף בויך־טיפוס באַקומען אין שפּיטאָל זייער שטיקל שוואַרץ־ברויט. קיין אנדער זאַך איז ניטאָ. אָבער דער קראַנקער גיבן מיר ניט. ד"ר זיידמאַן האָט היינט אין דער פרי אונטערזוכט די קראַנקע, שווייגנדיק אָנגעקוקט אירע, ווי פון מאַרמאָר דורך אַ גוטן קינסטלער געשניצטע שטריכן, וועלכע זיינען אויך אין די יסורים געווען אַזוי שיין, די לאַנגע שוואַרצע האָר, וואָס האָבן געראָמט איר געזיכט, און געזאָגט:

— אַ שאָד... גיט איר ניט, שוועסטער, קיין ברויט, עס קאָן ביי איר זיין אַ פּערפּאָראַציע, אפשר וועט זי אויסהאַלטן בעסער דורך הונגער?

די קראַנקע, דאַכט זיך, האָט פאַרגעסן, אַז זי האָט געבעטן ברויט... זי קוקט דורכן פענסטער, די אויגן ווערן עפּעס גרעסער, דאַכט זיך, ווי זיי וואָלטן אַרויסקריכן פון זייערע אָרביטן. וואָס קוקט זי דאָס אַזוי?

איך דריק צו מיין פּנים צו דער שויב.

דורכן לאַגער, מיטן וועג וואָס פירט פון יודן־ראַט צום לאַגער־טויער, גייט דער אינזשעניער מיט זיין „סעקרעטאַרין", נאַקעט. נאָר אין שווים־הייזלעך, זי אין אַ באָד־קאָסטיום פון צוויי טיילן, וואָס לאָזט נאַקעט איר קערפּער צווישן ליף און הייזלעך. נאָך זיי מאַרשירט די גאַנצע סוויטע פון די פּאָרארבעטער, אויך האַלב נאַקעט. מען גייט דורכן לאַגער און מען לאַכט.

דורך אַ אידישן לאַגער מעג מען גיין אויך נאַקעט, אידן זיינען דען מענטשן?

פון דעם סיעניק אין צווייטן עק צימער דערהערט זיך אַ כאָרכלען, באַגלייט דורך אַ שטיל געוויין. עס כאָרכלט דאָס קינד, וואָס איז קראַנק אויף מענינגיט. די אויגן־אַפּלען רירן זיך שוין ניט מער, זיינען שוין פאַרגליווערט. ביים קינדס בעטל קניט זיין מאַמע. זי זיצט שוין אַזוי דעם צווייטן מעת־לעת.

מען האָט גאָרניט געקענט העלפן, ניטאָ קיין סוראָוויצע, דאָס קינד איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער.

די מאַמע האַלט אויף איר שויס דאָס פאַרגליווערטע קערפּערל, וואָס הויבט זיך שוין אָן אָפּצוקילן. זי וויינט ניט.

— אים איז שוין גוט, ווי האַלט איך שוין אַזוי ווי ער?

פון פירהויז דערהערט זיך דער אָבערשוועסטערס שאַרפער קול:

— סאָניאַ, סאָניאַ, קומט אַהער!

וואָס שרייט זי עפּעס אַזוי, די אָבערשוועסטער, און מיט אַזאַ שניידנדיקן קול? אין פּאַלאַטע ליגט דאָך אויף זיין מוטערס קני אַ טויט קינד?!

די אָבערשוועסטער גייט אַריין אין פּאַלאַטע. זי איז הויך און זייער מאָגער, שוואַרצע, כמעט בלויע, האָר און שוואַרצע אויגן אין אַ פּאָר טיפע לעכער. זיי קוקן און שטעכן, ווי שפּיזן. צייטנווייז דוכט זיך, אַז דאָס האָט דער מלאך־המוות אַליין אָנגעטאָן אַ שוועסטער־כאַלאַט.

זי איז זייער טיכטיק, די אָבערשוועסטער, אָבער אויך זי קען גאָרניט העלפן.

איצט פירט זי פאַר דער האַנט אַ אינגל פון אַ יאָר 12. פון זיינע צו לאַנגע און צו ברייטע הייזלעך פלאַנטערן זיך צווישן די פיס אָפּגעריסענע שטיקער.

דער בליק בלייבט הענגען אויף די צעריסענע הייזלעך. עס איז אַ מורא אים אויפצוהויבן העכער, אַ קוק טאָן אויפן אינגלס העמד. איבער די באָרוועסע פיסלעך פון אינגל הויבן אָן צו רינען רויטע שנירלעך. די אויגן קלעטערן מיט די שנירלעך העכער, העכער... אָט איז זי, דעם אינגלס העמד. אַמאָל

האָט זי געדאַרפט זיין ווייס. איצטער איז זי בונט. דער גאַנצער רוקן איז אין גרויסע רויטע און ברוינע פלעקן.

די צונג ווערט שטייף, ווי פון האָלץ, אין מויל אַ זויערקייט.

— פון וואַנען?

— פון מייטשעט...

אַ שווייגן, וואָס קלאַפט מיט זיין שטילקייט איבערן קאָפּ, ווי מיט האַמערס.

— אַלעמען?

— אַלעמען. קיינער ניטאָ. ביינאַכט בין איך געלעגן אין גרוב אונטער די טויטע. זיי האָבן געמיינט, איך בין טויט.

ביי דער אָבערשוועסטער ציטערן די הענט. דער פינצעט פאַלט אויף דער ערד און גיט מאָדנע אַ שטאַרקן קלונג.

— ביסט אַליין, אינגעלע?

— אַליין. איך בין געפאַלן לעבן מיין טאַטן און מאַמען. אויף מיר זיינען געלעגן פיל אידן. כ'האָב געמיינט, זיי וועלן מיך דערשטיקן. כ'האָב ניט געקענט שרייען. שפּעטער זיינען געקומען מיעשטשאַנעס. זיי זיינען אַרומגעקראָכן אין גראָבן איבער די טויטע און געזוכט זאַכן. זיי האָבן פון מיר אַראָפּגעשלעפּט די טויטע...

דורכן אָפענעם פענסטער גיט אַ בלאָז אַ לייכטער זומער־ווינטל און אַ שאָקל דעם האַנטוך אויף דער וואַנט. דער האַנטוך וויגט זיך, ווי אַ געהאַנגענער אויף דער תליה.

דעם אינגל הויבט אָן צו שוידערן, ניט ווילנדיק וואַרפט ער אַראָפּ אויף דער ערד אַ באַנקע, וואָס צעברעכט זיך אויף קליינע שטיקלעך. און די אַנדערע באַנקעס קוקן ווי גלעזערנע אויגן פון אַ טויטן שאַרבן.

מיר קענען ניט אַראָפּשלעפּן פון אינגל זיין העמדל. דאָס בלוט איז פאַרגליווערט. די העמד איז צוגעקלעפּט צו די ווונדן. מען מוז זי צעשניידן און אַראָפּנעמען שטיקלעכווייז.

דעם אינגלס רוקן איז צעלעכערט. אַכט קוילן־לעכער.

ראַשיק שפּריצט זיך דער לילאַ קאַלי־היפּערמאַנגאַניקום אין די פאַראייטערטע לעכער אַריין, גיסט זיך איבערן פאַר־שוואַרצטן גוף פון קינד. און אין מוח עקבערט שוין די זאָרג: ווו נעמט מען ריוואַנאָל פאַר די נייע אַכט לעכער?

פון פאַלאַטע דערהערט זיך אַ צעצויגענער ווייטאָג־געשריי, ווי אַ וואָיען פון אַ חיה...

ווער שרייט עס אַזוי?

אויפן בעט ביים פענסטער איז דער פנים פון דער טיפוס־קראַנקער פרוי. דער מאָגערער קערפּער קאַטשעט זיך פון יסורים. אונטערן פענסטער, פון דער גאַס, שטייט אַן 11־יעריק מיידעלע. ס'איז דער קראַנקערס שוועסטערל. אין אירע שוואַר־צע אומעטיקע אויגן הענגט פאַרגליווערט אַ שרעק.

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט? ביילינקע, פאַרוואָס קרעכצט דיין שוועסטער?

ביילינקע קוקט מיט אירע קינדערשע אויגן. די אימה אין זיי ווערט נאָך גרעסער. און מיטאַמאָל דרייט זי זיך אום און הויבט אָן אַנטלויפן.

מיר אַלאַמירן ד"ר ויידמאַנען. זיין פנים איז ערנסט:

— די קראַנקע האָט וואָס אויפגעגעסן. אַ פּערפאָראַציע... עס וועט שוין לאַנג ניט דויערן. זאָגט, וואָס האָט איר אויפ־געגעסן?

די קראַנקע ענטפערט ניט. איר מויל איז אויסגעקרימט פון יסורים. אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מען האָט דעם מת אַראָפּגענומען פון בעט, האָט מען אונטער איר קישן געפונען אַ שטיקל איינגעביסענעם עפּל.

און אונטערן פענסטער איז געשטאַנען דאָס 11־יעריקע מיידעלע מיט קינדיש־צעשראָקענע אויגן.

— ביילינקע, צו וואָס האָסטו עס געטאָן?

ביילינקע איז איצטער איינע אַליין אויף דער וועלט.

עס זיינען אַוועק בלויז 17 טעג. ביילינקע איז געשטאָרבן אין דער זעלבער פאַלאַטע פון דערשעפונג.

עס רירט זיך

די נאַכט איז צו ליכטיק, לבנהדיק, מען קען פשוט לייע־נען אַ צייטונג. ווער דאַרף עס זי האָבן, די לבנה? ווען מען קען זי אַרונטעררייסן פון הימל און צעטרעטן מיט די פיס, ווי מען טרעט צו אַ ציגאַרעט!...

נאָר די לבנה שיינט, ווי אויף צו להכעיס, און זייערע שאָטנס, די שאָטנס פון באַריאַן און נאָך אַ בחורל, טאַנצן אַרום אויף דער גרויער וואַנט פון שטאַל, ווי אויף אַ ווייסן עקראַן...

עס זאָל כאָטש ווער ניט באַמערקן!

— ניט געדאַרפט הייַנט גראָבן.

— מען טאָר מער ניט וואַרטן קיין טאָג.

און די רידלען גיבן מיטאַמאָל אַ זעץ אויף עפּעס האַרטעס. די נאַכט כאַפּט אויף דעם קלאַנג, פאַרדאָפּלט אים, פאַרצענ־פאַכט און וואַרפט אים אין חלל אַריין.

פאַרפאַלן, מען מוז ווייטער גראָבן.

אונטער די פיס גיט אַ כרושטשע דאָס צעפוילטע געהילץ פון אַן איינגעוואָרפןביידל, דאָס שרעקלעכע גערוך פאַר־כאַפּט דעם אָטעם, דערשטיקט צו ווערן.

שנעלער, שנעלער... מען איז שוין ביים דעק פון גרוב.

ענדלעך... אַרויסגעשלעפּט אַן אומגלויבלעכן אוצר. 3 ביקסן, אמתע ביקסן! ווען ניט דאָס שמוץ, מיט וועלכן זיי זיינען אַרומגעקלעפּט, וואָלט מען זיי צוגעדריקט צום האַרצן...

שנעלער אויפשטעלן דאָס ביידל, ווי געווען. דאָס איז אַן עפנטלעכער אָפּטריט פון לאַגער.

— באַריאַ, דיין פעטער איז דאָך עפּעס אַן אַפּטייקער, איך ראָט דיר אויסצוגראָבן אַ פּאָר קאַסטנס אָדעקאָלאָן און אויס־גיסן אויף זיך. מען קען לעבן דיר ניט שטיין.

אָבער באַריאַ קוקט מיך אָן אַ שיינענדיקער, אַ גליקלעכער.

✶

— זיי געזונט! מיר וועלן זיכער געבן צו וויסן. גיב אים אָפּ דעם בריוול.

לעצטער האַנטדרוק. זיין מאָגערער קערפּער גליטשט זיך בויגיק דורך צווישן די דראָטן. נאָך אַ מאָל זיך אומגעקערט, נאָך אַ ווײַלע — און די שוואַרצע בלוזע גיסט זיך צוזאַמען מיט די ברוינע געלאַטעטע הויזן אין איין טונקעלן פלעק. באַלד פאַרשווינדט עס אין וועלדל.

אַדעק איז אַוועק. ער מיט נאָך 10 חברים דאַרפן זיך טרעפן אין וועלדל. ביינאַכט גייען זיי אָפּ אין דער ריכטונג צו נאַליבאָקער פּושטשע אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט פּאַרטי־זאַנער.

איך האַלט אין האַנט צוזאַמענגעראָלט אַ שטיקל פּאַפּיר,

דאָס דאַרף איך אָפּגעבן אַ חבר אין זשעטל, מעלדן אים, אַז אַדעק איז אוועק אין וואַלד און געוואָר ווערן וועגן פּאַרטיזאַנישע טעטיקייט אין זשעטל.

— חיה׳קע, איר זייט פּאַרטיק?

די קראַנקן־שוועסטער חיה׳קע איז אַ זשעטלערין, זי ווייסט גוט דעם וועג.

חיה׳קע איז מאָגער, בלאָנד און העל־אויגיק, ווי אַ יונג שיקסל.

מיר טראָגן ביידע סיטצענע געבלומטע קליידלעך. העלע טיכלעך אויף די קעפּ, באָרוועס, קוישלעך אין די הענט, אפשר וועט מען אָנגיין פּאַר קריסטנס און דורכגיין בשלום?

ס׳איז הייס, דושנע. ס׳האָט שוין לאַנג ניט גערעגנט. די ערד איז אויסגעטריקנט, האַרט, דער ליימיקער וועג אין האַרטע שפּיציקע גרודעס, וואָס שניידן די באָרוועסע פּיאַטעס ביז צו שרייען. מען מוז אָבער גיין פעסט און לייכט, ווי עס גייען די פּויערישע מיידלעך. דער וועג שלענגלט זיך די גאַנצע צייט דורך דאָרפישע ישובים. עס קוקן דיך נאָך נייגעריקע אויגן מיט פיל חשד.

מיר גייען אַרויף אויף אַ באַרג. מיטן וועג קייקלט זיך אונז אַנטקעגן אַ ראָוווער.

— אַ ראָוווער, מען דאַרף אַראָפּגיין פון וועג!

מיט אַ מענטשן, וואָס פאָרט הייַנטיקע צייטן אויף אַ ראָוווער אין ווייסרוסלאַנד, טאָר אַ איד אויפן וועג זיך ניט טרעפן. דאָס איז אָדער אַ פּאָליציסט, אָדער אַ ס.ד.־מאַן, אָדער עפּעס אַ „קרוב למלכות״. ביי אַלע פּשוטע בירגער האָט מען די ראָווערן צוגענומען.

מיר קוקן זיך אַרום. ניטאָ ווו זיך צובאַהאַלטן.

אין קאָפּ בליצט אויף אַ געדאַנק:

מיר זיינען פּויערטעס, וואָס קלייבן גראָז פאַר חזירים.

מיר ליגן שוין אויפן פעלד, איינע אויף די קני, די צווייטע איינגעבויגן ביז דער ערד, ביידע מיט די רוקנס צום וועג, און רייסן מיט גרויס התמדה גראָז אין די קוישלעך אַריין.

דער מאַן אויפן ראָווער וואַרפט אַ שנעלן קוק אויף די „פּויערטעס״ און באַלד קייקלט ער זיך שוין באַרג אַראָפּ און פאַרשווינדט פון אַנדער זייט.

נאָך 7 קילאָמעטער.

ביים וועג אויף אַן ארבעטספעלד זיצן ווייַרוסישע דאָרפסמיידלעך. זיי קוקן אונז אָן מיט חוזק:

— וווּהין, זשידוּווקעס? קאַפּוט אַלע זשידעס!...

דערשמעקט... זיי דערפילן אידן מיט אַ ספּעציעלן, עקסטרען חוש.

— און פון וואַנען נעמען זיך איצטער זשידעס אויף די וועגן? — זאָגט איינע פון די מיידלעך, הויבט זיך אויף שנעל פון אָרט און הויבט אָן שנעל צולויפן אין דער ריכטונג פון ד׳ער פּויערישער כאַטע, אַ 300 מעטער פון וועג.

— קום שנעלער, אפשר גייט זי וועמען רופן?!

צום גליק איז ניט ווייט אַ וועלדעל, מיר וועלן דאָ קענען שנעל פאַרשווינדן.

★

אָט איז זשעטל. ווי קומט מען אַריין אין געטאָ?

חיה׳קע ווייסט. הינטערן שטאָט אויפן פּלאַץ אָרבעטן זשעטלער אידן. מען וועט אַריין צוזאַמען מיט די אַרבעטער.

אין געטאָ גייען די אידן אַרום ווי אויטאָמאַטן. פון די אויגן קוקט אַרויס דער טויט.

וואָס איז, זשעטלער אידן? איר זייט דאָך אַלעמאָל געווען אַזוי מונטער, מיט אַזוי פיל גלויבן, געוואָלט, וואָס האָט פּאַסירט?

איך גיי אַריין אין שטוב צום אַלטן קוסטין, דעם פּרעזעס פון אידן־ראַט.

ניטאָ דער אַלטער קוסטין, ניטאָ פרוי קוסטין, ניטאָ דער גאַנצער אידן־ראַט. אַלע אַרעסטירט. דער וויצע־פּרעזעס, אַדוואָקאַט אַלטער דוואָרעצקי, מיט וועלכן דאָס שטעטל האָט זיך געגרויסט און געגלויבט אַז ער וועט מיט זיין חכמה אַרויסשלעפּן דאָס געטאָ פון אַלע צרות, איז מיט אַ גרופּע יונגע לייט אַנטלאָפן אין וואַלד. ער האָט געלאָזן אַ צעטל:

— אידן, ראַטעוועט זיך, ווער עס קען!״

אָבער זשעטלער אידן האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז עס וועט פּאַסירן אַ נס. און אַ נס מוז אין זשעטל זיין. זשעטל האָט געקאָרמעט 1000 בעזשענצעס, זשעטל האָט זכות אבות, צדיקים. און דער דייטשער לייטנאַנט האָט פאַרזיכערט. מען האָט אים אַזוי פיל געגעבן!

טענה׳ן אידן:

„שולדיק איז אַלטער דוואָרעצקי״. זיין שולד? ער האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ 70 פּאַרטיזאַנער, מען האָט זיך דערוווּסט, געכאַפּט אַ בחורל, געלאָזן אים שפּילקעס אונטער די נעגל, געשניטן די פינגער.

ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ צעטל אַ פאַרבלוטיקט דורכן פענסטער פון זיין תפיסה:

„ס׳איז שלעכט, ראַטעוועט זיך״.

איך בין אַריין אין שטוב אָפּגעבן אַדעקס בריוו.

אין צימער איז געווען נאָר אַדעקס חבר. אַלע זיינען געווען אין גאַס. ער איז געזעסן לעבן אַ קינדעריש וויגל, מיט די אויגן איינגעזויגן אין פּנימל פון זיין שלאָפנדיקער מיידעלע.

— אוי, ווי איך וואָלט וועלן גיין... אָבער איך קען דאָס ניט... אָט דאָס!

און ער האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין קינדס קאָלדרעקע.

אין זשעטל איז ניטאָ וואָס צו טון, מען דאַרף אַרויס וואָס שנעלער...

★

אויף מאָרגן האָבן פּויערים געבראַכט שוין קיין דוואָרעץ די גוטע בשורה:

מען האָט אויסגעהרגעט אין זשעטל אַ האַלבן געטאָ מיטן גאַנצן יודן־ראַט.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און זשעטל איז אינגאַנצן „ליקווידירט״ געוואָרן. די איינציקע אידן, וואָס האָבן באַוויזן זיך צו ראַטעווען אין די באַהעלטענישן, וואָס זיי האָבן געבויט אין געטאָ, זיינען געקומען קיין דוואָרעץ.

עס זיינען פאָרגעקומען גרויסע שחיטות אין נאָוואָגרודעק, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, געבליבן איז דערווייַלע דוואָרעץ.

דער טויט שלייכט איבער דוואָרעץ

די געקומענע זשעטלער אידן האָבן אריינגעטראָגן אין לאַגער אַ געוויסן אומרו. געמאָנט די דוואָרעצער עפּעס צו

אונטערנעמען. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען איבער לאַגער, ווי דראָענדיקע וואָרנונג־צייכנס.

מיר וואַרטן נאָך אַלץ אויף ידיעות פון דער גרופּע, וואָס איז אַוועק קיין נאַליבאָק. זיי זיינען אַוועק אָנפאַנג יולי — עס איז שוין אויגוסט—סעפּטעמבער, און קיין גרוס איז נאָך אַלץ ניטאָ.

צי דען האָט אַדעק פאַרגעסן?

יעדן טאָג גייען אָפּ גרופּן אידן פון לאַגער אין וואַלד... מען גייט אַוועק מיט ווייבער, קינדער, מען גייט אין דער ליפּטשאַנסקער פּושטשע.

פון מזרח קומט אָן אַ ידיעה, אַז אונזערע חברים, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע — 30 אין צאָל — זיינען אין נאַליבאָק אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דייטשן און זיינען אומגעקומען.

ביי אונז אין שפּיטאָל זיינען צוגעקומען נייע „קוואַרטי־ראַנטן". אַ זשעטלער פרוי האָט געבוירן אַ קינד. איך האָב געהאַלטן דאָס ניי־געבוירענע אויף די הענט און זיך געטראַכט:

— צו וואָס ביסטו געקומען אויף דער וועלט? כדי דאָ גלייך געהרגעט צו ווערן?!

די געווינערין ליגט אויף דער נאַרע מיט אַ פּאָר גלעזערנע אויגן, מיטן פּנים אומגעקערט צו דער וואַנט. זי האָט בעתן געבורט ניט געשריען, ניט געקרעכצט.

— דאָס איז מיין אומגליקלעך מיידעלע ווידער געקומען אויף דער וועלט.

זי רעדט שטיל, אָבער יעדעס וואָרט שרייט.

איר געשיכטע איז ניט אַנדערש ווי פון אַנדערע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה אין זשעטל, איז זי מיטן מאַן און 2 קינדער געזעסן אין אַ מעלינע. דאָס אינגערע מיידעלע, פון אַ יאָר 2, האָט זיך פונאַנדערגעשריען. זי האָט געפּאָדערט וואַסער.

די אידן אין מעלינע האָבן זיך דערשראָקן:

— באַרואיקט דאָס קינד, זי וועט אונז אַרויסגעבן, אָדער מיר וועלן זי דערשטיקן.

דער פאָטער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שרייענדיקע טעכ־טערל אויף די הענט און אַרויסגעגלאָפן מיט איר פון מעלינע. מער האָט זי זיי לעבעדיק ניט געזען.

★

עס איז סעפּטעמבער. די טעג נאָך זייער וואַרים, דער עולם איז צופרידן, מען האָט שטאַרק מורא פאַרן ווינטער.

דער אינזשיניער האָט מודיע געווען דעם יודן־ראַט, אַז מען מוז שאַפן שטיינער. די קאָפּאַלניע איז ניט גענוג פּראָ־דוקטיוו. אויפן פּלאַץ ביי די וואַגאָנעס איז שוין ליידיק פון שטיינער. מען האָט באַשלאָסן אַפּרייניקן פון שטיינער דעם לאַגער. עס זיינען געווען שטיינער אויפן ברוק, איינגעפאַלענע בריקלעך. און דער אידישער בית־עולם? עס איז דאָך אַ גאַנצער אוצר פון שטיינער.

אין איין פרימאָרגן האָט מען דערזען אין לאַגער אַן אויס־טערלישע פּראָצעסיע: פאָרויס איז געגאַנגען דער יודן־ראַט, דאַן די רבנים, דער דאָקטאָר פון שפּיטאָל און די איבעריקע „באַטאַבלען" פון לאַגער. אַלע האָבן זיי געטראָגן צו אַ שטיין.

מען האָט געטראָגן מיט גרויס התלהבות, מיט גאווה און איבערצייגונג, אַז מען טראָגט די ישועה פאַר די אידן.

אָבער אויף די זשעטלער האָט די פּראָצעסיע ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק. זיי האָבן געגלויבט אין איין זאַך — אַ מעלינע, אַ באַהעלטעניש.

אין זשעטל איז געווען אַ גאַנצע אונטערערדישע שטאָט. אַ דאַנק די סכראָנעס, ווי זיי האָבן עס גערופן, זיינען פון דער שחיטה ארויס ביי 600 אידן. דער גרעסטער טייל פון זיי איז אַוועק אין וואַלד.

— מען דאַרף בויען אַ סכראָן. וואָס וואַרט איר נאָך?

— מען דאַרף אַוועקגיין אין וואַלד, — טענה איך דאָס מייניקע.

און מיר וואַרטן נאָך אַלץ אויף ידיעות פון אונזערע פּיאָנערן.

אפשר גיין אין ליפּטשאַנסקער פּושטשע?!

ניין, בעסער אין נאַליבאַקער. עפּעס נענטער צו דער אַלטער, סאָוועטישער גרענעץ, דאָרטן זיינען דאָ מער סאָוועט־טישע מענטשן...

★

היינט איז אין שפּיטאָל דאָ אַ גאַסט. אַ אידישער פּאַרטיזאָן פון ליפּטשאַנסקער פּושטשע. ער האָט אַ לאָך פון אַ קויל אין פוס. מען האָט אים ביי אונז איבערגעבונדן די ראַנע.

עס איז ניט דער ערשטער פאַל. עס קומען איצטער עפּטער פּאַרטיזאַנער פאַרוווּנדעטע. אין וואַלד זיינען נאָך ניטאָ קיין דאָקטוירים. מען איז אַוועק קיין לידע נאָך אַ דאָקטאָר.

אונזער צווייטער דאָקטאָר פון שפּיטאָל, ד"ר טעפּער, האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג פון די פּאַרטיזאַנער צו קומען צו זיי אין וואַלד. ער גייט אַרום אַ צעטומלטער. ער וויל אַוועקגיין, נאָר זיין ווייב לאָזט ניט. זי קען זיך ניט שיידן מיט אירע טעפּ־לעך פּעטס. זי האָט מורא פאַר די שוועריקייטן פון וואַלד.

אוי, דו נאַרישע אידענע!...

★

פון נאַליבאָק זיינען נאָך אַלץ ניטאָ קיין ידיעות. איך באַשליס היינט אַוועקגיין מיטן פּאַרטיזאַן אין ליפּטשאַנסקער פּושטשע. איך גלויב, איך וועל זיך דערשלאָגן צום אָטריאַד. איך האָב געקראָגן אַ־ידיעה פון כאַנע סאָסנאָווסקי, אַ בעזשע־ניעץ פון פּוילן, וואָס איז פון זשעטל נאָך דער שחיטה אַוועק אין וואַלד. ער איז אין אַ קאַמפּס־אָטריאַד און וועט מיר דער־מעגלעכן דאָס אָנשליסן זיך. איך רייד אָפּ זיך צו טרעפן מיטן פּאַרטיזאַן אויפן שאָסיי.

6 אַזייגער אינדערפרי. איך טרעט איבערן נאַסן פּאַרטויטן גראָז. כ'גיי צו צום טויער, קיינער איז ניטאָ. ס'איז גוט. כ'גיי אָפּ אַ האַלבן קילאָמעטער.

— סטאָפּ! געכאַפּט!!! לאָמיר אָקאָרשט זיך דורכשפּאַצירן צום יודן־ראַט, כ'האָב, געוווּסט, אַז דו גייסט אין וואַלד!

ווי פון אונטער דער ערד איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן יוספּקע דער פּאָליציאַנט. פאַר יוספּקען האָט מען אין לאַגער מורא געהאַט. ער פּלעגט קענען גאַנץ גוט אָנקלאַפּן. כ'פּרוביר מיט אים פאַרהאַנדלען. ס'האָט ניט געהאָלפן. ס'איז נאָך גוט, וואָס ער איז צו מיר העפלעך...

✱

עס הויבן זיך אָן אין לאַגער צו פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מען וועט דעם גאַנצן לאַגער אַרויספירן אויף מזרח, אין „ביעליע באָלאָטאַ". דאָ דאַרף מען מער ניט קיין אידן, עס זיינען שוין ניטאָ קיין שטיינער.

ביי דעם אינזשיניערס קאַנטאָר שטייט אַן אויטאָ. אידן גייען אַרום מבולבל:

— נישט אומזיסט איז געקומען די טאַקסי.

אין אַ ווײַלע אַרום אַ סבאָרקע.

עס הויבט זיך אָן...

מען זאַמלט זיך אויפן פּלאַץ, לעבן שפּיטאָל. דער אינזשי־ניער האַלט אַ דרשה:

— אידן, אייך דאַרף מען דאָ ניט האָבן. איך וויל אייך אָבער ראַטעווען. איך האָב אייך פאַרהיט פון טויט ביז איצט, איך וועל אייך פאַרהיטן אויף ווייטער, ביזן סוף, ביז ענדע קריג. איך וועל זיין אייער משה, וואָס וועט אייך פירן „דאָ זיעמי אָביעצאַנעי" איר וועט פאָרן אין אַ נייעם לאַגער, אויף מזרח. דאָרט דאַרף מען אָבער צוגרייטן וווינונגען. זאָלן זיך פון אייך אייניקע צענדליק מענער פאַרשרייבן פרייוויליק. מען דאַרף דאָרט האַנטווערקער...

וואָס פאַראַ בילבול אין מוח! צום טויט, אָדער ווירקלעך אויף אַרבעט? ביז איצטער האָט מען נאָך ניט געשאָסן אין לאַגער קיין איין מענטשן, אפשר דאַרף מען גלויבן דעם אינזשיניער?

עס איז שוין באַלד אָוונט. קיינער האָט זיך נאָך ניט געמאָלדן.

בייראַך איז מודיע:

— אידן, איר האָט מורא, איך פאָר מיט אייך. איך לאָז איבער מיין ווייב אין קינד און פאָר מיט.

גוטער, איידעלער, אָבער נאַאיווער בייראַך!

צו מיר איז צוגעקומען באָריאַ:

— איך האָב זיך פאַרשריבן אויף צו פאָרן.

— צו וואָס?

— די, וואָס וועלן פאָרן מיט בייראַכן, וועלן אפשר בלייבן לעבן. דער אינזשיניער האָט בייראַכן ליב, ער וועט אים ניט שיקן אויפן טויט. דאָ וועט זיכער זיין אַ שחיטה.

עס זיינען אָפּגעפאָרן פון דוואָרעץ עטלעכע און דרייסיק מאַן מיט בייראַכן. וווהין?... קיינער האָט מער פון זיי גאָר־ניט געהערט.

✱

מיר באַשליסן, אַ גרופּקע חברים, ניט צו וואַרטן מער און מאַכן אַ פּרווו אַליין זיך צו דערשלאָגן צו דער נאַליבאָקער פּושטשע. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַן איוועניצער פרוי. זי ווייסט דעם וועג, זי וועט פירן.

מיר גייען אַרויס ביינאַכט. נעמען מיט קליינע פּעקלעך. אין געטאָ איז נאָך טומלדיק. מען גליטשט זיך אומבאַמערקט דורך דעם צוים און מען ווערט פאַרשוווּנדן אין וואַלד.

מיר גייען לאַנגזאַם, ס'איז שווער צו גיין ביינאַכט דורכן וואַלד. מיר גייען ניט מיטן וועג, נאָר שניידן דעם וואַלד דורך דער געדיכטעניש. מען קען נאָך וועמען אָנטרעפן אויפן וועג.

מיטאַמאָל בלייבט אונזער פירערין שטיין.

— ס'איז פינצטער, לאָמיר דאָ אָפּוואַרטן ביז ליכטיק. איך ווייס ניט, צי מיר גייען אין דער ריכטיקער ריכטונג.

ערשטער דורכפאַל... מיר בלייבן שטיין. ערשט איצטער דערפילן מיר די פינצטערניש.

עס הויבט אָן גרוי צו ווערן. מיר זיינען נאַס, אַלעמען שוידערט.

מען גייט פאָרויס. ס'איז שווער צו זאָגן, וויפל שעה מיר זיינען געגאַנגען. עס האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו רעגענען, שווער פעסטצושטעלן די צייט.

מיר זיינען אַרויס פון וואַלד. אויף אַ לאָנקע האָבן זיך גע־פּאַשעט בהמות.

— קלייבט שוועמלעך — זאָגט די פירערין.

מיר בויגן זיך איין אונטער די סאָסנעס. מיר „קלייבן".

— פון וואַנען, זשידי? — הערן מיר אַ קול.

די פּאַסטעכער קוקן אויף אונז מיט חוזקפולע אויגן.

— פון דוואָרעץ, מיר זיינען דעם אינזשיניערס! — ענט־פערט איינע פון די מיידלעך.

דעם אינזשיניערס אידן האָט מען ביז איצט ניט גע־טשעפּעט.

— צו וואָס זייט איר אַהער געקומען?

— מיר קלייבן שוועמלעך.

— ווריאָש! מען האָט אייך די נאַכט דאָרטן אַלעמען אויס־געקוילעט. איר זייט אַנטלאָפן. קומט נאָר מיט אונז אין דער פּאָליציי אַריין!...

— איז עס אמת, וואָס ער האָט געזאָגט? — גיט אַ בליץ אין מוח.

דערווײַלע פאַרקוקט זיך דער הויפּט־רעדנער אויף אַ פּעקל, וואָס עס האָט געטראָגן איינע פון אונזערע מיידלעך. ער גיט אַ כאַפּ פאַרן פּעקל. די מיידל לאָזט ניט. ער שלעפּט אַרויס פון פּעקל אייניקע זאַכן. ביז ער איז פאַרטאָן מיט זיין רויב, פאַר־שווינדן מיר צווישן די ביימער.

מיר קומען צו צו אַ דאָרף. די פירערין בלייבט שטיין, קוקט זיך אַרום. זי גייט אַריין אין דאָרף און פאַרפירט אַ שמועס מיט די פּויערים. זי קומט צוריק, גייט ווייטער און קערט זיך ווידער אום.

מיר כאַפּן פאַרשטיין, אַז אונזער פירערין ווייסט ניט דעם וועג.

אונזער לאַגע ווערט שווערער, מיר זיינען אָן געווער, מיר ווייסן ניט, ווו מיר געפינען זיך. מיר טאָרן ניט אַרייַנגיין צו אַ פּויער פרעגן. נאָך אַ קורצער באַראַטונג באַשליסן מיר צו דערגיין, ווו מיר געפינען זיך און גיין צוריק.

מיר בלייבן שטיין לעבן אַ פּויערים־ווירטשאַפט. אַנטקעגן גייט דער בעל־הבית. מיר פרעגן ביי אים דעם וועג.

דער פּויער מעסט אונז אָפּ מיט אַ חשדפולן בליק און ווייזט:

— גייט אַהין.

אַליין פאַרשווינדט ער גלייך אין כאַטע.

מיר גייען אין דער אָנגעוויזענער ריכטונג, גייען אַריין ווידער אין אַ וואַלד.

פּלוצלונג שיסערייען, איינציקע שאָסן.

— ווו זיינען מיר?

אַנטקעגן אונז גייט אָן אַ קריסטין מיט אַן עמער מילך.

— מומינקע, איז דאָ דער וועג אויף דוואָרעץ? מיר האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט. און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שיסעריי?

— מוטער הייליקע, וווּ גייט איר? — פֿאַרברעכט זי מיט די הענט. — איר זייט דאָך אַ קילאָמעטער פֿון דייטשן פּאָסטערונעק. דאָ איז דאָך מייטשעט!

*

הונגעריקע, נאַסע און מידע דערשלעפּן מיר זיך בײַנאַכט צו דוואָרעץ.

מען טאָר אַזוי אין לאַגער ניט אַרײַנגיין, מען דאַרף ערשט וויסן, וואָס דאָרטן הערט זיך.

מיר שלײַכן זיך אַרײַן אין בית־עולם. ס'איז לייכט דורכצוגיין, דער פּאַרקאַן איז שוין אַ צעגומענער, די מצבות אַרויסגעפּירט. ווו ניט ווו וואַלגערן זיך נאָך איבערגעקערטע מצבות־ברוכן. שוין 3 וואָכן, ווי מען האָט געשפּייזט די וואַגאָנעס מיט שטיינער פֿון די מצבות. אין לאַגער איז שטיל, מען הערט גאָרניט. אין אַ פּאָר הייזער ברענט ליכט. מיר גייען אַרײַן.

*

— ביז מען וועט אַוועקגיין אין וואַלד, מוז מען דערווײַלע צוגרייטן אַ סכראָן.

די זשעטלערין איז גערעכט. זי איז בכלל אַן ענערגישע פרוי.

מיר באַקוקן אונזער שפּיטאָל. מיר זוכן אַן אָרט. מיר באַשליסן דעם קעלער צו פֿאַרוואַנדלען אין אַ סכראָן. דער אַרײַנגאַנג אין קעלער ווערט פֿאַרקלאַפּט. אויף דער געוועזענער טיר ווערט אַוועקגעשטעלט אַ שאַנק. דעם אַרײַנגאַנג מאַכט מען דורכן קאָטוך, וואָס איז אונטערן באַק־אויוון, אין צימער פֿון פּערסאָנאַל. מען גראָבט אין קעלער אַ נײַעם דורכגאַנג דורך אַ וואַנט. דער סכראָן איז ניט גרויס, פֿינצטער, דושנע, אָבער אַנדערש קען ניט זײַן.

אפשר וועט מען אים אויסמײַדן?

לעצטע טריט

ס'איז 4 אַ זייגער באַגינען, אָבער עס איז נאָך גאַנץ פֿינצטער. ס'איז נאָוועמבער. איבער דוואָרעץ ליגט שוין אַ דינע שיכט שניי מיט אײַז.

כ'האָב נעכטן אויסגעסקראָבעט דאָס לעצטע ביסל פּערלגרויפּן. אײַגנטלעך, זײַנען דאָס שוין געווען די לעצטע מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, כ'האָב צעטיילט אויף קליינע פּאָרציעס אַ פּאָר לעפֿל יעדן טאָג.

נעכטן האָב איך שוין ניט געקאָכט. ניט געווען וואָס. נאָר עס ציט עפּעס אינסטינקטיוו צום טאָפּ. די דעזשורסטווע מיט אַ ליידיקן מאָגן איז אַזוי אומענדלעך שווער! אויף די ווענטלעך פֿון טאָפּ זײַנען נאָך געבליבן פֿאַרטריקנטע גרויפּן. איך קראַץ עס אויס מיט דער לעפֿל.

אויפֿן שוועל שטייט העשקע. זי קוקט מיט אַזוינע אויגן! זי זאָגט אָבער גאָרניט.

העשקע איז הונגעריק. זי איז די גאַנצע צייט הונגעריק. ווען איך האָב געהאַט, פֿלעגט אויך העשקען זײַן לײַכטער. און נעכטן האָב איך איר גאָרניט געגעבן. איך האָב געהאַט פֿאַר איר איבערגעלאָזן אַביסל גרויפּן, נאָר איך האָב מיך ניט אײַנגעהאַלטן. איך האָב צו ביסלעך, פֿאַרבײַגייענדיק, יעדעס מאָל נאָר איין לעק געגעבן, אויפֿגעגעסן דאָס גאַנצע.

קוק ניט אויף מיר, העשקע!

*

אַ שטילער קלאַפּ אין שויב. איך דריק צו דאָס געזיכט צו דער שויב, איך וויל עפּעס זען. אוממעגלעך! איך הער נאָר:

— סאָניאַ, קומט אַרויס!

איך גיי אַרויס. אויפֿן בריקל שטייט דער קאָמענדאַנט פֿון דער לאַגער־פּאָליציי. ער הייסט מיר נאָכגיין. מיר גייען צום יודן־ראַט. דאָרטן געפֿין איך אַ קליין פּויערל, אַנגעטאָן אין אַ שעפּסענעם פּעלצל. דאָס פּויערל נעמט אַרויס פֿון בוזים אַ קליין שטיקל פּאַפּיר. עס איז אַ קורץ צעטל פֿון אַדעקן:

„ווען דו ווילסט, קום מיט דעם פּויער צו אונז, ער וועט דיר אַלץ איבערגעבן".

איך הויב אָן צו פֿרעגן דעם פּויער וועגן איבערגעבער פֿון צעטל. ער שווייגט. „מען טאָר ניט ריידן".

— אין צעטל שטייט דאָך, אַז דו וועסט מיר אַלץ איבערגעבן וועגן אַדעקן און זײַן גרופּע?

— פּאַני, איך ראָט דיר, בעסער גיי ניט. מיר דאַרפֿן גיין 75 קילאָמעטער צופֿוס, מען דאַרף דורכגיין נאָוואָגרודעק, גיין דורך דעם בריק אויפֿן ניעמאַן. אויפֿן בריק שטייען דייטשן. איך ראָט דיר, וואַרט נאָך אויף אַ וואָך, ווי נאָר דער ניעמאַן וועט פֿאַרפֿרירן, וועלן זיי אַליין קומען נאָך אײַך.

איך בין אין פֿאַרלעגנהייט. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּויער? קען מען אים גלויבן? צו וואָס רעדט ער מיר אָפּ? ער וויל מיך ניט אַוועקפֿירן.

דער פּויער האָט אויך געבראַכט אַ צעטל צו אַ פֿרוי, וואָס איר מאַן איז אַוועק מיט אַדעקן. מיר באַטראַכטן זיך בײדע. זי וויל ניט גיין. זי האָט מורא. זאָל איר מאַן קומען נאָך איר.

צו מיר גייט צו דער קאָמענדאַנט.

— סאָניאַ, גיי ניט, דו ווייסט ניט, ווער דער פּויער איז, ער וועט דיר אַרײַנפֿירן צו די דייטשן אין די הענט. אויב דו ווילסט שוין יע גיין, גיי אין ליפּטשאַנסקער פּושטשע, מיט ברוכ'ן.

ברוך איז געווען אַ פּאַרטיזאַן פֿון ליפּטשאַנסקער פּושטשע, וואָס האָט איצטער, נאָכן היילן זיך בײַ אונז, געדאַרפֿט אָפּגיין צוריק אין וואַלד.

כ'האָב ניט געקענט אָננעמען קיין באַשלוס. דער פּויער גייט ערשט מאָרגן אַוועק. ס'איז נאָך דאָ אַ גאַנצער טאָג, מיר וועלן זען.

אַ טאָג, אַז דער קאָפּ פּלאַצט. אַ שלאָפֿלאָזע נאַכט. איך באַשליס דאָך צו גיין. מײַנע קאָמפּאַניאָנקעס — מיר האָבן געדאַרפֿט אַרויסגיין זאַלבעפֿירט — האָבן זיך ניט אָנטזאָגט.

איך לויף צום פּויער. ער איז שוין ניטאָ. ער איז אַוועק בײַנאַכט.

ווו איז ברוך? ברוך איז שוין אויך ניטאָ.

די לאַגער־פּאָליציי האָט אים געמאָלדן:

— אויב דו וועסט וואַגן מיטנעמען פֿון לאַגער אַ מענטשן, וועלן מיר דיך אָפּהיטן אויפֿן שאָסיי און איבערגעבן אין דעם אינזשיניערס הענט.

ברוך האָט זיך דערשראָקן און אַוועק אַליין.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז מען האָט אונז אין יודן־ראַט אָפּגענאַרט. דער פויער איז טאַקע געווען דער ריכטיקער שליח, אַ פויער פון איוויע, וואָס פלעגט שטענ־דיק פירן איוויער אידן ברענגען געלט און שפּייז די איוויער אין דוואָרעצער לאַגער.

מיר האָבן פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיטן וואַלד. אַליין שולדיק. ניט געווען גענוג באַשלוּספייאיק.

*

היינט קאָכט אין יודן־ראַט.

אַ פויער פון שכנותדיקן דאָרף איז געקומען אין לאַגער און געמאָלדן דעם אינזשיניער, אַז אידן פון לאַגער אין דוואָרעץ זיינען צו אים ביינאַכט אַריין מיט געווער און אים באַרויבט, צוגענומען שטיוול און פּראָדוקטן.

מען האָט געשמועסט אין לאַגער, אַז דאָס איז אַ שטיקל אַרבעט פון יוספקע דעם פּאָליציאַנט מיט זיין חברה. ער איז דאָך אָבער אַ פּאָליציאַנט, ער מעג דאָך!

דער לאַגער איז געשפּאַנט. וואָס וועט דאָ זיין?

דער אינזשיניער האָט גערופן צו זיך נאַוויקן און געמאָלדן, אַז אַלע זאָלן האָבן צוגעגרייט פּעקלעך פון 10 קילאָ, מען וועט די טעג אַרויספאָרן אין דעם נייעם לאַגער אויף „ביעליע באָלאָטאָ".

ביי אונז איז חנוכה

דער לאַגער איז שוין טויט.

היינט האָט אין לאַגער פּאַסירט דער ערשטער מאָרד־פאַל: מען האָט דערשאָסן אַ פרוי, וועלכע מען האָט געכאַפּט אויף דער אַרישער זייט.

אַנדערע טייטשן עס:

— דער אינזשיניער האָט עס געמוזט טאָן, ווייל די אידן זיינען שוין געוואָרן צולאָזן. מען גייט שוין רויבן אויסערן געטאָ.

אין שפּיטאָל האָט קיינער ניט קיין אילוזיעס.

דער דאָקטאָר טעפּער גייט אַרום און בורטשעט. ער איז אין כעס אויף זיין ווייב, וואָס זי האָט אים דאַן ניט געלאָזט אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער...

מיר באַשליסן. מיר וועלן זיך ניט לאָזן פירן קיין „ביעליע באָלאָטאָ", מיר וועלן גיין אין וואַלד, ווו געפינט מען אָבער אַ וועגווייזער?

און דערווייל קומט אָן חנוכה.

עס זיינען די ערשטע טעג יום טוב. צי וועט עס ניט זיין אונזער לעצטער חנוכה? אויף יעדן פאַל האָבן מיר באַ־שלאָסן צו בלייבן לעבן!

מיר וועלן זיך נאָך ראַנגלען, הער אינזשיניער, עס איז נאָך דאָ אַ וואַלד. און אפשר וועסטו נאָך אַריינפאַלן אין וואַלד צו אונז אין די הענט אַריין?

אָבער ווו נעמט מען אַ שטיקל געווער? יוספקע דער פּאָ־ליציאַנט ווייסט, ווו מען קריגט געווער, אָבער ער דאַרף עס פאַר זיינע „עקספּעדיציעס".

ווו נעמט מען די מיטלען אין לאַגער זיך איינצושאַפן געווער?

מיר זיינען דאָך ניט מער ווי בעזשענצעס...

דערווייל איז חנוכה ביי אידן. דער טערמין, וואָס דער אינזשיניער האָט פעסטגעשטעלט פאַרן אַרויספאָר פון לאַגער, איז שוין פאַרביי. דער לאַגער ווערט צעפרעסן דורך דער אומ־זיכערקייט, דורכן וואַרטן.

אַהין אָדער אַהער! אַן עק זאָל נעמען!

און אפשר בלייבט מען אויף אַן אָרט? אפשר האָט דער אינזשיניער רעכט?

אוי, איר נאַרישע אידן! אין לאַגער איז שוין דאָ אַ צווייטער און אַ דריטער קרבן... דער אינזשיניער דאַרף שוין ניט „זיינע" אידן...

אָבער היינט איז ביי אידן חנוכה, דער יום־טוב פון אידי־שער גבורה. אויף צו להכעיס דעם אינזשיניער און אַלע דייטשן! היינט איז ביי אונז יום־טוב!

אונזער שפּיטאָל־קאָלעקטיוו האָט באַשלאָסן אַ „הוליע" צוטאָן חנוכה. מען האָט אַרויסגעצויגן פון אונטער זיך, ווער עס האָט נאָך געהאַט די ליילעכער, אויסגעוואַשן און געדעקט דעם טיש, דער דאָקטאָר האָט געגעבן פעטס, וואָס ער האָט געקראָגן פון אַ קריסטלעכן פּאַציענט (אין דוואָרעץ איז ניט געווען קיין אַרישער אַרצט, פלעגט מען, מיט דער דערלויבע־ניש פון אינזשיניער, אַרויסרופן פון לאַגער דעם אידן, און דער דאָקטאָר איז דעריבער געווען זאַט). ביי נאָך עמיצן האָט זיך געפונען אַביסל מעל. מען האָט געבאַקט לאַטקעס. ס'איז געווען יום־טוב.

אין צווייטן עק לאַגער האָט געלעבט אַ מינסקער אַרטיסט, קאַגאַן. דער עולם האָט באַשלאָסן, אַז עס מוז זיין אַ קינסטלע־רישער טייל.

אויף דער גאַס איז געווען אַ שרעקלעכער שטורם־ווינט, אַ זאַווערוכע. שווער געווען פעסטצושטעלן, עס שנייט אָדער עס רעגנט. מען האָט באַשטימט אַ דעלעגאַציע צו ברענגען קאַגאַנען.

מיר זיינען אַרויס זאַלבעדריט, געבראָדזשעט ביז די קני אין בלאָטע, אַריינגעפאַלן אין דער פינצטער אין אַ קאַלוזשע. נאָר מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט דעם אַרטיסט פון זיין געלעגער און אים געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין.

יע, דעם אָוונט האָט מען פאַרגעסן, אַז מען איז אין לאַגער. עס זיינען שוין ניטאָ קיין טאַטע־מאַמע, קיין קינדער, יעדן טאָג וואַרט מען אויפן אָנגעזאָגטן סוף... מען האָט פאַרהאַנגען מיט קאָלדרעס די פענסטער, עס זאָל זיך ניט הערן אויף דער גאַס, און מען האָט זיך צעזונגען.

און פיל פון אונז האָבן זיכער אין די גוטע יאָרן ניט געזונגען מיט אַזוי פיל ברען און האַרץ, ווי די שטורעמדיקע נאַכט. מען האָט געזונגען אַמאָליקע אידישע פאָלקס־לידער, מאָדערנע סאָוועטישע, העברעאישע, אַלערליי ניגונים און ליי־דער וואָס יעדער איינער האָט אין זכרון געהאַט, און ס'איז ניט געווען גענוג. קאַגאַן האָט רעציטירט:

— אַמאָל איז געווען אַ קעניג. דעם קעניג האָט מען אָפּ־געהיט, ווי אַן אויג אין קאָפּ, ער זאָל זיך, חס וחלילה, ניט טרעפן מיטן פאָלק, דאָס זאָל ניט אָנרירן זיין גרויסקייט. האָבן

אָבער דעם קעניגס שונאים, די רעוואָלוציאָנערן, אָנגעהויבן קעגן קעניג אַ העצע, אַז ער איז שוין אַן „עבר בטל".

דעם קעניגס מיניסטער האָט אים געראַטן איבערצייגן זיין פאָלק, אַז די שונאים זיינען ניט גערעכט. מען האָט גע־הייסן אָרדנען אַ פּאַראַד, אויף וועלכן דער קעניג האָט זיך געדאַרפט באַווייזן פאַר זיין פאָלק אין זיין גאַנצער פּראַכט... באַפוילן און אויסגעפירט.

נאָר אַזוי זיך אָנטועענדיק צום פּאַראַד, האָט דער קעניג דערפילט אַ שטאָך אין רוקן. ער האָט זיך געגעבן אַ קראַץ און אָנגעהויבן שרייען.

זיין גרויסער מיניסטער האָט אים אַראָפּגעצויגן דעם בגד, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ קליין שוואַרץ באַ־שעפעניש.

— וואָס איז עס אַזוינס? — האָט געפרעגט דער קעניג.

— אַ קעניג טאָר עס ניט האָבן, טאָר דערפון ניט ריידן, עס איז נאָר פאַרן פּראָסטן פאָלק... — דאָס איז אַ פליי... ששששש... די שונאים זאָלן זיך דערפון ניט דערוויסן!

דער קעניג נעמט אויף אין זיין גאַנצער פּראַכט דעם פּאַראַד. זיין פאָלק זעט, אַז די שונאים האָבן גאָר בייזע צינגער, עס איז ניט אמת, וואָס זיי ריידן.

מיטאַמאָל, אוי, אַן אומגליק! דעם קעניג גיט עפּעס איין מאָל אַ שטאָך אין פּלייצע און נאָכאַמאָל... דער קעניג קען שוין מער ניט אויסהאַלטן. — ער מוז זיך אַ קראַץ טאָן.

אָבער דער מיניסטער דערלויבט ניט. דאָס גאַנצע פאָלק קוקט, אַ קעניג טאָר זיך ניט קראַצן!

— נאָר איין קראַצעלע — בעט זיך דער קעניג רחמים ביי זיין מיניסטער.

— מען טאָר ניט, די שונאים וואַרטן נאָר דערויף.

נאָר דער קלוגער מיניסטער האָט אַן עצה. דעריבער האָט ער דאָך אַ מיניסטערישע קאָפּ. דאָ אויפן פּאַראַד זיינען זיכער פאַראַן רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן אויספירן אויפן קעניג אַן אַטענטאַט. מען דאַרף איינעם אַזאַ צולאָזן צום קעניג, ער זאָל אים לייכט מיטן שטילעט אַ שטאָך טאָן אין פּלייצע. דער קעניג וועט זיך דאַן מעגן אַ קראַץ טאָן און ער וועט נאָך ווערן אין די אויגן פון פאָלק פאַררעכנט פאַר אַ מאַרטירער. די עצה איז דעם קעניג שטאַרק געפעלן. מען געפינט גלייך אַן אַטענטאַטאָר מיט אַ שטילעט. מען הייסט אים גיין און אַ שטאָך טאָן דעם קעניג אין רוקן.

דער אַטענטאַטאָר גנבעט זיך לאַנגזאַם צום קעניג, און די פליי בייסט דערווייל, אַז דער קעניג קען שוין מער ניט אויסהאַלטן...

— שנעלער דו, שטעך שוין, אָט דאָ — רופט דער קעניג דעם אַטענטאַטאָר.

— וואָס? — שרייט דער רעוואָלוציאָנער, — דו ווילסט גאָר, איך זאָל דיך שטעכן, אָבער איך טו קיין זאַך ניט פאַר דעם קעניגס פאַרגעניגן!

און דער רעוואָלוציאָנער האָט זיך אויסגעדרייט און שנעל אַנטלאָפן...

קאַגאַן רעציטירט לעבעדיק, זאַפטיק, דער עולם האָט גרויס הנאה.

הינטערן פענסטער לויערט דער טויט, נאָר ביי אונז איז פריילעך, ס'איז חנוכה!

ס ו ף

— מער טאָר מען ניט וואַרטן, לאָמיר גיין אין וואַלד.

— לאָמיר אָפּוואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, מען וועט זען, וואָס וועט דאָרטן זיין.

אין וואַלד איז געגאַנגען אַן אָבלאַווע. קיין דוואָרעץ זיינען געקומען פון וואַלד צולויפן אידן. זיי האָבן דערציילט גרויל־מעשיות.

אין וואַלד איז איצטער ניטאָ קיין אָרט. עס איז אָנגעפאָרן אַ ריזיקע אַרמיי. מען האָט דורכגענישטערט אין וואַלד יעדן קוסט. מען האָט צעיאָגט און צעהרגעט די פּאַרטיזאַנער.

אין שפּיטאָל איז געקומען פון וואַלד אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף. זי איז אַנטלאָפן פון אָבלאַווע. האָט געהאַט אָפּגע־פרוירענע פיסלעך און ווונדן אויפן רוקן. מען האָט אין איר געשאָסן.

— ניטאָ וואָס צו גיין אין וואַלד, בעסער שטאַרבן אויפן אָרט — האָט מען געטענה'ט.

נאָר ווען איך האָב דעם 28־טן דעצעמבער, 9 אַ זייגער, אין צייט פון מיין דיזשור אַרויסגעטראָגן אין דרויסן אַ שיסל וואַ־סער, זיינען לענגאויס פון דראָט־צוים געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן שפּיטאָל־וואַנט ס. ס.־לייט. זיי זיינען געשטאַנען געדיכט, 6 מעטער איינער פון אַנדערן.

מען האָט זיך געוואָרפן אין אַן אַנדער זייט. דער לאַגער איז געווען אַרומגערינגלט.

און פון פעלד, דורכן טויער, האָט מען שוין געפירט אין לאַגער צוריק די בריגאַדעס, וואָס זיינען געווען אַרויס צו דער אַרבעט.

פון יודן־ראַט האָט מען געמאָלדן דעם אינזשיניערס באַ־פעל צו נעמען אַ קליין פּעקל און אַרויסגיין אויפן פּלאַץ — מען וועט פירן קיין „ביעליע באָלאָטאַ".

עס איז געקומען דאָקטאָר זיידמאַן. מיר האָבן געמאַכט דעם אָבכאָד פון די קראַנקע, איבערגעבונדן די ווונדן.

— וואָס מיינט איר דערצו, דאָקטאָר?

— איך מיין, אַז עס איז שוין דער סוף.

און זייבע ליפן זיינען געווען בלוי, נאָר ד"ר זיידמאַן האָט געשמייכלט.

אין לאַגער זיינען אידן אַרומגעלאָפן הין און צוריק. מען האָט געשפּאַרט צו די צוימען. נאָר דערזעענדיק די דייטשן פלעגט מען אָפּשפּרינגען צוריק. און זיי זיינען געשטאַנען אַרום לאַגער און געקוקט, ווי מען קוקט אויף מוראַשקעס, וואָס לויפן אַרום הין און צוריק, בשעת מען צעגראָבט מיט אַ שטעקן זייער מוראַשניק.

אויפן פּלאַץ דרייען זיך אַרום די אידישע פּאָליציי־לייט.

— זאָלן אידן ניט גיין צום פּלאַץ, — ס'איז דער טויט.

— אין לאַגער זיינען דאָ ביקסן, אויב מען וועט פירן שיסן, וועט מען זיך דורכרייסן... דערווייל ווייסט מען ניט, מען דאַרף גיין אויפן פּלאַץ.

אידן האָבן זיך אָנגעהויבן, מיט זייערע פּעקלעך, צו זאַמ־לען אויפן פּלאַץ.

דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַראָפּצוגיין אין סכנאָן. מען האָט אַראָפּגעטראָגן ברויט, וואַ־סער. און דאָ האָבן זיך מענטשן דערמאָנט אָן זייערע זאַכן,

בעטגעוואַנט. עס איז געוואָרן אַ שאָד איבערצולאָזן. מען האָט אָנגעהויבן בינדן פּעק און וואַרפן אין באַהעלטעניש, מען האָט זיך ניט גערעכנט, אַז יעדער אַזאַ פּאַק פאַרנעמט אַן אָרט פון אַ מענטשן...

ענדלעך איז מען אַראָפּ אין סכראָן. איך בין געשטאַנען אויפן שוועל פון קראַנקן־פּאַלאַטע.

ווי גייט מען אַראָפּ אין סכראָן און מ׳לאָזט איבער אויף די בעטן די פאַרווונדעטע, וואָס קענען אַליין אַפילו זיך ניט איבערקערן?

אין דעם מאָמענט האָט זיך שוין נימז געוואָלט לעבן. ניטאָ וואָס צו גיין אין סכראָן. אַלצאיינס, פּ״יער — שפּעטער...

און פאַרוואָס דאַרפסטו עפּעס לעבן, ווען דיין מאַמע, דיין מאַן, דיינע שוועסטער זיינען שוין לאַנג ניטאָ:

פון סכראָן האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען:

— סאָניאַ, גיי אַראָפּ, דו וועסט אונז אַלעמען אַרויסגעבן!..

— וועט איר אויך שטאַרבן, איז וואָס?!

אין האַרצן איז געווען איין געפיל: אַ שנאה צו זיך און צו אַלעמען.

איך בין געשטאַנען ביים שפּיטאַל־פענסטער און געקוקט, ווי אידן לויפן אַרום, שרייען, פּילדערן.

אויפן בעט איז געזעסן העשקע. זי האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, געוואַרט אויף עפּעס אַ טרייסט־וואָרט.

איך האָב איר אָבער גאָרניט געזאָגט. דער ליגנערישער טרייסט איז מיר ניט אַראָפּ פון די ליפּן.

און ביזן היינטיקן טאָג קוקט מיר העשקע אין האַרצן אַריין:

פאַרוואָס האָב איך דיר, העשקע, קיין גרויפן דאַן ניט איבערגעלאָזן? פאַרוואָס האָב איך דיר גאָרניט געזאָגט?

פּאָליציסטן האָבן אָנגעהויבן אַרויספירן דורכן טויער גרופּעס אידן. דעם אינזשיניערס מענטשן האָבן אַנגעהויבן גיין איבער די הייזער, אַרויסטרייבן אידן צום פּלאַץ...

און דאַן האָט זיך מיר אַזוי שטאַרק פאַרוואָלט לעבן!... ניין, זיי זאָלן מיר דא ניט געפינען, ניט טרייבן צום טויט!...

איך האָב מיך שנעל אַראָפּגעלאָזט אין קעלער.

דער סכראָן איז געווען פול געפּאַקט. עס זיינען אַראָפּ איבער 50 מענטשן, כאָטש נאָרמאַל האָבן דאָרטן געקענט זיין קוים 25.

מען האָט פאַרמאַכט דעם סכאָרן. אויפן דעקל האָט מען אַרויפגעשטעלט אַ וואַשׂשיסל, זי זאָל מאַסקירן די עפענונג.

אין סכראָן האָט אויסגעפעלט לופט. גראָבע שוויס־טראָפּנס האָבן אָנגעהויבן זיך קייקלען איבער די פּנימער.

די צייט איז געגאַנגען. איך ווייס ניט, שנעל אָדער לאַנג־זאַם. מען איז געווען ווי לעבעדיק באַגראָבן, מחוץ דעם תחום פון צייט.

מיר האָבן ניט געוווּסט, וויפל צייט איז אַריבער, וויפל איז געווען דער זייגער. נאָר איבער אונזערע קעפּ האָבן זיך דערהערט טריט. מען איז דאָרטן אין אונזערע צימערן אָרומ־געגאַנגען, ווייזט אויס, מען האָט געזוכט דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל.

דאַן האָט זיך דערהערט אַ רוקן פון מעבל, גאַנץ נאָנט, ביים סאַמע אַראָפּגאַנג אין סכראָן. דאָס האָט מען אָפּגערוקט די באַנק, וואָס איז געשטאַנען ביים אויוון, אונטער וועלכער מיר זיינען געלעגן.

עס איז קאַלט געוואָרן אין האַרצן. מען האָט אויפגעהערט זיך צו ווישן דעם שווייס פון פּנים.

דאַן איז ווידער אַלץ שטיל געוואָרן.

פון דרויסן האָבן זיך דערטראָגן דומפּע קנאַלערייען. עס האָט זיך אָנגעהויבן...

עס איז ווידער אַוועק אַ געוויסע צייט... מיר האָבן גע־שפּירט, אַז מיר ווערן דערשטיקט. דאָס וואַסער איז שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. די קינדער, וואָס זיינען געווען אין סכראָן, האָבן זיך פונאַנדערגעשריען אויפן קול:

— מאַמע, וואַסער!

מען קען זיי ניט באַרואיקן.

אַ אידענע גיט אַן עצה, מען זאָל זיי געבן השתנה.

מען טוט אַריין סאַכאַרין. דאָס קינד הויבט אָן צו טרינקען, און דאַן שרייט עס ווידער: „איך וויל אַנדערע וואַסער“.

אויבן גיט אַ קלאַפּ אַ געפּעס. דאָס האָט מען אָפּגעשליי־דערט פון אַריינגאַנג די וואַש־שיסל... אָט באַלד קומען זיי צו אונז...

עס גיט אַ סקריפּע אַ טיר. דאָס זיינען זיי אַריין צו די קראַנקע. דאַן אַ קנאַל... דער קעלער גיט אַ ציטער... אין די אויגן הויבט זיך אָן שיטן ערד. מיר פאַרשטייען: מען האָט אַריינגעוואָרפן צו די קראַנקע גראַנאַטן.

אָרום איז ווידער שטיל. נאָר פונדערווייטנס הערט זיך דאָס קנאַלן פון מאַשין־געווער.

ווי שפּעט קען עס זיין? ווי לאַנג זיצן מיר שוין אין קעלער? אַ וואָך, צוויי, דריי?

דאָס קנאַלן האָט שוין אויפגעהערט. שטיל, ווי אין אַ קבר. אַלע גלידער ברעכן פון דער אומבאַקוועמער פּאָזיציע, וועלכע מען קען צוליב דער ענגשאַפט ניט ענדערן, אין האַלז ברענט, די צונג איז ווי אַ ברעט...

אַרום — טויטע שטילקייט. מען הויבט אויף פאָרזיכטיק דעם דעק פון סכראָן. קיין קלאַנג פון אַ לעבעדיקן וועזן, ס׳איז נאַכט. עמיצער שלייכט זיך פאָרזיכטיק אַרויס און ברענגט וואַסער.

אויפן גאַס דערהערן זיך טריט. מען לייכט אַריין מיט אַ טאַשן־לעמפּל אין צימער אַריין. מען באַווייזט קוים צו פאַר־מאַכן דעם סכראָן.

און דאַן איז ווידער טאָג.

דורך דעם אַריינגאַנג־שפּאַלט איז אַריינגעפאַלן אין קעלער עטוואָס ליכט. איבער אונזערע קעפּ האָט מען ווידער אָנגע־הויבן אַרומצוגיין, מען האָט געלאַכט אויפן קול, גערעדט אויף פּויליש. דאַן איז צוגעפאָרן אַ פור. עס האָט זיך געהערט דאָס סקריפּען פון גערוקטע מעבל, דאָס קלאַפּן פון געוואָרפענע פּעק. מען האָט געראַמט די זאַכן פון שטוב. אַ פּאָר פעטע קללות אויף רוסיש... ווי עס ווייזט אויס, איז מען ניט דורכ־געקומען מיט דער ירושה.

די פור איז אָפּגעפאָרן און אַלץ איז ווידער שטיל געוואָרן.

עס איז ווידער נאַכט. וואָס טוט מען איצטער? אין סכראָן טאָר מען לענגער ניט בלייבן. מען דאַרף אַרויס.

— ווי אַזוי? וווּהין?

— אין פּושטשע, צו די פּאַרטיזאַנער.

די מיינונגען טיילן זיך. אַ טייל וויל ניט גיין אין וואַלד. פּאַרטיזאַנער וועלן ניט אויפנעמען אָן געווער.

—וועגן געווער וועט מען שוין זען שפּעטער. דערווייל אַרויס פון דאַנען אין פּושטשע.

אַ טייל באַשליסט צו גיין אין אַן אַנדער ריכטונג, צו באַקאַנטע פּויערים. זיי גייען אַרויס פריער. אַ ווײַלע שטיל. מיר האַלטן איין דעם אָטעם. דאַן הערן מיר אַ געפּערלעכע שיסעריי.

צי האָט מען זיי באַמערקט?

די שיסעריי הערט אויף.

איצטער זאָלן מיר אַרויסגיין.

אַ טייל אַנטזאָגט זיך ווידער, מען האָט מורא, די פריער־דיקע זיינען זיכער דערשאָסן געוואָרן.

דער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל גייט אַרויס. פאָרויס גייען די שוועסטער, שפּעטער דער דאָקטאָר. מיר האָבן זיך אַרויס־געשאַרט איינציקווייז פון סכראַן, זיך געשאַרט נאָך אַ געוויסע ווײַלע אויף דער פּאָדלאָגע, איך ווייס ניט, צוליב פאָרזיכטי־קייט, אָדער ווײַל די פיס האָבן אונז ניט געדינט.

אויפן שוועל, ביים אַרויסגאַנג פון שפּיטאַל, איז געלעגן אַ טויטער קערפּער. געוויס ווער פון די קראַנקע.

אויפן לאַגער איז געווען אויסגעגאָסן אַ העלע לבנה־ליכט און די שטילקייט פון טויט. מיר זיינען שטיל דורך די דראָטן. עטוואָס ווייטער האָבן זיך געוויגט שאָטנס. מסתמא די פּאָסטנס.

מיר זייַנען אַוועק אין דער ריכטונג צום וואַלד.

★

ערשט פיל שפּעטער, שוין אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד האָט מען מיר דערציילט, אַז דעם גאַנצן לאַגער אידן האָט מען געזאַמלט אויפן פּלאַץ. ווען דעם אינזשיניערס „ליבלינג", נאָוויק, איז צו אים צוגעקומען פרעגן, וואָס וועט איצטער זיין, האָט דער אינזשיניער אים אויסגעשאָסן פון זיין רעוואָלווער גלייך אין האַרצן, נאָוויקס טויט איז געווען דער סיגנאַל פאַר דער אַקציע.

מען האָט דערציילט, אַז דוואָרעצער אידן ליגן באַגראָבן אין די זעלבע קאָפּאַלניעס, פון וועלכע זיי האָבן אין משך פון די לאַנגע, לאַנגע מאָנאַטן געפירט שטיינער.

פריער זייבען דאָרטן געלעגן שטיינער, איצטער ליגן אידן.

אַ איד — אַ שטיין...

וואָס איז די נפקא־מינא?...

על תילי
החרבות

אויף די קברים און חורבות

ד״ר נ. קפלינסקי

היה היתה עיר...

(רשמי ביקור חטוף בסלונים מיד עם שחרורה)

„בימי קדם במרחקים
היה היתה עיר...״

(מתוך שיר־ערש)

בכביש וולקוביסק־סלונים — תנועה בלתי־רגילה. שורות ארוכות של מכוניות־משא, שבוודאי רק אתמול פרקו את מטענן בחזית, אצות במהירות עצומה מזרחה. בכיוון הפוך — מערבה — זורמות מכוניות טעונות תחמושת וחמרי מזון, מקושטות בסיסמאות שונות, ברובן: „ווּפריוד נה זאַפּאַד!״ — קדימה מערבה! טורים סניטריים, גשרי־פונטון, שורות אינסופיות של טנקים, תותחים, „קטיושות״ מפורסמות, המביעות כולן סוד שבגבורה — מין תנועה מתמדת, בלי ראשית ובלי סוף.

גשם קיץ הולם על גבי סוכך המכונית, שקפצתי לתוכה כדי להגיע לסלונים. מזמן לזמן נפסק הגשם, כאילו מתוך דרך־ארץ בפני השמש החודרת מבעד לעננים. עוברי־דרך הולכים ברגל בכל הכיוונים, לבושים אזרחית, או צבאית ואזרחית לחצאין, יחידים וקבוצות — אלה הם פליטים, פרטי־זנים, סתם עוברי־אורח; מתוך היערות לצדי הכביש נראים מחנות צבאיים במנוחתם, ובכביש — מכוניות, מכוניות, מכוניות...

תנועה־רבתי של נצחון. חיילים, קצינים, אזרחים — כולם עליזים, מתרוננים, צוהלים. נדמה, כי גם המכוניות רועשות מתוך גיל וחדוה. הששון הרב לקראת הנצחון.

אני יושב תקוע בקרן־זוית של המכונית. הנני שומע את הלמות לבי, שאף ההמולה מסביב אינה מחרישה אותה. בני־לוויתי, זרים, ארעיים, שרויים במצב־רוח מרומם. הם מתחרים בסיפורי נפלאותיהם. שנות הכבוש, חיי־פרטיזנים, חזית — כל זה שעבר וחלף רק לפני שלושה ימים, — הם פורטים לסיפורים, מעשיות ואפיזודות. רק שלושה ימים עברו מאז יישרתי את גבי הכפוף, יצאתי לאויר העולם, נכנסתי לבין הבריות — והנני כה גלמוד, כה בודד. אף מלה יהודית בל תישמע. אף פנים יהודיים בל ייראו. שום הגה גם על יהודים, כאלו יצור כזה מעולם לא היה קיים עלי אדמות.

הנה מסילת הרכבת בכפר טשמרי. אי־השקט בנפשי גדל, הלב מגביר את הלמותו. הנני מתקרב לעיר־נעורי, לעיר־מולדתי העתיקה. לפני שנתיים יצאתי ממנה, עם תום מסכת ההשמדה רבת־הזועות. התחמקתי כגנב, כפושע, ברחתי „לגנוב אור לעיניים, לקנות אוויר לנשימה״. עכשיו הנני חפשי. פושע שקיבל חנינה — חוזר הביתה. לא, לא הב־יתה, אלא לשם, למקום בו היו פעם: בית, משפחה, מעגל חיים רבגוניים, על כל ששונם וצערם, על שמחותיהם ודאגותיהם הגדולות והקט־נות, לפעמים גדולות מאד, ולפעמים גם קטנות מאד. יודע אני: הנני נוסע רק לקבר־אבות. הלב מתכווץ, בגרון עולה מחנק. הנני בן־חורין. הנני שוב בן־אדם. נולדתי מחדש. אך השמחה והצהלה ממני והלאה.

מצד שמאל מזדקרות הגבעות של שכונת „רזקי״; בילדותי לקטתי פה אגוזים בין השיחים; כאן חציתי לפני שנתיים את הכביש בדרך בריחתי. נדמה לי, שהנה גם אותה הקמה בשדה, בה התחבאתי אז.

טור המכוניות נעצר. בהצטלבות הכבישים ביאליסטוק־רוז׳ינוי — תחנת־ביקורת. הגעתי למחוז חפצי.

אני שם את פעמי למורד ההר ובעיני רוחי אני רואה את המשך דרכי: הנה שם, לימינה של הדרך, מסתעף הכביש לברנוביץ׳, תוך כדי מזיגה מסובכת של גיא והר — הכניסה לבית־הקברות. מנבכי הזכרון צפים ועולים: גדר הלבנים הישנה, הנמוכה; השער הגדול, בו הובלו אבות־אבות־אבותינו בדרכם האחרונה, בית הטהרה על הגבעה, ואחרי־כן — מצבות, מצבות, מהן ישנות ששקעו באדמה ומהן חדשות, חדישות, גבוהות, נאות...

אני מרים את עיני. הנה מתפתלת מרחוק הדרך לברנוביץ׳ מימין — „גבעת־נוביצקי״, לפני — הפתיחה רחבת־הידיים והנכבדה של ההרים הרוזינואיים.

